This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31.525

סאָוועטיש

6

1978

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

יון

6

1978

אינהאלט

טעאַרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד״

ז. וועלעוו. דער ציוניזם און די אראבישע באפעל־קערונג פון ייִסראָעל 3

נ. נארײַאנאָן. די דיסקרימינאציע־פּאָליטיק קעגן די פּאַלעסטינער 10

דער קעניג־פּלאַן 14

היסטאָריש־דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונג. יעוועסיי יאַצאָווסקי. פון א פראָנט־טאָגבוך 20

מאָטל טאַלאַלײַעווסקי. באַנײַונג (לידער) . 37

יעכיעל שרײַבמאַן. אין יענעם זומער — ווען איך בין נאָך אלט געווען אכט און פערציק יאָר . . . 40

„כאָשעווער רעדאקטאָר, איך שיק אײַך דאָ בלויז איין ליד״. פיניע קיריטשאַנסקי, וועלוול ווערניק, מישע מאָגילעוויטש, יויסעף אלבירט, יאָסל בוכבינדער, ליפּע ה.ע־לער, אווראָם קאצעוו, באָריס מאָגילנער, כאַיִם גורעוויטש, כאַיִם ביידער (לידער) 65

באָרעך שײַנגאוטער. נעליע (דערציילונג) . 70

כראָניק 77, 138, 143, 158

דאָקומענטאַל־היסטאָרישע פאַרצייכענונג. וואַלענטין טאָמין. דער וועג אַהיים 78

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. איזי כאַריק. לידער. שמועל גאָרדאָן. א באַגאַבטע פּערזענלעכקײַט... (צו נאָכעם לעווינס 70־טן געבורטסטאָג) 100

מאָטל פּאָליאַנסקי. א קליין שטעטעלע אין דער גרויסער וועלט 107

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. דאָוויד פּײַנשטיין. דער לאָצמאַן אפן קאַפּיטאַן־בריקל . 134

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

אוראַן גוראַלניק. אן אוניקאַלע אויסגאַבע . 139

הערש רעמעניק. נעכטן און הײַנט (וועגן בער האַלפּערנס בוך „מײַן ייִכעס״) 144

ייִדישע שוישפּילער. אווראָם רובינשטיין. יאַנקעוו ליבערט 151

בריוו פון ייִדישע שרײַבער. פון ז. ווענדראָפס עפּיסטאָ־לאַרישער ירושה 154

גריגאָרי ראָשאַל. סערגיי אייזענשטיינס צייכע־נונגען 159

אונדזערע מיטיילונגען. עליע פאַלקאָוויטש. וועגן דער מעגילע „רות״ און אנדערע טאַנאַכישע ספאָרים 167

די פּאָסטע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ 180

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. אָפּקלאַנגען . . 185

פאַרשיידנס 188

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 190

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 191

רעזומע פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר)

ז. וועלעוו
(בולגאַריע)

דער ציִעניזם און די אַראַבישע באַפעלקערונג פון ייִסראָעל

די אידעאָלאָגן פונעם ציִעניזם שטעלן א גלײַכצייכן צווישן דער מעלוכע ייִסראָעל און דעם ציִעניזם, זיי מישן צונויף דעם באַגריף ציִעניסט און דעם באַגריף ייִד. מיט אַזאַ מין דעמאַגאָגישן מעטאָד ווילן זיי אָפּפרעגן יעטווידע קריטיק סײַ קעגן דער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, סײַ קעגן די ציִעניסטישע אַקציעס אָף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע. די ציִעניסטן קריכן פון דער הויט צו דערווײַזן, אַז די פּאָליטיק פון ייִסראָעל מוז זײַן אַן עקספּאַנסיאָניסטישע, ווײַל אין קעגנפאַל וועט ייִסראָעל, קלוימערשט, אומגעבראַכט ווערן. דער אווטאָר פונעם בוך „ראַיוינעס וועגן דער צוקונפט פון ייִסראָעל" ש. פרידלענדער, אַשטייגער, מאַכט דעם אויספיר, אַז א פּערמאַנענטער קריגס־קאָנפליקט אָפן נאָענטן מיזרעך איז אומפאַרמײַדלעך. אינעם בוך פון פּ. זשיניִעווסקי „דער ציִעניזם פון אווראָם־אָווינו ביז דאַיאַנען" ווערט געמאַכט א פּרווו צו דערווײַזן, אַז עס איז פאַראַן עפּעס א יערושע־פאָדעם צווישן דער פּאָליטיק פון די הײַנטיקע רעגירער פון ייִסראָעל און די אייביקע צילן פונעם ייִדנטום. דער אווטאָר אייצעט ייִסראָעל זיך היטן פון אַן אינטעגראַציע מיט דער אַראַבישער וועלט, עס זאָל כאָסוועכאָלילע זיך ניט אײַנשטעלן קיין קאָעקזיסטענץ מיט די אַראַבער. פּ. זשיניִעווסקי האַלט, אַז די איינציקע רעטונג פאַר די ייִדן איז העכערן דעם קריגס־פּאָטענציִאַל פון ייִסראָעל ביז אַזאַ גראַד, אַז פאַר דער מעדינע זאָל זײַן געזיכערט א שטענדיקער פאָרצוג איבער די אַראַבישע מעלוכעס, וועלכע זײַנען אַרײַנגעצויגן אינעם קאָנפליקט.

אין העסקעם מיט די פּאָסטולאַטן פונעם ציִעניזם זײַנען די רעגירער פון ייִסראָעל קעגן יעטווידער פּאָזיטיווער פּאָליטיק בענעגייע די אַראַבער, זיי זאָגן זיך אַקשאָנעסדיק אָפּ צו אָנערקענען די געזעצלעכע רעכט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. מיליטאַריזם און שאָוויניזם זײַנען געוואָרן זייער באַשטענדיקע פּלאַטפאָרם. „אָנגעהויבן פון 1948, — שרײַבט פּ. זשיניִעווסקי, — רופט אַרויס צווישן די ייִדן אין גאָלעס יעטווידער קריזיס אָפן נאָענטן מיזרעך א מעכטיקן אופשטײַג פונעם ציִעניזם, גראָד אין די קריזיס־פּעריִאָדן קומט אוף דאָס געפיל פון אייניקייט פונעם ייִדישן פאָלק". פונדאַנען איז געדרונגען אויך דער הויפּט־אויספיר פונעם אווטאָר: דער ציִעניזם איז פאַרינטערעסירט אין אונטערהאַלטן א שטענדיקן קריזיס־צושטאַנד אָפן נאָענטן מיזרעך.

עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען א טאָעס צו מיינען, אַז דער אַגרעסיווער טאָך פונעם ציִעניזם האָט זיך אַנטפּלעקט ערשט איצט און בלויז אָפן נאָענטן מיזרעך. דער ציִעניזם, — שרײַבט נ. ווײַנשטאָק אין זײַן בוך „דער ציִעניזם קעגן ייִסראָעל", — איז די פולקומסטע אַנטפּלעקונג פונעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם, וואָס באַזירט זיך אָף דער אידיי, אַז ייִדן קאָנען זיך ניט אײַנלעבן מיט אַנדערע נאַציעס. אַן אידעאָלאָגיע, וועלכע לייגט פאָר צו אָרגאַניזירן א מאַסן־אימיגראַציע פון די אייראָפּעיִשע ייִדן אין א שוואַך־אַנטוויקלט לאַנד, איז די נאַטירלעכע פאָרזעצונג פון דער אייראָפּעיִשער קאָלאָניִאַלער עקספּאַנסיע. דער ייִסראָעלדיקער פּובליציסט אורי אַווגער שרײַבט, אַז „דער ציִעניזם איז פון די ערשטע טעג פון זײַן עקזיסטענץ געווען א באַשטאַנדטייל פון דער לעצטער עקספּאַנסיע־כוואַליע פון די אייראָפּעיִשע אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס". ער מוז אַזויאַרום נאָכקאָפּירן דעם קלאַסישן קאָלאָניִאַליזם, און דערמיט זײַנען צו

דערקלערן די מעטאָדן און מיטלען פון קאַמף, וועלכע ער ווענדט אָן קעגן דער אַראַבישער באַפעלקערונג באַם פאַרווירקלעכן זײַנע צילן.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט דער ציִוניזם קוידעמקאָל געשטרעבט צו פאַרנעמען וואָס מער אַראַבישע טעריטאָריעס. האַגאַם פאָרמעל האָט דעמלט געהערט צו די ייִדן בערעך 6 פראָצ. פונעם פאַלעסטינער באָדן, איז לויטן באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין באַשטאַנד פון דער ייִדישער מעלוכע 55 פראָצ. אַהער זײַנען אַרײַן הונדערטער אַראַבישע דערפער. קעדיי ענדערן די דעמאָגראַפישע סטרוקטור פון די געגנטן, האָט דער ציִוניזם מאָביליזירט אַלע זײַנע קרעפטן. אין פאַלעסטינע זײַנען דאַן קימאַט 50 טויזנט מענטשן געשטעלט געוואָרן אונטער דער ביקס. אויף אַ זיצונג פון דער ייִדישער אַגענץ אין סאָף 1947 זײַנען אָנגענומען געוואָרן נײַע געהיימע פּלענער, וועלכע זײַנען באַצייכנט מיטן קאָד „צ" און „ד". דער פּלאַן „ד" זעט פאָרויס דאָס פאַרכאַפּן אַראַבישע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען לויטן באַשלוס פון די פאַרייניקטע נאַציעס ניט אַריבער צו די ייִדן. דער פּלאַן „צ", ווידער, איז באַרופן צוצוגרייטן אַ באָדן אויף צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן „ד" דורך דערשטיקן יעטווידע פרווון פון אַראַבישן ווידערשטאַנד.

פונעם 29 נאָיאַבער 1947 ביזן 15 מײַ 1948 איז גאַנץ פאַלעסטינע פּראַקטיש אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיטן פלאַם פון אַ בירגערקריג. די באַנדעס פון „אירגון" און „שטערן" האָבן מיט דער הילף פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אַוועקגעלאָזט מיטן פײַער צענדליקער פרידלעכע אַראַבישע דערפער און טעראָריזירט די אַראַבישע באַפעלקערונג. בייס אָט די פאַרברעכערישע אַקציעס פון די עקסטרעמע ציִוניסטן זײַנען טויזנטער אַראַבער דערהאַרגעט געוואָרן, די לעבן געבליבענע האָבן פון פּאַניק און שרעק פאַרלאָזט מאַסנווײַז זייערע היימען. אין סאָף מאַרט 1948 האָט די ציִוניסטישע אָנפירונג באַשלאָסן, אַז די אָופגאַבן פונעם „צ"־פּלאַן זײַנען אויסגעפילט און עס איז שוין צײַט נעמען זיך צום פּלאַן „ד". דעם 1 אַפּרעל איז פאָרגעקומען אַ מאָביליזאַציע פון די ציִוניסטישע קרעפטן אינעם גאַנצן לאַנד. די אומלעגאַלע ראַדיִאָסטאַנציעס פון „האַגאַנאַ" האָבן פּאַנאַנדערגעוויקלט אַ פּסיכאָלאָגישע מילכאָמע קעגן דער אַראַבישער באַפעלקערונג, צווינגענדיק זי צו פאַרלאָזן די דערפער, ווײַל אין קעגנפאַל, האָט מען זי געוואָרנט, וועט מען זיך מיט די אַראַבער צערעכענען אָן ראַכמאָנעס. דעם 10 אַפּרעל 1948 האָט אָן „אירגון"־באַנדע זיך אַרײַנגעריסן אינעם אַראַבישן דאָרף דעיר־יאַסין. פאַר וואָסערע עטלעכע שאָ איז דערמאָרדעט געוואָרן קימאַט די גאַנצע באַפעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען פון 250 מענטשן, — פרויען, קליינע קינדער, זקיינים. דערנאָך האָבן די באַנדיטן אונטערגעצונדן די הײַזער. דער נאָמען פונעם פרידלעכן אַראַבישן דאָרף איז אין דער וועלט געוואָרן אַ סימבאָל פון דער ציִוניסטישער פּאָליטיק קעגן דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון פאַלעסטינע.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום נאָך דער טראַגעדיע אין דעיר־יאַסין האָט דער אָנפירער פון „אירגון" — דער איצטיקער פּרעמיער־מיניסטער מענאַכעם בעגין — מיט אָפענעם שטאָלץ געזאָגט: „אָן דעם זיג בא דעיר־יאַסין וואָלט ניט געווען דאָס הײַנטיקע ייִסראָעל". אַ בלוטיקע כוואַליע האָט פאַרפלייצט גאַנץ פאַלעסטינע. די „נײַע גערניקע", ווי מע רופט איצט דעיר־יאַסין, כאַזערט זיך איבער נאָך פיל מאָל. דעם 12 אַפּרעל 1948 איז אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן דאָס דאָרף קאָלאָניאַ. דעם 27 אַפּרעל האָבן האַמוינים עקזאַלטירטע ציִוניסטן איבערגעכאַזערט זייערע העפקער־טאַטן אין די אַראַבישע קוואַרטאַלן פון יאַפע. דעם 23 אַפּרעל האָבן די ציִוניסטן פאַרכאַפּט די שטאָט כײַפע און דערהאַרגעט טויזנטער אומשולדיקע מענטשן — מאַנצבלען, פרויען, קליינע קינדער, זקיינים. צענדליקער טויזנטער פאַלעסטינער האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען, אַוועק אין די שכייניש אַראַבישע לענדער, זוכנדיק ווו צושפּאַרן דעם קאָפּ. אין דער שטאַב־קוואַרטיר פון דער ייִדישער אַגענץ און אין די ציִוניסטישע צענטערן אין לאָנדאָן און וואַשינגטאָן איז מען צופרידן. דער „ד"־פּלאַן האָט אָפּגערייניקט דעם וועג אויף צו פאַרווירקלעכן די ציִוניסטישע טרוימען וועגן אַ „גרויס־ייִסראָעל".

אין גאַנג פון דער מילכאָמע, וואָס איז דערנאָך אויסגעבראָכן צווישן מעדינאַס ייִסראָעל און די שכייניש אַראַבישע מעלוכעס, האָט ייִסראָעל אָקופּירט נײַע טעריטאָריעס, דערפירט די מעדינע ביז 20.673 קוואַדראַט־קילאָמעטער, וואָס דאָס באַטרעפט 78 פראָצ. פון גאַנץ פאַלעסטינע. איבער דעם טעראָר האָבן העכער 750 טויזנט פאַלעסטינער אַראַבער זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַ ווינקל אין די פּליטים־לאַגערן אין אַזאַ, יאָרדאַניע, סיריע און ליבאַן.

די אָקופּאַציע, דערנאָך די אַנעקסיע פון אַ היפּשן טייל פון דער אַראַבישער טעריטאָריע האָבן באַוויזן, אַז די רעגירער פון ייִסראָעל האָבן ניט בעדייע אויסצופילן די באַשלוסן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס. אין די ציִוניסטישע פּלענער וועגן פאַרברייטערן די טעריטאָריע פון ייִסראָעל רעדט זיך שטענדיק וועגן פאַרטרײַבן איבערגוואַלד די אָרטיקע אַראַבישע באַפעלקערונג. אין דער מילכאָמע פון 1947 — 1948 האָט דעם ציִוניזם זיך אײַנגעגעבן אַרויסצוזאָגן דאָס פאַלעסטינער פאָלק פון זײַן געזעצלעך פאָטערלאַנד, פאַרוואַנדלען עס אין אַ פאָלק אָן אַ טעריטאָריע און אָן רעכט.

דער ציִוניסטישער לאָזונג וועגן אַ ריין ייִדישער מעלוכע באַטײַט — אויסנוצן יעטווידע מעגלעכקײַט אויף צו פאַרטרײַבן איבערגוואַלד די אַראַבישע באַפעלקערונג. אינעם דורכפירן

די פּאָליטיק צו יודאַיזירן די אראבישע פּאַלעסטינע איז דער ווירקזאמער פארבינדעטער פון די ציוניסטן — טעראָר. דער ערשטער קאָרבן דערפון זײַנען געווען די אראבער אין יענע ראַיאָנען, וואָס זײַנען אַרײַן אין באשטאנד פון מעדינאַס ייִסראָעל. דער פאקט, וואָס ביזן אָנהייב פון די קריגס־אָפּעראַציעס אין מײַ 1948 זײַנען העכער 300 טויזנט פּאַלעסטינער אראבער פאַריאָגט געוואָרן פון זייערע היימען, — לייקנט אָפּ איבערצײַגנדיק די דערקלערונג פון די ציוניסטן, אַז די פּליטים־פּראָבלעם איז, קלוימערשט, „אויפגעקומען צוליב דעם, וואָס די אראבישע לענדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אנערקענען דעם באשלוס פון דער גענעראלער אסאמבליי פון די פאראייניקטע נאציעס וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע”.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קריגס־אָפּעראַציעס, האָבן די ציוניסטן פון ייִסראָעל פאָרגעזעצט צו פארטרײַבן די היגע אראבישע באפעלקערונג פון זייערע היימען. לויטן באפעל פון דער אָקופּאַציע־מאכט זײַנען בלויז פון מײַרעוו־גאליל פארטריבן געוואָרן 123 טויזנט מענטשן, פון דער אומגעגנט פון יאפע — 114 טויזנט, פון די ראמאלאך־ייִשווים, אזא, כעבראָן — 100 טויזנט, דערצו 195 טויזנט פון די שטעט נאזארעט, יאפע, ראמאלאך, אקר און ליד. די אָפּעראַציעס צו פאַריאָגן די פּאַלעסטינער פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס זײַנען ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן אויך נאָך די קריגס־אקציעס, אזוי אז צום מיטן פון יאָר 1949 האָט די צאָל פּאַלעסטינער פּליטים (לויט די אָנגאבן פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס) באטראָפן מער פון 940 טויזנט מענטשן.

זינט עס איז אויפגעקומען ייִסראָעל שטײַגט אָן אויפהער דער פּראָצעס פון צונישט מאכן די אראבישע באפעלקערונג. דאָס איז צו זען, לעמאָשל, פון פאָלגנדיקע ציפער: אין דעם טייל פּאַלעסטינע, וואָס איז לויטן באשלוס פון די פאראייניקטע נאציעס באשטימט געוואָרן אַף צו שאפן א ייִדישע מעלוכע, האָט די אראבישע באפעלקערונג צוערשט באטראָפן 498 טויזנט מענטשן. צום סאָף פון די קריגס־אָפּעראַציעס איז זי פארקלענערט געוואָרן ביז 50 טויזנט. אין זייער פּאָליטיק בענעגייע דער אראבישער באפעלקערונג האלטן זיך די ציוניסטן פון ייִסראָעל בא דער ליניע פון „ליקווידירן די אומגעוווּנטשענע עלעמענטן”, „פארהיטן די ריינקײַט פון דער ראסע און פון דער מעלוכע”. ייִסראָעל זאָגט זיך אָפּ אויסצופילן די רעזאָליוציע פון דער גענעראלער אסאמבליי פון די פאראייניקטע נאציעס, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן דעם 11 דעקאבער 1948 (194/III). די רעזאָליוציע רופט ייִסראָעל צו גאראנטירן די רעכט פונעם אראבישן פּאַלעסטינער פאָלק, זיכערן, אז די פּאַלעסטינער זאָלן זיך אומקערן אין זייערע היימערטער. ייִסראָעל איגנאָרירט אויך צענדליקער רעזאָליוציעס, וועלכע די גענעראלע אסאמבליי האָט אָנגענומען מיקויעך דער פראַגע וועגן די פּאַלעסטינער פּליטים.

די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל, וועלכע זעצן העפטיק פאָר דעם קורס ענדגילטיק צו פארטרײַבן פון ייִסראָעל די אראבער, באציִען זיך גלײַכגילטיק צו דער לאגע פון די פּאַלעסטינער פּליטים. אויב אין דער ערשטער צײַט פון דער קאָלאָניזאציע אין פּאַלעסטינע האָבן די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס מיט דער הילף פון גענאַרערײַ אויפגעקויפט אראבישע ערד, זײַנען זיי נאָך דער אויסבילדונג פון מעדינאַס ייִסראָעל צוגעטראָטן צום דעראָבערן די אראבישע ערד מיט דער הילף פון אָפענער אגרעסיע, טעראָר, קאָנפיסקאציע. זיי האָבן רעקווירירט מער פון 7.800 אראבישע ווארשטאטן, מאגאזינען, האנדלס־פירמעס, אונטערנעמונגען, קימאט די גאנצע ערד, וועלכע מע קאָן באארבעטן. פון די פאראנענע יעדיִעס איז צו זען, אז די פארמעגנס און די ערד פון די פּאַלעסטינער, וועלכע די ציוניסטן האָבן פארכאפּט, באטרעפן לעפיִערעך (אפילע לויט די פרײַזן פון 1948) די ריזיקע סומע פון 16 מיליארד אמעריקאנער דאָלער. אהער גייט ניט אַרײַן די סומע פונעם דירעקטן שאָדן, וואָס איז פארשאפן געוואָרן דורך די קריגס־אָפּעראַציעס.

אין העסקעם מיט דער געזעצגעבונג, וואָס איז באשטעטיקט געוואָרן אין ייִסראָעל אין די יאָרן 1948 — 1953, קאָן יעדעס פארמעגן פון פּאַלעסטינער פּליטים דערקלערט ווערן פאר „איבערגעלאָזן אַף העפקער” און קאָנפיסקירט אָדער איבערגעגעבן ווערן אונטער דער אויפזיכט פון ייִסראָעל־בירגער. לויטן באשלוס פון די מאכט־אָרגאנען פון ייִסראָעל ווערט קאָנפיסקירט יעטווידער ניט־באארבעטער ערד־באצירק. שפּעטער איז אָנגענומען געוואָרן א געזעץ, לויט וועלכן אלע פּאַלעסטינער אראבער דארפן דערוויסן, אז דאָס אייגנטום, וואָס איז אין זייער באנוץ, געהערט צו זיי ניט ווייניקער ווי 15 יאָר. אויב א פּאַלעסטינער אראבער קאָן דאָס דאָזיקע רעכט ניט דערווײַזן, דארף זײַן ערד קאָנפיסקירט ווערן. אלס ערד, וואָס האָט ניט קיין באלעבאָס, ווערן דערקלערט די ערד־כאלאָקים פון יענע פּאַלעסטינער אראבער, וועלכע האָבן מילכאָמע־צײַט פארלאָזן זייערע היימען און צײַטווײַליק זיך באזעצט אין אנדערע ערטער אין די גרענעצן פון ייִסראָעל (מע דארף געדענקען, אז די מערהײַט פון זיי איז געווען געצוווּנגען אזוי צו טאָן אונטערן דרוק פון די מאכט־אָרגאנען פון ייִסראָעל). א סאך פרוכטבארע אראבישע ערד האָט צוגענומען פאר זיך די ייִסראָעל־ארמיי, קלוימערשט צוליב מאָטיוון פון „פארפעסטיקן די נאציאָנאלע זיכערהײַט”. אין רעזולטאט פון אזא פּאָליטיק האָבן די אראבער צום סאָף פון 1950 פארמאָגט אין ייִסראָעל אין זייער רעשוס סאכאקל 1 פּראָצ. פונעם גאנצן ערד־שטעך, וועלכער ווערט באארבעט. די ציוניסטן האָבן געמאכט נאָך איין טראָט אפן וועג צו פארווירקלעכן די ראסן־פּלענער פון יודאַיזירן דאָס ערד־אייגנטום אין ייִסראָעל, די אראַ־

בישע באַפעלקערונג האָט פּראַקטיש פאַרלאָרן דאָס אייגנטום־רעכט און איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין ביליקער אַרבעטס־קראַפט פאַר די באַדערפענישן פון דער ייִסראָעל־עקאָנאָמיק, ווי די ציִוניסטן אינוועסטירן זייערע קאַפּיטאַלן.

די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל שטעלן זיך קעגן די פּרוּוון פון דער צווישנפעלקער־לעכער קאָנפליקט־קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס אופצושטעלן די פאַרמעגנס־רעכט פון פּאַלעסטינער פּליטים. אין 1967 האָט דער ספּעציִעלער פּאָליטישער קאָמיטעט פון די פאַראייניקטע נאַציעס פאַרגעלייגט צו באַשטימען אַן אַפּעטראָפּעס, וועלכער זאָל זאַמלען די האַכנאָסעס פונעם פּאַלעסטינער פאַרמעגן און פאַרוואַלטן מיט זיי, אָבער די ייִסראָעל־רעגירונג האָט אָפּגע־וואָרפן אויך דעם דאָזיקן פאָרשלאָג.

טרײַ דער ציִוניסטישער אידיי וועגן שאַפן אַ ריין ייִדישע מעלוכע, האָט די רעגירונג פון ייִסראָעל אָנגענומען אין 1952 אַ געזעץ וועגן ייִסראָעל־בירגערשאַפט. אין רעזולטאַט האָבן טויזנטער און טויזנטער פּאַלעסטינער, וועלכע לעבן אין לאַנד, פּראַקטיש פאַרלאָרן זייער בירגערשאַפט און זײַנען אין זייער אייגן היימלאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אויסלענדער.

ווי באַוווּסט, האָט די ייִסראָעל־אַרמיי פאַר די זעקס טעג פון יוני 1976 אָקופּירט דעם טייל פון פּאַלעסטינע, וואָס ליגט אויפן צווייטן ברעג פונעם יאַרדען־טײַך, און דעם אַזאַ־ראַיאָן. זי האָט פאַרכאַפּט אַלט־ירושאָלאַיִם, דעם גאַנצן סינײַער האַלבאינדזל און אַרײַנגעריסן זיך טיף אין סיריע. אין סאַכאַקל האָט ייִסראָעל אָקופּירט אַ טעריטאָריע פון קימאַט 60 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער.

דאָס אַלץ האָט דערפירט דערצו, אַז עס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל פּאַלעסטינער פּליטים, אַ סאַך פון זיי האָבן געמוזט צום צווייטן מאָל ראַטעווען זיך פון די שווידערן פונעם ציִוניסטישן טעראָר. וועגן דעם רעדט פיל דער גורל פונעם פּאַלעסטינער דאָרף זעיט. נאָכן וואַפנשטילשטאַנד אין 1949 איז דאָס דאָרף פאַרבליבן אין רעשוס פון יאַרדאַניע, נאָר די אַקער־ערד איז קימאַט אינגאַנצן אַריבער צו ייִסראָעל. דעם 9 יוני 1967 איז זעיט אָקופּירט געוואָרן דורך דער ייִסראָעל־אַרמיי, דעם 11 יוני האָבן די אָקופּאַציע־אָרגאַנען פאַרהאַלטן די באַפעלקע־רונג, סאַפּיאָרן האָבן אופגעריסן קימאַט אַלע וווין־הײַזער, ווי אויך די שול און דעם שפּיטאָל, וועלכן עס האָט דאָרט אויסגעבויט דער צווישנפעלקערלעכער קירכן־ראַט.

אין ירושאָלאַיִם איז אַנעקסירט געוואָרן דער גאַנצער אַראַבישער סעקטאָר. די ייִסראָעל־דיקע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אופגעריסן טויזנטער אַראַבישע הײַזער. אין ראַיאָן פון אַזאַ פאַר־שיטן די עקסטרעמיסטן געוויינלעך די ברינעמער, פאַרכאַפּן די אַקער־ערד, מאַכן כאָרעוו די הײַזער פון די אָרטיקע אײַנוווינער.

איבער די קריגס־אָפּעראַציעס און דעם ציִוניסטישן טעראָר זײַנען טויזנטער געזינדן גע־וואָרן צעשיידט. אין אַזאַ דערקלערט די אָקופּאַציע־מאַכט אָפּן, אַז זי איז ניט אימשטאַנד צו זיכערן די געפאַרלאָזיקײַט פון די אַראַבער, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אין שטאָט. אין בעט־לעכעם האָט די אַראַבישע באַפעלקערונג באַקומען אַ באַפעל, זי זאָל אין מעשעך פון צוויי שאָ פאַרלאָזן די הײַזער. עס וויקלט זיך פאַנאַנדער אַן אָרדנטלעכע ברייטע אַקציע פון פאַרטרײַבן די אַראַבישע באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס, ווו הונדערטער אַראַבישע דער־פער זײַנען פאַרברענט, און די אײַנוווינער מוזן זוכן אַ היים אין די שכיינישע מעלוכעס. מיט אַ באַזונדער קראַפט ווילדעוועט דער טעראָר אין די לאַגערן פון די פּאַלעסטינער פּליטים. אין די נעכט רײַסן זיך אַהין אַרײַן ציִוניסטישע אָטריאַדן און לאָזן אַלץ אַוועק מיטן פײַער. אונטער די כורוועס פון די פאַרברענטע הײַזער זײַנען באַגראָבן געוואָרן הונדערטער פּאַלעס־טינער. לויטן באַפעל פון די אָקופּאַציע־אָרגאַנען ווערן די טויטע קערפּערס באַגראָבן אין לאַגער גופע, און דאָס דראָעט די לאַגערן מיט דער געפאַר פון עפּידעמיעס.

די צאָל אַראַבער, וועלכע זײַנען איבערן מאַסן־טעראָר אַנטלאָפן פונעם מײַרעוו־ברעג פון דעם טײַך יאַרדען און פונעם אַזאַ־ראַיאָן, האָט צום 31 מײַ 1968 דערגרייכט באַ 410 טויזנט. עס זײַנען געצוווּנגען געוואָרן צו ראַטעווען זיך פון דער ייִסראָעל־אַגרעסיע אַרום 300 טויזנט מיצ־רים און סירייער. וועגן אָט דער נײַער טראַגעדיע פון די אַראַבישע פעלקער האָט איינער פון די מיטגלידער פון דער ייִסראָעל־דעלעגאַציע אין די פאַראייניקטע נאַציעס קאַלטבלוטיק געזעדט אויף דער זיצונג פון 14 דעקאַבער 1967, אָנרופנדיק זי „נאַטירלעכע פרײַע מיגראַציע".

די רעגירער פון ייִסראָעל האָבן באַשלאָסן צו ענדערן אום יעדן פּרײַז די דעמאָגראַפישע סטרוקטור אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. אין אַזאַ גײַסט איז אָנגעשריבן דער גאַליל־דאָקו־מענט, וועלכן די קנעסעט האָט אָנגענומען און וואָס לויט אים האָבן די אָקופּאַציע־אָרגאַנען פון ייִסראָעל באַקומען די נייטיקע פולמאַכטן אין פּראַט פון פאַרגיכערן דעם פּראָצעס פון פאַרכאַפּן די אָקופּירטע טעריטאָריעס, אַנעקסירן זיי און בעהאַדראָגעדיק באַזעצן ייִדן אויף אַראַבישער ערד. איינער פון די ערשטע שריט אין אָט דער ריכטונג איז אין גאַנג פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע געוואָרן די אַנעקסיע פון אַלט־ירושאָלאַיִם, דורכגעפירט טראָץ די רעזאָליוציעס פון די פאַראייניקטע נאַציעס וועגן פאַרהיטן דעם ספּעציפישן סטאַטוס פון אַלט־ירושאָלאַיִם. נאָך דער דאָזיקער אַנעקסיע האָט מען לויט דער איניציִאַטיוו פון דעם שוץ־מיניסטער דאַיאַן אָנ־געהויבן איבערגוואַלד אַרויסטרײַבן די בעדויִנישע שוואָטים פון דער ראַפאַך־געגנט. אין דער זעלבער צײַט האָט מען אין די ראַיאָנען פונעם מײַרעוו־ברעג פון דעם טײַך יאַרדען, אין דער

אומגעגנט פון אזא, אף די גאָלאַנישע בערגלעך און אף א טייל פונעם סינײַער האַלב־אינדזל אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון איגאַל אַלאָן — שאַפן מיליטאַריזירטע ייִסראָעל־ייִשוּווים.

דאָס פאַרטרײַבן פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס די אַראַבישע באַפעלקערונג איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק. בעראָש פון די אָנהענגער פון דער פּאָליטיק פון אָקופּאַציע און אַנעקסיע שטייט בעגין־פּאַראַט — דער לידער פון דער „באַוועגונג פאַר גאַנץ ערעץ־ייִסראָעל". בעגין־פּאַראַט פּריידיקט אָפן: „דער עמעס באַשטייט דערין, אַז עס קאָן ניט זײַן קיין ציִעניזם, עס קאָן ניט זײַן קיין קאָלאָניזאַציע און קיין מעלוכע ייִס־ראָעל, ווען מע זאָל ניט פאַרטרײַבן די אַראַבער, ניט קאָנפיסקירן און באַהערשן זייערע טער־ריטאָריעס".

אָט דאָס זײַנען די פאַקטן וועגן דער טעטיקײַט פונעם ציִעניזם אין פּראַט פון פאַרווירק־לעכן די דאָקטרין, וואָס זאָגט: „דעם פאָלק אָן ערד ווערט געגעבן ערד אָן א פאָלק, ווו עס וועלן ניט זײַן קיין אויסלענדער". פאַר דעם פּעריאָד פון 1948 ביז הײַנט זײַנען געשאַפן גע־וואָרן 370 ייִדישע ייִשוּווים און 350 פון זיי געפינען זיך אף דער ערד פון די „אַנטלאָפענע" אַראַבער.

נאָך דער מילכאָמע אין יון 1967 זײַנען אף אַלע אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס באָטל געוואָרן די אַראַבישע געזעצן, די אַראַבישע אַמט־פּערזאָנען זײַנען אַראָפּגענומען געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס. אינעם אַרטיקל 125 פון די טאַקאָנעס וועגן דער פאַרטיידיקונג פון ייִסראָעל ווערט דער קריגס־מאַכט געגעבן דאָס רעכט צו דערקלערן א געוויסע געגנט אַלס א פאַרמאַכטע, אײַנפירן דאָרט קריגס־צושטאַנד, אָפּנעמען בא דער באַפעלקערונג די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט, עקספּראָפּריִירן בא די בירגער זייער אייגנטום. נאַטירלעך, אַז אַזעלכע באַגרענעצונגען האָבן א שײַכעס קוידעמקאָל צו דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס איז א קאָרבן פון דער פּאָליטיק פון אָפענעם ראַסיזם אַפּאַרטעיִד און ראַסן־סעגרעגאַציע. ווען מע רעדט וועגן דעם ראַסיזם אין ייִסראָעל, דאַרף מען באַטאָנען, אַז דאָס איז ניט קיין פּוסטע פראַזע און ניט קיין איזאָלירטע דערשײַנונג, נאָר אַן אָרגאַנישער טייל פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע, וועלכע שפּאַרט זיך אָן אָפן „אַטאָ־בעכאַרטאָנו"־טעזיס. עס איז ניט צופעליק, וואָס בא די ציִעניסטן פון ייִס־ראָעל איז אַרײַן אין דער מאָדע דער לאָזונג „פאַרזעצן די קאָלאָניזאַציע טראָץ דעם ווילן פון די אַבאָריגענען". דער געוועזענער בילדונגס־מיניסטער פון ייִסראָעל ב. דימור האָט ציניש דערקלערט: „אויב די אַראַבער וועלן זיך אַקשענען, וועלן מיר זיי שלאָגן, שטויסן, טרעטן מיט די פיס, ביז מיר וועלן זיי צווינגען אָפּצוטרעטן".

די אַראַבישע באַפעלקערונג אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס האָט פאַקטיש קימאַט קיינע פּאָליטישע רעכט ניט. עס איז פאַרבאָטן די טעטיקײַט פון אַלע אָרגאַניזאַציעס. די פּראָפּאַריי־נישע טויער שטייען אויס קעסיידערדיקע רעדיפעס און אַרעסטן. ס׳איז באַגרענעצט די טעטיקײַט פון די מוסולמענישע געריכטן. בלויז 6,1 פּראָצ. פון אַלע אַסיגנירונגען, וועלכע דער בודזשעט זעט פאָרויס אף די באַדערפענישן פון אַנטוויקלונג, זײַנען אויסגעטיילט דער אַנטוויקלונג פון די אַראַבישע געגנטן. פויערים־אַראַבער באַקומען די ערגסטע ערד־כאַלאָקים אינעם וויסטן מידבאָר. אין א ריי שטעט — קאַרמעל, נאַזאַרעט, האַצער, איליט, מיציעך, ראַמאָן — און אין 13 קוואַרטאַלן פון יערושאָלאַיִם איז די אַראַבער פאַרבאָטן צו באַזעצן זיך. אַלס נאַציאָנאַלע באָדנס האַלט מען אין ייִסראָעל בלויז יענע, וועלכע געהערן צו ייִדן. די פּערזאָנישע קאָנפיס־קאַציעס פון די אַראַבישע באָדנס הייסן בא די ציִעניסטן „רעטונג פון דער ערד". אין די לעצ־טע יאָרן האָבן בלויז די קריגס־אָרגאַנען קאָנפיסקירט העכער 16 טויזנט העקטאַר אַראַבישע באָדנס. באַזעצן מיט ייִדן די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס איז לויט די ציִעניסטישע האַ־סאָגעס דאָס בעסטע מיטל צו אײַנשליסן די טעריטאָריעס אין מעדינאַס ייִסראָעל.

דעם 12 נאָיאַבער 1975 האָט די פּרעסע פון ייִסראָעל מיטגעטיילט וועגן נײַע מאָסמיטלען אין פּראַט פון קאָלאָניזאַציע. עס ווערט פאָרגעזעצט די קאָלאָניזירונג פון די ראַיאָנען לעבן דער שטאָט יאַמיט, ווי אויך אין כעבראָן און מאַאַלע־האַדאָמים, ווו די אויפגאַבע צו באַזעצן די ייִסראָעל־קאָלאָניסטן איז אַרויפגעלייגט אף דער אַרמיי. אונטער דער אומיטלבאַרער אויפזיכט פון דער אַרמיי ווערט קאָלאָניזירט טעל־פּאַראַדזש (אינעם ראַיאָן פון די גאָלאַנער בערגלעך), דערבײַ איז אף די מאַפּעס די דאָזיקע טעריטאָריע פאַררעכנט אַלס „מיליטערישע". ס׳ווערט פאָרגעזעצט די אַנעקסיע פון די טעריטאָריעס אַרום יערושאָלאַיִם, ווו צאָפן־צו פון דער שטאָט בויט מען א נײַעם ייִדישן קוואַרטאַל. אָנגעהויבן פון 1967, זײַנען אף די אָקופּירטע טעריטאָ־ריעס געשאַפן געוואָרן גאַנצע 40 מיליטאַריזירטע ייִשוּווים[1]. די דעמאָגראַפישע סטרוקטור פון די אָקופּירטע ראַיאָנען באַקומט בעהאַדראָגע אַן אַנדער פּאָנעם. דאָרט, ווו עס באַווײַזן זיך אַזעלכע ייִשוּווים, ווערן פאַרטריבן די אַראַבישע אײַנוווינער, זייערע ערד־כאַלאָקים קאָנפיס־קירט מען.

---

[1] די ציפער באַלאַנגט צו דער צווייטער העלפט פון 1976. דעם 28 פעוורואַל 1978 האָט די צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס" געשריבן: „אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס — אפן סינײַער האַלב־אינדזל, אפן מײַרעוו־ברעג פונעם טײַך יאַרדן, אין דעם אַזאַ־פּאַס און אף די גאָלאַנער בערגלעך — זײַנען אויפגעשטעלט 94 ייִסראָעלדיקע ייִשוּווים" (רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד").

פונדעסטוועגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אָנגענומענע מאָסמיטלען זײַנען קנאַפּ. דעם 7 סענטיאַבער 1976 איז פאַנאַנדערגעאַרבעט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער אַזויגערופענער „קעניג־פּלאַן"[1]. דער אווטאָר פון דעם דאָזיקן דאָקומענט שעפּט באַגײַסטערונג אין דער פּאָליטיק פון ראַסן־דיסקרימינאַציע, וועלכע די ייִסראָעל־רעגירונג פירט בנוגע דער אַראַבישער באַפעלקערונג. נאָך מער, ער פאָדערט צו פאַרשטאַרקן די דאָזיקע פּאָליטיק און אָנעמען צוגאָבלעכע ראַסיסטישע מאָסמיטלען, קעדיי באַשטעטיקן די ציוניסטישע אַפּאַרטעיִד־פּאָליטיק.

אַרום 70 טויזנט אַראַבער, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין ייִסראָעל, האָבן פאַרלאָרן זייערע בירגער־רעכט. בלויז 10 פּראָצ. פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג האָט רעכט אָנטייל צונעמען אין וואַלן. פאַר צען יאָר (1961 — 1971) האָבן אין ייִסראָעל בלויז 300 אַראַבער באַקומען הויכבילדונג. פאַר 20 יאָר (1948 — 1969) זײַנען בלויז 32 פּראָצ. אַראַבישע דערפער עלעקטריפיצירט געוואָרן. די גרעסטע מערהײַט אַראַבישע ייִשוּווים האָט ניט קיין מעדיצינישע באַדינונג און סאָציאַלע פאַרזיכערונג. די האַכנאָסעס פון די אַראַבישע אַרבעטער און פּויערים זײַנען אַלס קלאַל דורכשניטלעך אַף 40 פּראָצ. נידעריקער פון די האַכנאָסעס פון די ייִדן, וועלכע אַרבעטן אַף די זעלבע פּאָסטנס און אין די זעלבע געביטן. אין די אַראַבישע דערפער הערשט אַ גרויסער מאַנגל אין טרינק־וואַסער. די אײַנוווינער האָבן אויסצושטיין סיסטעמאַטישע פּאָליצײַישע רעפּרעסיעס. ניט זעלטן ווערן דורכגעפירט אַקציעס, וועלכע דערנידעריקן די מענטשלעכע ווירדע: קאָלעקטיווע שטראָף־מיטלען, צוואַנג־דעפּאָרטאַציע פון גאַנצע דערפער, אַ פאַרבאָט אַרומצופאָרן איבערן לאַנד און ענלעכע באַגרענעצונגען. די רעפּרעסיע־אָרגאַנען שאַנעווען ניט אַפילע די ערטער, וועלכע זײַנען הייליק פאַר דער מוסולמענישער רעליגיע (אין אַ ריי פאַלן זײַנען זיי פאַרשוועכט געוואָרן), מע פאַרניכטעט אַראַבישע בעסוילעמס.

אַף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס וועגן די רעכט פונעם מענטשן דעם 18 פעווראַל 1976 איז ווידעראַמאָל קאָנסטאַטירט געוואָרן דער פאַקט, אַז ייִסראָעל ברעכט די זשענעווער קאָנווענץ פון 12 אווגוסט 1949 וועגן פאַרטיידיקן די ציווילע באַפעלקערונג מילכאָמע־צײַט. אינעם פּעריִאָד פון 1967 ביז 1975 זײַנען אַראָפּגעטראָגן געוואָרן מער פון 20 טויזנט אַראַבישע הײַזער, בלויז אינעם ראַיאָן פון ראַפאַך האָט מען נאָך דעם יאָר 1972 אַרויסגעזעצט איבערגוואַלד פון די היימען מער פון 1530 אַראַבישע געזינדן. עס הערן ניט אויף די מאַסן־אַרעסטן. ס'האָט זיך שטאַרק פאַרמערט די צאָל פּאַלעסטינער, וועלכע זײַנען פאַרמישפּעט איבער אַ כשאַד, אַז זיי העלפן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

פירנדיק אַ פּאָליטיק פון אָפענעם טעראָר, פּרוּוון די רעגירער פון ייִסראָעל דערשטיקן די נאַציאָנאַלע באַפרײַונגס־באַוועגונג פונעם אַראַבישן פאָלק פון פּאַלעסטינע, אויסנוצנדיק דערצו די מעטאָדן פונעם געסטאַפּאָ־אַרסענאַל: אַלע מיטלען זײַנען געשטעלט צו דינסט — פון כאָרעוו מאַכן וווין־הײַזער ביז גרויזאַמע פּײַניקונגען און איזדיעקענישן. עס זײַנען באַקאַנט די באַווײַזן פונעם ייִסראָעל־אַדוואָקאַט פעליציע לאַנגער וועגן פילצאָליקע פאַלן פון פּײַניקן אַרעסטירטע פּאַלעסטינער פּאַטריאָטן. טויזנטער מענטשן מאַטערן זיך אין די טפיסעס אָן אַ געריכט, בלויז אין רעזולטאַט פון אַן אַדמיניסטראַטיוון באַפעל. לויט די פאַראָרדענונגען פון די קריגס־אָרגאַנען פון ייִסראָעל ווערט גערעכנט אַלס אַ פאַרברעכער ניט בלויז דער, וואָס קעמפט מיט געווער אין די הענט קעגן דער אָקופּאַציע, נאָר אויך דער, וואָס זאָגט זיך אַרויס לעטויוועס דעם דאָזיקן קאַמף. אין די קריגס־געריכטן פון ייִסראָעל קאָן מען זען יונגע באָכערים און מיידלעך, וועלכע ווערן באַשולדיקט, אַז זיי האָבן געזאַמלט מיטלען צו העלפן די מישפּאָכעס, וואָס האָבן געליטן פון דער אָקופּאַציע. ווי ס'איז צו זען פון דער ייִסראָעל־פּרעסע, האָבן די אָקופּאַציע־אָרגאַנען ניט איין מאָל געשאָסן אין פרידלעכע דעמאָנסטראַציעס פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די אָקופּאַנטישע קוילן האָבן געטראָפן אין פרויען, קליינע קינדער און זקיינים.

אַף וויפל לויט דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז אין די אַראַבישע דערפער ניט געוווּנטשן צו שאַפן פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען, איז די אַדמיניסטראַציע אין אָט די דערפער שטאַרק פאַרלאָזן. קימאַט אין 60 אַראַבישע דערפער זײַנען נאָך ניט פאַראַן קיין אָרגאַנען פון אָרטיקער פאַרוואַלטונג, און דאָרט, ווו אַזעלכע פונקציאָנירן, טרעפן זיי זיך אָן אַף שטענדיקע שוועריקײַטן באַם אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלעכע און קאָמונאַלע באַדינונג.

דער ציוניזם לאָזט אין גאַנג אַלע מעטאָדן און מיטלען, קעדיי ענדגילטיק אָפּנעמען בא די פּאַלעסטינער דאָס רעכט אַף אַן אייגענער מעלוכע, אַף אַן אייגן היימלאַנד. דער אַראַבישער טייל פון פּאַלעסטינע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער. אַ בוילעטער בײַשפּיל איז די גוואַלד־איבערוואַנדערונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאַנוואַר 1976 בנוגע אַ טייל פון דער באַפעלקערונג פון דער שטאָט שכעם (נאַבלוס), און די אַכזעַרישע צערעכענונג מיט די אָנטיילנעמער פון די דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען

---

[1] די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט באַקומען בריוו פון לייענער, וועלכע בעטן עס זאָל אויפגעקלערט ווערן דער אינהאַלט פונעם „קעניג־פּלאַן". גייענדיק אַנטקעגן די דאָזיקע באַקאָשעס, פאַרעפנטלעכן מיר אין הײַנטיקן נומער פון אונדזער זשורנאַל די וויכטיקסטע קאַפּיטלען פון אָט דעם דאָקומענט, איבערגעזעצט פון איוריט לויט דער פּובליקאַציע אין דער ייִסראָעלדיקער ציוניסטישער צײַטונג „אַל האַמישמאַר" פאַרן 7 אווגוסט 1976. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד".

אף דער גאַנצער טעריטאָריע פֿונעם מערעוו־ברעג פֿון דעם טײַך יאַרדן אַלס צײכן פֿון סאָלידאַריטעט מיט די קאָרבאָנעס פֿונעם טעראָר.

די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין ייִסראָעל וויקלט פֿאַנאַנדער אַ רעכילעס־קאַמפּאַניע, שילדערנדיק דעם גערעכטן קאַמף פֿונעם פּאַלעסטינער פֿאָלק אַלס איזאָלירטע טעראָר־אַקטן. דעם 15 אווגוסט 1973 איז אף די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס געשאַפֿן געוואָרן דער „פּאַלעסטינער נאַציאָנאַלער פֿראָנט" פֿאַר באַפֿרײַען דעם מערעוו־ברעג — די ערשטע גערזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם פֿראָנט האָט די אַראַבישע באַפֿעלקערונג פֿונעם מערעוו־ברעג דערקלערט דעם 19 מאַרט 1976 אַלס טאָג פֿון פּראָטעסט. אין שכעם, כעבראָן און יערושאָלאַיִם זײַנען אין דעם טאָג געווען פֿאַרמאַכט די שולן און מאַגאַזינען. אין די אַנדערע שטעט זײַנען פֿאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס, עס איז געשטאַנען דער שטאָטישער טראַנספּאָרט. די מאַכט־אָרגאַנען פֿון ייִסראָעל האָבן געפּרוּווט דערשטיקן די אומרוען, וואָס זײַנען אויסגעבראָכן אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס עס איז דערלויבט געוואָרן די ייִדן צו טפֿילע טאָן אַפֿן הייליקן פֿאַר די מוסולמענער בערגל אין יערושאָלאַיִם. צוביסלעכווײַז האָט דער רעליגיעזער פּראָטעסט אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַן אָפֿענעם בונט קעגן דער אָקופּאַציע. די פֿאַרשאַרפֿונג פֿונעם פּאָליטישן קאַמף האָט אַנטשיידנדיק געווירקט אַפֿן גאַנג און אף די רעזולטאַטן פֿון די וואַלן צו די קעהילע־ראַטן אַפֿן מערעוו־ברעג (די וואַלן זײַנען פֿאָרגעקומען דעם 12 אַפּרעל 1971). דעם זיג אין די וואַלן האָבן אומעטום אָפּגעהאַלטן פֿאָרשטייער פֿון די פּראָגרעסיווע קרעפֿטן, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן פֿאַר שאַפֿן אַן אומאָפּהענגיקע פּאַלעסטינער מעלוכע. קעדיי אײַנברעכן דעם ווידערשטאַנד און דערשטיקן די אומרוען, זײַנען די מאַכט־אָרגאַנען פֿון ייִסראָעל געווען געצוווּנגען אַריבערצוואַרפֿן אַפֿן מערעוו־ברעג מאָבילע שטורעם־טיילן פֿון דער אַרמיי. עס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן הונדערטער אַראַבישע פּאַטריאָטן. אָבער דער ווידערשטאַנד דויערט. ער איז פֿון אַזאַ קראַפֿט און פֿאַרמעסט, אַז עס זײַנען צערונען, ווי אַ זייפֿנבלאָז, די ציוניסטישע רייד וועגן „פֿרידלעכע באַציִונגען" מיט דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג.

די געשיכטע פֿונעם קאַמף פֿון דעם פּאַלעסטינער פֿאָלק פֿאַר זעלבסטבאַשטימונג און פֿאַר שאַפֿן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מעלוכע איז אַ לאַנגע און קאָמפּליצירטע, זי האָט זיך אָנגעהויבן אַ סאַך פֿריִער איידער די גענעראַלע אַסאַמבליי פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס האָט דעם 22 נאָיאַבער 1974 באַשטעטיקט דאָס רעכט פֿונעם פּאַלעסטינער פֿאָלק אף זעלבסטבאַשטימונג, נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און סוווערעניטעט, צוגלײַך מיטן רעכט פֿון די פּאַלעסטינער אומצוקערן זיך אין זייערע היימען. אין דער רעזאָליוציע איז באַטאָנט געוואָרן, אַז די פֿולע פֿאַרווירקלעכונג פֿון אָט די רעכט איז אַ נייטיקער באַדינג אף צו לייזן די פּאַלעסטינע־פּראָבלעם, וועלכע ווערט אַלץ מער פֿאַרוואַנדלט אין אַ שליסל צו דער יושערדיקער און לאַנגדויערנדיקער אײַנרעגולירונג פֿונעם קריזיס אַפֿן נאָענטן מיזרעך און צום שאַפֿן באַדינגונגען, אַז אַלע מעלוכעס און פֿעלקער פֿון אָט דעם ראַיאָן זאָלן לעבן אין שאָלעם און זיכערהײַט. די רעזאָליוציע באַנוגנט זיך ניט מיט אַנערקענען דאָס פּאַלעסטינער פֿאָלק אַלס איינעם פֿון די צדאָדים אינעם קאַמף פֿאַר אַ שאָלעם אַפֿן נאָענטן מיזרעך, זי באַשטעטיקט אויך זײַן רעכט צו פֿירן אַ קאַמף פֿאַר אופֿשטעלן זײַן נאַציאָנאַלע היים און רופֿט אַלע מעלוכעס און צווישנפֿעלקערלעכע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן שטיצן דעם גערעכטן קאַמף.

עס וואָלט, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסער טאָעס צו שטעלן אף איין ברעט דאָס פֿאָלק פֿון ייִסראָעל מיט דער ציוניסטישער רעגירונג און מיט דעם ציוניזם. עס מערט זיך די צאָל פּראָגרעסיוו געשטימטע מענטשן, וועלכע זײַנען מאַסקים מיט דער באַוווּסטער זשורנאַליסטקע פֿון ייִסראָעל סילוויאַ קעשעט — „דאָס, וואָס עס איז שלעכט פֿאַר די ייִדן, איז גוט פֿאַר דער ציוניסטישער רעגירונג פֿון ייִסראָעל". די דויערנדיקע אָקופּאַציע פֿון די אַראַבישע טעריטאָריעס פֿירט ניט בלויז צו דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון די רעפּרעסיעס קעגן דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג, נאָר זי שאַפֿט אויך די סאַקאָנע, עס זאָל פֿאָרקומען אַ שנעלע פֿאַשיזירונג פֿונעם רעזשים אין דער מעדינע. „דער גוירל פֿון דער ייִסראָעל־דעמאָקראַטיע ווערט געלייזט אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס", — האָט געזאָגט דער פּראָפֿ. אַריעל. „מיר דאַרפֿן אַנערקענען, אַז ס'איז אָרגאַניש דאָס רעכט פֿון די פּאַלעסטינער אף אַן אומאָפּהענגיקן נאַציאָנאַלן קיִעם. וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם עס וועט האָבן דער דאָזיקער קיִעם, איז זייער זאַך. אונדזער זאַך איז — אַנערקענען דאָס רעכט", — האָט געזאָגט דער געוועזענער רעקטאָר פֿונעם יערושאָלאַיִמער אוניווערסיטעט נ. ראָטענשטרײַך.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון ייִסראָעל טרעט אַרויס קאָנסעקווענט פֿאַר אָפּזאָגן זיך פֿון דער ציוניסטישער פּאָליטיק פֿון טעריטאָריעלער עקספּאַנסיע און ראַסן־דיסקרימינאַציע באַנגייע צו דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג, פֿאַר פֿרידלעכער קאָעקזיסטענץ צווישן ייִדישן און אַראַבישן פֿעלקער, פֿאַר דער איינהײַט פֿון די קרעפֿטן פֿון פּראָגרעס קעגן דעם אימפּעריאַליזם.

■ ■ ■

נ. נאַרײַאַנאַן
(אינדיע)

די דיסקרימינאַציע-פּאָליטיק קעגן די פּאַלעסטינער

אויסנויצנדיק דאָס, וואָס אין די לענדער פֿון מיזרעך-אייראָפּע זײַנען ייִדן געררודעפֿט געוואָרן, האָט דער ציִעניזם נאָך אין די פֿאַררעוואָליוציאָנערע צײַטן זיך רעקלאַמירט אַלס אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פֿאַנאַנדערגעאַרבעט אַ נײַ און עפֿעקטיוו מיטל צו „באַפֿרײַען אַלע ייִדן". אין דער פֿריִער סטאַדיע נאָך זײַן אויפֿקום האָט ער זיך באַגרענעצט אין זײַן טעטיקײַט מיט באַזונדערע פּובליקאַציעס און אומבאַדײַטנדיקע געזעלשאַפֿטלעכע מאַסמיטלען.

מע דאַרף דערמאָנען, אַז די ערשטע צײַט האָבן די אַראַבער פֿון פּאַלעסטינע געמאַכט די ייִדישע אימיגראַנטן אַ פֿרײַנטלעכן קאַבאַלאַס-פּאָנעם, קוקנדיק אויף זיי, ווי אויף רעליגיעזע מענטשן, וואָס זײַנען אויל-רעגל צו דער הייליקער ערד, אָדער ווי אויף פּליטים, וועלכע לויפֿן פֿון די רעדיפֿעס אין מיזרעך-אייראָפּע און זוכן אַ רעטונג אין פּאַלעסטינע. ווען די ייִדן האָבן אָבער מאַסנווײַז אַ פּלייץ געטאָן קיין פּאַלעסטינע, באַזונדערס, ווען עס איז אויפֿגעקומען די ציִעניסטישע וועלט-באַוועגונג, האָבן די אַראַבער גענומען קוקן אויף זיי מיט כשאַד און שפּעטער אַפֿילע מיט צאָרן.

העיויס דער בריטישער און ציִעניסטישער אײַנפֿלוס אין פּאַלעסטינע איז שטאַרק געוואַקסן, האָבן די פּאַלעסטינער אַראַבער ניט בלויז קעגנגעשטעלט זיך דעם דאָזיקן אײַנפֿלוס, נאָר זיי זײַנען אַפֿילע אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאָליטישער פּראָגראַם, פֿאָדערנדיק אומאָפּהענגיקײַט פֿאַר זייער לאַנד. ווען דער פּרווו פֿון בריטאַניע צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פֿון די פּאַלעסטינער אַראַבער איז דורכגעפֿאַלן, האָט די בריטישע רעגירונג געשאַפֿן אַ קיניגלעכע קאָמיסיע, וועלכע האָט באַקומען די אויפֿגאַבע אויסצופֿאָרשן די סיבעס פֿון די אומרוען. די קאָמיסיע האָט רעקאָמענדירט צו צעטיילן פּאַלעסטינע אויף צוויי מעלוכעס — אַן אַראַבישער און אַ ייִדישער. איין דריטל פֿון דער גאַנצער טעריטאָריע פֿון פּאַלעסטינע איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר דער ייִדישער מעלוכע, כאָטש די ייִדן האָבן באַטראָפֿן סאַכאַקל 5,6 פּראָצ. פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג.

בײַס דער צווייטער וועלט-מילכאָמע האָבן די ציִעניסטן געביטן זייער אָריענטאַציע — אַנשטאָט לאָנדאָן האָבן זיי אויסגעקליבן וואַשינגטאָן. אין דער זעלבער צײַט האָט די אימיגראַציע, באַזונדערס פֿון דײַטשלאַנד, פֿאַרגרעסערט די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין פּאַלעסטינע. אין 1948 האָבן ייִדן שוין אָנגעציילט 33 פּראָצ. פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד. אויף דער ציִעניסטישער קאָנפֿערענץ אין 1942 (פֿאָרגעקומען אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן) האָבן די ציִעניסטישע לידערס אָפֿן און אָפֿיציעל דערקלערט, אַז זייער ציל איז שאַפֿן אין דער נאָענטסטער צײַט אַ ייִדישע מעלוכע אין פּאַלעסטינע.

צום סאָף פֿון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע האָבן די פֿאַרייניקטע נאַציעס אָנגענומען אַ רעזאָליוציע וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע — 42,88 פּראָצ. פֿון דער ערד איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר דער אַראַבישער מערהײַט און 56,47 פּראָצ. ערד פֿאַר דער ייִדישער מינדערהײַט. די שטאָט ירושאָלאַיִם איז דערקלערט געוואָרן אַלס אַן אינטערנאַציאָנאַלע. די פֿאַרייניקטע נאַציעס האָבן געשטימט פֿאַר צעטיילן פּאַלעסטינע צווישן די אַראַבער און די ייִדן, דערבײַ געגעבן די ייִדן צוויי מאָל מער טעריטאָריע, איידער פֿאַר זיי האָט אין 1937 אויסגעטיילט די בריטישע קיניגלעכע קאָמיסיע.

דעם 14 מײַ 1948 האָט בען גוריאָן געמאָלדן, אַז אין פּאַלעסטינע איז אויסגעבילדעט געוואָרן די ייִדישע מעלוכע ייִסראָעל. עס האָט זיך נאָך דעם אָנגעהויבן די ערשטע מילכאָמע צווישן די אַראַבער און ייִסראָעל. בײַס דער דאָזיקער מילכאָמע האָט די מעדינע פֿאַרברייטערט אירע גרענעצן און פֿאַרנומען 78 פּראָצ. פֿון דער טעריטאָריע פֿון פּאַלעסטינע, איבערגעלאָזט אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ 750 טויזנט פּאַלעסטינער אַראַבער. דעם 11 מײַ 1949 איז ייִסראָעל אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס מיטן באַדינג אָפּצוהיטן די רעזאָליוציע פֿון 1947 וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע און די רעזאָליוציע נום. 194 וועגן קאָמפּענסאַציע פֿאַר די אַראַבישע פּליטים. ייִסראָעל האָט אָבער דעם דאָזיקן באַדינג איגנאָרירט.

אין אָקטיאָבער 1956, ווען דער פּרעזידענט פֿון מיצראַיִם נאַסער האָט נאַציאָנאַליזירט דעם סועצער קאַנאַל, האָבן די באַוואָפֿנטע קרעפֿטן פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און ייִשׂראָעל געפּרוּווט אָקופּירן דעם האַלב־אינדזל סיני, זיי האָבן אָבער געמוזט אָפּשטעלן די אַגרעסיע אַדאַנק דער אַרײַנמישונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס.

אין 1967 איז פֿאָרגעקומען די דריטע מילכאָמע צווישן ייִשׂראָעל, פֿון איין זײַט, און מיצראַיִם, יאַרדאַניע, סיריע, פֿון דער צווייטער. ייִשׂראָעל האָט אָקופּירט דעם מערעוו־ברעג פֿונעם טײַך יאַרדן, דעם אַזאַ־ראַיאָן, די גאָלאַנישע בערגלעך און דעם האַלב־אינדזל סיני. דער זיכערהייט־ראַט פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס האָט אָנגענומען אַ רעזאָליוציע, וואָס האָט גערופֿן ייִשׂראָעל צו פֿאַרלאָזן די אָקופּירטע טעריטאָריעס. אָבער אויך דער דאָזיקער רוף איז געבליבן הענגען אין דער לופֿטן.

באַלד נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע (אַזוי הייסט אין ייִשׂראָעל די מילכאָמע אין אָקטיאָבער 1973) האָבן די פּאַלעסטינער אַקטיוויזירט זייער דיפּלאָמאַטישע טעטיקייט, דערשלאָגן זיך דערצו, אַז די פּאַלעסטינע־פֿראַגע איז געשטעלט געוואָרן אין טאָג־אָרדענונג פֿון דער גענעראַלער אַסאַמבליי פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס אין סענטיאַבער 1974. די אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס האָט, פֿון איר זײַט, געגעבן דער אָרגאַניזאַציע פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון פּאַלעסטינע דעם סטאַטוס פֿון אַ באַאָבאַכטער, און דער לידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון פּאַלעסטינע אַראַפֿאַט האָט אין נאָיאַבער 1974 אָנטיילגענומען אין דער דיסקוסיע אָף דער אַסאַמבליי פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס. אין דער צײַט, ווען העכער 100 נאַציעס האָבן אַנערקענט די אָרגאַניזאַציע פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון פּאַלעסטינע אַלס „איינציקן געזעצלעכן פֿאָרשטייער פֿון די פּאַלעסטינער", האָט ייִשׂראָעל זיך אָפּגעזאָגט צו האָבן קאָנטאַקטן מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

אין נאָיאַבער 1975 האָט די גענעראַלע אַסאַמבליי פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייט שטימען אָנגענומען אַ רעזאָליוציע, וועלכע קוואַליפֿיצירט דעם ציִוניזם אַלס אַ פֿאָרם פֿון ראַסיזם. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אָרגאַניזאַציע פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון פּאַלעסטינע דאַרף זײַן פֿאַרטראָטן אָף דער צווישנפֿעלקערלעכער זשענעווער קאָנפֿערענץ מיקויעך דער פּראָבלעם פֿון רעגולירן דעם קריזיס אָפֿן נאָענטן מיזרעך.

דער ציִוניזם האָט ניט געלייזט די ייִדן־פֿראַגע, ער האָט געשאַפֿן אַ נײַע פֿראַגע — די פּאַלעסטינער. דאָס איז אַ פּראָבלעם וועגן אַ פֿאָלק, וועמען מע האָט אָפּגעזאָגט צו געבן געוויינלעכע רעכט, וואָס עס האָבן אַנדערע פֿעלקער, נעמלעך — דאָס רעכט פֿון זעלבסטבאַשטימונג אָף דער אייגענער ערד. דער ציִוניזם האָט געמאַכט צונישט די שטרעבונג פֿון די פּאַלעסטינער אַראַבער, וועלכע איז אויפֿגעקומען נאָך אין אָנהייב פֿון XX יה., — די שטרעבונג אויסבויען זייער היים אָף דער אייגענער ערד, דערשלאָגן זיך צו נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג.

ייִשׂראָעל האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַנוגענען זיך מיט דער טעריטאָריע, וועלכע עס האָט באַקומען אין עסקעם מיטן צעטיילונג־פּלאַן פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס. די וואַקסנדיקע טענדענץ צו פֿאַרכאַפּן טעריטאָריעס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין 1948 איז אַ היפּשער טייל פֿון פּאַלעסטינע געוואָרן אָקופּירט און אין יון 1967 זײַנען פֿאַרכאַפּט געוואָרן געגנטן, וועלכע זײַנען אין 4 מאָל גרעסער פֿון דער טעריטאָריע, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן פֿאַר ייִשׂראָעל.

דער ציִוניסטישער ראַסיזם שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ דרײַענדיקן באַגריף: „ראַסאָווע זעלבסט־איזאָליאַציע", „ראַסן־אויסנעמלעכקײַט" און „ראַסן־פֿאַרצוג". דער טײַטש פֿון זעלבסט־איזאָליאַציע איז אַזאַ: אַלע ייִדן ווערן צונויפֿגעזאַמלט אין איין אָרט — אין דער ייִדישער מעלוכע. די ציִוניסטן טרעטן אַרויס קעגן דעם נאַטירלעכן פּראָצעס פֿון אַסימיליאַציע, זיי טײַנען, אַז די אַסימיליאַציע וועט דערפֿירן דערצו, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, צווישן ייִדישע און ניט־ייִדישע סוויוועס, וועט פֿאַרלירן די ייִדישע אַכדעס און ווערן צעמישט און פֿאַרניכטעט. די פּאָליטיק פֿון ראַסאָווער זעלבסט־איזאָליאַציע איז באַזירט אָף דער ראַסן־אויסנעמלעכקײַט און ראַסן־פֿאַרצוג פֿון די ייִדן.

אַנדערש גערעדט, דער ציִוניסטישער ראַסיזם לייקנט אָפּ די קאָעקזיסטענץ פֿון ייִדן און ניט־ייִדן אין ייִשׂראָעל.

ייִשׂראָעל זאָגט זיך אָפּ צו דערלויבן די פּאַלעסטינער פּלייטים אומצוקערן זיך אין זייערע היימען. בירגערשאַפֿט ווערט געגעבן בלויז די ייִדישע אוילים. דאָס איז דער אַזויגערופֿענער „חק השבה" („כאַק האַשאַוואַ" — געזעץ וועגן אומקערן זיך), וואָס איז אַ ראַסיסטיש געזעץ. אין דער צײַט, ווען יעדער ייִד פֿון יעדן טייל פֿון דער וועלט מעג אימיגרירן קיין ייִשׂראָעל, האָט אַ פּאַלעסטינער פּאָליט קיין רעכט ניט אומצוקערן זיך צו זיך אַהיים. צו דער דיסקרימינאַציע־פּראַקטיק בענעגייע די פּאַלעסטינער, וועלכע זײַנען געבאָרן אין פּאַלעסטינע, געהערט אויך דאָס געזעץ וועגן פּרעווענטיוון אַרעסט, דאָס געזעץ וועגן איבערגעלאָזטן פֿאַרמעגן אאַוו.

די גענעראַלע אַסאַמבליי פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס האָט ריכטיק אַנערקענט, אַז דאָס באַפֿרידיקן די אָרגאַנישע רעכט פֿונעם פֿאָלק פֿון פּאַלעסטינע איז אַ נויטווענדיקער באַדינג פֿאַר אײַנשטעלן אַ יושרדיקן און פֿעסטן שאָלעם אָפֿן נאָענטן מיזרעך.

די רעגירער פון ייִסראַעל כאַזערן איבער בענעגייע די אראַבער דאָס זעלבע, וואָס עס האָבן געטאָן די היטלעריסטן בענעגייע די ייִדן



די דײַטשיש־פאַשיסטישע אָקופּאַנטן האָבן כאָרעוו געמאַכט די הויפּט־שטאָט פון פוילן — וואַרשע



די ייִסראַעלדיקע אָקופּאַנטן האָבן כאָרעוו געמאַכט די סירישע שטאָט קונייטרע

שטעכלדראָט פאַר ייִדן

שטעכלדראָט פאַר אראַבער

«Hände hoch»!



„הארעם יאדאיִם!" (די הענט אינדערהייך!)

א געטאָ־טויער פאר יידן (קאָוונע, 1941)

א געטאָ־טויער פאר אראבער
(שכעם, 1978)

דער „קעניג־פּלאַן"

(געהיימער דאָקומענט פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, וועלכן די צײַטונג „אַל האַ־מישמאַר" האָט פאַרעפנטלעכט דעם 7 אווגוסט 1976)[1]

אַרײַנפיר:

1. נאָך ערשט ניט לאנג האָבן די מענטשן, וועלכע באַטייליקן זיך אינעם פאַרוואַלטן מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ייִסראָעל, איינמוטיק געגלייבט, אַז די אַראַבער נעמען אָן אַנטייל אין דער בויונג פון דער מעדינע און אַז די מערהײַט אַראַבער זײַנען לאָיאַל. יעדנפאַלס אַזוי האָבן זיך פאָרגעשטעלט די סיטואַציע יענע אָפיציעלע פּערזאָנען אין ייִסראָעל, וועלכע שטייען נאָענט צו די אַראַבישע קרײַזן.

2. די געשעענישן, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען ניט לאנג צוריק, האָבן אַרײַנגעבראַכט אין אַ סאָפעק בענעגייע דער ריכטיקײַט פון די דאָזיקע באַהויפּטונגען, זיי האָבן אַרויסגערופן אַ צווייפל אין דער לאָיאַלקײַט פון אַ היפּשן טייל פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג צו דער מעדינע און צום עצם פאַקט פון איר קיִעם.

עמעס, מיט עטלעכע יאָר צוריק זײַנען שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן ספייקעס אין דער ריכטיקײַט פונעם אַנאַליז פון דער סיטואַציע, די סיבע דערפון וועט באַוויזן ווערן שפּעטער. אָבער אַזעלכע אָנשוויונגען, וועלכע ווידערשפּרעכן די מיינונגען פון די אַראַביסטן[2] האָבן ניט געפונען קיין שטיצע.

הײַנט ווערט קלאָר, אַז עס איז פאַראַן אַ גרונט ערנסט צו באַהאַנדלען די האַנאָכעס, וועלכע האָבן ביז דער לעצטער צײַט זיך גערעכנט אַלס יעסוידעס פאַר געהעריקע אויספירן.

3. נאָך דער אויסבילדונג פון דער מעדינע האָבן די אַראַבער, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אף דער טעריטאָריע פונעם לאַנד, פּאַקטיש פאַרלאָרן יעטווידע אָנפירונג. אַזוי־אַרום איז אויפגעקומען אַ מינדערהײַט, וואָס האָט באַדאַרפט זיך צופּאַסן צו דער רעאַליטעט פון אַ ייִדישער מעלוכע, וועלכע האָט זיך דעמלט געפונען אין אַ צושטאַנד פון מילכאָמע, פון אַ זיגרײַכער מילכאָמע, מיט די שכייניש לענדער.

די קריגס־פאַרוואַלטונג, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם קאָנטראָל איבער אָט דער באַפעלקערונג, האָט אין איר פּראַקטיק זיך געשטיצט אף די „פּניי" צווישן די אַראַבער און דורך זיי אַרײַנגעדרונגען אין דער סטרוקטור פון דער אַראַבישער געזעלשאַפט, וועלכע איז באַזירט אף פאַמיליען־קלאַנען. מיטן אָפּשאַפן די קריגס־פאַרוואַלטונג איז שוואַכער געוואָרן די מאַכט פון אָט די אַראַבישע מעיוכאָסים און פון יענע, וועלכע זיי האָבן פאַרטראָטן. די פּראָגרעסירנדיקע פאַרשווינדונג פון דער פּערזענלעכער אָפּהענגיקײַט פון דער מעלוכע האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט דעם יונגן אַראַבישן דאָר צו דערפילן זײַן קויעך אין די ראַמען פון דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט אין יענעם פּעריאָד פון ענדערונגען, ווען די אַראַבישע געזעלשאַפט איז אַריבער פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַנטוויקלונגס־וועג צום אינדוסטריעלן מיט אַלע פאָלגן אין סאָציאַלן געביט, וועלכע דרינגען דערפון אַרויס.

כוץ דעם, האָט די „אומצופרידנקײַט" פונעם יונגן דאָר אָפּט געצוווּנגען דעם פריערדיקן דאָר, ער זאָל צושטיין צום לאַגער פון די אופשטענדלער, און די מעדינע איז געוואָרן אַ ציל־ברעט פאַר זייערע אָנפאַלן, ד.ה. זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס איז גאָרנישט ניט געטאָן געוואָרן אין פּראַט פון זיכערן זייער אַסימיליאַציע מיט דער ייִדישער געזעלשאַפט. מע דאַרף זאָגן, אַז מיר האָבן מיט פאַרשיידענע מיטלען אַליין סטימולירט די דאָזיקע טענדענץ, קעדיי צוציִען די אופשטענדלער אף אונדזער זײַט.

אין די פופציקער יאָרן איז די אַראַבישע געזעלשאַפט געווען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון דער ייִדישער עקאָנאָמיק, וועלכע האָט ברייט צעפּראַלט די טירן פאַר די אַראַבער, מאַכמעס עס האָבן אויסגעפעלט ייִדן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פיזישער מי. אין רעזולטאַט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ סאָלידער עקאָנאָמיש שטאַנדהאַפטיקער שיכט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס פון אים איז איצט אין אַ באַשטימטער מאָס אָפּהענגיק די עקאָנאָמיק פון דעם לאַנד.

4. נאָכן אָפּשאַפן די קריגס־פאַרוואַלטונג האָט די מעלוכע איבערגעגעבן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג צו ציווילע פּערזאָנען, וואָס ריידן אף אַראַביש, האָט אויסגעוויילט אַלס אָנפירער ענערגישע מענטשן, וועלכע זיכערן זייער לאַגע אַדאַנק דער פעיִקײַט צו ציִען נוצן פאַר זיך און פאַר זייערע מעקוראָווים. אָבער האַנדלענדיק אף אַזאַ אויפן, האָבן מיר ניט געלייגט קיין אַכט אף די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועלכע קומען אוף אינעם אַראַבישן סעקטאָר, און אונדז האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אויסצואַרבעטן אַ לאַנגדויערנדיקן פּלאַן צו פאַרוואַנדלען די אַראַבער אין לאָיאַלע בירגער.

אַלס קריטערי אף אָפּצוקלײַבן מענטשן פאַר דער אַרבעט מיט די אַראַבער אין דער פּאָליטישער, מיליטערישער און ציווילער ספערן און אין דער פּאַ־

---

[1] געקירצט.

[2] מיט דעם טערמין „אַראַביסטן" רופט מען אין ייִסראָעל ניט די אוניווערסיטעט־געלערנטע, וועלכע ספּעציאַליזירן זיך אין די פראַגן וועגן דער אַראַבישער וועלט, נאָר מענטשן, וואָס זײַנען דורך די מאַכט־אָרגאַנען, באַזונדערס דורך דער געהיים־פּאָליציי באַאופטראָגט צו פאַרוואַלטן מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג, ווי אויך אַזעלכע, וועלכע פּרעטענדירן אף דער ראָליע פון „קענער" פון דער אַזויגערופענער „אַראַבישער שטימונג" (רעד.).

ליציי האָט געדינט די ענלעכקייט פונעם אינטעלעקט פון אָט די מענטשן מיטן אראבישן. ניט שטענדיק האָבן זיי זיך אונטערשיידט מיט פּעיִקייטן אָדער סייכל, אָפט זײַנען זיי געשטאנען נידעריקער פון די מענטשן, וועלכע זײַנען צו זיי אונטערגעאָרדנט. זיי זײַנען ניט געווען פעיִק צו פארהיטן די אומאָפּהענגיקייט פונעם געדאנקענגאנג, וואָס וואָלט זיי געגעבן א מעגלעכקייט ריכטיק צו פעסטשטעלן די אומרויִקע סימפּטאָמען, פון איין זײַט, און, פון דער צווייטער זײַט, לייזן די פּראָבלעמען אָביעקטיוו, אָמבעסטן פארן נוצן פון דער ייִדישער נאציע.

5. דער צאָפנדיקער ראיאָן פון לאנד, ווו עס איז קאָנצענטרירט דער גרעסטער טייל פון דער אראבישער באפעלקערונג, איז אדאנק דער שכיינעס און דער צונויפמישונג פון צוויי נאציאָנאליטעטן א בײַשפּיל דערפון, וואָס פארא פּראָבלעמען עס עקזיסטירן הײַנט און וועלכע פּערספּעקטיוון זײַנען פאראן אין דער נאָענטסטער און אין דער ווײַטער צוקונפט. איינע פון די סאמע אומרויִקע דערשײַנונגען איז די אָפּוועזנהייט פון טאָלעראנץ מיצאד דעם דורכשניטלעכן ייִד צו די אראבישע בירגער; אין באשטימטע פאלן קאָן אָט די אומטאָלעראנץ פארוואנדלט ווערן אין עמעסן האס, און עס איז גענוג אוועלכע־ניט־איז פּראָוואָקאציע, אז עס זאָלן אויסברעכן אומקאָנטראָלירטע עקסצעסן און געוואלט־אקטן פון ביידע צדאָדים.

אן אנטשיידנדיקער פאקטאָר אף צו שאפן אזא עמאָציאָנעלע שטימונג בא דער ייִדישער באפעלקערונג איז געווען דער דעמאָגראפישער באלאנס לעטוּוועס די אראבער, און יעדער ייִד האָט דאָס דערפילט מיט אומרו.

מיר לייגן פאָר אזא פּראָגראם פונעם צוגאנג צום לייזן די פּראָבלעם:

I. די דעמאָגראפישע פּראָבלעם און די אנטפּלעקונג פון אראבישן נאציאָנאליזם.

II. דער מעהוס פון דער אראבישער אָנפירונג און אירע אָפּצווײַגונגען.

III. די עקאָנאָמיק און דאָס אויסנוצן די ארבעטסקראפט.

I. די דעמאָגראפישע פּראָבלעם און די אנטפּלעקונג פון אראבישן נאציאָנאליזם

1. דער יערלעכער צוּוואוּקס פון דער אראבישער באפעלקערונג אין ייִסראָעל באטרעפט 5,9 פּראָצ., פון דער ייִדישער 1,5 פּראָצ.

באזונדערס שארף שטייט די פּראָבלעם אין צאָפנדיקן ראיאָן, ווו עס איז קאָנצענטרירט דער גרעסטער טייל פון דער אראבישער באפעלקערונג. אומגעפער צו דער העלפט פון 1975 האָבן אין אָט דעם ראיאָן געלעבט 250 טויזנט אראבער, אין דער צײַט, ווען ייִדן זײַנען געווען 269 טויזנט. א דעטאלער שטודיום פון אָט די אָנגאבן באווײַזט, אז די אראבער באטרעפן 67 פּראָצ. פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג אין מײַרעוו־גאליל און 48 פּראָצ. אין איזראעלאָנער טאָל. אין מעשעך פון 1974 איז די ייִדישע באפעלקערונג אין אָט דעם ראיאָן גרעסער געוואָרן אף 759 מענטשן, די אראבישע אף 9.035.

בא אזא צוּוואוּקס־טעמפּ האָבן די אראבער אין 1978 געקאָנט באטרעפן מער פון 51 פּראָצ. פון דער באפעלקערונג אין אָט דעם ראיאָן.

אָט די סיטואציע האָט געשאפן בא די אראבישע נאציאָנאליסטן, ווי אויך באם אויטאָר פון אָט דער ארבעט, דעם אײַנדרוק, אז אזא צוּוואוּקס פון דער אראבישער באפעלקערונג אין גאליל וועט ארויסרופן שוועריקייטן בא די באוואָפנטע קרעפטן פון ייִסראָעל צו האלטן דעם קאָנטראָל איבער דער דאָזיקער זאָנע, און דאָס וועט שאפן א מעגלעכקייט, אז אהער זאָלן ארײַנדרינגען אראבישע באוואָפנטע קרעפטן פון צאָפן. אזא לאגע סטימולירט די נאציאָנאליסטישע געפילן בא די אראבער פון ייִסראָעל.

2. די דאָזיקע כוואליע פון נאציאָנאליזם צווישן דער אראבישער באפעלקערונג פון ייִסראָעל שטאמט פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע. די פּאָליטיק פון אויסטוישן זיך מיטן מײַרעוו־ברעג, די פּאָליטיק פון אָפענע בריקן מיט יאַרדאניע האָט גינסטיק געווירקט אף די קאָנטאקטן צווישן די אראבער פון יעהודע און שוימרוין מיט די פּאלעסטינער פון יאַרדאניע און די אראבער פון ייִסראָעל. דאָס האָט זיי באוויגן צו אופהייבן די קעפּ און פארייניקן זיך אונטער די נאציאָנאליסטישע לאָזונגען קעגן ייִסראָעל[1]. דער דאָזיקער פּראָצעס, וואָס איז געווען אומפארמײַדלעך, איז דערנאָך פארפעסטיקט געוואָרן אדאנק דעם רעזולטאט פון דער אָקטיאבער־מילכאָמע פון 1973 און אין גאנג פון די ווײַטערדיקע געשעענישן, וועלכע האָבן געבראכט דערצו, אז די אָרגאניזאציע פאר באפרײַען פּאלעסטינע איז אנערקענט געוואָרן אלס דער פאָנענטרעגער פונעם קאמף פאר דערלייזן די פּאלעסטינע־פּראָבלעם.

דער אראבער פון ייִסראָעל איז מער ניט פּאסיוו. זײַן נאציאָנאליזם האָט באקומען אן אויסדריקלעכן מעהוס בא אזעלכע סיטואציעס, ווי:

— די אטמאָספער בייסן וויזיט פונעם פּרעמיער־מיניסטער פון דער מעדינע קיין נאזארעט בעערעך מיט א יאָר צוריק;

— דאָס אָנעמען די לאָזונגען, וועלכע דריקן אויס אידענטישקײַט מיט דער אָרגאניזאציע פאר באפרײַען פּאלעסטינע בייס די סטודענטישע דעמאָנסטראציעס און אין אנדערע פאלן;

— די מעלדונג פון די אראבישע סטודענטן מיקויעך דער פראגע וועגן באוואכן דעם אוניווערסיטעט;

— די נאציאָנאליסטישע דעמאָנסטראציעס בייס די מוניציפּאלע וואלן אין נאזארעט;

— דער פּראָטעסט־מיטינג, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן אין דער שטאָט סאכנין דעם 14 פעברואר 1975. בייס דעם מיטינג האָט דער פארזיצער פונעם אָרטיקן קאָמיטעט אין טאמער דערקלערט, אז „ייִסראָעל האָט א גרונט צו מוירע האָבן מער פאר די אראבער, וועלכע וווינען אין ייִסראָעל, איידער פאר

---

[1] דאָס קלינגט אזוי, ווי מע וואָלט געזאָגט אין אלאבאמע אָדער אין מיסיסיפּי „אונדזערע נעגערס זײַנען געוואָרן אומגעהאָרכזאם, זינט זיי האָבן אײַנגעשטעלט א קאָנטאקט מיט די אונטערדריקטע נעגערס אין צאָפן פון די פארייניקטע שטאטן" (רעד.).

די אראבער, וואָס וווינען מיכוץ ייִסראָעל״. אָט זײַנען די באשלוסן, וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן אפן מיטינג אין נאזארעט שאבעס דעם 6 מאַרט 1975:

א) דער רוף צו אַן אַלגעמיינעם שטרײַק פון דער גאנצער אראבישער באפעלקערונג פון ייִסראָעל אינעם „טאָג פון ערד״;

ב) דער רוף צו דער אראבישער באפעלקערונג, זי זאָל זיך ניט באַנוגענען מיט א פּאסיוון פּראָטעסט, נאָר „פּראָטעסטירן און פאַרזעצן דעם קאַמף ביזן זיג״;

ג) דער הונגער־שטרײַק בא דער שטאַב־קוואַרטיר פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס;

ד) די דעקלאַראַציע, אַז „די רעגירונג איז א גלעזערן הויז, און מיר דאַרפן זײַן די ערשטע, וועלכע וואַרפן אין דעם הויז א שטיין, קעדיי צעברעכן עס״;

ה) די דעקלאַראַציע פונעם פאָרזיצער פון דעם אָרטיקן קאָמיטעט מעלימאַסאַד קאַסימאָ, וועמען מע האָט געהאַלטן פאַר א פּאָזיטיוון עלעמענט[1] און וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן לויט דער רעשימע פון „מאַראַך״: „אַף וועלכן סמאַך קאָנפיסקירט די רעגירונג די ערד, וואָס איז העסקעם מיטן פּלאַן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס וועגן צעטיילן, אָנגענומען אין 1947, איז זי ניט קיין טייל פון דער ייִסראָעל־טעריטאָריע?״

אָט דאָס זײַנען די סימאָנים פון דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אין דער לעצטער צײַט, זיי באַווײַזן די אַנטשלאָסנקײַט פון א היפּשן טייל פון דער אראבישער באפעלקערונג אַרויסצוטרעטן כאָטש מינדלעך קעגן דער אַדמיניסטראַציע און אישטעבלימענט פון ייִסראָעל, און אויך די באַשטימטע פאַרערגערונג פון דער לאַגע אין פאַרגלײַך מיט דער פריִערדיקער געהאָרכזאַמקײַט. די פּאָליטישע ניצכוינעס פון די פּאַלעסטינער אַף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע און דער פּראָגרעס פונעם אראבישן נאַציאָנאַליזם אין ייִסראָעל גופע באַטאָנען די נייטיקײַט, מע זאָל צוגיין ערנסט צו דער אראבישער פּראָבלעם, ווײַל די דאָזיקע פּראָבלעם וועט ווערן אַלץ טיפער, קאָלזמאַן „ראַקאַך״[2] איז די איינציקע פּאַרטיי, וואָס רעפּרעזענטירט די אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג.

פּערספּעקטיוון:

א) דער שנעלער וווּקס פון דער אראבישער באפעלקערונג (פון 150 טויזנט אין 1948 ביז 430 טויזנט אין 1975) פאַרשטאַרקט דעם נאַציאָנאַליזם און שאַפט בא די אראבער א מיינונג, אַז די צײַט אַרבעט פאַר זיי. דאָס זעט מען באַזונדערס קלאָר אינעם צאָפן פון דעם לאַנד, ווו די פיזישע אָנוועזנהײַט פון די אראבער לאָזט זיך שטאַרק פילן אַף א גרויסער טעריטאָריע;

ב) די מערהײַט, וואָס די מיטגלידער פון „ראַקאַך״ האָבן באַקומען אין פאַרשיידענע מעלוכע־אָרגאַנען, ווי, לעמאָשל, אין די אָרטיקע מוניציפּאַליטעטן, שאַפט א לעגאַלע באַזע פאַר דער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטישער טעטיקײַט, וועלכע ווערט געפירט פון הינטן אַרום אָדער געהיים מיט די זעלבע מעטאָדן, וואָס זײַנען באַנוצט געוואָרן אין די ייִדישע ייִשוּווים ביז דער אויסבילדונג פון דער מעדינע, אָדער מיט דעם מעטאָד, וועלכן די קאָמוניסטן ווענדן אָן אין גאָר דער וועלט. בעעמעס, קאָלזמאַן „ראַקאַך״ איז אימשטאַנד צו קאָנטראָלירן, אַזוי ווי איצט, א באַשטימטע צאָל אָרטיקע מוניציפּאַליטעטן, האַלט ער זיך באַוווּסטזיניק אָפּ צו באַשטעטיקן זײַן מאַכט, ווײַל אים פעלן אויס קאַדרען און אָרגאַניזאַציעס. לויט אונדזער מיינונג, זײַנען די סטודענטן פון די צאָפנדיקע ראַיאָנען, וועלכע פאָרן אַלץ מער קיין מײַרעוו־אייראָפּע זיך לערנען מיט סטיפּענדיעס פון „ראַקאַך״, דער קוואַל, פונוואַנען עס קאָנען דערגאַנצט ווערן אָט די קאַדרען;

ג) עס איז פאַראַן אַן ערנסטע געפאַר, אַז אין די נאָענטסטע 10 יאָר וועלן די אראבער אײַנשטעלן א דעמאָגראַפישן און פּאָליטישן קאָנטראָל אין די ראַיאָנען פון אַקר און נאַזאַרעט;

ד) מע דאַרף פאָרויסזען, אַז אין א באַשטימטער סטאַדיע פון אָט דער פײַנטלעכער פּאָליטישער טעטיקײַט וועלן אָפן אַרויסגערוקט ווערן פאָדערונגען צו דורכפירן א רעפערענדום אין צאָפן פונעם לאַנד, ווו די אראבישע באפעלקערונג בילדעט א מערהײַט. אַזאַ אַקציע וועט דיקטירט ווערן פון אויסלאַנד, עס קאָנען זי אָבער אונטערהאַלטן די לינקע נאַציאָנאַליסטן פון דער ייִדישער באפעלקערונג;

ה) מיר קאָנען אויך דערוואַרטן, אַז אין א באַשטימטן מאָמענט וועלן „ראַקאַך״ אָדער די נאַציאָנאַליסטן לאָזן אין גאַנג פּראָוואָקאַציעס, קעדיי אַרויסרופן אַן אופרײַס מיצאַד די ניט קאָנטראָלירטע ייִדישע עלעמענטן, און אַזויאַרום שאַפן א סיטואַציע, וועלכע דאַרף די פּראָבלעם וועגן דער לאַגע פון די אראבער אין ייִסראָעל אַרויסטראָגן אַף צווישנפעלקערלעכע פאָרומס, און דאָס וועט סטימולירן די מעסיקע אראבישע עלעמענטן, זיי זאָלן אָנשליסן זיך צו די עקסטרעמיסטן אין דער מעדינע און מיכוץ איר;

ו) מיר קאָנען שוין איצט באַגרײַפן דעם זין פון דער טעטיקײַט פון די אראבער, וועלכע קויפן אוף אין די צאָפנדיקע ראַיאָנען אומבאַוועגלעך פאַרמעגן. א שווידערלעכע סיטואַציע שאַפט זיך אין אויבער־נאַזאַרעט און אין אַקר, די אומרו־סימאָנים פון אָט דער סיטואַציע זעען זיך שוין אין איימעק לאַזריל.

פאָרשלאָגן:

א) פאַרברייטערן און פאַרשטאַרקן די ייִדישע ייִשוּווים אין אַלע ראַיאָנען, ווו עס איז קאָנצענטרירט אַן אראבישע באפעלקערונג, און אויסנוצן אַלע מעגלעכקײַטן אַף צו פאַרקלענערן די צאָל שוין פאַראַנענע אראבישע ייִשוּווים.

[1] דער טערמין „פּאָזיטיווע עלעמענטן״ (אָדער נעגאַטיווע) טרעפט זיך אָפט. ער באַטײַט, אַז די מענטשן, וועגן וועלכע עס גייט א רייד, האָבן בעדייע (אָדער האָבן ניט בעדייע) צו מיטאַרבעטן מיט דער געהיים־דינסט פון ייִסראָעל אַלס אינפאָרמאַטאָרן אָדער אונטערהעצער. (רעד.).

[2] „ראַקאַך״ — קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל (ראָשעטייוועס פון די ווערטער „נײַע קאָמוניסטישע רעשימע״).

א ספּעציִעלע אופמערקזאַמקײַט דאַרף מען אין דעם פּראַט שענקען די זאָנעס, וואָס געפינען זיך נאָענט צו די צאָפן־מיזרעכדיקע גרענעצן. אויסער דעם, דאַרף מען שטרענג דורכפירן אין לעבן די געזעצן, וועלכע וואָלטן געקאָנט פאַרמײַדן די אויסבילדונג פון נײַע אַראַבישע ייִשווּים אין פאַרשיידענע טײלן פון לאַנד;

ב) זיכערן א שטרענגע און סטאַבילע ייִדישע אָנפירונג אין אויבער־נאַזאַרעט און אין אקר, זי זאָל קאָנען געבן א ווידערשטאַנד די דערוואַרטע קריטישע געשעענישן;

ג) דורכפירן די פּאָליטיק פון „א בײַטש און א לעקעך" (אין די ראַמען פונעם געזעץ) בענעגייע די אַראַבישע אָפיציִעלע פּערזאָנען און קעהילעס, וועלכע דריקן אויס אַזוי אָדער אַנדערש זייער האַס צו דער ציִעניסטישער מעלוכע;

ד) קעדײַ ניט דערלאָזן די פאַרשפּרייטונג פון דער נאַציִאָנאַלער באַוועגונג, אָפּרײַסן פון „ראַקאַך" די אַראַבער פון ייִסראָעל, איבערדערציִען יענע, וועראָס פאַרנעמט אַן אויסוואַרטנדיקע פּאָזיציע. עס איז נייטיק צו שאַפן א פּאַרטיי, וואָס זאָל זײַן קרויוויש צו „מאַפּאַי" און זאָל פּריידיקן די פּרינציפּן פון גלײַכהײַט, הומאַניזם, אַנטוויקלונג פון דער קולטור און שפּראַך און די סאָציִאַלע רעוואָליוציע, אויפהייבן די פּאַן פון שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך. אין די ייִסראָעל־אָרגאַניזאַציעס[1] דאַרף מען זיך צוגרייטן, אַז מע זאָל קאָנען אַרײַנדרינגען אין דער דאָזיקער פּאַרטיי און האַלטן זי אונטער א קאָנטראָל;

ה) אײַנשטעלן א פולע און שטענדיקע קאָאָרדינאַציע צווישן די פאַרשיידענע מיניסטעריומס, דעם היסטאַדרוט און די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, באַזונדערס אפן ניוואָ פון דער פּראַקטישער טעטיקײַט, און שטרענג אויספילן די אָנגענומענע באַשלוסן;

ו) אויסנוצן אַלע מיטלען אַף צו דערגרייכן א נאַציִאָנאַלע פאַרשטענדיקונג מיט אַלע ציִעניסטישע פּאַרטייען מיקויעך דער פראַגע וועגן די אַראַבער פון ייִסראָעל, קעדײַ אויסמײַדן אינערלעכע פּאָליטישע קאָנפליקטן אַף דעם באָדן.

II. דער מעהוס
פון דער אַראַבישער אָנפירונג און אירע אָפּצווײַגונגען

1. מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַרבליבן אין לאַנד נאָך דער אויסבילדונג פון מעדינאַס ייִסראָעל, האָט זיך פאַרנומען די דעמאָקראַטישע און עפנטלעכע ייִדישע געזעלשאַפטלעכקײַט, וועלכע איז אָבער ניט געווען אײנהײַטלעך אינעם געדאַנקענגאַנג, אין דער אַנטפּלעקונג פון די סימפּאַטיעס און אין די מינהאָגים. די ייִדן, וועלכע פירן אָן מיט דער דאָזיקער אַראַבישער באַפעלקערונג און וואָס זייער ציל איז געווען — זיכערן די לאָיאַלקײַט אירע צו מעדינאַס ייִסראָעל, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו אויספילן די אויפגאַבע. אינדערעמעסן האָבן זיי, פאַרקערט, געהאַלטן די אַראַבישע באַפעלקערונג אין א צושטאַנד פון איזאָליאַציע, אײנצײַטיק פאָדערנדיק פון איר א גינסטיקע באַציִונג. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי אָן אויפהער גערעדט וועגן גלײַכהײַט און פאַרייניקונג, וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו זייערע האַנדלונגען. אַזאַ פּאָליטיק האָט זיך ניט גערעכנט מיטן סאַנגווינישן און לעוואַנטינישן כאַראַקטער פון די אַראַבער, מיט דעם, וואָס די פאַנטאַזיע שפּילט בא זיי א וויכטיקערע ראָליע, איידער דער געזונטער פאַרשטאַנד, און דאָס לאָזט זיי ניט אַרײַנטראַכטן זיך טיף אינעם טאָך פון דער זאַך.

אָט די צווייִדײַטיקע און ווידערשפּרעכלעכע פּאָליטיק האָט געפונען א בולטן אויסדרוק באַם באַשטימען די פאָרשטייער און די אָנפירער פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג. ביז איצט האָט מען ניט געזען, אַז אַן אַראַבער, וואָס האָט פאַרדינט אַרויסגערוקט צו ווערן, זאָל פאַרנעמען א פּאָסט אין אַזאַ אָרגאַן, וואָס איז העכער פון די אָרטיקע אָרגאַנען.

די אַראַבישע געזעלשאַפט אין ייִסראָעל — א געזעלשאַפט א לאַנדווירטשאַפטלעכע און פון א שטאַמען־טיפּ — לעבט איבער אין מעשעך פון לאַנגע דוירעס דעם שווערן פּראָצעס פון עוואָליוציע, אַריבערגייענדיק צו דער אינדוסטריִעלער פאַזע. אין דער זעלבער צײַט מערקט זיך אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט די צעפאַלונג פון דער פאַמיליען־סטרוקטור, פון דעם רעליגיִעזן און סאָציִאַלן סיידער, און זי לײַדט פון די שוועריקײַטן, וועלכע קומען אויף אין דער נאַציִאָנאַלער סוויווע.

א געזעלשאַפט, וואָס אַנטוויקלט זיך אַף אַזאַ אויפן, נייטיקט זיך אין לידערס, וועלכע זאָלן קאָנען ווײַזן א בײַשפּיל, זײַן אימשטאַנד צו ענטפערן אַף פראַגן און דערפירן זיי צו ריכטיקע לייזונגען סײַ אינעם געזעלשאַפטלעכן, סײַ אינעם פּערזענלעכן לעבן.

ווי מיר האָבן שוין אָבער אָפּגעמערקט ביז איצט, זײַנען ניט געווען קיין קריטעריען אַף אָפּצוקלײַבן לידערס, און גיכער פלעגן אויסגעוויילט ווערן אַלס פאָרשטייער פון די אַראַבער אין ייִסראָעל די סאַמע באַנאַלע מענטשן, אַזעלכע, וואָס האָבן לאַנגע צינגער, און צומאָל זײַנען זיי די ווייניקער ערלעכע.

2. דער צווייטער דאָר אַראַבער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער ייִסראָעל־געזעלשאַפט און פּראָווט, האַגאַם אויבערפלעכלעך, אָננעמען דעם ייִסראָעלישן לעבנסשטייגער, מוז זיך אָפּזאָגן פון די דאָזיקע לידערס. וועגן דעם האָט מען אָנגעוויזן שוין מיט צען יאָר צוריק, און עס איז דער כּיווּן פון יעדער אַמטפּערזאָן צו געפינען מענטשן, וועלכע זאָלן אָנגענומען ווערן דורך דעם צווייטן דאָר און זאָלן זיך האַלטן לאָיאַל צו דער מעדינע. די רעזולטאַטן פון ברעכן אָט דעם פּרינציפּ וואָלטן געקאָנט זײַן קאַטאַסטראָפאַלע. דער ווידערגעפיל, וועלכן ס'רופן אַרויס די דאָזיקע אויסגעוויילטע לידערס, איז איינע פון די הויפּט־סיבעס, פאַרוואָס עס איז ערגער געוואָרן די לאַגע, ווי מיר זעען דאָס הײַנט, אַשטייגער, בייס די וואַלן אין נאַזאַרעט.

פּערספּעקטיוון:

א) די פאַרשיידענע קאָנפליקטן צווישן די פּריווילעגירטע גרופּעס און דעם בונטאַרישן דאָר וועלן וואַרשײַנלעך זיך פאַרשטאַרקן, און די פּריווילעגירט־

[1] מיטן באַגריף „ייִסראָעל־אָרגאַניזאַציעס" ווערט דאָ געמיינט די געהיים־פּאָליציי און דער געהיים־אַמט (רעד.)

טע גרופּעס וועלן פּרוּוון אײַנהאַלטן זיך אין די רע־גירונגס־אַנשטאַלטן, אין היסטאַדרוט און אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי;

ב) הייסט עס, אַז דער קאַמף פאַר מאַכט און פּרעס־טיזש וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַמף קעגן דעם רעזשים און דער מעדינע, דערבײַ וועט די מערהייט אַראַבער צושטיין צום ווידערשטאַנד־לאַגער;

ג) די פײַנטלעכע עלעמענטן וועלן מאַקסימאַל אויסנוצן דעם דאָזיקן אינערלעכן קריזיס. זיי וועלן אים אויסנוצן אין זייער קאַמף, און מיר וועלן דער־הערן זײַן אָפּקלאַנג אַף די פאַרשיידענע פּאַרומס אין ייִסראַעל און אין אויסלאַנד, ווו מע וועט אָנגעבן דעם דאָזיקן קאַמף אַלס אַ סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן;

ד) אויב די דאָזיקע פאַרערגערונג וועט גיין מיט דער זעלבער גיכקייט, וועט „ראַקאַך" אַף די פאָלגנ־דיקע וואַלן צו דער קנעסעט קאָנען באַקומען 10 ערטער.

פּ אַ ר ש ל אָ ג ן:

א) האַנדלען דרייסט און פאַרבײַטן מיט אַנדערע די מערהייט פון יענע, וועלכע זײַנען איצט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די אַראַבישע איניאָנים אינעם מע־לוכע־מעכאַניזם און אין די פּאַרטייען, אויך אָפּן ניי־וואָ פון יענע אינסטאַנצן, וועלכע נעמען אָן באַש־לוסן;

ב) באַזײַטיקן די איצטיקע אַראַבישע לידערס, וועל־כע זײַנען ניט קיין עמעסע פאָרשטייער פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, און באַטאָנען דעם פאַקט, אַז די רעגירונגס־אַנשטאַלטן אידענטיפיצירן זייער טעטיקייט מיט די אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר זיי;

ג) יענע, וועלכע זײַנען באַפולמעכטיקט צו פאַר־נעמען זיך מיט דער אַראַבישער פּראָבלעם, דאַרפן טייקעף אָנעמען מיטלען און געפינען נײַע מענטשן פון אַ געהעריקן אינטעלעקטועלן ניוואָ, ערלעכע און בעקאָוועדיקע. זיי דאַרפן העלפן די נײַע מענטשן צו שאַפן אַן אַראַבישע פּאַרטיי, וועגן וועלכער עס איז דערמאָנט געוואָרן אויבן;

ד) שאַפן אַ ספּעציעלע גרופּע (זיכערהייט־אַמט) אַף צו שטודירן דאָס פּערזענלעכע לעבן פון די לידערס פון „ראַקאַך" און פון די אַנדערע אומגעוווּנטשענע עלעמענטן;

ה) אָנעמען אינדיווידועלע מאָסמיטלען קעגן די אומגעוווּנטשענע פּערזענלעכקייטן אַף אַלע ניוואָס און אין אַלע אָרגאַניזאַציעס.

VII. די עקאָנאָמיק און דאָס אויסנוצן די אַרבעטס־קראַפט

1. די אַראַבישע באַפעלקערונג האָט אויך איר כיי־לעק אינעם פּראָצעס פון שאַפן דעם וווילשטאַנד פון דער ייִסראַעל־באַפעלקערונג און פון זײַן וווּקס נאָך דעם אויפקום פון דער מעדינע. די פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַראַבער פילט זיך אַלץ מער, ווײַל די אַראַבער זײַנען געווען די עראָמסטע גרופּע, וואָס אין פאַרבליבן אין ייִסראַעל נאָך די קריגס־אָפּעראַציעס פון 1948 — 1949. דער טהאָם צווישן דער באַדערפעניש אין אַרבעטס־קראַפט און איר רע־אַלער צאָל אין אַלע געביטן פון דער עקאָנאָמיק, באַזונדערס אין דער בויונג, אין די גראַזשן און דאָרט, ווו עס פאָדערט זיך האַנט־אַרבעט, אויך דער פאַקט, וואָס דאָס לאַנד איז אָפּהענגיק פון אָט די אַרבעטער־הענט, האָט אַרויסגערופן בײַ די אַראַבער אַ געפיל פון קויעך, און דערמיט האָבן זיך באַנוצט די עלעמענטן, וועלכע באַציִען זיך פײַנטלעך צום רעזשים.

2. די קעגנזײַטיקע הילף, וואָס איז בײַ די אַראַבער אין זייערע מישפּאָכעס אַ נאָרמאַלע דערשײַנונג, דאָס ניט וועלן מאַכן גרויסע אינוועסטיציעס נאָכן דער־גרייכן דעם מיטעלן לעבנס־ניוואָ, האָבן געבראַכט דערצו, אַז אין די הענט פון דער אַראַבישער באַ־פעלקערונג האָבן זיך פאַרהיט גרויסע געלט־סומעס, וועלכע לאָזן זיך לײַכט רעאַליזירן. די דאָזיקע געלט־סומעס זײַנען אַף אַ זיכערן אויפן אויסבאַהאַלטן פון די גאַנציטע טוער פון די שטײַערן־אָרגאַנען. מע דאַרף באַמערקן, אַז אין דער צײַט, ווען די אַראַבישע באַ־פעלקערונג האָט באַטראָפן 14 פּראָצ. פון דער גאַנ־צער באַפעלקערונג און אַף זיי איז ניט כאַל דאָס געזעץ וועגן אַן איבערײַס אין דער שטענדיקער אַר־מעע אין רעזולטאַט פון דער דרײַיאָריקער דינסט אין דער אַרמיי, האָבן די שטײַערן, וועלכע זיי צאָלן, געבילדעט 1,5 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער שטײַערן־סומע, וואָס ווערט געזאַמלט אין ייִסראַעל.

דער עלטער־באַשטאַנד פון אָט דער באַפעלקערונג האָט אַ גרויסע באַדײַטונג. העכער אַ העלפט זײַנען יונגע מענטשן פון אַן אַרבעטער־עלטער. צו די גינסטיקע לעבנס־באַדינגונגען פון די אַראַבער דאַרף מען צוגעבן די הילף, וועלכע די מעלוכע גיט די מישפּאָכעס, ווו עס זײַנען פאַראַן מער פון צוויי קינ־דער, און דאָס באַטרעפט 95 פּראָצ. פון די אַראַבישע מישפּאָכעס אין ייִסראַעל.

3. אין די צאָפנדיקע ראַיאָנען, ווו עס איז פאַראַן אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון דער אַראַבישער באַ־פעלקערונג, אַרבעטן געוויינלעך אין די פאַבריקן, וועלכע זײַנען אויסגעבויט אַפּן כעזשבן פון די ריי־זיקע מעלוכע־אינוועסטיציעס (קעדיי פאַרגרעסערן די ייִדישע באַפעלקערונג אין אָט דעם ראַיאָן), פון 25 ביז 50 פּראָצ. אַראַבישע אַרבעטער. די פאַרשיידענע מינים עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סטראַכירונגען גיבן די אַראַבער די מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אַף די סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטישע פּראָבלעמען, וועלכע די פײַנטלעכע עלעמענטן נוצן אויס אַף צו שאַפן אַן אומרויִקע אַטמאָספער, אין דער זעלבער צײַט גיט דאָס די אַראַבער די מעגלעכקייט צו שפּירן זייער קראַפט, וועלכע רייצט זייערע ניי־גונגען צו אַ בונט.

---

[1] אַ היפּשער טייל פון דער אַראַבישער באַפעלקע־רונג באַשטייט פון יוגנט און קינדער, וועלכע צאָלן ניט קיין שטײַערן אין די ייִסראַעל־אָרגאַנען; די אַראַבער זײַנען דער סאַמע נידעריק באַצאָלטער טייל פון דער באַפעלקערונג, דעריבער איז קלאָר, פאַר־וואָס זיי צאָלן ווייניקער שטײַערן. (רעד.)

פערספעקטיוון:

א) די אקומוליאציע פון א קאפיטאל, וואָס באטרעפט די סומע פון הונדערטער מיליאָנען און געפינט זיך אין ניט־געוווּנטשענע הענט, פון א קאפיטאל, אף וועלכן עס האָבן ניט קיין ווירקונג די עקאָנאָמישע אופטרייסלונגען, וועט וואַרשיַינלעך ווערן די באזע צו אונטערהאלטן פיַינטלעכע אָרגאַניזאציעס (וועגן דעם זאָגן איידעס די אויבן דערמאָנטע וואלן אין מוניציפאליטעט פון נאזארעט);

ב) די פארגרעסערונג פון דער צאָל אראבישע ארבעטער אין דער אינדוסטריע וועט, לויט דער גאנצער וואַרשיַינלעכקיַיט, פארשארפן דעם קאָנפליקט צווישן די ייִדן און די אראבער און וועט זיַין די סיבע פון געפערלעכע אינצידענטן. אכוץ דעם, מוז מען נעמען אין אכט די מעגלעכקיַיט, אז „ראַקאח" וועט איַינשטעלן א קאָנטראָל איבער אלע ארבעטער־ראטן;

ג) די פארשטארקונג פונעם אראבישן קאָנטראָל איבער באשטימטע צוויַיגן פון דער עקאָנאָמיק פארגרעסערט די וואַרשיַינלעכקיַיט פון שטריַיקן און פארקלענערט די מעגלעכקיַיט פון מיטארבעט, און דאָס טראָגט אריַין ערנסטע קאָמפּליקאציעס אין דער „עקאָנאָמיק, באזונדערס פארשאפט דאָס א פּאָליטישן שאָדן, אף וויפל עס פארשטארקט די ווירקונג אף דער נאציאָנאלער עקאָנאָמיק;

ד) מיר קאָנען זיך ריכטן, אז עס וועלן אופקומען שוועריקייַטן, ווען עס וועט גרעסער ווערן די ייִדישע ארבעטס־קראפט, באזונדערס אפן צאָפן, ווו עס פילט זיך א שארפע באדערפעניש אין פארגרעסערן די ייִדישע באפעלקערונג פון אלע געזעלשאפטלעכע קאטעגאָריעס.

פאָרשלאָגן:

א) אין די קריטישע ראיאָנען דארף מען שליסן אן אָפּמאך מיט די דירעקטאָרן פון די אונטערנעמונגען, קעדיי באפרידיקן די פאָדערונגען, וועלכע זיַינען איַינגעשטעלט דורכן „געזעץ וועגן קאפּיטאלע אינוועסטיציעס", אזוי, אז זיי זאָלן באגרענעצן ביז מאקסימום 30 פּראָצ. די אלגעמיינע צאָל אראבישע ארבעטער, וועלכע זיַינען באשעפטיקט אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען;

ב) די שטיַיערן־זאמלער דארפן אָנעמען טייקעפדיקע און ענערגישע מאָסמיטלען אף צו פארשטארקן דעם קאָנטראָל איבער דער שטיַיערן־זאמלונג;

ג) מע דארף שליסן א פארשטענדיקונג מיט די צענטראלע האנדלס־אגענטורן פון אלע טיפּן, קעדיי נייטראליזירן די אראבישע אגענטן און שאפן שוועריקייַטן אין זייער ארבעט, באזונדערס אפן צאָפן, ניט דערלאָזן דערצו, אז די ייִדישע באפעלקערונג זאָל זיַין אָפּהענגיק פון זיי, באזונדערס אין די פאלן, ווען עס פארשטארקט זיך די אָנגעשטרענגטקייַט און עס ווערן איַינגעפירט אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען;

ד) די רעגירונג דארף געפינען א וועג צו פארקלענערן די אסיגנירונגען פאר די אראבישע מישפּאָכעס מיט פיל קינדער — דורך מאכן די אסיגנירונגען אָפּהענגיק פון די עקאָנאָמישע באדינגונגען פון דער מישפּאָכע, צי דורך ארויפנעמען פון דער מעלוכע־באזאָרגונג די פאראנטוואָרטלעכקייַט פארן צעטיילן די דאָזיקע אסיגנירונגען און איבערגעבן זיי אין רעשוס פון דער ייִדישער אגענץ אָדער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע, וועלכע זאָלן האלטן די מיטלען אויסשליסלעך פאר די באדערפענישן פון ייִדישע מישפּאָכעס;

ה) ענדלעך, דארפן די צענטראלע ייִדישע אנשטאלטן שטענדיק אָפּגעבן פאָרצוג די ייִדן לעגאבע די אראבער, אומאָפּהענגיק דערפון, צי עס רעדט זיך וועגן באזונדערע פערזענלעכקייַטן, צי וועגן אָרגאניזירטע גרופּעס מענטשן.

יעווסיי יאַצאָווסקי

פון א פראַנט־טאָגבוך

ניט לאַנג צוריק זײַנען אין ווילנע דערשינען אין דער ליטווישער שפּראַך „פראָנט־נאָטיצן" פון יעווסיי יאַצאָווסקי — א געוועזענעם אָפיצער פון דער סאָוועטישער מיליטערישער קאָנטר־אויסשפירונג.

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" לייגט פאָר אויסצוגן פון דעם דאָזיקן בוך אין דער איבער־זעצונג פון בער האַלפערן.

דער געוועזענער אַרטילעריע־קאָמאַנדיר פון דער 16־טער קלײַפּעדער, ליטווישער שיסער־דיוויזיע גע־נעראַל־מאַיאָר פּראַנאַס פּעטראָניס האָט אינעם פאָרוואָרט צום בוך געשריבן וועגן דעם מעכאַבער פון די „פראָנט־נאָטיצן":

יעווסיי יאַצאָווסקי איז אַן אָנטיילנעמער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ליטע. זײַן מו־טער — מאַריע יאַצאָווסקאַיאַ — (געשטאָרבן אין 1972) האָט פון 1926 אָן שטענדיק פאַרבונדן איר לעבן מיטן קאַמף פון דער ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין יאַצאָווסקיס דירע אין קאָוונע האָבן אין פאַרשיידענע צײַטן זיך אויסבאַהאַלטן, געאַרבעט און געלעבט אין אונטערערד־באַדינגונגען אָנפירנדיקע טוער פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין די יאָרן 1936 — 1939 איז דער מעכאַבער פון די „פראָנט־נאָטיצן" געווען דער פאַרבינדלער פונעם ערשטן סעקרעטאַר פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי אַנטאַנאַס סניעטשקוס, זײַן ברודער אַלעקסאַנדער איז אין די יאָרן 1940 — 1941 געווען א. סניעטשקוסעס געהילף.

אַלס סאָלדאַט פון דער ליטווישער בורזשואַזער אַרמיי האָט דער מעכאַבער געדינט אין 9־טן פוסגייער־פּאָלק אין מאַריאַמפּאָל (איצט קאַפּסוקאַס), שפּעטער אין שווענטשיאָנעליאַי. אין 1940, ווען די פאַשיסטישע מאַכט איז געפאַלן, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָליטרוק פון א ראָטע אין דעם זעלבן פּאָלק. נאָך דעם ווי פון דער ליטווישער פאָלקס־אַרמיי איז אויסגעבילדעט געוואָרן דער 29־טער טעריטאָריעלער שי־סער־קאָרפּוס, האָט ער געאַרבעט אַלס אָפּעראַטיווער באַפולמעכטיקטער פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים אינעם 234־טן שיסער־פּאָלק פון דער 179־טער שיסער־דיוויזיע.

דורכגעמאַכט דעם אויסערגעוויינלעך שווערן און ווייטעקפולן אָנהייב פון דער מילכאָמע און באַטיי־ליקנדיק זיך אין בלוטיקע שלאַכטן, איז דער מעכאַבער אין באַשטאַנד פון דער סאָוועטישער אַרמיי אָפּ־געטראָטן אױף מיזרעך. אין אָנהייב 1942 ווערט ער אָפּגערופן פונעם פראָנט און באַשטימט אין דער 16־טער ליטווישער שיסער־דיוויזיע, וואָס האָט זיך אין יענע טעג אָנגעהויבן פאָרמירן אין באַלאַכנאַ (גאָרקער געגנט). אין אירע רייען האָט ער געקעמפט ביזן ענדגילטיקן זיג איבערן סוינע.

פון די ערשטע מילכאָמע־טעג האָט יעווסיי יאַצאָווסקי געפירט א טאָגבוך, אָפּגעמערקט אין אים די וויכטיקסטע געשעענישן, זײַנע איבערלעבונגען.

אויף די פראָנט־וועגן האָט דער מעכאַבער געזען ניט ווייניק העלדנטאַטן, זיך געטראָפן מיט פאַרדינסט־פולע קריגסלײַט, גוזעלשאַפטלעכע טוער, שרײַבער. אין מיליטער האָט ער אויסגעפילט ספּעציפישע פליכטן — געאַרבעט אַלס אויספאָרשער פונעם באַזונדערן אָפּטייל (שפּעטער קאָנטר־אויסשפיר „סמערט שפּיאָנאַם", פאַרקירצט — „סמערש"). אַזויאַרום האָט ער געהאַט וויכטיקע אינפאָרמאַציע, וועלכע איז טייל־ווײַז אָפּגעשפּיגלט אינעם בוך.

1941

יון, 22. דער זומער־לאגער פון דער 179־טער שיסער־דיוויזיע פונעם 29־טן טעריטאָריִעלן שיסער־קאָרפוס איז אן ערעך 5 קילאָמעטער פון פאבראדע, לעבן טײַכל זשיימענא. פון דער שטוב, ווו עס געפינט זיך דער באזונדערער אָפטייל פון דער דיוויזיע, אײַל איך אין 234־טן שיסער־פאָלק, ווו איך ארבעט אלס אָפעראטיווער באפולמעכטיקטער פונעם אָפטייל. איך טרעף דעם באטאליאָן־קאָמיסאר אנדריי ראזין. ער רופט מיך ארײַן אין זײַן פאלאטקע, שליסט אײַן די ראדיִאָ, און איך הער קלאָר די ווערטער: „דער קעגנער וועט צעקלאפט ווערן, מיר וועלן זיגן!” דער זייגער ווײַזט עטלעכע מינוט נאָך 12.

יון, 24. די 179־טע שיסער־דיוויזיע האָט געקראָגן א באפעל אָפצוטרעטן אף מיזרעך. מיטן זון־אופגאנג האָבן מיר אָנגעהויבן דעם מארש. מיר זײַנען שוין דורך שווענטשיאן, אדוטישקעס.

יון, 28. אומעטום טרעפן מיר האמוינים מילכאָמע־פליטים. די פרויען טראָגן הונגעריקע, שרײַענדיקע קינדער. אלט און יונג ציט זיך אף מיזרעך. די בעבעכעס, וואָס מע האָט אפגיך פארכאפט מיט זיך פון שטוב, האָט מען שוין פון לאנג ארויסגעוואָרפן. די מענטשן זײַנען אָפגעשוואכט, פארמאטערט, אָבער זיי גייען און גייען. אייניקע גליקט אָפ: מע שפּײַזט זיי פון מיליטערישע פעלד־קיכן, אנדערע פירט מען אונטער אף וועגענער, אף אווטאָמאָבילן. איך קלער אלץ וועגן מײַנע אייגענע. ווו זײַנען זיי?

יון, 30. מיר דערגרייכן דאָס אָרט, ווו ס'איז ביז סענטיאבער 1939 געווען די מעלוכע־גרענעץ פון סאָוועטנפארבאנד. פונדאנען איז אן ערעך 30 קילאָמעטער ביז פאָלאָצק — איינער פון די עלטסטע ווײַסרוסישע שטעט.

יול, 5. מיר זײַנען אין דער אומגעגנט פון וועליקיִע לוקי. די פאָלקן פון דער דיוויזיע האָבן באקומען א פארשטארקונג — א סאך נײַע סאָלדאטן. אלס שטעלפארטרעטער פונעם אָנפירער פון אונדזער אָפטייל ווערט באשטימט ניקאָלײַ אסאטשיאָוו. איך קריג נײַע פליכטן — כ'וועל זײַן דער אויספאָרשער פונעם אָפטייל.

יול, 15 — 16. דער קאָמאנדע־פונקט פון דער דיוויזיע געפינט זיך אין וואלד לעבן פוסטאשקי, ניט ווײַט פונעם דאָרף גאָראָדישטשע.

פון דער זײַט הערט זיך א שיסערײַ. מיר באקומען א באפעל — אָפטרעטן. אונדזער מאשין פאָרט אף א פעלד־וועג. מיר קומען אָן אין א דערפל. קיין מענטשן זײַנען ניטאָ. שא־שטיל. פלוצעם הייבט מען אָן אף אונדז צו שיסן. פון אלע זײַטן פײַפן קוילן. מיר שפרינגען ארויס פון דער מאשין, פארנעמען א פאָזיציע הינטער א שטוב. די פאשיסטן שיסן פון די גערטנער. כ'שפיר, אז עס האָט מיר ווי אָפגעבריט אין דעם רעכטן פוס. אין ברען פון דער שלאכט לייג איך אף דעם ניט קיין אכט. איך וואָרף א גראנאטע אהין, ווו ס'איז ארויסגעשטעקט אן אווטאָמאט. עטלעכע דײַטשן שפרינגען אוף און פארשווינדן אין קאָרן. אסאטשיאָוו גיט א באפעל אָפצוטרעטן הינטער די קוסטעס. מיר שלײַכן אראָפ פונעם וועג און לויפן אריבער אין א וועלדל. צוויי מינעס רײַסן זיך אוף גאָר נאָענט. איך באקוק די וווּנד — די קויל האָט פארטשעפעט די איקרע פונעם פוס. ס'טוט וויי, אָבער מע קאָן אויסהאלטן. מיר גייען צו צו אן אָזערע. אף דער אנדערער זײַט זעען זיך מענטשן. דאָס איז אונדזער 234־טער פאָלק? אסאטשיאָוו באפעלט מיר גיין אויסשפירן. איך פויזע צו גאָר נאָענט און זע אן אווטאָמאָביל, דײַטשישע סאָלדאטן. נאָר עפשער דוכט זיך עס מיר? איך קריך צו נעענטער. אונדז טיילן אָפ בלויז די קוסטעס און א גראָבן. יאָ, דײַטשן! הייסט עס, מיר געפינען זיך שוין אינעם סוינעס הינטערלאנד. איך קער זיך אום צום פריִערדיקן אָרט, קוק זיך ארום: ניטאָ ניט אסאטשיאָוו, ניט די איבעריקע. איך רוף, אָבער קיינער רופט זיך ניט אָפ. ארום איז שטיל. איך קוק אפן זייגער: האלב אכט אָפדערנאכט. וואָס טוט מען, וווהין גייט מען?

פונדערווײַטנס דערטראָגן זיך ארטילעריע־שאָסן. איך גיי אלץ פאָרויס, פאָרויס. דערגאנגען צום ראנד פונעם וועלדל, הער איך א מרוקען פון בעהיימעס. אפן וועג טרײַבן דײַטשישע סאָלדאטן א סטאדע. איך צי זיך צוריק אין וואלד. אין קאָפ קלאפט נאָר איין געדאנק: ווו זײַנען אונדזערע? דערגרייכן די אייגענע איז א קנאפע האָפענונג. ווו ס'איז דער פראָנט, איז ניט קלאָר. כ'הייב אָן צו טראכטן, עפשער צוריקומען קיין ליטע, אָנרופן זיך מיט א פרעמדן נאָמען, זיך פארמאסקירן און ארבעטן אין אונטערערד, ווי אין די צײַטן פון דער פאשיסטישער דיקטאטור?

ס'ווערט פינצטער. איך גיי מיט א קוים מערקבאר וואלד־סטעזשקעלע — עפשער וועל איך זיך אָנשטויסן אף עפעס א יִשעוו. באנאכט קום איך צו א פעלד, אף וועלכן עס זעען זיך, ווי טונקעלע פלעקן, עטלעכע שטיבלעך. כ'הער א שיקערן געלעכטער, שאָסן און א הארצרײַסנדיקן אויסגעשריי:

— ניע סטרעלײַטע, מי בעזשענצי! ניע סטרעלײַטע![1]

עס הילכן נאָך עטלעכע שאָסן, געשרייען, און עס ווערט שטיל...

איך שלײַך ווײַטער אין דער פינצטער. פלוצעם — א קינדערשער געוויין, עמעצער בארויִקט דאָס קינד אף רוסיש. איך דערזע אן אלטן פויער, אן אויסגעשפאנט פערד. איך גיי צו, באגריס זיך.

— זאָגט מיר, ווו איז דער וועג אף פאָלאָצק?

דער אלטער קוקט מיך אָן א פארוווּנדערטער:

[1] שיסט ניט, מיר זײַנען פליטים, שיסט ניט! (רוסיש).



יעוסיי יאַצאָווסקי

— וואָס דאַרפסטו דאָרטן, זונעלע? דאָרט זײַנען דאָך די דײַטשן!

איך דערצייל אים, וויאַזוי איך בין געבליבן אַף דער אַנדערער זײַט פראָנט און אַז איך ווייס ניט, ווי צו דערגרייכן די אייגענע. דער אַלטער, אַ געוועזענער סאָלדאַט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע, וואַרפט מיר פּאַטערלעך פּאַר:

— אַזוי טאָר מען ניט. אויב דו לאָזסט אַראָפּ די הענט, ביסטו אַף געוויס פאַרפאַלן. מע טאָר ניט פאַרלירן די האָפענונג!

ער אייַצעט מיר זיך לאָזן מיט אַ זײַטיקן וועג קיין סאָקאָלניקי, באַגלייט מיך אַפילע אַ ביסל, כ'זאָל ניט פאַרבלאָנדזשען. איך באַדאַנק הייס דעם גוטן מענטשן און געזעגן זיך. מיר ווינטשן איינער דעם אַנדערן וואָס גיכער זיך דערוואַרטן אַפן ניצאָכן.

איך גיי מיטן וואַלד, ניט פאַרלירנדיק פונעם אויג דעם וועג. ס'הייבט אָן צו טאָגן, און איך דערזע אַפן וועג רײַטער. איך קוק זיך צו: באַקאַנטע פּנעמער! סאָלדאַטן פון אונדזער 619־טן אַרטילעריע־פּאָלק. איך האָב אין 1940 אַ קורצע צײַט געדינט אין אָט דעם פּאָלק. די אַרטילעריסטן דערקענען מיך אויך, און איך רײַט ווײַטער מיט זיי. דער פראָנט איז געבליבן ערגעץ אין אַ זײַט.

יול, 25. די פּאָלקן פון דער דיוויזיע באַטייליקן זיך אין שלאַכטן מיט איבערוועגנדיקע קויכעס פונעם סוינע לעבן נעוועל. מיר ציִען זיך צוריק הינטער דעם טײַך לאָוואַט, און אַ 15—20 קילאָמעטער פון וועליקיִע לוקי פאַרנעמען מיר פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס. די דיוויזיע און דער 29־טער שיסער־קאָרפּוס קעמפן אין באַשטאַנד פון דער 22־טער אַרמיי.

יול, 27. אונדזערע אויסשפּירער זײַנען באַנאַכט אַריבער אַף דעם מײַרעוו־ברעג פון לאָוואַט און געבראַכט פון דאָרט אַ „צונג" — אַ דײַטשישן יעפרייטער.

אַזוי ווי אין שטאַב איז נאָך ניטאָ קיין איבערזעצער, האָט מען דעם געפאַנגענעם געבראַכט צו מיר. ס'ערשטע מאָל קומט מיר אויס צו ריידן מיט אַ דײַטשישן סאָלדאַט. איך ווייס אַפילע ניט, ווי אָנצוהייבן די אויספאָרשונג. מיר זיצן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און שווײַגן. אויסער מיר זײַנען אין זעמליאַנקע דער עלטערער פּאָליטרוק פונעם אויטאָבאַטאַליאָן פון דער דיוויזיע קאַרע און דער עלטערער לייטענאַנט וואָלקאָוו. זיי פרעגן דעם געפאַנגענעם, אין וועלכן טייל ער האָט געדינט. דער דײַטש ענטפערט גערן. קענטיק, ער איז צופרידן, וואָס דאָס איימעדיקע שווײַגעניש האָט זיך פאַרענדיקט. ער דערציילט אַפילע זאַכן, וועגן וועלכע מע פרעגט אים ניט. ער איז אַ דערפאַרענער סאָלדאַט — אָנטיילגענומען אין די קאַמפּאַניעס קעגן פּוילן און פראַנקרײַך. אַפן מיזרעך־פראָנט איז ער פונעם ערשטן טאָג אָן. ער זאָגט, אַז ער האָט ניט געהאָפט, אַז מע וועט אים לאָזן אַ לעבעדיקן. ער האָט זיך זייער פאַרוווּנדערט, וואָס מע האָט אים קוידעמקאָל אָוועקגעפירט צום דאָקטער און איבערגעבונדן זײַן ווונד.

דער עלטערער פּאָליטרוק קאַרע טײַטלט אַף דער ווונד פונעם געפאַנגענעם און פרעגט:

— נו, יעקע, ס'איז געשמאַק צו פירן אַ מילכאָמע?

דער יעפרייטער שאָקלט ענערגיש מיטן קאָפּ:

— אָבער ניין! דאָס זינד די פאַרפלוכטע נאַציס שולד. היטלער!

אַ סאַך יאָרן האָט די דײַטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי געוואָרנט קעגן דער דראָענדיקער קריגס־געפאַר. איך דערמאָן זיך דאָס 1930־טע יאָר, ווען איך בין אַף אַ קורצער צײַט געקומען מיט דער מוטער קיין בערלין — דאָרט האָט געלעבט מײַנער אַ פעטער. אַף דער גאַס האָב איך געזען אַ דעמאָנסטראַציע — אַרבעטער האָבן מאַרשירט מיט רויטע פאָנען, געטראָגן טראַנספּאַראַנטן: „נידער מיט די נאַציס!", „היטלער — דאָס איז קריג!".

אויגוסט, 22. אונדזערע טיילן אַטאַקירן דעם סוינעס מײַרעוודיקער פונעם טײַך לאָוואַט. נײַן אַזייגער אין אָוונט קומט צו אונדז אַרײַן דער אַדיוטאַנט פונעם קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע און זאָגט אָן אַן אומגלייבלעכע יעדיִע: אין סאָווכאָז אושיצי זײַנען דײַטשן! הייסט עס, מיר זײַנען אַרומגערינגלט, מיר געפינען זיך אין אַ „קעסל"!

אויגוסט, 23. אומגעריכט טרעף איך מײַנעם אַ שול־כאַווער, אַ געוועזענעם קאָוונער קאָמיוגיסט לייבל מאַצקעוויטש. ער אַרבעט אַלס איבערזעצער אין שטאַב פונעם קאָרפּוס און דערציילט, אַז צווישן די פאַרהערטע געפאַנגענע איז געווען אַ דײַטשישער יעפרייטער, וואָס איז פרײַוויליק אַריבער צו אונדז. דער דײַטש האָט געוווּסט, אַז מיר זײַנען אַרומגערינגלט, אָבער

ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ קאָמוניסט און האָט נאָר געוואַרט אַף דער ערשטער געלעגנהייט אריבערצוגיין אַף דער זײַט פון דער רויטער ארמיי. האַלעווײַ וואָס מער אַזעלכע באַוווסטזיניקע דײַטשן! בײַס מיר שמועסן הייבט זיך אָן אַ באָמבאַרדירונג — אַ גרופּע פון 25—30 עראָפּלאַנען וואַרפן אַף אונדז באָמבעס אָן אָן אופהער. דאַכט זיך, איך הייב זיך אָן צוגעוווינען. געזעגנענדיק זיך, צעקושן מיר זיך. צי וועלן מיר זיך נאָך ווען זען?

לײַבל מאַצקעוויטשן האָט מער קיינער ניט געזען. גיכער פון אַלץ איז ער געפאַלן אין שלאַכט באַם פּרוּוון זיך אַרויסרײַסן פון דער אַרומרינגלונג.

אויגוסט, 24. ניט ווײַט פונעם וואַלד איז אַ פעלד־לאַזאַרעט: עטלעכע פּאַלאַטקעס, אַן אויטאָמאָביל, וואָגענער. אַרום ליגן, זיצן פאַרוווּנדעטע. איך דערזע לײַבע ראָזענבערגן, מיט וועלכן כ׳האָב צוזאַמען געדינט אין דער בורזשואַזער אַרמיי, אין 9־טן פוסגייער־פּאָלק. ער זיצט אַ צונויפגעקאָרטשעטער, אָנשפּאַרנדיק זיך אין אַ בוים. ער איז פאַרוווּנדעט אין רוקן. איך זאָג אים, ער זאָל גיין מיט אונדז, כ׳פּרוּוו אים העלפן זיך אופהייבן, אָבער ער איז ניט בײַ־קויעך.

— איך קאָן ניט, איך קאָן זיך ניט אַ ריר טאָן. וואָס ס׳וועט זײַן, וועט זײַן.

ס׳איז שווער, אַזש ס׳פאַרקלעמט דאָס האַרץ — איך קאָן מיט קיין זאַך ניט העלפן אַ כאַווער. ס׳בלײַבט מיר נאָר אים צו טרייסטן:

— האַלט זיך, ברודער! מע טאָר קיינמאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג!

שפּעט אין אָוונט שטויסן מיר זיך אָן אַף אַ גרופּע פון אונדזערן אַ באַטאַליאָן, וואָס גייט אַף צאַפן. מיר שטייען צו צו זיי.

די שלאַכט פלאַקערט אוף אומדערוואַרט. באַם קליינעם טײַכל קרופּיצאַ באַגעגנט אונדז אַ האָגל פון קוילן — מע שיסט פון קוילנוואַרפערס, אויטאָמאַטן און ביקסן. אונדזער הויפּט־געווער אין אָט דער שלאַכט איז דער מעכטיקער רויטאַרמייִשער הוראַ און דער רוסישער שפּיז, אונדזער טרײַער פאַרבינדעטער — די פינצטערע נאַכט.

אין אונדז שיסט מען, אַ סאַך פאַלן, ווערן דערטרונקען, נאָר מיר גייען פאַראַקשנט צום אַנדערן ברעג, שרײַענדיק מיט אַלע קויכעס הור־אַ־אַ, הור־אַ־אַ! דורכגענעצטע ביזן לעצטן פאָדעם, קאַראַבקען מיר זיך אַפן שטײַלן ברעג, וואַרפן זיך אַף די דײַטשישע אָקאָפּעס. די היטלעריסטן לויפן, וואַרפן דאָס געווער.

איך הער מײַן כאַווערס סודינס קלינגענדיקע שטים:

— שטעכן, שלאָגן דעם פײַנט! פּאָרויס!

מיר דערגרייכן דעם שאָסיי וועליקיִע לוקי — אושיצי. דער קעגנער שיסט מיט טראַסירנדיקע קוילן, וואָס שטעכן ווי מיט פײַלן דורך אונדזערע רייען. פון אַלע זײַטן הערן זיך אויסגעשרייען:

— זאַ ראָדינו, וופּעריאָד! הור־ראַ־אַ־אַ![1]

מיר לויפן ווידער אין אַטאַקע. מיר גייען אַריבער דעם שאָסיי, וואָס איז פול מיט איבערגעקערטע ברענענדיקע דײַטשישע אויטאָמאַשינעס, מאָטאָציקלען, פורן, געפאַלענע.

עטלעכע הונדערט מעטער ווײַטער איז דער אײַזנבאַן־וועג וועליקיִע לוקי — רזשעוו. די היטלעריסטן ליגן הינטער דעם אײַזנבאַן־אויפשיט. זיי זעען אונדז ניט, נאָר שיסן פון צײַט צו צײַט. מיר גייען שטיל צו נעענטער. אַ פּלוצעמדיקער אָנפאַל — און דער קעגנער דערשפּירט דעם טאַם פון רויטאַרמייִשע שפּיזן. נאָך איין פאַשיסטישע פּאָזיציע איז דורכגעבראָכן! זאָל נאָר גיך זיך ניט ענדיקן די קורצע זומער־נאַכט!

רעכטס פון אונדז לויכט אַ סרייפע — עס ברענט דער וועליקאָפּאָלער וואָקזאַל. ביזן אײַזנבאַן־וועג וועליקיִע לוקי — סעליזשאַראָווע איז אַן אָפן פעלד — קיין שום בוים, אַפילו קיין שום קוסט. מיט קורצע איבערלויפן דערנענטערן מיר זיך צו די דײַטשישע אָקאָפּעס. דער קעגנער דערשפּירט די געפאַר און הייבט אָן צו שיסן פון קוילנוואַרפערס, אויטאָמאַטן. הינטער אונדז רײַסן זיך אוף עטלעכע מינעס. באַ דער זײַט דערהער איך אַ געשריי. איך לויף צו צום אומגעפאַלענעם סודינען. ער איז פאַרוווּנדעט אין בויך, קרעכצט. איך כאַפּ זיך צום אינדיווידועלן פּאַקעט מיט די בינטן. אַ צווייטע קויל טרעפט מײַן כאַווער אין קאָפּ...

דער אײַזנבאַן־וועג איז שוין געבליבן הינטער אונדז. אַנטקעגן איז אַ דאָרף, פון וועלכן עס שיטן זיך אויטאָמאַטן־סעריעס. זיי צווינגען אונדז זיך צוצודריקן צו דער ערד. עס קומען צו אַלץ מער רויטאַרמייער. מיר גרייטן זיך צו אַ נײַער אַטאַקע. עס הייבט אָן צו טאָגן, און מיר וואַרפן זיך אין שטורעם. די היטלעריסטן האַלטן ניט אויס אונדזער אָנגריף און נעמען לויפן. קיינער יאָגט זיי ניט נאָך, קיינער פאַרפאָלגט זיי ניט. פאַר אונדז איז איצט דאָס וויכטיקסטע אַרויסצורײַסן זיך פון דער אַרומרינגלונג. פינף פײַער־ליניעס פונעם סוינע האָבן מיר שוין דורכגעבראָכן. „עפּשער זײַנען מער ניטאָ אַף אונדזער וועג קיין פאַשיסטן?” — טראַכט איך. ס׳איז שוין געוואָרן אינגאַנצן ליכטיק, ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן דײַטשישע טאַנקען. זיי פאָרן 7 אָדער 8 אין איין ריי. שיסנדיק פון קוילנוואַרפער, אויטאָמאַטן, פאַלן זיי אָן אַף אונדזערע שיטער געוואָרענע רייען. אָפּצושלאָגן די אַטאַקע פון טאַנקען האָבן מיר ניט מיט וואָס. מיר לויפן צוריק. איינער נאָכן אַנדערן פאַלן רויטאַרמייער. „ווײַטער לויפן האָט קיין זין ניט”, — בליצט דורך אַ געדאַנק, און איך וואַרף זיך אין ערשט־בעסטן גראָבן. דאָ ליגט שוין אַ רויטאַרמייער. דער טראַסקענדיקער טאַנק דערפאָרט ניט ביזן גראָבן און שטעלט זיך אָפּ. קענטיק, זיי האָבן מוירע פאַר קעגנטאַנק־גראַנאַטן אָדער פלעשער מיט ברענענדי־

[1] פאַרן היימלאַנד, פאָרויס! הור־ראַ־אַ־אַ! (רוסיש).

דער אוטאָר פונעם טאָגבוך אפן קאַלינינער פראָנט
נאָכן ארויסגיין פון דער ארומרינגלונג. סענטיאַבער
1941

קער פליסיקײַט. מיר האָבן שוין אָבער ניט דאָס,
ניט יענץ. עס שיסן פונעם טאַנק קוילנוואַר־
פערס, און קוילן פײַפן איבער אונדזערע קעפּ.
די קוסטעס ארום אונדז ווערן ארומגעשניטן,
ווי א גערטנער וואָלט דאָס געמאַכט. נאָכדעם
הייבט דער אײַזערנער מאַלכאַמאָוועס אָן זיך
צו באַוועגן איבערן גראָבן, ניט אופהערנדיק
דערבײַ צו שיסן. מיטן גאַנצן קערפּער דריק
איך זיך צו צו דער ערד. איך זע, ווי די רויפּן
קוועטשן די ערד איבער מײַנע פיס. נאָך א פּאָר
סאַנטימעטער, און — פאַרטיק! נאָר דער גראָבן
ראַטעוועט ארויס. דער טאַנק פאָרט אוועק ווײַ־
טער. מאַשמאָעס די פאַשיסטן האַלטן, אז דאָס
פײַער און די רויפּן האָבן אַלץ פאַרניכטעט אף
זייער וועג.

א גאַנצן טאָג זײַנען מיר געלעגן אין דעם
גראָבן, און ווען ס'איז אינגאַנצן פינצטער גע־
וואָרן, האָבן מיר פאַרלאָזט אונדזער צײַטווײַ־
ליקע „באַהעלטעניש". אין דער פינצטער גייען
מיר איבער די ארומיקע קוסטעס און זוכן די
לעבנגעבליבענע כאַווײרים. ס'האָבן זיך צוזאַ־
מענגעקליבן 31 מאַן — רויטאַרמייער און עט־
לעכע סערזשאַנטן. איך בין אין דער גרופּע דער
עלטסטער לויטן ראַנג, און איך לייג פאָר זיך
דורכצושלאָגן צו די אונדזעריקע. איך סטאַרע
זיך צו דערמוטיקן די כאַווײרים, הייבן די שטי־
מונג. מיר העלפט דערבײַ זייער דער סערזשאַנט
קאָוואַלענקאָ.

די טונקעלע נאַכט איז אויסגעשטערנט. איך
געפין די גרויסע בעריכע און דעם פּאָליאַר־
שטערן, און, אָריענטירנדיק זיך אף אים, פיר
איך די גרופּע אף צאָפן־מיזרעך. איך האָב קיינ־
מאָל ניט געקלערט, אז דער פּאָליאַר־שטערן

וועט מיר אמאָל אזוי צוניץ קומען. איצטער
דאַרף איך אפילע ניט קיין קאָמפּאַס. מיר גייען
פאַרויס דורך פעלדער, לאַנקעס, וועלדלעך.
לינקס בלײַבן עפּעס דערפלעך. מיר גייען ארײַן
אין א געדיכטן וואַלד. דאָ קאָן מען זיך אָפּרוען,
קומען צו־זיך.

אז ס'הייבט אָן צו טאָגן, גייען מיר דורך א
דאָרף מיט א מאָדנעם נאָמען — „זאוואָד". מיס־
טאָמע איז דאָ טאַקע אמאָל געווען אן אונטער־
נעמונג. די אײַנוווינער זײַנען אונדז מעכאַבעד
מיט געבאַקטע בולבעס און אנטשולדיקן זיך,
וואָס די קאַרטאָפל זײַנען קליינע און ס'איז ניי־
טאָ קיין זאַלץ.

אָוונט־צו דערגרייכן מיר דאָס דאָרף אָזערעץ,
וווּהין עס קלײַבן זיך די רעשטלעך פון דער
22־טער ארמיי, — די אַלע, וועמען עס איז גע־
לונגען זיך ארויסצורײַסן פון דער ארומרינג־
גלונג.

אווגוסט, 28. דאָרעם־צו פון אָזערעץ פּלאַ־
קערן אוף שלאַכטן מיט די טאַנקען פונעם קעג־
נער. די דײַטשן ווערן אָפּגעשטעלט, און 6 פון
זייערע טאַנקען בלײַבן ברענענדיקע אפן פעלד.
די רויטאַרמייער האָבן פאַרכאַפּט א גאָר גוט
בראַנירטן אווטאָמאָביל. ס'איז געפאַלן דער קאַ־
פּיטאַן מעלצער. מיר קריגן א באַפעל אָפּצו־
טרעטן.

אווגוסט, 30. די פעלד־פּאָסטאַמט 609 איז פאַר־
וואָרפן מיט בריוו — קיינער סאָרטירט זיי ניט.
די סאָלדאַטן גריבלען זיך אַליין אין די בריוו.
איך זוך אויך. אָט איז א בריוו צו סודינען. עס
שרײַבט די מוטער. עס וועט זײַן שווער איר
מיטצוטיילן וועגן דעם זונס טויט.

עס זײַנען שוין געבליבן גאָר ווייניק בריוו,
און דאָ געפין איך א פּאָסט־קאַרטל פון מאָסק־
ווע, אדרעסירט צו מיר. וואָס פאַרא גליק —
מײַנע אייגענע האָבן באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן!
דער פאָטער און דער ברודער אַלעקסאַנדער
זײַנען אין קאַזאַן, די מוטער — אין שטעטל קאַ־
טעלניטשי, קיראָווער געגנט.

ווו איז מײַן לייע? צי איז איר געלונגען זיך
ארויסרײַסן?

די דיוויזיע האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט
פון אנדרעאַפּאָל, מיזרעכדיקער פון דער שטאָט.
דאָ דאַרף זי ווידער אָנעמען קויכעס.

סענטיאַבער, 3. מיר האָבן זיך פאַרפעסטיקט
לעבן טײַך זאַפּאַדנאַיאַ דווינאַ. אומעטום געפי־
נען מיר טרײַע מענטשן, וואָס זײַנען גרייט צו
העלפן די טשעקיסטן. מיר ריידן זיך צוניף,
וויאַזוי די דאָזיקע פרײַוויליקע באַהעלפער וועלן
אונדז געבן צו וויסן וועגן פאַרדעכטיקטע
מענטשן — פײַנטלעכע אַגענטן, וועלכע דער
סינע וואָרפט אריבער אין אונדזער הינטער־
לאַנד.

אָקטיאַבער, 7. מיר באַקומען א באַפעל אָפּ־
צוטרעטן. די דײַטשן האָבן זיך דורכגעריסן צו
רזשעוו, און אונדזער מיליטערישער גרופּע
דראָעט די געפאַר ווידער ארײַנצופאַלן אין א
„זאַק". אָן שלאַכט גיבן מיר אָפּ דעם קעגנער
א גרויסע טעריטאָריע — מיר טרעטן אָפּ אף

80—90 קילאָמעטער, פון דער דווינע ביז דער וואָלגע.

נאָיאבער, 15. פונעם מיליטערישן אויספּירפּטייל פון דער דיוויזיע האָט מען געבראַכט אַ גאַנץ פּעקל בריוו, געפונענע בײַ דערהאַרגעטע דײַטשישע סאָלדאַטן. סראָוו זײַנען דאָס בריוו פון דײַטשלאַנד, און מע שרײַבט אין זיי וועגן פאַמיליע־אָנגעלעגנהײַטן. זעלטן־ווען לייען איך אין זיי פּראַזעס, וואָס דערמאָנען די נאַציסטישע פּראָפּאַגאַנדע־לאָזונגען. מיר האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ מאָדנער קאָנווערט: אַ געוויינלעכע פּאָסט־מאַרקע פון 8 פּפעניג מיט היטלערס בילד און אַן אויפשריפט Deutshes Reich. אָבער איבער דעם מיט שוואַרצער פאַרב צוגעדרוקט: Ostland און דער שטעמפּל פון אויסגאַנגס־פּונקט איז... Kauen! הייסט עס, ליטע איז מער ניטאָ, ס'איז דאָ אַ קאָלאָניע פונעם דײַטשישן רײַך — אָסטלאַנד, מיזרעך־געגנט. און מײַן היימשטאָט קאָוונע הייסט שוין קאַוען.

דעקאַבער, 13. סאָפּקאָלסאָף זיך דערוואַרט! די סאָוועטישע אינפאָרם־ביוראָ מעלדעט, אַז דעם 6־טן דעקאַבער האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער קאָנטער־אָפּעראַציע אַפן גאַנצן פראָנט הינטער מאָסקווע. די היטלעריסטן איז ניט געלונגען אַרומצורינגלען אונדזער הויפּטשטאָט. די רויטע אַרמיי האָט געגעבן דעם סוינע ביטערע קלעפּ. אונדזערע גרײַפן ווײַטער אָן.

1942

יאַנוואַר, 18. אַנטלויפנדיק, פאַרברענען די פאַשיסטן דערפער און שטעט. היטלער האָט באַפוילן איבערצולאָזן אַ מידבער. אַלע האָריזאָנטן פלאַקערן. וווּהין דו ווענדסט דײַן בליק — אַף מײַרעוו צי אַף דאָרעם — אומעטום סרייפעס, פײַער, רויך, אַש. די היטלעריסטישע סרייפע־קאָמאַנדעס באַשטייען פון עסעס־לײַט. די פאַרשטייער פון דער „העכערער ראַסע" לאָזן קיין זאַך ניט איבער. אין שטאָק־פינצטערניש לויפן די מענטשן אַרויס פון די ברענענדיקע הײַזער אין איינע העמדער און באַהאַלטן זיך אין די וועלדער.

יאַנוואַר, 20. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער באַזונדערער אָפּטייל פון דער 22־טער אַרמיי האָט אַרויסגערופן צו זיך מוישע גאָלדן — מײַנעם אַ שול־כאַווער און מיטאַרבעטער. מע וועט אים שיקן אין דער ליטווישער דיוויזיע. פריִער האָט מען אין דער דיוויזיע שוין געשיקט דעם קאָמיסאַר פון דער 179־טער שיסער־דיוויזיע יאָנאַס מאַציאַוסקאַס און די פּאָליט־אַרבעטער בראָניסלאַוואַס מאַזשייקאַ און יואָזאַס קאָנטשיוּנאַס. וועגן מיר רעדט זיך דערווײַל ניט.

לויט דער ביטע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט דער העכסטער שויץ־קאָמיטעט דעם 19־טן דעקאַבער 1941 באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן די 16־טע ליטווישע שיסער־דיוויזיע פון דער רויטער אַרמיי. אין איר זײַנען אַרײַן סאָלדאַטן פונעם געוועזענעם 29־טן טעריטאָריִעלן שיסער־קאָרפּוס און מאָביליזירטע — געוועזענע אײַנוווינער פון ליטע, וועלכע האָבן זיך באַוויזן צו עוואַקויִרן, ווי אויך ליטווינער, וועלכע לעבן פון גאָר אַלטע צײַטן אין סיביר און אין אַנדערע געגנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

יאַנוואַר, 24. אינעם דאָרף באָלשיִע קלאָטשקי האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אַף 26 דערשאָסענע רויטאַרמייער, וועלכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צום סוינע. די הענקער האָבן אַף גיך אומגעבראַכט די געפאַנגענע און זײַנען אַנטלאָפן. קיינע דאָקומענטן בײַ די געפאַנגענע האָבן מיר ניט געפונען. ווער זײַנען אָט די אומגליקלעכע?

די היגע אײַנוווינער האָבן אַ סאַך דערציילט וועגן דעם סעקרעטאַר פונעם קאָמיוג־קאָמיטעט פון דעם פּיִאָנאָווער ראַיאָן ליזע טשײַקינאַ, וועגן אירע לעגענדאַרע העלדנטאַטן. די דײַטשן האָבן זי געזוכט, נאָר ניט געקאָנט כאַפּן, ביז איינער אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט זי אַרויסגעגעבן. די היטלעריסטן האָבן לאַנג זי געפּײַניקט, נאָר קיין זאַך פון איר ניט אַרויסגעקראָגן. סאָפּקאָלסאָף האָבן זיי זי דערשאָסן.

פעוורואַל, 3. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינעם דאָרף באָלשאַיאַ יאַסנאָוויצאַ. ס'איז באַקומען געוואָרן דער באַפעל אָפּצוקאָמאַנדירן מיך אין שטאַב פון דער 22־טער אַרמיי. און פון דאָרט... אַלעמען איז קלאָר — אין דער ליטווישער דיוויזיע.

פעוורואַל, 7—8. אין קלין וואַרט איך לאַנג אַף אַ טראַנספּאָרט קיין מאָסקווע. אַן אַדרעס האָב איך: קוזנעצקי מאָסט, אויסוויַיז־ביוראָ. די מאָסקווער זײַנען אויפמערקזאַם און העפלעך — מע ווײַזט מיר דעם וועג, ווּהין און וויִאַזוי צו גיין. איך גיי אַהין און אַהער, קוק זיך אַרום, זוך און קען אַלץ ניט געפינען קיין בריק. מע האָט דאָך געזאָגט — „קוזנעצקי מאָסט", דאָס הייסט אַ בריק. ניט געפינענדיק, פרעג איך ווידער. „איר שטייט דאָך אַף קוזנעצקי מאָסט". לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז גאָר דער נאָמען פון אַ גאַס.

איך גיי אַרײַן אין ביוראָ. איין וואַנט איז פול מיט פענצטערלעך, די אַנדערע מיט טעלעפאָן־קאַבינעס. איך זע — פון איינער אַ קאַבינע גייט אַרויס אַ מיליציע־מאַיאָר.

— ראַפּאָלאַס! — שרײַ איך אַ דערפרייטער.

מיר נעמען זיך אַרום, צעקושן זיך.

ראַפּאָלאַס — דאָס איז דער פּאַרטיי־פּסעוודאָנים פון פרידיס קראַסטינס, אַ פאַראַנטוואָרטלעכן טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין

דער בורזשואזער ליטע. מיר האָבן זיך ניט געזען צוויי אָדער דרײַ יאָר. אין זיקאָרן בליצן אויף די געהיימע טרעפונגען אין די פינצטערע געסלעך פון קאָונער פאָרשטעט, די אומגעוויינלעכע רײַזע קיין יאַנאווע אין 1939. דעמלט האָב איך אין אן ענגלישן אווטאָמאָביל „מאָריס־מינאָר" געפירט קראַסטיניסן מיט א שרײַבמאַשינקע פון יאַנאווע קיין קאָוונע. אפֿן וועג האָט אונדז געוואָלט פאַרהאַלטן א פּאָליציי־קאָרדאָן. מיר זײַנען קוים דורכגעשפּרונגען.

קראַסטיניס זאָגט מיר אָן די פרייידיקע ידיע — אין האָטעל „מאָסקווא" לעבן דער כאַווער סנעטשקוס און נאָך אייניקע פאַראַנטוואָרטלעכע טוער פון ליטע.

פעווראַל, 9. דער געהילף פונעם שעף פון דעם קאַדרען־אָפּטייל טיילט מיר מיט, אז איך ווער באַשטימט פאַר אן אויספאָרשער אין דער באַזונדערער אָפּטיילונג פון דער 16־טער ליטווישער שיסער־דיוויזיע.

אין האָטעל „מאָסקווא" קלאַפּ איך אָן אין דער טיר פונעם נומער, וואָס קראַסטיניס האָט מיר געזאָגט. עס עפנט די טיר מירע באַרדאָן, די פרוי פונעם כאַווער סנעטשקוס. פון טיש הייבט זיך אויף דער ערשטער סעקרעטאַר. ס'איז א פרייידיקע באַגעגעניש נאָך אזויפיל איבערלעבונגען.

— איך דאַרף פאַר דיר זאָרגן, — זאָגט מירע האַרציק. — דו ביסט דאָך מאַרוסיעס זון.

שפּעטער קומט אַרײַן אדאַמאַס[1]. נאָכדעם ווי ער האָט זיך דורכגערעדט מיט סנעטשקוסן, זאָגט ער מיר אויס א גרויסן סאָד — מײַן ברודער אַלעקסאַנדער געפינט זיך איצט אין מאָסקווע. ער גרייט זיך מיט נאָך כאַווייִרים צו זײַער א פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטייִשער אויפגאַבע. אדאַמאַס האָט צוגעזאָגט צו אָרגאַניזירן אונדז מאָרגן א טרעפונג.

איך פאַרהאַלט זיך לאַנג צוגאַסט. אין מײַן האָטעל, ווו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, איז שוין שפּעט צו גיין. איך נעכטיק בא מײַן געוועזענעם לערער העריק זימאַנאַס, וועלכער וווינט אויך אין „מאָסקווא".

פעווראַל, 10. מיטן ברודער טרעפן מיר זיך באַם אַרײַנגאַנג פון דער מעטראָ־סטאַנציע „דזערזשינסקאַיאַ". די באַגעגעניש איז פאַר אונדז ביידן אן אומדערוואַרטע פרייד. לאַנג, זייער לאַנג שפּאַצירן מיר איבער מאָסקווער גאַסן, דערציילן וועגן אונדזערע איבערלעבענישן, פּרווון זיך פאָרשטעלן, וואָס עס וועט ווײַטער זײַן.

פעווראַל, 11. מאָרגן פאָר איך אוועק. מיר גייען מיט אַלעקסאַנדערן זיך פאָטאָגראַפירן. עס קאָן גרײַלעך זײַן, אז מיר וועלן זיך מער ניט זען. ס'איז שווער זיך צו געזעגענען. ערשט איצט הייב איך אָן צו פאַרשטיין, ווי נאָענט איז מיר מײַן ברודער, ווי טײַער ער איז מיר און ווי איך האָב אים ליב. מיר געזעגענען זיך אָן ווערטער. ס'איז מיר נאָך קיינמאָל ניט אזוי שווער געוועזן אפֿן האַרצן. עפּעס א מאָדנער אומגעווײנלעכער געפיל. ווען וועלן מיר זיך ווידער זען?

איך קאָן לאַנג ניט אײַנשלאָפן. איך קלער אַלץ וועגן ברודער. כ'דערמאָן זיך מײַנע שווערע וועגן אין דער אַרומרינגלונג...

צוליב קאָנספּיראַציע־מאָטיוון האָב איך דעמלט ניט געטאָרט שרײַבן, אז דער ברודער קלײַבט זיך צו פליִען מיט א פּאַרטיזאַנער־גרופּע קיין ליטע, וואָס איז דעמלט געווען אָקופּירט פונעם סוינע. אָבער איך האָב דאָס געוווּסט, און די זאָרג וועגן זײַן גורל האָט מיך פאַרפאָלגט...

פעווראַל, 15. איך בין אין קאַזאַן אָף א קורצן באַזוך בא מײַנע עלטערן. איך געפין די פּעדאָסייעווסקער גאַס. דאָ לעבן אין א צימערל מײַנע עלטערן. כ'עפן פאַרזיכטיק די טיר — די מאַמע! אן אויסגעמאָגערטע, א בלאַסע. מיר נעמען זיך אַרום, שטייען אזוי און וויינען.

מײַן קומען איז פולשטענדיק אומדערוואַרט פאַר איר. דער פאָטער איז אָף דער אַרבעט.

— דו וועסט אים ניט דערקענען, — זאָגט טרויעריק די מאַמע, — ער זעט שלעכט אויס, אין גרוי געוואָרן. ניט פאַר זײַן עלטער אזעלכע איבערלעבונגען...

נאָר דער פאָטער קומט פון דער אַרבעט אין א גוטער שטימונג, וויצלט זיך, ווי שטענדיק, דערציילט פאַרשיידענע פרייִלעכע מײַסעס, אנעקדאָטן. אזוי ווי אַמאָל, אין קאָוונע, רופט ער די מאַמע „ווײַסע וואָראַנע", ס'הייסט, ניטאָ נאָך אזא ווי זי.

— ווי געוועזן, אזוי איז זי געבליבן, דײַן מאַמע: אַלץ פאַר אַנדערע, פאַר זיך — אפֿן לעצטן אָרט, — כאַזערט איבער דער פאָטער, און עס פילט זיך, אז ער גרויסט זיך מיט דעם.

די מאַמע שווײַגט און שמייכלט. אַמאָל, ווען דער פאָטער פלעגט איר עפּעס פאַרוואַרפן, פלעגט זי אויך אזוי שווײַגן, קלוימערשט זי איז מאַסקים מיט אים. נאָר טאָן פלעגט זי דאָס אײַריקע. און שטענדיק פלעגט זיך אַרויסווײַזן, אז גערעכט איז זי.

דער צימער איז א קליינער, א קאַלטער, אומגעמיטלעכער. א דירע אָן קיינע באַקוועמלעכקײַטן. צו דער אַרבעט דאַרף מען ווײַט גיין. שפּײַז פעלט. ס'איז שווער די עלטערן.

פעווראַל, 23. דער יאָמטעוו פון דער רומפולער רויטער אַרמיי! אָף די גאַסן פון גאָרקי, פונוואַנען איך בין אָקאָרשט אַרויסגעפאָרן, אין צוג, מיט וועלכן איך פאָר איצט קײַן באַלאַכנאַ, — אומעטום איז א געהויבענע שטימונג. בא מיר באַזונדערס — הײַנט וועל איך זײַן אין דער ליטווישער דיוויזיע. פון באַלאַכנאַ פאָר איך אַרויס אין ניט ווײַטן הידראָדאָרף — א שטעטל פון איינשטאָקיקע באַראַקן. אַרײַנגעגאַנגען אין ערשטן באַראַק, זע איך א טראַנספּאַראַנט אָף ליטוויש: „כאַווייִרים, זײַט געגריסט באַם אָנקומען אין דער ליטווישער דיוויזיע!".

וויפל נײַע אײַנדרוקן, וויפל נאָענטע מענטשן! איך פיל זיך דאָ, ווי א מענטש, וואָס איז צו־

[1] דער פּסעוודאָנים פונעם 2־טן סעקרעטאַר פון צק פון לקפּ איציק מעסקופּאַס אין דער אונטערערדצײַט 1934 — 1940.

ריקגעקומען אין זײַן היימשטאָט, ווו ס'איז פאַרבײַ זײַן יוגנט, ווו ער קען יעדן הויף, יעדע סטעזשקעלע.

אַרום הערט מען די ליטווישע שפּראַך, ליטווישע לידער, אַ סאַך סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן ריידן ייִדיש.

מאַרט, 3. כ'האָב געקראָגן פון אַלעקסאַנדערן אַ קורץ פּאָסט־קאַרטל: „כ'בין געזונט, די שטימונג איז אַ גוטע, אײַנגיכן פאָר איך אויפן פראָנט... זאָרג זיך וועגן די עלטערן... צום ווידערזען. מיט ניצאָכן־ווונטש!".

אַפּרעל, 5. ס'האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען די דיוויזיע־צײַטונג אין ליטווישער און רוסישער שפּראַכן — „ראָדינאַ זאָוויאָט" — „דאָס היימלאַנד רופט". אַ טרעפלעכער נאָמען — ער דערציילט וועגן אונדזערע טרוימען, ליכטיקע האָפענונגען. איבערן נאָמען — אַ לאָזונג: „אַ טויט די דײַטשישע אָקופּאַנטן!". און באַנאַנד — אַן אויפשריפט: „דורכגעלייענט, גיב איבער אַ צווייטן". דאָס דערמאָנט אונדזער אונטערערדישע פּרעסע אין פּעריאָד פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור אין ליטע. נאָר אין יענע צײַטן איז געווען נאָך אַן אויפשריפט: „זאָג ניט, פון וועמען דו האָסט עס באַקומען". אַזאַ וואָרענונג איז, פאַרשטענדלעך, איצט איבעריק.

אַפּרעל, 7. נעכטן האָט מיך דער אָנפירער פון אונדזער אָפּטייל דער פּאָלקאָווניק יאָסיף באַרטאַשיונאַס געפרעגט, צי איך קען איינעם אַ ראָזנבערג און צי ווייס איך וועגן זײַן גורל. די פראַגע האָט מיך פאַרוווּנדערט. איך האָב דערציילט, אַז מיט איינעם אַ ראָזנבערגן האָב איך צוזאַמען געדינט אין דער ליטווישער בורזשואַזער אַרמיי. מיר זײַנען געווען פּאָשעטע סאָלדאַטן. דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען פאַראַיאָרן, דעם 24־טן אויגוסט, אין דער אַרומרינגלונג פון סוינע, ניט ווײַט פון וועליקיִע לוקי.

— געוויס איז ער דאָרטן אומגעקומען, — זאָג איך.

באַרטאַשיונאַס שמייכלט:

— הייסט עס, ער זאָגט עמעס.

— ווער זאָגט? — הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין.

— נו אָט, דער ראָזנבערג דײַנער. ער זאָגט, אַז אין דער אַרומרינגלונג האָסטו אים געטרייסט, ער זאָל קיינמאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג, און דאָס האָט אים געראַטעוועט.

אין קאַראַנטין, צווישן די נײַ־אָנגעקומענע סאָלדאַטן, האָב איך אָפּגעזוכט לייבל ראָזנבערגן, און ער האָט מיר גענוי דערציילט וועגן זײַנע אומגעוויינלעכע איבערלעבונגען אין דער היטלעריסטישער געפאַנגענשאַפט, וועגן זײַן אַנטלויפן פונעם לאַגער פאַר די געפאַנגענע, זײַן טרעפונג מיט די פּאַרטיזאַנער אין אַנדרעאַפּאָלער וואַלד און וועגן זײַן שווערן וועג צו דער ליטווישער דיוויזיע. מע וואָלט געקאָנט וועגן דעם אָנשרײַבן אַ גאַנצן בוך. ווען מע האָט אים אין באַלאַכנאַ געפרעגט, ווער קאָן באַשטעטיקן, אַז ער איז בעעמעס אַ פאַרוווּנדעטער אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן, האָט ראָזנבערג געענטפערט:

— דער איינציקער מענטש, וואָס וואָלט דאָס געקאָנט באַשטעטיקן, איז יאַצאָווסקי. נאָר ער איז מאַשמאָעס אומגעקומען אין דאָזיקן גענעם.

„מע טאָר קיינמאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג", — האָט מיר, אַ פאַרצווייפלטן, געזאָגט אַ פּראָסטער רוסישער פויער אין וואַלד לעבן פּוסטאָשקי. אָט די ווערטער האָב איך איבערגעכאַזערט ראָזנבערגן, ווען איך האָב אים געטראָפן אין ענלעכע שווערע באַדינגונגען.

די ליכטיקע ניט־פאַרגייענדיקע האָפענונג האָט אונדז געהאָלפן זיך ראַטעווען, בלײַבן לעבן און קעמפן ווײַטער.

אויגוסט, 15. הײַנט האָט די דיוויזיע זיך אַ ריר געטאָן! טאַקע שוין צו לאַנג זיצן מיר הינטערן פראָנט. מיר גייען אויף טולע.

סענטיאַבער, 19. פרײַנט, כאַווייריִם, באַקאַנטע — ווי זיי זײַנען אַלע פאַרשיידן. איך דערמאָן זיך סטאַסיס באַלעצקיסן מיט זײַן קוים מערקבאַרן שמייכל. דער פּאָליטרוק פונעם 9־טן פוסגייער־פּאָלק פון דער ליטווישער פּאָלקס־אַרמיי, שפּעטער דער אָפּעראַטיווער באַפולמעכטיקטער פון באַזונדערן אָפּטייל פון דער 184־טער שיסער־דיוויזיע, איז געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש. ער שטייט מיר פאַר די אויגן: אַ הויכער, אַ מאָגערער, אין ברילן מיט דינע רעמעלעך, וואָס גליטשן זיך שטענדיק אַראָפּ אויפן בערג נאָז. שטענדיק אַ שטאַרק צעשטרייטער. ניט איין מאָל האָבן מיר אַלע האַרציק געלאַכט, זעענדיק ווי סטאַסיס, האַלטנדיק אין דער האַנט די הענטשקעס, זוכט זיי איבערן גאַנצן צימער. נאָר דאָס וויכטיקסטע — ער איז געווען אַ טיכטיקער פּאָליט־אַרבעטער, אַן אויסגעצייכנטער דערציִער פון סאָלדאַטן, אַ טרײַער כאַווער.

מיטן גרעסטן ייִראַס־האַקאָוועד דערמאָן איך „סאַשאַן". אַ רעוואָליוציִאָנער, אַ קאָמוניסט, אַן אונטערערדלער, וועמענס עמעסן נאָמען ווייס איך ביז איצט ניט[1]. ער איז שוין געווען ניט קיין יונגער מענטש. ווען ער פלעגט קומען צו אונדז אין שטוב, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פּאַטריִאַרך, וועמענס מיינונגען זײַנען פאַר אונדז אַלעמען געווען אַנטשיידנדיק. אַ רויִקער, ערנסטער, פאַרנונפטיקער, האָט ער קיינמאָל ניט געהעכערט די שטים. בייס ער האָט עפּעס דערקלערט, האָבן די ווערטער געווירקט איבערצײַגנדיק, כאָטש ער האָט גערעדט זייער שטיל, געלאַסן. אָט דער מענטש איז געווען אין אונדזער מישפּאָכע די פאַרקערפּערונג פון ערלעכקײַט, געוויסנהאַפטיקײַט, איבערגעגעבנקײַט דער פּאַרטיי.

נאָיאַבער, 21. ווען וועלן מיר גיין אויפן פראָנט, ווייסט מען ניט. אין די פּאָלקן לערנט

---

[1] „סאַשאַ" איז דער פּאַרטיי־פּסעוודאָנים פונעם אַקטיוון אָנטיילנעמער אין דער רעוואָליוציִאָנערער באַוועגונג אין ליטע עליִע אָשעראָוויטש. געווען אין ליטע אויף אונטערערדישער אַרבעט, אין 1933 — סעקרעטאַר פון צק פון לקפּ. וועגן אים אַלס ייִדישן שרײַבער זע אויך „סאָוו. היימלאַנד" נומ. 2, 1976.

מען פלײַסיק די קריגס־מעלאָכע. די שיס־איבונ־גען האָבן באַוויזן, אַז די סאָלדאַטן זײַנען גוט צוגעגרייט. די אַרטילעריסטן האָבן פּראַקטי־קירט, שיסנדיק אין די צעשעדיקטע דײַטשישע טאַנקען, וואָס דער סוינע האָט פאַרלאָרן אין די שלאַכטן בײַ טולע אין סאָף 1941.

די לעצטע צײַט פאָטאָגראַפיר איך אַ סך מיט מײַן „פעד". עס באַקומען זיך גוטע פאָ־טאָגראַפיעס.

דעקאַבער, 10. אַ בוילעטע אילוסטראַציע פון דער סאָוועטישער פעלקער־פרײַנטשאַפט: אין אָקטיאַבער־נומער פון „ספּוטניק אַגיטאַטאָרא" נומער 20 זײַנען אָפּגעדרוקט די יעדיעס וועגן די באַלוינטע אין דער פאָטערלענדישער מיל־כאָמע מיט אָרדענס און מעדאַלן. מער פון אַלע־מען זײַנען באַלוינט געוואָרן רוסן (128.732), דאַן גייען די אוקראַינער (33.191), ווײַסרוסן (5.411), יידן (5.163), טאָטערן (2.883), מאָרד־ווינער (1.116), קאַזאַכן (1.035).

דעקאַבער, 24. האַלב פינף באַגינען איז די די־וויזיע אַרויס דורך שטשאָקין און פלאַווסק אָפּן פראָנט. מיר פאָרן באַנאַכט. די שטימונג איז אַ געהויבענע. דאָס לעבן אין הינטערלאַנד איז שוין אַלעמען דערעסן.

1943

יאַנואַר, 1. וואָס וועט אונדז ברענגען דאָס נײַע יאָר? ווו וועלן מיר באַגעגענען דאָס קו־מענדיקע? עפשער שוין אין דער היים, אין לי־טע באַם ברעג פון ניעמאַן?

פעוורואַל, 15. סאָפקאָלסאָף האָבן מיר באַקו־מען אַ קאַמפס־אויפגאַבע — אַנטיילנעמען אין אַ שלאַכט־אָפּעראַציע אין באַשטאַנד פון דער 48־טער אַרמיי. דער באַזונדערער אָפּטייל פון דער דיוויזיע פאָרט אַרויס פונעם דאָרף דאַ־רישטשי מיט דער קאָלאָנע פון דער אויטאָמאָ־ביל־ראָטע.

פעוורואַל, 22. איך בין אָנגעקומען אין דאָרף אַלעקסייעווקע, ווו ס'געפינט זיך די אָנפירונג פון דער דיוויזיע. דאָס איז אָף דאָרעם־מיזרעך פון אָריאָל. פונקט אין דער זעלבער צײַט האָבן 20 דײַטשישע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט אונדזערע פּאָזיציעס, וואָס געפינען זיך אַ דרײַ קי־לאָמעטער אָף צאָפן־מײַרעוו פונדאַנען.

פעוורואַל, 24. ס'האָט זיך אָנגעהויבן. דער 167־טער שיסער־פּאָלק אַטאַקירט דאָס דאָרף נאַ־גאָרני, דער 156־טער פּאָלק גרײַפט אָן די פּאָ־זיציעס פון סוינע אין פּונקט, וואָס איז אָף דער מאַפּע באַצייכנט 239,4. גלײַך ווי עס ענדיקט זיך די אַרטילעריע־צוגרייטונג, וואַרפן זיך די סאָלדאַטן אין אַטאַקע. זיי לויפן פאָרויס, ניט געקוקט אָפן שרעקלעכן פײַער פונעם קעגנער, אָף דעם טיפן שניי, אָף דער קעלט. מיט איבער־מענטשלעכע אָנשטרענגונגען פילן זיי אויס דעם באַפעל פון דער קאָמאַנדשאַפט. די רויטאַרמייער שפּרינגען אַרײַן אין די פײַנטלעכע אָקאָפּעס און מיטן פײַער פון אויטאָמאַטן, ביקסן, גראַ־נאַטעס, שפּיזן, יאָגן זיי אַרויס די דײַטשן פון

פון לינקס אָף רעכטס: אַנטאַנאַס סנעטשקוס, יוסטאַס פּאַלעצקיס, מעטשיסלאָוואַס געדווילאַס. הינטער טולע, סעפּטיאַבער 1942

די בלינדאזשן. אזוי זײַנען אײַנגענומען געוואָרן וויכטיקע פּאָזיציעס.

מיט דער זעלבער לײַדנשאַפטלעכקײַט האָבן די סאָלדאטן אָנגעגריפן אויך נאגאָרני. ניט געקוקט אפן העפטיקן פײַער פון די דײַטשן, האָט מען זיך געלאָזט פאָרויס מיט איין ציל — אויסלייזן פון דעם סוינע נאָך א דאָרף. אָבער אײַנעמען אָט די פּאָזיציעס איז ניט געלונגען, אפן בערגל באם דאָרף, אין די גערטנער זײַנען געבליבן ליגן א סאך געפאלענע העלדן.

וועגן דער מוטיקײַט און דרייסטקײַט פון די סאָלדאטן און קאָמאנדירן פון דער ליטווישער דיוויזיע האָט מען מיט אנציקונג גערעדט אין די שכײנעסדיקע דיוויזיעס.

די מילכאָמע רײַסט ארויס פון אונדזערע רייען געטרײַע כאוויירים. ס׳איז געפאלן דער פּאָליטרוק, פּראָפּאגאנדיסט און קאָוונער רעוואָליוציאָנער יויסעף וואָלפסאָן. אין די יאָרן פון קאמף קעגן פאשיזם אין ליטע איז וואָלפסאָן געווען איינער פון די טיכטיקסטע אָנפירער פונעם קאָמיוג. איך האָב זיך מיט אים ניט איין מאָל באגעגנט בייס אונדזער ארבעט.

מארט, 1. נאָך איין שרעקלעכע יעדיִע: ס׳איז געפאלן אונדזער כאווער, דער ליבהארציקער אײַזיק ליפשיץ. ער איז געווען באקאנט אונטערן פארטיי־פסעוודאָנים „אנאטאָלי", איז געווען איינער פון די ערשטע קאָמיוגיסטן אין קאָוונע און האָט שוין אין 1919 געאַרבעט אין אונטערערד צוזאמען מיט יואָזאס גרייפּענבערגן, רעפאָעל טשארני, וועלכע זײַנען דערשאָסן געוואָרן אין 1926 גלײַך נאָך דער פאשיסטישער איבערקערעניש אין ליטע. פאר רעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט איז אײַזיק א סאך מאָל ארעסטירט געוואָרן, געזעסן אין טפיסע. א לאנגע צײַט איז ער געווען מיטגליד פון צק פון לקפּ און אויך מיטגליד פון סעקרעטאריאט. אין דער דיוויזיע איז ער געווען א פּאָשעטער סאָלדאט אין 156־טן שיסער־פּאָלק.

אין דער ליטווישער דיוויזיע האָט זיך ליפשיץ איינער פון די ערשטע געמאָלדן אלס פרײַוויליקער. די אָנפירער פונעם פּאָלק האָבן אים ניט איין מאָל געלויבט פאר זײַן גלענצנדער ארבעט — ער האָט גוט באהערשט די קריגסקונסט, געהאָלפן רעדאקטירן קאמפס־בלעטלעך. מע האָט אים פאָרגעלייגט צו ארבעטן אין שטאב, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

מארט, 17. אין דיוויזיע זײַנען געקומען צו פאָרן די כאוויירים א. סנעטשקוס, מ. געדווילאס, א. גוזיאוויטשיוס און א. ווענצלאָווא[1]. סנעטשקוס האָט מיך ארויסגערופן אין שטאב, און שפּעטער האָבן מיר לאנג שפּאצירט איבער די פארשנייטע גאסן פון אלעקסייעווקע.

וועגן מײַן ברודער האָב איך אים ניט געפרעגט. סנעטשקוס האָט אליין דערמאָנט אים. פון דער גאנצער גרופּע איז ניטאָ קיין שום

[1] מ. געדווילאס — דער פאָרזיצער פון דער ליטווישער רעגירונג, א. גוזיאוויטשיוס און א. ווענצלאָווא — ליטווישע שרײַבער.

יעדיִעס, ניט קיין גוטע, ניט קיין שלעכטע. די האָפענונג טאָר מען אָבער ניט פארלירן.

געזעגענענדיק זיך, האָט ער מיך ארומגענומען, געקושט, געוווּנטשן דערפאָלג.

אפּרעל, 15. אין דער דיוויזיע־צײַטונג „דאָס היימלאנד רופט" נומ. 18 איז אָפּגעדרוקט א נעקראָלאָג אין אָנדענק פון פיר געפאלענע יונגע שרײַבער, אונטערגעשריבן פון באוווּסטע ליטווישע שרײַבער, קינסטלער, קולטור־טוער:

„אין הייליקן קאמף קעגן פאשיזם, צווישן ווינטערדיקע ווינטן און שנייען, מיט וואָפן אין דער האנט, געטראָפן פון פײַנטלעכע קוילן, האָבן אופגעהערט צו קלאַפּן די הייסע הערצער פון אונדזערע יונגע שרײַבער י. ביטייטיס, ב. קירסטוקאס, ש. יאָכעלעס און מ. גלוך[1].

עס זײַנען געפאלן כאוויירים, וועלכע האָבן מער פונעם לעבן ליב געהאט די פרײַהײַט פון זייער קאנט. זיי האָבן אוועקגעגעבן זייערע יונגע לעבנס, קעדיי עס זאָל פרײַ זײַן די סאָוועטישע ליטווישע ערד, קעדיי איר קולטור זאָל זיך צעבליִען ווי בלומען פון נאָך ניט געזעענער שײנקײַט.

די געפאלענע יונגע כאוויירים האָבן נאָך ניט באוויזן צו אנטוויקלען זייער טאלאנט. זייער שעפעריש וואָרט האָט דער סוינע איבערגעריסן צו פרי. אָבער די נעמען פון אָט די פיר כאוויירים וועלן קיינמאָל ניט פארשווינדן אין זיקאָרן פונעם ליטווישן פאָלק. נעקאָמע אין דעם סוינע און קאמף ביזן ענדגילטיקן זיג — דאָס איז די מיט בלוט אָנגעשריבענע צוואָע פון די געפאלענע..."

אפּרעל, 25. די גאנצע ליטווישע דיוויזיע לייענט דעם נומער פון „קראסנאיא זוועזדא", וווּ ס׳איז אָפּגעדרוקט אי. ערענבורגס דערציילונג „סערדצע ליטווי" (ליטעס הארץ).

„ס׳איז ניטאָ קיין קליינע פעלקער, ניטאָ קיין קליינע לענדער. ליבע ענדערט די פּראָפּאָרציעס" — מיט אָט די ווערטער הייבט אָן דער מעכאבער זײַן דערציילונג וועגן צוויי אונדזערע קריגער — יאָנאס דאוניס און סאָניע דיעניניטע, וועלכע זײַנען געפאלן אין שלאכט פאר דער פרײַהײַט פון ליטע אף אָריאָלער ערד.

יונ, 27. מע האָט מיך דרינגנד ארויסגערופן אף די פּאָזיציעס פון דער 1־טער ראָטע פונעם 249־טן פּאָלק. ניט ווײַט פונעם דאָרף ניקיטאָווקא. אפן וועג האָב איך באגעגנט מײַן שול־כאווער לייטענאנט געדאליע יאָעלס, וועלכער האָט פארענדיקט די מיליטער־שול און איז אין מײַכוידעש געשיקט געוואָרן אפן פראָנט. ער דינט אין דער 2־טער ראָטע פון דעם זעלבן פּאָלק.

יול, 5. כ׳האָב זיך געלייגט שלאָפן ארום 3 אזייגער באנאכט, און באגינען האָט מיך אופגעוועקט א שטארקע קאנאָנאדע.

[1] די יונגע ייִדישע שרײַבער און זשורנאליסטן שלוימע יאָכעלעס און מוישע גלוך, האָבן אין 1940 — 1941 זיך אקטיוו באטייליקט אין דער ייִדיש־סאָוועטישער פּרעסע אין ליטע — דער ערשטער איז געווען א מיטארבעטער פונעם זשורנאל „שטראלן", און מ. גלוך האָט געשריבן פארן קאָוונער „עמעס".



דאָס צעטעלע, וואָס מע האָט געפונען אין אָקטיאַבער 1944 בייס דער עפענונג פון די גריבער לעבן דעם דאָרף אנטאנאַשע, ראָקישקער ראַיאָן

דער קעגנער גרײַפט אקשאָנעסדיק אָן. דער ערשטער באטאליאָן פונעם 167־טן פּאָלק אונטער דער אָנפירונג פונעם פּאָלקאָווניק וו. מאָטעקא איז אטאקירט געוואָרן פון גרויסע מאַסנעס דײַטשישע פּעכאָטע און טאנקען. זיי זײַנען אָבער יעדעס מאָל אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אפן שלאכט־פעלד האָט דער סוינע געלאָזט פיל געהארגעטע.

אויסגעצייכנט קעמפט אויך דער 156־טער שיסער־פּאָלק. דער קעגנער האָט געמאכט אַף ניקיטאָווקע עטלעכע אָנפאלן, נאָר גאָרניט דערגרייכט און איז נאָך גרויסע פארלוסטן אָפּגעטראָטן צוריק אין זײַנע אָקאָפּעס.

אין שטאב פון דער דיוויזיע האָב איך גערעדט מיט די ערשטע געפאנגענע דײַטשן. זיי דערציילן, אז זייערע אָפיצערן האָבן פארזיכערט: „אין די אָקאָפּעס אנטקעגן אײַך זיצן ליטווינער, ייִדן און „באבעס”. ווי נאָר מיר וועלן אָנגרײַפן, וועלן די ייִדן און „באבעס” גלײַך זיך צעלויפן, און די ליטווינער וועלן אײַך באגעגענען מיט בלומען”. געשען איז אָבער פארקערט: מע האָט זיי באגעגנט מיט קוילן, מינעס, גראנאטעס און שפּיזן.

יול, 6. באגינען האָט דער סוינע ווידער געפּרוּווט דורכרײַסן די ליניעס פונעם 167־טן פּאָלק. די דײַטשן זײַנען באגעגנט געוואָרן מיט א שטארקן פײַער און זײַנען אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוריק.

יול, 7. אַף די פּאָזיציעס פון אונדזער דיוויזיע פּרוּווט שוין דער סוינע מער ניט אָנגרײַפן, נאָר אונדזער שאָכן פון לינקס איז אונטערן דרוק פון די דײַטשן אָפּגעטראָטן אַף עטלעכע קילאָמעטער. דאָס איז אָבער געווען א „ניצאָכן”, וואָס האָט טײַער געקאָסט די דײַטשן: דער טאָל און די פעלדער ארום זײַנען פול מיט געהארגעטע פאשיסטישע זעלנער. איצט צווייפלט שוין קיינער ניט, אז די „זומער־קאמפּאניע”, וואָס היטלער האָט הײַנטיקס יאָר אָנגעהויבן, וועט מיט א טראסק דורכפאלן.

יול, 16. אין דער נעכטיקער שלאכט באם דאָרף פּאנסקאיא איז געפאלן געדאליע יאָעלס. איך בין געווען אין זײַן ראָטע, געשמועסט מיט די רויטארמייער, וועלכע האָבן געדינט אונטער זײַן קאָמאנדע. זיי האָבן דערציילט, אז יאָעלס האָט זיך איינער פון די ערשטע ארײַנגעריסן מיט זײַן אווטאָמאט אין די דײַטשישע אָקאָפּעס, אָבער דער סוינע האָט אָנגעהויבן צו שיסן מיט מינעס, און א שפּליטער האָט געטראָפן יאָעלסן אין רוקן. מיט גרויס אָפּשײַ און ליבע האָבן די סאָלדאטן גערעדט וועגן זייער קאָמאנדיר.

כ׳מוז זיך מודיע זײַן — איך האָב ביטער געוויינט. ער איז געווען מײַן בעסטער כאַווער.

יול, 23. אונדזער דיוויזיע־צײַטונג „דאָס היימלאנד רופט” האָט פארעפנטלעכט אן ארטיקל פונעם פאָרשטייער פונעם צק פון לקפּ אין דער דיוויזיע מ. יונטשאס־קוטשינסקיס: „די דײַטשן שעכטן אונדזערע ברידער”. דאָרט זאָגט זיך צווישן אנדערן:

„...נאָך שרעקלעכערע מאָרדן זײַנען די דײַטשן באגאנגען אין פּיוואָנער וואלד, ניט ווײַט פון אוקמערגע. דאָ האָבן זיי דערמאָרדעט בא 12.000 אָרטיקע אײַנוווינער. אין קאָוונע אפן 9־טן

פּאַרט האָבן די היטלעריסטישע הענקער דערמאָרדעט העכער 5.000 מאַן... פאַר 3 דײַטשישע סאָלדאַטן־רויבער האָט מען אין שווענטשיאַן דערשאָסן 450 אײַנוווינער.

(נאָך דער מילכאָמע האָט די מעלוכע־קאָמיסיע אָפּ אויסצופאָרשן די גרויל־טאַטן פון די פאַשיסטן פעסטגעשטעלט, אַז אין פּיוואָנער וואַלד האָט מען דערמאָרדעט 6354 מאַנצבלעך, פרויען און קינדער און אויפן 9־טן פאָרט בא קאָוונע 70—80 טויזנט מענטשן).

יול, 26. מיר געפינען זיך אין באָריסאָגלעבסקאַיע, א פאַרהעלטניסמעסיק גרויס דאָרף לעבן דער אײַזנבאַן־מאַגיסטראַל אָריאָל — קורסק.

מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין א שטוב, וווּ ס׳איז גאָרניט לאַנג צוריק געווען די דײַטשישע קריגס־קאָמענדאַטור. צווישן אַנדערע פּאַפּירן האָבן מיר דאָ געפונען דאָקומענטן מיט אַנווײַזונגען וועגן פאַרוואַלטן מיט אָקופּירטע געביטן. אָט זײַנען אייניקע „פּערלען”:

„...2. די פאַרוואַלטונג פונעם געביט.

ייִדן און קאָמוניסטן האָבן קײַן רעכט ניט צו פאַרנעמען וועלכע־ניט־איז אמטן. דער סטאַראָסטע פונעם ווינאָרט מוז זאָרגן, עס זאָלן באַזײַטיקט ווערן אלע נאָכפאָלגן פונעם קריג: ריינמאַכן די אומגעגנט, באַגראָבן די מייסים. אַף אָט דער ארבעט ווערן מאָביליזירט אין דער ערשטער ריי ייִדן.

קײַן שטײַערן וועלן צײַטווײַליק ניט גענומען ווערן. די סטאַראָסטעס קאָנען פאַר זיך נעמען אַפּצאַל בא די אָרטיקע אײַנוווינער, אָבער אין דער ערשטער ריי בא ייִדן”.

יול, 26. אין וועג שטעלן מיר זיך אָפּ אַף א קורצער ווײַלע אין דאָרף טורגענעוואָ. ארײַן אין א שטוב, זע איך אַן אלטיטשקן, וואָס טראָגט אַפן האַלדז א הילצערן שילדל, אַף וועלכן ס׳איז מיט לאַטײַנישע אויסיעס אָנגעשריבן: „טורגענעוואָ”, און אונטן די ציפער „78”.

— אַן אָט דעם שילדל האָבן מיר ניט געטאָרט זיך באַווײַזן אַף דער גאַס, — זאָגט דער אַלטער. — אלע דאָרפסלײַט האָבן עס געמוזט טראָגן. קיין נעמען האָבן מיר ניט געהאַט, נאָר נומערן. ווי בעהיימעס.

כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז אי. ערענבורג האָט שוין געשריבן וועגן דעם דאָזיקן טײַוולאָנישן אײַנפאַל פון די אָקופּאַנטן — דערנידעריקן דעם מענטשן, באַליידיקן זײַן ווירדע. און אָט האָב איך דאָס אלץ דערזען מיט די אייגענע אויגן! דער אלטיטשקער האָט מיר געשענקט דאָס הילצערנע שילדל.

אווגוסט, 11. מיר פאַרנעמען דאָס דאָרף טראָיִצקאָיע. אונדזערע פאָלקן האָבן באַפרײַט כּמעלוואָיע און די ראַיאָן־שטאָט סאָסקאָוואָ. איצט דאַרפן מיר גיין אַף א דאָרף, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ליטווא”. אין באַפעל איז בעפייעס אַזוי פאַרשריבן: „די 16־טע ליטווישע דיוויזיע גרײַפט אָן אַפן דאָרף ליטווא”. בעעמעס, א סימוואָלישער צוזאַמענפאַל.

אווגוסט, 12. אַן אומדערוואַרטער באַפעל — די דיוויזיע פאַרלאָזט די רייען פון דער 48־טער ארמיי און גייט אריבער אין רעשוס פון העכסטן מיליטער־אָנפירער.

אווגוסט, 20. באַקומען א באַפעל אריבערצופאָרן קײַן טולע. נאָכאַמאָל טולע! מאָרגן וועלן מיר זיך לאָדן אין אַן עשעלאָן.

סענטיאַבער, 22. ווידער אין וועג! מיר פאָרן אַפן קאַלינינער פראָנט. דער קנאַפּער כוידעש, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין טולער געגנט, איז ניט פאַרבײַ אומזיסט. די דיוויזיע האָט געקראָגן נײַע מענטשן, מיר האָבן זיי געגרייט צום פראָנט. די פאָלקן האָבן אויך באַקומען נײַ געווער, מיליטער־טעכניק, וואָס די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַהערשן.

אָקטיאַבער, 1. כ׳האָב פּלוצעם געקראָגן אַן אופגאַבע — פאָרן צו סנעטשקוסן מיט א פּאַקעט. בײַס דעם דאָזיקן באַזוך בין איך געווען אַף דער באַזע פון דער ליטווישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין דאָרף סעמיוויע און אַפן אעראָדראָם ניט ווײַט פון דער באַן־סטאַנציע סטאַראַיאַ טאָראָפּאַ. דאָרט האָב איך אויסער סנעטשקוסן געטראָפן עליע בילעוויטשן — אַן אקטיווען טוער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין ליטע — און נאָך אייניקע פּרײַנט, וועלכע האָבן זיך געגרייט צום קאַמף אַף דער אָקופּירטער טעריטאָריע. כאָטש די צוקינפטיקע פּאָלקסנעקאָמענעמער האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַף וואָס פאַרא געפערלעכער ארבעט זיי גייען, זײַנען זיי אלע געווען דורכגעדרונגען מיטן שטרעבן וואָס גיכער זיך שטעלן אין קאַמף מיטן פאַרהאַסטן סוינע. אלץ, וואָס כ׳האָב דאָרט געזען, האָט מיך אנציקט. כ׳האָב ניט געקלערט, אַז מיר האָבן אַזא פּרעכטיקע באַזע פאַר פּאַרטיזאַנער.

אָקטיאַבער, 2. מיר גרייטן זיך צו נײַע שלאַכטן. ס׳האָט געשלאָגן די שאָ צו באַפרײַען ווײַסרוסלאַנד און ליטע.

אָקטיאַבער, 11. די טיילן פון דער 4־טער שלאָג־ארמיי האָבן אָנגעהויבן דעם אָנגריף.

לעבן דעם דאָרף פּאַלקינאָ האָבן מיר בא א דערהאַרגעטן דײַטשישן סאָלדאַט געפונען צווישן אַנדערע פּאַפּירן א שוידערלעכע פאָטאָגראַפיע. די היטלעריסטן, פּיקסירנדיק זייערע אייגענע פאַרברעכנס, האָבן אָפּגעפאָטאָגראַפירט אופגעהאַנגענע סאָוועטישע בירגער — צוויי מענער און איין פרוי. אַף די פּלייצעס פון די געהאַנגענע איז צוגעבונדן א שילד מיט אַן אופשריפט: „מיר, פּאַרטיזאַנער, האָבן געשאָסן אין דײַטשישע סאָלדאַטן”.

אָקטיאַבער, 30. אומדערוואַרט האָט אונדזער מישפּאָכע געטראָפן א שוידערלעכער אומגליק — פון טיף איז געשטאָרבן מײַן עלטערע שוועסטער רײַע. דאָס איז געשען דעם 25־טן סענטיאַבער אין ווײַטן קאַזאַכסטאַן, אין דער שטאָט דזשאַמבול. זי איז דאָרטן געווען צוזאַמען מיטן קיִעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, ווו זי האָט געאַרבעט אלס ארטיסטקע. נאָך א קאָרבן פון דער מילכאָמע!

אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן אומגליק האָב איך געקראָגן א מיטגעפיל־אויסדרוק פונעם

ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע. די צײַטונג „אײניקײַט" האָט דעם 14־טן אָקטיאַ־ בער אָפּגעדרוקט א נעקראָלאָג.

כ'האָב ניט געזען די שוועסטער זינט מײַנע קינדער־יאָרן. אין 1925 האָט זי פֿון קאָוונע עמיגרירט קיין ראַטנפֿאַרבאַנד. ס'איז פֿאַר־ שווּנדן די האָפֿענונג זיך צו טרעפֿן אין דער פֿרײַער ליטע. פֿאַרשווּנדן די האָפֿענונג אין דער צוקונפֿט צו לעבן צוזאַמען אין א גרויסער, גליקלעכער מישפּאָכע...

נאָיאַבער, 8. די היטלעריסטן לאָזן אונדז ניט רויִק פֿײַרן דעם יאָמטעוו. מיט גרויסע קויכעס, געשטיצט דורך טאַנקען, האָבן זיי אָנגעהויבן אַן אָנגריף מיטן ציל ארומרינגלען די טיילן פֿון דער 4־טער שלאַג־אַרמיי, וועלכע זײַנען אַרײַנ־ געדרונגען דורך נעוועל טיף אין די דײַטשישע פּאָזיציעס.

אין די פּאָלקן זײַנען געקומען די שעפֿן פֿון דער ליטווישער דיוויזיע — א דעלעגאַציע פֿון טשוואַשיע, וואָס האָט אונדז געבראַכט מאַ־ טאָנעס צום יאָמטעוו. אין 156־טן פּאָלק איז אונטערן „אַקאָמפּאַנימענט" פֿון האַרמאַטן־שיי־ סערײַ פֿאָרגעקומען א קורצער מיטינג. די דע־ לעגאַטן האָבן דערציילט, מיט וואָס פֿאַר אַן אופֿמערקזאַמקײַט שפּירן די אַרבעטנדיקע פֿון דער טשוואַשער אויטאָנאָמער רעפּובליק נאָך די קאַמפֿן פֿון דער ליטווישער דיוויזיע.

אונדזערע סאָלדאַטן האָבן באַדאַנקט פֿאַר די מאַטאָנעס און צוגעזאָגט אויך ווײַטער אומראַכ־ מאָנעסדיק שלאָגן דעם סוינע.

דעקאַבער, 14. דער 4־טער אָפּטייל פֿונעם די־ וויזיע־שטאַב האָט געקראָגן א באַפֿעל וועגן באַלוינען די אָפּעראַטיווע באַפֿולמעכטיקטע פֿון קאָנטער־אויסשפּיר „סמערש". דעם אָרדען פֿון רויטן שטערן האָט באַקומען דער עלטערער אָפּעראַטיוו־באַפֿולמעכטיקטער הירש גראַזשניק, די מעדאַל „פֿאַר העלדישקײַט" — וויקטאָר באַל־ קיאַוויטשוס. מיך האָט מען אויך באַלוינט מיטן אָרדען פֿון רויטן שטערן.

1944

יאַנוואַר, 1. עמעצער האָט אונטערגערעכנט, אַז מיר פֿירן שוין די מילכאָמע 924 טעג. דאָס 1944־טע וועט אומבאַדינגט זײַן דאָס יאָר פֿון ניצאָכן! איצטער צווייפֿלען מיר ניט, אַז מיר וועלן זיגן, אַפֿילע אויב די פֿאַרבינדעטע מעלו־ כעס וועלן ניט עפֿענען דעם צווייטן פֿראָנט קעגן די פֿאַשיסטן, וועלכן זיי האָבן אַזוי פֿײַער־ לעך צוגעזאָגט.

פֿעווראַל, 23. צום יאָמטעוו פֿון דער רויטער אַרמיי האָבן די סאָלדאַטן און אָפֿיצערן פֿון אונדזער אָפּטייל אַרויסגעלאָזט א וואַנטצײַטונג. מיר האָבן צונויפֿגעקליבן פֿיל מאַטעריאַלן — אַרטיקלען, פֿאַרצייכענונגען, לידער. דער קאַפּי־ טאַן יאָנאַס יורגייטיס האָט אונדז איבערגעגעבן א פֿאָטאָגראַפֿיע און דאָס נאָטיץ־ביכל פֿונעם העלדיש געפֿאַלענעם לייטענאַנט מוישע זשאַ־ בינסקי, א באַשפּריצטס מיט זײַן בלוט. דעם 11־טן אָקטיאַבער 1943 האָט זשאַבינסקי פֿאַר־ נאָטירט:

„כאַווײרים! אויב כ'וועל פֿאַלן פֿאַר דער פֿרײַ־ הײַט פֿונעם פֿאָטערלאַנד, גיט איבער מײַנע איי־ גענע, אַז איך בין ביזן סאָף געבליבן טרײַ דער זאַך פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און גע־ פֿאַלן ווי אַן עכטער זון פֿון דער פּאַרטיי".

מ. זשאַבינסקי איז פֿאַר דער מילכאָמע, אין 1940—1941, געווען אַן אַרבעטער פֿון די טשע־ קיסטישע אָרגאַנען אין דער שטאָט קרעטינגאַ. די פֿאָטאָגראַפֿיע און דאָס נאָטיץ־ביכל האָבן מיר אין א שוואַרצן רעמל אַרײַנגעשטעלט אין דער מיט פֿון דער צײַטונג (איצט ווערן אָט די דאָקומענטן עקספּאָנירט אין ווילנע, אינעם רע־ וואָליוציע־מוזיי פֿון דער ליטווישער סאָוועטי־ שער סאָציאַליסטישער רעפּובליק).

אַפּרעל, 8. די רויטע אַרמיי האָט אַריבערגע־ טראָטן די אַלטע מעלוכע־גרענעץ און קעמפֿט איצטער אויף דער ערד פֿון דײַטשלאַנדס סאַטע־ ליט — רומעניע. אין שײַכעס מיט דעם זײַנען פֿאָרגעקומען אין אַלע אונדזערע טיילן מיטינ־ גען, אויף וועלכע די סאָלדאַטן און אָפֿיצערן האָבן צוגעזאָגט נאָך בעסער זיך צוגרייטן צו די קו־ מענדיקע שלאַכטן און ענדגילטיק באַפֿרײַען אונדזער ערד פֿון די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן.

יול, 7. איך פֿאַרנעם זיך מיט א ניט פֿאָרויסגע־ זעענער אַרבעט — איך פֿאַרהער די געפֿאַנגענע. זיי זײַנען אַזויפֿיל, אַז די איבערזעצערס אין די שטאַבן באַווײַזן דאָס ניט צו טאָן, און איך בין באַופֿטראַגט געוואָרן זיי צו העלפֿן. ס'ערשטע מאָל האָב איך זיך געטראָפֿן אויג־אויף־אויג מיט „טאָטאַלע" דײַטשישע סאָלדאַטן — זעלנער, וואָס היטלער האָט געשיקט אויפֿן פֿראָנט נאָך זײַנע טאָטאַלע מאָביליזאַציעס. דאָס זײַנען עלטערע מענטשן אָדער נאָך ייִנגלעך, בא וועמען ס'הייבן נאָר אָן וואַקסן וואָנצעס. פֿאַרטשאַדעט פֿון דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז די באָלשע־ וויקעס האַרגענען קלוימערשט אויס די געפֿאַנ־ גענע, זײַנען זיי אַזוי דערשראָקן, אַז זיי קאָנען לעכאַטכילע א וואָרט ניט אַרויסריידן. באַרויִקט זיך א ביסל, הייבן זיי אָן צו פֿאַרשטיין, אַז קיי־ נער קלײַבט זיך ניט זיי צעשיסן, און דאַן דער־ ציילן זיי גערן וועגן דער לאַגע אויפֿן פֿראָנט און אויך וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך בא זיי אין „פֿאָטערלאַנד". אײנער האָט געוויזן א בריוו פֿון די עלטערן, וואָס לעבן אין ליובעק. די שטאָט איז קימאַט פֿאַרניכטעט דורך דער אַוויִאַציע פֿון די פֿאַרבינדעטע, די מענטשן לעבן אין די פֿאַרבליבענע קעלערן אָדער אין זעמליאַנקעס.

די עלטערן שעלטן אַלעמען און בעטן גאָט, ס'זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן דער קאָשמאַר.

יול, 14. אין דער דיוויזיע איז אַ יאָמטעוודיקע שטימונג. אַפּן מאַרש האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער דריטער ווײַסרוסישער פראָנט האָט באַפרײַט די הויפּטשטאָט פון דער סאָוועטישער ליטע — ווילנע!

א גדיכטע מאַסע דײַטשישע געפאַנגענע האָבן מיר הײַנט באַגעגנט אין שטעטל סאַלאַקאַוורטשיזנע. מע יאָגט זיי קיין מיזורעך אין קאַלאָנעס פון 400 — 500 מענטשן. אָפּגעריסענע, אויסגעמאַטערטע, שלעפּן זיי זיך איינער נאָכן אַנדערן.

אָפּגעבליאַקעוועטע „איבערמענטשן" פון בליצקריג! די מעכטיקע רויטע אַרמײ האָט זיי אויסגעניכטערט. זיי האָבן שוין פאַרגעסן זייערע געשרייען „מאָסקווע קאַפּוט!" און אויסגעלערנט זיך דאָס נײַע לידל „היטלער קאַפּוט!".

ס'איז מיר ווידער אויסגעקומען צו ריידן מיט איינעם, מיט אַ צווייטן און איך וווּנדער זיך — עמעסע שעפּסעלעך, מאַמעש מאַלאַכימלעך. „מיט היטלערן האָבן מיר גאָרנישט קיין געמיינזאַמס. מיר האָבן געקעמפט קעגן אייגענעם ווילן. מאַסן־מאָרדן? מיר ווייסן ניט וועגן דעם". הערסט אַ מײַסע, זיי האָבן דערמיט ניט צו טאָן! אייניקע אונדזערע סאָלדאַטן היצן זיך, זײַנען אין קאַס: „וואָס צאַצקען מיר זיך מיט זיי? פירן זיי ערגעץ־ווו, שפּײַזן זיי? אונדזערע מענטשן האָבן זיי געשאָסן אָן שום ראַכמאָנעס".

די קאָמאַנדירן און פּאָליט־טוער האָבן אַ שווערע אויפגאַבע: אויפצוקלערן, אַז מיר מוזן באַהאַנדלען די געפאַנגענע הומאַניש. „מע דאַרף פאַרשטיין, מיר זײַנען ניט קיין פאַשיסטן! מיר קאָנען ניט טאָן אַזוי, ווי עס טוען די היטלעריסטן!" אָבער בעסער ווירקט אַן אַנדער אַרגומענט: „די בלוטזויגער האָבן צעשטערט אונדזערע שטעט, שפּיטאָלן, פאַבריקן, שולן — מיר וועלן זיי צווינגען אופצובויען אַלץ אַפּסנײַ".

יול, 15. מיר שטעלן זיך אָפּ אין שטעטל זשוקאָווטשיזנע. דאָ טרעפן מיר אַטריאַדן פון ווײַסרוסישע פּאַרטיזאַנער. אַ פריידיקע האַרציקע באַגעגעניש. עפּשער וועל איך אָט אַזוי אײַנגיכן זיך טרעפן מיט אַלעקסאַנדערן, מיטן ברודער...

יול, 18. רודנעס, אײַנגעפאַלענע דעכער, צעבויגענע אײַזנס, הויפנס ציגל, אײַנגעוואַלגערטע פּלויטן, אויסגעהאַקטע פענצטער. איך גיי איבער די קאַרעווע שווענטשיאַנער גאַסן. איך דערקען ניט די שטאָט, ווו איך בין ניט איין מאָל געווען פאַר דעם קריג.

מיך שטעלט אָפּ אַ היגער אײַנוווינער, אַ פּאָליאַק, וואָס האָט אין 1940 געלעבט אין דערבײַיקן שווענטשיאַנעליאַי. איך האָב דעמלט דאָרט געדינט אַלס פּאָליטרוק אינעם 9־טן פוסגייער־פּאָלק פון דער ליטווישער פאָלקס־אַרמיי. ער האָט מיך דערקענט. מיר דערמאָנען געמיינזאַמע באַקאַנטע. ער אַליין האָט זיך די ערשטע צײַט פון דער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן און איז שפּעטער אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. ער דערציילט שוידערלעכע פּראַטים וועגן מאַסן־מאָרדן־העכער 3000 שווענטשיאַנער ייִדן האָבן די פאַרשיסטן דערשאָסן אין אָקטיאַבער 1941 לעבן שווענטשיאַנעליאַי באַם טײַך זשיימענאַ[1]. זיי האָבן דערשאָסן אָן שום אויסנאַם, אַלעמען, אַפילע זויגקינדער. וויפל האָב איך שוין אַליין געהערט און געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן, נאָר פון דעם, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט אין שווענטשיאַן, גליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. איך האָב פאַרפּראָטאָקאָלירט די באַווײַזן פון אַ דירעקטן איידעס פון די מאַסן־מאָרדן, אַ פּאָשעטן פויער, וואָס איז, ווי אַ סאַך אַנדערע, געצוווּנגען געווען צו גראָבן גריבער און נאָך דער עקזעקוציע זיי צו פאַרשיטן. איבערהויפּט שווידערן אויף די גוויִעס־איידעס וועגן דעם אומדערהערטן סאַדיזם פון די פאַשיסטן — דאָס מאָרדן קינדער אין דער אָנוועזנהײַט פון זייערע מאַמעס.

איך גיי אַרום, ווי אין אַ קאָשמאַר — איימעדיקע בילדער פאַרפּאָלגן, לאָזן ניט צורו.

יול, 22. צוליב דינסטלעכע איניאַנים קום איך קיין ווילנע.

יול, 23. ס'בלײַבט מיר אַ ביסל צײַט, און איך גיי אָף לאַבדאַריו־גאַס נומער 2־אַ, דירע 16. דאָ האָב איך געהאַט געדונגען אַ צימער, נאָר ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָב איך ניט געקאָנט פון פּאַבראַדער לאַגער קומען אַהיים. איך גיי אַרײַן אין הויף. דער דוואָרניק זעט מיך און בלײַבט שטיין מיט אַן אָפן מויל. ער האָט גאָרניט געקלערט מיך זען אַ לעבעדיקן.

דאָס הויז איז גאַנץ, נאָר די אײַנוווינער זײַנען ניטאָ. מײַנע באַלעבאַטים האָבן די פאַשיסטן דערשאָסן אין פּאָנאַר. מיט זיי צוזאַמען נאָך הונדערט טויזנט ווילנער ייִדן — מענער, פרויען, קינדער.

דער דוואָרניק דערציילט מיר, אַז ווי נאָר די דײַטשן האָבן פאַרנומען ווילנע, זײַנען די געסטאַפּאָווצעס גלײַך געקומען צו פאָרן און געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין מײַן צימער. זיי האָבן צוגענומען אַלע זאַכן. כאַפּט זיי דער רוועך, די זאַכן. אַ שאָד בלויז דעם באַנדזשאָ, אָף וועלכן כ'האָב זייער ליב געהאַט צו שפּילן.

איך זיץ אין צימער אָף פרעמדע שטולן און קוק אָף די טונקל־בלויע טאַפּעטן מיט די רויט־ווײַסע בלומען — מער קיין זאַך איז דאָ ניט געבליבן, וואָס זאָל מיר דערמאָנען דאָס פאַרגאַנגענע. אָפּן האַרצן ווערט ווייטעקדיק שווער, אָט־אָט וועלן אַ שטראָם טאָן טרערן.

איך בין אַרויס פון שטוב און געגעבן זיך אַ וואָרט — קיינמאָל מער ניט קומען אַהער.

יול, 28. דעם גאַנצן טאָג האָב איך פאַרבראַכט אין קופּישאָק, פאַרשרײַבנדיק די גוויִעס־איידעס פון מענטשן וועגן די מאָרדן אין דער צײַט פון אָקופּאַציע. סאָף יון 1941 האָבן די היגע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן קוידעמקאָל זיך צע־

---

[1] לויט די שפּעטערדיקע יעדיִעס — 3726 מענער, פרויען און קינדער.

רעכנט מיט די איבערגעבליבענע קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן, מיט די סאָוועטישע אָנגעשטעלטע, מיט די, וועלכע האָבן געקראָגן פון דער סאָוועטנמאכט ערד, און ביכלאל מיט אלע סימפּאַטיקער פון דער סאָוועטישער אָרדענונג — מע האָט זיי ארעסטירט, געשלאָגן, געמוטשעט, דערנאָך דערשאָסן לעבן דער אײַזנבאַן־סטאנציע.

די איידעס האָבן אָנגערופן א סאך נעמען פון די אָרגאניזאַטאָרן פון די מאָרדן און זייערע אויספירער. מאשמאָעס, אַן ענלעכע ארבעט וואַרט אויף מיר אויך שפּעטער, בײַס אונדזער ווײַטערדיקן מארש איבער ליטע.

יול, 29. בײַס מיר האָבן מארשירט איבערן שטעטל סובאָטש, האָט זיך פלוצעם דערהערט א הארצרײַסנדיקער אויסגעשריי:

— פּעטער! פּעטער!

א יונג ייִדיש מיידל פאלט צו וויינענדיק צו אַן עלטערן סאָלדאַט. אלע אירע אייגענע האָבן די פאשיסטן דערמאָרדעט אין פּאַיאַסטער וואלד, ניט ווײַט פון פּאַנעוועזש. זי איינע איז לעבן געבליבן — די גאנצע אָקופּאציע־צײַט האָט זי אויסבאהאלטן א ליטווישע מישפּאָכע. די דאָזיקע איידעלע מענטשן האָבן, ריזיקירנדיק מיט זייער אייגענעם לעבן, געראַטעוועט 9 סאָוועטישע בירגער.

כ׳האָב באזוכט דעם כוטאָר טרינאָפּאָליס (באם ראנד פון קאָמארער וואלד), ווּ ס׳האָבן זיך געראַטעוועט מענטשן פון פאשיסטישן טויט. כ׳האָב גערעדט מיטן באלעבאָס, א פּאָשעטן פויער פון א יאָר 50, יואַזאס מארקיאַוויטשיוס. ער האָט מיר געוויזן די זעמליאַנקע, ווּ ער האָט אויסבאהאלטן די ייִדן. ער האָט גערעדט, גאָרניט טראכטנדיק דערבײַ, אז ער איז באגאנגען א העלדנטאַט. „מע האָט געדאַרפט העלפן מענטשן", — זאָגט ער. דער ערשטער איז צו אים געקומען א סובאָטשער אײַנוווינער, וואָס איז אנטלאָפן פון פּאָנעוועזשער געטאָ מיט דרײַ קינדער. די מוטער פון די קינדער האָט מען שוין פריִער דערהארגעט. דאַן האָט זיך געפונען אַן אנטלאָפענער פון לאגער — א וואָרשעווער אדוואָקאַט, און מיט אים א לערער פון ענגליש און א שאָפער. איינער א באָכער איז געקומען צו לויפן פון פּאָנאַר (לעבן ווילנע): ער איז געווען צווישן די, וועמען מע האָט דערשאָסן, ארײַנגעפאלן אין גרוב א לעבעדיקער און ביז באנאכט געלעגן אונטער די געהאַרגעטע. אין דער פינצטער איז ער ארויסגעקראָכן פון אונטער די מייסים און איז אנטלאָפן. ער האָט נאָכדעם לאנג געבלאָנדזשעט, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף מארקיאַוויטשיוסעס זעמליאַנקע.

מארקיאַוויטשיוס דערציילט:

— מײַן פרוי האָב איך גאָרניט געזאָגט, און זי האָט ניט געוווּסט וועגן די באהאלטענע מענטשן. זי פלעגט זיך נאָר אַן אנדערס מאָל וווּנדערן, ווּ ווערט עס פארשווּנדן דאָס ברויט, וואָס זי באקט אויס.

בײַס די ווינטער־קעלטן פלעגט מארקיאַוויטשיוס מיט זײַנע צוויי זין, וואָס האָבן דעם פּאָטער געהאָלפן, אָנגליִען שטיינער און, אײַנגעוויקלטע אין טראנטעס, ארײַנטראָגן אין זעמליאַנקע, זיי זאָלן וואַרעמען.

— אײַערע „קוואַרטיראַנטן" האָבן אײַך עפּעס געצאָלט?

— וואָס רעדט איר? וואָס רעדט איר? — האָט מארקיאַוויטשיוס א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — מיט וואָס האָבן זיי געקאָנט צאָלן? אַלץ האָט מען דאָך בא זיי צוגענומען. זיי זײַנען צו אונדז געקומען האַלב נאַקעטע.

צוריקגייענדיק קיין סובאָטש, האָב איך די גאנצע צײַט געקלערט וועגן מענטשלעכן איידלמוט, וואָס האָט זיך פארהיט, בײַס ארום האָט געבושעוועט אכזאַריעס.

סענטיאבער, 28. די דיוויזיע האָט באקומען א באפעל אומבאמערקט אריבערגיין פון שאוול צו דעם טײַך דוביסע, אויף וועמענס מײַרעוודיקן ברעג האָט זיך שטארק פארפעסטיקט דער סוינע.

אָקטיאבער, 4. א סאך סאָלדאַטן, וואָס זײַנען מאָביליזירט געוואָרן אין די באפרײַטע געביטן פון ליטע, האָבן זיך שוין באטייליקט אין די שלאכטן ארום שאוול.

אָקטיאבער, 21. נעכטן האָבן די פּאָלקן פון דער דיוויזיע דערגרייכט לעבן דעם דאָרף פּלאָשקיאַי דעם טײַך ניעמאַן. די פרייד איז ניט צו באשרײַבן. מיר זײַנען ארויסגעגאנגען אויף דער מײַרעוודיקער גרענעץ פון ליטע!

צוויי ארטילעריסטן — דער געוועזענער מיליציאָנער פון קופּישאָק סטאַסיס שיינאוסקאַס און דער געוועזענער ציין־טעכניקער פון ראָקישאָק בערל צינדעל האָבן לעבן פּאַגעג באגעגנט די אָנגרײַפנדיקע דײַטשישע טאנקען מיט פײַער. שיינאוסקאַס האָט פארניכטעט 4 טאנקען. שווער פארווּנדעט, האָט ער ווײַטער געשאָסן און געטראָפן דעם 5־טן טאנק. בערל צינדעל, אויך א פארווּנדעטער, האָט פארניכטעט א פּאַשיסטישן טאנק און א סאַמאָכאָדנעם הארמאַט. מע האָט זיי ביידע געפונען טויטע אויף זייערע פּאָזיציעס.

אין די שלאכטן בא אוסענאַי, ווערזשינינקעס און אוזשפּעלקיס (שילוטער ראַיאָן) האָבן זיך אויסגעצייכנט דער פּאָלקאָווניק פיאָדאָר ליסענקאָ, דער מאַיאָר וואָלף ווילענסקי, דער עלטערער סערזשאנט וואסילי פּעדאָטאָוו, דער סערזשאנט קאַלמען שור און דער סאָלדאַט הירש אורשפּאָל. זיי אלע האָבן אין 1945 באקומען דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאַנד.

אָקטיאבער, 26. איינער א סאָלדאַט, וואָס האָט באזוכט זײַן היים אין שטעטל אָבעל, ראָקישקער ראַיאָן, האָט מיר איבערגעגעבן א שוידערלעכן דאָקומענט. ער האָט געזען, ווי מע עפנט די גריבער, אין וועלכע די היטלעריסטן און זייערע היגע משאָרסים האָבן באגראָבן זייערע קאָרבאָנעס. ווען די ספּעציִעלע קאָמיסיע האָט געציילט די קערפּערס, האָט ער דערזען א פּאַפּירל, וואָס שטעקט פון דער קעשענע פון איינער א דערהארגעטער. ער האָט עס צוגענומען, געבראכט אין דיוויזיע, געוויזן עס עמעצן, און

לייטענאַנט גדאַליע יועלס, מוישע זשאַבינסקי, דער אַרטילעריסט הירש אושפּאַל (1943)

דאָ האָט מען אים אונטערגעזאָגט, ער זאָל עס אָפּגעבן מיר.

דאָס צעטל איז געשריבן אויף יידיש מיט א בלײַער. אפן רעכטן ווינקל — פלעקן פון בלוט. גלײַך צו זען — מע האָט עס געשריבן אײַלנדיק.

„מײַנע טײַערע, פאַרן שטאַרבן שרײַב איך א פּאָר ווערטער. מיר שטאַרבן פינף טויזנט מענטשן אומשולדיקע. מע שיסט אונדז. גרויזאַם. איך קוש אַלעמען. מירע".

דאָס צעטעלע האָב איך שפּעטער איבערגעגעבן אין קאָוונער היסטאָרישן מוזיי, ווּ עס ווערט עקספּאָנירט.

נאָיאַבער, 1. געטראָפן דעם שרײַבער, דעם עלטערן לייטענאַנט יאָנאַס מאַרצינקיאַוויטשיוס. מיר האָבן זיך לאַנג ניט געזען, כאָטש מיר דינען אין איין דיוויזיע. ווי שטענדיק, איז ער פול מיט הומאָר, דערציילט די אָפיצערן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, עפּעס א פרײַלעכע מײַסע, עפּשער אַן אַנעקדאָט. דערזען מיך, איז ער ערנסט געוואָרן, צוגעגאַנגען, פעסט געדריקט די האַנט און מיט א פאַרזאָרגטן טאָן געפרעגט, צי האָב איך וואָס געהערט וועגן מײַן ברודער אַלעקסאַנדערן.

ניין, קיין שום ידיעס. אויסער קלײַפּעדע איז שוין גאַנץ ליטע פרײַ, און וועגן דעם ברודער ווייס איך גאָרניט.

מאַרצינקיאַוויטשיוס האָט זיך דערמאָנט, ווי ער און אַנדערע כאַווירים פלעגן זיך טרעפן אין קאָוונע נאָך אין יענע פינצטערע יאָרן פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור.

— אַלעקסאַנדער פלעגט שפּילן אויף דער פּיאַנע, און די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט געזונגען. א פרײַלעכער יאַט געווען!

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזא טאָן, ווי דער ברודער וואָלט שוין טאַקע ניט געלעבט.

אין האַרצן האָב איך דערמיט ניט געקאָנט שאָלעם מאַכן. א פּונקעלע האָפענונג האָט נאָך געטליעט אין מיר: עפּשער איז ער אין געפאַנגענשאַפט אין א היטלעריסטישן לאַגער, עפּשער אין א לאַזאַרעט, ווּ ער ליגט א שווער פאַרוואונדעטער און קאָן ניט געבן וועגן זיך צו וויסן?..

א סאַך שפּעטער, שוין נאָך דער מילכאָמע, איז באַוווּסט געוואָרן, אַז די גרופּע פון 10 מענטשן אונטער דער אָנפירונג פונעם צווייטן סעקרעטאַר פון צק איציק מעסקופּאַס, און וועלכער אַלעקסאַנדער איז געווען דער ראַדיסט, איז אומגעקומען. דאָס איז געווען די ערשטע גרופּע, וואָס איז דעם 7־טן מאַרט 1942 אַראָפּגעלאָזט געוואָרן מיט פּאַראַשוטן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, קעדיי צו באַנײַען די פּאַרטיי־אַרבעט און אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג. אין דער דאָזיקער גרופּע זײַנען געווען נאָר אויסגעפּרוווטע און פּאַרהאַרטעוועטע קעמפער: דער עלטסטער — אַן אָנטיילנעמער אין די קאַמפן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און פאַר דער סאָוועטישער מאַכט אין ליטע אין 1918 — 1919 פּיאַטראַס פּאַיאַרסקיס, דער סעקרעטאַר פון צק פון קאָמיוג אין ליטע ייִסראָעל איצקאָוויטש (באַקאַנט געווען אונטערן פּאַרטיי־פּסעוודאָנים ריכאַרד), דער סעקרעטאַר פונעם ראָקישקער פּאַרטיי־קאָמיטעט סטאַניסלאָוואַס שקלעריוס, דער געוועזענער אָנפירער פון דער מיליציע אין אוטיאַנער ראַיאָן אַלפּאָנסאַס ווילדזשיונאַס, דער ערשטער סעקרעטאַר פון שאַוולער פּאַרטיי־קאָמיטעט אַלטער קליינער, דער סעקרעטאַר פון זאַראַסייער פּאַרטיי־קאָמיטעט וואַלעריאָנאַס מאַצקוס, דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר פון יאָנעווער וואָלאָסט מיראָן וואַיטענקאָ און דער סאַמע ייִנגסטער פון דער גרופּע יאָנאַס קאַנאַפּאַ.

צוליב א טאָעס האָט דער אַעראָפּלאַן פאַרלאָרן דעם ריכטיקן קורס און אַראָפּגעלאָזט די פּאַראַשוטיסטן ניט אין דער אומגעגנט פון ראָקישאַק, ווי ס'איז געווען פאַרויסגעזען, נאָר אין לעטלאַנד. דאָרט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף היטלעריסטן. אין שלאַכט זײַנען געפאַלן 4 מענטשן פון דער גרופּע. דעם 13־טן מאַרט זײַנען די איבערגעבליבענע געקומען אין בירזשער וואַלד (צפון־ליטע) ניט ווײַט פונעם

דאָרף סמיילִיאַי, ווּ ס'האָט זיי אויסגעשפּירט אַ פּאַרעטער, דער וואַלד־וועכטער יאָנאַס דאַוגיס. ער האָט טייקעף געמאָלדן וועגן דער גרופּע דער פּאָליציי פון נעמונעליאַי — ראַדווילישקיס. די אָנגעקומענע פּאָליציסטן פון בירזש און פון אַנדערע ערטער צוזאַמען מיט די אָרטיקע באַהעלפער פון די אָקופּאַנטן האָבן אַרומגערינגלט מעסקופּאַסעס גרופּע. אין דער ניט גלײַכער שלאַכט זײַנען אַלע פּאַרטיזאַנער אומגעקומען. זייערע קערפּער זײַנען אין 1954 אַריבערגעפירט געוואָרן אויפן מיליטערישן בעסוילעם אין ווילנע און דאָ פֿײַערלעך באַערדיקט.

אין 1957 האָט מיר פּלוצעם אָנגעקלונגען דער לייטער פונעם אופּנאַם־צימער פונעם פּרעזידיום פון אויבערסאָוועט פון דער ליטווישער רעפּובליק, דער געוועזענער פּאַרטיזאַן וויקטאָראַס דאָבראָוואָלסקאַס:

— יאַצאָווסקי, דו ווילסט זען דײַן ברודערס מערדער?

פון אומגעריכטקייט האָב איך פאַרלאָרן ס'לשון... „דעם ברודערס מערדער... דעם ברודערס מערדער...". ס'האָט מיר געקלונגען אין די אויערן, און איך האָב אפילו ניט געקאָנט באַנעמען דעם עמעסן זין פון די ווערטער... פאַר די אויגן זײַנען אופגעשווומען די טראַגישע געשעענישן אין בירזשער וואַלד... שפּעטער האָט דער מיליטער־טריבונאַל פאַרורטיילט אייניקע דעמאַסקירטע היטלעריסטישע מעשאָרסים. איינער פון זיי האָט זיך איצט אין ווילנע געווענדעט צום אויבערסאָוועט, מע זאָל אים באַפרײַען פון פאַרשיקונג. וועגן וואָס וועל איך מיט אים ריידן? וואָס וועט זיך ענדערן?

— איך וויל ניט זען מײַן ברודערס מערדער אַ לעבעדיקן!

יענעם טאָג האָב איך נאָך מער דערפילט די טיפע וווּנד, וואָס מאַטערט מיך ביז איצט...

נאָיאַבער, 20. אונדזער דיוויזיע האָט אָנגעהויבן דעם אָנגריף אויפן פראָנט אין קורליאַנדיע, דאָס הייסט, אויף דער לעטישער ערד. דער ציל — אײַנצוברעכן די פּאָזיציעס פונעם קעגנער און אָנגרײַפן ליבאַווער פּאָרט.

כ'האָב זיך באַטייליקט אינעם ערשטן פאַרהער פון די געפאַנגענע. איינער פון זיי האָט אופגעהויבן די הענט צום הימל און זייער בילדעריש אויסגעדריקט די הײַנטיקע שטימונג פון די דײַטשישע סאָלדאַטן:

— מיט גאָטס הילף איז דער אומזין הײַנט פאַר מיר פאַרענדיקט!

— ניט מיט גאָטס הילף, נאָר מיט דער הילף פון דער רויטער אַרמיי!

דער געפאַנגענער שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

— געוויס, געוויס!..

1945

יאַנוואַר, 20. הײַנט איז באַשלאָסן געוואָרן — מיטן לאַסט־אויטאָמאָביל פון דיוויזיע־שטאַב פאָר איך קיין ווילנע. אויף צוגרייטן זיך צום וועג — אַ קנאַפּע האַלבע שעה.

יאַנוואַר, 22. איך נעכטיק אין קאָוונע. ס'איז דאָס ערשטע מאָל נאָכן אָנהייב פונעם קריג, ווי איך בין אין דער שטאָט, ווּ ס'איז פאַרגאַנגען מײַן קינדהײַט, מײַן יוגנט, ווּ יעדעס געסל, יעדע סטעזשקע איז מיר גוט באַקאַנט.

איך דערוויס זיך זייער פיל וועגן מײַנע כאַווירים — אָנטיילנעמער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג לייבל סאָלאָמין מיט זײַן פרוי, ליבע די שוואַרצע, וועלכע איז מיט אַ צען יאָר צוריק געווען מײַן פּיאָנער־אָנפירערן. זי איז אין אונדזער דיוויזיע געווען אַ סאַניטאַראינסטרוקטאָר, און אויפן פראָנט איז זי שווער פאַרווונדעט געוואָרן. סאָלאָמין איז געווען אַן אַקטיווער פּאַרטיזאַן אין דער אָקופּירטער ליטע. איך הער ווידער וועגן די שוידערלעכע פאַרברעכנס פון די היטלעריסטן און זייערע באַהעלפער — ליטווישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן.

יאַנוואַר, 26. שוין דעם צווייטן טאָג לעב איך אין דער ליטווישער הויפּטשטאָט. אײַנדרוקן — אַ יאַם... באַגעגענישן מיט דער פּאַמיליע, מיט כאַווירים, מיט באַקאַנטע, וואָס מיט די מערסטע פון זיי האָב איך זיך ניט געזען די גאַנצע מילכאָמע־צײַט. וועגן אַ סאַך האָב איך ביכלאַל גאָרנישט ניט געוווּסט. איצט ווײַזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן געקעמפט אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

פעוורואַל, 3. מאָרגן פאָר איך צוריק אויפן פראָנט, און הײַנט האָב איך זיך באַטייליקט אין דער פײַערלעכער זיצונג, געווידמעט דער פולשטענדיקער באַפרײַונג פון דער סאָוועטישער ליטע. די געזעלשאַפטלעכקײַט פון שטאָט, פאָרשטייער פון דער רויטער אַרמיי און פון דער ליטווישער דיוויזיע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אינעם יאָמטעוודיק אויסגעפּוצטן טעאַטער. אין פּרעזידיום זיצן די כאַווירים א. סנעטשקוס, י. פּאַלעצקיס, מ. געדווילאַס און אַנדערע אָנפירנדיקע טוער פון דער ליטווישער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק.

נאָך דעם פײַערלעכן טייל האָט זיך אָנגעהויבן דער יאָמטעוודיקער קאָנצערט. און דאָ האָבן מיר דערהערט שאָסן פון האַרמאַטן. דאָס איז געווען דער סאַליוט, מיט וועלכן דאָס ליטווישע פאָלק האָט באַערט זײַן באַפרײַער — די רויטע אַרמיי.

באַנײַונג

קיין קלאָלע און קיין טפילע

צי גוט איז מיר, צי שלעכט איז מיר —
כ׳בארים זיך ניט, כאָלילע!
כ׳האָב פײַנט, פון זינט איך לעב כ׳האָב פײַנט
א קלאָלע מיט א טפילע.

און ניט דערלעבן וועט מײַן פײַנט,
כ׳זאָל זיך פאר אים באַקלאָגן,
אז ס׳איז מיר קלוימערשט שווער אצינד
מײַן פעקל צאָרעס טראָגן.

כ׳בין קיינמאָל ניט מעקאַנע אים,
ס׳איז קינע מיר דערווידער!

צי גוט איז מיר, צי שלעכט איז מיר —
דאָס ווייסן מײַנע לידער.

און לידער פעלשן ניט. אין זיי
כ׳פארשפּאָר מײַן וויי פארהילן!
און גוט, וואָס זיי צעמישן ניט
א קלאָלע מיט א טפילע.

זיי זײַנען, ווי א פרישער ווינט
און ווי א גוטער רעגן.
ביז לעצטן טראָט כ׳וועל גיין מיט זיי
דער העלער וועלט אנטקעגן!

איך בין ניט רויִק

— עס פעלט דיר רויִקײַט,
געלאסנקײַט דיר פעלט,
ביסט שטענדיק אופגערעגט —
א שטרענגער, אזש א שלעכטער,
ווי עמעצער וואָלט דיך אוועקגעשטעלט
באהיטן די גערעכטיקײַט
און זײַן איר שטרענגער וועכטער.
זײַן גלײַכגילטיק,
זיך האלטן אין א זײַט
האָסטו פארבאָטן זיך,

ווי וואָלסט געטאָן א ביידער
אין א גערANGל גיין קעסיידער,
ווי דײַן באַרוף זאָל זײַן —
אומופהערלעכער שטרײַט.

דערווידער זײַנען מיר די גוטינקע, די שטילע,
וואָס לעבן אויסער רוים און אויסער צײַט
און זײַנען זאָרגלאָז־רויִק,
ווי א פאלשע טפילע,
און שטייען שטענדיק אין א זײַט.

* * *

אזוי איז אײַנגעשטעלט אף גאָר דער וועלט:
איין דאָר פארבײַט דעם צווייטן לויטן סיידער.
און אלע פרילינג זיך צעבליט דאָס פעלד,
דער וואלד טוט אָן די קאלע־קליידער.

ס׳איז ווייל צו דעם, וואָס האָט די זכיִע
אן איידעס זײַן פון פרילינגדיקן נעס.
וואָס וועט ערשט אָנהייבן אפסנײַ זיך מיִען,
ווי פייגל, וועלכע בויען זיך א נעסט.

באַם פּאַרמאַכטן פענצטער

צי ווײַל עס איז זיי קאַלט
אין דעם פאַרשנייטן דרויסן,
צי ווײַל מײַן פענצטער
גלײַך אַף דאָרעם גייט אַרויסעט,
צי ווײַל ניט הייך עס איז פאַר זיי
מײַן דריטער שטאָק —
דרײַ שוועלבעלעך מיט פאָכנדיקע פליגל,
ווי געסט געגאַרטע קומען אַלע טאָג
און מיט די שנאָבלעך פּיקן זיי אין גלאָז
און זאָגן מיר:
— גוטמאָרגן, באַלעבאָס!
וואָס מאַכסטו, און ווי שרײַבט זיך דיר לעסאַטע,
צי אַלץ איז בא דיר פויגלדיק און גלאַטיק...

כ׳וואָלט זיי אַרײַנגעלאָזט צו זיך
איצט גערן
געטיילט זיך מיט מײַן וואַרעם גלעזל טיי.
נאָר ס׳איז פאַרמאַכט דאָס פענצטער,
און אַ געדיכטער שניי
באַדעקט דאָס גלאָז... און אַף געוויס
איז זיי אין דרויסן דאָרט ניט זיס,
נאָר פּונקט ווי איך,
אַקשאָנעסדיק זיי וואַרטן
אַף דעם געבענטשטן פרילינג דעם געגאַרטן,
ווען ס׳וועלן זיך די פענצטער ברייט צעפּראַלן
און פרילינג וועט באַגיסן מיך און זיי
מיט הייסע שטראַלן.

דער ערשטער שניי...

עס גלייבט זיך ניט —
דער שניי אַ קאָל זאָל האָבן?
נאָר שטעלט אײַך פאָר, אַז אַלע מאָל
אין אָנהייב ווינטער
הער איך קלאָר זײַן קאָל,
ווען עס צעשרײַען זיך די ראָבן,
דערפילנדיק דעם ערשטן שניי.

ווי אַפן פרילינג
פייגלען וואַרטן,
פון זינט עס איז די וועלט אַ וועלט,
ווי ס׳וואַרט אַף זומער דאָס פאַרזייטע פעלד —
איך וואַרט מיט אומגעדולד
אַף דעם געגאַרטן,
דעם שטענדיק דאָרעמדיקן צאַרטן
ערשטן שניי.

ער קווייטלט אויס
די הוילע צווײַגן,
און ס׳דאַכט, זיי האָבן זיך צעבליט,
דער סאָד פאַרציט זײַן ווינטער־ליד,
כאָטש ס׳דאַכט, אַז ער איז פול
מיט שווײַגן —
ער הערט זיך אײַן
ווי ס׳זינגט דער ערשטער שניי.

אַ פאָלקס־מאָטיוו

מיינסטו דאָך מיסטאַמע,
אַז איך בענק נאָך דיר,
ווי עס זאָגט מײַן מאַמע:
אַז איך שטאַרב, קראַפּיר —
האָסטו גראָד אַ טאָעס,
ביסטו פראָסט אַ נאַר.
כ׳שפּיל ניט קיין קאַטאָוועס —
שטראָף מיך ניט דערפאַר.

ס׳פליִען די מעסלעסן,
ווי דער שנעלער ווינט,
כ׳האָב שוין דיך פאַרגעסן —
דו האָסט עס פאַרדינט!
גלייבסט ניט, איז מאַכטייסע —
טו, ווי דו פאַרשטייסט.
כ׳דאַרף ניט, זאָלסט מיך טרייסטן,
ווייסט, וואָס ליבע הייסט?..

*

כאַפּ זיך ניט

דו כאַפּ זיך ניט דערקלערן זיך אין ליבע —
ניט יעדער פונק געבוירן קאָן אַ פלאַם,
ניט יעדעס טראָפּנדל געפינט דעם וועג צום יאַם,
ניט יעדעס ווינטעלע ז׳דער אָנהייב פון אַ שטורעם.

דער ערשטער אויגנבליק איז מער ניט, ווי אַ בליק,
כאָטש גראַדע פון אַ בליק אַ ליבע הייבט זיך אָנעט.
און כאָטש אַ שמייכל איז אַ טרייסט, איז אַ מאַטאָנע,
נאָר דאָס איז ערשט אַן אָנהייב בלויז פון גליק.

ווײַל איך בין א סאָלדאַט

Тишина — ты лучшее из того,
Что я слышал.
Б. Пастернак

„פון אלץ, וואָס כ׳האָב געהערט
ביסטו, אָ, שטילקײַט, בעסער"...
און איך האָב מוירע פאר דער שטילקײַט, ווי א קינד.
זי איז פאר מיר א שארפער מעסער,
זי מאכט מיך טויב און בלינד.

ווען ס׳נעמט די שטילקייט מיך ארום,
מיר הייבט אָן דאכטן,
אז איך בין אײנזאם און מײַן הארץ איז פוסט.
כ׳בין דאָך פון שטענדיק אָן
געוווינט צו שלאכטן,
פון שטילקײַט האָב איך קײנמאָל ניט געוווּסט.
געזען די וועלט מיט צאפלדיקע ווייען,
מיט אופרײַסן טאָגטעגלעכע,
מיט גסיסע און מיט שרעק.
געלעגן אין די שלאכט־טראנשייען,
ווו ס׳דויערט נאָך ביז איצטער
דאָס געשלעג.

און ווו געשלעג —
דאָרט איז ניטאָ קיין זייכער
פון שטילקײַט, ווײַל אין איר איז אָפּט פאראט.
דער הילך פון די ראקעטעס אין די קאָסמאָס־הייכן
איז פון דער שטילקײַט ליבער מיר,
ווײַל איך בין א סאָלדאַט!

* * *

דערמיט וואָס מיר איז גוט,
איך קאָן זיך ניט באגרענעצן —
איך דארף, אז אלעמען
זאָל ליב און היימלעך זײַן,
אז פונעם טײַך אמור ביז אָדער און ביז מײַן
זאָל קיין געפאר ניט לויערן
מײַן היימלאנדס גרענעצן.

אז ניט פארגעסן ווערן זאָל קיין מינדסטע טרער,
קיין וואָרצל אין דער ערד
זאָל ניט צעשעדיקט ווערן,
מעקויעם ווערן זאָל דער הײליקער באגער,
די מי זאָל לויכטן, ווי א העלער שטערן.

יעכיעל שרײַבמאַן

אין יענעם זומער — ווען איך בין נאָך אַלט געווען אַכט און פערציק יאָר

א

אײַ, איז דאָס געווען א ווילער כוידעש.

כ'האָב מיט צעבלאָזענע נאָזלעכער אַרײַנגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט, און שיר ניט געבריקעוועט מיט די פיס, ווי שאָלעם־אַלייכעמס קעלבל ערעוו פייסעך, אין פרײַען אַנגעוואַרעמטן דרויסן, נאָך א שווערן ווינטער, פאַרשפאַרט אין ענגן דושנעם שטאָלכל. כ'וויל ניט מאַכן קיין אַנדערע פאַרגלײַכן. הינטער אַ־דעם שוואַכן פאַרגלײַך שלעפּט זיך אַזוי אויך נאָך, פול מיט אומעט און צאַר: מיר איז גוט, כ'בין א יאָסעם.

אַרום מיר, אַף דער זײַט דניעסטער, דאָס מאָלדאַווישע דאָרף קעסעוץ. אַנטקעגן, אַף יענער זײַט — דאָס שטעטל יאַמפּעלע. דער דניעסטער אין דער מיט פליסט מעיושעוודיק־פאַרקנײטשט, אַלט־באַדאַכט, טוט זיך אַמאָל־אַמאָל א צעכוואַליע, א צעבײזער, פאַרבײגט זיך אין עק דאָרף, ווי א קני, ווערט פאַרשווּנדן פונעם אויג — דעם פוס אונטן בא דער קני, די אָנגעשוואָלן־צעווײקטע פינגער פונעם פוס זעט מען שוין פונדאַנען ניט אָן.

דאָרט, אַרויס דעם דאָרף, ערגעץ אַפן פעלד, ניט ווײַט פונעם וואַלד, איז פאַראַן א בערגל, זאָגן די קעסעוצער אײַנוווינער, וואָס הייסט „מאָווילע לוי באַלשעם": דעם באַלשעמס בערגל. ווער אָדער וואָס דער באַלשעם איז, ווייסן ניט די קעסעוצער אײַנוווינער. נאָר מיר איז גענוג, אַז זיי ווייסן, אַז מיר דאַרף מען וועגן דעם דאָזיקן בערגל זאָגן.

פאַרוואָס דאָס בערגל הייסט דעם באַלשעמס, האָב איך, פאַרשטײט זיך, ניט געהאַט בא וועמען צו פרעגן. דער באַלשעם איז, הייסט עס, דאָ, אין דעם דאָרף קעסעוץ, געווען. און, אַפּאָנעם, ניט גלאַט געווען — לאַנג געווען.

עפּשער איז ער אַזוי טעג און נעכט געשטאַנען אַפן שפּיץ פון יענעם בערגל מיט א פאַריסענעם קאָפּ אַרויף צום הימל. באַטאָג האָט דאָס גאַנצע דאָרף געקוקט ווי אַ־דער הייליקער „ראַווין" שטײט מיט פאַרקוועטשטע אויגן און רירט זיך שאָענווײַז ניט פונעם אָרט. באַנאַכט האָט דאָס גאַנצע דאָרף געהערט, ווי אַ־דער הייליקער „ראַווין" כליפּעט. עפּשער איז ער אַזוי פאַרשטײנערט געשטאַנען, אײַנגעהילט אין זײַן טאַלעס. עפּשער איז ער גאָר ניט געשטאַנען אַפן בערגל, נאָר דאָס בערגל איז גאָר געבליבן שטײן אַף אים. און עפּשער ליגט גאָר אונטערן בערגל ניט ער, דער באַלשעם, נאָר א פּאָשעטער ייִד, א פּראָסטער כײַוועקײַעם, א גײער און וואָגלער איבער שטעטלעך און דערפער.

קיינער האָט עס מיר ניט געקאָנט זאָגן. נאָר מיר איז געווען גענוג, אַז דאָ, אַף די וועגן, ווו איך גיי איצט אַרום, איז פאַראַן אַזא בערגל. און וואָס עס זאָל ניט געווען זײַן מיטן דאָזיקן בערגל, הייסט עס „מאָווילע לוי באַלשעם" — דעם באַלשעמס בערגל.

די קעסעוצער אײַנוווינער האָבן פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף מיר וועגן נאָך עפּעס זאָגן. אין וואַלד, אַרויס דעם דאָרף, האָבן די דײַטשן און די רומענער אויסגעשאָסן עטלעכע הונדערט עוואַקויִרטע ייִדן. מ׳האָט זיי אַראָפּגעשלעפּט פון די פאַרכאַפּטע פורלעך, אויסגעטאָן נאַקעט, יעדן באַזונדער צוגעבונדן צו אַ בוים. אַ בוים און אַ ייִד מיט ווײַסע באָרד־און־פּייעס. אַ בוים און אַ צעשויבערטע ייִדענע. אַ בוים און אַ באַרמיצווע־באָכערל. דאָס גאַנצע דאָרף האָט אין יענעם פאַרטאָג געהערט זקיינישע, ווײַבערשע און קינדערשע קוילעס. די פאַרבלוטיקטעביימער זײַנען ניט פאַרדאַרט געוואָרן. אַ יאָר צײַט איז קיין איין קעסעוצער אײַנוווינער אין וואַלד ניט אַרײַנגעגאַנגען. כ׳האָב געוואָלט אַ קוק טאָן, ווי די דאָזיקע ביימער שטייען ווײַטער און וואַקסן. נאָר קיינער האָט מיר פּינקטלעך ניט געקאָנט אָנווײַזן דאָס אָרט. אַ וואַלד ווי אַ וואַלד. קיין איין בוים צווישן ביימער איז ניט זויכע געווען דאָס, וואָס עס איז זויכע געווען איין בערגל צווישן בערגלעך. פאַרייביקט ווערן דורך עמעצנס אַ נאָמען. טראָגן אין דער אייביקײַט כאָטש איין הייליקן נאָמען עמעצנס.

נאָר אי דאָס הייליקע בערגל, אי דאָס פאַרבלוטיקטע שטיק וואַלד, אי אַ סאַך אַנדערע פאַרבלוטיקט־הייליקע זאַכן, האָבן זיך מיר דעמלט, אין יענעם זומער, געדאַכט, ווי זיי זײַנען אַלע פאַרגעקומען גאָר־גאָר אַמאָל. געדאַכט איז ניט דאָס וואָרט. כ׳האָב אַליין, באַוווּסטזיניק, ווי מע זאָגט, אָפּגעשידעכט זיי פון זיך מיט די נעגל, אָפּגעשטופּט וואָס מערער אָף צוריק. כ׳האָב בלויז געוואָלט פילן אין זיך דאָס איינע דעמלטיקע ביסעלע פרייד אין יענעם זומערדיקן סאָף־אויגוסט־כוידעש טויזנט נײַן הונדערט איין און זעכציק אָנגערופן אופגעלעבטקײַט, ווײַטערדיקײַט.

אין די פאַרטאָגן האָב איך מיט באָרוועסע פיס געשפּאַנט איבער יונגן גראָז, וואָס האָט דאָ און דאָרט אַרויסגעשפּראָצט אָף דער פאַרטראָטענער סטעזשקע אין קעסעוצער הויף, ווו כ׳האָב אין יענע טעג געוווינט, געפילט אונטער מײַנע נאַקעטע טריט פאַרטאָגיק־פײַכטע טוי־טראָפּנס, און געוואָלט זײַן ווי יונג גראָז. כ׳האָב זיך צוגעזעצט אָף אַ נידעריק־אָפּגעשניטענעם בוים אין עק הויף, אַרומגענומען מיט דער האַנט די איינע צעבלעטערטע צווײַג, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער בוים־קלאָץ, און געוואָלט זײַן ווי אַ בוים. אַפילע, ווי אַ וואַלד־בוים...

כ׳ווייס ניט, צי אַזוי ווי כ׳האָב דעמלט געוואָלט, הייסט גוט געוואָלט, אָדער ניט גוט געוואָלט. פרייד קאָן פאַרשיקערן, אַראָפּפירן פונעם וועג. ווי־אַזוי כ׳האָב שוין דעמלט ניט געוואָלט — מיר איז געגנוג געווען דאָס איינציקע וואָרט פרייד.

דאָס דאָזיקע געגאַרטע, אויסגעבענקטע, פּאָשעטע, קורצע וואָרט.

וואָס איז דעמלט געווען די גרויסע פרייד אָף מיר, וועט דער לייענער געוווירע ווערן שפּעטער. אויב ער איז אַ לייענער ניט גאָר קיין באָקי אין דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור, און עס זאָגן אים דערווײַל גאָרניט דער כוידעש און דאָס יאָר, וואָס כ׳האָב נאָרוואָס העכער אַ ביסל אָנגעוויזן.

דערווײַל וויל איך דערציילן, וואָס פּלוצעם בין איך דעמלט געווען אין אָ־דעם דאָרף קעסעוץ. אָף אונדזער פּאַק־לאָשן הייסט דאָס אַ שעפערישע קאָמאַנדירונג. גיי, זײַ מויכל, מעכאַבער, אַ ביסל אַרויס פון דײַנע ענגע שטוב־דאַלעדאַמעס; קלײַב זיך אַליין אויס די צײַט און דאָס אָרט, ווען און וווּהין אַ ביסל דורכצופאָרן זיך; פאַרלאָז אָף אַ פּאָר וואָכן דײַנע שטוב־זאָרגן און שטוב־וואָכעדיקײַט; גיי אום צווישן מענטשן; הער דיך אָן מיט מײַסעס; זע דיך אָן מיט נײַע פּענעמער און נײַע לאַנדשאַפטן; עפּשער וועט עס דיך צו עפּעס אָנרעגן; געדיכטס, אַלקאַלפּאָנעם, וועט ניט גיין לעיִבעד, וועט דיר באַם טיש אַמאָל גוט צוניץ קומען.

איך האָב מיר פּאַר אַזאַ „שעפערישער” נעסיִע אויסגעקליבן סאָראָקע. סאָראָקע, קאָן מען זאָגן, איז אַ שטיק היימשטאָט מײַנע. אַ מין צוריקפאָר, הייסט עס, אין מײַנע בלויע ראַשקעווער קינדער־יאָרן.

אין ראַשקעווע איז סאָראָקע געווען די סאַמע נאָענטסטע און טאַקע סאַמע אָנגעזעענסטע גרויסשטאָט. נאָכן אַרויספאָרן אין דער וועלט און נאָכן היימיש ווערן מיט גרויסע שטעט און אַפילע מיט הויפּטשטעט איז, פאַרשטייט זיך, די גרויסשטאָט סאָראָקע אין אונדזערע אויגן וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן. פון דער שטאָט איז פּאַוואָליע געוואָרן אַ שטעטל. אַ גרוי, פאַרפאָרעכט, אײַנגעשרומפּן, אויסגעאָרעמט, צעקרימט, פאַרוואָרפן בעסאַראַבער שטעטל.

דערנאָך, אין יאָרן אַרום, האָט, ווי דער שטייגער איז, אָנגעהויבן פאָרקומען אין אונדז פאַרקערטס. די לענטע האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אָף צוריק. ס׳האָט זיך געביטן די מאָס פון גרויסקײַט און קלײנקײַט.

די אַלטע גאָר־גאָר פאַרצײַטיקע סאָראָקער פעסטונג באַם ברעג פונעם דניעסטער. די שמאָלע געדרייטע געסלעך באַרג־אַרוף, באַרג־אַראָפּ. די געשניצטע גאַנעקלעך באַ די שטיבער. דער

„בארג״ אויבן מיט די ציגײַנערישע ליקלעך, מיט די װײַנגערטנדלעך, צעװאָרפֿענע אין דער הייך, בא דער סאמע בלאָוקײַט פונעם הימל. א ליטעראריש זשורנאלכל מיטן אויסטערלישן נאָמען „װינטן״, וואָס כעוורע האָבן פלוצעם אין די דרײַסיקער יאָרן אָנגעהויבן ארויסגעבן אין דער דאָזיקער סאָראָקע. א פולע סאָראָקער טורמע ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן דאָ־אָ, אין דעם־אָ פארפאָרעכטן עק, אין זינען געהאט איין קלייניקייט: א ביסעלע אויסגלײַכן און א ביסע־לע איבערמאכן די גאנצע קרומע וועלט. דער ווײַסער, אין בײדע זײַטן שפּיציק־פעלדזיקער אראָפּפאָר קיין סאָראָקע. די פאנאָראמע אראָפּאָרנדיק: דניעסטער, צעגרינטקײַט, שינדל־דע־כער, פלויטלעך, שורעס פענצטער, אָנגעצונדענע מיט פארנאכטיקער זון, אויסגעקרײַזלטע מיט בענקשאפט ערעװ־אונט־רויכלעך, א שטיק רויטער הימל איבערן קאָפּ — מ׳האָט טאקע, אפאָ־נעם, געדארפט פריִער אויספאָרן א וועלט, היימיש ווערן מיט גרויסע שטעט און אפילע מיט הויפטשטעט, א קאפעלע טאקע קליגער ווערן, קעדיי צו דערזען, אז די דאָזיקע פארוואָרפענע סאָראָקע קאָן ניט פארשעמט ווערן, ניט מיט דעם, וואָס מע רופט שיינקײַט, און אפילע ניט מיט דעם, וואָס מע רופט גרויסקײַט.

אין די לעצטע יאָרן, ביפראט, דאַרף מען שוין קיין סאַך ניט דרייען מיטן גראָבן פינגער, אויסצודרינגען, אז סאָראָקע איז א גאנץ באטאמט ווינקל.

די שטאָט איז הײַנט א סטודענטן־שטאָט. (וואָס קאָן נאָך זײַן געשמאקער, ווי בינטלעך סטודענטן און סטודענטקעס אף שריט און טריט?), א קוראָרט־פלאַץ (וואָס קאָן נאָך זײַן באַ־טאמטער, ווי פריילעך־ראַשנדיקע, אָפּגעבריענטע קוראָרטניקעס און קוראָרטניצעס פון פאר־שידענע עקן לאנד?) אפן „בארג״ שטייען הײַנט נײַע ציגײַנערישע הײַזלעך, אויסגעפארבטע אין דרויסן מיט די זעלבע שרײַענדיקע פארבן, ווי די לאנגע רעגנבויגנדיקע קליידלעך אף די סאָראָקער יעפּאסטויערדיקע ציגײַנער־טעכטערלעך. אונטן שווענקט דער דניעסטער מיט דער זעלבער דוירעסדיקער אמאָליקײַט די אלט־מײַסעדיקע פעסטונג־ווענט. אין דער מיט שטאָט — א פארק. קעגן פארק, ווי עס פלעגט זיך אמאָל ערגעץ אין א ייִשעוו אויסטיילן איבער אלעמען א פריצישער מאיאָנטעק, צי גלאט אזוי א ברייט גוויריש הויז — פראָסט און פּאָשעט א קליי־דער־פאבריק. ארום־און־ארום קלייטן, קאפע־הײַזער, אטעליעען, אינסטיטוציע־שילדלעך, אלע סאָראָקער לערן־אנשטאלטן, דער זעלבער ווײַסער אראָפּפאָר אין שטאָט. צו דער פאנאָראמע, אראָפּפאָרנדיק, איז פונדערווײַטנס צוגעקומען א שיין ביסל הויכגאָרנדיקע הײַזער־בלאָקן, די מיקרא־ראיאָנען, ווי מע רופט עס הײַנט. בעקיצער: א גאנץ באטאמט ווינקל, כ׳האָב גאָרניט שלעכט אויסגעקליבן.

געוווינט האָב איך אין א צימער, אין סאָראָקער האָטעל.

אפן טיש אין צימער זײַנען שוין אין די ערשטע פאָר טעג געבליבן ליגן עטלעכע געדיכט־פארשריבענע זײַטלעך מײַנע. די שענסטע באצירטקײַט אין מײַן שטוב זײַנען טאָמיד אזעלכע־אָ ווײַסע זײַטעלעך, פארטינטלטע מיט דריבנע אויסיִעלעך, גראָב אויסגעקווייטלט מיט פארמעקט־קײַטן און איבערגעשטראָכנקײַטן, אף איין אויסגעמעקט וואָרט, וואָס האָט ניט געטויגט, א צווייט אויסגעמעקט וואָרט, א דריט אויסגעמעקט וואָרט, וואָס האָט ווידער ניט געטויגט, טרעפּ־לעך, גאָרנדלעך, ארײַנגעשטעלטע ווינקלען, ווערטער איבערגעביײגלטע, פארעדלטע, פאסיק־לעך אונטער א וואָרט, וואָס האָט פלוצעם יאָ אָנגעהויבן טויגן, שורעס אויסגעשפּינטע, ווי א מין וועבעכץ, א שטיקעכץ — נעכטן־אײַערנעכטן האָבן די זײַטלעך געהייסן הויל ווײַס פאפיר, הײַנט טראָגן זיי דעם סאמע קישעפדיקסטן נאָמען: קסאוויאַד.

דעם רעדאקציע־סעקרעטאר אין דער סאָראָקער טאָג־צײַטונג האָט מען גערופן איסאַק סאָ־לאָמאָנאָוויטש פראַכט. א יונגערמאַן מיט זייער א לײַטיש און זייער א קײַלעכדיק פּאָנעם. א ביסל צו א דיקלעכער, צו א שווער־רירעוודיקער. ער האָט שוין אזוי עטלעכע יאָר געטראָגן אף זיך דעם גאנצן עָל פון מאכן די צײַטונג, געטאָגט און גענעכטיקט אָדער אין רעדאקציע בא זײַן שרײַבטישל, אָדער אין טיפּאָגראפיע בא די דרוק־מאשינען. דאָס פּאָנעם זײַנס וואָלט באשטימט געוווען נאָך קײַלעכדיקער און נאָך לײַטישער, ער אליין — נאָך דיקערער און נאָך שווער־רירעוודיקער, ווען ער וואָלט, כאָלילע, ניט געוווען דער סעקרעטאר פון דער רעדאקציע. זײַן גאסטפרײַנטלעכקײַט צו מיר איז געוווען אזוי ברייט, אז זי האָט אזש אויסגעזען פריקרע. ווי נאָר כ׳האָב זיך געיאָוועט אין זײַן רעדאקציע־צימער, פלעגט ער זיך באלד אופ־הייבן פונעם בענקל און שוין אזוי שטיין פאר מיר אף די פיס וויפל איך בין אף די פיס גע־שטאַנען. ער האָט צו מיר גערעדט מיט א ווייך האכנאָעדיק קאָל, דעם קאָפּ א ביסל פארבייגט, מיט א שמייכלענדיקער גוטסקײַט אין די אויגן, גלײַך קיין סאָראָקע וואָלט אראָפּגעקומען א גרעסטער צווישן גרעסטע. מ׳איז דאָך ניט מער, ווי א מענטש: דער קאָווֹעד זײַנער האָט מיך געגלעט און געוואָרעמט. ס׳איז דאָך אָבער א מענטש ניט טאָמיד קיין דימענט: ס׳איז מיר געוווען פריקרע, וואָס דער דאָזיקער דיק־צעוואקסענער, לײַטישער און האָרעוונדיקער איסאַק סאָלאָ־

מאַנאַוויטש איז אַזוי אונטערטעניק־קליין, אַזוי גרייט צו טיילן מילדע שטיקער קאָוועד אַף רעכטס און אַף לינקס.

מיר האָבן איניינעם מיט פּראַכטן צוגעגרייט אַ ליטעראַרישע זײַט פאַר דער צײַטונג. פּראַכט האָט געקנייטשט דעם שטערן, געקלעמט אַ שפּיץ צונג, סאַפּענדיק אַרופגעשטעלט זיך אַף אַ בענקל, ערגעץ איבער ביכער־פּאָליצעס גענישטערט אין אייבערשטע שאַפּקעלעך, געעפנט טירלעך, אַרויסגערוקט שופלאָדלעך, אַנגעלייגט אַפן טיש אַ שיין ביסל לידער און דערציילונגען פון היגע ליטעראַרישע אָנהייבערס, לערער אין די אַרומיקע דאָרפּישע שולן, סטודענטן אין די סאַראַקער טעכניקומס. די דאָזיקע זאַכן זײַנען זיך שוין גוט אויסגעלעגן זייערס אין רעדאַקציע. כ'האָב געהאַט, אין וואָס אַרײַנצוקוקן אַ גאַנצן קײַלעכדיקן אָוונט. דעם אַנדערן גאַנצפרי האָט איסאַק סאָלאָמאָנאָוויטש אויסגעווירעט אַף אַ בויגן פּאַפּיר דעם מאַקעט פון דער ליטעראַרישער זײַט. אויבן, אין לינקן ווינקל, האָבן זיך שטאָלטנע אַרײַנגעשטעלט צוויי לידער. צווישן די עטלעכע צענדליק איבערגעלייענטע לידער האָבן זיי זיך ניט גאָר אויסגעטיילט. ס'איז פּאַשעט געווען אַ מין מאַזל־זאַך. דאָס קליינע קאַפּעלע מאַזל, וואָס אַפילע אַן עמעסער טאַלאַנט דאַרף האָבן איניינעם מיט אַלע אַנדערע זיבעצן זאַכן, אַרויסצוּוואַקסן און אויסצופּאַרטיקן זיך. די פּראָזע, אויבן, אין רעכטן ווינקל פונעם מאַקעט, האָט אויסגעקליבן פּראַכט. ער האָט זי פאַרגעלייגט, ווי זײַן שטייגער איז, מיט אַ מין האַכנאָעדיקער אַניוועסדיקײַט, דאָס מאָל אַפילע מיט אַזאַ שטיל געבעט. אַ דערציילונג וועגן צוויי יונגע מעלקערנס, וואָס האָבן געענדיקט אין דאָרף די צענקלאַסן־שול און ניט געפאָרן לערנען ווײַטער אין קיין שום אינסטיטוטן, געבליבן אין דער היים, אין אייגענעם דאָרף, מעלקן אין דער מילך־פערמע די קאָלווירטישע קי. דער מעכאַבער פון דער דערציילונג איז געווען ניט פּאַשעט קיין לערער קיין אַבי־ווער, נאָר דער ערשטער צווישן די לערער — דער פאַרוואַלטער פונעם ראַיאָנעם בילדונג־אָפּטייל. כאָטש די מײַסע איז געווען אָנגעשריבן זייער און זייער שילעריש, ניט־כיטרע, האָט מען בעשום־אויפן ניט געקענט באַנעמען, צי ליובט דער מעכאַבער די צוויי מיידלעך פאַר זייער בלײַבן פּאַשעטע מעלקערנס אין אייגענעם דאָרף, צי, פאַרקערט, דער מעכאַבער קריטיקירט זיי פאַרן ניט וועלן פאָרן לערנען ווײַטער, אין אינסטיטוט. ליובט דער מעכאַבער די שול, וואָס האָט, אונטער זײַן האַשגאָכע, אופגעצויגן אַזעלכע צוויי גאָלדענע מיידלעך, צי איז דאָס גאָר, פאַרקערט, אַ מין זעלבסטקריטיק — דער מעכאַבער קריטיקירט די שול, אונטער זײַן האַשגאָכע, פאַר אַזעלכע־אָ אופגעצויגענע צוויי מיידלעך.

מיר איז, פאַרשטייט זיך, איבערגעבליבן דער סאַמע בעקאָוועדיקער פּלאַץ: דער קעלער.

אַ קליינע ראַיאָנע צײַטונג — אַ קליין קעלערל. ס'וועלן זיך דאָ פונקט אויסזעצן צוויי מיניאַטורן מײַנע.

אין דער ערשטער מיניאַטור דערצייל איך, ווי מײַן אַלטע מאַמע, אַ ייִדענע דעמלט אַריבער די זיבעציק, לייענט אַ נײַע זאַך מײַנע, וואָס איך ברענג איר אַמאָל צו טראָגן. זי קוועטשט אָן אַף דער נאָז די פאַרדראָטלטע שאַרפע ברילן אירע, ציט די שורע מיט אַ טכינעדיק, ווײַנענדיק־זינגענדיק קאָל, ווי זי פלעגט אַמאָל אויסזינגען און אויסוויינען די צענאָ אורענאָ. פאַרגעסט אינמיטן לייענען, אַז איך בין איך, דער מעכאַבער פון דער מײַסע, וואָס זי לייענט, טוט אַף מיר אַלעמאָל אַ קוק איבער די ברילן אַריבער, טיילט מיט מיר איר האַנאָע פּאַשעט, ווי אַ מאַמע טיילט האַנאָע מיט אַ זון: „פאַרשטייסט, האַ?”. און דאָס דאָזיקע „פרעמדע” לייענען אירס איז בא מיר דאָס בעסטע לייענעכץ אין דער וועלט.

אין דער צווייטער מיניאַטור קומט אַ קליין מיידעלע אַרויס צום שאָסיי ערגעץ פון אַן אַרבעטער־יִשעוו אינמיטן סטעפּ, הייבט אוף אַ הענטל, שטעלט אָפּ אַן אויטאָבוס מיט פּאַסאַזשירן. דאָס טירל פונעם אויטאָבוס עפנט זיך אוף, דאָס מיידעלע קריכט אַרוף, זעצט זיך אַוועק מיטן פּאָנעם צום אוילעם, פאָרנט לעבן דער קאַבינקע, דאָרט, ווו קינדער זיצן טאָמיד. דער אוילעם פרעגט דעם נײַעם פּאַסאַזשיר אויס ווי ער הייסט, וווהין ער פאָרט. דאָס מיידעלע איז אַ ריידעוודיקס, אַ לעבעדיקס. ענטפערט, אַז דער טאַטע אירער אַרבעט דאָ־אָ אין צוקער־זאַוואָד, דאָרטן־אָ, ווו זיי וווינען איצט. ער איז אין שטאָט אַף קורסן, פאָרט זי זיך דורך צו אים, צום טאַטן אירן. דער אוילעם קאָן זיך גאָרניט אָנכידעשן. ווער עס קנאַקט מיט דער צונג, ווער עס הייבט מיט די אַקסל, ווער עס שאָקלט צו מיטן קאָפּ. דאָס מיידעלע זיצט און קוקט און פאַרשטייט ניט וואָס איז דאָ דער כידעש. מאָרגן איז דאָך זונטיק, אין שול גייט מען דאָך ניט מאָרגן, איז זי אַרויסגעקומען צום וועג, אופגעהויבן דאָס הענטל, אָפּגעשטעלט אַן אויטאָבוס, און פאָרט זיך דורך אַף זונטיק צום טאַטן. ווי זשע דען?

ביידע מיניאַטורן האָבן איניינעם מיט נאָך פיר אַזוינע קליינע נאָוועלעכלעך נאָרוואָס אָפּגעדרוקט זיך אין „סאָוועטיש היימלאַנד”. טאָקע אין יענעם כוידעש האָט אין מאָסקווע אָנגעהויבן אַרויסגיין אונדזער ייִדישער זשורנאַל. די וועלט האָט שוין פאַרמאָגט דעם ערשטן נומער.

דעם ערשטן, דערווײַל דעם איין־און־אײנציקן, און דעריבער גאָר־גאָר כאַשעווען און גאָר־גאָר פריידיקן נומער. דער גילדענער פאָדעם, וואָס איז אזוי לאנג געווען איבערגעריסן, די עקן אַפגעשפּרונגען, פאַרפּלאָנטערט, האָט זיך צוריק אָנגעקנופּט, צוריק אָנגעהויבן ווײַטער שפּינען זיך. דער ערשטער נומער האָט זיך גראדע געעפנט מיט די דאָזיקע זעקס קליינע נאָוועלעכלעך מײַנע. כ׳ווייס ניט, צי קאָן מען זיך אזוי אויסדריקן: דאָס ביסעלע פרייד האָב איך געשפּירט מיט אלע מײַנע זעקס כושים. דעם לייענער, אפילע דעם ניט גאָר באהאוונטן אין אונדזער ליטעראטור־געשיכטע, זאָגן שוין אוואדע עפּעס איצט דער כוידעש און דאָס יאָר, וואָס כ׳האָב פריִער, העכער א ביסל, אָנגעוויזן.

איך אליין האָב זיך אויך צוריק אָנגעקנופּט, צוריק אָנגעהויבן.

א בען־איר מײַנער, פּרויקע רעכטמאַן, א בוכהאלטער איצט אין דער סאַראַקער מעדשול, האָט מיך באגעגנט אַף דער גאַס, שיין דערפרייט זיך מיט מיר, אָנגעקוקט מיך, דערנאָך פונעם קאָפּ ביז אין די פיס מיט א פּאָר פאַרשמאָלטע שמייכלענדיקע אויגן, גוטברודעריש מיר א שטורכע געטאָן מיט א פינגער אין א זײַט, א מין קיצל געטאָן מיך, הייסט עס, און א מאך געטאָן:

— זאָג דעם עמעס, מיר מעגסטו דאָך זאָגן דעם עמעס, האָסט טאַקע ערגעץ אזא מיידעלע געזען? הא?..

די רעכטמאַנס, געדענק איך, זײַנען אין ראשקעוו געווען דרײַ ברידער. דער עלטערער, דאָוויד רעכטמאַן, האָט פאַרמאָגט עפּעס גאָר א זעלטן־שיין קאָל, ראשקעווער מעווינים פלעגן זאָגן: מאַמעש א קאַרוזאָ־קאָל. ער האָט געהאלטן א קלייטל מיט שרײַב־מאכשירים. צו וואָס ראשקעוו האָט געדאַרפט א גאַנץ קלייטל מיט שרײַב־מאכשירים בלײַבט א רעטעניש צווישן אלע אנדערע ראשקעווער רעטענישן. אז איך פלעג אַמאָל ארײַנקומען אין קלייטל קויפן א העפט פּאָר א קאָפּעקע, פלעגט מיר דעם העפט פאַרקויפן דאָוויד רעכטמאַנס ווײַב. אים אליין האָט מען א גאַנצן טאָג געהערט ערגעץ אינווייניק אין שטוב גאָרגלען זיך. ראשקעוו פלעגט זאָגן, אז זינגען דאַרף מען אים טאַקע נאָר הערן, ניט זען. ער מאַכט בעשאַסן זינגען אזעלכע גרימאַסן מיטן פּאָנעם, אז מע קאָן שטאַרבן אַפן פּלאַץ פּאַר פּאַכעד. דאָוויד רעכטמאַן פלעגט אַמאָל דאַוונען א שאַבעס אין ראשקעווער אַריסטאָקראַטישן קלײַזל. אלע אַריסטאָקראַטן האָבן געטראָגן אַף די אַקסלען שמאָלע אַריסטאָקראַטישע טאַלעסלעך, ער איינער איז געשטאַנען באַם אָמעד, אײַנגעהילט איבערן קאָפּ אין א לאַנגן ברייטן טאַלעס, און פון אונטערן טאַלעס האָבן זיך אַרויסגעהערט זײַנע זעלטענע הישטאַפּכעסן. אין קלײַזל איז מען אין יענעם שאַבעס געשטאַנען קאָפּ אַף קאָפּ. אוילעם איז דערנאָך אַרויסגעקומען מיט נאַסע אויגן און מיט אָנגעצונדענע פּעבעמער. איבער דעם דאָזיקן דאָוויד רעכטמאַנען פלעגט ראשקעוו טײַנען, אז דער ריבוינעשע־לוילעם איז טאַקע, אפּאָנעם, אן אייל־נויקעם־וועניטער. בענטשט ער שוין עמעצן, שטראָפט ער אים ערשט. מיט אזא געבענטשט קאָל, אָן אזעלכע געשטראָפטע גרימאַסן, וואָלט מען דאָך געקענט אָנשפּאַרן ערגעץ גאָר ווײַט־ווײַט. דעם ייִנגסטן ברודער, אידל רעכטמאַנען, האָב איך עס, געדענק איך, „צוגעצויגן" צו דער לינקער באַוועגונג אין ראשקעוו. איך בין דעמלט אלט געווען א יאָר פופצן, און אידל איז שוין געווען אן אויסגעדינטער, דאַכט זיך, שוין אפילע א כאַסענגעהאַטער. אז מיר פלעגןביידע שטיין אין די פאַרנאַכטן לעבן זייער גאַנעקל, און איך פלעג פּאַר אים אויסמאָלן דעם גאָלדענעם אַכרים־האַיאָמים, פלעגט ער מיך טאָמיד הערן מיט אַן אָפן מויל און מיט א בלישטש אין די אויגן, און פלעגט מיך טאָמיד פרעגן איין וואָרט: „טאַקע? טאַקע?". ער איז געווען זייער אן אָרנטלעכער, זייער א ריינער, זייער־זייער א ראשקעווער. אים, פּרויקע רעכטמאַנען, דעם מיטלדיקסטן ברודער, געדענק איך עפּעס ניט גוט. ער איז, דאַכט זיך, קיין באַזונדערס ניט געווען. דערפאַר, אַפּאָנעם, איז ער געוואָרן א בוכהאלטער. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס — כ׳האָב ניט מעסוקן ליב קיין בוכהאלטערס. כ׳פאַרשטיי גוט, אז אָן בוכהאלטערס וואָלט די וועלט קיין קיִעם ניט געהאַט, און אָן שרײַבערס, זאָגן מיר, וואָלט זי יאַקאָס ניט אונטערגעגאַנגען. נאָר כ׳האָב עפּעס ניט ליב קיין מענטשן, וואָס קאָנען זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט גריבלען אין כעזשבוינעס, צענדליקער מאָל א כעזשבן איבערעכענען, אויספּלאָנטערן, ער זאָל שטימען ביזן סאַמע מינדסטן גראָשן. ריכטיקער: כ׳האָב זיי ניט ליב, און כ׳האָב זיי ניט פײַנט.

פּרויקע רעכטמאַן האָט אַרופגעלייגט א האַנט אַף מײַן אַקסל, מיט אלע פינף פינגער דעם אַקסל מײַנעם פעסט צוגעקוועטשט, כ׳זאָל, אַפּאָנעם, ניט קענען אויסדרייען זיך און אַנטלויפן:

— ברע. איך האָב, דאַכט זיך, אויך אויגן. פאַרוואָס זשע זע איך ניט אזעלכע מיידעלעך? אַן אַנדערן אַף אזא פּרעגעניש וואָלט איך ניט געהאַט קיין גרויסן כיישעק צו ענטפערן. פּאָרט — א בען־איר:

— ווען יעדערער וואָלט געזען ווי ס׳קער צו זײַן, וואָלט דאָך די וועלט ניט געדאַרפֿט קיין שרײַבער, ניין?

— אײַ, פּוסטע מײַסעס. איר זײַנט, מעכילע, גרויסע צונויפֿשטעלער, אויסטראַכטער...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און מיך אָנגענומען אונטערן אָרעם. ער האָט נאָך גראַדע עטלעכע מינוט צײַט. ער וועט מיך אַ ביסל אונטערפֿירן.

— זאָג מיר, זײַ אַזוי גוט, הערסט, פֿאַרוואָס שרײַבסטו בעסער עפּעס ניט אָן וועגן קלאַרע פֿינקל?

— וואָס פֿאַר אַ קלאַרע פֿינקל?

— מאַך דיך ניט, כ׳בעט דיך, קילעיאָדע. אַלע ראַשקעווער ווייסן יאָ וואָס דאָס איז פֿאַר אַ קלאַרע פֿינקל, דו איינער ווייסט ניט? ווייסט ניט, וועל איך דיר דערציילן. קלאַרעטשקע פֿינקל, די ראַשקעווער אַפּטייקערן. באַם גרויסן אומגליק, אין טראַנסניסטריע געאַרבעט, זאָגט מען, גוטע שטיק. געווען אויסגעקאָכט מיט אַלע אַדוינים, זאָגט מען. אומגעקערט זיך פֿון דאָרטן, זאָגט מען, מיט אַ פֿולן וואָגן גוטס. זאָגט מען־שמאָגט מען. ווייסעך, מענטשן האָבן מײַסע מײַלער. איך האָב פֿײַנט צוצוהערן זיך וואָס מע זאָגט. כ׳האָב ליב אָנצוטאַפּן מיט די אייגענע פֿינגער. דאָרט, ווו קלאַרע איז געווען, פֿלעגט מען, זאָגט מען, ביסלעכווײַז אַריבערפֿאַרווען דעם אוילעם אויף יענער זײַט בוג, צו די דײַטשן, קלאָמפּערשט אויף אַרבעט האָט עס געהייסן. ראַשקעווער פֿלעגן, נעבעך, אַוועק צו קלאַרע פֿינקל. קלאַרעטשקע, נעשאָמע, איר קערט דאָך וויסן וווהין שיקט מען? טאַקע אויף אַרבעט? אויף אַרבעט, טײַערינקע, אויף אַרבעט. נעמט, כאָלילע, מיט זיך גאָרניט מיט. איר וועט בלײַבן הויל און בלויז. איר קענט דאָך די קוילערס. מע וועט בײַ אײַך דאָרטן אַלצדינג צונעמען. ס׳זאָל נאָר, באַהיט גאָט, ניט אַרויסקומען, אַז איך האָב עס אײַך געזאָגט. פֿאָרט געזונטערהייט. אין אַ צוויי כאָדאָשים אַרום וועט איר מירצעשעם צוריק זײַן דאָ, אין דער היים. קלאַרעטשקע, נעשאָמע, עפּשער קאָן מען בײַ אײַך עפּעס איבערלאָזן, כאָטש איין רענצל? בײַ מיר? אײַ, קינדערלעך, וואָס עפּעס בײַ מיר? וואָס זאָל איך טאָן מיט אײַך? כ׳האָב אָן אַנדער ברייררע? מיר זײַנען דאָך אייגענע. אַ האַלב ראַשקעוו איז געבליבן אויף יענער זײַט בוג, מע ווייסט אַפֿילע ניט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. און קלאַרעטשקע פֿינקל איז ווידער אַפּטייקערשע אין ראַשקעווער שפּיטאָל. מע זאָגט, מע רעדט. כ׳בין אַ באַלן געווען צו דערגיין אַן עק. ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך אַמאָל אַ באַלן אויף אַזעלכע זאַכן. כ׳האָב אויסגעפֿרעגט איינעם, אויסגעפֿרעגט אַ צווייטן, געזוכט אַ לעבעדיקן איידעס. קיין עק בין איך ניט דערגאַנגגען. בע, מע, מע דרייט מיט דער צונג. מיר ווייסן ניט גאָרניט. יענע, וואָס מ׳האָט אַריבערגעשיקט דעם בוג, יענע ווייסן. האַקיצער, אין אַ מין יאָר אַרום פֿאָר איך זיך דורך אויף קיוווער־אָוועס. דריי זיך אום אין ראַשקעוו, ס׳הייסט, דאָרטן, ווו ס׳איז געווען דער ייִדישער טייל ראַשקעוו, און דאָס האַרץ ווערט מיר פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט. אַ כורבן, אַן אויסגעקוילעט ראַשקעוו. אַפֿילע דער פּלאַץ, דער הוילער פּלאַץ, ווו עס זײַנען געשטאַנען די שטיבער, די גאַסן, איז עפּעס אויך ניט יענער פּלאַץ. עפּעס איז ער גאָר קליין געוואָרן, אײַנגעשרומפּן געוואָרן. ווו האָט זיך דאָ אויסגעשטעלט דער מאַרק מיט די קלייטן, די דרײַ שולן, די יאַטקע־גאַס, די שנײַדער־געסלעך, די באָד, דער העקדעש, די „באַנק“, ווו מע פֿלעגט שפּילן טעאַטער — גאַנץ ייִדיש ראַשקעוו? כ׳גיי אום, און עס וויינט אין מיר יעדער אייווער. אַ כורבן. אַן אויסגעקוילעט ראַשקעוו. טראַכט איך: לאָמיך פֿונדעסטוועגן צוגיין צו קלאַרע פֿינקל. כאָטש אַ קוק טאָן איר אין די אויגן. נעמט זי מיך גאָר פֿײַן אויף. אַוואַ, אַזאַ גאַסט, אַ היימישער מענטש, זיצט, רוט אײַך אָפּ, ס׳זאָל זיך אײַך גאָר ניט אויסמאָלן, אַז איר וועט בײַ מיר ניט נעכטיקן, אָט שטעל איך שוין עפּעס אַרויף אויפֿן טיש. זיץ איך, זופּ אַ גלאָז טיי, פֿאַרקײַ מיט אַ שטיקל צובײַסעכץ, כאַפּ אַ קוק אין איין ווינקל, אין אַ צווייט ווינקל, גיב אַזוי פֿון דער זײַט אַ גוטן באַטראַכט קלאַרען אויך — גאָרניט, כ׳זע ניט גאָרניט, זע איך ניט. טו איך אַ זאָג: קלאַרעטשקע, וויאַזוי, זאָג איך, קאָנט איר דאָ לעבן אין אַזאַ אָפּגעשטאָרבנקײַט, אין אַזאַ כאָרעווקײַט? ס׳פֿאַלט דאָך, זאָג איך, אַ פּאַכעד. מאַכט זי: וואָס זשע מיינט איר, ס׳איז טאַקע גוט סקוטשנע. נאָר וואָס, מאַכט זי, קאָן מען טאָן? מע מוז זיך נעמען אין די הענט אַרײַן. עלעהיי, מאַכט זי, איך וווין ערגעץ אין אַ וואַלד, אויף אַ דאַטשע... פֿאַרשטייסט? ביסט דאָך אַ שרײַבער. איך רעד וועגן אויסגעקוילעטקײַט, רעדט זי וועגן סקוטשנעקײַט. איין וואָרט, אַ פּאָשעט וואָרט, טו עס אַזוי אַ זאָג אַרויס מיטן מויל, איז עס אַ זײַטיק גלאַט וואָרט אָן רוטקעלעך — אַ דאַטשע. און דאָס דאָזיקע איינע וואָרט האָט מיר אַלצדינג קלאָר געמאַכט. כ׳האָב שוין ניט געדאַרפֿט קיין שום לעבעדיקע איידעס. האַ, וואָס זאָגסטו, אַ שיינע היסטאָריע, ניין?

אַ בוכהאַלטער, הייסט עס, קאָן אַמאָל אויסכעזשבענען ניט נאָר קיין הויצאָע און האַכנאָסע־כעזשבן.

כ'האָב, אפשר, קען בוכהאַלטערס געזינדיקט. כאָטש די דאָזיקע שיינע מייסע דאַרף מען גיכער צושרײַבן ראַשקעוווער איידער בוכהאַלטערס. א ראַשקעוווער וועט אײַך פאַר א מייסע, ביפראַט מיט א שאַרפן דרײַ באַם סאָף, מיט א דער־שפּיץ־איז־גוט, אוועקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

א מייסע, וואָס ער דערציילט יענעם, נאָר ניט, וואָס יענער דערציילט אים, צו יענעמס א מייסע טשעפּעט זיך טאָמיד א ראַשקעוווער. הערן קאָן קיין ראַשקעוווער ניט.

וואָס ניט, איז ניט.

פּרויקע רעכטמאַן האָט זיך מיט מיר געזעגנט, א זאָג געטאָן: „גיי, גיי, וועסט דאָרטן זען א ווויל ביסל ווײַבלעך", א כאַפּ געטאָן זיך צום זייגער — אָף א גאַנץ פּערטל שאָ פאַרשפּע־טיקט איבער מיר צום בוכהאַלטערישן טישל זײַנעם.

כ'בין געגאַנגען אין קליידער־פאַבריק אָף „א באַגעגעניש מיט לייענער", ווי מיר רופן עס. אין ראַיקאָם האָב איך געבעטן, מע זאָל מיך שיקן אָף א פּלאַץ, ווו כ'וועל קאָנען לייענען עפּעס מײַנס אָף יידיש. דאָס „ווויל ביסל ווײַבלעך" איז געבליבן זיצן יעדע באַ איר שטעפּמאַשין, ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער קאָנווייער, ס'האָבן אופגעהערט קלאַפּן די מאָטאָרלעך, די שטיל־קײַט אין צעך איז איצט באַשטימט געוועזן א סאַך שאַרפער, ווי דער ראַש פריער, ביז אין דער שטילקײַט. כ'בין געשטאַנען אין דער מיט צעך, אין מײַן גאַנצער מיטלוווקסיקער הייך, אָן א שום טישל פאַר זיך, מיטן איינעם ערשטן זשורנאַל אין די הענט. קיין גרויסע לייענערנס, גלייב איך ניט, אַז די ווײַבער באַ די ניימאַשינען זאָלן געוועזן זײַן. נאָר מײַן פאַרלייענען האָבן זיי אַלע אויסגעהערט מיט דער גרעסטער בערייטשעסדיקער קאַוואָנע. כ'האָב געבעטן יענע, וואָס קענען ניט דאָס לאָשן, אָף וועלכן איך לייען, האָבן א ביסל געדולד און זיצן רויִק, מויכל זײַן מיר פאַר די מינוטן, וואָס איך נעם באַ זיי אומזיסט צו. גאָר קיין סאַך צײַט וועל איך קיינעם ניט מוטשען. קיינער האָט מיך אָבער ניט געפּאַלגט. דאָרט, ווו מ'האָט געדאַרפט א געשמאַקן לאַך טאָן, האָט דער גאַנצער אוילעם, אָן אויסנאַם, א לאַך געטאָן מיט איין און דער זעלבער פּאַרקײַכטקייט. דאָרט, ווו מ'האָט געמוזט א ביסל אָנגעשטרענגטער אײַנהערן זיך, קעדיי ניט צו פאַרלירן דעם פאָדעם, האָב איך געזען, ווי יעדערער באַזונדער האָט א צי געטאָן צו מיר דעם האַלדז מיט דער זעלבער אָנגעשטרענגטער אײַנגעהערטקײַט. די נייטערנס האָבן מיר דער־נאָך אַלע ארומגערעדלט. אַלציינע בלויע כאַלאַטלעך. אָף די שטערנס — גראָע, און שוואַרצע, און בלאָנדע בינטלעך האָר, ארויסגעפּאַלענע פון אונטער ווײַסע פּאַרקניפּטע פאַטשיילעס. פּע־נעמער יידישע און פּענעמער ניט קיין יידישע. דער זשורנאַל מײַנער איז אומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. כ'האָב א פרעג געטאָן מאַלדאַוואַנקע, וואָס האָט זיך געראַשט ארום מיר, צי האָט זי אַזוי שטאַרק געלאַכט, ווײַל זי האָט פאַרשטאַנען וואָס זי לאַכט, צי פּאַשעט, ווײַל אַלע האָבן געלאַכט. האָט מיך די מאַלדאַוואַנקע אָנגעקוקט פאַרכידעשט, אפילע א ביסל ווי באַליי־דיקט זיך. אָן ענטפער געטאָן מיר אָף א פּראָסטן היימישן יידיש, אַז איך קען, אפשר, ווייניק סאָראָקע און נאָך ווייניקער סאָראָקער „נייטערנס". שנײַדער־מיידלעך, וועד זיי זאָלן ניט געוועזן זײַן, האָבן דאָ טאָמיד גערעדט צווישן זיך נאָר יידיש. יידיש איז דאָ „טומעד" געוועזן א מין „אַבשע־שנאַדער־לושן".

דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פון דער קליידער־פאַבריק, א הויכע דאַרלעכע פרוי אין א זו־מערדיק דין קליידל קימאַט אָן אַרבעלעך, האָט מיר אין קאַבינעט באַ זיך דערלאַנגט אָן אַלבאָם מיט רויטע פּליושענע טעוועלעך. כאַשעווע געסט, האָט זי געזאָגט, וואָס קומען אין פאַבריק, שרײַבן ארײַן אין אַלבאָם א פּאָר אײַנדרוקן זייערע. זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל אויך דאָ עפּעס אָנשרײַבן. נאָר שרײַבן, בעט זי מיך, זאָל איך אין דער שפּראַך, וואָס איך שרײַב. וואָס כ'האָב דאָרט ארײַנגעשריבן, געדענק איך שוין הײַנט ניט פּינקטלעך. כ'געדענק נאָר גוט, אַז כ'האָב אין אופשריפט א פּאָר מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט „פרייד".

כ'טרײַב, גלייבט מיר, גאָרניט איבער.

אַזוי האָט דעמלט געאָטעמט יענער סאָף־זומער־כוידעש.

בין איך, הייסט עס, אומגעגאָן צווישן מענטשן, אָנגעהערט זיך מיט מײַסעס, אָנגעזען זיך מיט נײַע פּענעמער און נײַע לאַנדשאַפטן.

דאָס, וואָס די אַלע זאַכן זײַנען מיר ערשט צוניץ געקומען אין אַזויפיל יאָר ארום, איז, מײַן איך, ניט קיין גרויסער אומגליק, די וועלט איז דערפון ניט אָרעמער געוואָרן.

יענץ ביסל געדיכטס, וואָס האָט זיך קיין סאַך צײַט אין קאָפּ ניט געהאַלטן, און איז גע־גאַנגען לעיִבעד, האָט מינאַסטאַם געדאַרפט גיין לעיִבעד.

טפו, טפו, טפו. זאָל עס זײַן פון אונדז ווײַט אָפּגעשיידט...

כ׳וויל דאָ נאָר דערציילן נאָך וועגן צוויי וועגן, וואָס כ׳האָב דעמלט געמאַכט אין סאָראָקע. ביידע — ארוף, צום „בארג״. אין דעם זעלבן טאָג. ביידע ערטער — ניט ווײַט איינס פונעם אנדערן.

דער ערשטער פלאַץ: די שטוב, דער הויף, דער גאָרטן, דאָס טישל אַף פיר אַרײַנגעקלאַפּטע פלעקער אונטער א נוסנבוים אינמיטן גאָרטן, א צימערל אין שטוב מיט צוויי שמאָלע בעטלעך, מיט אַן אויסגעשטיקט פאַרהענגל אַפן פענצטערל — דער פלאַץ, ווו די גאָרשמאַנס, שירע און מענדל, פלעגן זומערצײַט, קימאַט יאָר־באַ־יאָר, א פּאָר כאַדאָשים „אָפּרוען״ זיך אין סאָראָקע.

כ׳געדענק ניט גוט, צי אין יענעם זומער זײַנען די גאָרשמאַנס אין סאָראָקע געווען, און איך האָב פארשפעטיקט, געקומען צו זיי, ווען זיי זײַנען שוין אָפּגעפאָרן, אָדער זיי זײַנען אין יענעם זומער אינגאַנצן אין סאָראָקע ניט געווען, און איך בין פונדעסטוועגן דורכגעגאַנגען זיך אַהין, ווו זיי ווינען טאָמיד, גלײַך זיי זײַנען דאָרטן יאָ דאָ.

די „באַלעבאָסטע״ זייערע איז געזעסן אין הויף, בא דער שטוב, אַף דער הוילער ערד, געהאַלטן אַפן פאַדאָלעק א זיפּל גרינע פאַסאָליעס, מיט די פינגער אירע גיך־גיך געשפּאָלטן די פאַסאָליע־העמדלעך, די אָפּגעליפּעטע ווײַס־געלבלעכע פאַסאָלקעלעך האָבן זיך אַרײַנגע־קײַקלט אין איר דלאָניע, פון דער דלאָניע אוועקגעקײַקלט זיך ווײַטער, אין א שיסל אַרײַן, גיך־גיך, לעבעדיק, ווי נאַרוואַס אויסגעליפּעטע פּישטשענדיק־לעבעדיקע ווײַס־געלבלעכע היני־דעלעך. זי איז געזעסן מיט אַן אײַנגעבויגענער פּלייצע, אָנגעכמורעט־פארטיפט אין טועכץ אירן. און ווען זי האָט א הייב געטאָן אַף מיר די אויגן און האָט געהערט, אַז אין הויף איז אַרײַנגעקומען די גאָרשמאַנס א באַקאַנטע, האָט אין דער רעגע אויסגעגלײַכט זיך די פּלייצע אירע, אָפּגעשיילט זיך פון איר פּאָנעם די אָנגעכמורעטקײַט. זי איז געוואָרן ענלעך צום פּאָר־טרעט אירן, געמאָלט פון מענדלען, וואָס כ׳האָב שפּעטער געזען אינוויייניק אין שטוב, אין די גאָרשמאַנס צימערל, הענגען אויבן אַף דער וואַנט איבער איינעם פון די צוויי בעטלעך.

דאָס ערשטע טאַקע האָט זי מיך אַרײַנגעפירט צום פּאָרטרעט. הינטער מיר איז געשטאַנען א קליינינקע וואָכעדיק־צעקנייטשטע שוואַרץ־ווײַסע אַלטיטשקע. אנטקעגן מיר פון העט אויבן, בא דער סאַמער סטעליע, האָט אראָפּגעקוקט א קאָפּ, פול מיט צעשפּילטקײַט און צעזונגענקײַט, מיט פארזאָרגטקײַט און פארהאָרעוועטקײַט, ווײַב, מאַמע, באָבע, אויסגע־צערטלט מיט גוטסקײַט און מילדקײַט, דורכגעלײַטערט מיט לייד און פרייד, פעלד און הימל, אַלטקײַט, איבערגעמישט מיט יונגקײַט, ווי א טרויעריק־פארצויגן און פריילעך־צעיאָגט אַלט־יונג פאַסטעך־ליד. כ׳האָב, פארשטייט זיך, מערער געגלייבט מענדלען איידער זיך, איידער די אייגענע אויגן מײַנע.

ער אליין, מענדל, איז, דאַכט זיך, אויך דעמלט געווען מיט אונדז אין צימערל. ער האָט אומגעשוועבט אַף די שפּיץ פינגער. גרינג, ווי א פעדערל, און שטיל, ווי א טײַבל. אויסגעשויבן און אויסגעיידלט. די טיף־אײַנגעפאַלענע גוטע און קלוגע אויגן זײַנע זײַנען, ווי צוויי טראָפּן, געווען ענלעך אַף די אויגן אויבן, פונעם פּאָרטרעט אראָפּ. צי פאַרקערט: די קליינינקע וואָ־כעדיק־צעקנייטשטע אַלטיטשקע האָט פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן ווערן ענלעך אַף אים, אַפן קינסט־לער, וואָס האָט, מאָלנדיק איר פּאָרטרעט, זיך אליין דאָרטן געגנוג אַרײַנגעמאָלט און אַרײַנגע־קריצט.

דערנאָך האָט מיך די באַלעבאָסטע צוגעפירט צום טישל אונטערן נוסנבוים אין דער מיט גאָרטן.

כ׳האָב זיך צוגעזעצט אַף דער שמאָלער אַרײַנגעקלאַפּטער באַנק לעבן טישל. אָט דאָ־אָ זיצט זי גאַנצענע טעג — האָט מיר די באַלעבאָסטע א זאָג געטאָן מיט שירקעס קאָל. העט־העט אונטן האָט געבלישטשעט דער דניעסטער. צווישן דניעסטער און טישל האָבן די סאָראָקער דעכער אויסגעזען ווי טרעפּ, לייטער־טרעפּלעך ארופצוגיין און אראָפּצוגיין, אראָפּצוגיין און ארופצוגיין.

כ׳בין געזעסן און געטראַכט וועגן שירעס סאָראָקער נאָוועלן, געטראַכט, ווי זי האָט ליב, מיט א גלײַכווערטל: א גאַסט קומט אַף א ווײַל און זעט אַף א מײַל...

כ׳האָב געטראַכט וועגן אנדערע נאָוועלן שירעס, ווו זי האָט, ניט זײַענדיק דאַפקע קיין גאַסט, געזען אַף צענדליקער מײַל. כ׳בין געזעסן, איבערגעקנס, און געטראַכט, ווי איין שרײַבער, קיין כײלעק ניט, צי ער איז א גוטער מענטש, צי ניט קיין גוטער מענטש, טראַכט וועגן א צווייטן שרײַבער.

די קליינינקע באַלעבאָסטע איז געשטאַנען בא דער זײַט, געקוקט אַף מיר און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אײַ, שירע און מענדל. אײַ, מענטשן. אײַ, מענטשן!

דער צווייטער פלאַך: אַ ציגײַנער־אַרטעל, ווּ עס ווערן אויסגעאַרבעט רויטע און ראָזעווע, געלע און אָראַנזשעווע, בלויע, גרינע, זײַדענע, סאַטינענע, וואַטאָווע און וואָלענע ווינטערדיקע וואַרעמע קאָלדרעס. אָן אָפּגענער טויער אָן אַ שומער, אײַן אַ ברייטן הויף אָן אַ ביימל — אַ לאַנג אײַנגעאָרנדיק הויז, אַרום און אַרום מיט אַ סאַך פענצטער. כ'האָב זיך דערוויײַל אַ דריי געטאָן לעבן די פענצטער. געוואָלט דערוויײַל כאַפּן אַ קוק פון דער זײַט, דורך אַ גלעזערנער שויב, אָף די דאָזיקע צוויי ווערטער, וואָס האָבן זיך צונויפגעפּאָרט אײנינעם: ציגײַנער און קאָלדרעס. כ'בין דערנאָך, אינווייניק, ווידער געשטאַנען בא דער זײַט, אין אַ ווינקל. ניט ווי קיין ספּעציעל־געקומענער גאַסט. די ציגײַנער האָבן, דאַכט זיך, אפילו ניט באַמערקט, אַז עמעצער איז אַרײַנגעקומען און שטייט, שטייט און קוקט.

אָף לאַנגע טישן זײַנען געלעגן צעשפּרייט פוכקע זײַדענע קאָלדרעס. ציגײַנערטעס אין צעפּעכערטע קליידלעך האָבן מיט שטעקעלעך אין די הענט די קאָלדרעס „אויסגעפּאַטשט”. ציגײַנער האָבן די קאָלדרעס פאַרקאַטשעט, פּעקלעך קאָלדרעס אַרײַנגעטראָגן און אַרויסגע־טראָגן. ציגײַנערטעס מיט פאַרשפּיליעטע האָר זײַנען געשטאַנען אָף די קני, מיט דינע געשיקטע פינגער אויסגענייט אָף די קאָלדעס אוזאָרן.

די ציגײַנערישע פּענעמער האָבן דערמאָנט אין וואָגל־וועגן, אין שײַטער־רויכן. צעפלוי־גענע פונקען פון בלאָזזעק אָף פוסטע פעלדער. ווידערקאָל פון קאָוואַדלע־געקלאַנג ערגעץ אַרויס אַ מענטשלעכן ישׁעוו. באַקעטקײַט. הויל־און־בלויזקײַט. איין אייגענער הוילער הימל איבערן קאָפּ.

ציגײַנערישע פינגער דערמאָנען דוירעסדיקן קישעף־שווינדל, בעטל־ברויט, אָפּגענאַרטע און וואַלוול־פּאַרקויפטע ליבע־צערטלערײַען.

פון די קאָלדרעס אין די ציגײַנערישע הענט האָט זיך אַ טראָג געטאָן דער אָטעם פון ווייך בעט, פון אײַנגעזעסנקײַט, די רייכעס פון אויסגעוואַרעמטער אונטערקאָלדרע. צוויי ווײַט־באַ־זונדערע ווערטער האָבן זיך דערנעענטערט, צונויפגעפּאָרט: ציגײַנער און קאָלדרעס. אַ ציגײַ־נער־אַרטעל אַרבעט אויס אזוינס, וואָס זיי, די ציגײַנער, האָבן דוירעסלאַנג ניט פאַרמאָגט און ניט ליב געהאַט.

ניט ליב געהאַט, ווײַל ניט פאַרמאָגט. אָדער: ניט פאַרמאָגט, ווײַל ניט ליב געהאַט.

כ'בין געשטאַנען, געדענק איך, בא דער זײַט, אין אַ ווינקל, געקוקט ווי־אַזוי די ציגײַנער אַרבעטן אויס די דאָזיקע פוכקע קאָלדרעס, און געפּילט, ווי פון די צונויפגעפּאָרטע צוויי ווער־טער גייט אויף אַ מין ווייכע גלעטנדיקע וואַרעמקײַט.

די צײַטונגען האָבן גראָד דעמלט אָפּט געגרעדט וועגן ציגײַנערישער אײַנגעזעסנקײַט. עס פאַרשווינדן פון טאָג צו טאָג די נאָווענאַד־בוידן אָף די וועגן, די רעשטלעך היימלאָזיקײַט און אויסגעוואָרצלטקײַט.

כ'האָב געקוקט, ווי די שטעקעלעך אין די ציגײַנערישע הענט פּאַטשן די קאָלדרעס אויס, מאַכן זיי ווייכער און פוכיקער. געשיקטע ציגײַנערישע קישעף־פינגער נייען אָף די קאָלדרעס אויס אוזאָרן. כ'בין געשטאַנען, געקוקט, און בין, פונדעסטוועגן, ניט געווען גאָר זיכער, אַז די וואַרעמקײַט מײַנע איז אָן עכטע.

ווילן זיי די דאָזיקע וואַרעמקײַט? פאַרשטייען זיי זי? וואַרעמט זיי די וואַרעמקײַט?

ב

כ'קער זיך אום קיין קעסעניץ. אַהין, פונוואַנען כ'האָב די דאָזיקע געשיכטע אָנגעהויבן.

אָנהייב זומער איז אין סאָראָקע און אין עטלעכע דערפער אַרום סאָראָקע פאַרגעקומען אַ וואָך פון דער מאָלדאַווישער ליטעראַטור. באַגעגענישן מיט שרײַבער אין די קלובן, ליטעראַ־רישע קאָנצערטן, לייענער־קאָנפערענצן, באַנקעטן פאַר די שרײַבער — מ'האָט מיטן אוילעם גוט אײַנגעקנעלט די כשיוועס פון ליטעראַטור און פון די, וואָס שאַפן זי. איך בין אָף דער דאָזיקער „וואָך” ניט געווען. נאָר סיוויסײַ האָט זיך מײַן כשיוועס אויך אופגעהויבן. כ'האָב דאָ איצט געשפּאַנט, ווי מע זאָגט, אָף פּאַרטיק־אויסגעשפּרייטע סטעזשקעס.

דער קעסעניצער קאָלווירט־פּאַרזיצער האָט אָף אָן אָנדערהאַלבן שאָ אוועקגעלייגט אַלע זײַנע אַרבעטן און זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט מיר. דורכן טעלעפאָן האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט צוויי בריגאַדירן און צוויי אַגראָנאָמען, ווער ס'וועט מיט מיר צופאָרן אין דער טראַקטאָרן־בריגאַדע, ווער — אין דער פי־פערמע, אין דער אויפעס־פערמע, ווער ס'וועט מיר באַווײַזן די פעלדער און די סעדער, ווער ס'וועט מיך ספּעציעל באַקאַנען מיט מענטשן.

מ׳האָט באַשלאָסן, באַ וועמען מע זאָל מיך אָפּ די עטלעכע טעג באַזעצן. דער פּאַרזיצער האָט מיך דערנאָך פאַרבעטן אָף אַ פרײַען אָפּדערנאָכט צו זיך אַהיים, זיצן אַ ביסל און שמועסן. און דער טאָג־שוּמער פון דער קאָלווירטישער פאַרוואַלטונג האָט אַ נעם געטאָן דאָס רענצל מײַנס און מיך אָפּגעפירט אַהין, ווו איך וועל דאַרפן וווינען.

אויפן וועג האָב איך אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט צוריקנעמען דאָס רענצל פון זײַנע הענט, נאָר ס׳האָט מיר ניט געהאָלפן. ס׳איז מיר פּאַשעט געוווען אַ בושע פאַר מענטשן: איך גיי פרײַ, און ער טאַסקעט מיר נאָך דאָס רענצל. כ׳האָב אַ פרעג געטאָן, צי ס׳איז נאָך ווײַט צו גיין, האָט ער, אַפּאַנעם, ניט פּינקטלעך דערהערט וואָס כ׳האָב געפרעגט, אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג און מיר געענטפערט, אַז ער פירט מיך צום וועטערינאַר־פעלדשער. אָ, די שענסטע שטוב אין דאָרף, אַ דירע אַזוינס ווי אַזעלכעס. אָף דער טיר פונעם וועטערינאַר־פעלדשערס שטוב איז געהאָנגען אַ שלאָס. נאָר דער באַגלייטער האָט אַ זאָג געטאָן, אַז דאָס איז גאָרניט, די באַלע־באָסטע איז מעכוּיעוו אָט־אָט אָנצוקומען. ער האָט אַ הייב געטאָן דאָס היטל, אַ זאָג געטאָן אַ גוטן טאָג און איז אַוועקגעגאַנגען. כ׳בין געבליבן זיצן אָף די טרעפּלעך פונעם גאַנעקל לעבן דער פאַרשלאָסענער טיר און געוואַרט. גאָר־גאָר קיין סאָך בין איך ניט געזעסן. אין אַ מין שאָ אָרום, די זון האָט שוין אָנגעהויבן אַראָפּגיין, האָט שוין נאָר געשײַנט אָף איין אייבערשט ווינקל פון דער שטוב, האָט זיך מיטאַמאָל געטאָן אַ פּראַל אוף דאָס טירל פונעם הויף און צום גאַנעקל זײַנען צוגעלאָפן צוויי קליינע מיידעלעך: איין מיידעלע פון אַ יאָר פיר־פינף, דאָס צווייטע מיידעלע — אַ יאָר צוויי־דריטהאַלבן. כ׳האָב זיך אופגעהויבן פון די טרעפּלעך און דערזען אין טירל די מיידעלעכס מאַמע — אַ מאַמע פון אַ יאָר דרײַ־פיר און צוואַנציק, מיט אַ קוישל אין די הענט און מיט אַ רויט סעקעלע אָף די אַקסל. די צוויי מיידעלעך האָבן אַרומגעכאַפּט ביידע קני מײַנע, נאָר געוואָלט אָנהייבן דרייען זיך מיט מיר. די מוטער איז שטיין געבליבן און אַפּאַנעם ניט געוווּסט, צי דאַרף זי גיך טאָן אַ לויף צו אָפּרײַסן די קינדער פון מײַנע קני, אָנשרײַען אָף זיי פאַר אַזאַ איבערגעטריבענער גאַסטפרײַנטלעכקײַט, צי, פאַרקערט, זי דאַרף אַזוי־אָ שטיין ווײַטער און גאָר אָנהייבן לאַכן, ווי איך שטיי אַזוי מיט אַרומגעפּענטעטע קני און לאַך. כ׳האָב זיך פאַמעלעך באַפרײַט פון די קינדערס פאַרפּענטעטקײַט, אַ שפּאַן געטאָן צו דער מוטער זייערער און איר אויסגעשטרעקט די האַנט. כ׳האָב ערשט איצט, פון דער נאָענט, גוט דערזען אירע אויגן. אַ פּאָר רעגעס מער, וויפל מע דאַרף, האָב איך געהאַלטן די האַנט אירע אין מײַנער, קוים געהערט ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַ זאָג געטאָן: נאַדיע. איר פּאַנעם האָט זיך געריטלט. קאָן זײַן איבער די קינדערס פריִערדיקער גאַסטפרײַנטלעכקײַט, מעגלעך, איבערן באַקאַנען זיך אונדזערן, און קאָן זײַן, אַז אָף איר פּאַנעם האָט אַזוי פּאַשעט אָפּגעשײַנט דאָס רויטע סעקעלע אירס, וואָס זי האָט געטראָגן אָף די אַקסלען.

— איר וואַרט שוין לאַנג?..

האָט זי, נאַדיע, איצט געהאַלטן די צוויי מיידעלעך, צוגעקוועטשט צו אירע קני.

— ניין. ערשט־אָ... ס׳הייסט, יאָ. לאַנג!..

האָט לעבן נאַדיען, שוין אין יענעם ערשטן אויגנבליק, אַ שאָ צײַט אָנגעהויבן הייסן באַ מיר אי נאַרוואַס, אי גאָר־גאָר לאַנג...

ס׳וואָלט אוודאי געוווען גלײַכער צו דערציילן וועגן די עטלעכע טעג באַם וועטערינאַר־פעלדשער אין שטוב אין דער דריטער פּערזאָן. דערציילן אַזוינס וועגן אַ דריטן איז אוודאי לײַכטער, ווי וועגן זיך. די פּרײַקײַט וואָלט געוווען אַ פּולערע. די פּראַטים — אָפּענערע, זאַפּטיקערע.

כ׳האָב אָבער באַמערקט באַ לייענער אַן אויסטערלישע קאַפּוּירקײַט. דערציילט אַמאָל אַ פּאַסירונג דײַנע פּינקטלעך אַזוי, ווי זי האָט פּאַסירט. לייגסט גאָרניט צו און פּוצסט גאָרניט אויס. ענדערסט אַפילו קיין נעמען ניט, קיין אָרט און קיין צײַט ניט. דערציילסט זי, פאַרשטייט זיך, בעלאָשן איך. אָן באַהאַלטענישן און אָן פאַרשטעלטקײַטן. פּראָסט און אָפּנהאַרציק, ווי אַ מין ווידוי. דער לייענער ווייסט אָבער, אַז ער „לייענט״, און לאָזט זיך ניט „אָפּנאַרן״. ע, זאָגט ער, מע פּילט דען ניט, אַז ס׳איז אומיסטן אַזוי געמאַכט, קעדיי מע זאָל אַלצדינג גלייבן? מע זעט דען ניט, אַז ס׳איז אַ מײַסע? אַ שיינע מײַסע און אַ קלוגע מײַסע. נאָר אַ מײַסע. און פאַרקערט:

דערצײַלסט אַמאָל אַ פּאַסירונג, וואָס האָט מיט דיר אַליין קיינמאָל ניט פּאַסירט. טוסט זיך אַ טראַג, ווי מע פּלעגט אַמאָל זאָגן, אָף די פליגלען פון דײַן פאַנטאַזיע. די נעמען פון די העלדן — אויסגעטראַכטע, דאָס אָרט און די צײַט — ווי דו ווילסט און דאַרפסט. דערציילסט זי, פאַרשטייט זיך, בעלאָשן ער. דו ביסט דאָרט ניטאָ. און אויב דו ביסט יאָ דאָ, ביסטו באַהאַלטן אונטער זיבן הויטן, פאַרשטעלט אין זיבן געשטאַלטן. דער לייענער ווייסט אָבער, אַז ער „לייענט״, און לאָזט זיך ניט „אָפּנאַרן״. ע, — זאָגט ער, — מע פּילט דען ניט, אַז ס׳איז

אומיסטן אזוי געמאַכט, קעדיי מע זאָל אַלצדינג גלייבן. מע זעט דען ניט באַשײַמפּערלעך, אַז ס'איז ער, דער מעכאַבער? קלאָמפּערשט אַ מײַסע, אַ צונויפגעשטעלטע. נאָר ס'איז בי'אָגראַפיע. דעם מעכאַבערס אייגענע בי'אָגראַפיע.

וואָס זשע קאָן מען שוין וויסן, ווי עס וואָלט געווען גלײַכער?

דאָס גלײַכסטע, טראַכט איך, אין דערציילן אזוי, ווי עס טוט דיך אַ מאָן, ווי עס טוט זיך אַ לייג די פּען.

נאַדיע איז געשטאַנען אין איר זומערדיקן קיכל און געפּרעגלט פּעפּערס. די צווי מיידעלעך אירע זײַנען, ווי טאָמיד, אין אַלע זעקס טעג פון דער וואָך, פון פאַרטאָג ביז פאַרנאַכט געווען אין קאַלווירטישן קינדערגאָרטן. ס'האָט נאָך געבלאָוט אין די פענצטער, ווען נאַדיעס מאַן האָט אַ כאַפּ געטאָן זײַן פלאַטשיק פעלדשער-רענצעלע, איז אַוועק אין וועטערינאַרפּונקט, פון דאָרט איבער די פערמע-שטאַלן, אַ גאַנצן טאָג אַרומגעמען קיי- און קעלבערס-העלדזער, צעעפענען זיי די פּיסקעס, גראָד דעמלט אַ גאַנצע וואָך געדאַרפט מאַכן די קי און קעלבער פּראָפילאַקטישע אײַנשפּריצונגען.

איך בין אין די אינדערפרי'ען געזעסן לעבן אַ לאַנגן טיש אין קאַסאַ-מאַרע-צימער, וואָס מ'האָט מיר אָפּגעגעבן, און צוביסלעך געשריבן.

די אָנגעקראַכמאַליעטע פאָרהענגלעך אויף די פענצטער און אויף די טיר-שויבן, די פאַרשפּרייטעכצער אויף די צוויי אויפגעשפּיצטע קישן, איינס לעבן אַנדערן, אין מײַן פאַרבעט געלעגער, ביידע האַנטעכער, וואָס האָבן באַרעמלט אויף דער וואַנט די פּאָר צענדליק צעהאַנגענע פאָטאָגראַפיעס, אַלע סערוועטלעך און סאַלפעטקעלעך אויף יעדן שאַפקעלע און אין יעדן ווינקעלע פונעם צימער — זײַנען געווען אויסגעשטיקט, אויסגעניייט, אויסגעבלימלט און אויסגעצאַצקעט, אויסגעצערטלט פון נאַדיעס הענט. אויפן קאָמאָדל מיט גלאָזוואַרג איז געשטאַנען אַ וואַזע בלומען, וואָס ווערן אַ גאַנץ יאָר ניט פאַרוועלקט — פּאַפּירענע, פאַרשטייט זיך. אַנטקעגן מיר, אויפן טיש, האָט נאַדיע אַרײַנגעשטעלט אין אַ גלאָז וואַסער אַ פריש בינטל ווײַס-געלע רעמיאַנקע-בלימלעך — כאָטש טו אַ נעם צווישן די פינגער אַ בלימל און הייב אָן נאַרישיינגליש, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, אָפּפליקן דערפון די ווײַס-געלבלעכע בלעטעלעך: יאָ — ניין, יאָ — ניין. איבער מײַן קאָפּ, ערגעץ אויבן אין די סטעליע-באַלקנס, זײַנען געווען פאַרשטעקט עטלעכע אויסגעטריקנטע מיאַטע-צווײַגלעך. דורך די פענצטער האָבן זיך אַראָפּ-צו אָנגעזען אַ פּאָר שורעס נידעריקע, האַלב-אָפּגעקאַלכטע עפּלביימער און פלוימען-ביימלעך.

נאַדיעס זומערדיק קיכל איז געשטאַנען פאַרנט אין הויף, אַנטקעגן פאַראַדנעם גאַנעקל, ווײַטלעך אַ ביסל פון מײַנע צוויי פענצטער. נאָר דורך דער אָפענער פאָרטקע האָבן אַרײַנגעשמעקט די רייכעס פון נאַדיעס געפּרעגלטע פּעפּערס; האָט זיך אַרײַנגעהערט די פּעפּערס טראַסקערײַ און שפּריצערײַ בעשאַס נאַדיע פּרעגלט זיי; איז אַהער דערגאַנגען נאַדיעס יעדער שאָרך און יעדער ריר אין זומערדיקן קיכל.

אָדער: ס'האָט זיך מיר אזוי געדאַכט, אַז עס דערגייט צו מיר אַהער, דורך דער אָפענער פאָרטקע, און אַפילע דורך די פאַרמאַכטע טירן, אַפילע דורך די ווענט, נאַדיעס יעדער שאָרך און יעדער ריר.

וואָס האָב איך אַזוינס אין אַ־דער נאַדיען דערזען? כ'ווייס ניט, צי מע מוז זיך אַזעלכע זאַכן פּינקטלעך פאַרטײַטשן.

הײַנט איז שוין דער דריטער טאָג. אַ נאַכט, אַ טאָג, ווידער אַ נאַכט, ווידער אַ טאָג, ווידער אַ נאַכט. כ'האָב געציילט די טעג — ניט וואָס גיכער אָוועקצופאָרן, נאָר ווי גיך זיי לויפן איבער.

אין דער ערשטער נאַכט בין איך שווער אַנשלאָפן געוואָרן. פון יענער זײַט וואַנט צעקעמט זיך נאַדיע די האָר. פון יענער זײַט וואַנט וואַשט זיך נאַדיע אין אַ שיסל וואַסער די פיס. אויף אַ פּאַרענטשע פון אַ בענקל איז געבליבן הענגען דאָס קאָפּטעלע אירס, דאָס קליידל, איר טאָג-העמד. זי ליגט אויפן געלעגער אונטער אַ דינער קאָלדרע. די קאָלדרע שטעמפּלט אויף אירע קני. זי האַלט אירע ביידע נאַקעטע הענט צעשפּרייט. זי אָטעמט. זי שלאָפט עפּשער אפשר ניט. זי ליגט אַ צעדעקטע. פון יענער זײַט וואַנט — גלײַך ס'וואָלט דאָרט לעבן נאַדיען קיינער ניט געווען.

וואָס האָב איך זיך אַרײַנגעריסן, ווי אַ גאַנעוו מיט צוגעמאַכטע שליסלען, אין אַ פרעמדן אַלקער, און נישטער פרעמד גוטס אין פרעמדע שופלאָדן? כ'האָב, דאַכט זיך, קיינמאָל באַ קיינעם קיין פאָדעם ניט געטשעפּעט. כ'בין, דאַכט זיך, אין מײַן גאַנץ לעבן קיינמאָל קיין מינדסטע געמיינקייט ניט באַגאַנגען.

באלד גאנצפרי וועל איך אוועק צום קאָלווירט־פּאַריזיצער און אים בעטן, ער זאָל מיך איבערפירן ווײַנען ערגעץ אַנדערש. כ׳וועל גאָר בעסער באלד מאָרגן אינגאַנצן פונדאַנען אַפּפאָרן.

גאנצפרי בין איך אין ערגעץ ניט אוועק און בין אין ערגעץ ניט אָפּגעפאָרן.

כ׳בין א שטיק אינדערפרי נאָכגעגאַנגען נאַדיען פון דער שטוב אין קיכל, פונעם קיכל צוריק אין שטוב, פון דער שטוב — אַפן גאַנעקל, פונעם גאַנעקל — צוריק אין קיכל. זי האָט מיך א פּאָר מאָל אָנגעקוקט, מיך אָן רייד געפרעגט, וואָס איך גיי איר נאָך. כ׳האָב איר אָן רייד געענטפערט, אַז איך גיי איר ניט נאָך. ס׳הייסט, איך גיי איר, דאַכט זיך, יאָ נאָך. נאָר כ׳הייב אַליין ניט אָן וויסן, צי גיי איך איר נאָך, צי גיי איך איר ניט נאָך.

אירע אויגן האָבן א רעגע פאַרלוירן זייער שווארצן בליאַסק, אָנגעכמורעט זיך מיט אַזא אַשיק־גרויער אומעטיקייט, ווי פלוימען אַפן בוים אין אָנגעכמורעטע פאַרטאָגן, באַהאַלטן זייער שווארצן גלאַנץ אין אַשיק־גרויער בלאַסקייט. אָט וועט זי אַליין באלד אוועק צום פּאַריזיצער בעטן, ער זאָל מיך איבערפירן ווײַנען ערגעץ אַנדערש. צי זי וועט גאָר באלד א כאַפּ טאָן א טיכל אַפן קאָפּ, איבערלאָזן די גאַנצע שטוב אָפן און וועט א פאַרפלאָמטע לויפן אין וועטערינאַר־פּונקט נאָכן מאַן.

כ׳שפּיל זיך, ווי א קינד, מיט שטרוי און מיט שוועבעלעך. כ׳טשעפּע מיר צו מיט די אייגענע הענט א מיזעסע יונגלש־נאַרישע מײַסע.

נאָר נאַדיע איז אין ערגעץ ניט געגאַנגען און איז נאָך קיינעם ניט געלאָפן.

דער טשאַד איז זיך, פאַרשטייט זיך, אינגיכן צעגאַנגען, טאַקע נאָר ווי טשאַד קאָן זיך צעגיין. ס׳האָבן נאָך אומגעשוועבט ערגעץ אין מיר א פּאָר איבערגעבליבענע קרײַזלעך רויך, אומגעשוועבט, ווי רויכלעך אַרום א פאַרדושעט שײַטערל. מע קאָן זאָגן בושע־רויכלעך, כאַראַטע־רויכלעך. כאָטש שעמען זיך האָב איך פאַר קיינעם ניט געדאַרפט. און אַרויסווײַזן כאַראַטע ניט געהאַט פאַר וועמען. געזינדיקט האָב איך דאָך נאָר מיט דער מאַכשאָווע. כ׳האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. כאַראַטעדיק געריסן שטיקער פונעם אייגענעם לײַב־און־לעבן.

די דאָזיקע פּאַשעטע דאַרפישע נאַדיע האָט פאַרמאָגט אין זיך א וועלט מיט איידלקייט. אַף איר פּאָנעם, אפילו אין די קיין־גריבעלעך, ווען זי האָט א שמייכל געטאָן, איז געלעגן אָן איידעלער, גאָר־גאָר דינער, סייכלדיקער אומעט. זי פלעגט אַרײַנקומען אין צימער, ווו איך בין אין די אינדערפריִען געזעסן באַם טיש, אַף די שפּיץ פינגער. געגומען דאָס, וואָס זי איז געקומען נעמען, אָן א מינדסטן שאָרך, דאַכט זיך, אַפילו ניט צורירנדיק זיך צו דעם מיט די הענט. אַרויסגיין נאָך שטילער, מיט אַזא פאַרכטיק־הייליקן בליק אַרום זיך, גלײַך דער צימער, איר היימיש־געווינלעכער צימער, איז אַפּאַנעמעסן געוואָרן עפּעס גאָר הייליק, ווײַל א שרײַבער זיצט דאָרט באַם טיש און שרײַבט. ווי האָב איך טאַקע באלד אין ערשטן אָפּדערנאַכט געקאָנט דורכלאָזן דורך די אויערן, ניט א טראַכט טאָן וועגן די פּאָר ווערטער, וואָס זי האָט מיטאָמאָל, מאַמעש אין זיבעטן הימל, א זאָג געטאָן:

— אוי... באַ אונדז אין שטוב... א שרײַבער!..

כ׳האָב זיך אָנגעהויבן פירן ווי א באַלטשוווע. אָפּגעווײַטערט זיך. ניט צוגעלאָזט צו זיך אַפילו אין געדאַנק קיין איין איבעריקן בליק אין איר זײַט. זי, פאַרקערט, האָט, וואָס אַמאָל מערער, געזוכט דערנעענטערן זיך צו מיר. זי איז וואָס אַמאָל געוואָרן צוגעלאָזטער, ריידעוודיקער. דער איידעלער אומעט אין אירע קיין־גריבלעך האָט זיך מערער פאַרשאָטנט. עפּעס, האָט מען געזען, דריקט זי. עפּעס לעבט זי איבער, זי פאַרמאָגט איצט דאָ אין שטוב, באַ דער האַנט, גראַד דעם. פאַר וועמען מע קאָן זיך דאָס האַרץ אויסריידן. גראַד דעם, וואָס וועט איר, מעגלעך,אַלצדינג קאָנען פּויסער זײַן.

זי איז געשטאַנען לעבן מיר און געדעדט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. שעמעוודיקע? צנִיעסדיקע? עפּשער שולדיקע? עפּשער גאָר פּאַשעט פּײַכטע — די אַראָפּגעלאָזטע ווִיעס זאָלן די פּײַכטקײַט פאַרדעקן?

ס׳איז מיר געוועזן פריקרע, וואָס זי שטייט, און איך זיץ. און ס׳איז מיר געוועזן פריקרע, וואָס איך טו אויך אַלעמאָל א לאָז אַראָפּ די ווִיעס איבער איין־און־איינציקער זאַך: איך זיץ איבער א טעלערל קעז, לעבן טעלערל שטייט א גלאָז מילך, ס׳איז נאָך גאַנצפרי — איך זיץ און פרישטיק.

און כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, אָפּגערוקט פון זיך דאָס טעלערל, א וויש געטאָן זיך מיט נאַדיעס סערוועטל די ליפּן, אופגעהויבן זיך, געהערט אירע רייד, אויך אַזוי־אָ שטייענדיק אַף די פיס.

זי האָט דערציילט, אַז זי האָט אַ כּאַוועדטע. זיי האָבן זיך געכאַוועדט ביידע פֿון קליי־נערהייט אָן. איינעם געענדיקט אין דאָרף די שול. זיי האָבן דערנאָך, אין די העכערע קלאַסן, אַרומגעטראַגן זיך מיט אַ כּאַלעם פֿאַרן איינעם לערנען אויף דאָקטער. האָט זי, נאַדיע, זיך פּלוצעם פֿאַרליבט. ער האָט זיך גראָד דעמאָלט אומגעקערט אין קאָלווירט פֿון דער נאַרוואַס פֿאַרענדיקטער וועטערינאַר־שול. ס׳איז געווען אַזאַ גרויסע ליבע, אַז דער שטאַרקסטער און שענסטער כּאַלעם האָט קעגן איר אויסגעזען שוואַך און קליין. די כּאַוועדטע איז היינט אויגן־דאָקטער אין סאַראַקער שפּיטאָל. אַז נאַדיע קומט אַמאָל אין שטאָט, גייט זי אום אין די גאַסן און היט זיך די כּאַוועדטע צו באַגעגענען. זי שעמט זיך פֿאַר איר. זי פֿילט זיך ווי שול־דיק, און שעמט זיך מיט איר שולדיקייט. און אַז זיי באַגעגענען זיך יאָ אַמאָל אויף דער גאַס, דערפֿרייט זיך גראָדע די כּאַוועדטע מיט איר, כאַפּט זי אַרום קושן, פֿאַרבעט זי צו זיך, רעדט מיט איר די סאַמע בעסטע רייד. און איבער די דאָזיקע צו גוטע רייד, איבער דעם דאָזיקן מיטגעפֿיל דער כּאַוועדטעס קערט זי זיך דערנאָך אום אַהיים אַ צעקאָכטע, פֿאַלט אַריין אין שטוב מיט אַ געוויין. ער, דער מאַן אירער, פֿאַרשטייט איר געוויין ניט. ס׳איז דערפֿאַר, זאָגט ער, ווייל זי האָט אים מער ניט ליב. די ליבע אירע, זאָגט ער, האָט זיך אויסגעוועפּט.

— און עפּשער איז עס טאַקע אַזוי? — האָב איך זייער פּאַרזיכטיק אַ פֿרעג געטאָן.

— אײַ, ווען דאָס איז אַזוי. ס׳איז אָבער גראָדע ניט אַזוי. ס׳האָט זיך גאָרניט אויסגעוועפּט. יענע ערשטע געפֿילן זײַנען געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי רײַך, אַז זיי קאָנען קלעקן אויף אַ גאַנצן לעבן. און זיי קלעקן. מיט זיי לעב איך. מיט זיי אָטעם איך. הײַנט די צווייִ מיידעלעך אונד־זערע. איר האָט געזען? זיי זײַנען דאָך אינגאַנצן ער. פֿאַרקערט. אָפּטמאָל זײַנען די געפֿילן צו אים נאָך שטאַרקער. פֿאַרשטייט זיך. ווי זשע דען? מע קאָן זאָגן דרײַ מאָל שטאַרקער. פֿונדעסטוועגן האָב איך אָפּט אַזעלכע מינוטן, אַז איך וואָלט אַ כאַפּ געטאָן די קינדער און אַוועק פֿון אים אין דער וועלט...

— ער, מיסטאָמע, האָט מער ניט ליב?

— ניין. דאָס אויך ניט. אַלקאָלפֿאַנעם, אַזוי זאָגט ער מיר טויזנט מאָל, נאָך דעם ווי ער בעט מיך איבער. קושט מיך און האַלדזט מיך, פּונקט ווי אין אונדזערע ערשטע גוטע טעג. נאָך דעם, וואָס ער האָט מיך נאַרוואַס אָנגערופֿן מיטן ערגסטן וואָרט, וואָס מע רופֿט אָן די סאַמע נידעריקסטע פֿרוי. כ׳ליג און וויין. וויִאַזוי קאָנסטו מיך, זאָג איך, אַזוי אָנרופֿן? פֿאַרוואָס? ווייסט דאָך גוט, וואָס פֿאַר אַן ערלעכע און ריינע דו האָסט מיך גענומען. זעסט דאָך, זאָג איך, ווי איך פֿיר די שטוב, ווי איך היט אָפּ די קינדער, ווי איך אַרבעט, ווי איך בין דיר געטרײַ און האָב דיך ליב. ס׳איז גענוג, ער זאָל אַמאָל אַ כאַפּ טאָן איין איבעריק גלעזל ווײַן אין מויל: כ׳ווייס ניט גאָרניט, זאָגט ער, און וויל ניט וויסן. כ׳ווייס נאָר, אַז דו פֿאַרבײַטסט מיך. פֿונוואַנען נעמסטו עס, זאָג איך, פֿאַרוואָס באַליידיקסטו מיך? וואָס פּלוצעם קומען דיר אין קאָפּ אַזעלכע מעשוגוגענע געדאַנקען? אָ, כ׳ווייס, זאָגט ער, כ׳ווייס עס זייער גוט. אַז דו האָסט געקענט, זאָגט ער, איבערבײַטן דײַן פֿאַרן לערנען מעדיצין אויף מיר, אויף אַ מאַנצבאַל, קאָנסטו דעם געליבטסטן מאַן דײַנעם פֿאַרבײַטן מיטן סאַמע ערשטן אידיאָט. אַזאַ ניט נאָרמאַלער. אַזאַ מעשוגענער. און ער טוט מיך ווידער אַ רוף אָן מיטן שיינעם וואָרט...

די אַראָפּגעלאָזטע וויִעס נאַדיעס האָבן מער גאָרניט געקאָנט פֿאַרדעקן. זי האָט זיך אויס־געדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע, אויסגעווישט זיך די אויגן מיט ביידע דלאָניעס, ווי אַ קינד. וואָלט איך זיך ניט געפֿילט קיין באַלטשוווע, וואָלט איך, מעגלעך, צוגעגאַנגען צו איר, באַ־רויִקט זי, עפּשער אַפֿילו אַ גלעט געטאָן זי איבערן קאָפּ. כ׳בין געשטאַנען און געוואַרט, ביז זי האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּאָנעם, אַ פֿרעג געטאָן מיך:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, פֿאַרוואָס רופֿט מען נאָך הײַנט, אין אונדזערע צײַטן, אַזעלכע זאַכן גורל? דער גורל פֿון אַ מענטשן. ניט דערפֿאַר, ווײַל אין לעבן געשעט אַמאָל אַזוינס, וואָס איז ניט אין דיר געווענדט? אַזוינס, וואָס איז דיר באַשערט?..

— מיר זאָגן דאָך אָבער: דײַן גורל ליגט אין דײַנע אייגענע הענט... — האָב איך איר קורץ געענטפֿערט.

מער האָט זי גאָרניט געפֿרעגט. כ׳בין, געדענק איך, אין יענעם גאַנצפֿרי לאַנג געזעסן באַם טיש, ביז כ׳האָב זיך גענומען עפּעס טאָן. כ׳האָב געטראַכט, אַז דער ענטפֿער מײַנער איז געווען אי צו אַ גיכער, אי ניט קיין טאַקטישער. די דאָזיקע פּאַשעטע דאָרפֿישע נאַדיע האָט אַזאַ ענטפֿער אַליין געוווּסט. אַנדערש וואָלט זי זיך ניט געווען באַקלאָגט, וואָלט זי דאָס גורלדיקע אין איר לעבן אויפֿגענומען לײַכטער, פֿראָסטער. פֿון מיר האָט זי, אַפּאָנעם, געוואַרט אַן אַנדער מין אויסטײַטשונג. אַזאַ אויסטײַטשונג, וואָס איך פֿאַרמאָג אַליין ניט.

איך וויל אָף אַ טשיקאַוועסט פֿאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט אַ געשיכטע פֿון איינער אַ קליינער נאָוועלע, וואָס כ׳האָב דעמלט אין קעסעוץ, באַם וועטערינאַר־פֿעלדשער אין שטוב אָנגעשריבן.

ניט אַפֿילע וועגן דער גאַנצער נאָוועלע, בלויז וועגן נאָוועליסטישן סאָף אירן. דעם „אויסדריי”, די „ראָזשינקע”, ווי מע רופֿט עס, אָן וועלכן אַ נאָוועלע קאָן, מיין איך, קיין נאָוועלע ניט הייסן.

כ׳וויל דערבײַ נאָכאַמאָל דערמאָנען מײַן בען־איר פֿרויקע רעכטמאַן. די דאָזיקע ראָזשינקע איז מיר דאָסמאָל אונטערגעקומען דאַפֿקע אַדאַנק אים, דעם פּראָווינציעלן, קאָן מען זאָגן, „טרוקענעם” בוכהאַלטער.

דער קאָלווירט־פֿאַרזיצער האָט זייער געליובט איינע אַ יונגע קעכן פֿון דער טראַקטאָרן־בריגאַדע. ער האָט געליובט איר געטרײַקײַט און ערלעכקײַט, איר אַרײַנלייגן ליבשאַפֿט אין יעדער מינדסטער זאַך, וואָס זי טוט. אַ זעלטן באַשיידן מיידל, האָט ער געזאָגט. אָט וועגן אַזאַ מיידל דאַרף מען עפּעס אָנשרײַבן, גייט אַרויף און באַקאַנט זיך מיט איר. אָף אַזאַ מיידל דאַרף אַ שרײַבער אַ קוק טאָן.

אין דער נאָוועלע דערציילט זיך, ווי איך הייב זיך אויף אַרויף צו דער טראַקטאָרן־בריגאַדע דורך בערגיק־מעשופּעדיקע ווײַנגערטענער. כ׳שטעל זיך יעדעס מאָל אָפּ, כאַפּ אַ קוק אָף צוריק, קאָן זיך גאָרניט אָנזעטיקן מיט די היימישע פּייזאַזשן, וואָס בלײַבן אונטן וואָס אַמאָל ווײַטער, און ווײַל וואָס אַמאָל ווײַטער, וואָס אַמאָל שענער. דאָס גאַנצע דאָרף — ווי אָף דער דלאָניע. אַנטקעגן — דאָס שטעטל יאַמפּעלע. דער דניעסטער אײַנדערמיטן, מיט די דריבנע כוואַליעכלעך זײַנע, בלישטשענדיקע, ווי פֿיש־ליסקעס, זילבערט זיך, בלישטשענדיק קעגן דער זון. כ׳הייב זיך אויף אַרויף און טראַכט, אַז דער פֿאַרזיצער האָט די דאָזיקע אַניקוצען עפּעס צופֿיל געליובט. די נאָוועלע האָב איך אַזוי טאַקע אָנגערופֿן: אַניקוצע.

האַקיצער. אַ מיידל ווײַט ניט קיין שיינע, אַ קליינינקע און אַ דאַרינקע, איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין אַ פֿאַרטעך, געשיילט קאַרטאָפֿליעס, אָנגעבראָקט קרויט, געפּאָרעט זיך, אַ פֿאַרפֿלאַמטע, אַרום זידנדיקע טעפּ, געוואַשן טעלער, אַרויסגעטראָגן עמערס פּאָמאָיעס, געטאָן, הייסט עס, די סאַמע וואָכעדיקסטע טועכצן אין דער וועלט, וואָס קאָנען אין אונדזער צײַט פֿאַר אַזאַ יונג מיידל געמאָלט זײַן. זי האָט ניט געהאַט קיין צײַט שטיין מיט מיר מערער אַ ביסל און רעדן. דאָס פֿאַרפֿלאַמטע פּאָנעם אירס איז ערשט רעכט פֿאַרפֿלאַמט געוואָרן, ווען זי האָט געהערט וועגן וואָס כ׳בין אַהער געקומען. מאַמעש אין געציילטע עטלעכע ווערטער האָט זי אַרויסגעלייגט פֿאַר מיר איר ביִאָגראַפֿיע. די קירצסטע ביִאָגראַפֿיע, וואָס קאָן נאָר זײַן. זי אַרבעט אין קאָלווירט. זי און די מאַמע אירע. קיין פֿאָטער האָט זי ניט. ער איז אוועקגעגאַנגען אָף דער מילכאָמע, ווען זי איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד, און האָט זיך פֿון דער מילכאָמע ניט אומגעקערט. אין די ווינטער־כאָדאָשים איז זי אָף דער פֿערמע אַ מעלקערן. אין דרויסן הייבט נאָר אָן ווערן אַ קאַפּל וואַרעמער, קומען באַלד די טראַקטאָריסטן און מאָנען זי צוריק אָפּ אַהער. זיי ווילן נאָר זי, און שוין.

כ׳האָב געקוקט, ווי זי גיט די טראַקטאָריסטן אַרויס דורכן פֿענצטערל שיסעלעך באָרשטש, טעלער מיט שטיקלעך פֿלייש און קאַרטאָפֿל. כ׳האָב געזוכט די ליבשאַפֿט אירע, וואָס דער פֿאַרזיצער האָט געזאָגט, אַז זי לייגט אַרײַן אין יעדער טועכץ. קיין שום באַזונדערס ניט. געוויינלעכס. מע קאָן אוואַדע עפּעס צוטראַכטן. מע קאָן, לעמאָשל, אַ זאָג טאָן, אַז דער אוילעם פֿילט אַ געשמאַקן טאַם ניט נאָר אין געקעכטס, וואָס זי קאָכט פֿאַר זיי, נאָר אַפֿילע אין איר דערלאַנגען זיי דאָס געקעכטס. וועט עס אָבער זײַן הוילע אויסטראַכטעניש. און צוליב וואָס אויסטראַכטן, צוטראַכטן?

ס׳האָט זיך דערהערט, ווי אין דרויסן, באַ דער טיר, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פֿורל. אַניקוצע האָט אַרײַנגעשטעלט אין קוישל אַ טעפּל באָרשטש, אַ שיסל פֿלייש מיט קאַרטאָפֿל, אין צוויי פֿלעשער אָנגעגאָסן מילך, אויסגעוואַשן און גענומען אויסווישן אַ גלאָז, מיר אַ זאָג געטאָן בעשאַסמײַסע, אַז זי האָט צוויי טראַקטאָריסטן אָף סילאָס, און דאָס שיקט זי זיי אַהין מיטן פֿורל אָנבײַסן.

זי האָט געווישט און געווישט די גלאָז, אַ נעם געטאָן זי אַלעמאָל קעגן דער שײַן. און אָט אין יענער רעגע איז מיר געקומען אָפּן זינען מײַן בען־אירס, פֿרויקע רעכטמאַנס מײַסע. דורך איין וואָרט „עלעהיי אַ דאַטשע” איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן אַלץ וועגן דער אַפּטייקערשע קלאַרע פֿינקל אין געטאָ.

אין דער נאָוועלע איז דאָ אַזאַ שורע: אַז איך קום צו מײַן מאַמען, און די שוועסטער מײַנע איז מיך מעכאַבעד מיט אַ גלאָז טיי, ווישט זי מיר פּונקט אַזוי אויס די גלאָז, טוט זי זי פּונקט אַזוי אַלעמאָל אַ קער קעגן דער שײַן.

אין דרויסן האָט זיך געהערט ווי אַניקוצע שרײַט אָן אָפּן אַנטרײַבער:
— וואָס זיצטו און גענעצסט? פּאַר. דאָס עסן ווערט קאַלט!

און ווען זי האָט זיך דערנאָך צוריק באַוויזן אויף דער שוועל, האָב איך אין דעם דאָזיקן ווײַט ניט שײנעם, קלײנינקן מײדל דערזען יעפּאַסטויערדיקס, הויכס. נאָך מערער: שוועסטערדיקס.

דעמלט, שרײַבנדיק די נאָוועלע, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז לערנען זיך שרײַבן קאָן מען אויך אַמאָל בײַ אַ פּאַשעטן באַסערוועדאַס, וואָס האָט מיטן אײניען שרײַבן קײן שום מאַגע־מאַסע ניט. אַפילו, הײסט עס, בײַ אַ בוכהאַלטער, וואָס כּעזשבנט קלוימערשט נאָר אויס הויצאָע־ און האַכנאָסע־כּעזשבוינעס.

ג

אַנטקעגן, אין שטעטל יאַמפּעלע, אָדער אין דער שטאָט יאַמפּאָל, ווי עס הײסט שוין הײַנט, האָב איך אַ פּאָר מאָל אַריבערגעשיפּט זיך מיטן פּאַראָם, זיצן אַ ביסל אין יאַמפּעלער לײַענזאַל (דעם קעסעוצער קלוב און די ביבליאָטעק אין קעסעוץ האָט מען גראַדע אין יענע טעג רעמאָנטירט), באַקאַנען זיך מיט אַ פּאָר יאַמפּעלער מענטשן און טאַקע דאָס דאָזיקע יאַמפּעלע אָנקוקן — ס׳איז דאָך אַ נאָמען, וואָס האָט זיך פאַרקריצט אין מײַן זיקאָרן נאָך אין די גאָר פרי׳ע קינדער־יאָרן.

קרוטי. יאַמפּעלע. די נעמען פון די צוויי אוקראַיִנישע שטעטלעך, וואָס אויף יענער זײַט ברעג דניעסטער, פלעגן זיך אומדרייען בײַ אונדז אין שטוב אָפטער און היימישער, ווי, לאָמיר זאָגן, די נעמען פון די היימישסטע שכײנעסדיקע בעסאַראַבער שטעטלעך קאַפּרעשט, מאַרקולעשט, פלאָרעשט.

קרוטי האָבן מיר, קינדער, אַפילו אויסגעצוונגען אין יענעם לידל וועגן אַ פּעסעלע ביר, וואָס דער טאַטע וועט קומען און ברענגען:

דער טאַטע איז געפאָרן אָפּן יאַריד קײן קרוטי.
וואָס וועט ער ברענגען? אַ פּעסעלע ביר.
ווו וועט מען עס שטעלן? הינטער דער טיר.
ווער וועט עס טרינקען? איך מיט דיר.

קײן ביר האָבן מיר קײנמאָל ניט געטרונקען. קײן פּעסעלע ביר — קײנמאָל ניט געזען. אויף די יאַרידן קײן קרוטי זײַנען אונדזערע טאַטעס קײנמאָל ניט געפאָרן. דער דניעסטער איז שוין דעמלט געווען פאַרמאַכט: געוואָרן אַ גרענעץ צווישן צוויי וועלטן. נאָר דאָס לידעלע האָבן מיר געזונגען. און אָנגעפילט אונדזערע קינדערישע הערצלעך האָט דאָס לידעלע אי מיט שפּיל, אי מיט בענקשאַפט.

אײנעם וואָרט יאַמפּעלע האָבן מיר געפילט עפּעס מײַסעדיקס. נאָר אין אַ שײן מײַסעלע קאָן אַן ערטעלע הײסן אַזוי שײן. שמאָלע פאַרדרײטע געסעלעך. שפּיציק־אויסגעשניצטע טורעם־שטיבלעך. שרעטעלעך מיט טראָלדן אויף די מיצלעך רײַטן אויף הילצערנע פערדעלעך. לײמענע פּײַפּנדיקע הענדעלעך, קאַטשקעלעך, הינטעלעך. אַן ערטעלע — אַ שפּילכל. שפּילעוודיק־האַנאָעדיקס באַם הוילן איבערכאַזערן: יאַמפּעלע, יאַמפּעלע, יאַמפּעלע.

מיטן פּאַראָם האָבן זיך איבערגעפּראַוועט קעסעוצער אײַנוווינער קײן יאַמפּאָל אויפן מאַרק. אַ ווינטל אויפן דניעסטער האָט צעפּלאַטערט געבלימלטע פּאַטשײלעס, ווײַבער מיט קױשלעך אײער, שטיקלעך קעז און פּוטער, געהילט אין ווײַן־בלעטלעך, קױשלעך פלוימען, ווײַנטרויבן, עפּל און באַרן. בײַ די פּאַרענטשעס — אַ פּאָר מאָטאָציקלען. אין דער מיט פּאַראָם — אַפילו אַן אויטאָמאָביל מיט פּאַסאַזשירן.

דער אוילעם איז אַרויס פונעם פּאַראָם אויפן יאַמפּעלער ברעג, פאַרקירצט דעם וועג באַרג־אַרויף אין שטאָט שטאָט דורך אַ שמאָלער אויסגעטראָטענער סטעזשקע אין איבערגעטריקנטן גראָז. איך האָב זיך אין ערגעץ ניט געײַלט. באַלד אויבן האָב איך פאַרקערעוועט אין די ערשטע יאַמפּעלער ברעג־געסלעך. געשפּאַנט פּאַמעלעך, זאָט זיך ניט געקענט אָנקוקן אויף די היימיש־געשניצטע גאַנעקלעך לעבן די שטיבער, אויף די אויסגעפּאַרבטע לאָדנדלעך אין דרויסן בײַ די פענצטער. טאַקע נאָר מײַסעדיק, ווי אין די קינדער־יאָרן דאָס וואָרט יאַמפּעלע.

די געסלעך זײַנען, אפֿאַנעם, אַמאָל געווען שנײַדער־געסלעך, צי שוסטער־געסלעך. פֿון דער מילכאָמע זײַנען זיי, פֿאַרשטייט זיך, אַרויס גאָר־גאָר שיטערע. דאָ אַ שטוב, דאָרט אַ שטוב. אייגענע, יערושע־שטיבלעך, אַפֿאַנעם. געבליבן אוואדע שטיין האַלב־כאַרעווע, אָן דע־כער און אָן טיר־און־פֿענצטער. צוריק אופֿגעשטעלטע, זעט מען. אָפּגערעמאָנטירטע, אויסגע־גלײַכטע, פֿאַרשענערטע. אָף אַ גאַנעקל, גערענק איך, מיט אַ פּאָר טרעפּלעך אַרופֿצוגיין, איז געזעסן אַן אַלט פּאָרפֿאָלק. געזעסן איינער לעבן אַנדערן אָן רייד צווישן זיך, גלאַט אַזוי אין דרויסן אָף דער לופֿט געזעסן און אָפּגערוט זיך. ערגעץ אין אַן אָפּענעם הויף האָבן זיך גע־שפּילט קינדער. אַ ווײַבל האָט אַ רוף געטאָן אַ ייִנגעלע עסן, געשריגן אָף קוילע־קוילעס: „יאַשע, מע רעדט דאָך צו דירן!". אָף אַ שוועל פֿון טיר איז געשטאַנען און אַרויסגעקוקט אַן אַלטיטשקער מיט אַ פּאָר ברילן אָפּן שטערן און מיט אַ סאַנטימעטער אָפּן האַלדז.

איך בין געזעסן אין לייענזאַל וויפֿל איך בין געזעסן. די שטאָט האָב איך אַהער גייענדיק שוין געהאַט אָנגעקוקט. כ'האָב זיך דורכשפּאַצירט אָף דער ברייטער און ראַשיקער צענטראַ־לער גאַס. בעפּייִרעש אַ שטאָט. ניט קיין סאַך קלענערע פֿון סאַראַקע. ניט קיין פּיצל שטע־טעלע יאַמפּעלע, ווי דאָס דאָזיקע וואָרט האָט עס קינדווײַז איבערגעלאָזט פּיצלדיק אין מײַן זיקאָרן.

אָף דער צענטראַלער גאַס, לעבן אַ ביכער־קיאָסק, זײַנען געשטאַנען צוויי ייִדן און גע־שמועסט צווישן זיך. דער, וועמען איך ווידמע דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ בלאָוון מאַנטל, האָט געטראָגן אַ שוואַרצן שניפּס, אַ טונקל־בלאָוון קאַפּעליוש אָפּן קאָפּ. אַ מענטש שוין אָן עלטערער, נאָר אַ גלײַכער, אַ הויכער, אַן אײדעלער... ווען איך דערצייל אַמאָל וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש, זאָג איך, אַז ער האָט מיך באַלד דערקענט, לויט דער פּאַטאָ, וואָס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין ערשטן נומער פֿון אונדזער זשורנאַל. אָף פּאַפּיר אָבער זע איך, אַז דאָס איז אַ ביסל איבערגעטריבן. פֿון איין זשורנאַל־פּאַטאָ, מע זאָל זיך אַפֿילע געווען אין איר אַ סאַך אײַנקוקן, דערקענט מען נאָך ניט אַזוי באַלד. ביפֿראַט, אַ פּאַטאָ האָב איך, ווי געוויינלעך, צוגעשיקט אַ קאַפּעלע אַ ייִנגערע, און אָפּגעדרוקט האָט זי זיך, ווי גע־וויינלעך, אַ קאַפּעלע אויסגערעטושירט. געשען איז, אַפֿאַנעם, אַזוי. איך האָב אָף אים אַ קוק געטאָן, ער האָט אָף מיר אַ קוק געטאָן. איך האָב דאַפּקע יאָ, געדענק איך, אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז אוואדע איינער אַ לייענער אונדזערער. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אַ טײַטל געטאָן צו מיר מיט אַ פֿינגער:

— דאַכט זיך, איך קען אײַך פֿון ערגעץ.

— אַפֿאַנעם פֿונעם זשורנאַל, — האָב איך אַזוי זיך אַ זאָג געטאָן.

— פֿרײַנט מײַנער, וואָס זשע שוויַגט איר? זע נאָר. אוואדע.

און ער האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען מײַנעם. אָנגערופֿן, זעט אויס, גאָר צופֿעליק. אַלע נעמען פֿון די מעכאַברים אין נומער, פֿונעם ערשטן ביזן לעצטן זײַטל, האָט ער גוט גע־דענקט. דאָס האָב איך געזען שפּעטער. ער האָט מיך אַזש אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט צו זיך.

— זע נאָר. זײַט איר, הייסט עס, דאָ בא אונדז און קיינער ווייסט נאָך אַפֿילע ניט.

— כ'בין אַנטקעגן. אין קעסעווץ, בין איך.

— וואָס זשע גאָר דאָרטן? ס'איז, כאַלילע, נישטאָ דאָ ווו צו זײַן? ווו איר ווילט און ווו דאָס האַרץ אײַערס גלוסט. בא מײַן איידעם שטייט אַ ליידיקע שטוב, אַ פּאַלאַץ, ניט קיין שטוב. מיטן גרעסטן קאָוועד!

— ניין, — האָב איך געזאָגט, — כ'געפֿין זיך, אייגנטלעך, איצט אין סאַראַקע. אין אַ קאָמאַנדירונג פֿון אונדזער מאָלדאַווישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד. בין איך אָף עטלעכע טעג צוגע־פֿאָרן אַנטקעגן, אין קעסעוצער קאָלווירט אויך. און בין שוין אַריבערגעקומען כאַפּן אַ קוק אָף אײַער יאַמפּעלע.

— וואָרט זשע. לאָמיך זיך פֿריִער פֿאָרשטעלן. הייסן הייס איך רויזמאַן און בין אַלע יאָרן געווען אַ לערער. שיקע דריז האָט נאָך בא מיר געלערנט. ווען כ'האָב געוווינט אין קראַסנע. איר ווייסט דאָך אוואדע, אַז שיקע דריז איז אַ קראַסנער. אַ שטעטל לעבן וויניצע. נאָך קליי־נערהייט געשניטן זיך שיקעלע אָף גאָר־גאָר. געהאַט אַ זעלטן קעפּל. איר קענט זיך מיט אים? איר קומט דאָך אַמאָל, מינאַסטאַם, קיין מאָסקווע. וואָס טוט ער, שיקעלע?

— ער איז איינער פֿון אונדזערע בעסטע דיכטער... מע שעצט אים זייער, דריזן.

— כ'ווייס. אַלע קינדער־ביכלעך זײַנע זײַנען דאָ בא אונדז אין שטוב. טוט מיר טאַקע שטאַרק האַנאָע. די טאָכטער אונדזערע איז אין זײַנע ביכלעך מעסוקן געווען פֿאַרליבט. זי פֿלעגט די לידער זײַנע קענען אויסנווייניק. אויך געווען אַ לערערן, די טאָכטער מײַנע, אַלעווהאַשאָלעם.

ער האָט מיטאמאָל אַ שווערן זיפץ געטאָן, ארויסגעכאַפּט פון דער קעשענע אַ טיכעלע, אַ נעם געטאָן מיך דערנאָך אונטערן אָרעם:

— כ׳בעט אײַך, פּרײַנט מײַנער, איר מוזט צו מיר ארײַנקומען כאָטש אָף איין האַלבער שעה. ניט איצט. כ׳דאַרף פריִער די אַלטיטשקע מײַנע צוגרייטן. מאָרגן. קומט, כ׳בעט אײַך, אריבער. קומט צו אונדז אָף אָנבײַסן. אוי, פּרײַנט מײַנער. שוין באַלד אַ יאָר, אַז ס׳איז געשען באַ אונדז אַ גרויסער אומגליק. אַ טאָכטער אָן אויצער. די גאַנצע שטאָט האָט מיט איר גע־ראַשט. אין וויניצע האָט מען זי געקענט. איינע פון די בעסטע לערערנס אין דער גאַנצער געגנט. באַ אַ שווערן קימפּעט. צוויי פּראָפעסאָרן האָבן זי געראַטעוועט און ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן. דאָס קינד איז געבליבן לעבן, און זי איז שוין באַלד אַ יאָר ניטאָ. דאָס פּיצעלע האָט גענומען די צווייטע טאָכטער מײַנע, אויך אַ לערערן.ביידע איידעמס זײַנען אויך לערער. די אַלטיטשקע מײַנע איז אויך אַלע יאָרן געווען אַ לערערן. מיט עטלעכע יאָר צוריק באַקומען דעם טיטל פאַרדינסטפולע לערערן פון אוקראַיִנע. אַ גאַנצע מישפּאָכע לערער. נאָך דער לע־ווײַע, מײַן טאָכטערס, זײַנען נאָכגעגאַנגען אַלע יאַמפּעלער שולן. עס זײַנען אַפילע געקומען עטלעכע שולן פון אַרום יאַמפּאָל. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, פּרײַנט מײַנער? אַ מענטש איז טאָקע שטאַרקער פון אײַזן. איך, ווי איך. אַ מאַנצבל. איך האָב זיך שוין, ווי מע זאָגט, גענומען אין די הענט ארײַן. זי, די אַלטיטשקע מײַנע, קאָן עס גאָרניט אויסהאַלטן. זי איז נאָך ביז הײַנט רעכט פון דער שטוב ניט ארויסגעגאַנגען. זיצט אַ גאַנצן טאָג פאַרשפּאַרט אין אַלקערל אונדזערן און קרעכצט און זיפצט און קלאָגט. כ׳בעט אײַך, איר׳ט זען, כ׳פּיל, אַז איר וועט עס זײַן, ווי זאָגט מען עס, דער גוטער שאַליִעך. זי איז דאָך דאָס גאַנצע לעבן אירס געווען אַ לערערן פון ליטעראַטור. וואָס רעדט איר וואָס, אַזאַ גאַסט אין שטוב. איר וועט מיר די אַלטיטשקע פונעם אַלקערל ארויסשלעפּן. און כ׳וויל טאָקע פּאַשעט, איר זאָלט זײַן באַ אונדז. איר זאָלט שיקען קענען איבערגעבן אַ גרוס. ווי זשע דען? ווען ניט דער אומגליק מיט דער טאָכטער, וואָלט איך אײַך, מיינט איר, אַזוי־אַ אָפּגעלאָזט? ס׳וואָלט אײַך שוין גאָרניט גע־האָלפן. איר וואָלט שוין יאַקאָס געגאַנגען הײַנט נעכטיקן צו אונדז.

כ׳האָב פאַרשריבן דעם אַדרעס און האָב אָף מאָרגן אריבערגעפּראַוועט זיך מיטן פּראָם. כ׳בין געגאַנגען און געטראַכט, אַז דאָס דאָזיקע גיין מײַנס „ארויסשלעפּן״, ווי רויזמאַן האָט עס אָנגערופן, אַ פאַראַוולטע מאַמע פון איר פאַראַוולט אַלקערל, איז, פאַרשטייט זיך, אַ נאָיִווו גייעכץ. נאָר אין דעם אַלטן לערערס טמימעסדיק בעטן מיך דאָס, און אין זײַן טמימעסדיק מיינען, אַז איך וועל עס זײַן בעקויעך צו טאָן, האָב איך געזען אָן אַ שיר גוטסקײַט. האָב איך דערפילט דעם גרעסטן סכאַר, וואָס אַ שרײַבער, אַ גרעסערער צי אַ קלענערער, קאָן באַקומען פון מענטשן דערפאַר, וואָס ער טראָגט דעם נאָמען שרײַבער.

כוץ דעם האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז ברענגען עמעצן אַ קאַפּעלע טרייסט, אַ גוט געפיל, איז סאַפּקאָלסאָף אויך צווישן די אַלע שעליכעסן, וואָס ליטעראַטור פירט אויס.

כ׳בין ווידער ארופגעגאַן אין שטאָט דורך די בײַבערג־געסלעך. צי אַליין רויזמאַן, צי דער צווייטער ייִד, וואָס איז נעכטן, לעבן ביכער־קיאָסק געשטאַנען מיט רויזמאַנען און געשמועסט, עמעצער פון זיי האָט שוין, זעט אויס, אין שטאָט באַוווסט געמאַכט, אַז ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ מענטש פונעם נײַעם זשורנאַל. נעכטן בין איך געגאַנגען און באַטראַכט די געסלעך, הײַנט האָט מען אין די געסלעך מיך באַטראַכט. אַ ייִדענע לעבן אַ טויער האָט אַפילע ארײַנגעשריגן אין שטוב ארײַן:

— קום ארויס. אָט גייען זיי!

די דאָזיקע באַזונדער־בעקאָוועדיקע אירצעניש דורך אַ „זיי״ האָב איך, פאַרשטייט זיך, גענומען ניט אָף מײַן כעזשבן אַליין. כ׳האָב עס דערהערט, ווי סימבאָליש: אָט גייען זיי, די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער, די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור.

מיט אַזאַ געפיל בין איך אויך ארײַנגעגאַנגען אין שטוב צו די רויזמאַנס. רויזמאַן האָט מיך, אַפּאָנעם, דערזען דורכן פענצטער, ברייט צעעפנט פאַר מיר די טיר, מיך אײַנגעבעטן מיט אַ נייג. אין שטוב האָט געהערשט, ווי מע זאָגט, אַזאַ סאָרט שטילקײַט, אַז ס׳האָט זיך ווי גע־מאָנט אומגיין אָף די שפּיץ פינגער. אָפן טיש איז שוין געשטאַנען אַ פולער פּרוכטאָוויניק. צווישן עפּל און באַרן האָבן געבלישטשעט מיט אַ בלאָוון גלאַנץ פלוימען, האָבן אַראָפּגעהאָנ־גען קרענצלעך ווײַנטרויבן, עפּעס באַזונדער לויטערע און דורכזיכטיקע, האָט זיך מיר אַ דאַכט געטאָן, אַז מ׳האָט אַזש אָנגעזען אין יעדער ווײַנטרויב יעדעס קערעלע. איבער דער שטילקײַט האָט דער פּרוכטאָוויניק מיט די פּיירעס אויסגעזען, ווי אָן אָנגעמאָלטער נאַטור־מאָרט, אַ „שטיל־לעבן״, ווי מע פלעגט אַמאָל אַזאַ אָנגעמאָלטקײַט אָנרופן. רויזמאַן איז אָפּאַ־בעמעסן אומגעגאַנגען אָף די שפּיץ פינגער. די אַלטיטשקע זײַנע, שטעלט אײַך פאָר, די פרוי רויזמאַן, איז שוין געהאַט געזעסן פאָרנט אין שטוב. ארויסגעגאַנגען, הייסט עס, פון איר אַל־

קערל נאָך איידער איך האָב זי פֿון דאָרט ארויסגעשלעפּט. זי איז געזעסן לעבן טיש אין א ווייכער שטול, איינגעהילט אין א שאַל. א ווייַסער קאָפּ האָר, א פּאַרטרויערט, נאָר זייער א מילד און קלוג פּאָנעם, א הויכער, מיט קאַרבן צעווירעטער שטערן, ברילן אַף א פּאָר טיפע, באַם ערשטן בליק עפּשער א ביסל שטרענגלעכע, אויגן — זייער א ליבע אלטיטשקע.

רויזמאַן האָט זיך אַף די שפּיץ פינגער געדרייט ארום ווייַב אי צופרידן, אי געהיט, ער זאָל עפּעס ניט קאַליע מאכן, ווי סע דרייט זיך ארום א קינד נאָך א שווערן פּויעלן בא דעם, עס זאָל אייַנעמעז דאָס לעפּעלע רעפּוע. הינטער אירע פּלייצעס האָט ער מיר געמאכט סימאָנים, איך זאָל, כאַלילע, וועגן דער טאָכטער קיין וואָרט ניט דערמאָנען. ער האָט מיר דערנאָך ארויסגעלייגט פֿונעם פּרוכטאָוונִיק אין טעלערל אַן עפּל, צוגערוקט צו מיר דאָס מעסער, כ׳זאָל דעם עפּל אָפּשיילן. און ווען די פּרוי רויזמאַן האָט מיר א זאָג געטאָן: נעמט, כ׳בעט אייַך, פּאַרזוכס, — האָט ער אליין אָנגעהויבן שיילן אַן עפּל. פֿון זייַנע פינגער האָט זיך אויסגע־דריידלט א שמאָלע, וואָס אמאָל לענגערע שאָלעכץ־לענטע, געבליבן ליגן אויסגעקרייַזלט אַפֿן טיש עפּעס באַזונדער שיין און באַזונדער ליב. ער האָט דעם אָפּגעשיילטן עפּל ארופגעשטעקט אַפֿן שפּיץ פֿונעם מעסער און אים דערלאַנגט איר, דער אלטיטשקער זייַנער.

— אַיי, — האָט ער דערנאָך א זאָג געטאָן, — כ׳האָב אייַך נעכטן פּאַרגעסן צו בעטן, איר זאָלט מיטנעמען מיט זיך עפּעס אייַערס, און אונדז איבערלייענען.

די פּרוי רויזמאַן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— כ׳קען אייַך איבערלייענען פֿון די זאכן, וואָס זייַנען דאָ אין זשורנאַל. פּאַרלייענען האָב איך גראַדע זייער ליב. נאָר איר האָט דאָך שוין די זאכן אוודאי געלייענט? — האָב איך א קוק געטאָן צו דער פּרוי רויזמאַן.

— יאָ, — האָט די פּרוי רויזמאַן געענטפערט, — ס׳וועט אוודאי זייַן גאָר אינטערעסאַנט צו הערן דעם מעכאַבער אלייַן.

רויזמאַן האָט אוועקגעלייגט לעבן מיר דעם זשורנאַל. איך האָב געלייענט. געלייענט הויך, מיט אלע פּישטשעוואָקעס, מיטן יעדן טראַף אַף יעדן וואָרט, מיט א באַזונדערער האַנאָע, זעענדיק, ווי רויזמאַן הערט מייַן לייענען מיט אַן אָפֿן מויל, כאַפּט יעדעס מאָל א קוק צו דער אלטיטשקער זייַנער, גלייבט, זעט מען, אז אדאַנק דעם דאָזיקן לייענען מייַנעם פּאַרגעסט זי א ביסל אין איר פּאַרטרויערטקייַט, טוט זיך אָפּ פֿון איר פּאָנעם די פּאַרשאָטנטקייַט כאָטש אַף איינע עטלעכע רעגעס.

אין שטוב איז שפּעטער ארייַנגעקומען די רויזמאַנס אן איידעם. דערנאָך — די צווייטע טאָכטער זייערע, די, וואָס האָט דאָס פּאַריאָסעמטע זויג־קינד געבומען צו זיך. רויזמאַן האָט מיך מיט זיי באַקענט, פּאַרגעשטעלט מיך. און כאָטש זיי האָבן שוין, הייסט עס, געוווּסט, ווער דער גאַסט איז, האָבן זיי די גאַנצע צייַט געהאַלטן אין איין קוקן נאָר אַף איר, אַף דער מאַמען, זיך, אַפּאָנעם, ניט געקאָנט אָנכידעשן, וואָס זי זיצט הייַנט דאָ פּאַרנט באַם טיש, ווו זי איז שוין גאָר לאַנג ניט געזעסן, רעדט הייַנט מיט א העכער קאָל, ווי זי האָט שוין גאָר לאַנג ניט גערעדט, רעדט וועגן ליטעראַטור, רעכנט אויס נעמען פֿון שרייַבער, דערציילט, אז זי האָט זיך אמאָל אין קיִעוו פּערזענלעך באַקענט מיט איציק פעפערן, אז פּאַוולאָ טיטשינא האָט איר אַף א לייענער־קאָנפּערענץ אליין געשענקט א ביכל זייַנס מיט אַן אויפשריפט — זיי האָבן עס שוין בא איר ניט נאָר איין מאָל געהערט, נאָר זי האָט שוין גאָר לאַנג, אָט באַלד א יאָר, זייער א לאַנג יאָר, וועגן אזעלכע זאכן ניט גערעדט.

מיר האָבן דערנאָך אלע געטרונקען טיי מיט שעלעכלעך אייַנגעמאכטס. כ׳בין געזעסן בא די רויזמאַנס אין שטוב א גוטע פּאָר שאָ. ווען כ׳האָב זיך אופגעהויבן אוועקצוגיין, האָט מיר רויזמאַן א זאָג געטאָן, אז ער פּאַרבעט מיך אַף איבעראַיאָר זומער דורכקומען זיך מיט דער מישפּאָכע אהער צו זיי אַף אָפּרו. באַם איידעם שטייט א ליידיקע שטוב, א פּאַלאַץ — ניט קיין שטוב, — האָט ער עס מיר געזאָגט שטילערהייט, די אלטיטשקע זאָל עס ניט דערהערן.

ער האָט מיך אונטערגעפּירט ביז אראָפּ, צום ברעג. אַפֿן וועג האָט ער א פּאָר מאָל איבער־געבאַזזערט:

— געהאַט הייַנט א ווילן טאָג, די אלטיטשקע מייַנע!

מיר האָבן זיך געזעגנט. איך בין ארופגעגאַנגען אַפֿן פּאַראָם און ער האָט מיר נאָכגעפּאָ־כעט מיט א האַנט. אנטקעגן, אַפֿן קעסטעצער ברעג, האָב איך זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם אַף צוריק, געוואָלט נאָך א מאָל א קוק טאָן, פֿונדערווייַטנס, אַפֿן דאָזיקן אלטן ליבן לערער. א זוך געטאָן אים מיט די אויגן ערגעץ אויבן אַפֿן יאַמפּעלער באַרג־ארוף. נאָר רויזמאַן איז נאָך אלץ געשטאַנען אונטן באַם דניעסטער און געפּאָכעט מיט דער האַנט.

דער ווילער טאָג האָט נאָך דערנאָך געהאַט א ווילן אפדערנאַכט, וואָס האָט זיך אוועקגעצויגן ביז שפּעט־שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

די קעסעוצער באַלעבאַטים מײַנע, נאַדיע מיטן מאַן און די צווי מיידעלעך זייערע, זײַנען געזעסן אין דרויסן אַף דער באַנק לעבן הויף זייערן און זיך דערפרייט, ווען זיי האָבן מיך מיטאָמאָל דערזען אָנקומען.

ביידע מיידעלעך זײַנען געווען פריש אויסגעצוואָגן, שוין פאַרקעמט, מיט סטענגעס אין די צעפּלעך, אַנגעטאָן אין זעקלעך, אין נײַע שיכלעך אַף די פיס, אין צוויי אַלציינע אויסגעפּאַל־דעוועטע קליידעלעך. נאַדיעס מאַן — אין א שוואַרצן קאָסטיום, אין א ווײַס העמד. נאַדיע — מיט אויסגעלייגטע האָר, אין אַנגעקראַכמאַליעט אופגעבלאָזן קאָפטעלע, דאָס פּאַנעם, דאַכט זיך, אפילע א ביסעלע צוגעפּודערט. וואַכעדיק, פראַסטער, האָט זי אויסגעזען כיינעוודיקער.

— מיר זיצן שוין אויסגעפּוצטע א שאָ צײַט און קוקן אַף אײַך אַרויס. מיר ווילן, איר זאָלט גיין מיט אונדז אַף אונדזערער א מישפּאָכע־סימכע. ניקאָלײַס מאַמע ווערט הײַנט אַלט פיר און זיבעציק יאָר. קאַליע, זאָג דו זיי. גלײַך דו קענסט גאָר קיין וואָרט ניט אויסרעדן!

דער וועטערינאַר־פעלדשער, ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש, ווי דאָס דאָרף האָט אים גערופן, איז, דאַכט זיך, ביכלאַל ניט געווען פון די גרויסע ליבהאָבערס א סאַך צו רעדן. ביפראַט, אַז אין די עטלעכע טעג האָבן מיר אינגאַנצן א צוויי צי דרײַ מאָל אויסגערעדט צווישן זיך ניט מער ווי א צוויי־דרײַ ווערטער. ער האָט פּאַמעלעך אויסגעציילט די רייד:

— מיר פירן זיך שוין אַזוי לאַנג. פון דעמלט אָן, ווען די מאַמע איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. שטענדיק אין איר טאָג נעמען מיר זיך אַלע פינף ברידער צונויף און מאַכן איר א שטיקל יאָמטעוו. די ברידער האָבן אונדז אַנגעזאָגט, מיר זאָלן אָן אײַך אפילע ניט טראַכטן צו קומען.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. — האָב איך געענטפערט. — נאָר אַזוי־אָ? ניט אַנגעטאָן? פּלוצעם? מיט די לײַדיקע הענט?

— איר זײַנט אַנגעטאָן. — האָט נאַדיע געזאָגט. — וואָס דאַרף מען זײַן באַזונדערס אָנ־געטאָן! סע גייט דען אין דעם? אָט וועלן מיר באַלד אָנרײַסן א בינטל קווייטן. אַז איר וועט אַליין דערלאַנגען דער מאַמען די קווייטן, וועט עס פאַר די קינדער זײַן דער שענסטער קאָ־ווערד.

— כ'זאָל געוועזן וויסן פריִער, וואָלט איך אַנטקעגן גענומען כאָטש א פלעשל שאַמפּאַניער.

— מיר האָבן אײַך ניט געוווּסט פּינקטלעך. — האָט ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש געזאָגט. — מיר האָבן געטראַכט — זונטיק. ווילן אָבער דאָס מאָל די ברידער און די שוועגערנס נאָר הײַנט, פּונקט אין איר טאָג. אַלע ווילן זייער, איר זאָלט אויך זײַן. מיר בעטן אײַך. דער בו־פעט איז נאָך אָפן. מיר קאָנען אַפן וועג אַרײַנגיין און דאָרטן קריגן א פלעשל שאַמפּאַניער אויך.

די פינף ברידער האָט מען אין דאָרף גערופן די ברידער קעטראַרו, די קעטראַרוס — אַזוי איז געווען זייער פאַמיליע. קעטראַר איז די טײַטש אַף מאָלדאַוויש א שטיינהעקער. כאָץ ניקאָלײַען, דעם סאַמע יינגסטן צווישן די ברידער, וואָס איז אוועק גאָר אַף אַן אַנדער וועג, געוואָרן א פעלדשער, און נאָך א ספּעציעלער וועטערינאַר־פעלדשער, האָבן די איבעריקע פיר ברידער טאַקע געאַרבעט אַלס שטיין־מײַסטערס, שטיינהעקערס אין קעסעוצער שטיין־קאַ־ריער. א מישפּאָכע־פאַך, הייסט עס. א יערושעדיקער און א דוירעסדיקער: אפילע דער פאַ־מיליע־נאָמען, ווי דער פאַך. דער קעסעוצער שטיין שעמט אין אונדזער געגנט. אַזוי טאַקע רופט מען אים: קעסעוצער שטיין. א ווײַס־גראָוולעכער און גראַניטאַרטיקער. מע פלעגט אַמאָל אויסשלאָגן פון אים מאַצייווס, ציילעם־געצן אַף די וועגן, קאַרניזן אַרום פּריצישע מאַיאָנט־קעס. הײַנט האַקט מען אויס פונעם קעסעוצער שטיין אָרנאַמענט־פּליטעס צו באַפּוצן דעם אונטערשטן טייל בא הײַזער־פאַסאַדן, פליטקעס אויסצופלאַסטערן אַרום א דענקמאָל, אויסצו־לייגן שייגע סטעזשקעס און פאַרקן, לעבן קלובן, ייִכעסדיקע ווינקל־שטיינער, ווי מע זאָגט, אַף קאַלערלײַ בויונגען. צוויי ברידער ניקאָלײַס, שטעפאַן קעטראַרו און יאָן קעטראַרו, האָב איך שוין געהאַט געקענט. אַפן קאַריער האָט מען מיך גראַד צו זיי — צו די בעסטע מײַ־סטערס — צוגעפירט א קוק טאָן, ווי א שטיינהעקער שטייט און אַרבעט. כ'האָב געקוקט אַף די קאַנטנדיק־אויסגעטעסעטע, מיט שטיין־שטויב פאַרמעליקטע פענעמער זייערע, אַף זייער אַנגעשטרענגטער פאַרטיפטקײַט צום האַמער און צו דער דאָלעטע אין זייערע הענט, אַף די אויסגעמײַסטערטע שטיין־פּליטעס, צונויפגעלייגטע פאַרן טאָג קעסטלדיק איינס אַפן אַנדערן ביז העט אַרויף, העכער פון די מײַסטערס קעפּ, און האָב דעמלט, געדענק איך, פאַרצייכנט: זיי הייסן קעטראַרו, שטייען בא דער אַרבעט הויכע, פעלדזיק־מאַיעסטעטישע, זעען אַליין אויס

ווי לעבעדיקע דענקמעלער — דענקמעלער שטיינהאקערײַ. אויסער דעם קעסעוצער שטיין, האָט
קעסעוץ געשעמט מיט נאָך א זאך: מיטן קעסעוצער כאָר. אויך, אפּאָנעם, א דורעסדיק־יערו־
שדיקע פאָלקס־טראַדיציע אין דאָזיקן דאָרף. קימאַט אין יעדער שטוב איז געהאנגען אף דער
וואנט א פאָטאָגראפיע פונעם כאָר. דאָס הייסט, עמעצער אין שטוב האָט אין כאָר געזונגען.
אמאָל דער זיידע, צי איצטער דאָס אייניקל, צי עפשער איצטער אי דער זיידע, אי דאָס איי־
ניקל. פאָטאָגראפיעס אלטע און פאָטאָגראפיעס גאָר־גאָר נײַע. די כאָריסטן אף די פאָטאָגראַ־
פיעס זײַנען אלע מאָל געווען אנדערע, דער כאָר — אלע מאָל דער זעלבער: דער קעסעוצער
כאָר. צווישן די כאָריסטן האָט מען געקאָנט זען א זאָקן מיט א ווײַסער ברייטער באָרד; א
זקיינע, הוילע קנייטשן; א יונגערמאַן, אפּאָנעם א באַס, מיט אן אראָפּגעלאָזטן גוידער און מיט
א פּאָר שווארצע וואָנצעס, פארדרייטע ארוף; ווײַבער, מיידלעך; אפילע א פּאָר קינדער האָט
מען געזען אף די פאָטאָגראפיעס. נאָר מערסטנס — פאָרפאָלקן אינײנעם: האָט דער מאַן גע־
האַט א שיין קאָל, האָט שוין דאָס ווײַב אויך געהאַט א שיין קאָל; מ'האָט זיך, אפּאָנעם, לויטן
יאָ קאָנען זינגען, צי ניט קאָנען זינגען, אזוי שוין אויסגעפּאָרט. שטעפאן קעטרארו און יאָן
קעטרארו, האָט מען מיר געזאָגט, זינגען ביידע אין כאָר אינײנעם מיט די ווײַבער זייערע.
כ'האָב די צוויי ברידער געזען אָנגעשטרענגט־פארטיפטע, מיט שטיין־שטויב אף די פעלדזיק־
קאָנטנדיקע פּנעמער, לעבן קעסעוצער שטיין. און כ'האָב זיך זיי מיר פאָרגעשטעלט אָנגע־
שטרענגט־פארטיפטע, מיט דמאָמע־דאקעדיקער[1] פּיאַניסימאָ־נעגינע אף די ליפּן, אין קעסעו־
צער כאָר. איצט האָב איך אלע ברידער אינײנעם געזען, קאָן מען זאָגן, אין דער היים. באַם
איידלסטן צווישן איידלסטן: באַ קיבעד־איים. כ'שמועס שוין ניט וועגן צוגעגרייטן טיש. פינף
שוועגערנס, אף א פּאָר יאָר איינע עלטער פון דער אנדערער, אוואדע ניט קיין קלענערע
בעריעס פון דער סאמע ייִנגסטער, פון נאדיען, קענען, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, א טיש שיין
אויספּוצן. נאָר עס גייט דען אין דעם? — ווי נאדיע האָט פארנאכט א זאָג געטאָן. כאָטש, די
מײַכאלים, ביפראט די באַזונדער מאָלדאווישע, וואָלט מען גראדע יאָ געמעגט דערמאָנען.
לעמאָשל: די הייסע „פּלאטשינטעס", געפּילטע מיט פליש, מיט קעז, צי מיט קאבאק, איבער־
געמישט מיט גריוון, וואָס זײַנען זיך מאמעש צעגאנגען אין מויל. אָדער די ריפּלעך, „קאָסטיי־
צעס", ווי מע רופט עס באַ אונדז, געבראָטענע אף הוילע האָלץ־קוילן און דערלאנגטע צום
טיש צוגעקנאָבלטע און צוגעפעפּערטע. דאָס מאמעליגעכל, וואָס מ'האָט שפּעטער ארויסגע־
וואָרפן אף א קײַלעכיק ברעטל, צעריפּטלט עס מיט א פּאָדעם, אופגעגעבן מיט שעלעכלעך
צעלאָזטער פּוטער און טעלערלעך צעדרויבלטער ברינדזע, שוין, אפּאָנעם, ניט אזוי צוליב
זאטקײַט, ווי פּאָשעט צוליב קאָלאָריט, אָדער עפשער גאָר צוליב מיר, דעם שטאָטישן גאַסט —
פאָרט א נאָווינע אזא מאמעליגעכל. כ'שמועס שוין ניט וועגן די פונקט פיר און זיבעציק
ליכטעלעך, אויסגעשטעקטע אלע איינס לעבן אנדערן אין אזא קײַלעכדיקן געבעקס אין סאמע
מיט טיש. מ'האָט די ליכטעלעך אָנגעצונדן. מיט דער דאָזיקער פײַערלעכער דליקע האָט מען
מעכאַבעד געווען דעם עלטסטן ברודער — קאָנסטאנטין קעטרארו. די פלעמלעך האָבן זיך איינס
נאָכן אנדערן צעשפּילט אף זײַן פּאָנעם, אף זײַן קורץ־געשוירענעם, שוין אויך גאַנץ גראָוו־
לעכן, קאָפּ. דערנאָך האָבן זיי אלע אינײנעם, האָט זיך מיר א דאכט געטאָן, אָנגעהויבן ארומ־
שפּילן איר, דער מאמעס, פּאָנעם. א שפּיל צווישן פלעמל־שײַן און צעקארבטקײַט, פלעמל־
שײַן און נאכעסדיקײַט. די אונטערציטערנדיקע פלעמלעך האָבן אָנגעקרײַזט אף איר פּאָנעם
יאָר־קרײַזן, ווי אף א בוים. א יאָר — א קרײַז, א קרײַז — א יאָר. אריבער זיבן צענדליק
ליכטל־פלעמלעך. נאדיע און א שוועגערן זײַנען אוועק אין צווייטן צימער, לייגן דאָרט די
קינדער שלאָפן. כ'האָב א פרעג געטאָן די באָבען, פארוואָס עס זײַנען דאָ ניטאָ אירע גרויסע
אייניקלעך. זי האָט א פּאָכע געטאָן מיט די הענט, ווי מיט פליגל. צעפלויגן זיך, הייסט עס.
„לא אינוועצעטורע!" — האָט זי א זאָג געטאָן. אף ייִדיש איז דאָס די טײַטש: צום לערנען. ס'איז
שוין טאקע געווען א פּאָר טעג אין סענטיאבער — אָנהייב לערניאָר. כ'האָב, געדענק איך, א
קלער געטאָן אזוי: אָדער אין דער דאָזיקער מישפּאָכע קעטרארו וועלן מיט דער צײַט מער ניט
זײַן קיין שטיינהעקער, אָדער גאָר פארקערט: צו זייער דורעסדיקן מישפּאָכע־פאך שטיינהע־
קערײַ קומט איצטער צו א זאך, וואָס הייסט „אינוועצעטורע". אין מײַן זיקאָרן איז אין יענעם
אָוונט פארבליבן אף שטענדיק נאָך א קיבעד־איים־שטייגער צווישן אַ־דער פּראָסטער מישפּאָכע
שטיינהעקער. אלע פינף ברידער האָבן צונויפגעפלאָכטן אינײנעם די הענט זייערע, א נעם
געטאָן אפן דאָזיקן הענט־בענקעלע די אלטע מאמען, און אזוי־אָ שפּילעוודיק, צײַלנדיק, איינס
נאָכן אנדערן געהויבן זי אינדערלופטן. די שניר האָבן געלאכט, צוגעפליעסקעט. דאָס קליינע
מאמעלע איז געזעסן אף די זינס גרויסע הענט, ווי א ליאלקעלע. זי האָט אלעמאָל ארויסגע־

[1] זייער שטיל.

לאָזט פֿון איר קליין מײַלעכל א שטיל איבערגעשראָקן קוויטשל באַם אופֿהייבן און א פֿריידיק־
קינדערש געלעכטערל באַם אראָפּלאָזן. די זין האָבן אי מיט געדולד, אי מיט קאַוואָנע אַלץ אַזוי
געהויבן די מאַמע ארויף און אראָפּ. פּונקט אַזויפֿיל מאָל, וויפֿל יאָר זי איז הײַנט אַלט געוואָרן.
מיר האָט זיך געדאַכט: נאָר ארויף. וואָס אַמאָל — העכער און העכער. ביזן גאָר־גאָר אייבערשטן
טרעפּל. אריבער זיבן צענדליק לייטער־טרעפּלעך. כ׳האָב דעמלט א טראַכט געטאָן, געדענק
איך, אַז גראָד דאָ, צווישן פּראָסטע מענטשן, שטיינהעקער, יעגיִעסקאַפּאיעמניקעס, אַנטפּלעקט
זיך הײַנט אפֿדערנאַכט דאָס סאַמע מענטשלעכסטע פֿון דעם דאָזיקן סאַמע געוויינלעכסטן וואָרט:
מאַמע. אין א צוויי צי דרײַ יאָר ארום האָבן מיר מיטן מאָלדאַווישן דיכטער גריגאָרע וויִערו
פֿאַרבראַכט אײנײנעם אָן אָנהייב־זומער־כּודעש אין א הינטער־קאַרפּאַטישן וואַלד ערגעץ לעבן
יאַרעמטשע. מיר האָבן געוווינט אין צוויי הוצולישע הילצערנע וואַלד־שטיבלעך, געזעסן און
געאַרבעט. א וואָך צײַט האָט קימאַט יעדן טאָג גערעגנט. אָט האָט אופֿגעהערט, אָט האָט ווידער
אָנגעהויבן רעגענען. גאַנצפֿרי פֿלעגן מיר אומגיין אין זאַפּטיק־נאַסן גראָז, פֿלעגן אונטערשטעלן
די ליפּן אונטער די רעגנטראָפּנס, וואָס זײַנען אראָפּגעהאַנגען פֿון די בלעטלעך. ס׳האָט א שײַן
געטאָן די זון, צעגאָלדיקט דעם נאַסן וואַלד, און אין עטלעכע רעגעס ארום האָבן ווידער אָנ־
געהויבן שמײַסן צווישן די ביימער קאָסע רעגן־בײַטשן. ווער האָט ניט ליב צו שטיין באַם
פֿענצטער און קוקן, ווי אין דרויסן גייט א רעגן? וויִערו האָט מיר א זאָג געטאָן, אַז אַזאַ־אָ
אויסטערלישער רעגן, מיט אַזויפֿיל־אָ פֿאַרבן, מיט אַזאַ בענקענדיק־נאָגנדיקן אומעט, אין
אַזאַ־אָ געדיכטן סאָסנע־וואַלד, פֿאַרקישעפֿט אים, קומט אַליין צו גיין צו אים אין שטיבל,
בײַטשלט זיך קאָסע ארויף אַף זײַן טישל, ווערט אַליין, אָן אים, דעם דיכטער, א ליד. פּונ־
דעסטוועגן האָט וויִערו דעמלט ניט געשריבן קיין רעגן־לידער, נאָר אויסגעקישעפֿט דאָרט
אין וואַלד דעם בעסטן ציקל לידער זײַנעם: די מאַמע־לידער. פּראָסטע האַרציקע לידער וועגן
אַן אַלטער פּראָסטער דאָרפֿישער מאַמע. כ׳האָב געדענקט דעם קעסעוצער פֿאַרנאַכט צווישן די
ברידער שטיינהעקערס און האָב דעם דיכטער פֿאַרשטאַנען. מיר, אין אונדזער מישפּאָכע,
זײַנען אויך פֿיר ברידער. מיר נעמען זיך אויך צונויף אין יאָמטעוו־טעג, אַלע מיט די ווײַ־
בער, באַ אונדזער אַלטער מאַמען אין שטוב. די פֿיר שוועגערנס און די דרײַ שוועסטער
מײַנע קאָנען, קיין אײַנהאָרע, אויך צוגרייטן א טיש. אונדזער מאַמע איז שוין א זקיינע. אָן
אײַנגעפֿאַלן מויל, אײַנגעטריקנט־צעקנייטשטע באַקן, אויגן, אָנגעפֿולטע מיט האַרבקײַט און
מילדקײַט, א ליבע נאַכעסדיקע באַריידעוודיקײַט. זי זיצט צווישן אונדז טאָמיד אויך אויבנאָן
באַם טיש. העט־העט אפֿן גאָר־גאָר אייבערשטן לייטער־טרעפּל. נאָר, כ׳ווייס ניט פֿאַרוואָס, אין
יענעם קעסעוצער אפֿדערנאַכט זײַנען מיר ניט געקומען אפֿן זינען אונדזערע מישפּאָכע־צונויפֿ־
קומענישן, נאָר פֿאַרקערט: שטענדיק שפּעטער, בייס אונדזער צונויפֿנעמען זיך אין יאָמטעוו־
טעג באַ אונדזער מאַמען, פֿלעג איך זיך דערמאָנען אין יענעם קעסעוצער אפֿדערנאַכט. אַל־
קאָלפּאָנעם, האָבן זיך די דאָזיקע צווייערליי קיבעד־איימען איבערגעמישט, צונויפֿגעגאָסן
זיך אײנײנעם. דער באַטאָג דעמלט אַנטקעגן אין יאַמפּעלע, באַם אַלטן לערער רויזמאַן, און
דער אפֿדערנאַכט דערנאָך, ביז גאָר שפּעט, באַ די ברידער קעטראַרו, האָבן זיך אויך, געדענק
איך, איבערגעמישט, ווײַהי־ערעוו־ווײַהי־בויקערדיק, צונויפֿגעגאָסן זיך אין איין אַלצייגנער
מענטשלעכער גוטסקײַט. די צוויי ברידער שטעפֿאַן און יאָן מיט בײדע ווײַבער זייערע אין
בײדע זײַטן זײַנען אַלע פֿיר געשטאַנען אויסגעשטרעקטע, אָנגעגוידערטע, ווי זיי שטייען אין
קעסעוצער כאָר, געהאַלטן די גאַנצע צײַט די אויגן אָנגעצילט צו דער מוטער, און פֿיר שטי־
מען געזונגען איר, דער אַלטער מאַמען זייערער, א כאָר־ליד. די אַלטע האָט געקוועלט, אַזש
געלאָזט א טרער. ניט דאָס ערשטע מאָל, פֿאַרשטייט זיך, אין דעם אפֿדערנאַכט. דער אוילעם
האָט די ליד אונטערגעכאַפּט. איך — אויך. כ׳בין געשטאַנען, געדענק איך, און געזונגען, און
אין קאָפּ זײַנען מיר געקראָכן, ווי טעוויע זאָגט ערגעץ, מעשונע־מאָדנע מאַכשאָוועס און גע־
דאַנקען. געדאַנקען טאַקע וועגן זײַנע, טעוויעס, אַמאָליקע קאַשעס. אַף דער אַלטער קאַשע:
„גאָט האָט באַשאַפֿן אַלע מענטשן גלײַך” האָב איך טעוויען אונטערגעזאָגט אין יענעם אפֿדער־
נאַכט נאָך א רײַע. מעגלעך, א נאַיִווע. נאָר דער אפֿדערנאַכט דעמלט האָט מיך אַזוי גערירט,
אַזש ביז נאַיִווקײַט. א רײַע — די דאָזיקע גלײַכע אַלציינע ליבשאַפֿט באַ שטאָטישע און באַ
דאָרפֿישע, באַ ווײַסע און באַ שוואַרצע, דאָס איינע גלײַכע גרויסע געפֿיל באַ אַלע גוטע,
פֿאַרשטייט זיך, מענטשן אַף דער גאָרער וועלט, צום דאָזיקן סאַמע פּאָשעטסטן, סאַמע געוויינ־
לעכסטן וואָרט:

— מאַמע!..

אין די דאָרפֿישע הויפֿן האָבן שוין אָנגעהויבן קרייען האָנען. ניקאָלײַ און נאַדיע האָבן די
צוויי מיידעלעך זייערע איבערגעלאָזט שלאָפֿן באַם ברודער. מיר האָבן אַלע דרײַ געשפּאַנט
איבער דער ערעוו־פֿאַרטאָגיקער, דאָרפֿישער גאַס. כ׳בין זיך מוידע: א קאַפּעלע בין איך געווען

שיקערלעך. נאָר איך שעם זיך אַף קיין האָר ניט מיט דעם דאָזיקן זעלטענעם קאַפּעלע שיקער־לעכקײַט. מיר זײַנען אלע דרײַ געגאַנגען און, מאָלט אײַך, ווײַטער געזונגען.

כ׳האָב זיך אויך געוואָלט רעכענען א פאַרשריבענעם אין קעסטוצער כאָר.

ד

די לעצטע צוויי טעג האָב איך ווידער געוווינט, אליין אין א צימער, אין סאַראַקער האָטעל.

אָנהייב סענטיאַבער־טעג טוען עפּעס א ברענג אָן אזא מין באַזונדערע בענקשאַפט, א ניט צופרידנקײַט מיט זיך, טראַכטעניש, אז וויפל דו טוסט, טוסטו ניט גענוג.

די סאַראַקער גאַסן זײַנען מיטאמאָל געוואָרן געדיכטער און ראַשיקער. עס זײַנען זיך צונויפגעקומען די סטודענטן. אַף־און־אָף — שילער און שילערנס מיט די רענצעלעך זייערע אַף די פּלייצעס.

יעדעס שילערל איז, קאָן זײַן, אופגעשטאַנען פריִער פון דיר, טראָגט אַף זײַן רוקן שווע־רערס און טאָכלעסדיקערס.

די לופט האָט געשמעקט מיט אויסגעצײַטיקטקײַט, אַף שריט און טריט מי און זאָרג־זאַמקײַט.

ערשט נעכטן־אייערנעכטן האָט נאָך די זון, דאַכט זיך, געבריט, מ׳האָט זיך נאָך פאַר איר באַהאַלטן אין שאָטן. הײַנט, איבער נאַכט, קאָן מען זאָגן, פונעם הוילן וויסן, אז ס׳איז סענטיאַבער אַף דער וועלט, פילט מען, ווי זי וואַרעמט מיט א ליבער וואַרעמקײַט, זוכט מען מיט די פּענעמער די גלעטנדיקע שטראַלן אירע.

און ס׳האָט זיך שוין פּאַשעט געבענקט אהיים אויך. דער כוידעש אין וועג ענדיקט זיך שוין טאַקע, ס׳האָט זיך אָבער געדאַכט, אז אָנגעהויבן זיך האָט ער שוין גאָר־גאָר לאַנג.

כ׳בין גלאַט אזוי געגאַנגען אַף די סאַראַקער גאַסן און געסלעך, גלאַט אזוי, געזעגנט זיך מיט זיי.

אויבן אפן „בארג“, אין ציגײַנער־ווינקל, בין איך געשטאַנען, אַרומגערינגלט מיט א רעדל ציגײַנערישע יינגעלעך און מיידעלעך. כ׳האָב פאַרשריבן ציגײַנערישע נעמען, א פּאָר ווער־טער אַף ציגײַנעריש: עפּשער וועט עס מיר שפּעטער צוניץ קומען. כ׳האָב די קינדער גע־שטעלט די באַנאַלסטע פראַגע, וואָס מע שטעלט קינדער: וואָס וועט יעדער גרויסערהייט זײַן. קויל־אייגלעך האָבן זיך צעפלאַמט. דאָס רעדל ציגײַנערלעך איז געבליבן שטיין אַרום מיר מיט פליגל בא די אַקסלען: זינגער, טענצער, אינזשעניערן, לערער, פּליִער.

כ׳בין אַרײַנגעגאַנגען אין רעדאַקציע זאָגן א זײַ־געזונט איסאַק סאָלאָמאָנאָוויטש פראַכטן. דער דיקלעכער מענטש מיטן ווילן דיקלעכן פּאָנעם האָט מיך באַגעגנט, ווי זײַן שטייגער איז, מיט דער זעלבער מילדער גאַסטפרײַנטלעכקײַט זײַנער. כ׳האָב אים אָבער דאָס מאָל קיין סאַך ניט געהאַלטן. עפּעס איז געווען פריקרע זיצן אין סענטיאַבער־טעג גלאַט אזוי זיך, ליידיקגייעריש, האָט זיך מיר געדאַכט, לעבן א מענטשן, וואָס איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, און גלאַט אזוי זיך שמועסן.

אַף די גאַסן האָב איך באַגעגנט נײַע באַקאַנטע און אַלטע באַקאַנטע. מיט נײַע באַקאַנטע זיך געזעגנט. גראַד מיט א פּאָר אַלטע, אַמאָליקע באַקאַנטע, ערשט איצט, אין לעצטן טאָג, פּלוצעם זיך דערזען, אַרומגעכאַפּט זיך: אָ, אזויפיל יאָרן! אז מע לעבט, זעט מען זיך, האַ?

כ׳בין אַראָפּגעגאַנגען צום דניעסטער. שטיין א ביסל צום לעצטן מאָל און קוקן אַף דער אַלטער סאַראַקער פעסטונג. דניעסטער־כוואַליעכלעך האָבן געשווענקט די פאַרצײַטיקע שטיי־נערנע ווענט. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אז דער גאָר אַלטער טײַך און די גרײַז־גרויע פעסטונג דערציילן זיך איינער דעם אנדערן געשיכטעס. פאַרבײַ די טויטע, פאַרשטיינערטע ווענט, וואָס שטייען שוין דוירעסלאַנג ניט פאַרענדערט טויט, איז אָן אופהער דורכגעפלאָסן לעבן, צומאָל א לעש געטאָן זיך, באַלד צוריק אָנגעצונדן זיך, געפלאָסן, געענדערט זיך, אופגעלעבט, לעבט.

אַף די גראָוולעך־געלע שטיינערנע ווענט האָט זיך, ווי אין פאַרגעלטע פּינקעס־בלעטער, פאַר־קריצט לעבעדיק לעבן. אויבן צווישן די שפּיציקע ווענט־געזימסן האָבן געזשומעט פייגל. וויפל צענדליקער פייגל־דוירעס האָבן שוין די דאָזיקע אַלטע ווענט דורכגעזשומעט. די דניעסטער־כוואַליעכלעך האָבן אַלץ געשווענקט דעם ברעג און זײַנען אַלץ געפלאָסן ווײַטער, אַראָפּ־צו.

כ׳בין געשטאַנען און געכעזשבנט, אין וויפל שאָ אַרום וועלן די זעלבע כוואַליעכלעך, ערגעץ

נידעריקער, ניט ווײַט פונדאנען, א שווענק טאָן, אָדער, שיין געזאָגט, א קוש טאָן דאָס אָרט, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן, וווּ עס זײַנען דורכגעגאַן מײַנע קינדער־יאָרן, וווּ עס האָבן גע־לעבט מײַנע זיידעס און עלטערזיידעס. כ׳האָב די כוואַליעכלעך מיטגעגעבן מײַן קוש אויך. די זעלבע כוואַליעכלעך. דער זעלבער דניעסטער. מײַן היים. מײַן טײַך. אפילע מײַן אלטע פע־סטונג. מעגלעך, אז גראָד דעמלט איז אין מיר געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אופצושטעלן מײַן קליינעם דניעסטער־שטעטעלע אויך אזעלכע פּאָר פּינקעס־ווענטלעך: די שפּעטערדיקע „ראשקעווער מײַסעס” מײַנע.

די סאָראָקער פעסטונג, האָט זיך מיר געדאכט, שטייט און אָטעמט אף דער שטאָט מיט געשיכטע. דעריבער, קאָן זײַן, געשעט דאָס זעלבע מיט יעדן טאָגטעגלעכן, וואָס קומט הײַנט פּאָר אין שטאָט, וואָס איז אין די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליק, אין מײַן דאָר, פאָרגעקומען — עס אָטעמט צוריק מיט געשיכטע.

כ׳האָב א לייען געטאָן אף די פּינקעס־ווענט א פּאָר פרישע שורעס, וואָס מײַן דאָר האָט פארקריצט. די פּאָר שורעס, וואָס זײַנען מיר באקאנט.

סאָראָקער יונגוואָרג. אין די דרײַסיקער יאָרן האָט מען צו די דאָזיקע צוויי ווערטער מער גאָרניט געדארפט צוגעבן. אין שטאָט טראָגט א גאס דעם נאָמען איזי מאָרגנשטערן. מאָרגנ־שטערן האָט סאָראָקער יונגוואָרג אונטערערדיש אָרגאַניזירט, אָנגעפירט. כ׳האָב אים גוט גע־קענט. אין פערציקסטן יאָר איז ער געווען דער פאָרזיצער פונעם סאָראָקער שטאָטראָט. אפילע אין די סאמע סאַקאָנעסדיקע אָקופּאַציע־טעג האָט אין סאָראָקע געאַרבעט אן אונטערערדישע יוגנט־אָרגאַניזאציע. מאָרגנשטערנען האָבן די פאשיסטישע מענטשנפרעסער מוירעדיק גע־פּײַניקט. א פארפּײַניקטן, א האלב־טויטן, אופגעהאנגען.

סאָראָקער כעוורע, מעגלעך, אורייניקלעך פון עלטערזיידעס, פארברענטע אף די אינקווי־זיציע־שײַטערס, זײַנען אוועק העלפן דעם שפּאַנישן פאָלק שלאָגן זיך מיטן פאשיזם. כ׳בין געשטאַנען און געדענקט די העלדישע געשיכטעס וועגן די שפּאַנישע שלאכטן, וואָס עס דערציילט מיר אָפט זשאק סוועט, דער מאיאָר פון דער אינטערנאציאָנאלער בריגאַדע, א סאָ־ראָקער דאָרדעקע־מעלאמעדס א ייִנגל, א שאָכן מײַנער הײַנט אין קעשענעוו.

סאָראָקע האָט מילכאָמע־צײַט אפילע זויכע געווען הייסן א פּאָר כאַדאָשים די הויפּטשטאָט פון מאָלדאוויע. אין די פּאָר כאַדאָשים, ווען סאָראָקע איז שוין געווען באפרײַט, און אין קע־שענעוו האָבן נאָך געוועלטיקט די ראָצכישע אָקופּאַנטן.

האקיצער — ארום־און־ארום א וויל ווינקל סאָראָקע.

א מענטש א סימבאָל

כ׳האָב אָ־די זאַך געטראכט אָנצורופן „א געראַטעוועטער פון מענגעלעס הענט”, און כ׳האָב זיך דערנאָך בארעכנט. צו וואָס אוועקשטעלן באלד אויבנאָן דעם נאָמען מענגעלע? מיר זאָגן דאָך: אימאך שמאָם וועזיכראָם.

דעם מענטשן האָט געבראכט צו מיר אן אלטער באקאנטער מײַנער, כאווער קיזשנער. קיזשנער איז אמאָל געווען א זעצער, די לעצטע יאָרן — א מעדארבעטער, א פעלדשער. מיט פעלדשערײַ איז ער אהיים געקומען פון דער מילכאָמע. קימאט אלע פיר פראָנט־יאָרן ארויס־געטראָגן פון די שלאכטפעלדער פארוווּנדעטע, א שטיק צײַט געפאָרן אין א סאניטאר־צוג, א צײַט אליין געלעגן אין אן ארמיי־שפּיטאָל, דאָרטן טאקע דורכגעגאנגען פעלדשער־קורסן. זעצערײַ, ווייס איך, פלעגט ער אמאָל זייער ליב האָבן. וועגן דער מילכאָמע־פּראָפעסיע זײַנער אין ניט שײַעך צו זאָגן ליב באקומען. מיט איר האָט ער שטאָלצירט. געגרייסט זיך. בא איר איז ער שוין פארבליבן דאָס גאנצע לעבן זײַנס.

כאווער קיזשנער האָט מיר פלוצעם אין א טאָג אָנגעקלונגען:

— כ׳וויל צו דיר אף א פּאָר שאָ ארײַנקומען מיט א מענטשן. א זעלטענער פאל. איינער צווישן הונדערטער טויזנטער. כ׳בין מאמעש גערירט. מע דארף וועגן דעם אומבאדינגט עפּעס אָנשרײַבן.

— וואָס זשע איז עס פאר א פאל?

— דער מענטש איז געווען אין אָשווענטשים. מענגעלע אַליין האָט געמאַכט איבער אים זײַנע עקספּערימענטן. כ׳וויל, זאָלסט מיט אים א רעד טאָן, זאָלסט א קוק טאָן אף אים.

דערנאָך זײַנען זיי בײדע געזעסן באַ מיר אין שטוב. קיזשנער האָט געהאַלטן לעבן זיך זײַן פעלדשער־רענצעלע. אומעטום, אפאָנעם, גייט ער מיטן דאָזיקן רענצעלע. ער האָט אויסגעזען פאַרעלטערט, קיזשנער. דאָס פּאָנעם איז באַ אים געוואָרן דיקער, דער פליך אפן קאָפּ — ברייטער. ס׳איז מיר עפּעס געווען קאָשע, וואָס באַ אַזא מײַסע זעט מען אין זײַנע אויגן א צעשײַנטקײַט, אפילע א מין פריילעכקײַט. מינאַסטאַם דערפאַר, האָב איך א טראַכט געטאָן, וואָס גראָד ער האָט אַזא זעלטענעם מענטשן אויסגעפונען. בעפּיירעש א זעלטנקײַט. טאַקע איינער אַוואַדע צווישן הונדערטער־הונדערטער טויזנטער.

ער, דער מענטש, איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין א דריבנע־געקעסטלט רעקל, די שיך אף זײַנע פיס האָבן געגלאַנצט, אף א ווײַס העמד איז געווען אויסגעבונדן א טונקל־רויטער מיט העלע פינטעלעך באַשפּרענקלטער שניפּס — כ׳בין זיך מוידע, אַז פון דער דאָזיקער אויסגעפוצטקײַט, איז מיר אויך עפּעס געווען קאָשע.

די אויגן זײַנע — גרויס־צעעפנטע, א ביסל אויסגעשטאַרצטע, ווי באַ א טויבן, ווען ער הערט זיך אײַן. דאָס שמייכעלע אף זײַן פּאָנעם האָט אויך אויסגעזען א טויבס — דאָס פּאָנעם ווי באַזונדער, און דאָס שמייכעלע ווי באַזונדער. כ׳בין זיך ניט טויע געווען. ווען איך מיט קיזשנערן האָבן איינער מיטן אַנדערן עפּעס גערעדט, האָט דער מענטש געקוקט אָט אף מײַנע ליפּן, אָט אף קיזשנערס ליפּן. און קיזשנער האָט מיר א ווײַז געטאָן אף אים, אַז ער הערט ניט. מע דאַרף רעדן פּאַוואָליע. לויט די ליפּן אונדזערע וועט ער אַלצדינג הערן און אַלצדינג פאַרשטיין.

ווערטער פונעם מויל, האָט קיזשנער געזאָגט, ברענגט ער אויך אַרויס זייער שווער, קוים וואָס מע באַנעמט זיי. די עקספּערימענטן האָט מען געמאַכט אפן האַלדז זײַנעם. די האַלדזבענדער זײַנען אים געווען איבערגעשניטן. עטלעכע יאָר האָט ער אינגאַנצן ניט געקאָנט רעדן. ער, קיזשנער, איז צו זײַן לאָשן צוגעוווינט. פאַרשטייט שוין יעדן קלאַנג, וואָס ער ברענגט אַרויס. די געשיכטע בעקיצער וועט מיר פאַר אים ער, קיזשנער, דערציילן.

דער מענטש האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַלץ, וואָס קיזשנער האָט דערציילט, האָט ער באַאָעס מיטן שמייכעלע זײַנעם אפן פּאָנעם, גלײַך ווי דערציילט וואָלט געוואָרן עפּעס גאָר פריידיקס און גוטס. קיזשנער האָט דערציילט, אַז שטאַמען שטאַמט דער מענטש פון א שטעטעלע ערגעץ הינטער די קאַרפּאַטן, אַרום אוזשגאָראָד. דער פאָטער זײַנער איז געווען א האַלץ־טעסלער, א ייִד מיט באָרד־און־פּייעס, געהייסן סאַלאָמאָן ברענער. אים אַליין האָט מען אין שטעטל גערופן כאַיִמל, כאַיִמל ברענער. די ברענערס זײַנען געווען א גרויסע מישפּאָכע. זיי האָבן זיך עוואַקויִרט אף גאַנצע דרײַ פורלעך. די דײַטשן האָבן זיי פאַרכאַפּט, בעשאַס זיי האָבן געוואָלט דורכשנײַדן די בערג. פון דער גאַנצער מישפּאָכע איז איין כאַיִמל אַרויס א לעבעדיקער. ביז אָשווענטשים איז ער אַנטלאָפן פון א געטאָ, אַנטלאָפן דערנאָך פון דרײַ לאַגערס. ער איז דעמלט אַלט געווען זעכצן־זיבעצן יאָר. נאָך דעם, וואָס מענגעלע פלעגט אין אָשווענטשים פאַרענדיקן די עקספּערימענטן זײַנע, פלעגט מען די טויטע מענטשן אַרויסוואַרפן דורך א פענצטער אין א מין הייפל און פון דאָרט האָט א ספּעציִעלע קאָמאַנדאָ זיי אַוועקגעפירט פאַרברענען. כאַיִמל איז געלעגן אין הייפל צווישן א באַרג באַרמינענס און איז נאָך קיין באַרמינענע ניט געווען, איז געלעגן און נאָך געזיפּעט. אין יענע מינוטן איז אין א באַראַק גראַדע אויסגעגאַנגען איינער מיטן נאָמען שמועל טראַכטנבערג. כאַיִמלען האָט מען אַרײַנגעטראָגן אין באַראַק, אַוועקגעלייגט אף שמועל טראַכטנבערגס אָרט און שמועלן אַרויסגעטראָגן אין הייפל, צווישן די באַרמינענס. כאַיִמל ברענער האָט אָנגעהויבן צו זײַן שמועל טראַכטנבערג. אין באַראַק האָט מען אים אָפּגעבונדן די קויטיקע באַנדאַזשן פונעם פאַרבלוטיקטן האַלדז, ערגעץ געקראָגן א פלעשעלע יאָד און באַשמירט די פאַרנייטע שניטן, פּאַוואָליע אָנגעהויבן אַרײַנגיסן אים אין האַלדז צו ביסעלעך סופּ. מער א ביסל יאָד און מער א לעפל סופּ — דאָס זײַנען געווען די איינציקע רעפועס, מיט וועלכע מ׳האָט דעם געקוילעטן כאַיִמלען געהיילט.

— און אָט, זעט איר דאָך. ער לעבט! — האָט דער מענטש, כאַיִמל ברענער, צי שמועל טראַכטנבערג, אַרויסגעלאָזט מיטאַמאָל פונעם האַלדז אַזא שרײַענדיק־פּײַפּנדיקע כאָרכלעניש.

דאָס פּאָנעם זײַנס האָט ווידעראַמאָל טויבלעך א שמייכל געטאָן — דער שמייכל באַזונדער און דאָס פּאָנעם באַזונדער. די כאָרכלעניש איז שטיל געבליבן. ער האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן אויסציילן ווערטער, אויסקײַלעכנדיק זיי מיט די ליפּן, מיר — גלײַך מיר זײַנען די טויבע — זאָלן הערן און פאַרשטיין.

— מ׳האָט מיך צע־שניטן, גע־קוי־לעט, גע־האַר־געט, גע־ברענט, אָנ־גע־טאָן אַלע מי־סעס, אַרויס־גע־וואָרפן אַפן מיסט, און איך לעב, און טראָג אַפן האַלדז אַ ווײַסן קאָלנער מיט אַ שניפּס!..— האָט ער זיך צעלאַכט אַף אַ קאָל מיט אַ טויב־שטומען מעשוגעדיקן געלעכטער. כאַווער קיזשנער האָט אופגעעפנט זײַן פעלדשער־רענצעלע, אַ מאָן געטאָן באַ מיר אַ לעפל וואַסער, אַנגעטריפט פון אַ פלעשעלע אין לעפל עטלעכע טראָפּן, געגעבן זיי דעם מענטשן אויסטרינקען און בעשאַסמײַסע אים אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם שטערן, אַ גלעט געטאָן מיט די פינגער די באַקן זײַנע. אַזוי פלעגט זיך אַוואַדע קיזשנער נויהעג זײַן, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, באַם אַרויסטראָגן פונעם שלאַכטפעלד פאַרוווּנדעטע. אַנדערש קאָן ניט געמאָלט זײַן. אַנדערש וואָלט ער באַ פעלדשערײַ ניט געווען פאַרבליבן דאָס גאַנצע לעבן זײַנס.

קיזשנער האָט דערנאָך ווײַטער גערעדט:

— נאָר דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצן. מעגסט הערן. כאַ׳מל, וואָס איז איצטער געווען שמועל, איז מיט דער צײַט געקומען צו־זיך, צוריק געוואָרן אַ לעבעדיקער מענטש. אויב מ׳האָט ביכלאַל דעמלט געקאָנט אָנרופן די אַשוועגטשימער לעבעדיקע מענטשן. מענגעלע האָט דערווײַל ווײַטער געמאַכט די עקספּערימענטן זײַנע. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ס׳איז אין אַ שטיקל צײַט אַרום געקומען די ריי אַף שמועלן... הערסט, כ׳טו זיך אַ שטעל פאָר, ווי מע ברענגט שמועלן אַרײַן צום רעצייעך, דער רעצייעך דערקענט אים און הייבט אָן גוואַלדעווען ניט מיט זײַן קאָל: טויטע ווערן לעבעדיק!.. אַף דײַטש, פאַרשטייט זיך. מאַמעש די פּאָפּלעקציע צו באַקומען. נאָר דאָס איז פּאָשעט אַ פאַנטאַזיע מײַנע. מענגעלע האָט קיינעם ניט דערקענט. קיינעם אין פּאָנעם ניט געקוקט. מ׳האָט שמועלן ווידער אָנגעהויבן צוגרייטן צו דער שיינער אָפּעראַציע. מ׳האָט אים אַפילע אַ ביסל צוגעפּילנעוועט. אָנגעהויבן מאַכן איניעקציעס, נעמען באַ אים אַנאַליזן, ס׳האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט... דאָס מאָל האָבן מיר שוין אים געראַטעוועט!— איז קיזשנער שטיין געבליבן אָן אויסגעשטרעקטער, שיר ניט געגעבן אַ צי אָפּ אַף זיך די גימנאַסטיאָרקע.

דער מענטש איז געזעסן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַלץ געקוקט אַף קיזשנערס ליפּן, צי היפּערן זיי, כאָלילע, עפּעס ניט איבער, לאָזן עפּעס ניט אַרויס, קיזשנערס רייד אַלץ באַיאָעט מיטן שמייכעלע זײַנעם אַפן פּאָנעם.

— מענגעלע, ווייסטו דאָך, איז אין אַ שיינעם באַנאַכט נעלעם געוואָרן. די דײַטשן האָבן די עטלעכע צענדליק לעבעדיקע מייסים מיטגעטריבן מיט זיך, איבערגעלאָזט אייניציקווײַז טויטע אַף די וועגן. מיר האָבן באַפרײַט אַשוועגטשים. ערגעץ אַפן פעלד איז געלעגן אַ פאַרכאַלעשטער סקעלעט אין אַ געשטרײַפטן מאַלבעש, מיט אַ געשטרײַפט מיצל באַ דער זײַט, מיט אַ נומער אַף דער האַנט... צוויי אַרמייער אונדזערע האָבן אים אַ נעם געטאָן אַף די הענט, אַוועקגעלייגט אַף דער מאַשין זייערער, אונטערגעשפּרייט אונטער אים אַ שינעל...

— און ער לעבט. אָט זעט איר דאָך!— האָט דער מענטש ווידער מיט אַ פײַפנדיקער כאָרכלעניש אַ לאַך געטאָן.

— ער לעבט דאָ באַ אונדז אין שטאָט.— האָט קיזשנער געזאָגט,— איז אַ סטאָליער, איז ער. מאַכט ראַמלעך צו בילדער, צו טעאַטער־דעקאָראַציעס, אַרבעט סטאָליערײַ אין אַ טעאַטער־צעך. דאָ באַ אונדז אין שטאָט האָט ער כאַסענע געהאַט. מעגסט שוין גראַדע זען, ווי דאָס ווײַב זײַנס היט אים אָפּ, ווי זי איז אים געטרײַ, ווי׳אַזוי זי טוט אים אָן... וואָס אַ מענטש איז, האַ?..

ס׳איז מער ניט געווען קאָשע קיזשנערס צעשײַנטקײַט און אַפילע פריילעכקײַט באַ אַזאַ געשיכטע. אַפּאָנעם ניט דערפאַר, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, וואָס גראַדע ער האָט אַזאַ מענטשן אויסגעפונען. מינאַסטאַמע דערפאַר, ווײַל ער, קיזשנער, פילט זיך ווי אַ מין מעכוטן, אַ שטיק שוטעף צו די אַלע זאַכן, פאַרוואָס דער דאָזיקער מענטש לעבט און איז דאָ.

ס׳איז מיר שוין אויך ניט געווען קאָשע די גלאַנצנדיקע שיך אַפן מענטשנס פיס, דאָס דריבנע־געקעסטלטע רעקל און דער רויטער באַשפּרענקלטער שניפּס זײַנער.

— דאָס האָט זי, מײַנע, מיך אַזוי פאַרפּוצט...— האָט ער געציילטע ווערטער אויסגעקײַלעכיקט מיט די ליפּן, מע זאָל זיי בעסער הערן און פאַרשטיין,— גייסט דאָך, מאַכט זי, מע זאָל וועגן דיר שרײַבן...

אַ ייִד אַ בלעכער, וואָס איז איינער אַרויס אַ לעבעדיקער פון אַ טויט־לאַגער ערגעץ הינטער לוואָוו, טוט באַ בערגעלסאָנען אַ זאָג:

— איר ווילט פאַרשרײַבן, צי ניין? איך בין דאָך אָן איידעס!..

מײַן גאַסט, דער סטאָליער, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע מיסעס, און לעבט, האָט אַ זאָג געטאָן ווייכער, נאָר אַ ביסעלע פּאַטעטישער:

— נו, איר וועט שרײַבן?.. כ׳בין דאָך אַ סימבאָל!..

■ ■ ■

קינסטלער הערש אינגער

מאָסקווע

פראָנטיספּיס צו י.־ל. פּערעצעס דערציילונג „באָנציע שווייַג"

פונעם ציקל „מײַנע קינדער־יאָרן“

„טאם גאניידן!"

„סע שרײַבט!"

„איך און מעני"

דרײַ אילוסטראַציעס צו שאָלעם-אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס"

דרײַ צייכענונגען צו שאָלעם-אַלייכעמס דערציילונג „אפן פידל“



פיניע קיריטשאַנסקי

נאָך וואַסער

מיט האָפענונג מיר ציילן די מינוטן,
זאָל זײַן צום גוטן נאָר, זאָל זײַן צום גוטן.
נאָך וואַסער פּויזעט דער סאָלדאַט צום ברונעם,
הײַנט איז זײַן ריי...

פון אַלע זײַטן פײַער,
פײַער,
פײַער...

איך האָב פאַרשטאַנען ערשט אַף דער מילכאָמע,
אַז יעדער טראָפּן וואַסער — ווי אַ טראָפּן בלוט איז טײַער.

נאָך וואַסער פּויזעט דער סאָלדאַט צום ברונעם...

וועלוול ווערניק

דער אינדערוואָכן

ווען טשוהון אין דאָמנע פלאַמט
און שטאָל מאַרטענען קאָכן,
ווילט זיך מיר מײַן ליבּ־געזאַנג
ווידמענען דעם אינדערוואָכן.

ווען דו זאָלסט צו אים ניט קומען,
אַרבעט ער און איז פאַרנומען:
קליידער נייט ער אין פאַבּריקן,
איבּער טײַכן בויט ער בריקן.

אינדערוואָכן מילן מאָלן,
קינדער לערנען אין די שולן,
ביימער פלאַנצט ער אין די וועלדער,
נעמט אַראָפּ דאָס ברויט אַף פעלדער,

האָדעוועט די פיש אין טײַכן,
ווער זשע קאָן צו אים זיך גלײַכן?
גאַנצע טעג און גאַנצע וואָכן
האָרעוועט דער אינדערוואָכן.

מיט באַקאַנטע פרײַנט און קרויווים
גוט איז יאָמטעווען יאָמטויווים,
נאָר די ערשטע, בעסטע טאָסטן —
פאַר די אינדערוואָכנס פּראָסטע!

מישע מאַגילעוויטש

ווען עס זינגען גראָזן

ס׳דערגייט צו מײַן אויער א ווײַטער געזאַנג,
דאָס זינגען די גראָזן, איך הער יעדן קלאַנג.
און ס׳דוכט זיך מיר אויס, אז א נעס איז געשען,
אז אַלץ איז פון לאַנג שוין אַזוי־אָ געווען:
די זעלביקע לאָנקע, דער הימל, און דו.
דאָס זעלביקע גלעקל אפן האַלדז פון דער קו.
נאָר וואָס האָט געטראָפן, ס׳איז פרעמד מיר דײַן בליק,
גייסט דורך, ווי א כאָלעם, און קומסט ניט צוריק.
כ׳וויל לויפן נאָך דיר, נאָר די טירכע צו וואָס?
דאָס האָט מיך פאַרקישעפט דער קלאַנג פונעם גראָז.
א סוואָרע דער ניגן האָט דאָ מיך פאַרוויגט,
געבראַכט אף א ווײַל מיר די יוגנט צוריק.

יוסעף אַלבירט

ניט טרעטן די בייטן

איין קרײַז אינעם צווייטן,
איין רינג אינעם צווייטן,
ניט טרעטן די בייטן!
די בינען ניט טויטן!

האָצלאָכע פאַר אַלעם,
פאַר טאַטן, פאַר מאַמען,
פאַר אויפּעלעך קליינע,
פאַר קאַלעס פאַר שיינע.

א זעלנער באַם לעבן,
דאָס האַרץ אָפּצוגעבן,
פאַר קראַנקע, פאַר זקיינים,
פאַר אַלע איינײנעם.

פאַרשטעלט ניט דעם שטערן,
פאַרלעשט ניט דעם שײַטער,
דעם ניגון צו הערן,
פאַר שאָלעם שטרײַטן!

איין קרײַז אינעם צווייטן,
איין קווייט צווישן קווייטן,
ניט טרעטן די בייטן!
דאָס לעבן ניט טויטן!

יאָסל בוכבינדער

אײַנגעשפּאַרטע כוואַליעס

גיב א קוק, ווי פריילעך וועסלעוועט א באָכערטע איר שיפל —
מיט אַלע קרעפטן טרײַבט זי עס פאָרויס,
כאָטש אײַנגעשפּאַרטע כוואַליעס בויטען אַלץ פון טײַך די טיפן
און פון איר אָנגעהיצטן שטערן,
ווי די טויען, טראָפּנס טריפן.
נאָר דאָס הוידענדיקע שיפל
טרײַבט זי אַלץ פאָרויס, פאָרויס.

און איך?
איך קאָן ניט אָפּווענדן מײַנע צוגעשמידטע בליקן
פון איר קאַשטאַנען־ברוינעם לײַב,
פון איר שוועבנדיקן שמייכל, וואָס באַווײַזט זיך אַף די ליפּן,
פון אירע אָנגעשטרענגטע אויגן צו דער ווײַט.
און ווי לײַכט אַזוי
דאָס שיפל איבער טײַך־שטראָמען זי טרײַבט.

נאָר זי הערט ניט און זי ווייסט ניט
און וויל פון דעם ניט וויסן,
ווי נאָך איר יאָגנדיקן שיפל
שווימט אָן וועסלעס דאָרט מײַן בענקשאַפט,
און שעפּשענדיק זי שרײַט:
— אײַל זיך ניט, מײַן טײַערע,
אַ ביסל יונגקײַט פון דײַן יוגנט מיר אַנטלײַ.
מיט אַלע מײַנע קויכעס איך יאָג זיך נאָך איר שיפל,
און עס דוכט מיר, אַז מײַן יוגנט זיצט אויך לעבן איר דערבײַ.

ליפּע העלער

דער זיקאָרן

אין זיקאָרן רוישן וועלדער,
אין זיקאָרן — גרינע פעלדער —
וואָס געזען כ'האָב, וואָס געהערט.
אין זיקאָרן דרייט זיך, פּרייט זיך
אונדזער קײַלעכדיקע ערד.

אין זיקאָרן סעדער בליִען,
אין זיקאָרן פויגלען פליִען,
אין זיקאָרן רוישן יאַמען,
אין זיקאָרן לעבט מײַן מאַמע,
אין זיקאָרן — גאָר די וועלט.

אין זיקאָרן — קריג, מילכאָמע,
אין זיקאָרן — גליק און שאָלעם,
אין זיקאָרן — אַלץ אַרום.

דער זיקאָרן — אומעטום.
דער זיקאָרן
איז פאַרשיידן —
אָט פאַרשאָטנט,
אָט צעהעלט.
סײַ אין פרײדן,
סײַ אין ליידן
לעבט אין אים די גאַנצע וועלט.

אוורום קאַצעוו

איך וויל אויסבויען אַ שטוב

אַן אַפריקאַנער מאָטיוו

איך וויל אויסבויען אַ שטוב.
איך וויל האָבן קינדער —
אַ סאַך קינדער,
אַ פולע שטוב.

איך וויל, עס זאָל מאָלן די מיל.
שאָלעם איך וויל.

אַז סע וועט זײַן שאָלעם,
וועט מאָלן די מיל,

וועלן זײַן קינדער,
וועט זײַן אַ שטוב,
וועט זײַן געזונט,
וועט זײַן לעבן.

אַז סע וועט זײַן שאָלעם,
אַז סע וועט זײַן שטיל,
וועט זײַן אַלצדינג,
וואָס איך וויל.

באָריס מאַגילנער

דעם שרעק באַזיגן

ווען כ׳בין געקומען אַפֿן פראָנט,
איין זאַך האָב איך באַ זיך אַליין געמאָנט:
עס זאָל מיר מוט און גוורע קלעקן —
כ׳זאָל פאַרן פֿײַער זיך ניט שרעקן.
איך ווייס ניט, וויאַזוי אין יענעם אָט באַגינען,
ווען כ׳האָב געקאָנט אַראָפּ פון זינען,
איז אָפּגעגאַן דער ערשטער טראָט מיר גלאַט —
געוואָרן כ׳בין אַן עמעסער סאָלדאַט.

מיט מינעס האָט באַוואָרפן מיך דער פֿײַנט,
ס׳האָט זייער ווילדער פֿײַף דאָס האַרץ געשפּאָלטן,
כ׳בין צוגעפאַלן צו דער ערד, זי זאָל מיך אויסבאַהאַלטן,
און ניט געוווסט, די זון נאָך שײַנט? שײַנט.
איך האָב געמיינט, אַז יעדע מינע
אין מיר, און בלויז אין מיר זיך צילט מיט סינע.
עס האָט די ערד געוויגט זיך, ווי אַ וויג.
אַזוי זיך אָנגעהויבן האָט פאַר מיר דער קריג.

כ׳געדענק ניט וויפל ס׳איז פאַרגאַנגען צײַט,
ביז כ׳האָב דערפילט, אַז ס׳איז דער קאַס געקומען
און ברויזן, ווי דער יאַם, אין מיר געגומען.
אַזאַ מין בושע...
ווי איז עס געשען?!
קיין פּאַכדן בין איך, דוכט זיך, קיינמאָל ניט געווען...
נאָך לאַנג וועל איך אונטערן פֿײַער ליגן?
צי דען דעם שרעק כ׳וועל ניט באַזיגן?
אַרומגעקוקט איך האָב זיך אין דער ווײַט,
דעם שוויס אַפֿן געזיכט אַ וויש געטאָן.
די מינעס?
איצטער גייט מיר גאָרניט אָן.
איך האָב זיך אָף די פֿיס געשטעלט —
אָפּסנײַ געבוירן כ׳בין געוואָרן אָף דער וועלט.
צומאָל, ווען ס׳לאָקערט ווידער אָף מײַן וועג אַן אומגליק צי אַ פּלאָג,
איך רוף אַרויס אין דעם זיקאָרן יענעם טאָג.
און לײַכטער ווערט זיך ראַנגלען מיט דער שרעק —
דעם מאַלכאַמאָוועס גרינגער כ׳טרײַב אַוועק.

כאַ׳ים גורעוויטש

אין אַ דובראַווע צווישן קוסטעס

אין אַ דובראַווע צווישן קוסטעס
איז דען עפּעס־וואָס געשען? ניט געשען.
פאַרליבטע האָבן דאָרט געקושט זיך,
און ס׳האָט קיינער ניט געזען.

נאָר אַ שטערנדל מיט אויגן בלויע
דאָס דערזען פון זײַן נעסטל האָט
און פאַלנדיק אָף אַ דעמב אַ גרויע,
אײַנגערוימט אים אָט דעם סאָד.

איז דער דעמב נאָך פון באַגינען
א ביסל שיקערלעך געווען,
און פאַר זײַן צווײַגיקער מעדינע
זיך צעפּלאַפּלט וועגן דעם.

האָט בא די צווײַגן א קוקאַווע
אָן מי דעם סאָד ארויסגעצויגן,
און א שוועלבעלע א זשוואַווע
צום וואַלד־אופּזעער אוועקגעפלויגן.

באַם וואַלד־אופּזעער איז געווען צו ליבע
ווייניק אָפּשײַ, ווייניק טאַקט,
...האָט אָפּן וועג צום שטעטעלע סעליבע
זײַן מאָטאָציקל שוין געקנאַקט.

און ביז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן,
ביז ס'איז ארויסגעפלאַן דער ערשטער טוי
האָט ער צוזאַמען מיט זײַן פרוי
איבער אַלע געסעלעך די נײַס צעטראָגן.

ווייסן איצט אין שטעטל אַלע,
וואָס צווישן קוסטעס עס איז געשען...

— — — — — — — — — — —

...וואָלט דאָס שטערנדל ניט פאַלן,
וואָלט דאָך גאָרנישט ניט געווען...

כ א ַ י ם   ב ײ ד ע ר

באָבעס

אָף די בענק אין גרינע סקווערן
צווישן הײַזער פון בעטאָן
זיצן באָבעס, מײַסעס הערן,
און פון קליינוואַרג קוועלט מען אָן.

— און מײַן אליק...
— און מײַן באָרע...
— און מײַן יאַשע...
— איגאָריאָק...
— טוט א קוק, ווי קײנײַנהאָרע
וואַקסן זיי פון טאָג צו טאָג!

קומט אָן אייניקל צו לויפן,
צופּט די באָבע פאַרן קלייד:
— עמעס, באָבע, מירן קויפן
גיך א שוועסטערל אין קלייט?

— עמעס, גאָלד מײַנס, עמעס, ליבער,
וואַרטן דאַרף מען שוין ניט לאַנג, —
און די באָבע ווינקט זיך איבער
מיט א שכיינע אָף דער באַנק.

ווען דער שקאָץ פּײַל־אויסן־בויגן
מאַלע סימכע לויפט אוועק,
קומט מיט שײַנענדיקע אויגן
באַלד צו גיין א צווייטער שנעק.

— באָבע, עמעס זאָג איך — עפּל
וואַקסן אָף א בוים, ווי ניס?
— מיר זאָל זײַן פאַר דיר... ס'א קעפּל! —
זאָגט די באָבע. — נו, געוויס!

— באָבע, — שרײַט פון זאַמד א דריטער,
אכט איז ווייניקער פון צען? —
און א ברייטן שמייכל גיט ער,
ווען די באָבע זאָגט: — וואָדען!

זיצן באָבעס אין די סקווערן,
און מע זיפצט פון פרי ביז שפּעט:
— האַלעווײַ איר זאָלט אונדז הערן
אויך ווען אויסוואַקסן איר וועט!..

באָרעך שייַנגאוטער

נעליע

דער הויפּט־בוכהאַלטער פון אונדזער פאַב־ריק האָט פאַריקע וואָך מיך פאַרבעטן אַף איר זילבערנער כאַסענע. איך בין געווען ניט געזונט און געמוזט זיך אָפּזאָגן פון דער אייַנלאַדונג.

— איר וואָלט, כאַווער דירעקטאָר, דאַפקע געדאַרפט קומען, — האָט זי אַ שמייכל געטאָן, — כוץ דעם, וואָס מיר וועט זייַן אָנגענעם אייַך זען אַף אונדזער סימכע, האָבן מיר צוגעגרייט פאַר אייַך אַ סורפּריז!

דערשפּירנדיק, זעט אויס, לויט מייַן בליק, אַז איך האָב זיך פאַרינטריגירט, האָט זי שוין ענער־גישער פאַרגעזעצט:

— יאָ, אַ סורפּריז... אָבער פרעגט ניט ווער און וואָס? איר וועט אַליין זען. אָפּגערעדט? — האָט זי שוין פאַר מיר באַשטימט, — שאַבעס זיבן אין אָוונט האָבן מיר אייַך באַ אונדז!

— אויב איר לייגט נאָך צו צו אַלע איבעריי־קע פאַרגעניגנס אַ סורפּריז... — האָב איך זיך שוין אונטערגעגעבן — קום איך.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער „סורפּריז" דאָס דאַרף געוויס זייַן מייַנער אַן אַלטער באַ־קאַנטער, האָב איך דעריבער גלייַך, ווי איך בין געקומען, גענומען זוכן צווישן די געסט. אָבער אַכוץ באַקאַנטע אָדער אינגאַנצן אומבאַקאַנטע פּנעמער, קיינעם ניט באַמערקט.

— נו, — האָט די באַלעבאָסטע צו מיר אַ ווונק געטאָן מיט אירע נאָך יונגע אויגן, — דערקענט?

— ציט ניט די נעשאָמע, סאָפיע יעפימאָוונע, זאָגט כאַטש: אַ פּרווו?

— און אַז איר וועט הייַנטיקן אָוונט קוקן בלויז אַף מאַנצבלען, וועט באַ אייַך, כאַלילע, קאַליע ווערן די ריִע? — האָט זי מיר אויסגע־געבן אַ האַלבן סאָד.

איצט האָב איך אופמערקזאַם גענומען באַ־טראַכטן די מאַנצבלען. מייַן בליק האָט זיך אָפּ־געשטעלט אַף איינעם פון די געסט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייַט פונעם טומלדיקן אוי־לעם: ער האָט זיך ניט אַרייַנגעמישט אין די געשפּרעכן — ער האָט בלויז געהערט. דאָס איז געווען אַ הויכוווּקסיקער מענטש. פאַר זייַנע יאָרן אַ גאַנץ שטאַלטנער. געהאַט ער אַ לענגלעך איידל פּאָנעם, שוואַרצע באַטריבטע אויגן, גלאַט פאַרקעמטע אַף אַרויף שוואַרצע באַזילבערטע האָר. איך האָב באַמערקט, אַז ער האָט אַ פּאָר מאָל געכאַפּט אַ קוק אַף מיר.

אונדזערע בליקן האָבן זיך סאָפּקאָלסאָף איבערגעקרייצט, דאַן האָט ער געמאַכט אַ שפּאַן צו מיר. אַ ווייַלע האָט ער געשוויגן, זיך צע־שמייכלט און אַרופגעלייגט אַף מייַן אַקסל זייַן האַנט.

— דערקענסטו מיך טאַקע ניט?

— לייבעלע?!

— אַוודע לייבעלע, ווער דען? — האָט ער פריידיק מיך אַרומגענומען, און גלייַך האָבן זיך אַ שאַט געטאָן פראַגעס, דערמאָנונגען.

— איך קום אָפּט אַהער פון כאַרקאָוו, אין דעם מיניסטעריום, ווו עס אַרבעט סאָפיע יעפּי־מאָוונעס מאַן. מיר זייַנען באַפרייַנדעט. איינמאָל זאָגט צו מיר סאָפיע, אַז איר דירעקטאָר איז אויך אַ פּאָלטאַוווער. אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין... איז אָט... — האָט ער מיר אַ פּאַטש גע־טאָן איבער דער פּלייצע. — קום, לאָמיר זיך צו־זעצן אין אַ זייַט.

מיר האָבן זיך אייַנגעמאָסטעט לעבן פענצ־טער, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער פיקוס. זייַנע צווייַגן האָבן זיך איבערגעבויגן איבער אונדז און קימאַט אינגאַנצן פאַרשטעלט פונעם אוילעם.

— אָוועקגעפאָרן פון פּאָלטאַוווע, דאַרפסטו וויסן, בין איך מיט פערציק יאָר צוריק. יאָ, פערציק יאָר אָוועק, — האָט ער פאַרטראַכט איבערגעכאַזערט, — איז טאַקע ניט קיין כידעש, וואָס דו האָסט מיך ניט דערקענט. ווען עס טרעפט זיך, אַז אַ מענטש זאָל זיך אַליין ניט זען פערציק יאָר און פּלוצעם זאָל אויסוואַקסן פאַר אים אַ שפּיגל, וואָלט ער זיך אַליין אויך ניט דערקענט.

מיר האָבן זיך פּלוצעם געשטעלט פאַר די אויגן פאַרשיידענע בילדער פון מייַן פאַרגאַנ־

גענער קינדהײַט און פריִער יוגנט און ס'האָט
זיך מיר פאַרוואָלט, אַז לײבעלע זאָל עפּעס
דערצײלן וועגן זיך.

— דערצײלן ניט קײן פרײלעכע געשיכטע אַף אַ כאַסענע? האָט ער געפרעגט: אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן, דערנאָך צוגעגעבן: — די איצטיקע סימכע דערמאָנט מיר אין אַ צווײטער, אַף וועלכער איך בין געווען ערעוו דער מיל־כאָמע, טאַקע דאָ, אין מאָסקווע. דעמלט האָב איך זיך באַגעגנט מיט מײַן פרוי, מיט נעליען.

אין זײַנע אויגן איז דורכגעשווומען אַ טרוי־עריק פײַערל.

— איך בין דעמלט געווען אַ סטודענט פון דער מאָסקווער טעאַטראַלער סטודיע, מיט וועל־כער עס האָט אָנגעפירט שלוימע מיכאָעלס. אײנעם אַ טאָג האָט מײַן כאַווער ראַפאַיִל, מיט וועמען איך האָב זיך צוזאַמען געלערנט, גע־זאָגט צו מיר:

— אויב דו ווילסט, ליאָווע, זיך באַקאַנען מיט עטלעכע אָריגינעלע פאַרשוינען, טאָ קום מיט מיר, צו מײַן קרויווע צירעלע פערלמאַן אַף איר טאָכטערס געבורטסטאָג. דאָרט וועט זײַן רעב יאַנקעוו, אַ טיפּ פון טיפּן־לאַנד. כאָטש לאָז אים אַרויס אַף דער בינע אָן שום רעפּעטיציעס. עס וועט געוויס אויך קומען אונדזער קראַסאַוויצע נעליע. איך האָב דיר שוין וועגן איר אַמאָל דערצײלט. זי איז ווערט, מע זאָל אַף איר אַ קוק טאָן. בעקיצער, וועסט קײן כאַראָטע ניט האָבן.

בא צירעלע פערלמאַן אין שטוב איז געווען יאָמטעוו. די באַלעבאָסטע און עטלעכע פרויען־מיטהעלפערנס זײַנען געלאָפן פון דער קיך צום טיש. בא די פענצטער, אין די ווינקלען פון די צימערן האָבן געשמועסט צווישן זיך די געסט.

מײַן כאַווער האָט מיך צוגעפירט צו דער באַ־לעבאָסטע: אַ הויכע, מאָגערע פרוי פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ פלאַך, בלײך פּאָנעם, אָפּגע־צויגענע באַקן און דינע ליפן.

— דאָס איז מײַן כאַווער ליאָווע, מומע, — האָט ער מיך פאָרגעשטעלט.

צירעלעס צעטומלטע אויגן האָבן צו מיר אַ מוטערלעכן שמײכל געטאָן:

— כ'וואָלט געשווירן — אַ היימיש פּאָנעם, — האָט זי שלאַבעריק אַרויסגעבראַכט, — איר כאַפּט דעם אָנבליק פון מענאַשע דעם שנײַדערס זון. נײַן? האָב איך ווידער זיך שוין טויע גע־ווען, — האָט זי אַ שמײכל געטאָן מיט אירע דינע ליפן. — די מאַטאָנע גיט אָפּ סוסאַנען, זי איז אין אַלקער.

מײַסע היימישער מענטש, האָט זיך אַרײַנגע־שטעלט אין דער טיר אַ ברײטער, געזעצטער ייִד פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ צעקנײטשט פּאָ־נעם און אַרויסגעבײַלטע אויגן.

— צירעלע! דײַנע געפילטע פיש שמעקן אַזש ביז צו דער אַפּטײק! — האָט ער אויסגעשריגן. ער האָט באַטראַכט דעם מיט קאָלהאַמינים שע־הו אָנגעשטעלטן טיש, און שמײכלענדיק פאַר־געזעצט:

— איז נעמען מיר הײַנט אַ ביסל בראָנפן. האַלעמײַ זאָל איך לײקענען, אַף אַ גוט ביסל מאַשקע בין איך שטענדיק אַ קונע, ביפראַט נאָך, אַז מע גיט צו פאַרבײַסן אַ געפילט שטיקל פיש! דער ייִד האָט זיך צעלאַכט, און זײַנע אויגן זײַנען פאַרטערערט געוואָרן פון פאַרגעניגן.

— דאָס איז רעב יאַנקעוו, — האָט מײַן כאַ־ווער מיר געזאָגט, — ניט קײן נאַרישער ייִד, אָנגעשפּיגעוועט מיט פאָלקס־הומאָר. נעבעך אַן אַמהאָרעץ, נאָר האָט אָבער אַ שוואַכקײַט: זיך אַרויסצושטעלן מײַסע־קענער אין די קלײנע אויסיעלעך.

— זײַט באַקאַנט מיט מײַן כאַווער, רעב יאַנ־קעוו, — האָט ראַפאַיִל מיך פאָרגעשטעלט.

אָנבײגנדיק דעם קאָפּ אַפן לינקן אַקסל, האָט רעב יאַנקעוו אַף מיר אַ קוק געטאָן, און ערשט דערנאָך דערלאַנגט זײַן שווערע האַנט.

— יאַקאָוו! איר זײַט אויך אַן אַרטיסט? — האָט ער זיך פאַרינטערעסירט.

— דערווײַל אַ סטודענט.

— איך בין שטענדיק אַ באַלן דורכצולופטערן די שפּראַך מיט אַ געלערנטן מענטשן, ביפראַט נאָך מיט אַן אַרטיסט! שטעלט אײַך פאָר, ווען איך האָב אין מײַנע יונגע יאָרן געלעבט אין דער פּראָווינץ, האָבן מיר די קלײנשטעטלדיקע יאָלדן צוגעגייט אַ צונאָמען: „יאשע דער אַר־טיסט". פאַרוואָס גאָר אַרטיסט, וועט איר פרעגן? פאַר מײַן אויסזען! אין יענע צײַטן בין איך גע־ווען אַ שטאַלטנער גאַלאַנטאָן. געטראָגן אַ פּײַ־נעם גאַרניטער, אַ שניפּס און אַף דעם־אָ פינ־גער אַ גאָלדענעם סיגנעט, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן! און מײנט ניט, מײַן יונגער פרײַנט, אַז איך קום אַרויס פון עפּעס שנאָראַנטן: איך בין אַ טאַטנס אַ קינד! און כ'ווייס, וואָס עס שרײַבט זיך אין די דריבנע אויסיעלעך... ווען שלוימע האַמעלעך...

פּלוצעם איז מיר ווי עפּעס לײדיק געוואָרן אין די אויערן, דער שטילגעוואָרענער אוילעם האָט זיך פאַרקוקט צו דער טיר, אין וועלכער עס האָט זיך באַוויזן אַ יונג, שײן מײדל.

קוקנדיק פרײַנטלעך און פרײלעך אַף די געסט, איז זי גרינג און גראַציִעז צוגעגאַנגען צו צירעלען און זיך מיט איר צעקושט.

— ווו זשע איז סוסאַנעטשקע? — האָט זי גע־פרעגט, און ניט וואַרטנדיק אַף קײן ענטפער, אַוועק אין צווײטן צימער צו דער אימעניניצע.

— נעליע... — האָט סוידעספּול מיר אײַנגע־רוימט מײַן כאַווער. און דערבײַ האָבן זײַנע

אויגן באַ מיר געפּרעגט: „נו, וואָס וועסטו עפּעס זאָגן?”.

איך בין אַפּגענעמעסן געווען איבעראַשט, און גאָרנישט ניט געענטפערט.

קוקנדיק אין מײַנע פרעגנדיקע אויגן, האָט מײַן כאַווער דערציילט:

— זי איז אַ קיִעווער, אַ רוסישע. לערנט זיך דאָ, אין מאָסקווע, אפֿן פאַקולטעט פון מײַרעוו־אייראָפּעיִשע שפּראַכן. דו, מיט דײַן ווּקס, מיט דײַן פּאַרצעף און מיט דײַן טשופּרינע, ווען דו זאָלסט נאָך האָבן אַ ביסל סייכל, וואָלסטו אָפּגעשפּילט מיט איר די ראָל פון אַן ערשטן ליובאָווניק... — ראַפאַיִל האָט זיך צעלאַכט און אַ פאַל געטאָן אַף דער קאַנאַפּע.

מיר האָט זיך געוואָלט צופאַלן צו מײַן כאַווער און פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל — ווי קאָן ער עס לאַכן, זיך וויצלען וועגן אָט דער... איך האָב געפילט, אַז עס ציטערט אין מיר דאָס האַרץ. כ'האָב ניט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק פון דער טיר, הינטער וועלכער נעליע איז פאַרשוווּנדן.

מע זאָגט, אַז פאַרליבן קאָן מען זיך פונעם ערשטן אויגנבליק. איך האָב שטענדיק געקלערט, אַז דאָס איז לײַכטזיניק און ניט ערנסט. אַזוי האָב איך געמיינט, ביז כ'האָב דערזען נעליען. נאָר איצט...

אויסמאָלן נעליעס באַזונדערע שטריכן, וואָלט מיר, געוויס, ניט געלונגען, זי האָט עפּעס אײַנגאַנצן געלויכטן. דאָס שוואַרצע קלייד מיט די ווײַסע קאַנטן איז געווען ווי אויסגעגאָסן אַף איר בייגעוודיקן קערפּער, די קורץ־געשוירענע קאַשטאַנען־האָר האָבן, ווי אין אַ ראַם, אַרײַנגענומען איר מאַטעווע פּאָנעם, אַף וועלכן עס האָט זיך אויסגעלייגט אַ שאָטן פון אומרו און אַנטוישונג. יאָ, זי האָט אָן צווייפל געוווּסט, אַז זי איז שיין, זי האָט אָבער זיך ניט געכיינדלט, ניט באַטאָנט עס און דאָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער קראַפט, געמאַכט איר שיינקײַט עכט און וואָגיק.

בייס דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָבן מיר ניט געזאָגט איינער דעם אַנדערן קיין קאָמפּלימענטן. איבעראַשטע, קימאַט דערשראָקענע, האָבן מיר געקוקט איינער אַפן אַנדערן. אירע אויגן האָבן צוערשט פריידיק אַ בליץ געטאָן, די ווײַעס האָבן עטלעכע מאָל אַ פלאַטער געטאָן, דערנאָך איז זי ערנסט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

די באַלעבאָסטע האָט פאַרבעטן די געסט צום טיש. ווען אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעזעצט, האָט רעב יאַנקעוו זיך אופגעהויבן מיט זײַן קויסע אין דער האַנט.

וואַרטנדיק ביז עס וועט שטיל ווערן, האָט ער גוטמוטיק געלאָזט פאַלן:

— כאָשעווע פרײַנט! אַזוי־ווי עס איז שוין צײַט צו מאַכן אַ לעכאַיִם, וועל איך זאָגן בעקיצער: — איך באַגריס דיך, סוסאַנעטשקע מיט דײַן געבורטסטאָג! איך ווינטש דיר גליק! באַ אַ מאַמע איז אַ גרויסע פרייד, ווען איר איינציקע טאָכטער ווערט אַלט פופצן יאָר, ווען מיר אויך דיר, צירעלע, צוּווינטשן, דו זאָלסט דערלעבן צו פּראַווען סוסאַנעטשקעס כאַסענע! איז לעכאַיִם, ראַבויסײַ!

דער אוילעם האָט זיך אַ נעם געטאָן צו די קויסעס און צו דער אַכילע. ס'איז געוואָרן פריילעך און ראַשיק. אין אַ מין האַלבער שאָ אַרום, ווען די געסט זײַנען שוין געוואָרן בעגילופן, האָט זיך דערהערט אַ ציגײַנערישע מעלאָדיע. דער זינגערנס אַלט, וועלכער איז אַף די הויכע טענער לײַכט איבערגעגאַנגען אין אַ קלינגענדיקער סאָפּראַנאָ, האָט זיך געגאָסן פרײַ און שפּילעוודיק. אַף די פּענעמער פון די צוהערער האָט זיך צעגאָסן אַ וואַרעמער שמייכל. דאָס האָט געזונגען די פופצניאָריקע סוסאַנע.

אַ יונג באָכערל, ווײַזט אויס, סוסאַנעס אַ פרײַנט, האָט פונדערגרינג צוגעלייגט זײַנע געניטע פינגער צו דער גיטאַרע, וואָס האָט זיך אומגעריכט באַוויזן אַף זײַנע קני, און גענומען איבערקלײַבן די סטרונעס.

— נעליע!.. נעליע! — האָט רעב יאַנקעוו אויסגעשריגן, — טאַנץ, נעליע!

נעליעס אויגן האָבן אַ פרעג געטאָן באַ מיר... און איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. און ווען די גיטאַרע איז זיך פאַרגאַנגען שטיל־שטיל, האָט נעליע זיך געלאָזט טאַנצן. קוים באַרירנדיק מיט די שפּיץ פינגער די ערד, האָט זי אויסגעשטרעקט פאָרויס די הענט, ווי אין אַ טפילע. די צעפּאַלענע טונקעלע האָר, האָבן באַדעקט דעם שטערן, געפאַלן אַפן פּאָנעם. מיטאַמאָל זײַנען די באַוועגונגען געוואָרן אַלץ האַסטיקער און שטאַרקער, די דינע קנאַפּעלעך האָבן דריבנע געקלאַפּט אין דיל, וואָס איז געשווּמען אונטער אירע טריט. די געסט האָבן אין טאַקט פונעם טאַנץ געפּליעסקעט מיט די הענט און צום סאָף אויסגעשריגן:

— בראַוואָ, בראַוואָ, נעליע!

אַ מידע און אַ שמייכלענדיקע האָט זיך דאָס מיידל אומגעקערט צו איר בענקל. אונדזערע הענט האָבן זיך באַגעגנט, איך האָב זיי שטאַרק אַ דריק געטאָן.

— איר זײַט אַ געבוירענע אַקטריסע, — האָב איך געזאָגט אַף אַ קאָל, און גלײַך דערפילט, אַז ניט דאָס וואָלט איך געדאַרפט איר איצט זאָגן, — איר זײַט...

— וואָס בין איך? — האָט זי געלאַכט מיר אין פּאָנעם אַרײַן.

— די שענסטע פון אַלע מיידלעך...

— אף אן עמעס? אָבער אזעלכס דארף מען זאָגן אויג־אַף־אויג...

זינט יענעם טאָג האָבן מיר זיך מיט נעליען ניט צעשיידט, ביז עס זײַנען ניט אונטערגעקו־מען די קאַניקולן. נעליע איז אוועקגעפאָרן קיין קיִעוו, איך — צו מײַנע עלטערן. אין א וואָך ארום האָבן מיר אָפּגערעדט זיך באַגעגענען אינעם שטעטל סטודעניצא, ווו עס האָט גע־וווינט נעליעס באָבע.

דער באָבעס הײַזקע איז געשטאַנען באַם סאַ־מע וואַלדיקן ברעג פונעם דניעסטער. באַלד ווי איך בין געקומען, זײַנען מיר אוועק צום טײַך.

דער דניעסטער האָט רויִק אונדז געטראָגן אף די שווערע וואַסערן. מיר זײַנען לאַנג גע־שווומען, זיך אומגעקערט צום ברעג און ווידער געלאָזט זיך ביז דער מיט פון ברייטן טײַך. דערפרישטע זײַנען מיר נאָכן באָדן אוועק אין וואַלד.

צווישן די ביימער האָבן זיך, ווער־ווייסט פונ־וואַנען, איבער אונדז אַראָפּגעלאָזט צוויי בונטע פלאַטערלעך. מיט העל־געלע און ברוינע גע־שטרײַפטע, פליגעלעך, האָבן זיי זיך געדרייט איבער אונדזערע קעפּ, פלינק זיך אופגעהויבן אין דער הייך, ווי זיי וואָלטן אונדז וועלן פאַר־ווײַלן. מיר האָבן געשפּאַנט באַרוועסע איבערן וואַרעמען גראָז, ביז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט.

ווי אין א כאַלעם, האָט אויסגעזען דער באַ־לויכטענער וואַלד, די שווימענדיקע שטערן אין טײַך, פונדערווײַט האָט זיך דערטראָגן א פּאַר־טוביטע טראַסקערײַ... מיר האָבן זיך צוגעהערט צום שאַרך פונעם וואַסער, צום פּלאַפּלען און שושקערײַ פון די קוסטעס.

— דו פאַרשטייסט, וואָס דער קוסט האָט גע־זאָגט? — האָט נעליע שטיל געפרעגט, און ניט וואַרטנדיק אף קיין ענטפער, פאַרגעזעצט, — ער האָט געזאָגט, אז אים איז קאַלט.

איך האָב אַרומגענומען מיטביידע הענט נע־ליעס דינינקן קערפּער און זיך צוגעדריקט צו איר. נעליע האָט אַרופגעלייגט ביידע הענט אף מײַנע אַקסל און זיך צוגעטוליעט מיט די ליפּן צו מײַנע. פונדערווײַטן האָט באַם ברעג גע־לויכטן א שײַטער. דורך דער געלבלעך־ציי־טערנדיקער שײַן האָט זיך געזען א מענטש און א סילועט פון א פערד מיט אן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום פײַער.

באַם שײַטער האָבן מיר געטראָפן אן אַל־טיטשקן פּאַסטעך מיט א שיטער ווײַס בערדל. אין זײַנע לײדיקע יאַסלעס האָט זיך געדרייכערט א פאַרקוילטע ליולקע.

דאָס געפּענטעטע פערד האָט זיך, ווי צוהערנ־דיק, א קאָסע געטאָן אף אונדז דאָס פּיִאַלעטע־ווע אויג, און ווידער זיך גענומען שטשיפּען דאָס גראָז.

— דערציילט אונדז עפּעס, זיידעניו, — האָט נעליע אים א בעט געטאָן.

דער אלטער האָט זי א גלעט געטאָן מיט זײַן אומעטיקן בליק און מיט א פאַטערלעכן שמייכל געענטפערט:

— א־סאַ־אַך צו דערציילן, טאָכטערקע... די זומערדיקע נאַכט איז צו קורץ.

פאַכנדיק אומרויִק מיט די פליגל, האָט זיך דורכגעטראָגן א פארשפעטיקטער פויגל, אין דער פינצטערניש האָט ער פארבענקט אויסגע־שריגן כאַ־א־אַך! און ניט געסטײַעט.

דער אלטער האָט פאַריסן דעם קאָפּ, דערנאָך אים גענומען שאָקלען:

— ני־יט צום גוטן, — האָט ער געזאָגט, ווי צו זיך אליין, און איבערגעכאַזערט: — ניט צום גוטן!..

צוויי וואָכן ווי איין טאָג זײַנען פלינק דורכ־געלאָפן זינט מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט נע־ליען בא איר באָבע באַם דניעסטער. ארום און ארום האָט געיובלט די אוקראַיִנישע נאַטור — וואַלד, טײַך, זון... געגעכטיקט האָבן מיר אין סאַד. אין א בײַדל פון צווײַגן און בלעטער. אין די נעכט האָט דורכן געפלעכט פון די צווײַגן געקוקט אף אונדז דער אויסגעשטערנטער הימל.

איינעם אן אינדערפרי, ווען נעליע איז נאָך געשלאָפן, האָב איך געקוקט אף איר פּאָנעם, וואָס די ערשטע שטראַלן האָבן באַלויכטן. די לאַנגע, טונקעלע ווײַעס האָבן געוואָרפן א שאָטן ארום אירע צוגעמאַכטע אויגן. דערפילנדיק אף זיך מײַן בליק, האָבן אירע ווײַעס א פלאַטער געטאָן און זיך אופגעהויבן. די אויגן אירע האָבן צו מיר א שמייכל געטאָן, זי איז געבליבן זיצן אפן געלעגער, דערנאָך זיך צוגעטוליעט צו מיר.

— דו ווייסט, ווי איך האָב דיך ליב, ליאָ־ווע, — האָט זי ערנסט־פאַרטראַכט ארויסגע־בראַכט.

אין מיר האָט א ציטער געגעבן דאָס האַרץ, איך האָב דערפילט, אז נעליע האָט עפּעס וויכ־טיקס געוואָלט זאָגן. איך האָב איר אַרײַנגע־קוקט אין די אויגן.

— דו ווייסט, — האָט זי ווידער אָנגעהויבן, — אז איך האָב זיך ניט געטאָרט פאַרליבן?..

עס האָט געדויערט א לאַנגע מינוט ביז אירע אומגעריכטע ווערטער זײַנען דערגאַנגען צו מיר.

— ניט געטאָרט פאַרליבן זיך אין מיר? — האָב איך א פאַרלוירענער געשטוינט.

— ניט אין דיר, ניט אין קיינעם. — האָט זי ערנסט געענטפערט.

— וואָס איז געשען, נעליע, וואָס רעדסטו?!

— דו דאַרפסט עס וויסן, ליאָוושקע, עס קאָן טרעפן, מיר זאָלן אומגעריכט זיך מוזן צעשיידן.

אומגעריכט... דו ביסט דאָך א קלוגער, וועסטו מיך גאָרנישט ניט פרעגן. איאָ? זי האָט מיך שטאַרק ארומגענומען. א שווערער פּאַרגעפּיל האָט פּאַרדריקט מײַן הארץ.

יענע נאכט זײַנען מיר לאַנג געזעסן מיטן פּאַסטעך באַם שײַטער און שוין קימאַט פּאַרטאָג געלאָזט זיך שפּאַנען אהיים. ניט דערגייענדיק צו דער באַבעס שטוב, האָט פון דער הייך זיך דערהערט א טויבער גערודער, וואָס האָט זיך שנעל, מיט א שווערן גערויש דערנעענטערט.

ווי אין כאַלעם האָט אין בלויוערנדיקן הימל איבער אונדז זיך דורכגעטראָגן א סטאַיע פון נײַן אעראָפּלאַנען. און פון דער זײַט, ווו עס געפינט זיך די שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, האָט זיך באַלד דערטראָגן א צעשאָטענער דונער. די אעראָפּלאַנען זײַנען גיך פּאַרשוווּנדן, און אי־בערן וואַלד האָט זיך אראָפּגעלאָזט א טויבע און שווערע שטילקייט.

מיר האָבן ניט באַוויזן צוקומען צו דער באָ־בעס שטוב, ווי די נײַן אעראָפּלאַנען האָבן זיך אומגעקערט צוריק. מיר האָבן פּאַריסן די קעפּ און אויף די פליגל דערזען פאַשיסטישע האַקנ־קרייצן...

נעליע איז א ווײַלע געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, דערנאָך צוגעפאַלן צו מיר און ארומגע־כאַפּט מיט די הענט מײַנע אַקסל.

— מילכאָמע! — האָט זי שטיל געזאָגט, און טרערן האָבן א פלייץ געטאָן פון אירע אויגן.

זיצנדיק באַם טיש אין דער באַבעס הײַזקע, האָט נעליע אויסגעצויגן מיר די הענט, געגומען אין אירע פינגער מײַנע דלאָניעס און אַרײַנ־קוקנדיק מיר אין די אויגן, געזאָגט:

— איצט, ליאָוושקע, הער מיך אויס. אין מאָסקווע וואָלט איך אין צוויי שאָ ארום שוין געמוזט זײַן דאָרט, ווו איך האָב דרײַ יאָר גע־לערנט. נאָר אַף ווײַפל איך בין אין אורלויב, דאַרף איך זיך אומקערן ניט שפּעטער ווי אין אכט און פערציק שאָ ארום.

איך בין, ווײַזט אויס, געווען אזוי צעטומלט, אַז איך האָב ניט פּאַרשטאַנען וואָס עס באַטײַט דאָס וואָרט דאָרטן. דעריבער האָב איך פּאַר־געלייגט, אַז מיר זאָלן איניינעם גיין אין וואָ־יענקאָמאַט און בעטן, אַז מע זאָל אונדז צוזאָ־מען...

— ליאָוושקע! — האָט נעליע אומגעדולדיק מיך איבערגעשלאָגן, — ניט דער וואָיענקאָמאַט האָט מיך געלערנט, וויאַזוי צו מילכאָמע האַלטן, ניט דער וואָיענקאָמאַט וועט מיך שיקן! דו פּאַר־שטייסט?

— איז קום אהין, ווו מע האָט דיך געלערנט, זאָלן זיי מיך שיקן מיט דיר!

— אָך! — האָט זי שוין נערוועז א דריק גע־טאָן מיר די הענט. — איך האָב דיר דאָך שוין אזוי אויך גענוג געזאָגט! דאָס איז א באַזונדע־רע מיליטערישע טייל... און מער פרעג בא מיר ניט.

דעם זעלבן טאָג זײַנען מיר אוועקגעפאָרן זיך געזעגענען מיט מײַנע עלטערן, דערנאָך קיין קיִעוו זיך געזעגענען מיט נעליעס איינציקער שוועסטער און פון דאָרט קיין מאָסקווע.

גלײַך פונעם וואָקזאַל איז נעליע אוועק אהין און מיר צוגעזאָגט, אַז הײַנט, אָדער מאָרגן וועט זי קומען צו מיר. נאָר זי איז ניט געקומען.

בא צוויי וואָכן האָב איך אַף איר געוואַרט. נעליע האָט זיך ניט אומגעקערט. אין וואָיענ־קאָמאַט האָט מען מיר קיין זאַך ניט געקאָנט ענטפערן וועגן איר. בא זיי אָפן דיסקאָנט איז זי ניט געשטאַנען... אין אינסטיטוט האָט מען אויך ניט געוווּסט, ווו זי איז...

אינגיכן האָט מען מיך אוועקגעשיקט אַפן פראָנט.

העכער פיר יאָר האָב איך זיך געפונען צווישן לעבן און טויט, און מײַן איינציקע טרייסט איז די גאַנצע צײַט געווען נעליעס פאָטאָגראַפיע.

די בענקשאַפט און דעם ביטערן געפיל פון איינזאַמקײַט האָב איך דורכגעטראָגן אין הארצן אַלע מילכאָמע־יאָרן.

און אָט איז געקומען דער טאָג פון ניצאָכן. מײַנע עלטערן זײַנען געווען אין עוואַקואַציע. זייער אַדרעס האָב איך געהאַט, אָבער פרײַער בין איך געפאָרן זוכן נעליען.

אין קיִעוו, ווו זי האָט געוווינט, איז די גאַס געלעגן אין כורוועס. אין די געהעריקע אַנש־טאַלטן איז וועגן נעליען און איר שוועסטער קיין יעדיִעס ניט געווען.

אין א טאָג ארום בין איך שוין געווען אַפן ברעג פונעם דניעסטער, בא נעליעס באָבע. יאָ, די אַלטיטשקע האָט געלעבט און געוווּסט ווו נעליע געפינט זיך. אין כאַרקאָוו וווינט זי. אָט איז איר אַדרעס!..

א געפיל פון פרייד און אומרו האָט דעם גאַנצן וועג מיך געהאַלטן אין קלעם. פונעם פּעראָן האָב איך זיך געלאָזט שפּאַנען איבער די צערויִנירטע כאַרקאָווער גאַסן. אַלע מאָל כאַפּ איך א קוק, ווי אַף א טאַליסמאַן, אַף דעם אַד־רעס, וואָס איז פאַרשריבן אַף א צעקנייטשט זײַטעלע פּאַפּיר. איך לויף, און פון אומגעדולד דוכט זיך מיר, אַז די גאַס יאָגט פון אונטער מײַנע פיס.

...אָט איז נעליעס טיר. מײַן האַנט ציט זיך א קלונג צו טאָן. נאָר עס דויערט נאָך זייער לאַנג, ביז איך באַשליס זיך א דריק טאָן אַף דער קנאָפּקע. עס דערטראָגן זיך טריט. עמעצער גייט אויפמאַכן די טיר.

— ווער איז? — פרעגט א פרויִשע שטים. מיר דוכט זיך, נעליעס...

— איך. — דערקענען איך ניט מײַן קאָל.

— ווער איך?

— ליאָווע...

אופגעעפנט די טיר, האָט נעליעס שוועסטער. ס'איז איבעריק צו דערציילן, ווי אופגעטרייסלט מיר זײַנען געווען פון דער באַגעגעניש.

— נעליע איז אין דער היים... — האָט די שוועסטער שטיל געזאָגט מיט א געפאַלענער שטים, און טרערן האָבן א יאָג געטאָן איבער איר פּאָנעם. — מיר וועלן דערווײַל אין איר צימער ניט אַרײַנגיין... — האָט זי ווײנענדיק צוגעגעבן, — לאָמיר זיך דאָ אוועקזעצן. נעליע איז שווער פאַרווונדעט, — האָט זי, אײַנהאַלטנדיק דאָס געוויין, אָנגעהויבן דערציילן. — איר פּאָנעם איז צעשעדיקט! ניט קיין געלונגענע פּלאַסטישע אָפּעראַציע... א שווידער... א שרעק! ווײנענדיק, האָט זי זיך מיט די דלאָניעס פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם, גלײַך ווי איר אייגן פּאָנעם וואָלט געווען צעשעדיקט. — אָט דערפאַר זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן פון קיִעוו. נעליע איז אַף דעם באַשטאַנען, קעדיי איר זאָלט זי ניט געפינען...

מיר האָט זיך ניט געלייגט אַפן זינען, אז נאָך אלץ, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט פאַר די פיר יאָר, זאָל מיך נעליע ניט וועלן זען.

— כ'בין נאָך ניט געווען בא דער מאַמען, געקומען גלײַך אַהער. ווי זשע איז דאָס מעגלעך?

זי האָט אַף מיר ניט געקוקט, נאָר געהערט האָט זי מיך. אין א מינוט אַרום האָט זי אָן עפּן געטאָן די טיר און פאַרשוווּנדן.

אומגעקערט האָט זי זיך א פאַרומערטע און שווײַגנדיק, מיט די אויגן אָנגעוויזן אַף דער טיר, פונוואַנען זי איז געקומען.

נעליע איז געזעסן אין דער טונקל, אַף א דיוואַן. איר פּאָנעם איז געווען פאַרהילט אין א שאַלעכל אזוי, אז עס האָבן זיך אַרויסגעזען בלויז אירע אויגן...

ניט פילנדיק די ערד אונטער די פיס, האָב איך געמאַכט עטלעכע שפּאַן, אויסגעשטרעקט צו איר די הענט.

— נעליע...

צוהאַלטנדיק מיט די נערוועזע פינגער דאָס שאַלעכל, האָט זי ניט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק פון מיר.

קעדיי אָפּווענדן זיך פון דער קלעמענדיקער געשפּאַנטקײַט, האָב איך זי געבעטן דערקלערן, ווי אזוי האָט עס געקאָנט געשען, וואָס מיר האָבן זיך אפילע דעמלט ניט געזעגנט.

אירע ברעמען האָבן זיך א בראָך געטאָן, די אויגן — זיך פאַרשמאָלערט, כ'האָב דערפילט, ווי עס ווײנט אין איר דאָס האַרץ...

— דעמלט האָב איך שוין קיין מעגלעכקײַט ניט געהאַט, — האָט זי מיט א ציטערנדיקער שטים שטיל אָנגעהויבן. — אין מאָסקווע האָט דער שעף פון דער קאָנטער־אויסשפּירונג, מיר קורץ דערקלערט אין וואָס עס באַשטייען מײַנע אופגאַבעס און געזאָגט, אז נאָך הײַנט שיקט מען אונדז אוועק אין יענע ערטער, פונוואַנען אונדזערע קלײַבן זיך אָפּטרעטן. איך האָב ניט געקאָנט פויעלן בא זיך צו בעטן א דערלויבעניש פאַרהאַלטן זיך אַף א פּאָר שאָ אין שטאָט. זאָגן אים, אז איך דאַרף זיך געזעגענען מיט דיר, האָב איך ניט געטאָרט... מיר האָבן ניט געהאַט קיין רעכט זיך פאַרליבן... אין צוויי שאָ אַרום נאָך מײַן קומען האָט אן עראָפּלאַן אונדז אָפּגעפירט קיין אוקראַיִנע.

דעם 18 אווגוסט האָט מען מיך צוריק אַרויסגערופן קיין מאָסקווע, פון דאָרטן — אוועקגעשיקט אין מײַן געבורטסשטאָט — קיין קיִעוו, אין רעשוס פון דער דאָרטיקער קאָנטער־אויסשפּירונג. אין צוויי טעג אַרום נאָך מײַן אָנקומען קיין קיִעוו, האָט מען דורך א פאַרבינדלער מיר באַפוילן, איך זאָל דרינגענדיק עוואַקויִרן מײַן שוועסטער און די קרויווים... דעם 27 סענטיאַבער, ווען די פאַשיסטן האָבן שוין עטלעכע טעג געווילדעוועט אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע, האָט מיר א פאַרבינדלער איבערגעגעבן א באַפעל, איך זאָל זיך אײַנאָרדענען אלס אן אָפיציאַנטקע אין דער קאַפע „ראַטאָנדאַ", וועלכע עס האָט געעפנט אין צענטער פון שטאָט עפּעס א ליטווינער. אין דער דאָזיקער קאַפע קומען די פאַשיסטישע אָפיצערן. דער באַלעבאָס האָט מיך קיין זאַך ניט געפרעגט און צוגענומען אַף אַרבעט. ווען איך האָב זיך אײַנגעאָרדנט, האָט מען מיר באַפוילן: איך דאַרף זיך סטאַרען פאַרפירן א באַקאַנטשאַפט מיטן אָפיצער מאַנפרעד פאָן ענטעליס. איך האָב זיך מיט אים באַקענט. דאַן האָב איך באַקומען א באַפעל:

גרייט זײַן צו אן אָפּעראַציע, אין וועלכער עס וועלן סטראַכירן מײַן לעבן א גרופּע אונדזערע אויסשפּירער, געקליידטע אין אוניפאָרמעס פון געסטאַפּאָווצעס...

דער פּאַראָל א דאָפּלטער: „ריאַבינאַ" און „אויסט". איך זאָל מיט פאָן ענטעליס גיין, וווּהין ער וועט מיר פאָרלייגן... די אופגאַבע: פאַרכאַפּן אים א לעבעדיקן.

איינעם אן אָפּדערנאַכט האָט מיך פאָן ענטעליס אײַנגעלאַדן אין א רעסטאָראַן, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט פון נײַן ביז עלף אין אָוונט.

זיצנדיק נאָכן רעסטאָראַן אין זײַן מאַשין, האָט ער מיר פאָרגעלייגט פאָרן צו אים אַהיים...

איך האָב זיך געקווענקלט, אָבער אים ניט אָפּגעזאָגט. צופאָרנדיק צו זײַן הויז, איז דער זשאַנדאַרם, וועלכער האָט באַוואַכט דעם אַרײַנגאַנג, אונטערגעלאָפן, און געעפנט דאָס טירל פון דער מאַשין.

ווען פאַן ענטעליס האָט מיר דערלאַנגט די האַנט צו העלפן אַרויסגיין, האָט אים דער זעלבער „זשאַנדאַרם" מיט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ, אָבער ווײַזט אויס צו אַ שוואַכן, קעדיי אים ניט דערהאַרגענען...

פאַן ענטעליס איז פֿלינק אָפּגעשפּרונגען, זיך צוגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דער וואַנט און אין איין אויגנבליק אַרויסגעכאַפּט דעם פּאַראַבעלום, מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אַ שלײַדער געטאָן אַ גראַנאַטע... אַ שווערע, הייסע כוואַליע האָט זיך אַרופֿגעוואַלגערט אויף מײַן גוף, מיך אופגעהויבן, אַראָפּגעוואָרפן אויפן טראָטואַר... כ'האָב דערפֿילט, אַז מײַן פּנים איז פֿאַרגאָסן מיט בלוט. אין דעם מאָמענט זײַנען אָנגעלאָפן די „געסטאַפּאָווצעס". עטלעכע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו ענטעליסן... צוויי „געסטאַפּאָווצעס" האָבן, שעפּטשענדיק דעם פּאַראָל, מיך אופגעהויבן, אַרײַנגעטראָגן אין דער מאַשין. נאָך מיר דעם געבונדענעם פאַן ענטעליסן.

די מאַשין האָט געיאָגט אויף דער העכסטער שנעלקייט עטלעכע שאָ. באַגינען זיך אָפּגעשטעלט אין דער טיף פֿון אַ גרויסן וואַלד, ווו עס האָבן אונדז באַגעגנט אַ גרופּע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן — אונדזערע דעסאַנטניקעס. באַ פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג האָט אַראָפּגענידערט אַן אַעראָפּלאַן, און אונדז מיט פֿאַן ענטעליסן אָפּגעפֿירט קיין מאָסקווע.

זי האָט פֿאַרגעזעצט:

— נאָך דער אָפּעראַציע האָב איך אַ קוק געטאָן אין שפּיגל אויף מײַן פּנים און... — זי איז אויף אַ צײַט שטיל געבליבן, דערנאָך פֿאַרגעזעצט — און פֿיר יאָר ווי איך פֿאַרדעק דאָס פּנים פֿאַר מענטשן... פֿיר יאָר אויף דער גאַס זיך ניט באַוויזן. בלויז אויפן באַלקאָן, ווען ס'ווערט פֿינצטער... איך שרעק זיך אַליין אַ קוק צו טאָן!..

— פֿאַר מיר דאַרפֿסטו ניט פֿאַרדעקן דאָס פּנים, פֿאַר מיר ביסטו די זעלבע נעליע, — האָב איך זי געוואָלט כאַטש אַ ביסעלע באַרויקן.

— דו ביסט אין דעם איבערצײַגט? — האָט זי מיט אַ ביטערער איראָניע אָפּגעענטפֿערט: — איבערצײַגט?..

— יאָ, נעליע! — האָב איך שוין מיט שרעק צו הויך איר געענטפֿערט.

אירע אויגן האָבן זיך פֿאַרשמעלערט, די ברעמען האָבן געציטערט. עס האָט זיך אין איר געראַנגלט די שרעק און די אַנטשלאָסנקייט.

— איז זע, — האָט זי אויסגעקרעכצט און אַראָפּגעצויגן דאָס שאַלעכל.

גאָט מײַנער! וואָס מײַנע אויגן האָבן דערזען! עס האָט זיך מיר פֿאַרדרייט דער קאָפּ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נעליעס ווונדן האָבן גענומען ברענען אויף מײַן פּנים.

וויפֿל איך האָב זיך ניט באַמיט צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך בין ניט באַזונדערס איבערראַשט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז נעליע זעט אַלץ, וואָס מיט מיר איז פֿאָרגעקומען. אַ גרויליקע שטילקייט איז געבליבן הענגען אין צימער. דער ערשטער געדאַנק, וועלכער האָט מיך געבראַכט צו־זיך, איז געווען: „איך וועל זיך מיט איר ניט צעשיידן!"

האַגאַם איך האָב שוין געזען, וואָס דאָס שאַלעכל האָט פֿאַרדעקט, האָט אָבער נעליע אָנגעהויבן שווינדלען פֿאַר מײַנע אויגן אייניציַטיק אין צוויי געשטאַלטן... די וווּנדערלעכע שטריכן פֿון איר פֿריִערדיק געזיכט האָבן פֿאַרשטעלט דאָס איצטיקע. איך האָב געזען די ראָזלעך־טונקעלע הויט פֿון איר סימפּאַטישן פּנים, איר מילדן שמייכל, אירע שטראַלנדיקע גרינע אויגן...

איך האָב באַמערקט, ווי באַ מײַן אַלטן פֿרײַנט האָבן גענומען ציטערן די ליפּן. ער האָט זיך אָבער גיך גענומען אין די הענט און מיך אַ פֿרעג געטאָן:

— וויפֿל יאָר, זאָגסטו האָבן מיר זיך מיט דיר ניט געזען? העכער פֿערציק יאָר! ווי זאָגט מען עס באַ אונדז — פֿיל וואַסערן זײַנען פֿאַר דער צײַט אָפּגעשוווּמען... נעליע האָט אַפֿילע ניט געוואָלט הערן וועגן דעם, אַז מיר זאָלן ווערן צוריק מאַן און ווײַב. ווען איך האָב פֿאַרפֿירט וועגן דעם אַ רייד, האָט זי אָנגעשטעלט אויף מיר אַ קאַלטן און פֿאַרוווּנדערטן בליק. מיך באַטראַכט, ווי אַ דולן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף דעם דאָזיקן שמועס דערווײַל אָפּלייגן.

די באַלעבאָסטע פֿון דער שׂימחה איז ראַשיק צו אונדז צוגעלאָפֿן. אירע טונקעלע אויגן האָבן אַ פֿריילעכן שפּיל געטאָן. אָבער דערשפּירנדיק לויט מײַן מיטשפּרעכערס פּנים וועגן וואָס ער דערציילט, האָט זי מיט דעליקאַטער צוריקגעהאַלטנקייט אונדז פֿאַרבעטן צום טיש.

שוין זיצנדיק באַם געגרייטן טיש לעבן מײַן פֿרײַנט, האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און געפֿרעגט:

— מיט וואָס זשע, ליאָווע, האָט זיך די געשיכטע פֿאַרענדיקט?

ער האָט אַרויסגעקראָגן פֿון קעשענע אַ פּאָרטמאָנע, פֿאַרזיכטיק פֿון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ ברוינע פֿאַמיליע־פֿאָטאָגראַפֿיע, מיר זי איבערגעגעבן.

פֿון רעכטס איז געזעסן אַ שיינע פֿרוי פֿון אַ יאָר פֿינף און דרײַסיק, אויף איר ברוסט האָט געשײַנט אַ גאָלדענער שטערן פֿון אַ העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, לינקס — ער, ליאָווע, צווישן זיי — אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר אַכט־נײַן און אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר זעקס.

— האָסטו, הייסט עס, כאסענע געהאט פאר אן אנדער פרוי? — האָב איך, ניט ארויסגעבנדיק מיַין אנטוישונג, בא אים געפרעגט.

— יאָ, — האָט ער מיר געענטפערט, — כאסענע געהאט... אָבער טאקע פאר נעליען...

— איז פארוואָס זשע איז אויף דער פאָטאָ אן אנדער פרוי? — האָב איך געשטוינט.

— פארוואָס מיינסטו, אז אן אנדערע? — האָט ער געשמייכלט.

— אָבער, גאָט מיַינער! זי איז דאָך געווען... ווי דו האָסט דערציילט...

— דו זעסט זי דאָך אָבער נאָך דער צווייטער פּלאַסטישער אָפּעראַציע! — האָט ער אויסגערופן, — נו, דו דאַרפסט נאָך נעמען אין אכט, אז דער רעטושאָר האָט זיך אויך א ביסל צוגעסטאַרעט... אָבער נאָך דער צווייטער אָפּעראַציע, וועלכע עס האָט זייער געלונגען געמאכט אן אנדער מאָסקווער פּראָפעסאָר, איז נעליעס פּאָנעם געוואָרן, ניט צו פארגליַיכן, נאָרמאלער, שענער...

צונעמענדיק בא מיר די פאָטאָגראַפיע, האָט דער מענטש א מינוט אויף איר אָנגעשטרענגט געקוקט. זיַינע באטריבטע אויגן האָבן אָנגעהויבן ווארעם צו שמייכלען.

כראָניק

טעאטראלע ניַיס

צו ניַיע שעפערישע דערפאָלגן

אינעם פארגאנגענעם יובילייאָר איז דעם קאָלעקטיוו פונעם ביראָבידזשאנער ייִדישן פאָלקסטעאטער, מיט וועלכן עס פירט אָן די באקאנטע ייִדישע שוישפּילערן, לאורעאט פונעם ערשטן אלפארבאנדישן פעסטיוואל פון קינסטלערישער שאפונג בערטע שילמאן, צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל לאורעאט פונעם וולאדיוואָסטאָקער זאָנאלן קאָנקורס.

דער טעאטער האָט צום 60־טן יאָרטאָג פונעם גרויסן אָקטיאבער אופגעפירט שאָלעם־אליַיכעמס „טעוויע דער מילכיקער". באנאנד מיט די טעאטראלע שטעלונגען ווערן געגרייט אויך קאָנצערטפּראָגראמען, מיט וועלכע די ארטיסטן טרעטן ארויס פאר די צושויער פון דער געגנט. אינעם צווישנפעלקערלעכן טאָג פון טעאטער זיַינען זיי געווען צוגאסט בא די איַינוווינער פונעם קאָלווירטישן דאָרף וואלדהיים.

ניט לאנג צוריק איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס אָנצורופן דעם קאָלעקטיוו מוזיקאל־דראמאטישער פאָלקס־טעאטער. אין זיַין שטאָט זיַינען צוגעקומען דריַי ניַיע שטעלעס — א באלעטמייסטער, א קאָנצערטמייסטער און א כאָרמייסטער, וואָס וועט געבן א מעגלעכקיַיט צו העכערן דעם קינסטלערישן ניוואָ פון די קינפטיקע ספּעקטאקלען.

— איצט, — דערציילט דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם טעאטער ב. שילמאן, — ארבעטן מיר איבער ג. כוגאיעווס פּיעסע „אנדראָ און סאנדראָ" און האָבן אָנגעהויבן רעפעטירן א ניַיע איַינסצענירונג לויט שאָלעם־אליַיכעמס ראָמאן „בלאָנדזנדע שטערן". מיר זיַינען פול מיט שעפערישער ענערגיע און סטארען זיך דערפרייען די צושויער מיט ניַיע ספּעקטאקלען און אינטערעסאנטע קאָנצערטן.

באהאנדלט א ניַיע פּיעסע

אן ענגע שעפערישע פארבינדונג האלט דער קאָלעקטיוו פונעם ביראָבידזשאנער ייִדישן מוזיקאלישן דראמאטישן פאָלקס־טעאטער מיטן שריַיבער בוזי מילער. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער טעאטער אופגעפירט זיַין פּיעסע „פונעם הימל פאלט גאָרניט אראָפּ", וועלכע עס האָבן וואַרעם אופגענומען די צושויער.

לעצטנס איז פאָרגעקומען א ניַיע שעפערישע באגעגעניש פון דעם טעאטער־קאָלעקטיוו מיטן שריַיבער, וועלכער האָט פאָרגעלייענט זיַין ניַיע קאָמעדיע „דריַי און דריַיסיק גיבוירים". די האנדלונג פון דער פּיעסע קומט פאָר אין אונדזערע טעג, אין ביראָבידזשאן.

אין דער באהאנדלונג האָבן זיך באטייליקט די פארוואלטערן מיטן קולטור־אָפּטייל פונעם ביראָבידזשאנער שטאָטויספירקאָם ב. מאזאָ, דער רעזשיסער פונעם פאָלקסטעאטער ב. שילמאן, די ארטיסטן ש. קאָניק, כ. עפשטיין, ס. גערזאָן און אנד. זיי האָבן אָפּגעמערקט די אקטועלקיַיט פון דער טעמע פון דער ניַיער פּיעסע, אירע סצענישע מיַילעס און האָבן פאָרגעלייגט זי איַינשליסן אין רעפּערטואר פונעם טעאטער.

אינעם ייִדישן מוזיקאלישן קאמער־טעאטער

דער ניַיער ייִדישער מוזיקאלישער קאמער־טעאטער אונטער דער אָנפירונג פון יורי שערלינג גרייט איצט זיַין ערשטן אָפּערע־ספּעקטאקל, וואָס שילדערט דאָס לעבן פון א ייִדישער מישפּאָכע אין אָנהייב פונעם 20־טן יאָרהונדערט.

אין דער פאָרשטעלונג (מוזיק פון יורי שערלינג, ליברעטאָ — איליא רעזניק, כאָים ביידער) באטייליקן זיך העכער דריַיסיק יונגע שוישפּילער.

די פּרעמיערע איז אָנגעמערקט צו באוויַיזן סאָף זומער 1978.

■ ■ ■

וואַלענטין טאַמין

דער וועג אַהיים

1

מײַן קאָמאַנדירונג אין די טראַנסקאַרפּאַטן האָט זיך אָנגעהויבן ניט געוויינלעך — אין מוקאַטשעװאָ האָט מען מיך אַראָפּגענומען פֿונעם צוג... אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט — אַראָפּגענומען... ניין, איך בין ניט געפֿאָרן אָן קיין בילעט — נאָך אין מאָסקווע האָב איך אים געקויפֿט ביז אוזשגאָראָד אויף שנעלצוג מאָסקווע — פּראָג און בין געווען זיכער, אַז ער וועט מיך ברענגען גלײַך אויפֿן אָרט...

אין מוקאַטשעװאָ איז דער צוג געשטאַנען איינגאַנצן עטלעכע מינוט. דאָס איז געווען די לעצטע סטאַנציע פֿאַר אוזשגאָראָד, און איך האָב זיך געקליבן אַראָפּשטײַגן. דער צוג האָט שוין געדאַרפֿט זיך רירן, ווען אין מײַן וואַגאָן איז אַרײַנגעשפּרונגען אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק, אַ שטאַלטנער און אונטערגעצויגענער, און איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז ער דאַרף, ווײַזט אויס, זיך פֿאַרנעמען מיט ספּאָרט. ווי עס האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן, האָב איך ניט געהאַט קיין טעות — דער באָכער איז געווען ניט בלויז אַ ספּאָרטסמען, נאָר אַ מײַסטער פֿון ספּאָרט... ער איז געלאָפֿן איבערן קאָרידאָר, האָט אַרײַנגעקוקט אין יעדער קופּע און אויף אַ קול געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן מײַן נאָמען.

איך האָב זיך אָפּגערופֿן.

דער באָכער איז צוגעלאָפֿן צו מיר, האָט ענערגיש אַ דריק געטאָן מײַן האַנט און זיך פֿאָרגעשטעלט:

— אַנטאָן יאַציניאַ, פֿונעם שטאָטישן קאָמיוג־קאָמיטעט... נעמט, ביטע, אײַערע זאַכן... איר דאַרפֿט אַראָפּשטײַגן אָט דאָ, דער צוג זאָל אײַך ניט אָװעקפֿירן קיין טשאָפּ, צו דער גרענעץ...

איך האָב געפּרוּווט אים דערקלערן, אַז איך האָב אַ בילעט קיין אוזשגאָראָד, נאָר אַנטאָן האָט שוין אַנטשיידן אַ כאַפּ געטאָן מײַן טשעמאָדאַנדל, און מיר זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם וואַגאָן.

אָט אַזוי האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין מוקאַטשעװאָ. לאָזט זיך אויס, אַז די אָרטיקע קאָמיוגיסטן, דערוויסנדיק זיך וועגן מײַן וויזיט, האָבן עטוואָס „אָפּגעהאַלטן" מײַן צוג, איך זאָל ניט דורכלאָזן דאָס אָרט, וווהין איך דאַרף קומען. אָט דער צוג איז דורך אוזשגאָראָד ניט געגאַנגען, און מע האָט מיך אַראָפּגענומען פֿון אים טאַקע באַצײַטנס...

אַנטאָן יאַציניאַ און זײַן כאַוער — דער לוואָווער געלערנטער־היסטאָריקער באָגדאַן מיכאַליוניאַ האָבן אין וועג צום האָטעל מיר דערציילט וועגן מוקאַטשעװאָ, וועגן דער שטאָט, פֿון וואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבן מײַן קאָמאַנדירונג אין די קאַרפּאַטן.

באָגדאַן מיכאַליוניאַ איז אַ היסטאָריקער־רעסטאַווראַטאָר, עטלעכע טעג אַרבעט ער שוין אין אײנעם אָרטיקן שטאָטישן אַרכיוו, זוכט דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן מוקאַטשעװער שלאָס, און טיילט זיך געגרן מיט מיר מיט אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן שלאָס.

די טעריטאָריע פֿון די טראַנסקאַרפּאַטן איז שוין פֿון X—XI יאָרהונדערטער געווען אין באַשטאַנד פֿון קיִעווער רוס. די פֿירשטלעכע רײַסענישן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אָנגע־

הויבן, האָבן אָפּגעשוואַכט די מעכטיקע רוסישע מעלוכע, און זי האָט שוין ניט געקאָנט פאַר־טיידיקן איר אָפּגעווײַטערטן מיזרעכדיקן ראַנד פון די אויסערלעכע שׂונאים. אַזוי־אַרום זײַנען די טראַנסקאַרפּאַטן אין דער מיט און אין דער צווייטער העלפט פון XI יאָרהונדערט אַרײַן־געפאַלן אין די הענט פון די אונגאַרישע פעאָדאַלן.

די ערשטע שריפטלעכע דערמאָנונגען וועגן מוקאַטשעווא געהערן צום IX יאָרהונדערט, וועגן דעם ווערט אָנגעוויזן אין דער כראָניק „געסטאַ הונגאַראָרום" פונעם אונגאַרישן פּינ־קעס־שרײַבער אַנאָנימוס אין סאָף XII יאָרהונדערט. אין שײַכעס מיטן נאָמען פון דער שטאָט גייט אַרום אַ לעגענדע, אַז זי איז געגרינדעט געוואָרן לעבן דעם פעאָדאַלן שלאָס, וואָס זײַן בויונג האָט פאַרשאַפט ניט ווייניק צאָרעס און פּײַן די פּאָשעטע מענטשן. פונדאַנען איז, אַפּאָנעם, אַנטשטאַנען דער נאָמען — מוקאַטשעווא (פונעם אוקראַיִנישן וואָרט „מוק" — פּײַן).

די גאַסן און די ווענט פונעם אַלטערטימלעכן שלאָס געדענקען אַ סאַך פאַרכאַפּער — די אונגאַרישע פעאָדאַלן, די טראַנסילוואַנער פירשטן — טערקישע וואַסאַלן, די עסטרײַכישע מאָנאַרכן גאַבסבורגער. די פאַרכאַפּער האָבן ניט איין מאָל פאַרניכטעט די שטאָט, אַרופּגע־לייגט אַף די אײַנוווינער גרויסע שטײַערן און קאָנטריבוציע. אָבער די מוקאַטשעווער טויש־ווים האָבן ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל אופגעשטעלט זייער שטאָט.

די געבײַדע פון דער געוועזענער שטאָט־אופּראַווע, ווו עס געפינט זיך איצט דער שטאָ־טישער סאָוועט, איז געווען אַן אָרט פון אײַנגעשפּאַרטע קלאַסן־שלאַכטן. פונעם באַלקאָן פון אָט דעם הויז איז דעם 22 מאַרט 1919 פּראָקלאַמירט געוואָרן די סאָוועטנמאַכט. דאָ האָט זיך דעמלט געפונען דער דירעקטאָריום — דער אויספירקאָם פונעם סאָוועט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן. עמעס, ניט לאַנג — אײַנגאַנצן פערציק מעסלעס. דערנאָך האָט דאָס מיליטער פון דער בורזשואַזער טשעכאָסלאָוואַקיע און פון דער באָיאַרישער רומעניע דערד־שטיקט די רעוואָליוציע...

אָבער ניט די היסטאָרישע זעלטנהײַטן פון מוקאַטשעווא און ניט קיין פּאָשעטע נײַגערי־קײַט צו די מענטשן פונעם גוצולישן קאַנט האָבן מיך אַהער געבראַכט. אַפן אַנדערן טאָג אינ־דערפרי זײַנען מיר מיט באָגדאַן מיכאַליוניאַ אַרויסגעגאַנגען פונעם האָטעל און אַוועק איבער דער שטאָט.

מיר זײַנען געקומען אינעם הויף פון דער געוועזענער שטאָט־אופּראַווע, פאַרבײַגעגאַנ־גען די שלאַנקע רייען יאַפּאַנישע ווײַנשלבײמער, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט זייער צאַרט־ראָזעווען צוויט קעגן דער אַפּרעל־זון, און אַרײַן אינעם אײַנשטאָקיק הויז פונעם מוקאַטשעווער שטאָטקאָם פון קאָמיוג. דאָרט האָב איך דערציילט אַנטאָן יאַציניען און באָגדאַן מיכאַליוניאַ וועגן דעם איניען, וואָס לאָזט מיך ניט צורו שוין זיבן יאָר...

2

„25 נאָיאַבער 1944.

אין אָפּטייל פונעם פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע איניאָנים, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן קאַמף קעגן קינדערישער פאַרוואָרלאָזטקײַט.

אין יון 1941 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון מאָפּר אין פּסטר אָפּגעשיקט אַ גרופּע קינדער פון די פּאָליטעמיגראַנטן אין דער סאַנאַטאָריע נאָוואַיעלניאַ, באַראַנאָוויטשער געגנט. שפּעטער איז די קינדער אויסגעקומען צו לעבן אַף דער טעריטאָריע, וואָס די דײַטשן האָבן אָקופּירט. אַ טייל פון די קינדער האָט מען נאָכן אַרויסטרײַבן די דײַטשן אָפּגעזוכט און אומ־געקערט די עלטערן. די איבעריקע זוכן מיר. איינס אַ מיידעלע, וואָס מיר האָבן געזוכט — גליקאַזיאַ פּאַלעטאַ, 14 יאָר אַלט, האָט דעם 21 נאָיאַבער האַיאָר צוגעשיקט איר מוטער אַ בריוו, אין וועלכן זי שרײַבט, אַז נאָך פיל וואָגלענישן איז זי געקומען אַף דער טעריטאָריע פון טראַנסקאַרפּאַטער רוס, מוקאַטשעווער ראַיאָן, אינעם דאָרף טשערוועגעווא, געפינט זיך אין אַ קינדערהיים און בעט, די מאַמע זאָל קומען נאָך איר.

מיטיילנדיק וועגן דעם, בעט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון מאָפּר פון פּסטר אײַערע פאַראָרדענונגען מיקויעך אָפּשיקן דאָס מיידעלע גליקאַזיאַ פּאַלעטאַ קיין מאָסקווע.

פאַרזיצער פון צק פון מאָפּר פון פּסטר

א. ש א ר אָ נ אָ ו ו".

אין 1970 האָב איך, אַרבעטנדיק אין איינעם אַן אַרכיוו, זיך אָנגעשטויסן אַף אַט דעם דאָקומענט, און צווישן אַנדערע מאַטעריאַלן — אָנפּראַגעס, בריוו און צעטלען — אָנגעטראָפן אַפן נאָמען פון מײַנעם אַ כאַווער פון די קינדער־יאָרן. מיר האָבן געלעבט אין איין מאָסקווער הויז, זיך געשפּילט אין איין הויף.

וואָן לי... אַ לאַנגע צײַט האָב איך גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן אים. וועגן זײַן גורל זײַנען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען, אָבער קיינער האָט גענוי ניט געקאָנט זאָגן, ווו ער געפינט זיך און וואָס איז מיט אים. און כ׳האָב באַשלאָסן גיין לויט די שפּורן פון וואָן לי און זײַנע כאַווײרים. איך האָב זיך געטראָפן מיט אַ סאַך פון זיי, מיט זײַן מוטער און שוועסטער, אים געזוכט אין ווײַסרוסלאַנד, בולגאַריע, טשעכאָסלאָוואַקיע, אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

און אָט וואָס עס האָט זיך אויסגעקלאָרט.

דעם 17 יוני 1941 איז אַ גרופּע קינדער, וועלכע האָט זיך געקליבן אַרויספאָרן אין אַ פּיאָנער־לאַגער אין באַראַנאָוויטשער געגנט, זיך צונויפגעקומען אַפן בעלאָרוסקי וואָקזאַל אין מאָסקווע. צווישן די באַגלייטנדיקע איז געווען אויך אַנאַ לעאָנידאָוונאַ גולבינסקאַיאַ. איר זון וואָן לי האָט אויך געדאַרפט אַוועקפאָרן קיין נאַוואָיעלניאַ. דעם ייִנגלס פאָטער — לאָ פו איז געווען אין כינע[1].

...אַ פײַף — און דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט.

אין איין וואַגאָן זײַנען געפאָרן די קינדער פון די אויסלענדישע רעוואָליוציאָנערן — טשעכן, סלאָוואַקן, כינעזער, אַ קאָרייער, עסטרײַכער, אַ בולגאַר, אַ רומענער, אַ נעגערל, אַן איטאַליענערן, אַ דײַטשקע, אַ רוס... זין און טעכטער פון יענע, וועלכע עס האָט געקעמפט אַף די באַריקאַדן פון וויִן, אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אַף דער שפּאַנישער ערד, אינעם אַנטיפאַשיסטישן אונטערערד.

אייניקע פון זיי האָבן געקענט איינער דעם אַנדערן נאָך פון פריִער. די סלאָוואַקן — אַ ברודער און אַ שוועסטער — יולי און וואַליע גערע, די שוועסטער וולאַסטאַ און מירא רעניאַק, די איטאַליענערן גליוקאַזיאַ פּאַלעטטאַ און דער קאָרייער וולאַדימיר מאַרסין האָבן צוזאַמען אָפּגערוט מיט אַ יאָר צוריק אינעם פּיאָנער־לאַגער בעשטאַו הינטער פּיאַטיגאָרסק. אַנדערע האָבן זיך דערצויגן אין איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים אַף יע. סטאַסאָוואַס נאָמען. אייניקע האָבן געלעבט מיט די עלטערן אין מאָסקווע...

אין צוויי טעג אַרום זײַנען זיי געקומען אַפן אָרט, אין דאָרף נאַוואָיעלניאַ.

זונטיק, דעם 22־טן יוני 1941, איז די גאַנצע קאָמפּאַניע, צוזאַמען מיט די דאָרפישע קינדער, אַוועק צום טײַך זיך באָדן. זיי האָבן געשטיפט, זיך געקײַקלט אין גראָז, געקײַכט פון געלעכטער, דערמאָנענדיק, ווי די דערציִערנס האָבן מיט אַלע קויכעס געזייפט און געוואַשן אין באָד דאָס נעגערל דזשים קאָמאַגאַראָוון און דעם קאָרייער וואָלאָדיע מאַרסינען גלײַך נאָך זייער אָנקום אינעם פּיאָנער־לאַגער, באַמיִענדיק זיך מאַכן זייער טונקעלע הויט כאָטש אַ ביסעלע העלער.

און פּלוצעם האָבן די קינדער דערזען אַן עראָפּלאַן. ער איז געפלויגן גאַנץ נידעריק, און אַף זײַנע פליגלען האָט מען בוילעט געקאָנט זען אַ האַקנקרייץ. ניט גלײַך האָבן זיי באַגריפּט, וואָס עס באַטײַט דאָס באַווײַזן זיך פון פאַשיסטישע עראָפּלאַנען אין סאָוועטישן הימל, ניט באַלד דערפילט דעם אומגליק, וואָס לויערט נאָך זיי...

פאַרשיידן איז געווען זייער גורל.

די מילכאָמע האָט צעשיידט די עלטערן און קינדער, און פיל פון זיי — אַף שטענדיק...

די מאַמעס פון די קינדער, וועלכע זײַנען אַוועקגעפאָרן קיין נאַוואָיעלניאַ, האָבן ניט איין מאָל זיך געווענדעט אין צק פון מאָפּר פון פססר, אין די פּאָליט־אָפּטיילן פון די פראָנט־טיילן, אין די מיליציע־אָרגאַנען. ס׳איז ניט געווען, דאַכט זיך, אַזאַ אַנשטאַלט, אין וועלכן מע האָט ניט געזען אָט די אומגליקלעכע פרויען מיט פאַרוויינטע אויגן, ס׳איז ניט געווען אַזאַ אַדרעס, אַף וועלכן עס זײַנען ניט אָנגעקומען בריוו מיט ווײ־געשרייען און באַקאַשעס נאָך הילף. ס׳איז געגאַנגען אַ מילכאָמע, ס׳זײַנען אומגעקומען און פאַרפאַלן געוואָרן אָן אַ זייכער צענדליקער טויזנטער מענטשן. און צווישן זיי האָט אַף דער אָקופּירטער טעריטאָריע פון ווײַסרוסלאַנד, אין טיפן הינטערלאַנד פון דעם היטלערישן מיליטער, זיך פאַרלוירן אַ הײַפעלע

[1] לאָ פו (טשאַן וועןֹ־טיאַן) — אַן אָנגעזעענער טוער פון דער כינעזישער קאָמפּאַרטיי, אַ טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט און איבערזעצער פון דער מײַרעוודיקער און רוסישער ליטעראַטור. פאַרענדיקט אין פססר דעם אוניווערסיטעט אַף סון יאַט־סענס נאָמען. אין פעריִאָד, וועגן וועלכן עס גייט אַ רייד, איז ער געווען אַ מיטגליד פון פּאָליטביוראָ און גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער כינעזישער קאָמפּאַרטיי. אין די זעכציקער יאָרן געפאַלן אַ קאָרבן פון אומבאַגרינדעטע רעפּרעסיעס מיצאַד די פּעקינער רעוויזיאָניסטן.

קינדער, א קלײנינקער אינטערנאַציאָנאַל. דער גורל פֿון אָט די קינדער האָט ווי סימבאָליזירט דעם גורל פֿון דער גאַנצער וועלט, אַן אײַנגעבראָכענער פֿון דער מלחמה, א צעקאַליעטשעטער פֿונעם פֿאַשיזם.

די ערשטע ידיעות וועגן די קינדער האָט זיך באַוויזן אין דרײַ יאָר אַרום. אין 1944 איז קיין מאָסקווע אָנגעקומען א בריוו, אין וועלכן עס איז מיטגעטײלט געוואָרן, אַז אין א פֿויערישער משפּחה אַפֿן כוטאָר ראַדיוקי, באַראַנאָוויטשער געגנט, געפֿינט זיך דער זעכצניאָריקער רומענער וולאַדימיר בוינאַק (מאַקאַראָוו).

דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט באַפֿרײַט ווײַסרוסלאַנד, איז דורכגעגאַנגען איבער די ערטער, וווּ עס וואָלטן זיך געקאָנט געפֿינען די פֿאַרפֿאַלענע קינדער, און דער צק פֿון מאָפּר פֿון פּססר האָט באַשלאָסן שיקן אַהין א מענטש, וואָס זאָל זיי אָפּזוכן און ברענגען צוריק אַהיים.

וועמען זשע שיקן אין אַזא שליכעס?

דער אויסוואַל איז אויסגעפֿאַלן אַף וואַן ליס מוטער, דעם קאַפּיטאַן פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי אַנאַ גולבינסקאַיאַ, וועלכע האָט געאַרבעט אין א מיליטערישן אַנשטאַלט. זי איז די ערשטע געקומען צו איגאַר אַסטאַפּיעוון, ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. ווו איז וואַן? וואָס איז מיט איר זון?

אָבער וואָס האָט איר געקאָנט מיטײלן דער צוועלפֿיאָריקער איגאָר? ער האָט גענוי דערצײלט דער מוטער פֿון זײַן כאַווער, וויאַזוי זיי זײַנען זאַלבעפֿינפֿט: וואַן לי, יאַנקאַ טשענגעלאָוו, יוראַ גאַלאָווין, יולי גערע און ער אַרויסגעגאַנגען פֿון נאָוואָיעלניאַ, וויאַזוי זיי האָבן געשפּאַנט אַף מיזרעך, זיך באַהאַלטן פֿון פֿאַשיסטישע עראָפּלאַנען, אַנטלאָפֿן פֿון די פּאַטרולן, געגנעכטיקט אין פֿאַרלאָזטע הײַזער, געקומען קיין באַריסאָוו, וויאַזוי זיי האָבן זיך צעשײדט... און אַלץ...

קיין מאָסקווע האָבן זיך אומגעקערט דער בולגאַר יאַנקאַ טשענגעלאָוו און דער סלאָוואַק יולי גערע. אַנאַ לעאָנידאָוונאַ האָט אויך באַ זיי געוואָלט זיך דערוויסן עפּעס־וואָס וועגן דעם גורל פֿון איר זון. אָבער זיי האָבן געוווּסט נאָך ווייניקער.

און ווען מע האָט איר פֿאַרגעלײגט פֿאָרן אַהין, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען די קינדער, און, מעגלעך, אויך איר זון, האָט אַנאַ גולבינסקאַיאַ אָן שום שיעס גלײַך געגעבן די האַסקאָמע אויסצופֿילן די דאָזיקע שליכעס. אַף וויפֿל זי איז געווען א מיליטערמאַן, האָט זיך איר אײַנגעגעבן גיכער זיך דערקלײַבן צו די ערטער, וווּ ערשט ניט לאַנג צוריק זײַנען געגאַנגען שלאַכטן.

גולבינסקאַיאַ איז געפֿאָרן אַף מײַרעוו צוזאַמען מיט א סאַניטאַרישן צוג, וועלכער האָט אָנגעיאָגט דאָס מיליטער, וואָס איז אַוועק ווײַט פֿאָרויס. זי איז געזעסן אין א פּוסטער קופּע, ווו אַלק איז געווען גרייט אופֿצונעמען פֿאַרוווּנדעטע, און האָט געקוקט אין פֿענצטער. פֿאַר אירע אויגן האָבן זיך דורכגעטראָגן פֿאַרברענטע, כאָרעווע דערפֿער, פֿון וועלכע עס זײַנען געבליבן בלויז סטאַרטשענדיקע קוימענס, פֿאַרקוילטע ביימער, טיפֿע גריבער, אַפֿן וועג האָבן זיך געוואַלגערט פֿאַרזשאַווערטע, צעקוועטשטע רעשטלעך פֿון אויטאָמאָבילן און טאַנקען, סקעלעטן פֿון איבערגעקערטע אײַזנבאַן־וואַגאָנען. אויסער דער קאָמאַנדירונגס־צײַגעניש און די דאָקומענטן, וועלכע עס האָט איר אַרויסגעגעבן דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון מאָפּר, האָט אַנאַ לעאָנידאָוונאַ געהאַט צוויי ניט פֿינקטלעכע אַדרעסן — פֿונעם רומענער וולאַדימיר בוינאַק (מאַקאַראָוו) און פֿון דעם עסטרײַכער וואַלדלען באַדיאַן. קיין שום ידיעות וועגן אַנדערע קינדער האָט זי ניט געהאַט.

שוין, אַפֿאָנעם, דאָס הונדערטסטע מאָל האָט זי איבערגעלײענט דעם לעצטן בריוו פֿון איר זון, כאָטש זי האָט געוווּסט אַף אויסווייניק די קאַרגע שורעס, יעדעס וואָרט:

„א גוטמאָרגן, מאַמע! איך בין געקומען צו פֿאָרן אין סאַנאַטאָריע. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מינסק, און נאָך אונדז איז געקומען א מאַשין, אַף וועלכער מיר זײַנען אוועקגעפֿאָרן אין לאַגער אַף אָפּרו. און נאָך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין ניעגאָרעלאָיע, ווו מע האָט דורכקאָנטראָלירט די דאָקומענטן, און דערנאָך זײַנען מיר אַריבערגעפֿאָרן די אַלטע גרענעץ. דאָרט האָבן מיר געזען טויערן און זאַסטאַוועס.

מאַמע, שרײַב אָן, וואָס טוט מאַרינאַטשקע און וואָס טוען אַלע אייגענע. מאַמע, צי האָסטו באַקומען א קאַרטל פֿון מיר? שרײַב אָן וועגן אַלץ. 20 יוני 1941. דער צוריק־אַדרעס: ווײַסרוסלאַנד, באַראַנאָוויטשער געגנט, נאָוואָיעלניאַ. קינדערישער סאַנאַטאָריע. וואַן לי איזמײַלאָוו".

פֿונעם 13־טן ביזן 16־טן אויגוסט 1944 איז דער קאַפּיטאַן אַנאַ גולבינסקאַיאַ געווען אין מינסק. אין דער כאָרעווער שטאָט האָט זיך אײַנגעשטעלט א פֿרידלעך לעבן. אין די גאַנץ געבליבענע קעלערס, אין די הײַזער, וועלכע האָבן זיך פֿאַרהיט, האָבן שוין אָנגעהויבן אַרבעטן די אַנשטאַלטן און קווידעמקאַל — קינדערהײַזער און זאַמלפּונקטן. הונדערטער קינדער האָט די

מילכאָמע פאַריאָסעמט, און דאָס לאַנד, נאָך פירנדיק בלוטיקע שלאַכטן מיטן סוינע, האָט גע־שטרעבט זיי צו ראַטעווען, אומקערן די אָפּגערויבטע קינדהייט.

פּעקלעך פּאַפּירן מיט נעמען פון קינדער, מיט אַדרעסן אין די בילדונגס־אָפּטיילן און אָפּ־טיילן פון געזונט־פּאַרהיטונג, אין אַנשטאַלטן פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון אינערלעכע איניאַנים.

— וועמען זוכט איר? — האָט מען זי געפרעגט.

— די קינדער פון מאַפּר, — האָט געענטפערט גולבינסקאַיאַ.

שאָענוויז האָט זי פּאַנאַנדערגעקליבן פאַרשיידענע פּאַפּירלעך, זיך איינגעלייענט אין די האַלב־פאַרמעקטע, אָנגעשריבענע מיט אַ בלייַער בוכשטאַבן, געשמועסט מיט קינדער, דער־ציִערנס, מיט פּאַרטיזאַנער, מיט אָנפירער פון די קינדערישע פּאַנאַנדערטיילונגס־פּונקטן. אָבער קיין שום שפּורן פון די מאַפּר־קינדער איז אין דער שטאָט ניט געווען. איר האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוזוכן דעם צוועלפיאָריקן עסטרייַכער וואָלאָדיק באַדיאַן, וועלכן די טוער פון מיליציע האָבן געבראַכט קיין מינסק פונעם דאָרף דאַשקי, לאָגאָיער ראַיאָן.

אָבער וואָן לי איז אין ערגעץ ניט געווען.

דעם 17־טן אויגוסט איז דער קאַפּיטאַן אַנאַ גולבינסקאַיאַ געווען אין באַראַנאָוויטש, דעם 19־טן אין וואָלקאָוויסק, דערנאָך אין ביאַליסטאָק, אין גראָדנע, אין סקידעל, לידע, מאָסטי, ברעסט. און אומעטום האָט זי געזוכט די „קינדער פון מאַפּר", געהאַט באַגעגענישן מיט טוער פון סאָוועטישע און פּאַרטיי־אָרגאַנען, מיט געוועזענע פּאַרטיזאַנער, געשמועסט מיט די אַר־טיקע איינוווינער, באַזוכט קינדערהייַזער און זאַמלפּונקטן, יעסוימים־הייַזער פון קאַטוילישע מאָנאַסטירן, שפּיטאָלן. זי איז קימאַט ניט געשלאָפן, כאָטש געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט. פון איין געדאַנק, פון איין לייַדנשאַפט האָט זי געוווּסט אין אָט די אָנגעשטרענגטע טעג: אומבאַדינגט געפינען די פאַרפאַלענע, אָפּזוכן דעם זון. נאָר אירע זוכענישן זייַנען געווען אומזיסט.

ענדלעך איז אַנאַ לעאָנידאָוונאַ געקומען קיין נאָוואָיעלניאַ. מיט אַ פאַרקילט האַרץ איז זי געגאַנגען איבער די שטויביקע גאַסן פונעם דאָרף. פונדאַנען האָט זיך מיט דרייַ יאָר צוריק, אין יוני 1941, אָנגעהויבן דער פייַנטלעכער וועג פון די קינדער אין דער אומבאַוווּסטקייט. עפּ־שער ווייסט עמעצער וועגן זייער גורל?

— די קינדער־אויסלענדער זייַנען דאָ געווען ביז פּרילינג 1943, — האָט איר דערציילט דער סעקרעטאַר פונעם דאָרפסאָוועט קיראַ אַלעקסאַנדראָוונאַ זשמוראָ. — געלעבט האָבן זיי אין יעסוימים־הויז, וועלכן עס האָבן אָרגאַניזירט די פאַשיסטן. דערנאָך האָט מען זיי איבער־געפירט קיין דיאַטלאָוואָ, וווּ עס האָבן זיך געפונען די קינדער, וועלכע מע האָט אַרויסגעפירט פון הינטער לענינגראַד. די היטלעראָווצעס האָבן בייסן אָפּטרעטן זיי עוואַקויִרט אַף מייַרעוו...

נאָך אַ פּאַוזע האָט קיראַ אַלעקסאַנדראָוונאַ צוגעגעבן:

— צוויי מיידעלעך, ראָזען און וואַליען, האָבן די פאַשיסטן דערשאָסן... ס'האָט זיי אַרויס־געגעבן אַ דערציִערן, וועלכע די אָקופּאַנטן האָבן באַשטימט אַף אַרבעט אין יעסוימים־הויז.

מער האָט דער סעקרעטאַר פונעם דאָרפסאָוועט ניט געקאָנט דערציילן, און אַנאַ גולבינ־סקאַיאַ האָט גענומען אויספרעגן אַנדערע טוישווים פון נאָוואָיעלניאַ.

אַלץ, וועגן וואָס זשמוראָ האָט איר דערציילט, איז געווען רייַנער עמעס. די יונגינקע קאָנ־טאַרשטשיצע פונעם דאָרפסאָוועט מאַריאַ גערעסענקאָ, וועלכע האָט זיך געכאַווערט מיט די קינדער בייס זיי זייַנען דאָ געווען, האָט דערציילט:

— אין פּרילינג פונעם דרייַ־און־פערציקסטן האָט עמעצער געמאָסערט, אַז וואַליע גערע און ראָזע אוּוערבאַך זייַנען יידישקעס. די מיידעלעך האָט מען געפּאַקט און אָפּגעשיקט קיין נאָוואָגרודקי. דאָרט זייַנען שוין געווען צונויפגעזאַמלט טעלעכע הונדערט מענטשן. צוזאַמען מיט די אַנדערע פאַרורטיילטע האָבן וואַליע און ראָזע אויסגעגראָבן פאַר זיך אַ קייווער, לעבן וועלכן זיי זייַנען דערשאָסן געוואָרן...

בלויז נאָך דער מילכאָמע האָבן די עלטערן פון די קינדער זיך דערוווּסט דעם שרעקלעכן עמעס וועגן דעם אומקום פון זייערע טעכטערלעך.

ראָזעס מאַמע — אידע סאַמוילאָוונע האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם ווייטעק און איז אינגיכן געשטאָרבן, און דער פאָטער — איליאַ לאַפּאַטשאָוו, אַן אָנטיילנעמער פון דער נאַציאָנאַל־באַ־פרייַערישער מילכאָמע פונעם שפּאַנישן פאָלק און דערנאָך — אַ פּאַרטיזאַן אין יוגאָסלאַוויע, — איז עטלעכע מאָל געקומען צו פאָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, באַמיִענדיק זיך צו דערוויסן וועל־כע־ניט־איז פּראַטים וועגן דער טאָכטער. ער לעבט אין בעלגראַד און ווייסט ניט ביז הייַנט, ווו געפינט זיך דער קייווער פון זייַן מיידעלע, — פּונקט ווי עס ווייסט ניט אויך ליליאַ יוליעוו־

נאַ גערע און פיל טויזנטער אַנדערע פאַטערס און מוטערס, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער אין די מילכאָמע־יאָרן.

אַנאַ גולבינסקאַיאַ האָט, אַזויאַרום, געבראַכט פון איר קאָמאַנדירונג זייער קורצע, אומבאַשטימטע ידיעס. ס׳איז געווען נאָר באַוווּסט, אַז דרײַ קינדער — עריק גאַריונאָוו, וואַליע גערע און ראָזע אָווערבאַך (לאַפּאַטשאָווע) זײַנען אומגעקומען.

וועגן איר זון האָט גולבינסקאַיאַ זיך גאָרנישט ניט דערוווּסט.

אײנעם דאָרף ראַדיוקי האָט זי געגומען מיט זיך וואָלאָדיע בוינאַקן (מאַקאַראָוון). דאָס איז געווען דעם 24־טן אויגוסט, און דעם 25־טן איז דער „קאַפּיטאַן אַנאַ״ שוין געווען אין מינסק, דעם 26־טן — אין באָריסאָוו, דעם 28־טן — ווידער אין מינסק. און נאָכאַמאָל זײַנען אַוועק זור־כעגישן, טעג, פול מיט אָנגעשטרענגטער אַרבעט, שלאָפלאָזע נעכט. און איינע און די זעלבע ענטפערס: „ניין, ניטאָ, מיר ווייסן ניט, ניט געווען...״

די מוטער האָט געזוכט איר זון און זײַנע כאַווירים. דער בייזער ווינט פון מילכאָמע האָט זיי אונטערגעכאַפּט און, ווי טרוקענע בלעטער, אופגעהויבן און צעשלײַדערט אין פאַרשיידענע זײַטן. עס זײַנען שוין געווען אויסגעפרעגט אַלע אַנשטאַלטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט עפּעס וויסן וועגן זיי. אין מינסקער יעסוימים־הויז האָט זי בוכשטעבלעך פאַרן אַרויספאָרן אָפּגעזוכט נאָך איין קינד — דאָס נעגערל דזשים קאָמאַגאָראָוו. אָן אויסגעדאַרטס, הויט און ביינער, נאָר אַ לעבעדיקס...

דעם 29 אויגוסט 1944 האָט דער קאַפּיטאַן גולבינסקאַיאַ זיך געזעצט אינעם צוג מינסק־מאָסקווע. אין וואַגאָן זײַנען געווען אַ סאַך מיליטערלײַט, און, דערוויסנדיק זיך וועגן די יונגע מאַפּראָווצעס, זייער ביטערן גוירל, האָבן די סאָלדאַטן געהאַלטן אין איין מעכאַבעד זײַן אַנאַ לעאָנטיעוונאַ, וואָלאָדיען און דזשימען מיט קאָרענע סוכאַרעס און צוקער. דער גוירל פון די דרײַ ייִנגעלעך — דעם עסטרײַכישן, רומענישן און דעם נעגערל דערשיטערט אַפילע די פראָנטאָוויקעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעזען מיט געגוג אומגליקן, און זיי האָבן כאָטש מיט עפּעס־וואָס געוואָלט טרייסטן די קינדער. און די געראַטעוועטע זײַנען קוים געקומען צו־זיך נאָכן איבערגעלעבטן, זיי האָבן נאָך אַפילע ניט באַגרײַפט, אַז זיי זײַנען באַפרײַט געוואָרן פונעם פאַשיסטישן געגעם.

איך האָב ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל געלייענט די מאַטעריאַלן, וואָס איך האָב צונויפגעזאַמלט. געגומען בלעטערן אַרכיוו־דאָקומענטן, די דערציילונגען פון איידעס, פּאַרטיזאַנער, וועלכע עס האָט געמאַכט אַ. ל. גולבינסקאַיאַ אין אירע נאָטיץ־ביכלעך אין 1944.

3

און איך האָב אומגעריכט זיך באַגעגנט מיט נאָך איינעם אָן אָנטיילנעמער פון דער געשיכטע אין נאָוואָיעלניאַ.

אַנטקעגן מיר זיצט באַם טיש דער ניט הויכער, אונטערגעצויגענער און יונגער וולאַדימיר מאַרסין — דער אינזשעניער פון איינער אַ מאָסקווער אונטערנעמונג. זינט יענער צײַט האָט אַ סאַך זיך פאַרמעקט אינעם זיכּאָרן — וולאַדימיר מאַרסין איז דאָך אין 1941 אַלט געווען אינגאַנצן אַכט יאָר.

— איך געדענק, ווי כ׳האָב אין נאָוואָיעלניאַ דערזען דעם ערשטן דײַטש, — דערציילט ער. — די היטלעראָווצעס זײַנען אַהין געקומען אין אַ וואָך אַרום נאָכן אָנהייב פון דער מילכאָמע. מיר זײַנען אַלע געזעסן אין עסצימער — ס׳איז געווען בייסן פרישטיק צי מיטיק. און פּלוצעם איז אַרײַנגעקומען אַ פאַשיסט. ניט קיין הויכער, דוכט זיך, ניט זייער קיין יונגער. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ שטויביקן גרוי־גרינעם מונדיר, מיט אַן אויטאָמאַט און גראַנאַטעס, וועלכע האָבן געשטעקט פון די ברייטע כאָליעוועס פון זײַנע שטיוול. מיר זײַנען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, און ער האָט געגומען אונדז שרעקן — געטיקעט דעם אויטאָמאַט זײַנעם אין אונדזער זײַט, געשריגן: „פּו־פּו!״ און האָט געלאַכט. דערנאָך זײַנען אַרײַנגעקומען נאָך סאָלדאַטן, אונדז אַרויסגעיאָגט אויף דער גאַס, אַרויסגעשלײַדערט אונדזערע זאַכן און געגומען אײַנאָרדענען אינעם הויז אַ קאַזאַרמע.

ס׳איז געווען וואַרעם, און מיר האָבן געלעבט ווי־ניט־איז, ניט קימערנדיק זיך זייער, וואָס מיר האָבן ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ. מיר האָבן גענעכטיקט אין שטאַלן, אויפן היי. איך און די כינעזערן טינאַ אַסטראָוואַ האָבן געפּאַשעט די בעהיימעס. די אָקופּאַנטן האָבן אוועקגעשטעלט

אין נאַוואָיעלניא זייערן א בורגאָמיסטער, ס׳האָבן זיך באַוויזן פּאָליציַיען פון אָרטיקע פּאַרע־טער אין א שוואַרצער אוניפאָרם מיט וויַיסע האַנט־באַנדן.

מיר זיַינען אַריַינגעפאַלן אין א יעסוימים־הויז, וואָס די פאַשיסטן האָבן אָרגאַניזירט. די אָקופּאַנטן האָבן צוגעשיקט א פּאַרוואַלטערן און דערציִער. אין הויז איז געווען ניט געמיטלעך, מיר האָבן געהונגערט.

אַנומלטן האָט דער בורגאָמיסטער באַשטימט, אַז מע דאַרף אונדז טויפן. מע האָט אַריַינ־געיאָגט אַלע קינדער אין טיַיך אַריַין, דער גאַלעך האָט א שפּריץ געטאָן, און מיר זיַינען גע־וואָרן געטויפטע. דערנאָך האָבן די מאַכט־אָרגאַנען פאַרמאַכט דעם קלויסטער, און דער אָרטי־קער קסיאָנדז האָט, אויסנוצנדיק די געלעגנהײַט, אונדז געמאַכט פאַר קאַטויליקער.

ווען ס׳איז קעלטער געוואָרן, איז דאָס לעבן אוועק נאָך שווערער. קיין האָלץ איז ניט געווען. מיר האָבן אויך ניט געהאַט קיין וואַרעמע מאַלבושים. מיר האָבן געהונגערט און גע־פּרוווט מיט די אייגענע קויכעס קריגן עפּעס־וואָס צו עסן — זיך געראַיעט אין די מיסטקאַסטנס, זיך פאַרנומען מיט בעטלערײַ.

מיך פלעגן די מיידעלעך שיקן בעטן שפּײַז בא די דײַטשישע סאָלדאַטן: „זאָג, אַז דו ביסט א יאַפּאַנער, מיט די יאַפּאַנער זיַינען זיי אין איין קאָמפּאַניע". און ווירקלעך, עפּעס־וואָס פלעג איך קריגן. מיט אַלץ, וואָס עס האָט זיך איַינגעגעבן צו דעראָבערן, האָבן מיר זיך געטיילט. זייער געהאָלפן האָט אונדז טינאַ. זי איז געווען א לעבנסלוסטיקע, א פריילעכע, אַלע האָבן זי ליב געהאַט. נאָר דעריקער — זי האָט פאַרמאָגט גאָלדענע הענטעלעך און האָט אויסגעלערנט אַלע מיידעלעך שטריקן. זיי האָבן געשטריקט פאַר די אָרטיקע איַינוווינער קאָפּטעלעך און שאַרפן און אויסגעביטן אויף פּראָדוקטן.

פּאָלעטטאַ גליוקאָזיזאָ און וואָלאַסטאַ רעניאַק, וועלכע האָבן געפּאַשעט די קי אויפן שכיינעס־דיקן כוטאָר ראַדיוקי, האָבן זיך דאָרט באַקאַנט מיט די אָרטיקע פּאַרטיזאַנער פון דעם אָטריאַד פונעם „פּעטער וויקטאָר". די מיידעלעך האָבן זיך צונויפגערעדט וועגן אַלץ, אַז וואָס זיי וועלן זען און הערן אין נאַוואָיעלניא, וועלן זיי איבערגעבן די פּאַרטיזאַנער. קיינער האָט ניט געוווּסט וועגן אָט דער אומלעגאַלער טעטיקײַט פון די יונגע פאַסטושקעס־אויסשפּירער.

פרילינג 1943 האָט מען די גרופּע איבערגעפירט קיין דיאַטלאָוואָ, אין א פאַשיסטישן יעסוימים־הויז. דער רעזשים איז דאָ געווען ווי אין א טפיסע. א שיטערע באַלאַנדע אויף מיטיק, טיי, א פענעצל ברויט אויף פרישטיק, א מילכיקע סיוואָרעטקע אויף וועטשערע. די קינדער האָבן אָנגעהויבן צו גיין איבער די הײַזער, אָבער וואָס האָבן די מענטשן זיי געקאָנט העלפן, אַז אַליין האָבן זיי גאָרנישט ניט געהאַט? צווישן די לענינגראַדער קינדער, וואָס מע האָט אַרויס־געפירט פון קראַסנאָיע סעלאָ, זיַינען געווען גאָר פּיצלעך — צוויי־דרײַ יאָר אַלט. די אייפּעלעך זיַינען איינס נאָכן אַנדערן אויסגעגאַנגען פון הונגער. די „מאַפּראָווצעס", וועלכע זיַינען געקו־מען קיין דיאַטלאָוואָ פון נאַוואָיעלניא, האָבן אונטערגעהאַלטן די קליינינקע לענינגראַדער מיט וואָס נאָר מע האָט געקאָנט, אָבער זיי זיַינען ניט בעקויעך געווען צו ראַטעווען אַלע 300 אומ־גליקלעכע, ווי זיי אַליין, קינדער.

זומער אין דעם זעלבן יאָר האָבן אויף די ווענט און אויף די פּלויטן פון די וויַיסרוסישע שטעט און דערפער זיך באַוויזן פאַרביקע פּלאַקאַטן מיט בילדלעך און אונטערשריפטן אויף וויַיסרוסיש, וועלכע האָבן ביזן הימל אַריַין געלויבט דעם פאַשיסטישן גאַניידן. אָבער אָפּנאַרן די מענטשן, וועלכע האָבן געגנוג זיך אָנגעזען, וואָס די היטלעראָווצעס האָבן אופגעטאָן אויף דער וויַיסרוסי־שער ערד, האָט מען ניט געקאָנט. האָט זיך אָנגעהויבן א צוואַנגס־רעגיסטראַציע פון דער יוגנט.

אין יענעם טאָג זיַינען וואָלאַסטאַ רעניאַק און פּאָלעטטאַ גליוקאָזיזאָ געקומען פון ראַדיוקי קיין דיאַטלאָוואָ באַזוכן זייערע פריַינט, און האָבן געטראָפן אינעם יעסוימים־הויז פּאָליציַיען.

— נעמט צונויף די זאַכן, שנעל!

וואָלאַסטען און דראַגאָמירען רעניאַק און טינען אַסטראָוואָ האָט מען פאַרנומען צוזאַמען מיט א גרופּע לענינגראַדער.

אין דיאַטלאָוואָ זיַינען געבליבן נאָר צוויי „מאַפּראָווצעס" — די איטאַליענערן פּאָלעטטאַ גליוקאָזיזאָ און דער קאַריער וואָלאָדיאַ מאַרסין.

דאָס ייַנגעלע האָט אָפּט געווייַנט, דערמאָנענדיק זיך, ווי גוט עס איז אים אַמאָל געווען מיט די פריילעכע און צוגעלאָזטע מיידעלעך, זיַינע מילדע כאַווערטעס.

— וויין ניט, וואָוקע, — האָט אים געפּרוווט באַרויִקן פּאָלעטטאַ, — אונדזערע זיַינען שוין נאָענט. איינגיכן וועט קומען די רויטע אַרמיי, און מיר וועלן זיך אומקערן קיין מאָסקווע. אונד־זערע וועלן באַפרײַען וואָלאַסטען, מירען, טינען, אַלעמען...

אין יול 1944, עטלעכע טעג פאַרן אָנקום פונעם סאָוועטישן מיליטער, האָבן די פּאָליציי און די סאָלדאַטן אַרויסגעטריבן פונעם יעסוימים־הויז אַלע קינדער און זיי אַוועקגעפירט אויף

דער סטאַנציע. צום עשעלאָן זײַנען געווען צוגעטשעפּעט עטלעכע פּלאַטפֿאָרמעס, אָנגעלאָדענע מיט אָנגערײבעוועטע אויטאָפּאַקרישקעס און אַ פּראַכט־וואַגאָן. אַהין האָט מען אַרײַנגעזעצט די קינדער. דער צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן פֿון אָרט און זיך אַוועקגעקײַקלט אין אומבאַוווסטקײַט...

— אָט אַזוי זײַנען מיר אַוועקגעפֿאָרן, — האָט פֿאַרגעזעצט זײַן דערציילונג וולאַדימיר מאַרסין. — פֿון די פּאַקרישקעס האָבן מיר אײַנגעאָרדנט נאַרעס און זיך אײַנגענורעט אין זיי. געהאַדעוועט האָט מען אונדז מיט סאָלדאַטישע שיראַיִם, אויף די אָפּשטעלן פֿלעגן מיר בעטלען, נאָר דאָס איז געווען געפֿערלעך. איך האָב געזען, ווי די פֿאַשיסטן האָבן דערהאַרגעט אַ ייִנגעלע. וואָס האָט בא זיי געבעטן ברויט — מע האָט אים אַ זעץ געטאָן מיטן קאָפּ אין די רעלסן.

אונדזערע וואַגאָנען האָט מען צוגעטשעפּעט אָט צו איין עשעלאָן, אָט צו אַ צווייטן, לאַנג געהאַלטן אין טופּיק. אויף דער סטאַנציע לידאַ האָבן מיר איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע באָמבאַרדירונג... איך געדענק ניט, וואָס פֿאַראַ מאַרשרוט איז דאָס געווען, נאָר צו האַרבסט זײַנען מיר געקומען אין עפּעס אַ גרויסער שטאָט. איך געדענק נאָר אַ ברייטן טײַך, שיינע בריקן. אַ מאָל זעקס איז דאָ דער עשעלאָן געפֿאָרן אַהין און צוריק, און ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ס׳האָט זיך מיטאַמאָל פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אונדזערע וואַגאָנען וועט מען אַראָפּוואַרפֿן פֿון די רעלסן און אונדז אַלעמען — דערהאַרגענען. די קינדער האָבן גענומען זיך צעלויפֿן. דערנאָך האָט עמעצער מיטגעטיילט, אַז די זאָרג וועגן אונדז וועט נעמען אויף זיך דער צווישנפֿעלקערלעכער רויטער קרייץ.

ערגעץ אין די קאַרפּאַטן האָט מען אונדז אַלע אַרויסגעיאָגט פֿון די וואַגאָנען און אָפּגעפֿירט אין עפּעס אַ קאַטוילישן פּרויען־מאָנאַסטיר. די אָרטיקע אײַנוווינער האָבן אויף אונדז ראַכמאָנעס געהאַט, די מאָנאַשקעס האָבן אונדז אונטערגעהאָדעוועט... מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אויף די פֿעלדער, אַראָפּגענומען זונרויזן, קוקורוזע. דער מאָנאַסטיר האָט זיך געפֿונען אין אַ זײַט פֿונעם וועג, און מיר האָבן ניט געוווּסט, וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט, ווי אַזוי עס גייט די מילכאָמע און ווו געפֿינען זיך אונדזערע. מיר זײַנען געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז עס האָט אונדז שוין גאָרנישט ניט געאַרט, אַ פֿולקומער גלײַכגילט צו אַלץ און צו אַלעמען. מיר האָבן געאַרבעט מעכאַניש, געגעסן מעכאַניש, געשלאָפֿן מעכאַניש...

איינמאָל, ווען מיר זײַנען געווען אין פֿעלד, הינטערן דאָרף, האָבן מיר פּלוצעם דערזען, ווי פֿון דער נאָענטער הויכעניש האָבן זיך בוכשטעבלעך אַ שאָט געטאָן אונגערישע סאָלדאַטן. זיי האָבן לויפֿנדיק געוואָרפֿן דאָס געווער, אויסגעטאָן די מונדירן און אין איינע אונטערשטע העמדער אַרײַן אין דער קוקורוזע. דערנאָך איז געוואָרן שטיל. ערגעץ האָט אַ הילך געטאָן אַ קאַנאָנאַדע, נאָר די אָפּטרעטנדיקע סאָלדאַטן האָבן מיר שוין מער ניט געזען. און אין עטלעכע טעג אַרום, גייענדיק פֿונעם מאָנאַסטיר, האָבן מיר אינעם דאָרף טשערוועניעוואַ באַגעגנט אונדזערע...

וואָס זשע איז געשען מיט די אַנדערע קינדער פֿון דער מאָסקווער אינטערנאַציאָנאַלער גרופּע? וווּהין זײַנען אַהינגעקומען וואָלאָדיע מאַרסינס כאַווייריִם? עפּעס־וואָס האָט זיך אויסגעקלאָרט נאָך אין סאַמע אָנהייב פֿון מײַנע זוכענישן.

אינגיכן נאָך דער מילכאָמע האָט זיך אָפּגערופֿן דאָס סלאָוואַקישע מיידעלע וולאַסטאַ רעניאַק. זי האָט צוגעשיקט אין צק פֿון מאָפּר אַזאַ בריוו:

„אײַך איז מיסטאָמע באַוווּסט, אַז דעם 17 יוני 1941 איז אַ גרופּע קינדער — איין און צוואַנציק מענטשן — אַוועקגעפֿאָרן קיין באַראַנאָוויטש, ווּו עס האָט זיי געטראָפֿן די מילכאָמע. איך, רעניאַק, בין איינע פֿון אָט דער גרופּע קינדער. ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, זײַנען פֿינף קינדער אַוועק אַהיים צופֿוס. צי זײַנען זיי דערגאַנגען, צי ניין, ווייסן מיר ניט. דרײַ קינדער האָט דער מאַיאָר געאָרגיִעווסקי גענומען אויף אַ מאַשין, צווישן זיי איז געווען דער נעגער דזשים. צוויי מיידעלעך האָט מען זומער 1943 אײַנגעזעצט אין אַ טפֿיסע — געררעוואַליע און לאַפּאַטשאָוואַ — אָווערבאַך ראָזע. ווי מע דערציילט, האָט מען זיי דערשאָסן אין נאָוואָגרודקע... פֿינף קינדער האָט מען אַוועקגעפֿירט קיין דײַטשלאַנד. אין אויגוסט דרײַ־און־פֿערציקסטן האָט מען די עלטסטע, דערונטער מיך, מײַן שוועסטער מירע, טינע אַסטראָוואַ, אַוועקגעפֿירט אין דער שטאָט קעניגסבערג. עס זײַנען פֿאַרבליבן גליוקאָזיאַ פּאָלעטטאַ און וואָווע. זייער גוירל איז אונדז ניט באַוווּסט.

דעם 28 סענטיאַבער 1944 האָט מען מיך אַרעסטירט און פֿאַרשיקט אין אַ קאָנצלאַגער. וואָס איז געוואָרן מיט מײַן שוועסטער און מיט טינען, ווייס איך ניט ביז הײַנט...

ווּו איז מײַן מאַמע? איך האָב איר אָנגעשריבן עטלעכע בריוו, נאָר קיין ענטפֿער פֿון איר

ניט באקומען. כ'וועל אינגיכן קומען צו פֿאָרן אהיים, און דאַן וועל איך אײַך איבערגעבן אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט פאַר 4 יאָר מילכאָמע... און דערווײַל צום ווידערזען. רעניאַק".

ווען מע האָט דערהאַלטן אָט דעם בריוו, זײַנען דראַגאָמירא רעניאַק און טינא אַסטראַוואַ שוין געווען אין דער שטאָט איוואַנאָוואָ, אינעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהויז אַף יע. ד. סטאַסאָוועס נאָמען. זיי זײַנען געקומען צו פֿאָרן מיט איינעם פֿון די עשעלאָנען, וועלכע האָבן געבראַכט אהיים די סאָוועטישע מענטשן, וואָס די פֿאַשיסטן האָבן פֿאַרטריבן אין זייער געפֿענקעניש.

די מיידעלעך האָבן געאַרבעט אַף אַ מיליטערישן זאַוואָד אין מעטגעטהען, ניט ווײַט פֿון קעניגסבערג. די זעכצניאָריקע וולאַסטאַ האָט אומיסטן אַרײַנגעלייגט אין די קעסטלעך מיט פּאַרטיקער פּראָדוקציע פֿאַרבראַקירטע אַרטילערישע סנאַריאַדן און פּאַטראָנעס און האָט גערופֿן אויך אַנדערע טאָן אַזוי, ווי זי. אַן אַרײַנגעשיקטע אין לאַגער אַגענטקע פֿון געסטאַפּאָ האָט אויסגעשפּירט די יונגע אַנטיפֿאַשיסטקע, און וולאַסטאַ איז אַרעסטירט געוואָרן. מע האָט זי געבראַכט קיין קעניגסבערג אין אַ מיליטערישער טפֿיסע, אַכזאָריעסדיק געשלאָגן און אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן איינצל־קאַמער, ווו זי איז אָפּגעזעסן צוויי כאָדאָשים. פֿון דאָרטן האָט מען זי צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַרעסטאַנטקעס אַוועקגעשיקט אינעם קאָנצלאַגער ראַווענסברוק. די געשיכטע פֿון אָט דעם היטלערישן טויט־לאַגער, ווו עס זײַנען פֿאַרמישפּעט געוואָרן טויזנטער אַנטיפֿאַשיסטן — די בעסטע טעכטער פֿון אייראָפּע, — איז איצט גאַנץ גוט באַוווּסט. וולאַסטען רעניאַק האָט אָפּגעגליקט — זי איז געבליבן לעבן.

אין אַפּרעל האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פֿונעם לאַגער — די אַרעסטירטע האָט מען געטריבן צופֿוס אַף מײַרעוו. אָבער די סאָוועטישע טאַנקען זײַנען געגאַנגען גיכער. דעם 2 מײַ 1945 איז וולאַסטאַ רעניאַק באַפֿרײַט געוואָרן.

אין דרײַסיק יאָר אַרום, זומער 1976, איז וולאַדימיר מאַרסין געקומען צו פֿאָרן קיין פּראָג, האָט באַזוכט זײַן כאַווער לויט נאָוואָיעלניאַ, זיך באַגעגנט מיט וולאַסטען, און זיי האָבן לאַנג גערעדט וועגן זייער קינדהײַט, וועגן יענע, וועלכע מע האָט נאָך ניט אָפּגעזוכט און מיט וועלכע עס וואָלט זיך זייער געוואָלט זען...

אַ סאַך יאָרן זײַנען אַוועק זינט יענער צײַט, נאָר דאָס איבערגעלעבטע איז ניט פֿאַרגעסן. ערשט ניט לאַנג צוריק, אין פֿרילינג 1977, האָט וולאַדימיר מיכײַלאָוויטש מאַרסין גאַנץ צופֿעליק אָנגעטראָפֿן אַף איינעם פֿון זײַנע באַפֿרײַער. און צוזאַמען מיט מאַרסינען זײַנען מיר אַוועק צום פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע סערגיי סטעפּאַנאָוויטש פּאַכאָמאָוון.

אַפֿן שרײַבטיש אין זײַן דירע שטייט אַ גרויסער פֿאָטאָ־פּאָרטרעט פֿון לעאָניד איליטש ברעזשנעוון מיט אַ פּערזענלעכן אויפֿשריפֿט: „טײַערער סערגיי סטעפּאַנאָוויטש! איך וויל, אַז די דאָזיקע, כאָטש אַ ציווילע, פֿאָטאָגראַפֿיע, זאָל דיר שטענדיק דערמאָנען וועגן דעם דורכגעמאַכטן וועג מיט דער רומפֿולער 18־ער אַרמיי, וועלכע האָט פֿאַרטיידיקט אונדזער פֿאָלק און דאָס היימלאַנד פֿון די סאָנים. מיט אָפּשײַ, ל. ברעזשנעוו. 24 נאָיאַבער 1975".

— אין מײַן אַלבאָם, — האָט אונדז דערציילט סערגיי סטעפּאַנאָוויטש, — זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די מילכאָמע־יאָרן, און צווישן זיי — ניט ווייניק פּאָרטרעטן פֿונעם שעף פֿון דעם פּאָליט־אָפּטייל פֿון דער 18־ער אַרמיי דעם פּאָלקאָווניק, דערנאָך גענעראַל־מאַיאָר לעאָניד איליטש ברעזשנעוו. און דאָס איז ניט צופֿעליק, ווײַל איך בין געווען דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם שעף פֿון דעם פּאָליט־אָפּטייל.

אין 1975 איז סערגיי סטעפּאַנאָוויטש אַלט געוואָרן 70 יאָר, און די פֿאָטאָגראַפֿיע מיטן אויפֿשריפֿט איז געווען ל. אי. ברעזשנעווס באַגריסונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובילײ. פֿאַר פּאַכאָמאָוון איז דאָס געווען אַ צווייענדיקער יובילײ: אין 1925 איז ער לויט לענינישן פּריזיוו אַרײַנגעטראָטן אין פּאַרטיי...

אין 1932 שיקט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קאָמיוג דעם יונגן קאָמוניסט, דעם אַרבעטער־אײַזנבאַנלער, קיין אָדעס — אַלס פֿאַרוואַלטער פֿון אַגיטפּראָפּ פֿונעם געגנטלעכן קאָמיטעט פֿון קאָמיוג. אינגיכן איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ". די אָדעסער יאָרן זײַנען געווען פֿאַר ס. ס. פּאַכאָמאָוון זייער וויכטיקע. די דערפֿאַרונג פֿון דער יוגנטלעכער צײַטונג איז אים שפּעטער גוט צוניץ געקומען אַפֿן פֿראָנט, אין זײַן פּאָליט־אַרבעט מיט די סאָלדאַטן און אָפֿיצערן.

ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן, איז ס. ס. פּאַכאָמאָוו געווען שעף פֿונעם סצענאַרישן אָפּטייל אין דער אָדעסער קאָמיוגישער קינאָ־סטודיע. פֿון דאָרטן איז ער אַוועק אַפֿן פֿראָנט.

אינעם באַשטאַנד פֿון דער 18־ער אַרמיי איז ער דורכגעגאַנגען אַ שלאַכט־וועג פֿון נאָוואָראָסיִיסק ביז פּראָג... און ענטפֿערנדיק אַף אונדזער פֿראַגע וועגן דער באַגעגעניש מיט די קינדער־„מאַפּראָווצעס", האָט ער דערציילט:

די סאָוועטישע קינדער מיט א גרופּע שלאַכטלײַט פון דער 18־טער ארמיי. קינאָ־קאַדער פון א דאָקומענטאַלן פילם. אָקטיאַבער 1944

— ס'איז געווען אין הארבסט 1944. אונדזער ארמיי האָט זיך באַוועגט אף מײַרעוו. מיר זײַנען געקומען אין די קאַרפּאַטן. מאָסקווע האָט סאַליוטירט לעקאָוועד אונדזער מיליטער, וואָס האָט באַפרײַט די שטעט מוקאַטשאָווע און אוזשגאַראָד. עס זײַנען געגאַנגען אײַנגעשפּארטע שלאַכן פאַר טשאָפּ, פאַר דער באַפרײַונג פון גאַנץ טראַנסקאַרפּאַטיע. אונדזער פאָליט־אָפּטײל האָט זיך געפונען אינעם דאָרף נעוויצקאָיע, ניט ווײַט פון אוזשגאַראָד. איך געדענק שוין ניט פּינקטלעך, פונוואַנען צו אונדז איז געקומען די ידיעה, אז בײַס א באָמבאַרדירונג פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע זשאַרנאַווא האָבן די פאַשיסטן געלאָזט אף העפּקער אן עשעלאָן מיט סאָ־וועטישע קינדער, וועלכע זיי האָבן זיך געקליבן ארויספירן קיין דײַטשלאַנד.

דעם שעף פונעם פאָליט־אָפּטײל לעאָניד איליטש ברעזשנעוון האָט מען מיטגעטיילט וועגן דעם, און ער האָט באַפוילן, מע זאָל טייקעף געפינען די קינדער, דערקלערנדיק דערבײַ, אז דאָס איז א שלאַכט־אופגאַבע, און זי אָנפאַרטרויט אויסצופילן די אויסשפּירער און פאָליט־טוער. די קינדער האָט מען געפונען ניט ווײַט פון מוקאַטשעווע, אינעם דאָרף טשערוועניעוואָ, אָפּגעשוואַכטע און אויסגעמאַטערטע.

בא איינעם פון מײַנע כאַווײרים, וועלכע האָבן געדינט מיט מיר אין איין פּאָלק, האָט זיך פאַרהיט די ארמיי־צײַטונג „זנאַמיא ראַדיני" („די פאָן פון היימלאַנד"), אין וועלכער עס האָט זיך דערציילט וועגן די געראַטעוועטע קינדער. אין די נאָטיץ־ביכלעך, וועלכע עס האָט געפירט בײַס דער מילכאָמע אונדזער זשורנאַליסט, דער שרײַבער באָריס גאַלאַנאָוו, דאַרפן, אפּאָנעם, זײַן די נעמען פון אייניקע פון זיי...

שוין אפן אנדערן טאָג האָבן, לויטן אופטראַג פונעם שעף פון פאָליט־אָפּטײל פון דער ארמיי לעאָניד איליטש ברעזשנעוון, געײַלט דאָקטוירים מיט מעדיקאַמענטן, אויטאָמאָבילן מיט פּראָדוקטן, קליידער. די קינדער האָט מען אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל. פון דאָרטן האָט מען זיי, נאָכן געזונט ווערן, געבראַכט אהיים.

— אונדז האָט מען געבראַכט אין אָריאָלער געגנט, — דערמאָנט זיך וולאַדימיר מאַרסין. — נאָך מיר איז געקומען די מאַמע. א לאַנגע צײַט האָב איך זיך ניט געקאָנט צוגעוווינען צום געדאַנק, אז איך האָב ווידעראַמאָל א מאַמע, אפילע זיך געשעמט זי רופן „מאַמע"...

4

לויטן אדרעס, וואָס איך האָב געקראָגן בא ס. ס. פּאַכאָמאָוון, האָב איך לײַכט געפונען דעם געוועזענעם מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט פון דער ארמײיִשער צײַטונג „זנאַמיא ראָדיני" ב. יע. גאַלאַנאָוון. ער איז פונעם ערשטן טאָג אָן אַנטײלנעמער פון דער גרויסער פּאַטריאָטישער מילכאָמע. ער האָט געזען די פּארוואָרפענע שאַכטעס אין דאָנבאַס, די שלאַכטן פאַר קובאַן, די ביטערע געפעכטן אין די קאַווקאַזער בערג, אין טואַפּסע, אף דער קלײנער ערד הינטער נאָוואָראָסײַסק, אף אוקראַיִנע. אין זײַן בוך „די סאַמע לאַנגע טעג" האָט ער וועגן דער באַגעגעניש מיט די קינדער־„מאַפּראָווצעס" דערצײלט אָט וואָס:

„...מיר האָבן זיך דערקליבן צום דאָרף טשערווענעוואָ. ניט ווײַט פון דעם שאָסײ אוזשגאָראָד־מוקאַטשעוואָ זײַנען געשטאַנען ווײַסע כאַטעס מיט שטרויענע דעכער. פּונקט אזעלכע, ווי הינטער וויניצע צי אומאַן. און די געדיכטע בלאָטע איז געווען א באַקאַנטע, אויך א וויניצער. בײסן ארײַנפאָרן אין דאָרף זײַנען מיר געבליבן שטעקן אין א טיפער, אויך שוין פון לאַנג א באַקאַנטער לוזשע. דרײַ ייִנגלעך זײַנען געלאָפן צו אונדז אנטקעגן:

— דאָס איז אײַער אווטאָמאָביל? מע קאָן אים באַטראַכטן? — האָבן זײ געפרעגט אף רוסיש.

— א נאַפּקעמינע, — האָט בײז געזאָגט אונדזער שאָפער פעדיא אָכוואַט, וואָס האָט שוין באַשטימט, אז אָן א פּאָר פערד וועט ער פון דער לוזשע זיך ניט ארויסרײַסן. — א גאַנץ געוויינלעכע מאַשין...

— עך, דו, א געוויינלעכע! ס'איז דאָך אונדזערע, א רוסישע!

קײנמאָל, אפילע אין די יאָרן פון איר יוגנט, האָט די אַלטע אַפּגעדראָשענע „עמקאַ", ניט ארויסגערופן אזויפיל היספּײַלעס:

— עמקאָ! עך, אזא שײנע! עמאָטשקאַ, טײַערע!..

איך כאַפּ איבער דעם בליק פון מײַן מיטפאָרער. יאָ, ס'איז, דאַכט זיך, דאָס, וואָס מע דאַרף. עטלעכע טעג זוכן מיר די סאָוועטישע קינדער, וועלכע די דײַטשן האָבן ארויסגעפירט צוזאַמען מיט צוויי דערציִערנס פון הינטער לענינגראַד, סמאָלענסק, וויטעבסק, געבראַכט קײן טראַנס־קאַרפּאַטיע און בײס דער באָמבאַרדירונג פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע זשאָרנאַווא געלאָזט אף העפקער. די דאָזיקע געשיכטע האָבן מיר געהערט נאָך אפן וועג קײן אוזשגאָראָד. אָבער וויאַזוי זשע אַפּזוכן די קינדער? ווער האָט זײ געגעבן א דאַך איבערן קאָפּ? אין אוזשגאָראָד האָט קײנער גאָרנישט ניט געוווּסט, אין מוקאַטשעוואָ אויך ניט. גאַנץ צופעליק האָבן מיר זיך געטראָפן מיט דער טוערן פונעם אָרטיקן רויטן קרײץ אָלגאַ סערגײעוונאַ לאָסיעווסקאַיאַ. לאָזט זיך אויס, אז זי האָט א כײלעק אינעם גוירל פון די קינדער — געהאָלפן זײ אריבערפירן וואָס ווײַטער פון אוזשגאָראָד, אין א פּראָווען־מאָנאַסטיר הינטער מוקאַטשעוואָ.

דאַרף מען, הײסט עס, פאָרן אין מאָנאַסטיר.

דער פּראַטאָיִרײ, א קרעפּטיקער מאַנצבל פון א יאָר פופציק, מיט א ליסינע, נאָר מיט א שוואַרצער באָרד, אין וועלכער עס וואָרפן זיך דורך גרויע האָר, און גאַזלאָנישע אויגן, באַגעגנט אונדז אין דער קאַנצעליאַריע פונעם מאָנאַסטיר:

— סאָוועטישע קינדער? הונדערט זעקס און אכציק קינדער! דאָ איז געווען פאַר זײ ניט געפּאַרלאָז. דער שאָסײ איז נאָענט. אין א באַליביקער מינוט קאָנען ארײַנקומען דײַטשן. זײ פלעגן אָפּט טאַקע קומען אהער נאָך פּראָדוקטן. איז אויסגעקומען אַפּצוזוכן א מער זיכערן אָרט, א טויבן העק. א סאַך מאָנאַשקעס האָבן קרוויום אין טשערווענעוואָ, און יענע האָבן גערן גענומען צו זיך די קינדער. נו, און ניט נאָר די קרוויום...

בלויז אין אָוונט זײַנען מיר געקומען קײן טשערווענעוואָ.

אין א גרויסן געראַמען באַראַק זײַנען מיר געזעסן צווישן א צוויי הונדערט קינדער אין עלטער פון פינף ביז פופצן יאָר... אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער באַגעגעניש האָבן זײ אײַנגעאָרדנט פאַר אונדז אן אימפּראָוויזירטן קאָנצערט. זײ האָבן געלײענט אף אויסווײניק גאַנצע שטיקער פון נ. גאָגאָלס „פּעטערבורגער דערצײלונגען" — דאָס איז געווען דער אײנציקער רוסישער בוך, וועלכן זײ האָבן געהאַט. דערנאָך האָבן זײ פאַרזונגען א טרויעריקע ליד — „דאָס לעבן אין דער פרעמד", וואָס זײ האָבן אלײן פאַרפאַסט:

אוי, גאַנצע דרײַ שרעקלעכע יאָרן
זײַנען מיר מיט א בײזן, פרעמדן פאָלק געפאָרן.
אָך, ווי בלאָנקען איז איבער פרעמדע לענדער שווער,
ווען דו האָסט א מאַמע־היימלאַנד געהאַט ביז אהער...

איך האָב געפּרוּווט פאַרשרײַבן די קופּלעטן. אָבער די פּאַשעטע ווערטער און די האַרצ־רײַסנדיקע מעלאָדיע האָט מען ניט געקאָנט הערן אָן טרערן, און אָנשטאָט אויסיעס האָבן זיך בא מיר באַקומען אַפן פּאַפּיר מאָדנע קאַראַקולעס.

מיר האָבן גענומען פרעגן בא די קינדער, וועלכע זײַנען געזעסן נעענטער צו אונדז, זייערע נעמען און פאַמיליע־נעמען. וואַליע קווּשינאָווא און אירע ייִנגערע שוועסטערלעך און ליודאָטשקע זײַנען געווען פון לענינגראַד, וואָווע מאַרסין — פון מאָסקווע, נאַטאַשע, קלאַרע און דאַשע קאַרפּענקאָ — פון הינטער וויטעבסק, וויטיע פּיסקונאָוו — פון אָריאָל...״

באָריס גאַלאַנאָווס אַרבעטס־קאַבינעט, וווּ מיר זיצן, איז אָנגעשטאָפּט מיט ביכער. פונעם דיל ביז דער סטעליע — סטעלאַזשן. באָריס יעפימאָוויטש האָט באַגעגנט מאַרסינען מיט אַזאַ פרייד, ווי ער וואָלט שוין לאַנג אַף אים געוואַרט. ער האָט אַרויסגענומען פונעם שופלאָד פון זײַן טיש יענעם נומער פון דער אַרמייִשער פּילטיראַזשקע „זנאַמיאַ ראַדיני״, וועגן וועלכן איך האָב שוין געוווּסט, און גלײַך האָט צו אונדז פון איר זיך דערטראָגן דער הייסער אָטעם פון דער מילכאָמע. אַף דער ערשטער זײַט — אַ פאָטאָגראַפיע: אַ גרויסע גרופּע קינדער, וועלכע די סאָוועטישע סאָלדאַטן האָבן באַפרײַט אין די קאַרפּאַטן. די קלענערע שטייען אין דער ערשטער ריי. די עלטערע — הינטער זיי. און אויך דערוואַקסענע — אָרטיקע טוישווים און דערציִערנס. פאָטאָגראַפירט האָט מען זיך אין אָקטיאַבער 1944 אינעם דאָרף טשערוועניעוואָ.

באַנאַנד מיט דער פאָטאָגראַפיע איז אין דער צײַטונג אָפּגעדרוקט אַ גרויסע פאַרצייכענונג, אין וועלכער עס דערציילט זיך וועגן אָט דער באַגעגעניש. דאָרט האָב איך איבערגעלייענט די נעמען, וועלכע איך האָב שוין געוווּסט — די נעמען פון די שוועסטער רעניאַק — וולאַסטאַ און דראַגאָמירע, פון דער איטאַליענערן פאַלעטטאַ גליוקאַזיאַ, דער כינעזערן טינאַ אַסטראָווא און דעם קאַרייער וולאַדימיר מאַרסין... און די נעמען פון די קינדער, וועלכע די פאַשיסטן האָבן אַרויסגעפירט פון די אָקופּירטע שטעט אָריאָל, סמאָלענסק, פון ווײַסרוסלאַנד און לענינגראַדער געגנט... גוריאַלעס, וואָס מע דאַרף זיי נאָך אויספאָרשן.

— ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן די קינדער, — האָט דערציילט ב. גאַלאַנאָוו, — זײַנען מיר גלײַך אַרויסגעפאָרן זיי אָפּצוזוכן. וויִאַזוי דאָס איז געשען, האָט איר שוין געלייענט... צום באַדויערן, האָבן זיך מײַנע מילכאָמע־באַלאַנגאַטן ניט פאַרהיט, און אַנדערע נעמען פון די קינדער, אַכוץ דער פאַרצייכענונג אין דער צײַטונג, געדענק איך שוין ניט...

איך קוק נאָכאַמאָל איבער די צײַטונג און לייען וועגן נאַטאַשע, קלאַרע און דאַשע קאַרפּענקאָ פון אַ קליינינק שטעטל הינטער וויטעבסק. זייער מאַמע האָבן די היטלעראָווצעס פאַרשפּאַרט אין טפיסע, ווײַל זי האָט געהאָלפן די פּאַרטיזאַנער, און די טעכטערלעך — די עלטסטע פון זיי איז אַלט געווען 11 יאָר — האָט מען אַ גאַנצן כוידעש געהאַלטן אין אַ קאָנצלאַגער. וויטיע קאָזלאָוו און וואַליע קווּשינאָווא זײַנען געווען פון הינטער לענינגראַד.

— אין טשערוועניעוואָ, — האָט דערציילט ווײַטער דער געוועזענער מיליטערישער זשורנאַליסט, — האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן ניט לאַנג, אײַנגאַנצן אַ צוויי שאָ. אַפן אַנדערן טאָג — דעם 4־טן נאָיאַבער 1944, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן דער נומער פון אונדזער צײַטונג מיט אַ גרויסער פאָטאָגראַפיע אַף דער ערשטער זײַט — קינדער, וועלכע מיר האָבן באַפרײַט פון דער פאַשיסטישער געפענקעניש, און אונדזער פאַרצייכענונג וועגן דעם באַזוך אין טשערוועניעוואָ, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז צו די קינדער האָבן שוין געאײַלט דאָקטוירים און לויט דער אָנווײַזונג פונעם שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער 18־טער אַרמיי ל. אי. ברעזשנעוון זײַנען געשיקט געוואָרן אויטאָמאָבילן מיט קליידער, פּראָדוקטן און מאַטאַנעס פאַר די קינדער...

באָריס גאַלאַנאָוו האָט מיר וועגן דעם דערציילט אַזוי לײַכט און פרײַ, ווי די באַגעגעניש אין טשערוועניעוואָ וואָלט געווען פאָרגעקומען ערשט נעכטן. אָט די געשעעניש האָט בעעמעס איבערגעלאָזט אין זײַן האַרץ אַ טיפן שפּור, און דער גוירל פון די קינדער, וועלכע ער האָט געטראָפן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, רעגט אים ביז הײַנט.

— מע וואָלט זיי געדאַרפט געפינען... זיך דערוויסן אַלע פּראַטים, וויִאַזוי זײַנען זיי אַהין געקומען... דערציילן, וואָס עס איז געוואָרן מיט זיי ווײַטער...

און ער האָט נאָכאַמאָל גענומען אויספרעגן וולאַדימיר מאַרסינען וועגן זײַנע געוועזענע פרײַנט פונעם קינדערהיים און וואָס פאַרא וועג האָט יעדער פון זיי דורכגעמאַכט ביז דער באַגעגעניש אין די קאַרפּאַטן.

און וולאַדימיר האָט דערציילט. וועגן זיך האָט ער מיטגעטיילט זייער קורץ. זײַן פאָטער, אַ קאַרייִשער קאָמוניסט שע סון־מין, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ סעקטאָר אינעם אויספירקאָם פון קאָמינטערן, איז אומגעקומען אין קאָרייע — אים האָבן דערהאַרגעט די רעאַקציאָנערן. וולאַדימירס מוטער סאָן דען־אײַ האָט אים לאַנג געזוכט און ענדלעך געפונען. מאַרסין

די סאָוועטישע קינדער, וועלכע עס האָבן געראַטעוועט די אײַנוווינער פונעם דאָרף טשערווענעווע.
26 אָקטיאָבער 1944

האָט דערמאָנט זײַנע כאַווײרים און כאַווערטעס, מיט וועלכע ער איז אַרויסגעפאָרן אין נאָ־וואַיעלנער פּיאָנער־לאַגער: וועגן פאַלעטטא גליוקאָזיאַ, וועלכע לעבט איצט אין בולגאַריע, וועגן וולאַסטאַ און דראַגאָמירא רעניאַק, מיט וועלכע ער האָט ניט לאַנג צוריק זיך געזען אין פּראַג... גערעדט האָט ער וועגן דעם שווערן, פּײַנלעכן וועג, וואָס די קינדער האָבן דורכגע־מאַכט ביז דער באַגעגעניש אין די קאַרפּאַטן, ווען ער האָט מיט היספּײַלעס זיך א וואָרף געטאָן צום סאָלדאַט מיט א רויטן שטערן אויף דער פּילאָטקע.

אָבער צי האָט ער געקאָנט א סאַך דערציילן? אין 1944 איז ער דאָך אַלט געווען אינגאַנצן עלף יאָר.

— איך געדענק גוט, ווי אין דאָרף זײַנען געקומען צו פאָרן גרויסע פּראַכט־אויטאָמאָבילן, געדעקט מיט ברעזענט, — האָט דערציילט מאַרסין. — פון דאָרטן האָט מען אויסגעלאָדן קעסט־לעך מיט פּראָדוקטן, מאַלבושים, גרעט. מע האָט פאַר אונדז געמאַכט א באָד אין מיליטערישע בײַדלעך און צוגענומען דאָס אַלטע, אָפּגעטראָגענע גרעט און שוכוואַרג. מיר האָבן אָנגעטאָן קאָסטיומטשיקלעך פון אונגאַרישע באַיסקאַוטן, וואָס מע האָט אונדז געבראַכט — קיין אַנדערע אָנצוגן האָט מען דעמלט, אַפּאָנעם, ניט געקאָנט געפינען. מיר האָבן זיך זשעדנע אַרופגעוואָרפן אויף די מאַטאָנעס — שאָקאָלאַד, מאַרמעלאַד, וואָס מיר האָבן גאַנצע דרײַ שרעקלעכע יאָר אין די אויגן ניט געזען, און קיין שום שטרענגע מיליטערישע דאָקטוירים האָבן אונדז ניט געקאָנט אָפּשטעלן. מיר האָבן אָופגעריסן די קאַרטאָן־קעסטעלעך, אַרײַנגעשטעקט די הענט אין מאַר־מעלאַד, אָנגעשטאָפּט די מײַלער מיט שאָקאָלאַד... געווײַנלעך, קיינער פון אונדז האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס אַלץ האָט אונדז צוגעשיקט לעאָניד איליטש ברעזשנעוו.

מער פון אַנדערע האָט געקאָנט וויסן פאַלעטטא גליוקאָזיאַ, נאָר מע האָט זי ערשט גע־דאַרפט געפינען. זי האָט געלעבט אין בולגאַריע, נאָר ווו — האָבן מיר ניט געוווּסט.

וולאַדימיר מיכײַלאָוויטש איז דערוויַיל געווען דער איינציקער פון יענע געוועזענע קינ־דער, וועלכע דער זשורנאַליסט פון דער אַרמיי־צײַטונג באָריס גאַלאַנאָוו האָט געטראָפן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק אין די קאַרפּאַטן.

— איך געדענק, — האָט ער זיך דערמאָנט, — אַז מיט די לענינגראַדער קינדער זײַנען גע־ווען צוויי דערציִערנס. ווי־אַזוי מע האָט זיי גערופן האָב איך פאַרגעסן. איך געדענק אויך ניט די נעמען פון די קינדער, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו לעבן אין יענעם דאָרף.

איך האָב באַשלאָסן פּאַרזעצן מײַנע זוכונגען — גיין מיטן וועג, דורך וועלכן עס זײַנען געגאַנגען די קינדער, געפינען יענע, וואָס קאָנען וואָרפן אַ שײַן אויף זייער גורל.

דאָס איז געווען ניט קיין לײַכטע אויפגאַבע, אָבער כ׳האָב געגלייבט, אַז איך וועל אומ־באַדינגט געפינען מענטשן, וועלכע וועלן קאָנען אפילו איצטער, אין פיל יאָרן אַרום, מיר העלפן אויפשטעלן די געשיכטע, וואָס זעט אויס ווי אַ מעסוירע.

און כ׳האָב ניט געהאַט קיין טעות.

5

אויפן אַנדערן טאָג נאָך מײַן אָנקומען קיין מוקאַטשעוואָ בין איך צוזאַמען מיט מײַנע נײַע כאַווירים — דעם אינסטרוקטאָר פון קאָמיוג אַנטאָן יאַציאַני און דעם לוואָווער היסטאָריקער באָגדאַן מיכאַליוניאָ געקומען צו פאָרן אין דאָרף טשערוועניעוואָ.

אויפן פאַסאַד פון דער געבײַדע פונעם דאָרפראַט איז געווען צוגעפעסטיקט אַ באַשיידן מע־מאָריאַל־ברעטל: „דאָס דאָרף טשערוועניעוואָ האָט די רויטע אַרמיי באַפרײַט דעם 25 אָקטיאַ־בער 1944״.

אינעם קליינעם צימער, וווּהין מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, האָט זיך געפונען די דאָרפישע ביבליאָטעק, אַ יונגע שוואַרצכיינעוודיקע פרוי, די ביבליאָטעקערן מאַגדאַלינאַ קורטאַ, האָט אונדז אויפמערקזאַם אויסגעהערט. יאָ, זי איז דעמלט נאָך געווען אַ קינד, נאָר זי געדענקט גוט יענע געשיכטע. אַגעוו, ביז איצט דערמאָנען די פויערים די קינדער. אַזוינס פאַרגעסט זיך ניט.

— דאָס גאַנצע דאָרף, — דערציילט מאַרגאַריטאַ יוריעוונאַ, — האָט אויפגענומען דעמלט די קינדער. קיין גלײַכגילטיקע זײַנען ניט געווען. די דאָרפסלײַט האָבן געטראָגן געקעכץ פאַר די קינדער. מ׳האָט צונויפגעזאַמלט מאַלבושים פאַר זיי. די קלענסטע אייפּעלעך און די שוואַכע האָט מען גענומען צו זיך אין שטוב.

גערעדט האָט מאַרגאַריטאַ יוריעוונאַ רירנדיק און גיך, ווי זי וואָלט געײַלט אַרויסצוזאָגן אַלץ, וואָס זי האָט געוווּסט.

— דאָ איז פאַראַן אַ פרוי, — האָט זי פאַרגעזעצט, — דאָוואַגאַניטש איז איר פאַמיליע־נאָמען, מאַריאַ פּיאַדאָראָוונאַ... בײַ איר זײַנען געווען אייניקע קינדער. זי וואָלט, אַפּאָנעם, געקאָנט זיך דערמאָנען.

עמעצער פון די דאָרפסלײַט, וועלכע זײַנען בײַגעווען בײַם אונדזער שמועס, האָט זיך גלײַך אויפגעהויבן און איז אַוועק נאָך יענער פרוי. און מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, וואַרפנדיק אַ בליק איינער אויפן אַנדערן, אַרויסקוקנדיק אויף איידעס און אָנטיילנעמערן פון יענער ווײַטער געשעעניש.

אַ מינוט פופצן האָט געדויערט, ניט מער, ווי אין צימער, ווו מיר זײַנען געזעסן, איז אײַלנ־דיק אַרײַנגעקומען, אַן עלטערע פרוי, אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ שוואַרץ קלייד, אויפן קאָפּ — אַ שוואַרץ שאַלעכל. זי האָט זיך באַוועגט גיך און ענערגיש. די אויגן אויפן קלוגן און אַנטשיי־דענעם פּאָנעם האָבן געקוקט שאַרף און אָפן.

איך האָב זיך פאַרגעשטעלט און מיטגעטיילט, וואָס פאַר אַן איניען עס האָט אונדז אַהער געבראַכט, געזאָגט, אַז איך האָב וועגן איר געהערט נאָך פריִער, איר נאָמען האָט מען מיר אָנגערופן אין מוקאַטשעוואָ און אין דאַמבאַקי, און געבעטן, זי זאָל מיר דערציילן אַלץ, וואָס זי ווייסט.

מאַריאַ פּיאַדאָראָוונאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטול אַנטקעגן אונדז, בײַם פענצטער, און האָט אָנגעהויבן דערציילן.

— די קינדער האָט מען געבראַכט צו פירן זומער, ס׳איז שוין געווען אין אויגוסט, אין אָנהייב כוידעש... איך געדענק גאַנץ גוט... אַ סאַך זײַנען זיי געווען, אַ צוויי הונדערט. קליי־נינקע — אַ יאָר אַלט, צוויי און עטוואָס עלטערע. אַלע אין טראַנטעס, אַ סאַך — באָרוועסע, הונגעריקע און קראַנקע... ווי נאָר זיי האָבן דערזען אויף דער גאַס אונדזערע פרויען, האָבן זיי גענומען שרײַען: „מאַמעניו! מאַמעניו!״ זיי האָבן זיך אַ צי געטאָן צו אונדז, אויסגעשטרעקט די הענט... און מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיי, אַרומגענומען, געקושט, געוויינט.

אין מאַריאַ פּיאַדאָראָוונעס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. איך האָב געזען — די דערמאָ־נונגען שטיקן איר אין האַלדז. זי האָט גענומען ריידן גיך, פאַרכלינענדיק זיך, ווי מוירע גע־האַט עפּעס פאַרלירן אָדער פאַרגעסן.

הערנדיק זי, האָב איך דערפילט, ווי עס פאַרשווינדן די יאָרן, וועלכע זײַנען פאַרגאַנגען פון יענער צײַט, און אָט דער געפיל האָט, ווײַזט אויס, אַרומגעכאַפּט אַלעמען, ווער עס איז געזעסן אינעם קליינינקן צימער פון דער דאָרפישער ביבליאָטעק.

— די קלענסטע אייפעלעך האָבן אונדזערע פרויען גענומען צו זיך אהיים, די איבעריקע — אײַנגעאָרדנט אין פּוסטע שטיבער. אין אָט די שטיבער האָבן אַמאָל די ייִדן געוווינט, די פאַשיסטן האָבן זיי פאַרנומען נאָך אין סאַמע אָנהייב פון דער מילכאָמע... מיר האָבן געבראַכט צו טראָגן אהין היי, קאָלדרעס. מיט די קינדער האָבן דאָרט געלעבט צווי דערציִערנס.

די עלטערע מיידעלעך האָט מען אָפּגעפירט אין שכייניש דאָרף דאַמבאַקי, אין פּרויען־מאַנאַסטיר. דאָרט האָט געלעבט אויך אונדזער גאַלעך — קאַרבאַוואַנעץ האָט ער געהייסן. ער האָט געהאָלפן.

דערציילנדיק האָט די פרוי אַלעמאָל אופגעהויבן די הענט, זיי צעפירט אין די זײַטן, נאָכאַמאָל זיי צונויפגעלייגט — אָט די באַוועגונגען האָבן, אַפּאָנעם, איר געהאָלפן אופצושטעלן אין זיכּאָרן די פּראָטים פון יענע ווײַטע געשעענישן.

— די מאַנאַשקעס האָבן געהאַט ניימאַשינעס, און די אַרבעט איז אַוועק, ווי אין אַ וואַרשטאַט. מע האָט גענייט קליידער, גרעט פאַר זיך און פאַר אַנדערע.

וועגן דעם האָב איך שוין געהאַט געהערט. נאָך אינדערפרי, ביזן אַרײַנפאָרן קיין טשערוועאָנוואָ, האָב איך צוזאַמען מיט מײַנע באַגלייטער באַזוכט דעם גאַלעך. וועגן אים האָט דערמאָנט אין זײַן בוך „די סאַמע לאַנגע יאָרן“ באָריס גאַלאַנאָוו. איוואַן איוואַנאָוויטש קאַרבאָוואַנעץ איז געלעגן קראַנק. ווען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען, איז ער געלעגן אָפן בעט. אָבער דערוויסנדיק זיך, אין וואָס עס גייט, האָט דער 80־יאָריקער זאָקן זיך אופגעהויבן און אונדז גערן דערציילט, וואָס ער האָט געוווּסט. קאַרבאָוואַנעץ האָט גלײַך אָנגערופן איינע פון די מיידלעך — פּאַלעטטאַ גליוקאַזיאָ און אַנדערע, ווי אויך די פויערים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין ראַטעווען די קינדער, געגעבן די אַדרעסן פון די קינדער, מיט וועלכע ער שרײַבט זיך איבער, באַוויזן פאָטאָגראַפיעס און אַפילע אונדז געשענקט קאָפּיעס פון זיי.

אויף איינער פון די פאָטאָגראַפיעס, וואָס איך האָב באַ אים באַקומען, האָב איך דערזען די איטאַליענערין פּאַלעטטאַ גליוקאַזיאָ. אין אַ טונקעלן קליידל, מיט אַ ברייט ווײַס קעלנערל, איז דאָס שוואַרצהאָריקע מיידעלע געשטאַנען צווישן אירע כאַווערטעס באַ דער וואַנט פונעם קלויסטער. אויף אַ צווייטער פאָטאָגראַפיע איז צווישן אַ גרויסער גרופּע קינדער געשטאַנען אָפן סאַמע ראַנד דער קאָרייער וולאַדימיר מאַרסין. קוקנדיק אויף יענע פאָטאָגראַפיעס פון דער ווײַטער מילכאָמע־צײַט, אויף די אָנגעשטרענגטע, פאַרזאָרגטע פּנעמער פון די קינדער, האָב איך געטראַכט וועגן דעם וועג, וועלכער האָט זיי געבראַכט אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף טשערווענוואָ, און וועגן נאָך עפּעס, אויף וואָס איך האָב ניט געקאָנט געפינען קיין ענטפער.

באַ יעדערן פון זיי זײַנען דאָך געווען עלטערן, טאַטעס און מאַמעס. וואָס זשע האָט געטראָפן מיט זיי? צי לעבן זיי? און, דעריקער, ווו זײַנען די קינדער איצט? וואָס איז מיט זיי ווײַטער געוואָרן?

אין דער דאָרפישער ביבליאָטעק האָט אַלץ געקלונגען דאָס קאָל פון מאַריאַ דאָווגאַניטש.

— באַ מיר אין שטוב זײַנען געווען פינף קינדער, איינס קלענער פונעם אַנדערן.

זי האָט זיך פאַרקלערט און גענומען אויסרעכענען:

— סלאַוויק, ליודע און גאַליע, אַ ברודער און אַ שוועסטער — פון לענינגראַד... ווײַטער, ניורע און נינע, די פאַמיליע־נעמען ווייס איך ניט... קיינער האָט דאָך באַ די קינדער די פאַמיליען־נעמען ניט געפרעגט, אַלעמען גערופן לויט די נעמען. די לענינגראַדקע נאַדיע האָט דערציילט, אַז זי געדענקט, ווי די מאַמע אירע איז געלעגן אָפן טויטן בעט. סלאַוויק איז אַלט געווען אַ יאָר עלף. ער איז געווען אַ פלינק און לעבעדיק יאַטל. ער האָט דערציילט, אַז אַרויסגעפירט האָט מען זיי פון הינטער לענינגראַד, און, דערמאָנענדיק זיך דאָס אַלץ, פלעגט ער וויינען. די דײַטשן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב, די מאַמע האָט צעשפּרייט די הענט, זיך צעשריִען, די קינדער פאַרשטעלט. האָט אַ פאַשיסט זי אָפּגעשלײַדערט אין אַ זײַט, זיך אָנגעצילט מיטן אויטאָמאַט און גענומען שיסן. „די מאַמע איז אומגעפאַלן, האָט סלאַוויק געוויינט. — די דײַטשן האָבן אונדז גענומען, אַרײַנגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל און אוועקגעפירט...“

מאַריִע פיאָדאָראָוונעס אויגן ווערן פול מיט טרערן. זי ווערט אַנשוויגן און טוט אַ וויש דאָס פּאָנעם מיטן עק פון דער שוואַרצער פאַטשיילע.

מיר שווײַגן אויך. איך קוק זיך אַרום. אין צימער זײַנען שוין איצט אַ מענטשן צען — פויערים, וועלכע זײַנען געקומען אין דאָרפסראַט און אַרײַנגעקוקט אהער, אין ביבליאָטעק, עפּעס אַ מאַנצבל, אַ יונג מיידל, דער סעקרעטאַר פונעם דאָרפסראַט אין שכיינעסדיקן דאָרף

זניאצעוואַ — אַלגאַ סאָראָקאַ, און אַלטע פרוי, מאַריע פיאָדאָראָוונעס שוועסטער — אַנאַ. איבער־רײַסנדיק די שטילקײַט, בעט איך זיי זיך דערמאָנען און אָנרופֿן די נעמען פֿון די קינדער.

און ביז די שוועסטער רעדט, גייט אַנאַ פיאָדאָראָוונאַ אַרום און אומרויִקע איבערן צימער, באַמיִענדיק זיך פּײַנלעך אופֿשטעלן אין זיקאָרן די פֿאַרגעסענע נעמען, צוגעבן עפּעס וויכטיקע פּראַטים צו דער געשיכטע, צו וועלכער זי האָט אויך געהאַט אַ שײַכעס. און אָט הער איך אירע ווערטער:

— מיכאַיל פּיסקונאָוו ווױנט איצט אין וואָלגאָגראַד. יוליע לאַקעס — אין בריאַנסק. וואַליע, אירינע און ליודמילע קוושינאָוס — פֿון לענינגראַד... נאָך, דאַכט זיך, איינע — ניורע סעלי־טינאַ... אָדער מאַרוסיע סטאַליצינאַ... פּינקטלעך געדענק איך ניט, אַזויפֿיל יאָרן זײַנען דאָך פֿאַרגאַנגען...

אַנאַ פיאָדאָראָוונאַ איז אַנשוויגן געוואָרן. און מאַריאַ פיאָדאָראָוונאַ דערציילט ווידער:

— איינמאָל זײַנען צו מיר אַרײַנגעקומען דײַטשן, האָבן דערזען די קינדער. „אַלע זײַנען דײַנע?" „יאָ, מײַנע", — האָב איך געענטפֿערט, און זיי זײַנען טאַקע אַזוי אוועק, ניט וויסנדיק, דאָס גאַנצע דאָרף האָט געשוויגן.

צוויי כאַדאָשים האָבן די קינדער באַ אונדז געלעבט. דערנאָך האָט זיך צו אונדז דער־נעענטערט דער פראָנט. די דײַטשן זײַנען געלאָפֿן. סלאַוויק איז אַרויס אויף דער גאַס מיט אַ פּויק — איך ווייס ניט, ווו האָט ער אים אָפּגעזוכט, — געשפּאַנט איבערן וועג, געפּויקט און געשריִען: „האָט ניט מוירע! גייט אַרויס! די שלענג זײַנען אַנטלאָפֿן!..."

אָפּסנײַ איבערלעבנדיק יענע מינוטן פֿון באַפֿרײַונג, האָט די אַלטע פרוי שוין ניט אויס־געווישט די טרערן, וואָס האָבן זיך געקײַקלט איבער אירע באַקן. זי האָט דערציילט וועגן איינעם אַ טאַנקיסט, וועלכער האָט דער ערשטער זיך אַרײַנגעריסן אין דאָרף דאַמבאַקי, ווו עס איז געווען דער פּרוויען־מאָנאַסטיר. זיך דערמאָנט, אַז אָט דער טאַנקיסט האָט צווישן די געראַטעוועטע קינדער געטראָפֿן זײַן ברודערל, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ קיווועט באַ דעם וועג...

— דערנאָך — ס'איז שוין געווען אין דעקאַבער — האָט מען אַלע קינדער איבערגעפֿירט קיין מוקאַטשעוואָ, — האָט פֿאַרענדיקט מאַריאַ פיאָדאָראָוונאַ. — דאָרט האָט מען זיי געהיילט אין שפּיטאָל. באַזוכן זיי האָט מען פֿאַרבאָטן, אָבער מיר זײַנען סײַוויסײַ געגאַנגען. מיר פֿלעגן צוגיין צום פּלויט, אַרויסנעמען די מאַטאַנעס, און זיי זײַנען צו אונדז געלאָפֿן, שרײַענדיק: „די מאַמע! די מאַמע איז געקומען!.." און מיר האָבן זיך מיט זיי געפֿרייט, ווי מיט אייגענע קינדער...

זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו די דערינערונגען פֿון יענע ווײַטע יאָרן און צוגעגעבן:

— איך בין דאָך דעמלט אַ יונגע געווען.

דאָס, וואָס איך האָב אויסגעהערט אין דער דאָרפֿישער ביבליאָטעק, איז געווען אויסערסט וויכטיק און אינטערעסאַנט. אָבער ס'איז געווען נאָך ווייניק.

אַ סאַך איז נאָך געבליבן ניט קלאָר, און דערונטער — דער איקער: וויאַזוי האָבן זיך די קינדער באַוויזן אין אָט דעם דאָרף? ווער האָט זיי געפֿונען און געבראַכט צו פֿירן? און, גע־וויינלעך, ס'האָט זיך געוואָלט האָבן גוויִס־איידעס און דאָקומענטן וועגן זייער גוירל.

און איך בין אוועקגעפֿאָרן קיין אוזשגאָראָד...

6

אַלע מענטשן, צו וועלכע איך האָב זיך געווענדעט, זײַנען געווען פֿאַרנומען מיט זייערע געוויינלעכע און דרינגענדע אינייאָנים, וואָכעדיקע זאָרגן, אָבער קיינער איז ניט געבליבן גלײַכ־גילטיק צום איניען, מיט וועלכן איך בין צו זיי געקומען. דער ערשטער סעקרעטאַר פֿונעם טראַנסקאַרפּאַטער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט אַ. וו. אילניצקי, דער פֿאַרוואַלטער פֿון דעם אַדמיניסטראַטיוון אָפּטייל פֿונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט אַ. מ. מישקאָ, דער סעקרעטאַר פֿונעם געגנטלעכן קאָמיוג־קאָמיטעט נ. מ. פּאָפּ און דער געלערנטער־היסטאָריקער פּ. פּ. סאָוואַ האָבן געפֿונען צײַט מיך אויסצוהערן, געבן אַן אייצע און אַרויסווײַזן די געהעריקע הילף אין מײַנע זוכונגען. זיי האָבן מיך פֿאַרבונדן מיטן עלטערן לערער פֿון דער היסטאָרישער קאַטעדרע פֿונעם אוזשגאָראָדער אוניווערסיטעט, דעם קאַנדידאַט פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן יעמעליאַן

דמיטריעוויטש דאָווגאַניטשן. ער איז געקומען אין געגנטקאָם פֿון קאַמיוג, ווו מיר האָבן זיך מיט אים באַגעגנט.

יעמעליאַן דאָווגאַניטש איז אַן אַרטיקער טוישעוו, ער איז געבוירן געוואָרן אין כוסטאַ. בײַס דער מילכאָמע איז אין דער דאָזיקער שטאָט געווען טעטיק אַן אַנטיפֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע. זײַן פֿאָטער דמיטרי דאָווגאַניטש, אַן אָנטיילנעמער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די פֿאַשיסטן און איז אומגעקומען אין אַ קאָנצלאַגער. אַ סך יאָרן האָט יעמעליאַן געזוכט די שפּורן פֿון זײַן פֿאָטער, געזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן אים און זײַנע כאַווײרים און האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן זיי. אָט דער בוך איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק אינעם פֿאַרלאַג „קאַרפּאַטי“ גלײַך אויף דרײַ שפּראַכן — אוקראַיִניש, אונגאַריש, טשעכיש. דאָווגאַניטש איז אויך דער צונויפֿשטעלער פֿון אַ זאַמלבוך, געווידמעט דעם אָנגעזעענעם אוקראַיִנישן דיכטער־אַנטיפֿאַשיסט דמיטרי וואַקאַראָוון.

האַקלאַל, ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט יעמעליאַן דאָווגאַניטשן, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט — כ׳האָב געפֿונען אַ מענטשן, וואָס וועט מיר אומבאַדינגט העלפֿן.

בײַס דער אווטאָמאָביל, וועלכן עס האָט אָפּגעגעבן אין אונדזער רעשוס דער געגנטלעכער קאָמיוג־קאָמיטעט, טראָגט זיך איבערן שאָסיי פֿון אוזשגאָראָד, דערציילט מיר יעמעליאַן דמיטריעוויטש, אַז ער האָט זיך אויך געהאַט אָנגעשטויסן אויף דער „טשערווענאָווער געשיכטע“. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער אינעם געגנטלעכן פּאַרטיי־אַרכיוו געפֿונען יענעם נומער פֿון דער אַרמיי־צײַטונג „זנאַמיאַ ראָדיני“, אין וועלכן ס׳איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט די פֿאַרצייכענונג פֿון די מיליטערישע זשורנאַליסטן ב. גאַלאַנאָוו און ב. מיליאַווסקי „אונדזערע קינדער אין דײַטשישער געפֿענקעניש“, און ער האָט מיט דער הילף פֿונעם דירעקטאָר פֿון דער טראַנסקאַרפּאַטער קאָנטאָר פֿון פֿילמען־פּראָקאַט א. וו. פּאָפּאָוויטשן געקראָגן אַ מעגלעכקײַט דורכצוקוקן דאָקומענטאַלע קאַדרען פֿון אַ מיליטערישער קינאָ־כראָניק, וואָס דער קינאָאָפּעראַטאָר באַרבופֿליי און דער רעזשיסער פּאָמפּיאַנסקי האָבן אַראָפּגענומען באַלד נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון טשערווענעוואָ... נאָך מער, יע. דאָווגאַניטש, ווײַזט זיך אַרויס, האָט דעמלט זיך אויך פֿאַרבונדן מיט באָריס גאַלאַנאָוון, האָט פֿון אים באַקומען אַ בריוו וועגן דעם, וויאַזוי די אַרמייִשע זשורנאַליסטן האָבן געפֿונען די קינדער, וועלכע עס האָבן געראַטעוועט די פּויערים פֿונעם טראַנסקאַרפּאַטישן דאָרף.

— דאָס, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען גראָד אין אָט די ערטער, — האָט געזאָגט יעמעליאַן דמיטריעוויטש, — איז לאַכלוטן ניט קיין צופֿעליקע זאַך. אין 1919, ווען אין אונגאַרן איז אַנטשטאַנען אַ סאָוועטן־רעפּובליק, האָבן די פּויערים פֿון טשערווענעוואָ געשאַפֿן זייער זעלבסטעטיקן אָרקעסטער „רויטע קאַפּעלע“ און זײַנען אַרומגעפֿאָרן איבער די אַרומיקע דערפֿער, פּראָפּאַגאַנדירנדיק דעם „אינטערנאַציאָנאַל“, די „וואַרשאַוויאַנקע“ און אַנדערע רעוואָליוציאָנערע לידער.

און ער איז געווען גערעכט. דער אָפּקלאַנג פֿון יענע געשעענישן האָט ניט געקאָנט פֿאַרשווינדן אָן אַ שפּור. דער אָנדענק פֿונעם רוסישן ברודער, פֿונעם רוסישן פֿאָלק האָט געלעבט אין די הערצער פֿון די טראַנסקאַרפּאַטער אוקראַיִנער. ער איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן ניט אונטערן יאָך פֿון די טערקן, ניט אונטערן שווערן שטיוול פֿון די גאַבסבורגער מאָנאַרכן און אונגאַרישע קיניגן, ניט אונטערן קנאַפּל פֿון די כאָרטיסטן און פֿון די דײַטשישע פֿאַשיסטן.

די רוסישע קינדער, וועלכע עס האָט געטראָפֿן אַן אומגליק, זײַנען געווען פֿאַר די אָרטיקע טוישעווים לײַבלעך־אייגענע, קינדער פֿון זייערע ברידער און שוועסטער, זין און טעכטער פֿון יענע, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן קעגן די היטלעראָווצעס, דאָס הייסט — אויך פֿאַר דער פֿרײַהײַט פֿון אים, דעם טראַנסקאַרפּאַטער פֿאָלק.

אָט אַזוי, קימאַט ווי אומבאַמערקט, שמועסנדיק וועגן דער פֿאַרגאַנגענהײַט און דער קעגנוואַרט פֿונעם טראַנסקאַרפּאַטער קאַנט, זײַנען מיר געקומען צו פֿאָרן אין דאָרף ראַקאָשינאָ. פֿאַרבײַ, די איינשטאָקיקע, אַקוראַט אָפּגעשטוקאַטורעוועטע, שטיינערנע שטיבעלעך, געדעקט מיט בלעך און טשערעפּיצעס און וווּ־ניט־ווו באַפּוצט מיט געמעלן — אַטריבוטן פֿון די היגע ערטער, זײַנען מיר צוגעפֿאָרן צו דער געבײַדע פֿונעם דאָרפֿסראַט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר שוין געהאַט דעם אַדרעס פֿון דמיטרי וואַסיליעוויטש קאָוואַטשן.

דער באַלעבאָס האָט זיך ניט גערעכנט אויף אונדזער באַזוך, נאָר אויפֿגענומען האָט ער אונדז גאָר פֿרײַנטלעך. אַ מענטש פֿון העכער די אַכציקער, פֿון ניט הויכן וווּקס, אַ מאָגערער, מיט שפּירעוודיקע, ערנסטע אויגן, באַוועגט ער זיך איבערן צימער ניט געײַלט. אויסהערנדיק אונדז, ענטפֿערט ער אויך ניט געײַלט, נאָר דײַטלעך.

א גרופּע קינדער פונעם יעסוימים־הויז אינעם דאָרף דאָמבאַקי, וועלכע ס׳האָבן געראַטעוועט די סאָוועטישע שלאַכטלײַט. אָקטיאַבער 1944

אין זײַן צימער איז שטיל און קילבלעך, קיינער שטערט אונדז ניט, און אונדזער געשפּרעך טראָגט א זאַכלעכן כאַראַקטער.

דמיטרי וואַסיליעוויטש קען גוט סײַ טשערוועניעוואָ, סײַ דאָמבאַקי, סײַ קײַדאַנאָוואָ — די דערפער, ווו ער האָט געלעבט און געאַרבעט לאַנגע יאָרן. אַן אַלטער קאָמוניסט, געדענקט ער פיל דראַמאַטישע געשעענישן. איינע פון זיי — וויאַזוי די כאַרטיסטן האָבן אים אין 1943 אַרײַנ־געזעצט אין טפיסע. די זשאַנדאַרמען האָבן בא אים געפונען אַן עקזעמפּליאַר פון אַן אונגאַ־רישער צײַטונג נאָך פון די פאַרמילכאָמע־יאָרן. ער איז קוים אַרויס מיטן לעבן...

וואָס איז שײַעך די קינדער פון די מאַפּראָוועצעס, ווייסט ער אויך וועגן זיי. עמעצער, דער־ציילט ער, האָט דער ערשטער דערזען די קינדער אין אוזשגאָראָד, ניט ווײַט פונעם וואָקזאַל. זיי האָבן געפּויזעט אין גראָז, צווישן די קוסטעס, עפּעס געריסן און געשטופּט אין מויל אַרײַן. אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, מיט געשוואָלענע בײַכלעך און אויסגעצערטע פּנימער, מיט הונגעריקע אויגן, האָבן זיי געמאַכט א דערשיטערנדיקן אײַנדרוק. מיט זיי זײַנען געווען צוויי פּרויען — דערציִערנס, איינע האָט מען גערופן אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ. וויאַזוי עס האָט געהייסן די צווייטע — האָט ער פאַרגעסן.

אינגיכן האָט מען וועגן די קינדער זיך דערוווּסט אין שטאָט. מע האָט אויסגעקלאָרט, אַז דער צוג מיט די אָפּטרעטנדיקע פאַשיסטן, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען עטלעכע וואַגאָנען מיט קינדער, איז אַטאַקירט געוואָרן דורך דער אַוויאַציע. ראַטעווענדיק זיך פון דעם סאָוועטישן מיליטער, האָבן די פאַשיסטן אָפּגעטשעפּעט די דאָזיקע וואַגאָנען, און אַליין, צוזאַמען מיט די וולאַסאָוועצעס, וועלכע זײַנען געפאָרן אין דעם זעלבן עשעלאָן, אַנטלאָפן דורך טשאָפּ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. זיי האָבן אָבער זיך ניט געראַטעוועט. אין פרילינג פון 1945 האָט אונדזער מיליטער זיי אַרומגערינגלט און גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

רוסישע מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין אוזשגאָראָד, דערוויסנדיק זיך וועגן די קינ־דער, האָבן זיך פאַרבונדן מיט פאַרשטייער פון אונגאַרישן רויטן קרייץ און זיך געווענדט נאָך הילף צום פּאַטריאַרך פון דער מוקאַטשעווער יעפּאַרכיִע אוגרינען, און יענער האָט זיך שוין פאַרבונדן מיטן טשערווענעווער גאַלעך קאַרבאָוואַנעץ. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַהאַלטן די קינדער ווי מעגלעך ווײַטער פונעם סוינעס אויגן.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אַלפּי־סאָד און אָפּעראַטיוו, ווײַל ניט די דײַטשן, ניט די כאַרטיסטן האָבן ניט געטאָרט וויסן.

קיין אוזשגאָראָד זײַנען געקומען צו פאָרן פון טשערוועניעוואָ דרײַ וועגענער און א לאַסט־אויטאָמאָביל פון דעמבאַקער פּרויען־מאָנאַסטיר.

אינדערפרי האָבן די קינדער זיך געלאָזט אין וועג — די עלטערע, און די, וואָס האָבן גע־קאָנט — צופוס, און די קלענערע, קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע — אויף די וועגענער און אויף דער

מאַשין. אַ גאַנצן טאָג זײַנען זיי געגאַנגען און געפֿאָרן און אין אָוונט געקומען קיין טשערווענעוואָ.

אַ גרויסע גרופּע מיידלעך, פֿון די עלטערע, אַן ערך 40 מענטשן, האָבן די מאָנאַשקעס גענומען צו זיך אין דאָמבאַקי. מע האָט זיי אויסגעבאָדן, אָנגעטאָן און אײַנגעאָרדנט אין די מאָנאַסטיר־צעלן. די קלענערע האָט מען צוזאַמען מיט די דערצי̇ערנס באַזעצט אין אַ גרויסער שטאַל, וווּ מע האָט פֿאַר זיי געמאַכט ספּעצי̇עלע געלעגערס, די איבעריקע — אין די פּוסטע הײַזער. באַ אַ הונדערט קינדער האָט מען צעטיילט צווישן די פּויערים.

געקראָגן פּראָדוקטן און געגרייט שפּײַז פֿאַר די קינדער האָבן קימאַט אַלע אײַנוווינער פֿון טשערווענעוואָ. קיינער איז ניט געבליבן גלײַכגילטיק צו די רוסישע יעסוימים, וועלכע דער גוירל האָט פֿאַרוואָרפֿן אַהער, אין די קאַרפּאַטן.

דמיטרי קאָוואַטש האָט גוט פֿאַרגעדענקט דעם טאָג, ווען אין דאָרף האָבן זיך אַרײַנגעריסן סאָוועטישע טאַנקען, דאָס איז געווען דעם 25 אָקטיאַבער 1944. די אַרטילערישע קאַנאָנאַדע, וואָס האָט געהילכט אַלץ העכער פֿון דער זײַט פֿון סוואַליאַווע, האָט שוין פֿונלאַנג געגעבן צו וויסן, אַז די פֿראָנט־ליניע רוקט זיך צו אַהער. לויט קאָוואַטשס אייצע, האָט מען דאַן די קינדער אַרויסגעפֿירט פֿון דאָמבאַקער מאָנאַסטיר, וועלכער האָט געקאָנט ווערן אַ שלאַכט־אָביעקט, און באַהאַלטן אין אַ קיוועט, זיבעציק מעטער פֿונעם דאָרף.

ווי נאָר אָפּן וועג האָבן זיך באַוויזן דײַטשישע און אונגערישע מאַשינעס און מאָטאָציקלען, האָבן אַלע פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿאַשיסטן מאַכן די פּלייטע. און ווירקלעך, אין אַ שאָ אַרום, און עפּשער עטוואָס שפּעטער, האָט אין דאָמבאַקי זיך באַוויזן דער ערשטער סאָוועטישער טאַנק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן קלויסטער, פֿונעם אָפֿענעם ליוק האָט אַרויסגעקוקט אַ פֿריילעך, שמייכלענדיק פּאָנעם פֿון אַן אָפֿיצער אין אַ העלם. פֿונעם קיוועט זײַנען אַרויסגעקראָכן די קינדער און האָבן זיך גלײַך אַ וואָרף געטאָן צו אים:

— פּעטער, מיר זײַנען אונדזעריקע! אונדזעריקע... רוסן...

אין פֿיל יאָרן אַרום נאָך דער מילכאָמע האָט דער לערער פֿון געשיכטע פֿון דער ראַקאָשינער דאָרפֿישער שול פּיאָטער וואַסיליעוויטש איוואַנטשאָ אָפּגעזוכט אָט דעם טאַנקיסט. דאָס איז געווען דער געוועזענער קאַפּיטאַן פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי איוואַן פּעטראָוויטש קראַסאָווסקי, וועלכער לעבט איצט אין דאָנבאַס. לויט דער אײַנלאַדונג פֿון די קאָלווירטני̇קעס איז קראַסאָווסקי אין 1965 געקומען צו פֿאָרן אין ראַקאָשינאָ, האָט באַזוכט אויך דאָמבאַקי און טשערווענעוואָ. ער איז אַרויסגעטראָטן אין קלוב, אַ סאַך האָבן אים דערקענט, און אומעטום איז ער געווען דער אָנגעלייגטסטער גאַסט...

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט קאָוואַטשן.

מײַן קאָלעגע האָט געאײַלט אַהיים, קיין אוזשגאָראָד.

אין מוקאַטשעוואָ האָט מען מיר געגעבן דעם אַדרעס פֿון דער מעדיצי̇נישער שוועסטער לידי̇אַ איוואַנאָוונאַ לאַדיאַנאָוואַ (פֿרי̇ער איז איר פֿאַמיליע־נאָמען געווען קאָלאָדי), וועלכע האָט געאַרבעט אינעם שפּיטאָל נומ. 4292, וואָס האָט זיך געפֿונען אָף דער פֿראַנקאָ־גאַס, אינעם הויז נומ. 43, אין דער געבײַדע פֿונעם געוועזענעם יעסוימים־הויז. אַהער האָט מען אין דעקאַבער 1944 געבראַכט פֿון טשערווענעוואָ די קינדער.

איך האָב אָנגעשריבן אָט דער פֿרוי און באַקומען פֿון איר אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט דערציילט, אַז קימאַט אַלע קינדער זײַנען געווען זייער קראַנק, מערסטנטייל אָף פֿאַרשיידענע אָנשטעקנדיקע קרענק.

„מיר האָבן געהאַט איין אויפֿגאַבע — אויסטערהיילן די קינדער און איבערשיקן אָף דער גרויסער ערד, וואָס ווײַטער פֿון אופֿרײַסן, שיסערײַ און באָמבעס. צווישן זיי איז געווען אַ דרײַיאָריק אייפּעלע, וויטיע האָט מען אים גערופֿן, ער האָט מיך גערופֿן — מאַמע, און איך האָב די גאַנצע פֿרײַע צײַט זיך מיט אים פֿאַרנומען. און ווען ניט אָט די פֿאַרשאָלטענע מילכאָמע, וואָלט ער געוואָרן מײַן זון...“

ווײַטער האָט זי, ענטפֿערנדיק אָף מײַנע פֿראַגן, געשריבן, אַז אין אָט דעם שפּיטאָל איז זי געקומען פֿרײַוויליק. זי איז דעמלט אַלט געווען אַכצן יאָר. נאָך פֿרי̇ער האָט זי זיך באַטייליקט אין שלאַכטן, איז געווען פֿאַרוווּנדעט און נאָך דעם, ווי מע האָט זי אויסגעהיילט, האָט זי אַליין זיך געבעטן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. לידי̇אַ איוואַנאָוונאַ האָט אָנגערופֿן נאָך אייניקע מעדיקער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין יענעם שפּיטאָל, ווען מע האָט אַהין געבראַכט די קינדער: באָריס מיכײַלאָוויטש וואָלאָשינאָוו, וואַסילי וואַסיליעוו, מאַרי̇אַ באָלדירעוואַ, אַנאַ שאַטאָכינאַ, אַנאַ פּעגישעוואַ... צוויי כאַדאָשים האָבן זיי געפּילנעוועט די קינדער, ביז מע האָט זיי געקאָנט אומקערן אַהיים.

7

מײַן קאָמאַנדירונג האָט זיך פֿאַרענדיקט. דאַכט זיך, אַלץ, וואָס מע האָט געקאָנט אויס־קלאָרן און טאָן פֿאַר אַט דער קורצער צײַט, וואָס עס האָט מיר אויסגעטיילט די רעדאַקציע, — איז געווען אויסגעקלאָרט און געטאָן. אָבער ס'איז איבערגעבליבן נאָך איין איניען, וואָס איך האָב געוואָלט אומבאַדינגט דערליידיקן, איידער איך וועל אוועקפֿאָרן פֿונדאַנען.

אין טשערוווענעוואָ האָט מען מיר דערציילט אַ געשיכטע, אַ שיינע און רירנדיקע, וואָס איז מער ענלעך געווען אויף אַ לעגענדע, איידער אויף וואָר.

אינעם דאָרף דובראָווקאַ, ניט ווײַט פֿון אוזשגאָראָד, לעבט דער סעקרעטאַר פֿונעם דאָרפֿס־ראַט אַנאַ יוריעוונאַ בירוקאָוואַ. מיט איר האָט אין מעשעך פֿון אַ לאַנגער צײַט זיך איבער־געשריבן איינער פֿון די גרעאַטעוועטע — געשריבן בריוו, געזוכט זײַנע קרויווים, דערנאָך איז ער געקומען אַהער, האָט פֿאַר איר כאַסענע געהאַט און איז דאָ פֿאַרבליבן אויף שטענדיק. פֿאַר־בליבן, נאָר די לײַבלעכע ערטער ניט פֿאַרגעסן. ער וואָלט, האָב איך באַשטימט, אוואַדע גע־קאָנט אַ סאַך מיטיילן וועגן זיך און וועגן זײַנע כאַווירים.

איך האָב געדאַרפֿט זיך באַגעגענען מיט אָט דעם מענטשן און בין דעריבער געקומען צו פֿאָרן קיין דובראָווקאַ.

צוערשט האָט מיכאַיל ניקאָלײַעוויטש בירוקאָוו זיך אָפּגעזאָגט מיט מיר זיך צו טרעפֿן. איך בין לאַנג געשטאַנען מיט זײַן פֿרוי לעבן דעם דאָרפֿסראַט, דערציילנדיק איר, וואָס עס האָט זיך מיר שוין אײַנגעגעבן צו דערוויסן. אַנאַ יוריעוונאַ האָט געפּרוווט ווי־ניט־איז פֿאַר־ענטפֿערן איר מאַן, און איך האָב אים אויך גוט פֿאַרשטאַנען, ווײַל נאָך ביז אָט דער באַגעגעניש האָב איך זיך באַקאַנט מיט מיכאַיל בירוקאָווס בריוו צו איר, נאָך דעמלט אַ יונג מיידל אַניע...

דאָס איז געווען אַ האַרצרײַסנדיקער בריוו, אין וועלכן ס'איז געווען באַשריבן די לעבנס־דראַמע פֿון אַ מענטשן. אָט זײַנען איינציקע אויסצוגן פֿונעם בריוו:

„די מוטער מײַנע — מאַריִע אָדער מאַרוסיע, עפּעס ענלעכס צו דעם, איז געשטאָרבן אָדער מע האָט זי דערהאַרגעט, און באַ וועלכע אומשטענדן האָב איך אײַך ניט געשריבן.

איך געדענק זי אָט ווי־אַזוי: איך בין געשלאָפֿן מיט איר ערגעץ אויף אַ גלעלעגער, צי אויף אַן אויוון, און ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, האָב איך אָנגעהויבן זי צו טאָרען, וועקן, נאָר זי האָט זיך ניט אויפֿגעכאַפּט, פֿאַרגעזעצט שלאָפֿן אָדער געלעגן, האָב איך זי אָנגעהויבן צופּן פֿאַר דער נאָז, פֿאַרן מויל און פֿאַר די האָר — זי האָט קיין ריר זיך ניט געטאָן.

מעגלעך, אַז זי איז געשטאָרבן פֿון הונגער, אָדער ס'האָבן זי געקאָנט דערהאַרגענען די באַנדעראָווצעס, ווײַל דער טאַטע איז געווען אין דער רויטער אַרמיי...

אָט פֿון דעמלט אָן, זינט די מאַמע איז געשטאָרבן, האָבן זיך אָנגעהויבן מײַנע וואַגלענישן, ווײַל ווי אַנדערש וואָלט אַ מוטער געקאָנט וואַרפֿן איר אייגן קינד? אוואַדע ניט! דערנאָך גע־דענק איך זיך אין עפּעס אַ פֿעלד מיט סנאָפּעס — נאָך דעם, ווי איך בין אַנטלאָפֿן פֿון דער שטוב..."

ס'האָט זיך אײַנגעקאַרבט אין זײַן זיקאָרן נאָך איין בילד. ווי ער מיינט, איז דאָס געווען די לעצטע באַגעגעניש מיטן פֿאָטער.

„איינמאָל אין אַ זוניקן טאָג, — שרײַבט ער, — איז דורכגעגאַנגען אַ קאָלאָנע צי אַ גרופּע סאָלדאַטן. זיי זײַנען געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון קלויסטער פֿאַרבײַ אונדזער שטוב און ווײַטער, ערגעץ אַראָפּ־צו. איך בין דעמלט געזעסן באַם פֿענצטער און האָב געקוקט אויפֿן וועג, און כ'האָב דערזען, ווי פֿון דער קאָלאָנע האָט זיך אָפּגעטיילט איינער און איז גיך אַרײַנגע־לאָפֿן צו אונדז אין שטוב. איך בין אָפּגעשפּרונגען פֿונעם פֿענצטער אויפֿן דיל, ווײַל דער טאַטע (און עפּשער דער פֿעטער, דער מאַמעס ברודער אָדער דעם טאַטנס ברודער) איז אַרײַנגעגאַנ־גען, ריכטיקער — אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב. די מאַמע, ווי זי איז געשטאַנען איינמיטן דער שטוב, האָט מיך גלײַך אַ כאַפּ געטאָן פֿונעם דיל אויף די הענט. זי האָט געוויינט, און אויך איך האָב, דאַכט זיך, געכליפּעט.

דער טאַטע איז געווען אויפֿגערודערט, ער האָט גענומען קושן די מאַמע און מיך, דערנאָך האָט ער מיך איבערגענומען פֿון דער מאַמעס הענט און ווי אין שפּאַס געקיצלט מיט זײַן ניט געגאָלטער באָרד מײַן פּאָנעם... אויף זײַן פּלייצע איז געווען אַ קאַראַבין צי אַן אויטאָמאַט, דער פּריקלאַד איז געווען אַ הילצערנער. ערגעץ־ווו באַזוימט מיט אײַזן, און דאָס אײַזן האָט גע־בליצט, דעריבער האָב איך עס פֿאַרגעדענקט. דאָס זעקל אויף דער פּלייצע איז געווען אַ גרינס, ווי די גאַנצע סאָלדאַטישע פֿאָרמע, אָבער צי איז ער געווען אין פּילאָטקע אָדער אין אַ קאַש־קעט — דאָס קאָן איך ניט פּינקטלעך זאָגן.

געזעגנט האָט ער זיך מיט אונדז אפגיך, עפּעס אויסגעשריִען אף א קאָל, איז ארויסגע־לאָפן פון דער שטוב, אָניאָגנדיק די אוועקגעגאנגענע קאָלאָנע סאָלדאטן...״

דערמאָנענדיק זיך, ווי די פאשיסטן האָבן זיי אוועקגעפירט מיט זיך אף מיַרעוו, האָט ער וויַטער געשריבן:

„...אונדזער עשעלאָן איז געקומען אף דער סטאנציע לידא, גראָדנער געגנט. ווען ער איז צוגעפאָרן צו דער סטאנציע, האָט מען זי באָמבארדירט. איך געדענק עס גוט, איך בין גע־שטאנען בא דער אָפענער טיר פונעם וואגאָן, ס׳האָבן געברענט די היַיזער, ס׳איז געווען אזוי הייס, אז מיר האָבן מיט די הענט זיך פארשטעלט פונעם פיַיער... ארום האָט מען געזען נאָר קוימענס, סרייפעס און לויפנדיקע מענטשן מיט פערד... באנאנד מיט מיר איז געשטאנען א מיידעלע פון א יאָר צוועלף, א שפּליטער האָט איר געטראָפן אין האנט און אין שטערן. זי איז טייקעף אומגעפאלן — צי האָט מען זי נאָר פארוואונדעט, צי עפשער דערהארגעט — קאָן איך ניט זאָגן...״

און נאָך האָט מיכאיל בירריקאָוו געשריבן, אז, געפינענדיק זיך אין טשערווענעוואָ אין סאָף אָקטיאבער 1944, ווען די סאָוועטישע טאנקען האָבן זיך דערנעענטערט צום דאָרף, איז ער „געזעסן אין הויז מיט עפּעס אן אלטער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אינגאנצן אין שוואַרצן, און דאָס הויז איז געווען א לאנגס, ווי ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, און אפן דיל זיַינען געווען עפּל, א סאך עפּל, און אין אָט דער ציַיט איז געגאנגען א שלאכט... די אלטע האָט מיך אוועק־געשלעפּט, איך זאָל ניט דערהארגעט ווערן...״

ווען מיר האָבן פארענדיקט דעם שמועס מיט אנא יוריעוונען, און איך האָב זיך שוין גע־קליבן מיטן נאָענטסטן אויטאָבוס זיך אומקערן קיין מוקאטשעוואָ, איז איר מאַן אומגעריכט צוגעגאנגען צו אונדז.

אָט אזוי האָבן מיר פונדעסטוועגן זיך באקאנט. דערנאָך, שוין אין דער היים, האָבן מיר לאנג געשמועסט — מערסטנטייל וועגן דעם דאָרף, וואָס איז געוואָרן פאר אים א שטענדיקע היים. און אין גאנג פון אונדזער מאנצבלשן שמועס, ווען איך האָב זיך באמיט ניט אָנרירן די אלטע, נאָך ניט פארהיילטע ווונדן, וואָס דאָס לעבן האָט אים פארשאפט, האָב איך פארשטאַ־נען, אז אָט דער אויסגעמאטערטער, דערשלאָגענער מענטש קאָן ביז איצט זיך ניט שיידן מיט די געדאנקען וועגן זיַינע אייגענע און וועגן זיַין לייַבלעך דאָרף, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן און וועלכע ער האָט אף אייביק שוין פארלוירן...

זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, האָב איך אָנגעשריבן א בריוו נאָך אין איין אָרט, לויטן אדרעס, וואָס מע האָט מיר געגעבן אין טראנסקארפאטיע. און אָט וואָס עס האָט מיר געענט־פערט טאטיאנא קולינענקאָווא, איצטער ט. ק. כאכינא, א מוטער פון דריַי קינדער, א געווע־זענע וועבערן:

„ביז דער מילכאָמע האָב איך געלעבט אין בריאנסקער געגנט, אין דער מישפּאָכע פון מיַין פעטער, וויַיל די מאמע איז געשטאָרבן און אונדז איבערגעלאָזט זאלבעפינפט מיטן טאטן... איך האָב דעמלט באוויזן צו פארענדיקן דעם ערשטן קלאס, און אף דעם האָט זיך פארענ־דיקט אויך מיַין קינדהיַיט.

איך געדענק, ווען אונדזער דאָרף באָרשטשעוואָ האָבן פארכאפּט די דיַיטשן, איז פונקט געגאנגען דער שניט. ס׳איז געווען א שטארקע שלאכט. דערנאָך האָט מען אלע איַינוווינער פונעם דאָרף פארטריבן אין פעלד, און דאָס דאָרף האָט מען פאר אונדזערע אויגן פארברענט. מע האָט אונדז געטריבן, איך ווייס ניט וווהין. און אָט אין דער דאָזיקער ציַיט האָב איך פארלוירן דעם טאטן, דעם ברודער, וויַיל אין וועג האָט מען די גאנצע ציַיט באָמבארדירט...״

דערציילנדיק וויַיטער וועגן איר גורל, האָט טאטיאנא קאָנסטאנטינאָוונא געשריבן, וויאזוי זי איז אין 1941 אָנגעקומען אין דער שטאָט אָריאָל אין א יעסוימים־הויז פאר פאר־וואָרלאָזטע, פונוואנען מע האָט אין א ציַיט ארום אלע קינדער אוועקגעפירט אין וואגאָנען. בייס אָט דעם לאנגן שווערן וועג אין אומבאוווסטקיַיט איז מיר אויסגעקומען אויסצושטיין פארשיידענע ניסיוינעס — הונגער, שרעק... „מע האָט אונדז געפירט, דערמאָנט זי זיך, — סיַי אף אויטאָמאָבילן, סיַי צופוס. און אומעטום האָבן אונדז באגלייט שלאכטן, באָמבארדירונגען. אויב ס׳איז אויסגעקומען ערגעץ זיך אָפּצושטעלן, זיַינען מיר געגאנגען בעטן נעדאָוועס, קעדיי ניט שטארבן פון הונגער. אָט אזא איז געווען אונדזער וועג ביז די סאמע קארפאטער בערג...״

אין אן אנדערן בריוו האָט ט. ק. כאנינא, לויט מיַין ביטע, פארפינקטלעכט דעם מאר־שרוט, אָנרופנדיק די שטעט בראנאָוויטש און לעפּעל.

„מע האָט אונדז געיאָגט טאָג און נאכט, און אומעטום זיַינען געווען שלאכטן און באָמ־באַרדירונגען — ווי זשע האָט מען געקאָנט פאַרגעדענקען די ערטער, דערצו נאָך זיַינען מיר געווען הונגעריק, ווי הינט.

כ'האָב פאַרגעדענקט א סטאַנציע, אַף וועלכער ס'איז ניט אַף רוסיש געווען אָנגעשריבן „לידא"... איך געדענק א שרעקלעכע באָמבאַרדירונג אַף אָט דער סטאַנציע, ס'איז געגאַנגען א שלאַכט, מיר האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די וואַגאָנען, הינטער די רעדער. ס'האָבן זיך געריסן באָמבעס, אַלץ אַרום האָט געברענט, און די דײַטשן זײַנען געלאָפן אין איין אונטערשטן וועש...

און נאָך איינס. מע האָט אונדז געבראַכט צו פירן אַף עפּעס א סטאַנציע, וואָס איר נאָמען איז אויך ניט אַף רוסיש געווען אָנגעשריבן... מענטשן זײַנען דאָרט געגאַנגען אין קורצע הויזן, ריין אָנגעטאָן, מיר זײַנען לאַנג געשטאַנען, און די דײַטשן האָבן גענומען וואַרפן אַפּן פּעראָן צוקערקעס, געמיינט, אַז מיר וועלן זיך גלײַך לאָזן נאָך זיי. אָבער קיינער פון אונדז איז ניט אַרויס פונעם וואַגאָן, טיר האָבן זיך צוגעדריקט נאָך ענגער איינער צום אַנדערן און געזעסן, געוואַרט, וואָס וועט זײַן ווײַטער. שפּעטער האָט מען אונדז געזאָגט, אַז זיי האָבן געוואָלט אונדז אַראָפּנעמען פאַר עפּעס א פילם און באַווײַזן אין דײַטשלאַנד — טוט א קוק, ווי אין רוסלאַנד, נעבעך, הונגערן די קינדער. נאָר ס'האָט זיך בא זיי גאָרניט באַקומען. און נאָך אָט דער סטאַנציע זײַנען מיר געקומען אין די קאַרפּאַטער בערג..."

און פאַרענדיקנדיק איר בריוו, האָט זי אָנגערופן אייניקע כאַוויירים:

„פון אונדזערע קינדער געדענק איך מאַרוסיא סטאָליצינא, אירא בערקאָווסקאַיא (איצט איז איר פאַמיליע־נאָמען גאָראָדיק), זי איז פון באַראַנאָוויטש. דאָס געדענק איך פּינקטלעך. ליליא בולדינסקאַיא און לידא איסײַטשענקאָ, מאַרוסיא און וואַליא פּימענאָווא..."

אָט אזא איז די דאָזיקע געשיכטע. אָבער שטעלן א פּונקט איז נאָך צו פרי, ווײַל די דערציילונג וועגן די קינדער, וועלכע מע האָט געראַטעוועט אין טראַנסקאַרפּאַטיע, איז נאָך ניט פאַרענדיקט. די זוכענונגען דויערן...

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

איזי כאַריק

(1937—1898)

נאָכעם לעווין

(צו זײַן 70־יאָריקן געבורטסטאָג)

לידער פון דער צײַטונג „וועקער"

„עס איז שוין באַלד 15 יאָר, ווי צו מיר אין רעדאַקציע פונעם „וועקער" איז געקומען גאָר א יונגער באָכער מיט א ברייוול פונעם כאַווער קאַמענשטיין, דעם דעמלטיקן סעקרעטאַר פון באָריסאָווער אוקאָם (אויעזדנעם קאָמיטעט פון דער פאַרטיי). ער האָט געגעבן אָפדרוקן א ליד. די ליד איז, דוכט זיך, געווען א „נייט־ראַלע"— וועגן זייער א שיינער זומערדיקער נאַכט, וואָס „שמעקט מיט בעריאָזע און ערד"... דער באָכער איז געווען ניט קיין אנדערער, ווי אונדזער איזי כאַריק..."

אָט אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרטיקל פון עליע אָשעראָוויטש, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אינעם זאַמלבוך „איזי כאַריק", וועלכן דער פאַרלאַג פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע פון ווססר האָט אַרויסגעלאָזט צום 15־יאָריקן יובילײ פון איזי כאַריקס דיכטערישן וועג אין 1936. עליע אָשעראָוויטש איז געווען איינער פון די ערשטע רעדאַקטאָרן פון דער מינסקער צײַטונג „וועקער" און איז געווען אַן איידעס פון איזי כאַריקס ערשטע דיכטערישע טריט.

א מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צײַטונג איז אויך געווען דער באַוווּסטער ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער אורי פינקעל. און אָט וואָס או. פינקעל דערמאָנט אין דעם זעלבן זאַמלבוך:

„אין יאָר 1921 איז ער געקומען, אָט דער דיכטער, אין אונדזער רעדאַקציע פון דעם קאָמוניסטישן „וועקער", געעפנט א העפטל לידער, געשריבן מיט א כעמישן בלײַפעדער, און עס האָבן פון דאָרטן אַרויסגעקוקט פאָלגנדיקע שורעס:

ריזן האָבן הײַנט א גאַנצן טאָג געגלעט אַף
שטראַלן פון מײַן קאָפּ
און אַף מיר געצייכנט מיט די פינגער...

. . . .

עפּעס זײַנען הײַנט באַם פענצטער מײַנעם
א גאַנצן טאָג געשטאַנען ריזן,
שטיל געהויבן קעפּ נאָך בלויער שײַן
און עפּעס אַלץ אַף מיר געוויזן..."

מיקויעך די דאָזיקע שורעס שרײַבט או. פינ־
קעל:

„אַט די נאַזווע, א ביסל ביכלדיקע ריזן פון דער יוגנטלעכער רעוואָליוציאָנער־ראָמאַנטישער זעונג כאַריקס האָבן שוין אַנגעזאָגט אַף יענע ריזן, וואָס האָבן כאַריקן באַגלייט, אַנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג... די ריזן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף".

ווי באַוווסט, זײַנען איזי כאַריקס ערשטע לידער („זיי און מיר" און „אין שטורעם") געווען פאַרעפנטלעכט אונטערן פּסעוודאָנים א. ז. זעמבין (דער נאָמען פונעם שטעטל אין באָריסאָווער ראַיאָן, מינסקער געגנט, ווו דער דיכטער איז געבוירן געוואָרן) אין מאָסקווער זשורנאַל „די קאָמוניסטישע וועלט" (נומ. 14—15 פאַרן 1920). אין 1922 דערשײַנט אין מינסק איזי כאַריקס ערשט ביכעלע לידער „ציטער". דאָס דאָזיקע ביכעלע הייבט זיך טאַקע אָן מיט דער ליד „ריזן האָבן הײַנט א גאַנצן טאָג געגלעט אַף שטראַלן פון מײַן קאָפּ", וועגן וועלכער עס דערמאָנט אורי פינקעל.

וועלכע לידער האָט דער דיכטער געדרוקט אין דער מינסקער צײַטונג „וועקער"?

בלעטערנדיק די דאָזיקע אויסגאַבע פאַרן יאָר 1921, האָבן מיר געפונען אי. כאַריקס 5 לידער: „אין די טעג", „אין יענער נאַכט", „קוואַלן", „קאַמאַרינסקע" און „פון דײַן שאַרבן". קיין איינע פון די דאָזיקע ווערק איז נישט אײַנגעשלאָסן ניט אין אי. כאַריקס ערשט ביכעלע „ציטער" און ניט אין קיין שום אַנדערע זאַמלונגען. דער דיכטער האָט, ווײַזט אויס, געהאַלטן, אז זיי זײַנען נאָך רויע. פונדעסטוועגן שטעלן זיי מיט זיך פאָר א געוויסן אינטערעס פאַר דער פאָרשונג פון איזי כאַריקס שעפערישן וועג.

אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט דער דיכטער פאַרעפנטלעכט אינעם „וועקער" נאָך אייניקע לידער, וועלכע זײַנען אויך ניט אַרײַן אין זײַנע זאַמלונגען, אַכוץ דער ליד „אין רויך", וואָס איז אײַנגעשלאָסן אינעם בוך „אַף דער ערד" (1926).

אָפּמערקנדיק דעם 80־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן דיכטער, דרוקן מיר אייניקע זײַנע פריִיקע שאַפונגען, וועלכע מיר האָבן גענומען פון דער צײַטונג „וועקער" (1921—1924).

איזי כאַריק

אין יענער נאַכט

אין יענער נאַכט האָט הימל שוועבעלעך־ריזן געריבן און געצונדן,
אין יענער נאַכט האָט הימל פונקען אויסגעקריצט, געשלײַדערט און געלאָשן,
די נאַכט האָט אופגעבונדן די שווארצע האָר צעשפּרייטע.
מיט ריזיקע צוויי ציטערדיקע הענט
זיי געטרייסלט און
געצונדן!
עס האָט די נאַכט מיט קאָפּ, מיט האָר אין העלישקײַט געברענט,
געטרייסלט צעפּ געצונדענע און רויטע.
געקעמט די האָר געצונדענע און רויטע.
ריזן ריזיקע געשפּאַנט האָבן אין יענער נאַכט,
געקוקט
און רוישנדיק געשוויגן...
און אָפּגעשטעלט זיך האָבן זיי באַנאַכט
באַם פאַקל אָנגעצונדענעם
און נײַע ביכער אופגעבלעטערט,
און נײַע ווערטער אויסגעשריִען.
— — — — — — — — — — — — — —
עס האָט די נאַכט
אין העלישקײַט געברענט...

אין די טעג

אין די טעג, אין די טעג בין איך שיקער.
אין די טעג, אין די טעג בין איך — איך.
האָבן וויכערס די האָר מיר צעשויבערט,
האָבן גאַסן צעריסן מיר שיך.

כ'דריק דאָס לעבן מיט מוסקול פון פינגער,
כ'שלײַדער שטיקער אין הייסן כאַאָס.
כ'בין א יונגער און שיקערער זינגער,
כ'קריץ פון פײַער אן אָס נאָך אן אָס...

קוואַלן

מיט ליפּן, ביזן בלוט פאַרשמאַכטע,
שרייַען פעלדער אויס:
— א שלו — נגו!
און ווייַסל־איגגן,
שוין ביז האַלב פאַרמאַכטע,
לעשן אויס דעם לעצטן פונק
און בלייַבן שטויביקע,
ווי פליכעס
אַף פּאַטילניצע פון ערד.

זאַמלט הימל אַן דעם לעצטן קויעך —
ס'ביסל וואָלקנדלעך צונויפגעגנומען —
וויל ער אויסקוועטשן א טרער...
נאָר טרוקן איז ער — ביין,
און טרוקן איז זייַן גומען.
הוילע זון נאָר סמאַליעט זיך פון היץ.

און הענט
מיט שטעקן אין דער ערד
פאָדערן! —
און טיף אין ערד
צעפּלאַצן זיך די אָדערן.
שווער ווערט זאַפט
צו שטיקן זיך אין ערד
און גיסט זיך אינעם וואַסערפאַל אַריבער.
צוגעפאַלן,
מיט ציטערדיקע הויפנס
זופט די ערד
פון גריבער
און ווערט,
צעפּלאַסטעט בא די קוואַלן.

* * *

ווייַסרוסלאַנד, א שטילע און צאַרטע,
האָט מייַן קינדערשן קאָפּ ניט פאַרברענט...
נאָר אין ווייַניקע, ווייכע פאַרנאַכטן
האָבן פעלדער געגלעט מיר די הענט.

און אין שניט־צייַט, ווען צייַטיקע לידער
ווערן נאָענט, און שטיל, און פאַרקלערט,
פלעג איך פאַלן מיט גלוויביקע גלידער,
פאַלן צו קראַפּט פון דער ערד.

עפּשער דאַרף איך אַצינדער צערייַסן
מיט מייַן ווייַסער בעריאָזעווער היים, —
נאָר עס קוועלט נאָך אין הארצן א וואַסער
פון ווייַסרוסלאַנד — מייַן קוועליקער היים.

איינס, און צוויי, און הונדערט

דער פּיאָנערן־באַזע באַם פּערעץ־קלוב

פון קעלערס, נויט און אומרה,
פון נידעריקסטן שטאָק
מיר זייַנען הייַנט געקומען
באַווייַזן זיך דער שטאָט.
איז גוט דעם טוי פון ליפּן
צעווייען איבער גאַס
און אופהייבן און ליבן
דאָס לעבן און זייַן לאַסט.

פאַלן טריט, ווי רענדלעך,
יונגערהייט און צאַרט,
און אונטער בונטע בענדלעך
ווייט א פאָן אין הארץ...
א זעץ אין זיבן זונען,
די הענט א פּאַך צום ווינט...
איינס, און צוויי, און
הונדערט —
און יעדער איז א קינד.

אין רויך

ניט פון זון, ניט פון רוים און פון וועלטן, —
געגנוג געזונגען אזוי און אזוי...
איך בין געוואָרן אַף זיבן יאָר עלטער,
איז מייַן קאָפּ איצטער דורכזיכטיק־ריין.

איך געדענק א שטאָט אין געוויין, אין גערודער,
א היץ און קעלט האָט געשטראָמט אונטער לייַב.

ס'האָט די מאַמע געוויינט פאַר מײַן ברודער,
געוויינט און געבעטן זיך: בלײַב!

איז מײַן ברודער געוואָרן נאָך שטרענגער,
שטרענג געקוקט, ווי עס רײַסט זיך און וועקט...
און איך, אַזאַ יונגער און קלײנינקער,
בין אויך נאָך מײַן ברודער אַוועק.

ווער האָט געוווּסט, וואָס ס'געשעט דאָרט אין רויכן,
ווער עס בלײַבט און ווער ס'דרייט זיך צונויף...
ס'איז מײַן ברודער געקומען אַ בלייכער
מיט אַ בלוטיקער האַנט אָפּן שלייף.

שטילערהייט מיך אָף אַקסלען גענומען,
שטילערהייט מיך באַשוואָרן: געדענק!
האָט אַ שטילקייט גענומען מײַן ברודער
און צאַרט אים אָף דער ערד אויסגעלייגט...

זײַנען יונגען געווען און פאַרגאַנגען,
שטרענגערהייט זיך צעלייגט אונטער ווינט...
ווי געקענט האָט דאַן ווײ טאָן און באַנק טאָן
אונטער סרייפעס אַ גלייביקן קינד.

וואַקסן יאָרן, גייען אויף און פאַרגייען,
פּאַכן פּאַרכטיק פון גליק און פון פרייד...
דערמאָן איך זיך ברודערשע ווייען
אָף גאַסן פון גליקלעכן טויט.

* * *

שווערע פּיס און שווערע טריט, נאָר גאַס צעקײַקלט זיי, ווי אײנדן,
נו, ווער וועט שטעלן זיך און שרײַען: שטײ!
האָט מײַן ליבסטע מיך געוואָלט געפינען
און ניט דערקענט שוין מיך אין גרינגער ריי...

אַ ליכטיק־ליכטיקע, מיט צעפּ מיט בלאָנדע,
וואָס האָט דער ווינט פון מיר געוואָלט?
עס איז דאָך גרינג אָף שפּיזן טראָגן
אַזויפיל גאָלד...

און קוק איך רעכטס, און קוק איך לינקס, —
מיט מיידלעך ליכטיקע ביסט נאָכגעגאַנגען
און אָף אַן אויסגעשטרעקטער האַנט
אַ יונגן שמייכל אופגעהאַנגען.

שווערע פּיס און שווערע טריט,
נאָר גאַס צעקײַקלט זיי, ווי אײנדן.
פאַרוואָס איז עפּעס אַזוי גרינג
מיט שפּיזן זינגענדיקע פינקלען?..

א באגאבטע פערזענלעכקייט

(צום 70־טן געבורטסטאָג פון נאָכעם לעווין)

יעדערער פון אונדז האָט אין דער קינדהייט זייער פיל כאוויירים, אין דער יוגנט — שוין ניט אין אזא מאָס — אָבער אויך ניט ווייניק. נאָר ווען מע נעמט אין די מער רײַפערע יאָרן אונטערצי̤ען א מין סאכאקל פונעם „געשעענעם און געוועזענעם", פונעם דורכגעלעבטן און איבערגעלעבטן, ווײַזט זיך ארויס, אז עכטע כאוויירים, אזעלכע, וואָס זײַנען געווען מיט דיר באנאנד ניט נאָר אין דײַנע פריידן, האָסטו געהאט שוין גאָרניט אזויפיל, ווי דיר האָט זיך עס געדאכט. קאָנסט זיי צומאָל, צום באדויערן, איבערציילן מאמעש אף די פינגער: ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ... וויפל איך זאָל אָט אזוי־אָ זיי ניט אָנציילן, איז איינעם פון די ערשטע צווישן זיי, איינעם פון די געטרײַסטע צווישן די געטרײַסטע, וועל איך אָנרופן נאָכעם לעווינען — דעם באגאבטן ליטעראטור־קריטיקער, אָנגעזעענעם רעדאקטאָר, גײַסטרײַכן מענטשן, וועמענס אָנדענק ס'איז פאר מיר הייליק.

באקאנט האָב איך זיך מיט אים אין מאָסקווע אין סאָף פון די צוואנציקער יאָרן, נאָר קיין נאָענטע כאוויירים זײַנען מיר דאן ניט געוואָרן. מעגלעך דערפאר, ווײַל מיר האָבן זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט ניט אף איין קורס — ער איז געווען אף א קורס יי̤נגער — געלעבט האָבן מיר אין פארשיידענע צוזאמענוווינונגען און דעריבער זיך זעלטן געזען, און נאָכן פארענדיקן אין 31־טן יאָר דעם אוניווערסיטעט בין איך אין מעשעך פון העכער צען יאָר אי יאָ געווען, אי ניט געווען קיין מאָסקווער. ניט צופעליק האָט מיך דער טאלאנטפולער דיכטער מאָטל הארצמאן, מיט וועמען כ'האָב אין מאָסקווע, זײַענדיק א סטודענט, געלעבט אין איין צוזאמענוווינונג, געהאט אָנגעשריבן אף זײַן ביכל לידער, וואָס ער האָט מיר געשענקט בייס אונדזער באגעגעניש אין קי̤עוו אין דער מיט פון די דרײַסיקער יאָרן: „דעם ארומוואנדערנדיקן שרײַבער".

די דאָזיקע „כאלאאס" — זײַן שטענדיק אונטערוועגנס — איז מיר פארבליבן ביז הײַנט. אויך איצט, ווען איך דערזע א צוג, ווער איך פארציטערט. ווו בין איך נאָר ניט אויסגעוועזן פאר אָט די ארומוואנדערנדיקע יאָרן. מער פון צוויי — דרײַ כאדאָשים פלעג איך זיך זעלטן ווען פארהאלטן אין מאָסקווע, און פארשווינדן פלעג איך נאָכדעם יעדעס מאָל אף א יאָר צי צוויי. אזויארום, אז אָפט זיך טרעפן מיט נאָכעם לעווינען איז מיר ניט אויסגעקומען. אָבער די באגעגענישן האָבן מיר זיך קימאט אלע פארגעדענקט.

ס'האָט זיך מיר פארגעדענקט אונדזער באגעגעניש אינעם דזשאנקאָיער קאָלווירטישן אײַנפאָר־הויז אין דער ערשטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן. איך האָב זיך נאָרוואָס געהאט אומגעקערט צוזאמען מיט מייער אלבערטאָנען פון א רײַזע איבער די יי̤דישע יי̤שוּווים פון דזשאנקאָיער ראיאָן, וועלכע מיר האָבן מערסטנטייל דורכגעמאכט צופוס. נאָכעם לעווין איז געקומען אלס קאָרעספאָנדענט פון „עמעס" באשרײַבן דאָס לעבן פון די יי̤דישע קאָלווירטן אין פרײַדאָרפער ראיאָן. אינגיכן האָבן אין „עמעס" זיך גענומען דרוקן זײַנע פארצייכענונגען און בילדלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט טיפן באנעמען די פראָצעסן, וועלכע זײַנען דאן פאָרגעקומען אין די קאָלווירטן, מיט דער בילדערישקײַט און לאקאָנישקײַט פון דער שפראך.

אָט דאן האָב איך צום ערשטן מאָל זיך מער נעענטער באקאנט מיט נאָכעם לעווינען אלס וואָרט־מײַסטער.

נאָך מײַן צוריקקערן זיך קיין מאָסקווע פון בירָאבידזשאן האָב איך זיך געטראָפן מיט נאָכעם לעווינען אין „עמעס". ער איז צו יענער צײַט געווען דער פארוואלטער פונעם ליטערארישן אָפטייל אין דער צײַטונג. איינצײַטיק איז ער אויך געווען רעדאקטאָר אינעם „עמעס"־

פארלאג, געלייענט א קורס עסטעטיק אין דער טעאטראלער שול באם גאָסעט, זיך פארנומען מיט דראמאטורגיע. וועגן זײַן גלענצנדער אײַנסצענירונג פון ליאָן פויכטוואנגערס „די מישפאָכע אָפענהיימס" האָט ניט לאנג צוריק דערציילט אין „סאָוועטיש היימלאנד" די אָנטיילנעמערן פון דער דאָזיקער פאָרשטעלונג, די שוישפילערן מאניע קאָטליאראָווע.

די באגעגעניש אונדזערע אין דער רעדאקציע פון „עמעס" איז געווען פארבונדן מיט צוגרייטן פאר דער נאָענטסטער ליטערארישער זײַט א גרעסערן אויסצוג פון מײַן ראָמאן וועגן ביראָבידזשאן, איבער וועלכן כ'האָב דאן געארבעט (דער קסאוויאד פונעם ראָמאן איז בייס דער מילכאָמע פארלוירן געגאנגען).

גרייטנדיק צום דרוק דעם דאָזיקן אויסצוג, האָב איך צום ערשטן מאָל זיך געהאט באקאנט מיט נאָכעם לעווינען אלס רעדאקטאָר.

ס'האָבן זיך מיר פארגעדענקט אונדזערע באגעגענישן בייס די מאָסקווער גאסטראָלן פונעם יידישן טעאטער פון ווײַסרוסלאנד אינעם לאָקאָל פון „גאָסעט". קענענדיק נאָכעם לעווינען שוין ניט איין יאָר, האָב איך נאָך דאן ניט איינגאנצן באנומען די גרויסע צוציִונגס־קראפט פון אָט דעם באשיידענעם, כ'וואָלט אפילע געזאָגט, שעמעוודיקן באָכער. נאָך די פאָרשטעלונגען פלעגן אים ארומרינגלען די אקטיאָרן און מיט דער גרעסטער אופמערקזאמקײַט זיך צוהערן צו זײַנע קריטישע באמערקונגען. מיך האָט פארוווּנדערט, ווען כ'האָב געזען ווי אונדזערע גרויסע דיכטער און פראָזאיקער פרעגן בא אים א מיינונג וועגן זייערע ווערק. אן אנדערער וואָלט זיך געוויס דערמיט איבערגענומען — עס זײַנען דאָך דאן געווען אזעלכע אנערקענטע אווטאָריטעטע קריטיקער און ליטעראטור־קענער, ווי דאָברושין, נוסינאָוו, גורשטיין, ווינער, אויסלענדער. נאָר לעווין איז פארבליבן דער זעלבער ביז גאָר באשיידענער און שעמעוודיקער נאָכעם, אזא ווי ער האָט זיך מיר פארגעדענקט פון אונדזער ערשטער באקאנטשאפט, ווען ער איז געקומען פון מינסק, ווו ער האָט געארבעט אין דער צײַטונג „יונגער ארבעטער", זיך לערנען אין דער יידישער ליטעראריש־לינגוויסטישער אָפטיילונג פונעם 2־טן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט.

נאָענטע כאוויירים זײַנען מיר געוואָרן ערשט נאָך דער מילכאָמע און, דאכט מיר, פונעם ערשטן טאָג, ווי מיר האָבן זיך באגעגנט אינעם יידישן אנטיפאשיסטן קאָמיטעט.

ארײַנקומענדיק אין איינעם א זומערדיקן טאָג אינעם גרויסן פאָדער־צימער פונעם קאָמיטעט, וואָס איז שטענדיק פול געווען מיט שרײַבער, זשורנאליסטן, באזוכער — מאָסקווער און אָנגעפאָרענע, — האָב איך אומדערווארט דערזען דאָרט נאָכעם לעווינען. ער האָט זיך ניט לאנג צוריק אומגעקערט פון דער ארמיי און איז נאָך געווען מיליטעריש געקליידט. אף דער גימנאסטיאָרקע מיט די פאָגאָנעס פון אן עלטערן לייטענאנט — שלאכט־אָרדענס. פאר די עטלעכע יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, האָט ער זיך אויסערלעך ווייניק וואָס געביטן, כאָטש ער האָט דורכגעמאכט די מילכאָמע אפן שלאכטפעלד און איז ניט ווייניק אויסגעשטאנען. דער זעלבער קלוגער שמייכל אף די ליפן, די זעלבע דורכדרינגלעכע אויגן לויכטן זיך אף זײַן לענגלעך טונקל־מאטעוון, ווי פון דער זון אָנגעברוינטן, געזיכט. כ'האָב אים געטראָפן זיצן אָפגעזונדערט אין א זײַט, פארטיפט אין זיך, ווי א מענטש, וואָס איז צוגעקומען צום שיידוועג און דארף אליין לייזן דעם אייגענעם גוירל זײַנעם, וווהין זיך לאָזן גיין. ער איז פאָרט געווען אָפגעריסן העכער פיר יאָר פונעם פרידלעכן לעבן, וואָס האָט ביסלעכווײַז זיך צוריק גענומען אומקערן.

כ'ווייס ניט, וואָס עס איז אין אונדז ביידן געשען אין דער דאָזיקער מינוט אזעלכעס, וואָס האָט אונדז א צי געטאָן איינער צום צווייטן און אונדז אזוי דערנעענטערט, אז ס'איז נאָכדעם זעלטן ווען געווען דער טאָג, מיר זאָלן זיך ניט טרעפן, צי ניט פאָרן צוזאמען זיך אָפרוען, באגעגענען צוזאמען נײַ־יאָר און אנדערע יאָמטויווים.

אף מײַן פראגע, ווען מיר זײַנען צוזאמען דעמלט ארויס פונעם קאָמיטעט און זיך געלאָזט שפאצירן אפן גאָגאָלעווער סקווער, וואָס קלײַבט ער זיך טאָן, האָט ער מיר געענטפערט מיט זײַן שטיל הארציק קאָל, — אייגנטלעך ווייסט ער נאָך דערווײַל אליין ניט. ער וועט זען.

לאנג זיך צוקוקן און זיך פארטראכטן, וואָס צו טאָן, האָט מען אים אָבער ניט געלאָזט. אין עטלעכע טעג ארום איז ער שוין געווען א רעדאקטאָר אינעם יידישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. און אין א קורצער צײַט ארום איז ער איינצײַטיק שוין אויך פארוואלטער פונעם ליטערארישן אָפטייל אין דער צײַטונג „אייניקײַט", רעדאקטאָר אינעם „עמעס"־פארלאג, אָנגעפירט מיט דער יידישער ראדיאָ־טראנסלירונג, געלייענט לעקציעס אין דער טעאטראלער שול באם גאָסעט, געשריבן ארטיקלען וועגן ליטעראטור און טעאטער...

וויאזוי האָט ער דאָס אלץ באוויזן? די, וואָס האָבן אים געקענט נעענטער, האָט עס ניט געוווּנדערט. ער האָט פון לאנג שוין געהאט א שעם פון אן אויסערגעוויינלעך ארבעטספייִקן מענטשן. צי איז געווען נייטיק ארופוואלגערן אף זײַנע אקסל אזא שווערע מאסע? זעט אויס, ער האָט געהערט צו די טוער פון דער יידישער קולטור, וועגן וועלכע ס'איז מיט רעכט אָנגענומען צו זאָגן, אז ס'איז זיי שווער צו פארבײַטן.

געווען איז נאָכעם לעווין א מענטש מיט א שטארקן ווילן, א פרינציפיעלער, אן אופריכטיקער, א הארציקער.

מיר דערמאָנט זיך: די רעדקאָלעגיע פונעם דעמלטיקן אלמאנאך „היימלאנד" האָט אלץ ניט געקאָנט לייזן דעם גוירל פון א ווערק פון איינעם א טאלאנטפולן שרײַבער, וועלכער האָט, אומקערנדיק זיך פונעם פראָנט, איבערגעלעבט א

געוויסע צײַט א באַשטימטן שעפערישן קריזיס. ווי אַזוי נאָכעם לעווין איז ניט געווען פאַרנומען, האָב איך פונדעסטוועגן געפיעלט באַ אים, ער זאָל אויסרעדאַגירן דאָס דאָזיקע ווערק. ווען איך האָב וועגן דעם מיטגעטיילט דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם אַלמאַנאַך, ארן קושניראָוו, האָט ער געזאָגט:

— אויב נאָכעם נעמט זיך עס רעדאַגירן, קאָן מען מיטיילן דעם אווטאָר, אַז דאָס ווערק וועט זײַן אָפּגעדרוקט אינעם סאַמע נאָענטן נומער.

און אַזוי איז געווען.

אָט ווי הויך עס האָט געשאַצט נאָכעם לעווינס געשמאַק, זײַן רעדאַקטאָרישע קונסט אַזא וואָרט־מײַסטער, ווי ארן קושניראָוו. ניט צופעליק האָט דער ניסטער אויסגעקליבן אים, נאָכעם לעווינען, פאַרן רעדאַקטאָר פון זײַן קרוין־ווערק „די מישפּאָכע מאַשבער" (צווייטע אופלאַגע).

נאָכעם לעווין האָט פאַרמאָגט א שאַרף אויג, א ראַפינירטן געשמאַק, א קריטישן צוגאַנג און א רײַכע קינסטלערישע שפּראַך. ניט צופעליק האָט די „טרײַע מאַמע" פון דער ליטעראַטור, ווי מיר, די יונגע, האָבן מיט גרויס ליבע גערופן דעם אומפאַרגעסלעכן יעכעזקל דאָברושינען, געהאַט באַדויערט אין איינעם פון זײַנע אַרטיקלען, פאַרוואָס נאָכעם לעווין טרעט זעלטן אַרויס מיט זײַנע קריטישע אָפּהאַנדלונגען, וועלכע, אויסער דעם וואָס זיי טיילן זיך אויס מיט זייער טיפקײַט, שאַרפזיניקײַט, פּרינציפּיעלקײַט פאַרשאַפן זיי דעם לייענער א גרויסן עסטעטישן פאַרגעניגן, — דאָס, וואָס עס פעלט, צום באַדויערן, אָפט אויס אייניקע אַנדערע קריטיקער.

מיט ניט ווייניקער רעכט קאָנען מיר באַדויערן, וואָס אין נאָכעם לעווינען איז פאַרלוירן געגאַנגען אַן עכטער פּראָזע־מײַסטער און דראַמאַטורג. דאָס איז צו זען פון זײַנע קינסטלערישע פאַרצייכענונגען, בילדלעך, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פּעריאָדישער פּרעסע, פון זײַנע אינסצעניִרונגען, פון דער אייגנאַרטיקער פיעסע, וועלכע ער האָט ניט באַוויזן פאַרענדיקן.

מיר דוכט, אַז טיילווײַז זײַנען מיר, שרײַבער, שולדיק אין דעם, וואָס נאָכעם לעווין האָט אַזוי ווייניק באַוויזן אויפטאָן פאַר זיך. מיר האָבן אים ניט געשאַנעוועט. איטלעכער האָט אים געוואָלט האָבן פאַר זײַנעם א רעדאַקטאָר, און לויט זײַן נאַטור האָט ער קיינעם פון אונדז, און מיר האָבן עס געוווסט, ניט געקאָנט אָפּזאָגן און ניט אָפּגעזאָגט. צוליב דעם פלעגט ער צײַטנווײַז מאַקרעווע זײַן די נעכט. אין די נעכט, נאָך אַן אָנגעשטרענגטן ניט נאָרמירטן אַרבעטסטאָג, האָט ער רעדאַגירט מײַן בוך „ביראָבידזשאַנער טוישווים", הערשל פּאָליאַנקערס „שמאַיע גאַזלען" און פיל אַנדערע ביכער, וואָס ער האָט געגרייט צום דרוק אין „עמעס"־פאַרלאַג.

די ביכער, וואָס זײַנען דערשינען אונטער זײַן רעדאַקציע, פונקט ווי די ווערק, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין די ליטעראַרישע זײַטן פון די צײַטונגען „דער עמעס", „אייניקײַט", האָבן דערפון ניט ווייניק אויסגעשפּילט.

מע קאָן זייער פיל דערציילן וועגן נאָכעם לעווינען דעם מענטשן, וואָס איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אויסערלעכער און אינערלעכער מענטשלעכער שיינקײַט. דאָס איז געווען א לעבנסלוסטיקער, צאַרטער, פילבאַרער מענטש און אַן איבערגעגעבענער כאַווער.

הײַנט וואָלט נאָכעם לעווין אַלט געוואָרן 70 יאָר. די דאָזיקע מערקווירדיקע דאַטע וואָלט מען אַוודע און אַוודע געדאַרפט אָפּמערקן מיט אַרויסלאָזן א זאַמלונג פון זײַנע אויסדערווײלטע פאַרצייכענונגען, קריטישע אַרבעטן. דעם דאָזיקן בלויז קאָן מען פאַריכטן. דאָס דאַרפן טאָן מיר, זײַנע נאָענטע כאַווײרים. דערווײַל זאָל מײַן וואָרט צו זײַן 70־יאָריקן געבורטסטאָג זײַן אַן אָנהייב אַף פאַרייביקן זײַן ליכטיקן אָנדענק.

שמועל גאָרדאָן

מאַטל פּאַליאַנסקי

אַ קליין שטעטעלע אין דער גרויסער וועלט

אַרום פּריצישן הויף

סעקוראַן פֿאַר זיך — איז אַ גאַנצע וועלט מיט אַן אייגענער געשיכטע. אַמאָל, מיט אַ סאַך יאָרן צוריק, האָט דאָס דאָזיקע בעסאַראַבער שטעטל מיטן דערבײַיִקן דאָרף און מיט אַלע פֿעלדער און וועלדער געהערט צום „קרומען גענעראַל״. זקנים האָבן פֿאַרגעדענקט די צײַט, ווען דאָס שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן בויען. דאָרט, ווו ס׳איז אויפֿגעקומען די שול־גאַס מיט קלויזן און באָטעמעדראָשים, איז פֿריִער געווען הויל פֿעלד, און אויפֿן אָרט פֿון דער מאַרק־גאַס און „טאַרהאָוויצע״, איז געווען אַ גרינע לאָנקע, וווּ עס האָבן זיך געפּאַשעט דעם פּאָרעצס פֿערד, שאָף און רינדער.

דער פּאָרעץ, דער „קרומער גענעראַל״, איז, אייגנטלעך, קיינמאָל קיין גענעראַל ניט געוועןן. ער איז געווען אַ קאַליקע אויף ביידע פֿיס, און דער טיטל „גענעראַל״ איז אים איבערגעגאַנגען פֿון זײַן פֿאָטער אינאיינעם מיט דער גאַנצער ירושה. זײַן פֿאָטער, דער אַלטער גענעראַל, האָט געוווינט אין פּעטערבורג, געווען נאָענט צום צאַרישן הויף, און זעלטן־ווען זיך אַרײַנגעכאַפּט קיין סעקוראַן אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין זײַן גוט, אָפּנעמען כעזשבן בײַ זײַנע פֿאַרוואַלטערס און באַדינער.

אַז דער אַלטער גענעראַל איז געשטאָרבן, האָט מען אים געבראַכט פֿון פּעטערבורג קיין סעקוראַן און מעקאַבער געווען מיט פּאַראַד אין אַ פֿאַמיליען־סקלעפּ, אינעם הויף פֿונעם שטעטלשן קלויסטער, וווּ עס זײַנען שוין געלעגן ניט ווייניק קוואָרים פֿון דער דאָזיקער דינאַסטיע.

דעם „קרומען גענעראַל״ געדענק איך שוין אַליין, ווען ער איז געווען דער גאַנצער באַלעבאָס פֿונעם גוט. ער האָט געהאַט אַ בייז־צעקנייטשט פּנים, אַ פֿליישיקס, אַ ציגײַנעריש־טונקלס, מיט אַ ברייט־צעפּלעטשטער נאָז, וואָס האָט אים געמאַכט ענלעך צו אַ מאָפּס. מע האָט פֿאַר אים מוירע געהאַט איימעס־מאָוועס.

ער פֿלעגט אַרויספֿאָרן אין אַן אָפּענעם פֿאַעטאָן מיט פֿיר פֿערד, געשפּאַנט „נאַשפּיץ״. זומער האָט ער געטראָגן אַ ווײַסע טוזשורקע מיט אַ ווײַסער קאָקאַרדע אויפֿן היטל, ווינטער פֿלעגט ער זײַן אײַנגעקוטעט אין אַ גרויסן שאָפֿענעם פּעלץ. אויב עמעצער האָט ניט באַוויזן אים באַגריסן, אָדער ניט גענוג האַכנאָעדיק זיך פֿאַרנייגט, האָט ער אַ שלײַדער געטאָן אין יענעם די שטאָלצן זײַנע און גערײַטשעט מיט אַ הייזעריק קאָל עפּעס קלאָלעדיקס און עפּעס דראָענדיקס. זײַן קוטשער, אַ הויכער „מוזשיק״ מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער פֿליושענער טענדעווערענדע, מיט אַ רויטן ברייטן גאַרטל, פֿלעגט אין אַזעלכע פֿאַלן טײַקעף אַראָפּשפּרינגען פֿון דער קעלניע, נאָכלויפֿן דעם „שולדיקן״ מיט דער פֿאָכנדיקער בײַטש און בײַסמײַסע אויפֿהייבן פֿון דער ערד די קוליעס.

ער האָט ליב געהאַט, דער „קרומער״, צו מאַכן אַמאָל אַ ביטערן שפּאַס, דערמאָנען דעם אוילעם, אַז אַלע הײַזער פֿונעם שטעטל זײַנען אויף זײַן ערד, כאָטש מע האָט שוין לאַנג פֿאַר דעם באַצאָלט. ער פֿלעגט אַמאָל לאָזן רופֿן צו זיך עמעצן פֿון די אײַנוווינער און אַ זאָג טאָן:

— איך האָב צו דיר גאָרניט, נאָר באַפֿרײַ מיר מײַן ערד. נעם דיר אַוועק דאָס הויז און ראַם מיר אָפּ דעם פּלאַץ!

מע האָט דערציילט, אַז ווען מע האָט אָנגעהויבן בויען די אײַזנבאַן, האָבן די אינזשע־ניערן פלאַנירט זי נאָענט הינטערן שטעטל, וואָס וואָלט געווען פאַרן היגן אוילעם אַ נײַער קוואַל אַף צײַען די כאַיונע. האָט זיך אָבער „דער קרומער" אַוועקגעשטעלט: ניין און ניין! ער וועט ניט לאָזן דורכשנײַדן זײַנע פעלדער! און ס'איז געבליבן אַזויווי ער האָט געוואָלט. סע־קוראַן איז אַף שטענדיק פאַרבליבן אין אַ זײַט פון דער אײַזנבאַן־ליניע. די שטעטלדיקע באַ־לעגאָלעס אינאיינעם מיט זייערע פאַרשוינען, פאָרנדיק אין די פינצטערע נעכט איבער די אָסיענדיקע בלאָטעס, אין די ווינטערדיקע זאַווערוכעס צום צווייטן וואָקזאַלכל, האָבן געהאַלטן אין איין שעלטן דעם „קרומען", סײַ ווען ער האָט נאָך געלעבט, ווי אויך נאָך זײַן טויט.

קיין שום מאַגע־מאַסע האָט דער „קרומער" ניט געהאַט מיט די אײַנוווינער פונעם שטעטל, ניט רעכענענדיק, פאַרשטייט זיך, די פּאָר קרעמער, וואָס האָבן צוגעשטעלט פאַרן „הויף" באַ־קאַליי, מאַנופאַקטור און אַנדערע סכוירעס, און אויך די פּאָר ייִדישע מעקלערס, דורך וועלכע ער האָט געשלאָסן פאַרשיידענע אָפּמאַכן: אָפּגעגעבן אין אַרענדע ערד, פאַרהאַנדלט זײַנע טוועס און פּרוכטן.

שטאַרק געכאַוועט האָט ער זיך מיט אַ ייִדישן ערד־אייגנטימער פונעם נאָענטן דאָרף בערנאָווע. מע האָט אינאיינעם געפירט מיסכאָרים, געפּראַוועט בעלער און פאַרבעטן איינער דעם אַנדערן אַף סימכעס.

דאָס אַלטע פּריצישע הויז, ווו דער „קרומער" האָט געוווינט, איז געווען אַן איינשטאָקיקס, נאָר ס'האָט אויסגעזען, ווי אַן עמעסער פּאַלאַץ. ס'איז געשטאַנען אינמיטן סאָד, אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט בלומען. דער גאַנצער הויף איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן געמוי־ערטן פּאַרקאַן. לענגויס דעם פּאַרקאַן האָט זיך געצויגן אַ ברייטער שטויביקער וועג, וואָס פירט אין די נאָענטע דערפער. אין די זומערדיקע שאַבעספאַרנאַכטן פלעגט דאָס שטעטל זיך אַהער אַרויסלאָזן אַף שפּאַציר. מע האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק, און דער שטויב האָט זיך אופגעהויבן ביזן הימל. דאָך האָט עס געהייסן, אַז מע אָטעמט מיט פרישער לופט, וואָס גייט פונעם פּריצישן הויף, פון זײַן סאָד און פון זײַנע בלומען.

אַזוי האָט זיך געצויגן, ביז ס'איז געקומען דאָס יאָר פון טויזנט נײַן הונדערט זיבעצן.

וואָס באַטײַט אַ קליין שטעטעלע אין אַזאַ גרויסער וועלט?

אָבער ווו לעבט דען ניט די בענקשאַפט נאָך פרײַהײַט, נאָך פרייד?

און סעקוראַן איז אויך געווען פול מיט די רוישן פון יענע שטורמישע טעג!

מאַניפעסטאַציעס, דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען, לידער! אינעם „הויף" האָט געזאָטן. דאָ האָט זיך געשאַפן דער ערשטער רעוואָליוציאָנערער קאָמיטעט. דער סאָד, יענער פאַרוועטער גאַניידנדיקער סאָד, איז געווען פול מיט מענטשן. פאַר די אויגן האָט מיר געשווינדלט און כ'בין געווען ווי פאַרטויבט. כ'האָב ניט געקאָנט גענוג אָנקוקן זיך אין די פאָנען, אין די אויפ־שריפטן, אין די רויטע לענטעס און באַנטיקלעך, וואָס מענטשן האָבן אָנגעטשעפּעט אַף די אַרבל און אין די לאַצן.

מײַן באָבע וווינט מיט אונדז. דער זיידע איז יונג געשטאָרבן, און איך הייס נאָך אים. די באָבע איז געבליבן מיט אַ סאַך קינדער, וואָס זײַנען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע ערטער. מיך האָט די באָבע זייער ליב. כ'בין דאָס עלטסטע אייניקל פון איר עלטסטער טאָכטער. איך האָב זי אויך ליב. טאָקע זי האָט מיך געפירט איצט אַהער, אין סאָד אַרײַן. זי האַלט מיך פעסט באַם הענטל, איך זאָל זיך ניט פאַרלירן צווישן אוילעם. זי בייגט זיך אָן צו מיר און מונ־טערט מיך:

— מאַטעלע, שמעק דיך אָן מיט לופט, מע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער...

דערנאָך זײַנען געקומען שווערע טעג. אָפּדערנאַכט האָט מען מוירע געהאַט לייגן זיך שלאָפן. עס האָבן זיך געהערט שיסערײַען און גוואַלדן. אַלעמאָל האָבן אַנדערע באַנדעס גע־מאַכט פּאָגראָמען אין שטעטל. מײַן טאַטנס אַ קאָרעוו, וואָס האָט געוווינט אין דער מאַרק־גאַס, ווו עס זײַנען אָפטער געווען די אָנפאַלן, איז געקומען צו אונדז אין דער שול־גאַס מיט זײַן גאַנצער מישפּאָכע און מיט אַלע שטוב־זאַכן. זיי זײַנען איבערגעזעסן די נעכט באַ אונדז. באַטאָג זײַנען די גאַסן געווען פּוסט. ניט קיין מאַניפעסטאַציעס, ניט קיין הוראַ־געשרייען, ניט קיין פריילעכע געזאַנגען...

וואָס איז אַ קליין שטעטעלע אין דער גרויסער וועלט?

נאָר ווו לעבט דען ניט דער ווייטעק פונעם צעטראָטענעם טרוים?

אײַנגיכן האָבן זיך געוויזן רומענישע סאָלדאַטן. זיי האָבן אַרומגעיאָגט מיט די ביקסן פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז, גערעדט אַף אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך און בלויז איין וואָרט האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין מויעך: „באָלשעוויטש".

זיי האָבן אופגעריסן טירן, צעוואָרפן ווענט, געזוכט און געבענטשט:
— באָלשעוויטשו!
איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי זוכן, פאַרוואָס נעמען זיי אוועק אונדזערע קאָלדרעס און פאַרוואָס שלעפּן זיי אוועק אַנדערע שטוב־זאַכן.
זיי האָבן איבערגעקערט די שפּײַז־שאַפע, געגריבלט מיט די פינגער אינעם אײַנגעמאַכטס, אָנגענומען גאַנצע זשמעניעס הינער־שמאַלץ און ניט אופגעהערט צו שרײַען:
— באָלשעוויטשו!
עס האָט מיר געריסן דאָס האַרץ, זעענדיק ווי די עלטערע אין שטוב שטייען איבערגע־שראָקענע און וואַרפן זיך איבער מיט אַזעלכע טרויעריקע בליקן.

די הונגעריקע כײַע

דער ערשטער רומענישער קאָמענדאַנט קיצילעסקו האָט גלײַך באַקומען אין שטעטל א נאָמען „די הונגעריקע כײַע". מיט אַלץ נײַע און נײַע באַפעלן האָט ער אָנגעוואָרפן א מוירע אופן שטעטל. אַלע טאָג האָט ער געפאָדערט אים ברענגען פאַרשיידענע זאַכן: קליידונג, לע־דער, צירונג.
ווי נאָר ער האָט זיך געיאָוועט אין שטעטל, האָט ער באַפוילן, אַז אַלע מאַנצבלען זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויף דער „טאַרהאָוויצע". דאָרטן האָט ער געהאַלטן זייער א הייסע רעדע, געשריגן ביז הייזעריק צו ווערן, נאָר מע האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען און ניט געוווּסט, וואָס ער וויל. ערשט דערנאָך, מיט דער הילף פון אַן איבערזעצער, א ייִד, וואָס האָט פאַר־שטאַנען א ביסל מאָלדאַוויש, איז קלאָר געוואָרן, וואָס קיצילעסקו האָט אײַנגעקנעלט מיטן אוילעם.
— די וועלט, — האָט ער געשריגן, — דאָס איז גאָט, דער קייסער און איך!
דעם סאַמע איקער פון זײַן רעדע האָט ער אונטערגעשטראָכן מיטביידע פויסטן:
— אַרויסגעבן די באָלשעוויקעס, וואָס זײַנען דאָ צווישן אײַך! אַלעמען אַרויסגעבן!
יענעם טאָג האָט געגאָסן א רעגן, און די בלאָטע איז געוואָרן וואָס אַמאָל טיפער. דעם אוילעם האָט מען דאָרט געהאַלטן א גאַנצן טאָג. צו אָוונט־צו האָט קיצילעסקו באַפוילן, אַז די עלטערע מענטשן זאָלן זיך אויסשטעלן באַזונדער, די ייִנגערע באַזונדער. דעם ייִנגערן אוילעם האָט ער געהייסן גיין אַהיים, און מיט די אַלטע אָנגעהויבן פּראָווען שטיק. ער האָט געצוווּנגען די אַלטע לייגן טאַנצן אין דער בלאָטע, און דערבײַ זינגען לידער. סאָלדאַטן האָבן זיי בייסמײַסע „אונטערגעמונטערט" מיט שאָמפּאָלן...
מײַן טאַטע האָט, נאַטירלעך, זיך אוועקגעשטעלט צווישן די יונגע, און איז נאָך פאַר־נאַכט געקומען אַהיים. נאָר די באָבע איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב, געוויינט און געקלאָגט. איר צוואַנציקיאָריקער זון שײַקע איז נאָך אַלץ ניט געקומען. וואָס זשע איז מיט אים געשען?
דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מײַן פעטער שײַקע האָט געוואָלט איבערכיטרעווען דעם קאָמענדאַנט. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישן די אַלטע, מיינענדיק, אַז זיי וועט מען שוינען.
ער איז אַהיים געקומען, אײַנגעטונקען אין בלאָטע, צעמיימעסט, צעשלאָגן, אַרײַנגעפאַלן אין שטוב מיט א געוויין, געכליפּעט, ווי א קליין קינד:
— כ'וועל אַנטלויפן אין דער וועלט אַרײַן! כ'וויל ניט אָנקוקן די דאָזיקע ראָצכים, — האָט ער ניט אופגעהערט צו כליפּען.
אינגיכן איז ער טאַקע אוועקגעפאָרן ערגעץ מעייווער לעיאַם און האָט פון דאָרטן גע־שריבן בריוולעך, פול מיט בענקשאַפט אַהיים. „איין זאַך אָבער האַלט מיך אָפּ פון צוריקקו־מען, — האָט ער געשריבן, — אין סעקוראַן איז קיצילעסקוס מעלוכע, און קיצילעסקו ליגט מיר אין טאָם נאָך ביז הײַנטיקן טאָג".
דערנאָך איז געקומען יענער ערעוו יאָמקיפּער. אין שטעטל האָט מען זיך געגרייט צו קאַלנידרע. פּלוצעם איז געוואָרן א בעהאָלע. דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן זײַנע זעלנער אַרויסטרײַבן אַלע מענטשן פון זייערע הײַזער און זיי צונויפנעמען אופן פּלאַץ „הינטערן הויף". כוץ קליינע קינדער, האָט קיינער אין דער היים ניט געטאָרט בלײַבן. איך בין גע־בליבן אַליין מיט די פּיצלעך קינדער אין שטוב און ס'איז אויף מיר געפאַלן א גרויסער פּאַ־כעד. כ'האָב שטילערהייט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. די גאַס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי פּוסט. סאָלדאַטן, רײַטנדיק אויף פערד, האָבן ווילד אַרומגעיאָגט מיט נאַהײַקעס אין די

הענט. פערדישע פיס האָבן געקנאַקט מיט די פּאַדקאָוועס איבער די טרעפּלעך פון די הײַזער און גאַנעקלעך. געטראָפן עמעצן אין שטוב, האָבן די סאָלדאַטן געמיימעסט, געשלאָגן. „היג־טערן הויף" האָט אָן אַטריאַד קאַוואַלעריסטן געהאַלטן אַרומגערינגלט דעם אוילעם פונעם גאַנצן שטעטל און ניט אופגעהערט אַלץ ענגער זיי צונויפפּרעסן, צונויפקוועטשן. ווײַבער האָבן געכאַלעשט, מענער האָבן געוויינט אָף א קאָל: „וואָס וועט דאָ זײַן, וואָס וויל מען פון אונדז?"

קיצילעסקו האָט אַרומגעריטן אָף זײַן פערד און האָט ניט אופגעהערט צו דראָען:

— כ'וועל אַלעמען אומברענגען ווי די הינט! די „זשידאַנעס" וועלן בא מיר ויסן, וויאַזוי אויסצובאַהאַלטן באָלשעוויקעס!

ס'איז צו אים דערגאַנגען א קלאַנג, אַז עמעצער האָט קלוימערשט באַמערקט אין שטעטל צוויי פרעמדע פּאַרדעכטיקע מענטשן, וועלכע זאָלן האָבן געקומען פון יענער זײַט דניעסטער. ער האָט געוואָלט דערגיין, ווער זײַנען עס די צוויי און ווו זײַנען זיי, אָבער ער האָט זיך גאָרניט דערוווּסט.

שפּעט פאַרנאַכט איז ער עטוואָס מילדער געוואָרן:

— זאָל שוין אָף הײַנט זײַן גענוג! אָבער א צווייט מאָל...

דער אוילעם איז געלאָפן אהיים און מוירע געהאַט זיך אומצוקוקן. א סאַך זײַנען אוועק גלײַך אין די שולן, אין די קלויזן אויסגיסן די ביטערע הערצער, נאָר קיצילעסקוס באַפעל האָט געוואָרנט:

— ניט דאַוונען! ניט צונויפקומען זיך אין די קלויזן!

א זעלטענער גזירה! דאָס ערשטע מאָל, דאַכט זיך, זײַנען צו קאַלענדרע די קלויזן געווען פּוסט. דאָס ערשטע מאָל האָבן אונדזערע סעקוראַנער ניט געקאָנט אויסזינגען קאַלענדרע.

די רומענישע באַיאַרן האָבן זיך א וואָרף געטאָן אָף די בעסאַראַבער רײַכטימער זשעדנע, ווי די היישעריקן. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די שענדלעכער רומעניזירונג. די שול איז פאַרגוואַלדיקט געוואָרן פון דער פרעמדער אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. דאָס איז געווען א טראַגעדיע סײַ פאַר די אַרטיקע לערער, סײַ פאַר די שילער.

אַלע שטעטלשע אַנשטאַלטן זײַנען אויך געוואָרן רומעניזירט, אומעטום איז געווען א געלעגנהײַט צו איזדעקעווען זיך איבער דער אַרטיקער באַפעלקערונג. עס זײַנען געווען צעהאַנגען בלעטלעך מיט אַזאַ אופשריפט: „רעדט נאָר אָף רומעניש!"

פאַר ניט פאַרשטיין דאָס, וואָס א רומענישער באַאַמטער זאָגט עמעצן, אָדער פאַר ניט קענען אים ענטפערן, זײַנען אָפט געפלויגן פעטש און זידלערײַען.

בעסאַראַביע, וואָס איז שוין געווען אָף דער שוועל פון דער נײַער צײַט, האָט טיף אין זיך געוויײַטעקט און געצאַרנט, און ניט איין מאָל, ווי דער אומרויִקער יאַם, אופגעשטורעמט. א באַזונדערן אָפּקלאַנג איבער גאַנץ בעסאַראַביע האָט געהאַט דער טאַטאַרבונאַרער פּויערים־אופשטאַנד קעגן דער באַיאַריש־רומענישער הערשאַפט. די רומענישע רעגירונג האָט שטאַרק געשראָקן זיך, די סרייפע זאָל זיך ניט צעפלאַקערן אַלץ ברייטער, און דער פּרעמיער־מיני־סטער יאָן בראַטיאַנו האָט דעם אופשטאַנד דערשטיקט אין בלוט. די זשאַנדאַרמעריע האָט נאָך שטאַרקער גענומען בושעווען אין אַלע בעסאַראַבער שטעט און דערפער. דער סעקוראַנער פּריצישער „הויף" מיטן סאָד איז ווידער געוואָרן א שרעק פאַר דער היגער באַפעלקערונג. דאָ האָט זיך באַזעצט די זשאַנדאַרמעריע און אהין האָט מען טאָג און נאַכט געשלעפּט פאַר־דעכטיקע מענטשן. וויפל אכזאַריעסן און מערדערײַען, וויפל העלדישע קעמפער זײַנען דאָרט פאַרמוטשעט געוואָרן און וויפל מוטיקײַט זיי האָבן דאָרטן אַרויסגעוויזן!

אין אַלע ווינקעלעך פון בעסאַראַביע האָט געטלײַעט די בענקשאַפט, וואָס עס האָט דאָ איבערגעלאָזט נאָך זיך דער שטורעם פונעם זיבעצנטן יאָר.

ווי סע ציִען זיך געוויקסן צו דער זון, ריטשקעלעך צום יאַם, אַזוי האָט מען זיך מיט בענקשאַפט געצויגן צו יענעם העלן און אויסגעטרוימטן, וואָס איז שוין געווען אַזוי נאָענט. דער בליק איז געווען געווענדט אהין, וואָס האָט איצט געהייסן „פון יענער זײַט דניעסטער".

וואָס איז א קליין שטעטעלע אין דער גרויסער וועלט?

נאָר אין דער גרויסער באַוועגונג, וואָס האָט זיך צעוואַקסן אין בעסאַראַביע, האָט סע־קוראַן געהאַט אויך איר חלק. און אויב דערמאָנען אינעם אָנהייב, אויב מע קאָן ביכלל ריידן וועגן א פּינקטלעכער גרענעץ־ליניע, ווען און ווו א געשיכטלעכע געשעעניש האָט זיך אָנגעהויבן, האָט די אופוואַכונג פון דער סעקוראַנער אָרעמשאַפט זיך אָנגעהויבן פון דער „יאַטקע־גאַס".

די „יאַטקע־גאַס" אין די צוואַנציקער יאָרן!

7*

אָפּגעפּרעמדע גאַסן

פון אַלע סעקוראַנער הינטערגעסלעך איז די „יאַטקע־גאַס" געווען, קאָן מען זאָגן, די הויפּט־רעזידענץ פון דער שטעטלשער אָרעמשאַפט. דאָ האָבן דוירעסלאַנג געוווינט שנײַדער און שוסטער, סטאָליערס און באָנדערס, קירזשנער און פעל־שינדער, בעקער און וואַסערפירער, באַלעגאָלעס און סטאַם קאַפּצאָנים.

די שטיבלעך פון ביידע זײַטן זײַנען געווען נידעריקע, אײַנגעהויקערטע, מיט אַלטע שינדל־דעכער, מיט גרינעם מאָך פאַרוואַקסן, מיט שמאָלע, ליימענע פּריזבעלעך, הילצערנע גאַנעק־לעך. זיי זײַנען געווען ענג צונויפגעקוועטשט, צוגעשפּאַרט, ווי אײַנגעגעסן זיך איינס אינעם אַנדערן.

די „יאַטקע־גאַס" האָט זיך געגרענעצט מיטן יאַר און האָט זיך געצויגן לענגויס דעם האַלב־אויסגעטריקנטן ריטשקעלע. אינמיטן דער גאַס איז געשטאַנען אַ לאַנגע שערענגע מיט הילצערנע בײַדלעך. דאָס זײַנען געווען די פליישׂ־יאַטקעס. אַ גאַנץ יאָר איז אַרום און אַרום געווען שמוציק, די לופט פאַרדומפּן, אַז ס׳האָט געריסן אין האַלדז. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל איבער דער גאַס איז אויך צעקאַלויִצעט, גאָר אַנדערש ווי אומעטום. פון די אָנ־געוואָרפענע קופּעס ביינער איז געגאַנגען אַ רייעך אַף דערשטיקט צו ווערן. אַרום די יאַטקעס איז אייביק געווען אַ זשומערײַ פון מאַכנעס בייזע פליגן און אַ האַווקערײַ פון הײמלאָזע קרעציקע הינט. פון די הײַזער, פון די אָפענע טיר־און־פענצטער האָט זיך שטענדיק געהערט דאָס קלאַפּן פון האַמערס, דאָס שטעפּן פון ניי־מאַשינעס אינאיינעם מיט לידער־געזאַנגען וועגן נויט, וועגן צאָרעס און אומגליקלעכע ליבעס.

באָרוועסע כעווריניקעס מיט די הוילע סטענדלעך האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אַרום די הײַזער, איבער דער פאַרשמוציקטער גאַס, פאַרבראַכט אַרום די צוויי קרענעצעס, אָדער נאָכ־געלאָפן נאָך די פערדלעך פון די וואַסערפירער.

בייס אַ זומערדיקן שלאַקסרעגן האָט דאָס וואַסער פון אַלע שטעטלשע גאַסן געפלאָסן אַהער, אַראָפּ צום יאַר, און דאָס „יאַטקע־געסל" איז געשטאַנען, ווי אין אַ טײַך. קינדער זײַנען געשפּרונגען אין וואַסער אַרײַן נאַקעטע, געפרייט זיך, געטאַנצט, געפּליעסקעט און געלאָזט מיטן שטראָם פאַרשיידענע פּאַפּירענע שיפלעך, פושקעלעך פון שוועבעלעך, סטרוזשקעס, העלצלעך, שטרויעלעך. די גאַס איז פאַרטויבט געוואָרן פון זייערע קוילעכלעך:

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערסוועגן,
גאָט זאָל ניט פאַרגעסן,
אַז קינדער ווילן עסן...

דער עלטערער אוילעם האָט געמוזט איבערלאָזן אַלע אַרבעטן, אָפּגעזוכט ווו עפּעס אַ טאָפּ, אַ שיסל, אַ בלעכענע פּושקע, געקראָכן אַף די בוידעמער און אונטערגעשטעלט די גע־פעסן אונטער די צעלעכצטע און צעלעכערטע שינדלעך, דאָס וואַסער זאָל ניט אַרײַנרינען אין די הײַזער. ניט איין מאָל האָט מען באַ אַזאַ געלעגנהײַט זיך אויך אַ טשעפּע געטאָן צו גאָט, צו זײַן פּירעכץ, געשאָטן מיט קלאָלעס אָפן גוסרעגן און ניט געזשאַלעוועט קיין טײַנעס צום אייגע־נעם מאַזל, צום אייגענעם לעבן, וואָס איז פאַרביטערט און פאַרסאַמט פון אַזויפיל דײַגעס.

די האָרעוואַניע האָט אײַנגעשלונגען יעדן איינעם. אײַנגעשלונגען אַ גאַנצע וואָך, פון פרי ביז דער זינקענדיקער נאַכט. אין די קאַיאָרן און אין די פאַרנאַכטן, העט ביז שפּעט האָט מען געאַרבעט באַ קיילעוונע ליכטלעך, באַ קעראָסין־לעמפּלעך. פרײַטיק האָבן זיך אַהער אַ לאָז געטאָן די אײַנמאָנערס פון כויוועס פאַר מעל און האָלץ, פאַר פלייש און באַקאַליי, וואָס מע האָט אַ גאַנצע וואָך גענומען אַף באָרג. די כויוועס זײַנען געוואַקסן, ווי אַף הייוון.

ניט ווײַט פונעם יאַר איז געווען די שטאָטישע באָד, אַ שטיינערנע געבײַדע, וואָס האָט געהאַלטן אין זעצן זיך. אין באָד האָט אין מעשעך פון אַ סאַך יאָרן געדינט יעפטעם דער שי־קער. זײַן אַרבעט איז באַשטאַנען אין דרייען די ראָד פון אַן אַלטער פּאָמפּע, וואָס האָט גע־צויגן דאָס וואַסער פונעם ריטשקעלע אין באָד־קעסל אַרײַן. יעפטעם האָט אויך געהאַקט דאָס האָלץ און געהייצט דעם אויוון. פונעם קוימען האָט געזעצט אַ שוואַרצער רויך און האָט פאַרשאַדעט דעם אַרום. אין די טעג, ווען די באָד האָט ניט געאַרבעט, איז יעפטעם געווען אַ היצעל. ער איז אומגעלאָפן מיט אַ לאַנגן שטריק און געכאַפּט די הינט פון די גאַסן און פאַרשלעפּט זיי אַהינטער דער באָד, צום יאַר.

די באָד האָט מיט יאָרן צוריק אויסגעבויט דער שטעטלשער גוויר בעריש זיסמאַן. צו

יענער צײַט האָט ער אויך אופגעשטעלט אין צענטער, נאָענט צו זײַן פּרעכטיק הויז, די וואָל־צאָווע מיל. פון זיסמאַנען האָט זיך דערנאָך אוועקגעצויגן אַ פאַרצווײַגטע מישפּאָכע פון סאַמע גווירים. איינע פון זיי האָבן איבערגענומען די מיל און זי נאָך מער פאַרגרעסערט, אַנדערע האָבן אופגעבויט און געפירט אַ ביר־זאַוואָד און אַנדערע אונטערנעמונגען. זייערע רײַכע הײַ־זער האָבן זיך געפונען אין די „אייבערשטע" גאַסן.

צו די „אייבערשטע" גאַסן האָבן געהערט אויך „דער מאַרק" און די „טאַרהאָוויצע". דאָ זײַנען געווען גרויסע הײַזער מיט קראָמען און שטעלעכלעך. טאַקע דאָ איז געווען דער צענטער פונעם שטעטלשן האַנדל, אַן אייביקער הו־האַ, אַ קאָנקורענץ, אַ ווילדער גערעג נאָך פאַרדינסט.

ס'האָט זיך געדוכט, אַז צווישן די אונטערשטע און אייבערשטע גאַסן איז ניט געווען קיין שום געמיינזאַמס. אינדערעמעסן זײַנען זיי געווען ענג פאַרבונדן, זיך ניט געקאָנט באַגיין איינע אָן די אַנדערע.

אין איינעם פון די שטיבלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם יאַר, האָט געוווינט צאָדעק דער אײַנבינדער. ער איז געווען געליימט אויף בײַדע פיס און מע האָט אים דערפאַר גערופן „דער קרומער אײַנבינדער". ער איז שוין לאַנג געווען אַן אַלמן, און זײַן זעכצניאַריק ייִנגל, מאָרד־כע, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס מעשאָרעס אין אַ קלייט, האָט אויף אַ גאַנצן טאָג געמוזט איבערלאָזן דעם קראַנקן פאָטער אַליין אין שטוב. צאָדעק האָט ווי־ס'ניט־איז געטאָן זײַן אַר־בעט, צונויפגעקלעפּט אַלטע ספאָרים, איבערגעבונדן צעריסענע קאָנטאָר־ביכער. כוץ דעם איז ער געווען אַ הייסער ליבהאָבער פון שאָך. ער האָט געהאַט אַ סאַך אַרײַנגייער, און מע האָט געקאָנט קומען ווער סע האָט געוואָלט און ווען מע האָט געוואָלט. צוליב אַ פּאַרטיע שאָך האָט ער אוועקגעלייגט די סאַמע דרינגענדסטע אַרבעט. אין דער שפּיל האָט ער געהאַט זײַנע אייגע־נע פּרינציפּן, ער פלעגט זאָגן:

— אַ קלוגע פּאַרטיע שאָך דאַרף ניט זײַן געבויט אויף יענעמס פעלערן, דעריבער מעג מען אַ שלעכטן באַטראַכטן גאַנץ צוריקנעמען, איבערשפּילן אים. אַנדערש איז מיט אַ פאַלשן גאַנג אין לעבן, — פלעגט ער ליב האָבן פילאָסאָפירן, — אין לעבן צוריקכאַפּן אַ שלעכט געמאַכטן גאַנג — איז לוי מיט אַן אַלעף!

איך פלעג אויך אָפט אַרײַנקומען צו אים, אַמאָל געטראָפן אים בײַ דער אַרבעט, אַמאָל דרעמלענדיק מיט אָפענע אויגן און אַמאָל, ווען ער פלעגט אַרײַנשרײַבן עפּעס אין אַ העפט.

— יעדער מענטש האָט אין וואָס צו דערמאָנען זיך, — האָט ער געענטפערט, ווען איך האָב אים געפרעגט, וואָס ער שרײַבט. — דאַרף מען זיך ניט שעמען אַ בלעטער טאָן דעם אייגע־נעם זיקאָרן, זען וואָס איז געווען גוט און וואָס ניט, וואָס האָט געלוינט און וואָס האָט ניט געלוינט...

— דאָס לעבן קאָן דען זײַן טאָמיד גלײַך? — האָב איך געפּרוווט דערווידערן.

— גלײַך, ניט גלײַך, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — אַליין די וועלט איז קרום אוועק־געשטעלט פונעם אָנהייב ביזן סאָף! מע דאַרף נאָר אויסקלײַבן פאַר זיך ניט קיין קרומען וועג. דערפאַר שרײַב איך מײַן העפט, עפּשער וועט אַמאָל מײַן זונדל דאָס איבערלייענען, וועט עס אים צוניץ קומען.

ציפּערע די קורעלאַפּניטשקע האָט געוווינט אין שכיינעס און פלעגט אָפט אַרײַנבערענגען אַ גלעזל טיי, אַ טעלער אויסגעפּרעגלטע גריוון. ווינטער פלעגט זי אויסהייצן די הרובע, געטאָן נאָך אַ סאַך שטוב־זאַכן. נאָך פון דרויסן האָט זי שוין געלאָזט הערן איר מענעריש קאָל. וואָס זי זאָל ניט טאָן, האָט זי געהאַלטן אין איין שיטן מיט רייד, אָפּטמאָל האָט זי זיך אינמיטנדע־רינען אוועקגעלאָזט טאַנצן. אַ פרייִלעכע קאַפּצנטע געווען.

— זיי כידעשן זיך, מײַנע רײַכע בעלעבאָסטעס, — האָט זי, אַ פאַרסאָפּעטע נאָכן טענצל, ווידער אָנגעהויבן רעדן, — זיי פאַרשטייען ניט, פאַרוואָס כ'טאַנץ מײַן פאַמפּאַדורע. הערט נאָר אומיסטן, שאַכן מײַנער, הערט אַ גראַבקײַט פון מענטשן. כ'ברענג זיי אין שטוב אַרײַן הינער, גענדז, שמאַלץ, אָבדירקעס, לאָזט מען מיך אַרײַן נאָר אין קיך אַרײַן, וואָס איז — די שטיוול מײַנע זײַנען ניט אַקוראַטנע, מע הייסט מיר אַפילע ניט זיצן. האָב איך זיי טיף־טיף, ניט צו אײַך ריידנדיק, אַבי איך טו מיר מײַנס. איך קום, כאַלילע, צו קיינעם ניט אָן, כ'פאַרדין מיר מיט מײַן אייגענעם שוויס, און כ'האָב, קיין אײַנהאָרע, אויסגעכאָוועט אָן אַ מאַן אַזעלכע צוויי אוצרעס. מײַן פייגעלע — אַ שטיל טײַבעלע, די סאַמע רײַכסטע מעגן מיר מעקאַנע זײַן. און מײַן לייבעלע? גאָטעניו, וואָס פאַר אַ שטיק בריליאַנט דאָס איז! פרעגן זיי מיך, די טײַערע באַלעבאָסטעס:

— וואָס זשע איז אָף אײַך די סימכע, ציפּערע?

— זאָג איך זיי שוין אַזוי: „וואָס זשע, איר ווייסט ניט? שרײַבן האָט מען מיך ניט גע־לערנט, לייענען אויך ניט. נאָר כ'ווייס, אַז די וועלט איז קײַלעכיק, און אַ זאַך, וואָס איז קײַ־

לעכיק, דרייט זיך, און אויב עס דרייט זיך, מוז עס אמאָל זיך איבערדרייען. איר, שיינע באַלעבאָסטעס, ווייסט עס אויך אוודע, גייט איר דערפאַר ארום בייזע און פאַרכמורעטע".

שפּאַנענדיק איבער די שטעטלשע גאַסן מיט אירע שווערע שטיוול, אַן אָנגעלאָדענע מיט פולע קוישן פאַר די רײַכע הײַזער פון די „אייבערשטע" גאַסן, האָט זי אויך ניט אופגעהערט באַרעדן די וועלט. זי האָט געשאָטן פּעך און שוועבל אַף די גווירים און מערער פון אלעמען געהאַט טײַנעס צו איר לייבעלעס באַלעבאַטים:

— זיי וועלן אָנשטאָפּן די גראָבע בײַטלען מיט געלט, און מײַן לייבעלע וועט דערוויַל גאַנצע נעכט האַלטן אין איין הוסטן...

קעדיי דער אוילעם זאָל וויסן וואָס זי מיינט מיטן הוסטן, האָט זי שוין געמוזט רעדן ווײַטער:

— ניט גענוג, וואָס מע אַרבעט בא די בערציעלעך גאַנצע געשוואָלענע טעג פאַר א גאָרניט, ניט גענוג, וואָס מע שטעלט זיי דאָרט צו אַלע אַרבעטן — טריקענען די פעלעכלעך, דרייען דעם באַראַבאַן, דעליבען און אויסווײַסן, דערנאָך פאַרבן, האָט מען צוגעטראַכט צו דער פאַרב אַזאַ געפּערלעך וואַסערל, וואָס קריכט אַרײַן אין האַרצן אַרײַן און קאָן קאַליע מאַכן די לונגען, מע האַלט אין איין הוסטן פון דעם. וואָסי, זיי זאָגן, אַז פון דעם וואַסערל באַקומען די שמויסן א שטאַרקן גלאַנץ, אַז זיי נעמען אויס מיט דעם אין אַמעריקע. ווער איך ניט גליקלעך, האַ? איינמאָל, ווען כ'בין געזעסן מיטן אײַנבינדער פּאַרטיפּט אין א פאַרטיע שאָך, איז זי אַרײַנגעלאָפן, אוועקגעשטעלט אַפן טישל א טעלערל לאַטקעס און אַן אופגערודערטע אָנגעהויבן:

— כ'ווער פּאַשעט צעטראַסקעט פאַר ווייטעק. כ'וויל, איר זאָלט מיר זאָגן, שאָכן מײַנער, איר זײַנט דאָך עפּעס א ווייסער, פונוואַנען נעמט זיך בא מענטשן אַזויפיל גאַזלעוואַיסטווע? זיי ברענגען מיר אום דאָס קינד. פאַרוואָס מוז ער טאָן אַזויפיל אַרבעטן? פאַרוואָס מוז ער צוליב זיי אוועקפּאַטערן זײַנע לונגען?

— אַזוי גייט עס, — האָט דער אײַנבינדער געמיינט דערמיט זי באַרויקן, — אַז מע דערפילט דעם טאַם פון רײַכקײַט, איז ניט שײַעך צו זײַן לײַטיש. אַזאַ איז זי שוין, די קרומע וועלט אונדזערע!

— האָב איך זי טיף־טיף, ניט צו אײַך ריידנדיק, — האָט ציפּרע זיך צעגוואַלדעוועט, — מעג שוין, אויב אַזוי, דאָס רעדל זיך געבן א דריי איבער, מעג זיך שוין א דריי טאָן די גאַנצע וועלט, אַז מיר זאָלן זיך בײַטן מיט די ערטער, וואָסי? איך קאָן ניט זײַן אַזאַ שיינע באַלעבאָסטע און וווינען אין די גרויסע הײַזער?

— זײַנט איר דאָך טאַקע א ייִדענע! — האָט דער אײַנבינדער, פאַריכטנדיק זײַן בריל אַף דער נאָז, א זאָג געטאָן, — וואָס זשע וועט זײַן דער גאַנצער אופטו? עס וועט זיך באַקומען נאָכאַמאָל דאָס זעלבע, נאָכאַמאָל אָרעמע און רײַכע. ניין, ניין, ניט איבערדרייען דאַרף מען די וועלט, אויסגלײַכן דאַרף מען זי!

דער באַלעבאָס, בא וועמען מאָרדכע, דעם אײַנבינדערס ייִנגל, האָט געאַרבעט, איז געווען באַוווּסט אין שטעטל מיט זײַן רײַכקײַט און מיט זײַן קאַרגשאַפט. געהייסן האָט ער מענאַשע און גערופן האָט מען אים מענאַשע קאַמצן. איינס פון די גרעסטע הײַזער אין צענטער פונעם מאַרק איז געווען זײַנס. א הויך הויז מיט שיינע טירן און פענצטער און מיט א סאָך שטיינערנע טרעפּ. כוץ זײַן אייגענער מאַנופאַקטור־קראָם, האָט ער געהאַט פרײַע קלייטן צום פאַרדינגען. מע האָט דערציילט, אַז אין זײַן האַכנאָסע־הויצאָע־בוך זײַנען געווען פאַרשריבן אַזעלכע זאַכן:

העזעק מעהאַכאָסול — די קאַץ האָט איבערגעקערט דאָס פענדל מילך פאַר פינף ליי...

רעוועך מעהאַכאָסול — פאַרדונגען די קאַץ אַף באַנאַכט צו כאַים שטעלניק...

דינען בא אַזאַ באַלעבאָס איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. מערער פון אַלעמען האָט ער ניט געשאָנעוועט דעם אײַנבינדערס ייִנגל, ס'איז ניט געווען, ווער עס זאָל זיך אָנעמען פאַר אים.

דאָס איז געווען פורים־צײַט, אין שטאָט האָט מען שוין לאַנג געבאַקן מאַצעס, און דעם פאַדריאַד האָט געהאַלטן טאַקע מענאַשע דער קאַמצן. דעם איוויון האָט ער אָפּגעדונגען בא געדאַליע באַלעגאָלע, אוועקגעשטעלט די מאַשין, געדונגען אַרבעטער און אַליין ניט גערוט. אין איינעם א טאָג, ווען אין דער קראָם איז געווען ווייניק וואָס צו טאָן, האָט ער אוועקגעשיקט דעם אײַנבינדערס ייִנגל צו די מאַצעס, ער זאָל פאַרשפּאָרן אַן איבעריקן אַרבעטער. טאַקע אין דעם טאָג האָט מען געבראַכט צו טראָגן דאָס ייִנגל אַהיים מיט א צעקאַליעטשעטער האַנט, וואָס די מאַשין האָט אַרײַנגעכאַפּט. די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן, דאָס בלוט האָט געגאָסן פון דער האַנט, און דאָס ייִנגל האָט געשריגן פון ווייטעק און פון שרעק. דער אײַנבינדער איז געזעסן אַף זײַן בענקל, די געליימטע פיס — אַראָפּגעהאַנגען, דאָס פּאָנעם —

פארכווישעכץ. ער האָט אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט אַ טיפן היכץ. אין שטיבל איז אַנגעלאָפן לייזער־מוישע סטאָליער, אַ ייִד בא די אַכציקער, אַ נידעריטשקער, אַ פעסטער מיט אַ בלוט־רויט פּאָנעם און מיט אַ ברייטער אײַנגעבראָכענער נאָז. בא אַלע אומגליקן, וואָס ס'פלעגט זיך טרעפן אין שטעטל, איז ער טייקעף געווען דער ערשטער. בייס די פּאַגראָמען און באַנדעס האָט ער אַנגעפירט מיט דער זעלבסטשוץ, בייס אַ סרייפע — מיט דער לעשער־גרופּע, דער ערשטער געקראָכן אַף די דעכער. ייִנגלווײַז האָט ער געאַרבעט אין אַ מאַסלעבאַיקע, און די מאַשין האָט אים אַרײַנגעכאַפּט אַ האַנט און צעקרישעט די פינגער. האָט ער טייקעף געכאַפּט אַ האַק און זיי אײַנגאַנצן אָפּגעהאַקט, זיי זאָלן זיך ניט טעלעבענדען. מיט איין וואָרט — אַ מענטש אַ גוואַר. קיין געוויינלעכן בראַנפן האָט ער קיינמאָל ניט געטרונקען, נאָר ריינעם ספּירט, זעקס־און־נײַנציקער. „איבּ האַנאָע האָבן פון אַ זופּ, — פלעגט ער זאָגן, — איז נאָר זעקס־און־נײַנציקער״.

אַרײַנגעלאָפן אין שטיבל, האָט ער צעטריבן דעם אוילעם און איז צו צום ייִנגל. ער האָט ווי אַ מומכע באַטראַכט די צעשעדיקטע האַנט, אָפּגיך אָפּגעריסן ערגעץ אַ שטיק פון אַ לײַלעך, עס אײַנגענעצט אין וואַסער און פאַרקרעמפּעוועט דעם ייִנגלס האַנט.

— אַ רועך אין זײַנע ביינער, דעם מערדער, — האָט ער געשריגן אַף אַ קאָל, — אים איז אַלץ קאַרג, דעם דושעהובניק!

ציפּרע, אַ בלאַסע און אַ דערשראָקענע, האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן שטיבל און געבראָכן די הענט:

— ווײַ איז מיר און ווינד איז מיר... נו, שאַכן מײַנער, וואָס וועט איר אַצינד זאָגן?

דער אײַנבינדער איז געזעסן אַף זײַן בענקל און געשוויגן. ער איז געווען ווי פאַרשטיינערט און האָט בלויז שטיל געזיפצט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ריידן ווי צו זיך אַליין:

— נאָך אַזאַ אומגליק האָט מיר געפעלט צום כעזשבן! אַזאַ אומזיסטיקער אומגליק! פאַרוואָס קומט עס מיר?.. סע וועט אָבער גאָרניט פאַרגעסן ווערן. אַלץ וועט זײַן פאַרשריבן, איר הערט, ציפּרע, אַלץ וועט זיי פאַרשריבן ווערן! מײַן מאָרדכעלעס צעקאַליעטשעטע הענט, אײַער ליי־בעלעס אויסגעגעברענטע לונגען. מע וועט אַלץ געדענקען, מע וועט, מע וועט...

אַרום דער „יאַסערנס״ שטוב

טאַקע אַף דער זעלבער „יאַטקע־גאַס״, אין אַ קליין, נידעריק, האַלב־אײַנגעפאַלן שטיבל, האָט געוווינט אַן אַלמאָנע מיט איר געזינדל. מע האָט זי גערופן „די יאַסערן״, ווײַל דעם מאַן אירן האָט מען גערופן „דער יאַסער״.

אין שטעטל האָט מען וועגן דער „יאַסערנס״ שטוב געזאָגט, אַז זי איז „אָנגעשמעקט״, אַז נאָך ער, „דער יאַסער״, איז געווען אַ סאָציאַליסט, האָט געלייענט אַ „בלאַט״, ליב געהאַט אַ ביכל, זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק און איז יונג געשטאָרבן פון טובערקוליאָז. זײַנער אַ פּאָרטרעט איז געהאַנגען אינעם פּאָדערשטן צימערל און איז געווען ענלעך אַפן פּאָרטרעט פון הירש לעקערט.

דער עלטסטער פון דער „יאַסערנס״ קינדער, ייִדל, אַ הויכוווקסיק, מאָגער ייִנגל, מיט אַ שמאָל ביינערדיק פּאָנעם און מיט עטוואָס אַרויסגעשטעקטע ציין, האָט געיאַרשנט דעם פּאָטערס מעלאָכע, געאַרבעט שוסטערײַ אינעם קליינעם קיכל, געפירט די גאַנצע שטוב און געזאָרגט זיך פאַר די איבעריקע קינדער — דרײַ ייִנגלעך און דרײַ מיידלעך. כוץ דעם קלענסטן מיידעלע, דער צעניאָריקער כאַוועֹ־לייע, האָבן שוין אַלע קינדער געאַרבעט ווער בא שוסטערײַ, ווער בא שנײַדערײַ, און יעדער האָט שוין געהאַט זײַנע זאָרגן און איבערלעבענישן.

ייִדל האָט אַכטונג געגעבן, אַז אין די פרײַע שאָען זאָלן די קינדער ניט פּוסט־און־פּאַסעווען, זיי זאָלן לייענען און זיך אויסלערנען שרײַבן. ער אַליין האָט זיי צוגעקליבן ביכלעך, איבּיינעם מיט זיי געלייענט, פאַרטײַטשט און דערקלערט. די „יאַסערן״ האָט געשעפּט נאַכעס פון ייִדלס ערנסטקײַט, פון זײַן געטרײַשאַפט צו די קינדער.

מיט דער צײַט, באַזונדערס אין די שאַבאָסים, האָט אין שטיבל אָנגעהויבן ווערן ראַשי־קער. צו די קינדער האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען כאַווײרים, מע האָט געשמועסט, באַרעדט אַלץ, וואָס יעדן איז אויסגעקומען איבערלעבן פאַר דער שווערער אַרבעט־וואָך. ייִדל האָט אוּפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די שמועסן און פון צײַט־צו־צײַט, ווי ניט אומיסטן, אויך אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט.

אין יענער צײַט האָבן נאָך ווייניק ארבעטער געלייענט אַן ערנסטן בוך. דער גרעסטער טייל האָט זיך נאָך געקוויקט מיט אַ שאַמער־ראָמאַן, מיט אַ מײַסע־ביכל, און אין בעסטן פאַל, מיט אַ ביכעלע פון דער באַוווּסטער אין יענער צײַט וואַרשעווער „גראַשן־ביבליאָטעק". אױף שאַבעס האָט מען די דאָזיקע ביכלעך געגומען בײַ אַ ברעל שויכעט פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל. דאָס איז געווען אַ בײַכיקער ייִד מיט אַ רויטער, ברייט־צעשפּרייטער באָרד. צווישן דער היפשער צאָל שאַכטים אין שטעטל האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זײַן פּראַסטקייט און מיט זײַן ניט מישן זיך אין קאָהאָלשע איניאַנים. ער איז געווען אַ גרויסער קאַפּצן, קיין וואָג אין שטעטל ניט געהאַט, און האָט געוווינט אין אַ שטיבל אין דער „יאַטקע־גאַס", בײַם סאַמע יאַר. פון זײַן ביבליאָטעק האָט ער געהאַט ווייניק פּאַרנאָסע, נאָר ער האָט געהאַט פאַרגעניגן דערפון, וואָס פּאַשעטער אַמכאָ ציט זיך צום לייענען און וואָס ער מיט זײַנע ביכלעך העלפט מיט דערצו...

די צאָל אַרײַנגייער צו דער „יאַסערן" האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, די שמועסן זײַנען געוואָרן וואָס אַמאָל ערנסטער, און ייִדל איז וואָס אַמאָל געוואָרן באַריידעוודיקער. ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ שטיקל אָנפירער און גערעדט מיט די כעוורע וועגן אַזעלכע זאַכן, וועגן וואָס אין דער הויך האָט מען ניט געטאָרט ריידן.

ייִדל איז אָפּט געקומען צו אונדז אַהיים. מײַן טאַטע איז געווען אַ שוך־שטעפּער, און ייִדל איז געווען איינער פון זײַנע שוסטער־קלײַענטן. ביז דער טאַטע פלעגט פאַרטיק ווערן מיט דער באַשטעלונג, פלעגט דערווײַל ייִדל ליב האָבן מיך צו פאַרטשעפּען מיט אַ שמועס. איך האָב שוין לאַנג געוווּסט, אַז ער איז אָנגעלייענט, אינטערעסירט זיך מיט וועלט־פּראָבלעמען. אים האָט אינטערעסירט וואָס איך לייען, וואָס פאַר אַ ליטעראַטור מיר געפעלט, און ביכלאַל, וואָס פאַר אַ ציל איך שטעל זיך אין לעבן. ער האָט באַדויערט, וואָס איך האָב געמוזט פאַרלאָזן די גימנאַזיע, כאָטש די סיבעס זײַנען אים געווען קלאָר — דער טאַטע האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן.

— צו יענער צײַט האָב איך געטרוימט וועגן לערנען זיך מוזיק, געטרוימט וועגן דעם פון דער פרישטער קינדהײַט. דער טאַטע האָט געהאַט אַ זילבער־קלינגענדיקן טענאָר, האָט ייִנגלווײַז געזונגען בײַ אַ כאַזן. אין די שאַבעסדיקע אָפּדערנאַכטן פלעגט ער זינגען כאַזאָנישע שטיקלעך און לידער פון גאָלדפאַדנס פּיעסן. מענטשן פלעגן שטיין אין דרויסן בײַ די פענצטער און הערן. אויך די פעטערס מײַנע, דער מאַמעס ברידער, האָבן געגעבן „שטוב־קאָנצערטן". מע האָט געזונגען כאַזאָנישע זאַכן און רוסישע לידער. דער עלטסטער, דער פעטער שײַקע, האָט געזונגען מיט אַ באַס און איינצײַטיק דיריזשירט מיט די איבעריקע, דער פעטער כאַסקל האָט אונטערגעהאַלטן אױף זײַן גרויסער פּופּצנסטרוניקער גיטאַרע, און איך בין געשטאַנען אײַנ־מיטן שטוב פאַרקישעפט. כ'האָב ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פון דעם אַלעמען, באַזונדערס פונעם פעטער כאַסקלס פינגער, וואָס זײַנען פלינק אומגעלאָפן איבער די סטרונעס. בײַס אַן איבעררײַס פלעג איך זיך צוגאַנווענען צו דער גיטאַרע, וועלכע איז געלעגן אָפן סאָפּקעלע, און געפּרוווט עפּעס אויסדרימפּלען. די דאָזיקע גיטאַרע איז שפּעטער טאַקע איבערגעגאַנגען צו מיר אַלס געשאַנק. כ'האָב אויך אָנגעהויבן שפּילן אױף אַ פידל. ניט קוקנדיק אױף דעם, וואָס כ'האָב שוין געאַרבעט אױף אַ שטיקל שטעלע אין דער „לײַ־ און שפּאַר־קאַסע", האָב איך ניט אופגעהערט טרוימען וועגן לערנען מוזיק.

איינמאָל האָט ייִדל מיך געטראָפן לייענען גאָרקיס „דרײַ". ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס ביכל, אַ בלעטער געטאָן און געזאָגט:

— ווי געפעלט דיר, ווי גאָרקי מאָלט זײַנע העלדן?

— דאָס זײַנען מענטשן מיט שווערע גורלאָלעס! — האָב איך געענטפערט.

— גורלאָלעס! מענטשן שאַפן אַליין זייערע גורלאָלעס!

— ניט יעדערן גיט זיך דאָס אײַן, — האָב איך געפּרוווט דערווידערן, — דערצו דאַרף מען האָבן קויעך!

— דעם דאָזיקן קויעך באַווײַזט גאָרקי אין זײַן בוך „די מוטער"! — האָט ייִדל ענערגיש אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. דערנאָך שוין עטוואָס שטילער:

— אויב דו האָסט כיישעק, קום אַמאָל אַרײַן צו מיר, וועסט טרעפן אַ גוטן בוך.

אַזוי האָב איך אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו דער „יאַסערן", בײַגעווען אויך בײַס די שאַ־בעסדיקע צוזאַמענקומען, און איינמאָל, ייִדל האָט שוין, ווײַזט אויס, געהאַט צוטרוי צו מיר, האָט ער מיך אַרײַנגעפירט אין קיכל. און צוגעפירט צום שאַפּקעלע, וואָס איז געשטאַנען פון יענער זײַט וואַרשטאַט אין אַ ווינקל. כ'האָב געמיינט, אַז דאָס שאַפּקעלע איז, ווי בײַ יעדן שוסטער, פאַרפולט מיט שוכוואַרג, מיט לעדער־מאַטעריאַלן, פלעקלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן. ייִדל האָט עס געגעבן אַ פּראַל אױף, און איך האָב דערזען ביכער! און וועלכע ביכער! גאָרקי,

ראָמען ראָלאַן, פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם! אַ פּאַרמעגן! דאָ זײַנען געווען אויך אַזעלכע ביכער, וואָס אין קיין שום ביבליאָטעק טרעפט מען ניט. שטרענג פאַרבאָטענע ביכער.

דאָס שאַפּקעלע אין קיכל איז געווען פאַר אונדז אַן עמעסער אוצער. כעוורע האָבן איינער באַם אַנדערן גענומען ביכער, נאָר פונוואַנען זיי שטאַמען, האָט ווייניק־וואָס געוווּסט. ערשט שפּעטער איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דערמיט פאַרנעמט זיך כאַים ווײַנשענקער, מײַנער אַ כאַ־ווער, אַ געוועזענער מיטשילער פון דער גימנאַזיע. כ'האָב צוערשט אַפילע גלייבן ניט גע־קאָנט: ווי קומט עס, אַ זונדל פון אַ פאַרמעגלעכן קרעמער זאָל פאַרבלאָנדזשען אין דער „יאַט־קע־גאַס“! ביז גאָר דערשטוינט בין איך געווען, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז ניט נאָר ער פירט די ביבליאָטעק, נאָר אַז אין קיכל באַם שאַפּקעלע פאַרברענגט ער קימאַט זײַן גאַנצע צײַט, אַז דאָ עסט ער, דאָ שלאָפט ער און אַז דאָ רופט מען אים „כאַים קאַצאַפּ“.

— און די גימנאַזיע, און די היים? — האָב איך געפרעגט בא אים.

בא כאַימען האָט אונטערגעציטערט די אונטערשטע ליפּ:

— מיט דער גימנאַזיע איז בא מיר — אויס! און מיטן גאַנצן פרײַערדיקן — אויכעט! מײַן שטיפמאַמע וועט זיך צוליב דעם דאָס לעבן ניט נעמען, און מײַן טאַטע... ער האָט דאָך מיר געגעבן צוויי ברייירעס: אָדער ער, אָדער די „יאַטקע־גאַס“, — האָב איך, ווי דו זעסט, אויסגע־קליבן.

ער האָט גערעדט, כאַים, ווי פאַר זיך אַליין, פון אָנגעשטרענגטקייט איז זײַן ווײַס־געלב־לעך פּאָנעם געווען אײַנגעטונקען אין שווייס, די אויגן האָבן בא אים געבלישטשעט, און די גלאַט־פאַרקעמטע האָר האָבן זיך ווי אונטערגעהויבן. כאָטש כ'האָב אים פון לאַנג געקאָנט, האָב איך ערשט איצט דערזען, ווי אָנגעמאָסטן ס'איז פאַר אים דער צונאָמען „קאַצאַפּ“, „כאַים קאַצאַפּ“.

אינגיכן האָב איך זיך באַגעגנט בא ייִדלען מיט נאָך צוויי שול־כאַווירים. מיילעך קריי־מער און הערשעלע קאַהאַן. דאָס מאָל האָב איך זיך שוין ניט געכידעשט. כ'האָב נאָך פון דער שול געוווּסט, אַז כאַים, הערשעלע און מיילעך זײַנען אַלטע כאַווײרים, שטאַרק צוגעבונדן איינער צום אַנדערן. הערשעלע האָט זייער ליב געהאַט די לעקציעס פון געשיכטע. ער האָט אַמאָל געקראָגן פונעם לערער אַ שווערן פּסאַק פאַר אַ „כוצפּעדיקער“ פראַגע. ער האָט גע־פרעגט: פאַרוואָס ווערט אין די לערנביכלעך דערציילט נאָר וועגן די קייסאָרים, פירער און הערשער, און זייער ווייניק וועגן פּאַשעטן אוילעם, וועגן דעם פאָלק? און צי קאָן ניט דער פּאַשעטער מענטש אויך עפּעס בײַטראָגן צו דער געשיכטע?

געשטאַמט האָט הערשעלע קאַהאַן פון אַ גרויסער, פאַרצווײַגטער מישפּאָכע, וואָס האָט געהאַנדלט מיט טוווּע און וועמען מע האָט גערופן „די קויהאַנים“. אַלע זײַנען געווען געביל־דעט אין ייִדיש, געווען גוטע קענער פונעם טאַנאַך. הערשעלע איז געוואַקסן אַ בעניאָכיד בא די עלטערן און זײַן פאָטער האָט, נאַטירלעך, געוואָלט, אַז דער איין־און־איינציקער זון, דער „קאַדעש“ זײַנער, זאָל פאַרענדיקן די גימנאַזיע, דערנאָך פאָרן ערגעץ ווײַטער שטודירן, און זאָל „ווערן אַ מענטש“. אַז ס'איז דערגאַנגען צו אים, אַז „זײַן הערשעלע“ טראַכט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, האָט צו טאָן „מיט די שוסטערלעך און מיט די שנײַדערלעך“, האָט זיך צווישן טאַטן מיטן זון אָנגעהויבן אַן עמעסע קריג.

— וואָס טויג דיר פאַרזאָרגן די וועלט? — האָט געטײַנעט דער טאַטע, — וואָס פעלט דיר בא מיר?

הערשעלע, וועלכן די כעוורע האָבן שוין דעמלט געהאַט געקרוינט מיטן נאָמען „קויהען“, ניט אַזוי צוליב זײַן אָפּשטאַם, ווי פאַר זײַן כאַראַקטער, פאַר זײַן אַקשאָנעס, האָט געטײַנעט זײַנס:

— נו, אַז מיר אַליין פעלט גאָרניט, איז מיר שוין, קומט אויס, גוט? ניין סע דאַרף, טאַטע, אַלעמען זײַן גוט! דער גאַנצער וועלט!

אין דער „יאַסערנס“ שטוב איז הערשעלע געקומען שוין מיט אַ היפּשן פּאָליטישן באַגאַזש. די כעוורע האָבן אים טייקעף באַצייכנט אַלס „טעאָרעטיקער“. אוּןווירקלעך, מיט זײַן וויסן האָט ער אַ סאַך בײַגעטראָגן דער פּאָליטיש־דערציִערישער אַרבעט, געהאָלפן פּאָפּוליאַריזירן צווישן די אַרבעטער די מאַרקסיסטישע וועלט־אָנשויונג.

הערשעלעס אויסערלעכער אויסזען איז געווען ניט קיין געוויינלעכער. ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסן קאָפּ מיט קליינע געקרײַזלטע הערעלעך. אין דער מיט איז געווען אַ קוים באַמערקטער אײַנשניט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם פאָדערשטן טייל מיטן הויכן שטערן פון דעם אונטערשטן. אַ מין צווייקעפּיקער קאָפּ.

בייס זײַנע אַרויסטרעטונגען האָט זײַן אויסערלעכער אויסזען זיך אינגאַנצן ווי געביטן. שטייענדיק, ווי זײַן שטייגער איז געווען, אָנגעשפּאַרט מיט די דלאָניעס אויפן טיש מיט אַן

ארויסגערוקטער ברוסט און אופגעהויבענעם קאָפּ, האָט ער אין די דאָזיקע מינוטן אויסגעזען מאַמעש צוציִענדיק, שיין, ס'האָט ווי געדוט אַף אים די שכינע.

מיילעך קריימער איז געווען זייער אַ שטילער און באַשיידענער באָכער, עטוואָס אַ טרויעריק־פאַרטראַכטער. ער האָט געהאַט אַן אויסגעצויגן טונקל פּאָנעם, טיף אַרייַנגעזעצטע אויגן און אַן אויסגעקייַלעכדיקטע נאָז. אין דער אָנווּזנהייַט פון כעוורע האָט ער זיך געפילט ניט דרייסט, אָפּהענטיק. ער איז געווען בעטעווע זייער אַ ווייכער און אַ גוטער. מיר האָבן אים ליב געהאַט פאַר זייַן נאַיִווקייַט, פאַר זייַן איבערגעגעבנקייַט און דיסציפּלינירטקייַט.

צום אונטערשייד פון הערשעלען און כאַיִמען, איז מיילעך געוואַקסן אין אַן אָרעמער שטוב. די מישפּאָכע קריימער האָט געשטאַמט פונעם דאָרף זשעווע לעבן דניעסטער. בייס די פּעטליורישע פּאָגראָמען איז זי פון דאָרטן אַנטלאָפן און זיך באַזעצט אין אונדזער „יאַטקע־גאַס".

מיילעכס פאָטער האָט מען אין שטעטל גערופן „לייזער מעקלער". ער האָט זיך פאַרנומען מיט אויסמעקלערן הייַזער, דירעס, און מיילעך האָט שטאַרק איבערגעלעבט, וואָס זייַן טאַטע, שוין אַן עלטערער מענטש, כאַטש נאָך אַ קרעפּטיקער, דאַרף גאַנצע טעג אַרומטאָפּטשען איבער די גאַסן מיט זייַנע שווערע יוכטענע שטיוול און זוכן ערגעץ אַ פּאַרדינסטל.

מיט הארצווייטעק האָט ער צוגעזען די אָרעמקייַט אין שטוב, זיך צוגעקוקט צו דער אייביק פאַרומערטער מאַמען, ווי זי, אַ קלייניטשקע, אַן אויסגעדאַרטע און אייַנגעשרומפּענע, אינגאַנצן אַ גרוי־געוואָרענע, דאַרף טאָגטעגלעך בוירען דעם קאָפּ, וווּ צו נעמען אַף וועטשערע פאַרן געזינדל, האַרעווען שווער אין שטוב, און דערצו פירן איר, מישטיינסגעזאָגט, „קרעמל" — דאָס דייזשקעלע באַרשטש פאַר די קוינים פונעם געסל.

ער האָט שטאַרק געליטן, וואָס ער קאָן מיט גאַרניט העלפן. ער האָט געליטן אין זיך, אינדערשטיל, און זעלטן־ווען דערציילט עס אַפילע די סאַמע נאָענסטע כאַווײרים. ער האָט זיך ניט געקאָנט מויכל זייַן, וואָס ער איז אין שטוב אַן איבעריקער עסער. „פאַרוואָס האָט ער זיך ניט געלערנט קיין מעלאָכע?" — האָט ער ניט אופגעהערט זיך מוסערן. „צו וואָס האָט ער געדאַרפט עטלעכע יאָר לערנען אין גימנאַזיע און איצט בלייַבן אָן אַ פאַך?"

ער איז מעקאַנע געווען זייַנע צוויי שוועסטערלעך ליוּשע און שיינדל, וואָס זייַנען גע־וואָרן נייטערנס, פאַרדינען זיך אַפן עסן און העלפן אויך אין שטוב אַרייַן, און ער?

אייַנמאָל, אַרייַנקומענדיק אין שטוב אַרייַן, האָט ער געטראָפן שטיין דעם פאָטער בא דער וואַנט, ווו ס'איז געהאַנגען די פאָטאָגראַפיע פון די צוויי עלטערע ייִנגלעך, וואָס זייַנען שוין פון לאַנג ערגעץ מעייווער לעיאַם. ער איז געשטאַנען, געשאָקלט זיך, אייַנגעקוקט זיך אין דער פאָטאָגראַפיע און אונטערגעברומט, געמאַכט דערבייַ מיט די הענט, גלייַך ער שמועסט זיך דורך מיט זיי:

— כ'האָב געמיינט, אַז דאָרטן וועט ווערן פון זיי אַ טאַכלעס, זייַנען זיי אויך דאָרטן ניט מער ווי פּאָשעטע אַרבעטער. טאַקע קעדיי געווען צוליב דעם לויפן אַזש קיין אַמעריקע, זוכן גאָלדענע גליקן!

די מאַמע, וואָס איז גראָד געווען פאַרטאָן באַם דייזשקעלע באַרשטש, האָט ניט געקאָנט אַפּשווייַגן:

— אַמעריקע איז טאַקע אַ גאָלדן לאַנד, אָבער נאָר פאַר יענע, וואָס האָבן גאָלד!

מיילעך האָט געוווסט, אַז ניט פון טייַנעג האָבן זייַנע עלטערע ברידער פאַרלאָזט די היים, אַז ער אַליין קאָן אויך ניט לאַנג פאַרבלייַבן אין אַזא לאַגע, ער וואַרט נאָר אַף אַ געלעגנהייַט אוועקצופאָרן ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט, זיך אויסלערנען אַ פאַך און אַרבעטן. דערווייַל איז ער איבערפולט מיט פריידן פון זייַן אָנטייל אינעם קרייַז בא דער „יאַסערן".

דער קרייַז האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און מיר האָבן שוין געדאַרפט צוטראַכטן, וויאַזוי בעסער אָרגאַניזירן אונדזערע באַגעגענישן. איך, לעמאָשל, האָב געפירט די ליטעראַרי־שע פאַרלעזונגען, הערשעלע — די פּאָליטישע אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע אין לאַנד און אין דער וועלט. יידל, פון זייַן זייַט, האָט באַהאַנדלט מיטן אוילעם די סאַמע אַקטועלע פראַגן פונעם טאָגטעגלעכן לעבן אין שטעטל, פונעם אַרבעטער־לעבן, זאַכן, וואָס האָבן דירעקט באַ־רירט יעדן פון די פאַרזאַמלטע.

אָפּגעשמועסט, אָפּדיסקוטירט, הייבן די מיידלעך אָן שטיל צו זינגען, די ייִנגלעך כאַפּן אונטער, און אין צימערל הערט זיך, האַלב־פאַרדעמפּט, אַ טרויעריקע ליד:

העמערל, העמערל, קלאַפּ,
קלאַפּ שטאַרקער אַ צוויאַק נאָך אַ צוויאַק...

אמאָל פאַרציט מען א צווייטע ליד:

און זאָל ווי וויַיט
נאָך זיַין די ציַיט
פון ליבע און פון שאָלעם,
דאָך קומען וועט
צי פרי, צי שפּעט,
די ציַיט — עס איז קיין כאָלעם!

פיל פונעם אוילעם האָבן ניט געוווּסט, אז דער מעכאַבער פון די לידער איז אווראָם רייזען. דערפאַר אָבער האָט מען שוין רייזנען געקאָנט פון זיַינע דערציילונגען און נאָוועלן, געקאָנט אים פאַר א פריַינט פונעם אָרעמען האָרעפּאַשנעם מענטשן. רייזענס דערציילונגען האָבן גערירט בא דער נעשאָמע, יעדערער האָט דערזען אין זיי זיך אַליין, מיט זיַין נויט, מיט זיַין גרוי און אָרעם לעבן. א ביסל אַנדערש איז געווען מיט פּערעצן. די אַלעגאָרישקייַט פון א סאַך דערציילונגען זיַינע האָט געפאָדערט באַם אוילעם אָנשטרענגונג, געמאָנט זיך צו פאַרטיפערן, זוכן עפּעס צווישן די שורעס.

איינמאָל האָבן מיר געלייענט „באָנציע שוויַיג". נאָכן פאַרענדיקן דאָס פאָרלייענען איז א וויַילע געווען שטיל. יעדערער האָט פאַר זיך ארומגעטראַכט דאָס נאָרוואָס געהערטע. צו ביסלעך האָט זיך צעוואַקסן א שמועס אַרום דעם, וואָס פּערעץ מיינט מיט דער דערציילונג. צווישן אוילעם איז, ווי אַלעמאָל, אויך בײַגעווען וואַנקע, אָדער ווי מע האָט אים גערופן, „וואַנקע יידלס" — אַן אוקראַיִנישער באָכער, א שוסטער, וואָס האָט געאַרבעט מיט יידלען אין שוסטער־וואַרשטאַט. ער האָט גערעדט פריַי יידיש און האָט זייער ליב געהאַט פּערעצן. „פאַר זיַין גוטן מוסער־האַסקל", — פלעגט ער זאָגן.

— איך וויל א וואָרט! — האָט ער אופגעהויבן די האַנט, — איך וויל זאָגן אַזוי: דו ביסט, באָנציע, א גרויסער נאַר. פאַר אַזויפיל צאָרעס, וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט אין לעבן, קומט דיר, מיר דוכט, די גאַנצע וועלט!.. נעמסטו, נאַר איינער, און כאַפּסט צו א פאַשעטע בולקע מיט פּוטער. נו, ביסטו ניט קיין נאַר? אַזוי מיין איך. עפּשער, כאַווירים, מיינט פּערעץ אַנדערש?

דער אוילעם איז געוואָרן לעבעדיקער, סע האָט זיך צעברענט א דיסקוסיע, א מין אימפּראָוויזירטער מישפּעט איבער „באָנציען", א מישפּעט מיט פאַרטיידיקער און באַשולדיקער. יעדער צאַד האָט געפּרוּווט אַרויסשטעלן זיַינע אַרגומענטן, זיַין צוגאַנג צו באָנציען. איך האָב דערבײַ א טראַכט געטאָן, אַז עס לוינט זיך אַן אייַיצע האַלטן מיט פּערעצן אַליין, און כ'האָב נאָכאַמאָל פאָרגעלייענט דעם סאָף פון דער דערציילונג: „דאַיאַנים און מאַלאָכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט, דער קאַטייגער האָט זיך צעלאַכט".

בייס די פאַרזאַמלונגען פלעגט די „יאַסערן" זיך אַרומדרייען אין דרויסן, ווי א וועכטער. זי האָט, קלוימערשט, געפירט שמועסן מיט די שכייַנישע ווײַבער, אָדער איז געזעסן אַף דער פּריזבע מיט א וואַך אויג, נאָכגעקוקט, אַז עס זאָל אהער ניט אָנטראָגן עמעצן. אין שטעטל זײַנען געווען ניט ווייניק מאַסרים. כאָטש דעם האָט מען שוין אומעטום גערעדט, אַז אין דער „יאַטקע־גאַס" „טוט זיך עפּעס". דערצו איז אַוועק א קלאַנג, אַז די עלטסטע פון דער „יאַסערנס" מיידלעך, פרומע, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ, זיצט שוין, א סוואָרע, אַרעסטירט.

איינמאָל, זיצנדיק אַזוי אַף דער פּריזבע, האָט זי באַמערקט, די „יאַסערן", ווי עפּעס א פרעמדער כעוורעמאַן, מיט א פאַרטפעל אין דער האַנט, דרייט זיך אַרום אין געסל און וואַרפט פאַרדעכטיקע בליקן צו דער שטוב. זי האָט עס באַלד דערציילט יידלען, און אין צימער איז געוואָרן אומרויִק. מע האָט געהייסן דעם אוילעם שטילערהייט און איינציקווײַז זיך צעגיין. יענעם פאַרנאַכט האָט יידל אַליין אויך אָנגעטראָפן אַף יענעם פאַרשוין. ער האָט אים צופעליק דערזען שטיין אין ליקל, הינטער די פענצטער. ס'איז געווען קלאָר, אַז עמעצער טשאַטעוועט נאָך אונדז. האָט אונדז יידל צוזאַמענגענומען אַף צו באַטראַכטן די לאַגע.

— ס'איז צו פרי, מיר זאָלן שוין האָבן א דורכפאַל, — האָט ער אָנגעהויבן שטיל, — מיר האָבן נאָך קימאַט גאָרניט באַוויזן, אָבער פאָרזיכטיקער דאַרפן מיר זײַן!

— אויב מע שפּיאָנירט אונדז, וועט מען עפּשער דאַרפן צײַטווײַליק איבערײַסן? — האָט באַ הערשעלען זיך אַרויסגעכאַפּט א פראַגע.

— פון דעם קאָן קיין רייד ניט זײַן! — האָט יידל ענערגיש אָפּגעהאַקט, — די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס פון פרומעס אַרעסט אין טשערנאָוויץ קאָן זיך דער פּאָדעם ציִען אהער! דאַרף מען פּאַשעטע באַוואָרענען.

— וועט מען זיך מוזן איבערפירן אין אַן אַנדער אָרט! — האָט זיך אַרײַנגעמישט מיילעך.

— ווענן דעם טאקע טראכט איך, — האָט יידל זיך געגעבן א הייב אוף און דערלאנגט פון ערגעץ א העפטל, — לאָמיר איינטיילן אונדזערע כעוורע אין קליינע קרייזלעך. יעדער קרייזל וועט ארבעטן אין אן אנדער דירע. אזוי וועט, מיין איך, זיין זיכערער.

— נאָר די ביבליאָטעק וועל איך ניט רירן פונעם אָרט! — האָט א זאָג געטאָן דער שטענ־דיק שוויגנדיקער כאים, — זאָלן דערווייל די ביכער בלייבן דאָ אין שאפקעלע.

די קרייזלעך האָבן גענומען ארבעטן רעגולער. אין יענער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן זיך צו באקענען מיט אייניקע ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, און יידלס שאפקעלע האָט אונדז געדינט געטריי. אַשער שווארצמאן און דאָוויד האָפשטיין, פערעץ מארקיש און איציק פעפער... אלע, אלע זיינען זיי געקומען צו אונדז פון יידלס שאפקעלע. און ווען כאים „קאצאפ" האָט ערגעץ געקראָגן גלאדקאָווס „צעמענט" און אָסטראָווסקיס „ווי האָט זיך פאררהארטעוועט שטאָל" אף יידיש, איז בא אלעמען געוועזן א גרויסער יאָמטעוו. דאָס אלץ איז פאר אונדז גע־ווען ווי א לעבעדיקער גרוס פון סאָוועטנפארבאנד.

גרוסן פון דער גרויסער וועלט האָבן צו אונדז געבראכט אויך אייניקע שטעטלשע סטודענטן, וואָס האָבן זיך געלערנט אין אויסלאנד און זיינען אף די קאניקולן געקומען אהיים.

איינע פון אזעלכע געסט אין שטעטל איז געוועזן סאָניע כאָסיד. זי האָט געלערנט אין ווין. עטלעכע יאָר האָט מען ניט געהערט וועגן איר, נאָר דאָס מאָל איז זי געקומען אפן גאנצן זומער. סאָניע איז געווען א צארט און כיינעוודיק מיידל מיט אן אויסגעטאָקט פּענעמל און מיט טונקל־גאָלדענע, קורץ־געשוירענע האָר. א רירעוודיקע, מיט א קלינגענדיק קעלכל און מיט בליאסקענדיקע, פארכאָלעמטע אויגן. מיט איין וואָרט — א ראָמאנטישע נאטור. זי איז געווען אָנגעטאָן באשיידן, ציכטיק, איינפאך. אפן ווייסן קאָפטעלע, באם האלדז, האָט זי געטראָגן א שווארץ באנטיקל און דאָס האָט איר צוגעגעבן כיין.

איך האָב זי געדענקט נאָך פון דעמלט, ווען כ'פלעג זיך באגעגענען מיט איר ברודער מאָטיע כאָסיד. ער האָט שוין דעמלט געשריבן לידער און דערציילונגען, האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין א בירגערלעכער צייטונג און איז טאקע אין יאָרן ארום געוואָרן א יידישער שרייבער ערגעץ אין אויסלאנד.

די מישפּאָכע כאָסיד האָט געוווינט אין צענטער פונעם מארק, אין אן אייגן גרויס הויז... סאָניעס פאָטער, קיווע, איז געווען א ייד פון גרויסן ייכעס און שוין זייער אן אלטער מענטש. גאנצע טעג איז ער געזעסן אף דער טעראסע, אָדער אין שטוב איבער א סייפער. די גאנצע באלעבאָסטע אין דער גרויסער מאנופאקטור־קראָם איז געווען זיין צווייטע פרוי, א סאך א ייִנגערע פון אים. אלע האָבן זי גערופן די קיוועכע. זי איז געווען א הויכע, א דיקע, מיט א דרייאָרנדיקן גוידער און האָט גערעדט פּאוואָליע, צעצויגן, קאלטבלוטיק. וועגן סאָניען פלעגט זי זאָגן, אז פון אלע קינדער איז זי בא איר דאָס הארבסטע און געשמאקסטע פעפערל. א פעפערל מיט א קאָפּ און מיט א הארץ.

נאָר אז זי זאָל טייקעף נאָכן קומען פון ווין אָפּשטעקן דעם ערשטן וויזיט דאַפקע דער „יאטקע־גאס" — דאָס האָבן א סאך ניט געקאָנט פארשטיין.

יידל האָט שפּעטער דערציילט, וויאזוי זיי האָבן זיך באקאנט. זי האָט זיך ארייַנגעשטעלט צו אים אין שטוב און זיך פאָרגעשטעלט:

— איך בין סאָניע! איר זענט יידל! כ'ווייס אלץ וועגן אייך!

זי האָט זיך ארויסגעוויזן פאר אן אינטערעסאנטער מיטשמועסערן און פאר א גוטער דער־ציילערן. פאר אונדז זיינען אירע דערציילונגען געווען פריש, באלערעוודיק. זי האָט פאר אונדז אויסגעמאָלט דאָס גרויסשטאָטישע לעבן, דאָס קאפּיטאליסטישע ווין מיט אלע זיינע סאָציאלע סטירעס, מיט די שרייענדיקע קאָנטראסטן צווישן העכסטן לוקסוס, אויסגעלאסענעם און זאָרגלאָזן לעבן פון איין זייט, און שרעקלעכער אָרעמקייט, נויט און אומרעכט פון דער צווייטער זייט. זי האָט אונדז דערציילט וועגן דער זודיקער אקטיווקייט פונעם דאָרטיקן פּראָ־לעטאריאט, וועגן זיין קלאסן־באוווסטזיין און וועגן זיין אָרגאניזירטן קאמף פאר א בעסערער אָרדענונג. זי האָט אונדז אויך דערציילט וועגן די קולטור־שיינקייטן פון ווין, וועגן די היסטאָ־רישע מאָנומענטן און גרויסארטיקער ארכיטעקטור. ווי א קונסט־ליבהאָבערן, האָט זי מיט באַ־גייסטערונג גערעדט וועגן דער ווינער פילהארמאָניע און אָפּערע, ווו זי האָט געהערט די וועלטבארימטע קינסטלער, דיריזשאָרן, זינגער, פידלער, פּיאניסטן, און וועגן אלץ, וואָס זי האָט געזען אין די דאָרטיקע מוזייען, וועגן בעטהאָווען־צימער אין א מוזיי, ווו עס זיינען אָפּגעהיט בעטהאָווענס כפייצים. זי האָט זיך בארימט, אז זי אליין האָט מיט איר אייגענער האנט באריִרט דעם ראַיאל, אף וועלכן בעטהאָווען האָט געשפּילט.

כעורע האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן און מיט אָפּשײַ און קינע געקוקט אַף סאָניען, וועלכע האָט דאָס אַלץ אַליין געזען און געהערט.

— אין דעם גייט עס טאַקע, — האָט ייִדל נאָך מער פאַרשאַרפט דעם אינטערעס, — אַז אַלע זאָלן קאָנען געניסן פון די גרויסע קולטור־דערגרייכונגען.

אַזוי האָט אויך די טעמע וועגן קונסט אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ געוויס אָרט אין די שמועסן, וואָס האָבן זיך געפירט צווישן דער כעורע.

מעגלעך, אַז סאָניעס דערציילונגען האָבן געווירקט, אַז עס זאָל זיך באַ אונדז אַנטוויקלען אַ שטיקל קינסטלערישע זעלבסטעטיקײַט. איך האָב געשאַפן אַ קליינעם כאָר, אַ דראַמאַטיש קרײַזל און אָנגעהויבן רעפעטירן שטילערהייט, די מאַסערס זאָלן אונדז ניט פאַרלויפן דעם וועג. מיר האָבן אַפילע אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַן עפנטלעכן קאָנצערט.

אין איין צײַט מיט סאָניען האָט אָנגעהויבן קומען צו אונדז אַ מיידל מיטן נאָמען איטע קוקורוזאַ. ניט קוקנדיק וואָס איר מוטער, אַ פרי־געבליבענע אַלמאָנע, האָט קוים געשלעפּט דאָס שטיקל פּאַרנאָסע פון אַ קליין באַקאַליי־קלייטעלע, האָט איטע זיך גערעכנט אין שטעטל פאַר אַן אינטעליגענטקע פון די „אייבערשטע" גאַסן. זי האָט געשעמט מיט איר כאָכמע, גוטסקײַט. מע האָט זי דערפאַר געאַכטעט און ליב געהאַט אין אַלע שטעטלשע קרײַזן. געוויס האָט איטען געבראַכט צו דער „יאַסערן" אויך דער אײַנפלוס פון איר געוועזענער לערערן באַסיע מאַר־קאָוונע.

באַסיע מאַרקאָוונע איז געווען אַ לערערן פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור. זי איז געווען פון יענער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אויסגעכאָוועט אַף דער רוסישער קלאַסיק און אַף דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. אַ סיינע פון אוילעס, פון אומרעכט און פאַלשקײַט, איז זי געווען אַן אַקטיווע אָנטיילנעמערן אין די שטורעמדיקע טעג פון טויזנט נײַן הונדערט זיבעצן.

נאָך דער אָקופּאַציע פון בעסאַראַביע, ווען די רומענישע הערשער האָבן דערוויל נאָך דערלויבט אונטעריכטן רוסישע ליטעראַטור אין דער אָרטיקער גימנאַזיע, האָט באַסיע מאַר־קאָוונע פאַרגעזעצט איר פּעדאַגאָגישע אַרבעט. אין דער קימאַט שוין רומעניזירטער גימנאַזיע זײַנען אירע לעקציעס געווען דאָס איינציקע גײַסטיקע פאַרגעניגן, די איינציקע טרייסט פאַר די פאַרצווייפלטע שילער. אירע פאַרטראַגן וועגן פּושקינען און טאָלסטאָיען, וועגן גאָרקין און טשעכאָוון זײַנען געווען פול מיט וואַרעמקײַט און מיט ליבשאַפט. מײַסטערהאַפט און מיט אַ סאַך וויסן האָט זי אַנטפּלעקט אַלע פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון די באַהאַנדלטע ווערק, באַזונדערס דעם היכן הומאַניזם פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור בכלאַל. זי האָט זיך געסטאַרעט וואָס שטאַרקער און טיפער אײַנצופלאַנצן באַ אירע שילער ליבשאַפט צו פרײַהײַט, צום לעבן, צו מענטשן. זי פלעגט זאָגן:

— אײַנפלאַנצן און ליב באַקומען אַ שיינעם בוים איז זייער אַ גוטע זאַך, הײַנט ווי וויכטיק איז אויסצוכאָוועון און דערציִען אַ גוטן, אַן ערלעכן מענטשן!

ווען מע האָט אינגאַנצן פאַרבאָטן דאָס אונטעריכטן פון רוסישער ליטעראַטור אין דער גימנאַזיע, און באַסיע מאַרקאָוונע איז געווען געצוווּנגען איבערצורײַסן איר פּעדאַגאָגישע אַר־בעט, האָט אַ גרופּע עלטערע שילער ניט אופגעהערט אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט איר, מע האָט זי באַזוכט אין דער היים, פאַרגעזעצט דאָרט די שמועסן וועגן ליטעראַטור, וועגן געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען. ס'האָבן זיך איצט אײַנגעשטעלט צווישן דער לערערן מיט די שילער באַציִונגען פון כאַווערשאַפט, פון טיפער פרײַנטשאַפט.

ניט ווייניק פון דער דאָזיקער גרופּע זײַנען שפּעטער געוואָרן אַקטיווע, איבערגעגעבענע קעמפער פון רעוואָליוציאָנערן אונטערערד.

איטע קוקורוזאַ איז געווען איינע פון זיי.

זי איז געווען ניט קיין הויכע, אַ פּולבלעכע, מיט אַ טונקל־מאַטאָווע פּאָנעם און שוואַרצע געקרײַזלטע האָר. אויגן האָט זי געהאַט גרויסע, קלוגע. פונעם ערשטן באַזוך האָט זי זיך גע־פילט, גלײַך זי וואָלט שוין לאַנג געווען צווישן היגן אוילעם. מיר האָבן זי ליב באַקומען און זי גערופן „די קלוגע איטע".

פאַרמאָגנדיק אַ פײַן קעלעכל — אַן עמעסדיקע לירישע סאָפּראַנאָ, האָט איטע זיך טייקעף אײַנגעשלאָסן אין אונדזער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט, זי האָט באַשײַנט מיט איר שטים אונדזער כאָר און געהאָלפן אין אַנדערע אַרבעטן, באַזונדערס ווען ס'איז געקומען צום אָרגאַ־ניזירן אונדזער ערשטן עפנטלעכן קאָנצערט.

דער ערשטער קאָנצערט

בייסן גרייטן זיך צום קאָנצערט האָבן מיר אין זינען געהאַט צוויי מאָמענטן. ערשטנס, אַז אונדזער ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג זאָל האָבן אַ גוטן אָפּקלאַנג אין שטעטל און, צווייטנס, אַז דער קאָנצערט זאָל אונדז אַרײַנברענגען געלט פֿאַר דער ביבליאָטעק. איטע האָט דערבײַ באַריִרט אײנגאַנצן אַן אַנדער פֿראַגע, קאָן זײַן, די סאַמע וויכטיקסטע: די פֿראַגע וועגן לעגאַליזירן דעם קאָנצערט אין די אויגן פֿון דער מאַכט. זי האָט פֿאָרגעשלאָגן, אַז דער קאָנ־צערט זאָל געגעבן ווערן אונטער עמעצנס פּאַטראָנאַזש.

— אָן אַ געהעריקער „פֿירמע״, — האָט זי געפּרווּווט אונדז איבערצײַגן, — וועט די מאַכט בעשום־אופֿן קיין דערלויבעניש ניט געבן.

זי איז ניט אָפּגעקומען בלויז מיט איר פֿאָרשלאָג, נאָר גענומען אַף זיך צו געפֿינען די נייטיקע „פֿירמע״.

אַזאַ זאַכלעכן פֿאָרשלאָג האָבן מיר, פֿאַרשטייט זיך, באַוויליקט, און איטע האָט באַלד זיך גענומען פֿאַרווירקלעכן איר פֿאָרשלאָג. אין די אינטעליגענטע קרײַזן, מיט וועלכע זי האָט אָנ־געהאַלטן פֿרײַנטלעכע באַציִונגען, האָט זי אָפּגעזוכט אַ פּאָר ערנסטע מענטשן מיט אַ גוטער „רעפּוטאַציע״, וועלכע זײַנען דערצו געווען אונדזערע סימפּאַטיזירער. זיי האָבן אַף זיך גע־נומען די ראָליע פֿון די אָרגאַניזאַטאָרס פֿונעם קאָנצערט, קלומערשט, לעטויוועס „וווילטעטי־קע צוועקן״.

איצט איז פֿאָרגעשטאַנען, אויך לויט איטעס פֿאָרשלאָג, אײַנצושליסן אין דער פּראָגראַם אַ פּאָר זײַטיקע אַנטיילנעמער, וועמעס באַווײַזן זיך אַף דער סצענע וואָלט געהאָלפֿן פֿאַרטרײַבן יעדן כּשד בענעגייע דעם עמעסן באַלעבאָס פֿונעם קאָנצערט.

מיר האָבן באַשלאָסן אײַנצולאַדן, לויט מײַן רעקאָמענדאַציע, איינעם אַ דײַטש, וועלכער איז ניט לאַנג אַראָפּגעקומען פֿון טשערנאָוויץ אַלס באַאַמטער אין דער אָרטיקער „פֿידוטשיטאַ־טעאַ״ — אַ געזעלשאַפֿט, וואָס האָט באַזאָרגט די קלייטן פֿונעם שטעטל, ווי אויך פּריוואַטע הײַזער, מיט נאַכט־וואַכטערס. ער האָט געהייסן וויקטאָר יאַניצקי־יאַהאַנע און איז לויטן פֿאַך געווען אַ מוזיקאַנט, אַ פּיאַניסט און אַ קאָמפּאָזיטאָר פֿון כאָראַלער מוזיק. פֿאַרוואָס ער האָט געמוזט נאָווענאַדעווען און אַרבעטן בײַ אַזאַ אַרבעט, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט מוזיק, האָט קײנער ניט געוווּסט. מע האָט עפּעס געטײַנעט, אַז ער האָט איבערגעלעבט אַ פֿאַמיליען־טראַ־געדיע, צוליב וועלכער ער האָט געמוזט אַוועקפֿאָרן פֿון טשערנאָוויץ.

דאָס איז געווען שוין אַן עלטערער מענטש, אָבער הויך און שיין געבויט. ווירעדיק־אויס־געצויגן, מיט אַ לאַנג־אַראָפּהענגענדיקער גראָווער פֿאַטלע האָר אַפֿן קאָפּ, אַ ליאַ ליסט, האָט ער אויסגעזען זייער רעפּרעזענטאַטיוו. אָנגעטאָן איז ער געווען גאַנץ אָרעם, אָבער ציכטיק. שטענ־דיק האָט ער געטראָגן דאָס זעלבע אָפּגעריבענע רעקל און קורצע פּאָמפּע־הויזן, אַף די פּיס אַזעלכע ספּאָרט־באַקאַנקעס מיט צוגעשפּיליעטע צו זיי האַרטע, לאַקירטע כאָליעוועס. באַם האַלדז — אַ ווײַסן האַרטן קראַגן.

גלײַך ווי ער איז געקומען אין שטעטל, האָב איך אים טייקעף אָפּגעזוכט און זיך באַקאַנט מיט אים. דאָס מאָל האָט מיר דאָס מאַזל צוגעשפּילט — ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער אַ ווילן מענטשן און איז מיר אַנטקעגנגעקומען אין מײַן דורשט צו מוזיק. בײַ אים האָב איך געשעפּט מײַנע ערשטע ידיעות אין מוזיק־טעאָריע און האַרמאָניע, זיך דערוווּסט וועגן לעבן און שאַפֿן פֿון אַ ריי גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן וועגן בעטהאָווענען.

ניט געקוקט אַפֿן אונטערשייד אין עלטער צווישן מיר און דעם באַיאַרטן דײַטש — כ׳בין געווען קעגן אים נאָך אַ קינד, האָט ער, ווי עס זעט אויס, געזוכט צו טיילן זיך מיט מיר מיט זײַנע געפֿילן און געדאַנקען, אַנטפּלעקן פֿאַר מיר זײַן קוק אַף דער וועלט און אַף מענטשן. רײדנדיק וועגן בעטהאָווענען, האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז בעטהאָווען איז ניט נאָר אַ גע־ניאַלער מוזיקער, נאָר אויך אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער רעוואָליוציאָנערער גײַסט. דאָס האָט מיך נאָך מער דערנעענטערט מיט יאַניצקין. און איינמאָל האָב איך אים דערציילט וועגן אונדזער כאָר. ער האָט מיר געגעבן עטליכע אָנווײַזונגען, געצייצעט, ווי אַזוי צו פֿירן די אַרבעט און ווי אַזוי צו צעשרײַבן די לידער אין פֿאַרשיידענע נאָטן־פּאַרטיעס, פֿאַר די באַזונדערע שטימען.

ווען כ׳האָב אים פֿאָרגעלייגט אָנטיילנעמען אין אונדזער קאָנצערט און געבעטן אים די־ריגירן מיטן כאָר אָנשטאָט מיר, ווי אויך צו אַקאָמפּאַנירן איינציקע נומערן, איז ער געוווען געריִרט פֿון דער אויפֿמערקזאַמקײַט און טייקעף אײַנגעשטימט. ס׳איז געבליבן, אַז ער אַליין זאָל

דורכפירן די לעצטע רעפעטיציעס מיטן כאָר. ער האָט מיר אויך געגעבן זײַנע א טראַנסקריפּ־ציע פאַר פידל פון דעם ערשטן טייל פון בעטהאָווענס פּיאַנאָ־סאָנאַטע נומ. 19, אז איך זאָל זי אויספירן אפן קאָנצערט טאַקע אונטער זײַן קלאַוויר־באַגלייטונג. כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט דעם איבעראַשנדיקן אײַנדרוק, וואָס סע וועט מאַכן אפן שטעטלשן עולעם דער אופטריט פון דעם גראַוון מאַן מיט דער קינסטלער־שעוועליורע, דאָס פלוצעמדיקע דערשײַנען פונעם אלע־מען באַקאַנטן „פּידוטשיטאַטעא"־באַאמטן אין דער ראָליע פון א מוזיקער.

א צווייטע פּערזאָן, וואָס איז פאַרעלייגט געוואָרן אײַנשליסן אינעם קאָנצערט, האָט ארויסגערופן שאַרפע כלוקעדייעס. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרעץ פלאַווסקי, דעם איידעם פונעם פאַרשטאָרבענעם „קרומען" גענעראַל, און דעם איצטיקן באַלעבאָס פונעם „הויף". עמעס, די יערושע־פעלדער און וועלדער, דעם גאַנצן גוט האָט ער שוין לאַנג געהאַט אויספאַרקויפט, און אלס פאַרעץ האָט ער ניט געהאַט קיין שום גלאַנץ, געווען, ווי מע זאָגט, אן אָפּגעשלאָגענע הוישײַנע. דאָך, אף אזא „שידעך" האָבן מיר ניט געוואָלט אײַנגיין, ניט געקוקט אפילע אף דעם, וואָס דער דאָזיקער פאַרעץ האָט אין שטעטל זיך געפירט אָנשטענדיק, ער פלעגט פון צײַט־צו־צײַט געבן א פאַר צו קיין פאַריזש, אָפּזײַן דאָרט א שטיקל צײַט, אָנשפּילן זיך גוט אין קאָרטן און קומען צוריק אהיים. יאָרנלאַנג האָט ער זיך געלאָדן מיט עפּעס א גרוזין. דער גרוזין האָט בא אים געמאַנט א טשעמאָדאַן, וואָס ער האָט אים איבערגעגעבן בייס זייער ביידנס אנטלויפן פון רוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע. דער טשעמאָדאַן זאָל האָבן געווען זײַן פול מיט גאָלד און בריליאַנטן.

אין דער יוגנט האָט פלאַווסקי געזונגען ערגעץ אין אן אָפּערע, און אויך איצט האָט מען אָפּט געקאָנט הערן פונעם „הויף" זײַן גאָרגלען זיך און זײַן זינגען אריִעס און אלטע רוסישע ראָמאַנסן. א גרויסע שוואַכקײַט האָט ער געהאַט צו אַפּלאָדיסמענטן, צו דער סצענע...

פלאַווסקין האָט רעקאָמענדירט איינער פון איטעס „פּאַטראָנאַזש־מענטשן", א גימנאַזיע־לערער און פלאַווסקיס א נאָענטער באַקאַנטער. ער האָט געטײַנעט, אז דאָס איז זייער וויכטיק, קעדיי דער צענזאָר זאָל באַשטעטיקן די קאָנצערט־פּראָגראַם. ווי עס האָט זיך דערנאָך ארויס־געוויזן, האָט פלאַווסקיס נאָמען גינסטיק געווירקט אפן צענזאָר. נאָך פלאַווסקיס פּראָגראַם, אין וועלכער עס איז ארײַנגעגאַנגען די „ריגאָלעטאָ"־אריִע און די רוסישע ראָמאַנסן „גלעקעלעך", „איך האָב אײַך ליב", איז געווען אײַנגעשלאָסן די רוסישע רעוואָליוציאָנערע, ליד „סלושײַ", די לידער „קירכן־גלאָקן", „הוליעט, הוליעט", „דרײַ נייטערנס", דאָס אלץ האָבן מיר פאַר־שריבן אלס פלאַווסקיס רעפּערטואַר, און דער צענזאָר האָט מעכאַניש אונטערגעשריבן די גאַנ־צע פּראָגראַם.

מיר איז אויסגעקומען אינײינעם מיט יאַניצקין ארײַנצוקומען א פּאָר מאָל אין „הויף" צו פלאַווסקין. יאַניצקי האָט פלאַווסקין אקאָמפּאַנירט זײַנע ראָמאַנסן און מיט מיר רעפּעטירט דאָרטן אונדזער סאָנאַטע־דועט.

און אָט בין איך אינעם „הויף", אינעם סאָד מיט די פּרעכטיקעביימער און בלומען. ארום — אן אומהיימלעכע שטילקײַט. אײַנגעטונקען אין גרינקײַט שטייט דער פּריצישער פּאַלאַץ. פון פאָרנט — א גרויסע אויסגעפלאַסטערטע טעראַסע, אף דער וואַנט באם ארײַנגאַנג צוויי גרויסע אייל־בילדער. די פאַרב איז היפּש אָפּגעקראָכן, אָבער ס'איז נאָך צו דערקענען: אף איין בילד — דער אלטער גענעראַל צוזאַמען מיטן רוסישן צאַר, ביידע רײַטנדיק אף ווײַסע פערד. אף יעדער פון די צווײַגן אן אנדער נאָמען. דאָס איז דער יִיכעס־בוים פון דער דאָזיקער פּרי־צישער דינאַסטיע. סאַמע אין שפּיץ פונעם בוים, אף זײַן לעצטער צווײַג — דער נאָמען פון דעם „קרומענס" איין־און־איינציקער טאָכטער, זי טאַקע איז פלאַווסקיס פרוי. זי איז שוין ניט קיין יונגע, א הויכע, מיט א לענגלעך־אויסגעצויגן פּאָנעם, פון וועלכן די הויט הענגט לייז־לעך אראָפּ. זי האָט גרויסע, ווילד־צעעפנטע אויגן, רייכערט אָן אופהער און איז אן אָפּטע ארײַנגייערן אין די ווײַן־קעלערס פונעם שטעטל.

אזא־אָ, מיט א פּאַפּיראָס אין מויל, האָב איך זי דערזען. זי האָט זיך באַוויזן אין דער טיר פונעם סאַלאָן, ווו מיר האָבן רעפּעטירט, א ווײַלע שטיין געבליבן און דערנאָך, ווי א שאָטן, דורכגעשוומען דורכן סאַלאָן, ניט באַמערקנדיק קיינעם און ניט ארויסברענגענדיק קיין וואָרט, דורכגעשוומען און ערגעץ אנטרונען.

אין „הויף" האָב איך אויך געזען זיך ארומדרייען דעם פאַרבליבענעם לאַקיי. ער איז שוין געווען זייער אלט, טיף אײַנגעבויגן, מיט לאַנגע גראָווע באַקן־בערד א ליא פראַנץ־יאָזעף. ער האָט זיך א יאָווע געטאָן מיט עפּעס א בלעכן טעצל אין די הענט, אפּאָנעם, דאָס טעצל פאַר וויזיט־קאַרטלעך פון די באַזוכער. ס'האָט זיך דאָ אופגעהאַלטן אויך עפּעס אן אלט פּאַרפּאַלק. זי, א קליינינטשקע, א גראָבלעכע, מיט א גראָוון קאָפּ האָר און מיט א מעשונעדיקן טשיפּעק, איז געזעסן אף דער דרויסנדיקער טעראַסע מיט א בוך אין דער האַנט און גע־

דרעמלט קעגן דער זון. דער אַלטער, אַ נידעריקער מיט אַ קורץ־אָרומגעשוירן ווײַס לאָ־פעטע־בערדל, האָט זיך געפּאַרעט מיט אַ מעסערל אין דער האַנט, געווען זייער פאַרטאָן מיט שטעקעלעך און צוויַיגעלעך. ער האָט, דוכט זיך, געשניצט ווערבע־פּײַפעלעך. ער, האָט מען געזאָגט, איז אַמאָל, בײַסן צאַריזם, געווען דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז.

דער סאַלאָן, וווּ מיר האָבן רעפּעטירט, איז געווען אומגעהײַער גרויס און קימאַט ליידיק. ס׳זײַנען דאָרט געשטאַנען עטלעכע שטולן און אַ לאַנגער ראָיאַל. אַ „טיש־פּיאַנע״, האָב איך פאַר זיך אים גערופן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך געזען אַ ראָיאַל. ביז איצט האָב איך געוווּסט נאָר פון אַ פּיאַנע... די הויכע סטעליע, די ריזיקע טירן פון רויטן האָלץ גע־שניצט, די ווײַסע קווייטנדיקע שפּאַליר־ווענט, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט דעם סאַלאָן נאָך מער פּוסט און ליידיק. פּלאַווסקיס קאָל האָט געקלונגען ווי פון צווישן בערג. די טויטע שטילקייט האָט אַרויסגערופן אַ גרויל. ס׳האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פון דאַנען. אין גאָרטן איז אויך געווען אומהיימלעך. כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווי מיט פיל יאָרן צוריק בין איך דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעקומען אהער. די באָבע האָט מיך דעמלט געפירט פאַרן הענטל און מיר געזאָגט: מאַטעלע, שמעק דיך אָן מיט לופט, מע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער!

ווי ראַשיק ס׳איז דאַן דאָ געווען, וויפל מענטשן, וויפל הילכיקע רעדעס און פרייילעכע לי־דער ס׳האָבן דאָ געקלונגען, איצט איז דאָ אַלץ, ווי פאַרגליווערט, טויטלעך־פּוסט און טויטלעך־שטיל. ווען זשע, ווען זשע וועט ווידער אַרײַנקומען אין הויף יענץ ראַשיקע, לעבעדיקע, פריידיקע...

דער קאָנצערט איז דורכגעגאַנגען גוט, אָן שום איבערשלאָגן. די אָפּרופן אין שטעטל זײַ־נען געווען וואַרעמע. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אין קאָנצערט האָבן אָנטיילגענומען „זײַטיקע״ מענטשן, זײַנען די שוואָכים אָפּגעגעבן געוואָרן די לינקע. אין שטעטל האָט מען געזאָגט — „די לינקע האָבן באַוויזן, וואָס זיי קאָנען״. באַ די כעוורע איז די שטימונג געווען אַ געהויי־בענע. די ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג האָט דערמוטיקט און פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין די אייגענע פייִקײַטן און מעגלעכקײַטן. באַזונדערס שטאַלץ האָבן זיך געפילט די „אַר־טיסטן״ און נאָך מער איז געוואַקסן באַ דער כעוורע דער אינטערעס פאַר טעאַטער, קונסט, קולטור־אַרבעט. מע האָט געזען ווי ווײַט מעגלעך צו באַזוכן די ספּעקטאַקלען פון די גאַסט־ראָלירנדיקע טעאַטער־טרופּעס.

מאַכמעס די פּרײַזן פון די בילעטן זײַנען מערסטנטייל געווען הויכע, איז אָפּגערעדט גע־וואָרן מיט דער טעאַטער־דירעקציע, אַז צו יעדער ספּעקטאַקל זאָל מען אַרײַנלאָזן אין טעאַ־טער אַ גרופּע אַרבעטער, לויט אַ קאָלעקטיוון צעטל, פאַר נידעריקע פּרײַזן. די דאָזיקע אונ־טערהאַנדלונגען האָט שטענדיק געפירט מיילעך. ער טאַקע האָט צונויפגעשטעלט די צעטלען פון די אַרבעטער.

איינמאָל, ווען מיילעך האָט געדאַרפט איבערגעבן אַזאַ צעטל אין דער טעאַטער־קאַסע, האָט זיך אומגעריכט צו אים צוגעשטעלט דער זשאַנדאַרם־שעף גאַוורילוי און עס אויסגעריסן באַ אים פון דער האַנט. מיילעך האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ גאַזלען אָט דער גאַוורילוי איז, און האָט באַוויזן טייקעף נעלעם ווערן צווישן גרויסן אוילעם. גאַוורילוי איז אים נאָכגעלאָפן און געשריגן:

— דו ווערסט סײַווי אַרײַנפאַלן אין מײַנע הענט, דו, מיט דער קײַלעכדיקער נאָז און מיטן יאָזשיק.

דערנאָך האָט גאַוורילוי זיך צעהירזשעט: „ס׳איז מיר אַזוי אויך גענוג, איך האָב אַלע קאָמוניסטן באַ מיר אין קעשענע״.

אַף מאָרגן האָט ער לויט דעם צעטל אַרויסגערופן אייניקע אין דער זשאַנדאַרמעריע, מע האָט זיי דאָרטן געהאַלטן ביז עס האָט זיך געפונען אַ „שטאַדלען״. דאָס איז געווען אַ ייִד, וועמען מע האָט גערופן „שלוימע סטאַראָסטאַ״. ער האָט געהאַלטן אַ שענק, און גאַוורילוי פלעגט באַ אים זײַן אָן אָפּטער גאַסט.

דער פאַל מיטן צעטל האָט באַטײַט, אַז מע דאַרף זײַן פאָרזיכטיק. די באַגעגענישן אין די קרײַזלעך זײַנען צײַטווײַליק באַגרענעצט געוואָרן. מערסטנטייל האָבן כעוורע זיך געטראָפן ערגעץ־ווו אין די שפּעטע אָפּדערנאַכטן, קלוימערשט, ווי „פּאַרליבטע פּאָרלעך״ אָדער סטאַם ווי שפּאַצירנדיקער אוילעם הינטערן „הויף״. דאָס, וואָס ס׳איז גראָד געווען זומער־צײַט, האָט דערמעגלעכט געמאַכט אָרגאַניזירן פאַרשיידענע שפּאַצירן. געראַטעוועט האָט דער וואַלד, דער „שטשיפּעט״, די לאָנקע הינטערן בעסאַלמען, דער טײַך, וווּהין פרומע ייִדן גייען ראָשהאַשאָנע אויסליידיקן זיך פון זייערע זינד.

יידל און סאָניע

דאָס איז געווען אין א שאַבעס פאַרנאַכט. זיי זײַנען ביידע געגאַנגען אהיים, געגאַנגען שווײַגנדיק, אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער כעווערע.

יידל איז פול געווען מיט אײַנדרוקן פונעם גערדיכטן וואַלד, פונעם צויבערדיקן פאַרנאַכט, וואָס האָט איצט גענומען אײַנהילן אַלץ אין א בלויער דורכזיכטיקײַט, און פון דעם, וואָס ער פילט סאָניען אַזוי נאָענט לעבן זיך. עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט טיילן מיט איר וועגן דעם, וואָס ער פילט, וואָס ער לעבט איבער, און ביכלאַל... אינגיכן וועט זי אוועקפאָרן און דאָס וויכטיקסטע וועט בלײַבן ניט אַרויסגעזאָגט...

ער האָט איבערגעקליבן אין די געדאַנקען פאַרשיידענע מאָמענטן פון זייער באַקאַנטשאַפט... נאָר אַזוי פאַרשלאָסן אין זיך, ווי די לעצטע צײַט, האָט ער זי פריִער ניט געזען. וואָס זשע פאַר א סאָד באַהאַלט זי אויס פון אים? האָט ער געפּרוּווט פאָרטרעטן די ספּייקעס, זיך דער־מאָנט אין דעם, ווי שטאַרק זיי האָבן זיך באַפרײַנדעט אין מעשעך פון דער לעצטער צײַט. ער איז דאַנקבאַר דעם גורל, וואָס האָט זיי צונויפגעפירט. פון סאַמע אָנהייב האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז אַן אָפּנהאַרציקע, ניט געקינצלטע נאַטור, א פרײַע פון קליינבירגער־לעכע זיטן און באַדינגלעכקײַטן. עס שטייט אים נאָך פאַר די אויגן דאָס בילד, וויאַזוי זי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַוויזן בא אים אין שטוב. עס קלינגען אים נאָך אין די אויערן אירע ווערטער: „איך בין סאָניע, איר זײַט יידל, כ׳ווייס אַלץ וועגן אײַך!"

אָן שום ווערטער, אָן שום דערקלערונגען האָבן זיי זיך דערפילט געקניפּט מיט שטאַרקע פעדעם, כאָטש טיף אין האַרצן האָבן ביידע געפילט די אומפאַרמײַדלעכע שוועריקײַטן, וואָס וועלן זיך שטעלן אַפן וועג פון זייערע געפילן. די „קיוועכע", האָט ער געוווּסט, האָט שוין לאַנג געגומען נאַכטשאַטעווען סאָניען. צי וועט איר סטײַגן קויעך זיך קעגנצושטעלן? צי וועלן זיי ביידע זײַן געגנוג אויסגעהאַלטן? וועגן דעם האָבן זיי, יעדער פאַר זיך, ניט איין מאָל גע־טראַכט, זיי האָבן אָבער אויסגעמיטן צו ריידן וועגן דעם. איצט אָבער, האָט ער געפילט, יידל, איז ניט געבליבן אַף ווען אָפּצולייגן. סאָניעס קאַניקולן ענדיקן זיך, און זי פאָרט אינגיכן אוועק...

ער האָט פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט, אָנגענומען סאָניען פאַר דער האַנט און שטיל אַרויס־גערעדט:

— סאָניע, וואָס איז געשען? דו באַהאַלטסט עפּעס אויס פון מיר?

סאָניע האָט געשוויגן.

— מיר איז שווער דיך צו זען אַזאַ... — האָט יידל פאַרגעזעצט, — כ׳פיל, אַז דו לעבסט עפּעס איבער. דערצייל, מיר זײַנען דאָך ניט קיין פרעמדע. און ביכלאַל... פאַר דײַן אוועק־פאָרן... מיר דאַרפן אַזויפיל זאָגן איינער דעם אַנדערן.

— מע דאַרף שוין ניט ריידן, — האָט סאָניע ניט געלאָזט פאַרענדיקן, — ס׳איז שוין אַלץ באַשטימט!

— וואָס מיינסטו דערמיט, סאָניע? — האָט יידל א פאַרוווּנדערטער א קוק געטאָן אַף איר.

סאָניע האָט א שמייכל געטאָן און צאַרט אַרופגעלייגט איר האַנט אַף זײַן אַקסל.

— וואָס פאַרשטייסטו ניט, יידל, כ׳פאַר אין ערגעץ ניט אוועק!

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקײַט, אַז יידל האָט א ציטער געטאָן. ס׳איז פאַר אים געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז ער האָט ניט געוווּסט, צי זאָל אים פרייען דאָס, וואָס ער האָט נאַרוואָס געהערט, צי דאַרף עס אים גאָר ערגערן. וואָס הייסט, אינמיטנדערינען איבערצורײַסן דאָס לערנען?

— ווייסט דאָך, — האָט ער אָן אָפּגערעגטער אַרויסגערעדט, — ווייסט דאָך גוט, ווי כ׳וויל, אַז דו זאָלסט בלײַבן, ווי ס׳איז נייטיק, אַז דו זאָלסט זײַן מיט אונדז. מיט מיר... נאָר ווי קאָנסטו איבערלאָזן דאָס לערנען, ניט פאַרענדיקט?

— פאַרענדיקן דאָס לערנען, זײַן, הייסט עס, א דיפּלאָמירטע? — האָט זי איראָניש איבער־געפרעגט.

— ניט אין דעם גייט עס, — האָט יידל ווי פאַרלוירן זיך, — אָבער לערנען, באַקומען וויסן!

— לערנען, וויסן! — האָט סאָניע א זיפץ געטאָן, — דאָס קאָן מען באַקומען אויך אויסער די אוניווערסיטעטן. נאָר פאַר מײַנע עלטערן איז וויכטיק געווען גראָד דאָס. זיי האָבן געמוזט האָבן א טאָכטער א סטודענטקע, און וואָס לערנט זיך דאַפקע אין אויסלאַנד. נאָר איך האָב זיך

שוין אַנגעזען אין די אויסלאַנדס מערער ווי מע דאַרף. און איך וויל מער ניט. אַזוי האָב איך זיי טאַקע געזאָגט. איך וויל ניט, און שוין.

— ווי זשע וועט זײַן?

ייִדל האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב סאָניע האָט באַשלאָסן, וועט זי פון איר באַשלוס ניט אָפּטרעטן. ער מאָלט זיך אָבער אויס, וואָס פאַר אַ סצענעס, וואָס פאַר אַ גוואַלדן סאָניע וועט דאַרפן אויסשטיין אין דער היים. ער ווייסט, אַז אירע עלטערן זײַנען שוין לאַנג כּוישעד, אַז זי איז אַקטיוו צווישן די אַרבעטער פון דער „יאַטקע־גאַס". זיי האָבן געוויס געמאַכט זיך ניט־וויסנדיק, האַפנדיק, אַז איינגיכן וועט דער זומער אַוועק, סאָניע וועט אַוועקפאָרן, און אויס. אָבער איצט!

— אין דער היים ווייסט מען שוין אַלץ! — האָט סאָניע אַ זאָג געטאָן, גלײַך זי זאָל האָבן געלייענט זײַנע געדאַנקען.

— אַלץ? — האָט ייִדל אַ דערשראָקענער איבערגעפרעגט.

— נו יאָ, אַלץ! אַלץ איינעם, כ'האָב קלאָר געזאָגט, אַז כ'האָב מײַן גורל פאַרבונדן מיט דיר!

כאָטש ייִדל האָט גוט געקאַנט סאָניעס כאַראַקטער, איז ער דאָך געווען איבעראַשט פון איר געוואַגטקײַט און אַנטשלאָסנקײַט. ער ווייסט וואָס פאַר אַ ביטערן קאַמף זי וועט דאַרפן פירן מיט אירע עלטערן, מיט איר גאַנצער אַרומרינגלונג, באַזונדערס טאַקע מיט דער מוטער, מיט דער „קיוועכע". ער ווייסט דאָך, אַז דער ייִכעסדיקער אָפּשטאַם פון די כאַסידים וועט זיי ניט לאָזן אײַנגיין אויף אַזאַ שידעך, אַ שידעך מיט אים, אַ שוסטער בען שוסטער, אַ באָכער, לויט זייער קוק, פון „נידעריקן גראַד".

סאָניע איז מיטאַמאָל געוואָרן באַריידעוודיק און גענומען אויסדערציילן וועגן האַרבן שמועס, וואָס זי האָט געהאַט אין דער היים. וועגן דער איבערקערעניש, וואָס דאַרט האָט זיך געטאָן, און וועגן דעם, ווי זי, סאָניע, האָט געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן דאָס סאַמע שאַרפסטע, וואָס זי האָט געקאָנט זאָגן: אַז אויב זיי וועלן ניט אופהערן צו דערגיין איר די יאָרן, וועט זי אינגאַנצן אַוועקגיין צו אים, צו ייִדלען, און אַז ייִדלס מאַמע וועט געוויס זיך באַציִען צו איר מיט מער האַרציקײַט, טאַקע ווי אַ געטרײַע מאַמע...

— און שטעל דיר פאָר, — האָט סאָניע פאַרענדיקט, — כ'האָב זיי ווי־ניט־איז אײַנגע־שטילט. ס'איז מיר דערווײַל שווער צו זאָגן, וואָס ווײַטער וועט זײַן.

הינטערן „הויף" האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט און אַוועק יעדערער צו זיך אַהיים, פול מיט אומרו. זיי האָבן אַפילו ניט פאַרגעשטעלט זיך, אַז שוין אויפן צווייטן טאָג וואַרט אויף זיי ביידע אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש.

אויף מאָרגן, זונטיק, נאָך מיטיק־צײַט, האָט מען אין דער „יאַטקע־גאַס" דערזען אַרײַנגיין די „קיוועכע" צו דער „יאַסערן" אין שטוב אַרײַן. די שכיינעס אין געסל האָבן פאַרטײַעט דעם אָטעם.

אין שטוב האָט מען די „קיוועכע" באַגעגנט מיט איבעראַשונג. די „יאַסערן" האָט איר אָקעגנגעטראָגן אַ בענקל:

— וואָס עפּעס נײַס?

ייִדל איז אַרויסגעקומען פונעם קיכל, אָנגעטאָן אינעם שוסטער־פאַרטעך, און אַן איבער־געשראָקענער געפרעגט:

— עפּעס איז געשען מיט סאָניען?

די „קיוועכע" האָט זיך פאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל, האָט אויסגעווישט דעם שווייס פונעם פּנים און אָנגעהויבן שטיל, מיט אַ צעצויגן ציטערדיק קאָל:

— כ'ווייס, איר האָט ניט געוואַרט, נאָר כ'בין געקומען. איך וויל ניט, סע זאָל קומען צו קיין לײַטיש געלעכטער...

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער „יאַסערן", וועלכע איז געשטאַנען עטוואָס גע־פּלעפט.

— ס'איז דאָך אונדזערע קינדער. כ'מיין סאָניען מיט ייִדלען, זאָל זשע זײַן, ווי עס פּירט זיך בײַ לײַט!

ייִדל האָט געוואַרט, וואָס ער וועט ווײַטער הערן. די „יאַסערן" האָט געמאַכט אַ שפּאַן נעענטער צו דער „קיוועכע" און געזאָגט:

— סאָניע איז זייער אַ טײַער קינד! מיר האָבן זי אַלע ליב. די קינדער האָבן זיך אויך ליב, וואָס זשע פאַר אַ טאַרומעס קאָנען מיר, מאַמעס, האָבן? וועגן מײַן ייִדלען דאַרף איך אײַך קיין סאַך ניט דערציילן, זאָל אײַך שוין סאָניע אַליין זאָגן. אַזוי ווי איר זעט אים, איז ער בײַ מיר מײַן שענסטער ייִכעס!

די „קיוועכע" האָט זיך אומרויִק געדרייט אַפן בענקל. זי האָט, מעגלעך, אין דער „יאַסערנס" ווערטער דערהערט אַן אָנדײַטונג, אַ שטאָכוואָרט אַף איר כעזשבן, נאָר זי האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און גערעדט ווײַטער:

— ווילן איך ארויסזאָגן מײַן באַגער. עפשער וועט עס קלינגען, ווי אַ שטיקל טנײַ, ווי איר ווילט — פאַרשטייט עס, נאָר כ'טראַכט, אַז סע וועט זײַן גוט, אַז די קינדער זאָלן ווינען בא מיר, בא מיר איז גערעם, און ס'איז, קיין אײַנהאָרע, דאָ, ווו זיך אהינצוטאָן!

ס'איז געווען קלאָר, אַז אין דעם דאָזיקן טנײַ איז געווען פאַרבאַהאַלטן די לעצטע האָפע־נונג אַרויסצורײַסן סאָניען פון דער „יאַטקע־גאַס". אַז איר, דער „קיוועכע", איז מערער ניכע אַרײַנצובערענגען ייִדלען צו זיך אין דער מאַרק־שטוב אַרײַן, איידער לאָזן סאָניען ווינען מיט אים אין דער „יאַטקע־גאַס".

ייִדל האָט עס פאַרשטאַנען און האָט רויִק זיך אָנגערופן:

— דאָס וועלן מיר באַשליסן מיט סאָניען.

— פאַרשטייט זיך. אַוואַדע וועלן מיר נאָך ריידן, — האָט די „קיוועכע" זיך אופגעהויבן פונעם בענקל און אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט ייִדלס בליק. זי האָט גוט געוווּסט, וויפל בלוט זי האָט סאָניען פאַרגאָסן טאַקע צוליב אים, צוליב ייִדלען, וואָס פאַר אַ קריג זי האָט געפירט מיט איר פאַראַקשנטער טאָכטער.

ייִדלס כאַסענע מיט סאָניען האָט געמאַכט אין שטעטל אַ אומגעוויינלעכן רוישעם. אומע־טום האָט מען גערעדט וועגן שידעך צווישן דעם „מאַרק" מיט דער „יאַטקע־גאַס". מע האָט זיך געוויצלט וועגן דער נײַער מעכוטאָנעשאַפט צווישן דער „קיוועכע" מיט דער „יאַסערן".

ייִדל מיט סאָניען האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַ כופּע. זיי האָבן זייער כאַסענע בלויז גע־לאָזט פאַרעגיסטרירן אינעם געהעריקן אַנשטאַלט. קלייקוידעש האָבן אײַנגעריסן וועלטן:

— אַן אומדערהערטע זאַך! ייִדישע קינדער זאָלן כאַסענע האָבן אָן כופּע־קעדושן! אַזאַ זינד! אַזאַ כאַרפּע!

ייִדל איז אריבערגעגאַן ווינען צו סאָניען, נאָר די גרעסטע צײַט זיך געפונען אין דער „יאַטקע־גאַס" בא דער מאַמען אין דער היים. ער האָט ווי פרײַער געפירט אין קיכל דעם שו־סטער־וואַרשטאַט, אַלץ דאָס איבעריקע — אויך ווי פרײַער. בא סאָניען אין דער היים האָט ער זיך די ערשטע צײַט געפילט ניט היימלעך, כאָטש סאָניעס עלטערן האָבן זיך געפירט פרײַנטלעך און צוגעלאָזט. זיי האָבן מיטאָמאָל אופגעדעקט פאַר זיך, אַז ער באַזיצט אַ שלאַל מיט מײַלעס; ער איז סאָליד, פאַרמאָגט פאַרשטאַנד, איז באַהאַוונט אין אַ סאַך זאַכן און האָט נאָך אַנדערע גוטע מענטשלעכע אײגנשאַפטן. איינס נאָר — די מעלאָכע זײַנע איז זיי געווען ניט צום האַרצן.

מיט דער צײַט האָבן זיי וועגן ייִדלס מעלאָכע אויך אָנגעהויבן רעדן אַנדערש. דער אַלטער קיווע האָט געבראַכט אַ רײַע פונעם גרויסן צאַדיק, וואָס איז געווען אַ שוסטער — „יויכענען האַסאַנדלער", און די „קיוועכע" האָט זיך פאַרופן אַף די כאַכאָמים, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז ניט די מעלאָכע מאַכט מיִעס דעם מענטשן, נאָר דער מענטש מאַכט מיִעס די מעלאָכע. ס'איז זיי געבליבן נאָר איין ווונטש — די קינדער זאָלן זיך אָפּזאָגן פון „פּאָליטיקע".

אַ סאַך איז אויסגעקומען דער „קיוועכע" אויסצושטיין פון אירע שכיינים, וועלכע האָבן בא יעדער געלעגנהײַט זי געיאָדעט, געשאָטן שטעכווערטלעך.

— סטײַטש, — האָט מען געטײַנעט, — בא אײַך, בא דער „קיוועכע", זאָל זיך אַזוינס פאַרלויפן!

— אַזאַ „געניידעם" אַרײַנלאָזן צו זיך אין שטוב אַרײַן!

— אַ ווילער שידעך! נישטאָ וואָס צו זאָגן!

— האָבן מיר שוין אין מאַרק, הייסט עס, אַ שוסטער אויכעט אין ייִכעס!

אַף דעם האָט די „קיוועכע" געענטפערט מיט אַ צעצויגן ניגנדל:...

— מע קאָן גאָרניט ווי־י־י־סן... הײַנט אַ שי־י־י־סטער, מאָרגן — אַ מיני־י־יסטער!

„שאָלעם־אַלייכעם־קרײַז"

גאַווריליוק מיט זײַנע זשאַנדאַרמען און אויך די סיגוראַנצע האָבן גענומען נאָכטשאַטעווען אַף שריט און טריט. אַ סאַך טאַטעס און מאַמעס האָבן אויך וואַכזאַם נאָכגעשפּירט נאָך די גענג פון זייער יונגוואַרג, ביפּראַט נאָך דעם טומל אַרום ייִדלס כאַסענע מיט סאָניען. מע האָט געדאַרפט עפּעס פאַרנעמען, וואָס זאָל אָפּקילן די אופמערקזאַמקײַט צו דער „יאַטקע־גאַס".

מיר האָבן באַשלאָסן פּרווון לעגאַליזירן אין שטעטל אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע, לויטן מר־

סטער פון די „קולטור־ליגעס", וואָס האָבן שוין צו יענער צײַט עקזיסטירט אין א ריי שטעט. ארום אזא אָרגאניזאציע וואָלטן זיך גרופּירט אלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פונעם שטעטל. סע וואָלט געהאָלפן מאסקירן די אונטערערדישע טועכצן.

קעדיי ארויסצובאקומען א דערלויבעניש אף אזא אינסטיטוציע, האָט מען ווידעראַמאָל געדארפט האָבן א „וואַגיקע" האנט. דאָס הייסט, די מיטהילף פון „קאָשערע" און „אָנגעזעענע" מענטשן. אונדזער „פאַרבינדלערן", די „קלוגע איטע", האָט אינגיכן אָפּגעזוכט אזעלכע מענטשן. איינער פון זיי איז געווען דער יונגער דאָקטער לאנדא, א מענטש מיט דעמאָקראַטישע איבערצײַגונגען. צופעליק האָט ער זיך געקענט מיטן פּרעטאָר פון דער שטאָט, און מיט דער הילף פון די ווירקזאמע „שמירעכצן" האָט ער בא אים געפּויעלט א דערלויבעניש אף א קול־טור־אָרגאניזאציע. דעם נאָמען פון דער אָרגאניזאציע „שאָלעם־אלייכעם־קרײַז" האָט עמעצער פון אונדז געהאט אונטערגעזאָגט, און אזוי איז פאַרבליבן. פאַרמעל האָט זיך געפאָדערט צוויי מענטשן, א פאַרזיצער און א געהילפס־פאַרזיצער, וועלכע האָבן געדארפט זיך פאַרשטעלן פארן פּרעטאָר אלס פאַראנטוואָרטלעכע פאר דער ארבעט פונעם קרײַז, און אונטערשרײַבן די נייטיקע דאָקומענטן. דער פּרעטאָר האָט טאקע געוואָלט זען, ווער די דאָזיקע מענטשן זײַנען. דאָס זײַנען געווען כאַיִם קליינמאַן און שאָלעם ראָזענצווײַג.ביידע נײַ־געקומענע. קליינמאַן פון יאַס, ווו ער האָט אלס לערער געגעבן פּריוואַטע לעקציעס און געווען אַן אקטיווער טוער אין דער „קולטור־ליגע". זײַן פרויס פּאָטער, דער היגער אָנגעזעענער באַ־לעבאָס נאפטאָלע בערנשטיין, האָט געפּירט א לאנגן רויגעז מיטן יונגן פאַרפאַלק. וויסנדיק איצט, אז זיי לעבן מאַטעריעל שווער אין יאַס, איז ער ווייך געוואָרן און האָט זיי פאַרבעטן קומען אהיים, זיך אײַנאָרדענען.

ראָזענצווײַג, אויך א טוער צווישן דער ארבעטערשאפט, איז געקומען פון א שטעטל צו זײַן רײַכן ברודער, דעם אייגנטימער פונעם דעפּאָזיט פון ספּירט־געטראַנקען.

ביידע האָט מען אין שטעטל ניט געקענט. איטע אָבער האָט שוין באוויזן מיט זיי זיך פאַרבינדן, און האָט געוווּסט וועגן זייער ביז איצטיקער טעטיקײַט. און ווײַל אין שטעטל האָט קיינער ניט געוווּסט מיט וואָס זיי עטעמען, און אויך דערפאַר, וואָס ביידע זײַנען קרוויויש פאַרבונדן מיט כאַשעווע מישפּאָכעס, האָט איטע פאַרגעשלאָגן, אז זיי זאָלן פאַרמעל פאַר־שטעלן די אָנפירערשאפט פונעם „שאָלעם־אלייכעם־קרײַז".

קליינמאַן איז צום פּרעטאָר געקומען יאָמטעווודיק פאַרפּוצט, אין א שוואַרצן אָנצוג מיט א בלויער וועליורענער שליאַפּע. א קורצינקער און א קײַלעכדיקער, מיט א פּולבלעך פּאָנעם, האָט ער אויסגעזען ווי אַן עמעסער גרויסשטאָטישער סוּיכער. ער האָט נאָר באוויזן זיך פאַר־צושטעלן און דערמאָנען ווּעמענס איידעם ער איז, האָט אים דער פּרעטאָר אקעגנגעטראָגן די האנט:

— אויסגעצייכנט! — האָט ער געזאָגט, — מע זעט טייקעף, אז מע האָט צו טאָן מיט אַן אָרנטלעכן מענטשן! זאָלסט זײַן אויך א לײַטישער פאַרזיצער!

מיט ראָזענצווײַגן איז דער שמועס אויך געווען א פרײַנטלעכער:

— ביסטו טאקע, זאָגסטו, ראָזענצווײַגס א ברודער? זייער א גוטער כעווערעמאַן, דײַן ברודער! געשמאַק טרינקעכץ בא אים!

דער „שאָלעם־אלייכעם־קרײַז" האָט אין א ספּעציעל אָפּגעדונגענעם לאָקאל אָנגעהויבן זײַן ארבעט. פאַרמעל איז געווען דערלויבט א ביבליאָטעק, א לייען־זאל און אָוונט־קורסן פאר דערוואַקסענע. פאַקטיש אָבער האָט מען איבערגעשפּאַנט די דערלויבטע גרענעצן, און ס'איז אוועק אַן ארבעט א פּיל פאַרברייטערטע. אהער האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען, ווי מע זאָגט, קליין און גרויס. דער „שאָלעם־אלייכעם־קרײַז" איז געוואָרן דער וויכטיקסטער קולטור־צענ־טער אין שטעטל. שאַבעס האָט זיך פאַרזאמלט א גרויסער עוילעם. מע איז געקומען הערן לעקציעס און שמועסן אף פאַרשיידענע טעמעס. איטע קוקורוזא האָט אהער צוגעצויגן א סאך עוילעם פון די אינטעליגענטע קרײַזן. סע זײַנען געווען פאַרטראָגן אף טעמעס פון מעדיצין, עקאָנאָמיק און געשיכטע. די לעקציעס האָבן געלייענט דאָקטוירים, אדוואָקאטן, לערער. יעדער לעקציע האָט געהאט אין זיך סאָציאַל־אויפקלערערישע מאָמענטן. דער דאָקטער לאנדא, לע־מאָשל, פּלעגט אנאליזירן די סאָציאַלע סיבעס פון אזעלכע קרענק ווי טובערקוליאָז, פאַרוואָס זײַנען זיי מערסטנס פאַרשפּרייט צווישן דער אָרעמער באַפעלקערונג.

דער אָנטייל פונעם אינטעלעקטועלן עוילעם אינעם „שאָלעם־אלייכעם־קרײַז" האָט אויפ־געהויבן זײַן פּרעסטיזש אויך אין די אויגן פון דער מאכט.

די קינסטלערישע זעלבסטטעטיקײַט האָט זיך אויך צעוואַקסן. אין כאָר און אין דראַמקרײַז האָבן זיך אײַנגעשלאָסן א גרויסע צאָל אָנטיילנעמער. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין שטעטל זײַנען דאָ זייער פייִקע און טאַלענטירטע יוגנטלעכע.

און אַפּטער אַרײַנגײער אין „שאָלעם־אַלײכעם־קרײַז" איז געװען אונדזער באַקאַנטער דײַטש יאַניצקי־יאָהאַנע. זינט אונדזער ערשטן קאָנצערט זײַנען מיר געװאָרן נאָך מער באַפרײַנדעט. ער פלעגט זיך אַרײַניאַװען שטיל, מיט אַ באַזונדער רעספּעקט, און בלײַבן שטײן בײַ דער טיר, צוקוקן װי איך פיר די רעפּעטיציע מיטן כאָר. איך פלעג אים טײקעף אָפּטרעטן מײַן דיריזשאָר־פּלאַץ. די כאָריסטן האָבן אים אַלעמאָל זײער װאַרעם אופגענומען. אַ סאַך פון זײ האָט ער שױן געקענט בײַ די נעמען. ער אַלײן האָט בײַ דער כעװרע געהײסן „דער דײַטש מיט דער לאַנגער פּאַטלע". אײניקע האָבן אים פּאָשעט גערופן „דער דײַטש יױנע" אָנשטאָט „יאָהאַנע". מיט דער כעװרע האָט ער גערעדט קימאַט אַ רײנעם ײִדיש, און האָט שױן געקענט אױף אױסװײניק אַלע לידער פון אונדזער רעפּערטואַר. ס'איז געװען רירנדיק צו זען דאָס בילד, װי ער גיט זיך אַ שטעל אַװעק מאַיעסטעטיש פאַרן כאָר, הײבט אױף בײדע הענט, דערלאַנגט דעם כאָר דעם נײטיקן טאָן און הײבט אַלײן אָן שטיל אױסזינגען די ערשטע שורעס פון דער רעפּעטירטער ליד:

אָ, גוטעפרײַנט, װען איך װעל שטאַרבן,
טראָגט צו מײַן קײװער אונדזער פאָן.

דער כאָר כאַפּט עס אונטער טרױעריק און צעהילכט עס װאָס װײַטער מיט אָנװאַקסנדיקער קראַפט:

די פרײַע פאָן מיט רױטע פאַרבן
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטס־מאַן.

און אָט פילט אָן דעם גאַנצן לאָקאַל עדעלשטאַדטס „שװוע", זי רײַסט זיך אַרױס אין דרױסן, קלינגט אָפּ אין גאַס, און דורכגײער שטעלן זיך אָפּ אונטער די פענצטער פונעם לאָקאַל. דאָס זעלבע געשעט מיט די אַנדערע לידער פונעם רעפּערטואַר: מיט מ. ראָזענפעלדס האַפּערדיק־מוטיקע „אין דער קוזניע בײַ דעם פײַער", מיט מ. װינטשעװסקיס נעװײַיש־טרױעריקע „די צוקונפט" און מיט די לידער פון אונדזער בעסאַראַבער דיכטער־טרובאַדור זעליק בערדיטשעװער.

זעליק באַרדיטשעװער... הײַנט, נאָך אַזױפיל יאָרן, קאָן איך ניט אָן ציטער אין האַרצן, אָן אַ שנײַדנדיקן װײטעק דערמאָנען דעם ביטערן לעבנס־גורל פון אָט דעם אַניװעסדיקן, גאָט־געבענטשטן פאָלקס־דיכטער. ער האָט אָפּגעלעבט אינגאַנצן 39 יאָר. געלעבט באַשײדן אַלס לערער אין די דערפער אַרום דער שטאָט בעלץ. ער פלעגט אױך קומען אין די שכײנעסדיקע שטעטלעך, און אומעטום איז ער געװען פאַרבונדן מיט די פאָלקסמאַסן. פונדאַנען האָבן זײַנע לידער מיט די אײגענע ניגונים צו זײ, װי די װײַסע טױבן אָנגעהױבן זײער גרױסן װעג און דערגרײכט צו אַלע ײִשװוים פון אונדזערע קאַנטן, װוּ נאָר סע האָט געלעבט אַ ײִדיש װאָרט. מע האָט זײ געזונגען אױף כאָורישע צוזאַמענקומען, אױף אױספלוגן און ליטעראַרישע אָװנטן. דאָס פאָלק האָט זײ אופגענומען װי לײַבלעכע, טיפע געזאַנגען פונעם אײגענעם האַרץ אַרױס. עס האָט זיך געהערט אין זײ די ביטערע דאָליע פון אונדזער הײם בעסאַראַביע אונטערן יאָך פון דער רומענישער הערשאַפט. אין דער טרױעריק־פּאַרכאַלעמטער ליד „דאָינע" — דעם װײטעק פונעם פּאַריאַכטן מאָלדאַװאַן:

ס'האָט געדעגנט, ס'האָט געװאַקסט,
גאַלאַקעס שאָף האָב איך געפּאַשעט,
ער האָט ברינדזע, שאָף און װאָל,
איך געבליבן הױל און גאָל...

אין דער ליד „מעלאָכע־מעלוכע" פילט מען, װי עס פאַרגײט זיך דער ײִדישער באַלמעלאָכע אין אַ צעלאָכעסדיק־פרײלעכן ניגון:

הײ, לעבעדיק, פרײלעך,
לעבעדיק־פרײלעך,
װאָס איז דאָ דער כידעש?
מעלאָכע־מעלוכע
זינגט בימענוכע
אַ לידעלע אַ ײִדישס...

און עס גרימט דער פאָלקס־צאָרן מיטן רוף צום קאַמף אין דער ליד „לאָמיר אױך ניט לײדיק זיצן" („פרײען זיך איז גוט"):

ווערן הערצער פול מיט סינעס,
אלטע ווייַבער זאָגן קינעס.
יונגע אויגן שיטן בליצן,
לאָמיר אויך ניט ליידיק זיצן!...

אויך אן אָנזאָג אף בעסערע צייַטן האָט מען דערהערט אין באַרדיטשעווערס לידער!

איז דען א כידעש, וואָס זיי זייַנען געווען פארשפרייט, ווי פאָלקס־לידער, וואָס זיי זייַנען מיט דער צייַט אריַין אינעם גאָלדענעם פאָנד פון אונדזער פאָלקס־שאַפן?

אָבער דאָס איז געקומען ערשט שפּעטער, שוין נאָכן דיכטערס טויט. בא זייַן לעבן האָבן פייַנשמעקער, געוויסע פען־אריסטאָקראַטן באַגעגנט באַרדיטשעווערן און זייַנע שאפונגען גלייַכגילטיק, קאלט און אפילע מיט ביטל. ס'איז א טרויעריקער פאקט, אָבער א כאראקטערי־סטישער פאר יענער צייַט, ווען אין דער מאלכעס פון ייִדיש־שאַפן האָבן רעגירט קאָלערליי באַלעבעסלדיקע קולטוריסטן, קליינבירגערלעכע שרייַבער און ייִדישע גווירים־מעצענאַטן. זיי זייַנען געווען טויב צו באַרדיטשעווערס ערלעכן, פאָלקסטימלעכן וואָרט, צו זייַן ריינעם גע־וויסן און גליִענדיק הארץ. זייַנע לידער האָט מען קיינמאָל אין ערגעץ ניט געדרוקט, און ער האָט דאָך געשריבן אויך א סאך פּראָזע און דראַמאַטישע ווערק. פון דעם אלעמען האָט זיך, צום באַדויערן, גאָרניט פארהיט. ס'איז פארבליבן בלויז א קליין ביכעלע פון נייַן לידער מיט נאָטן, וואָס עס האָט ארויסגעגעבן דער טשערנאָוויצער קולטור־טוער הערש סעגאַל א יאָר נאָך באַרדיטשעווערס טויט. אַדאַנק דעם דאָזיקן ביכעלע זייַנען באַרדיטשעווערס לידער פארשפרייט געוואָרן אויך אין אנדערע לענדער.

און גראָד באַרדיטשעווער, דער, וועמען מע האָט באַם לעבן ניט געוואָלט דרוקן, איז געווען, דאַכט זיך, דער איינציקער צווישן די ייִדישע דיכטער אין דער דעמלטיקער רומעניע, וועמעס שאפונגען, באַגלייַך מיט די ווערק פון עליִעזער שטיינבארג און איציק מאנגער, זייַנען געווען זייער פּאָפּולער און זייַנען אָפּט איינגעשלאָסן געוואָרן אין די קאָנצערט־פּראָגראַמען פון פּראָפעסיִאָנעלע ארטיסטן און פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקייַט.

אייניקע פון באַרדיטשעווערס לידער האָבן מיר אויך אינסצענירט פארן דראַמקרייַז, וועל־כער האָט אין זייַן רעפּערטואַר געהאַט אויך אינסצענירונגען פון פּערעצעס און שאָלעם־אלייכעמס דערציילונגען.

אונטער דער פירמע פונעם „שאָלעם־אלייכעם־קרייַז" האָבן מיר שוין גרינגער געקאָנט דורכפירן עפנטלעכע קאָנצערט־אָוונטן, וועלכע האָבן זייער אויסגענומען. אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן צו רופן די „שאָלעם־אלייכעמניקעס".

כוץ דעם מאָראַלישן דערפאָלג האָבן די אָוונטן ארייַנגעבראַכט די נייטיקע געלט־מיטלען. א טייל איז אוועק אף איינקויפן ביכער פאר דער ביבליִאָטעק, א טייל איז בישטיקע אָפּגע־טיילט געוואָרן אף צו העלפן די פּאָליטישע ארעסטירטע.

די ביבליִאָטעק האָט מען איבערגעגעבן דעם „קאַצאַפּ". א טייל ביכער האָט ער צונויפ־געזאַמלט בא פּריוואַטע מענטשן, א טייל אייַנגעקויפט. ער האָט אויך איבערגעפירט אהער אלע ביכער פון ייִדלס שאפּקעלע. כוץ, פארשטייט זיך, די פארבאָטענע ביכער, וועלכע זייַנען ארומ־געגאַנגען פון האַנט צו האַנט אף אן אנדער אויפן.

די ביבליִאָטעק פונעם „שאָלעם־אלייכעם־קרייַז" האָט גיך צוגעצויגן קימאַט דעם גאַנצן לייענער־אוילעם פונעם שטעטל, און דער „קאַצאַפּ" האָט זיך דאָ געפילט, ווי א פיש אין וואַ־סער. ער האָט איצט געפירט זייַן ביכער־באַלעבאַטישקייַט פרייַ, אָפן, ניט געשטערט. אין דער ארבעט האָט ער אריַינגעלייגט זייַן גאַנצע נעשאָמע.

פאַראַלעל מיטן „שאָלעם־אלייכעם־קרייַז" האָבן עקזיסטירט א פּאָר געהיימע קרייַזלעך, און דער „קאַצאַפּ" האָט אויסגעפילט אין דער ביבליִאָטעק די שליכעס פון אן אייגנאַרטיקן קוריער. ער האָט שוין פון פריִער געוווּסט, וועמען פון זייַנע „אַבאָנענטן" ער האָט אָנצוזאָגן וועגן א געהיימער באַגעגעניש, וועגן א צוזאַמענקום, צי וועגן אנדערע איניאָנים.

אין די שאָען, ווען די ביבליִאָטעק איז געווען געשלאָסן, פלעגן דאָ פאָרקומען קורצע באַראַטונגען. צוערשט האָבן זיך אהין ארייַנגעכאַפּט, קלוימערשט שפּילן א פּאַרטיע שאָך, הערשעלע און מיילעך. נאָך זיי איטע און מיילעכס שוועסטער שיינדל. צווישן שיינדלען מיטן „קאַצאַפּ", האָט מען געוווּסט, פירט זיך א שטילער, פארבאָרגענער ראָמאַן. מע פלעגט זיך אוועקזעצן פאר די צעשטעלטע שאָך־פיגורן און אָנהייבן באַהאַנדלען געוויסע מאָמענטן פון דער „מאָפּר"־טעטיקייַט, וואָס איז איר, דער דאָזיקער גרופּע, געווען אָנפארטרויט; הערשע־לען און מיילעכן — די זאַמל־אַקציעס פארן „מאָפּר", כאַיִמען — דאָס פירן די בוכהאַלטערישע

כעזשבוינעס, איטען און שיינדלען — דאָס עקספּעדירן די זאַמלונגען אין די נייטיקע ערטער. אין יענעם פּעריאָד איז די דאָזיקע אַרבעט געווען אויסערסט אַקטועל און וויכטיק. אין גאַנצן לאַנד זײַנען געווען שטאַרקע רעפּרעסיעס, די טורמעס זײַנען געווען איבערפֿולט מיט פּאָלי־טישע אַרעסטירטע, דער רעזשים אין די טורמעס איז געווען אַן אומדערטרעגלעכער און סע האָט זיך געפֿאָדערט דרינגענדע הילף. צווישן די אָרגאַניזירטע כאַווירים און אויך צווישן אוילעם סימפּאַטיזירער איז געווען אַ פּרײַוויליקע כוידעשלעכע באַשטײַערונג, אָבער דאָס איז געווען ווייניק. מע האָט געזאַמלט קליידער, וועש, עסנוואַרג און געלט צווישן דער באַפֿעל־קערונג. מע האָט גענומען זאַמלען אַף אַלערליי אויפֿאַנים און בא יעדער געלעגנהײַט אפילע אַף כאַסענעס און סימכעס. אַליין מיילעך מיט שיינדלען פֿלעגן ניט איין מאָל פֿאַרפּוצטע גיין אַף אַ פֿרעמדער כאַסענע, שפּילן די ראָל פֿון פֿאַרבעטענע, טאַנצן מיטן אוילעם, און דערבײַ זאַמלען געלט פֿאַר „נויטבאַדערפֿטיקע מישפּאָכעס" אָדער פֿאַר „געפֿערלעך קראַנקע".

מע האָט אויך אײַנגעאָרדנט לאָטעריי־שפּילן. פֿון די לאָטעריי־בילעטן פֿלעגן אַרײַנקומען היפּשע סומעס געלט, אָבער ניט אַלעמאָל איז דאָס דורכגעגאַנגען גלאַט.

איינמאָל איז שיינדל אַרײַנגעלאָפֿן אין דער ביבליאָטעק אַ בלאַסע און אַן איבערגע־שראָקענע. זי האָט געוואָרנט דעם „קאַצאַפּ", אַז קיין שום „מאַפּער"־כעזשבוינעס זאָל ער ניט לאָזן בא זיך. זי האָט אים דערציילט, אַז נאַרוואַס באַם דורכפֿירן צווישן די פֿעלדזן, באַם „שטשיפּעט"־באַרג, דעם לאָטעריי־טיראַזש, פֿון אַן אויסגעגנייט קישעלע, איז אָנגעלאָפֿן גאַוור־רילוי און האָט פֿאַרהאַלטן מיילעכן מיט נאָך אַ פּאָר אָנטיילנעמער. זי, שיינדל, האָט באַ־וויזן אַנטלויפֿן.

אונדזערע קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן געפֿונען אַ וועג צו שלוימע „סטאַראָסטאַ", און יענער האָט אויך דאָס מאָל „געהאָלפֿן". באַם אַרויסלאָזן די מענטשן, האָט גאַוורילוי עטוואָס זיך פֿאַרהאַלטן מיט מיילעכן, אים גוט באַטראַכט און אַ זאָג געטאָן:

— דיך, מיט דער קײַלעכדיקער נאָז און מיטן יאָזשיק, געדענק איך גוט. כ'האָב שוין לאַנג געוואָלט דיך זען בא מיר און וויסן, ווער דו ביסט. איצט הער: כ'זאָל דיך מער פֿאַר מײַנע אויגן ניט זען! הערסט? אַניט...— ער האָט ניט פֿאַרענדיקט און אים אַ שלײַדער געטאָן פֿון זיך.

דעם לאָטעריי־קוויטאַריוס מיט די נעמען פֿון די בילעטן־אײַגנטימער האָט ער געלאָזט בא זיך, גאַוורילוי. ער האָט עס בײַגעלייגט צום טעאַטער־צעטל, וואָס איז שוין בא אים געווען, און פֿון דעם אַלעמען זיך שפּעטער געמאַכט אַ „פּאַרנאָסעלע". ערעוו די רעוואָליוצי־אָנערע יאָמטויוים פֿלעגט ער דורכפֿירן אַרעסטן אין שטעטל. אוילעם פֿלעגט זיך אויסבאַ־האַלטן און זיך באַכפֿרעגן:

— וועמען נעמט ער איצט — דאָס קישעלע צי דעם טעאַטער?

דאָס צונויפֿגעזאַמלטע געלט, זאַכן און עסנוואַרג האָט מען אָפּגעשיקט פֿאַרן „מאַפּער" קיין יאַס. די פּעקלעך האָט מען געגרייט בא איטען אין דער היים. שיינדל האָט די זאַכן פֿאַרבייט אין ווײַסע לײַוונטענע זעקלעך, איטע האָט אויפֿגעשריבן די אַדרעסן. איטעס מאַמע האָט אַליין אויך צוגעהאָלפֿן.

איטע האָט אָפּט אונטערגעהוסט, נאָר זי האָט ניט געוואָלט טראַכטן פֿון איר לונגען־קראַנקהײַט, וואָס זי האָט געיאַרשנט בא איר פֿרי־פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער. זי האָט וועגן דעם קיינמאָל ניט גערעדט און ניט געלייגט קיין אכט אַף דעם. די מאַמע אָבער האָט דאָס געדענקט און האָט זייער איבערגעלעבט. זי פֿלעגט אַמאָל זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פֿאַר איטעס כאַ־ווערטעס:

— אַזוי ניט זשאַלעווען דאָס געזונט! אוי, קינדער, קינדער, סײַווי ווייסט מען ניט וואָס וועט ווערן פֿון אײַער טועכץ, פֿון אײַער אײַנשטעלן דאָס לעבן...

איטע האָט זי ניט געלאָזט ווײַטער רעדן:

— גענוג, מאַמע, סע וועט שוין ווערן דאָס, וואָס סע דאַרף ווערן!

אַ שווערע לאַגע האָט זיך געשאַפֿן בא מיילעכן. זײַנע צוזאַמענשטויסן מיט גאַוורילויען האָבן געקאָנט ברענגען שאָדן דעם „שאָלעם־אַלייכעם־קרײַז", און אויך זײַן לאַגע אין דער היים האָט רײַף געמאַכט זײַן באַגער וועקצופֿאָרן זוכן אַרבעט אין אַ גרויסער שטאָט. אונדז אַלע האָט זיך זייער ניט געוואָלט צעשיידן מיט אים. ער איז אונדז געווען ליב און טײַער. מיר האָבן אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז מיילעך איז גערעכט. פֿאַר זײַן אָפּפֿאָרן קיין בוקאַרעשט זײַ־נען מיר אוועק צו אים אַהיים זיך געזעגענען, יידל מיט סאָניען, הערשעלע און איך. דער „קאַצאַפּ" מיט איטען האָבן געדאַרפֿט קומען צום וואָקזאַל. ס'איז געווען פֿאַרנאַכט. אין שטוב האָט געהערשט עפּעס אַן אומרויִקע שטימונג. ביידע שוועסטער, ליוושע און שיינדל, האָבן

צוניפגעלייגט און געפאקעוועט זײַנע זאכן. דער פּאָטער האָט געהאַלטן אין איין ארומדרייען זיך אין שטוב. פון מאָל צו מאָל האָט ער ארויסגעברומט:

— כ׳ווייס ניט, וואָס פאר א גוטער יאָר עס פירט זיי אוועק, די כעוורע מײַנע, פון דער היים?

מיילעכס מאמע איז געשטאנען א פארווייַנטע אין א ווינקל און האָט גערעדט, ווי פון א טכינע ארויס:

— וואָלט איך כאָטש געוווסט, אז ער וועט טראכטן וועגן זיך, קאָן איך אים אָבער גוט, מײַן מיילעכן!

באם געזעגענען זיך איז מיילעך געווען ווײַס, ווי קאלך. כ׳געדענק ייִדלס ווערטער:

— זײַ, טײַערער, אויך ווײַטער אזא, ווי דו ביסט געווען, — געטרײַ און ערלעך. פארגעס ביט די היים. געדענק אונדז און אונדזער זאך!

בא מיילעכן אין די אויגן זײַנען געשטאנען טרערן. ער האָט שטיל ארויסגערעדט:

— כ׳קאָן ניט אנדערש, ווי כ׳בין...

די ערשטע טעג נאָך מיילעכס אוועקפאָרן זײַנען מיר ארומגעגאן פארומערטע, מיר האָבן געפילט, אז ס׳האָט זיך פון אונדז אָפּגעריסן א וויכטיקער טייל, א נייטיקער און נאָענטער כאווער.

די ארבעט אין „שאָלעם־אלייכעם־קרײַז" איז געווען אין פולן ברען, און מיר האָבן גע־זאָרגט, אז אויך אף ווײַטער זאָל אף דער דאָזיקער אָרגאניזאציע ניט פאלן קיין כשאד, אז זי איז פארבונדן מיט אונטערערדישער טעטיקײַט. אין די פארנאכטן איז אין לאָקאל געווען לע־בעדיק. א סאך אוילעם האָט באזוכט דעם לייען־זאל, אף די אָוונט־קורסן זײַנען געקומען אלץ נײַע ארבעטער.

איינמאָל האָבן כעוורע מיטגעבראכט מיט זיך א נײַעם באָכער, יעכ׳יעל־גערשן, דעם „ליט־וואקס" זונדל, א בעקער־ארבעטער. זײַן פּאָטער האָט גערעדט א ליטווישן ייִדיש, האָט מי־סטאמע געשטאמט פון יענע מעקוימעס און האָט געדינט אין באָד. פרײַטיק קאיאָר פלעגט ער אופוועקן די געסלעך מיט זײַן ציפּעדיק קעלעכל:

— ייִדעלעך, אין באָד ארײַן! הײַנט א שוויץ, ייִדעלעך!

דערנאָך האָט ער א גאנצן טאָג געטיילט דעם אוילעם שוויץ־בעזעמלעך און באדינט די קליידער־שאפקעלעך.

פארנאכט האָט ער ווידער געמינטערט די געסלעך מיט זײַן וויינענדיק־צעצויגן אויס־שרײַען:

— ווײַבער, בענטשט ליכט, ווײַבער!

געווינט האָבן ביידע, דער „ליטוואק" מיטן ייִנגל, אין א כאָרעוו געוואָרן הײַזל אפן הויף פון דער באָד, אָבער מערסטנס האָבן זיי זיך אופגעהאלטן טאקע אין באָד גופע. אפילע גענעכטיקט דאָרט.

קיין מוטער האָט יעכ׳יעל־גערשן ניט געדענקט. זי איז געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך געווען א קליין קינד. ער איז געוואקסן אליין מיטן פּאָטער, און גאָר יונג אָנגעהויבן ארבעטן אין א בעקערײַ. אין כיידער איז ער געגאן ווינציק. אין כיידער האָט ער אויסגעלערנט דעם אלעפבייס און קוים־קוים געקאָנט צוניפלייגן די ווערטער אין סידער. נאָר דאָס איז אים שפּעטער צוניץ געקומען, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיך מוטשען איבער א „מײַסע־ביכל" מיט „אינטערעסאנטע פאסירונגען", וואָס ער האָט ערגעץ צופעליק דערטאפּט. אין די זומערדיקע שאבאָסים און יאָמטעוו־טעג פלעגט ער שאָענווײַז אָפּליגן אפן בעסוילעם צווישן די הויך־פאר־וואקסענע גראָזן און לייענען מײַסע־ביכעלעך. ס׳איז געווען זײַן באליבט פלאץ, קיינער האָט אים ניט געשטערט. ער פלעגט אמאָל מיטנעמען אהין מיט זיך זײַן איינציקן כאווער אווראָ־מען, געוואָלט אים „פאָרלייענען" די „מײַסעס", נאָר יענער איז אומגעשפרונגען צווישן די מאצייוועס און געריסן פון די ביימלעך ווײַנשל גלײַך אין מויל ארײַן. אווראָם האָט ניט געהאט קיין היים. ער פלעגט קומען נעכטיקן אין באָד ארײַן און זיך געכאוועוט מיט יעכ׳יעל־גערשע־נען. זײַן מוטער איז געווען די שטאָט־מעשוגענע „מאכליע מיטן שפאן". זי איז געווען נאָך א יונגע, א שלאנקע, מיט א בלייך, אָבער שיין פּאָנעם. פון אונטערן שאלעכל האָבן זיך בא איר ארויסגעזען שווארץ־גלאנצנדיקע האָר. זי איז געווען זייער א שטילע, און דער, וואָס האָט זי ניט געקענט, איז ניט כוישעד געווען, אז זי איז געווירט פונעם זינען. דערזען האָט מען עס נאָר פון איין זשעסט. נאָך יעדע עטלעכע טריט האָט זי אָנגעהויבן זיך רוקן צוריק, שארן מיט די פיס און עפּעס זוכן.

— מאכליע, וואָס האָט איר פארלוירן?

— דעם שפאן. כ׳דארף אָפּזוכן און צוריק אָפּנעמען מײַן שפאן!

און אזוי א גאַנץ לעבן.

מע האָט דערציילט, אַז זי איז געריכט געוואָרן צוליב א טרויעריקער געשיכטע. זי איז אין דער יוגנט געווען א שייַנהייט, א יעפּאַס־טויאַר, נאָר אַן אָרעמע. האָט זיך אין איר פאַר־ליבט א רײַכער באָכער. ער האָט זי אָבער גיך איבערגעלאָזט, און זי האָט דערנאָך געבוירן אַ װוראַמען.

אווראָם איז אויסגעוואַקסן אומגעלומפּערט גרויס, און מע האָט אים אין שטעטל א נאָמען געגעבן „אווראָם טורבע". ער איז אַרומגעגאַנגען באָרוועס, מיט צעפּלאַסקענע ברייטע פּיס, ווי די לאַפּעטעס. אייביק א צעשפּיליעטער און א צעכראַסטעטער, האָט מען בא אים אַרויסגעזען א רויט לײַב, ווי רוי פליש. אַזוי־אָ פלעגט ער אויך אוועקשפּאַנען צופוס אין נאָענטע און אויך אין ווײַטע שטעט. אזא שפּאַציר — הין־און־צוריק, פלעגט בא אים דויערן פיל וואָכן.

יעכיעל־גערשענען האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר אווראָמען, ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן, אַז אווראָם איז א פאַרפאַלענער נעפעש. ניט איין מאָל האָט ער געפּרוווט מיט אים ריידן, געוואָלט, ער זאָל מיט אים גיין אַרבעטן אין דער בעקערײַ, אָבער גאָרנישט ניט געקאָנט פועלן. יעכיעל־גערשן האָט אַלץ מער זיך אַרײַנגעצויגן אינעם לייענען. ער איז געווען מאָ־גער, הויך־אויסגעצויגן, מיט א קליין, אויסגעדאַרט פּענעמל און מיט א לאַנגן דאַרן האַלדז. ער האָט גערעדט הייזעריק, אָפּאַנעם פון די שטענדיקע היצן אין דער בעקערײַ, און האָט ליב געהאַט צו ריידן אין גראַמען, ניט וויסנדיק צומאָל ווייער זין.

דער „ליטוואַק" האָט אים אַלץ געמוסערט.

— כ'פאַרשטיי ניט, וואָס טויג עס דיר, נאָר ביכער און ביכער... דעריקער, ברודער, איז א ברויט!

יעכיעל־גערשן האָט טייקעף, ווי זײַן שטייגער, געענטפערט מיט א גראַם:

— ברויט באַקומסטו אָפּן לויט.

די אָוונט־קורסן האָבן יעכיעל־גערשענען א סאַך געגעבן. ער האָט אָנגעהויבן פּאַרטיפערן זיך אין די ביכער, וועלכע ער האָט געלייענט, פירן דיסקוסיעס. איינמאָל האָט ער זיך גע־ווענדט צום אוילעם:

— כעווירע, כ'וויל אײַך איבערזאָגן מײַנע אייגענע ליד.

מע האָט געוווּסט וועגן זײַנע גראַמען, און פון דעם, אַז זײַנע „פּאַרפּאַסטע" לידער האַלט ער אין קאָפּ, ווײַל פאַרשרײַבן קאָן ער זיי דערווײַל נאָך ניט. נאָכן „איבערזאָגן" די ליד האָט ער צוגעגעבן:

— איר ווייסט, דאָס אַלץ קומט מיר אין קאָפּ אַרײַן, זיצנדיק באַנאַכט פאַרן ברענענדיקן אויוון. ס'איז פּאַשעט א מעכײַע צו קוקן אָפּן פײַער און טראַכטן, טראַכטן... די גראַמען קומען פון זיך אַליין. די דאָזיקע מינוטן זײַנען פאַר מיר א ראַטונעק! כ'דערמאָן זיך אין דעם, אַז גאָרקי איז אויך געווען א בעקער... און עס ווערט מיר גרינג אָפּן האַרצן.

— סעקוראַנער גאָרקי! — האָבן כעווירע גוטמוטיק געשפּאַסט.

אינגיכן האָט ער שוין אַליין געקאָנט פאַרשרײַבן זײַנע לידער, און אייניקע פון זיי זײַ־נען אָפּגעשריבן געוואָרן אָף דער וואַנטצײַטונג, וואָס דער „שאָלעם־אַלייכעם־קרײַז" האָט אַרויסגעלאָזט. יעכיעל־גערשן האָט אָנגעהויבן זיך אַרײַנציִען אויך אין אונטערערדישער אַרבעט און אָנגעפירט מיט א שטיקל שטרײַק אין דער בעקערײַ. די אַרבעטער האָבן געמאָנט בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. דער באַלעבאָס פון דער בעקערײַ, א גרויסער גוויר און א פּול־לײַבי־קער מענטש, האָט אָפּילע הערן ניט געוואָלט. מע האָט אים אין שטעטל גערופן „מייער ניין", מאַכמעס ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, געהאַלטן אים אין איין הוידען אין ביידע זײַטן.

יעכיעל־גערשן האָט באַמערקט:

— נישקאָשע, ער מעג דרייען מיטן קאָפּ אָף „ניין" וויפל ער וויל, נאָר סאָפּקאַלסאָף וועט ער אונדז נאָכגעבן, ער וועט מוזן זאָגן „יאָ".

ער האָט זיך אַליין געכידעשט, יעכיעל־גערשן, אָף דער דאָזיקער זיכערקײַט זײַנער און אָף דער ענדערונג, וואָס איז מיטאָמאָל אין אים פאָרגעקומען. ערשט ניט לאַנג צוריק איז ער געווען אַן אומבאַהאָלפענער און דערשלאָגענער בעקער־יונג. נאָר פון זינט ער האָט איבער־געטראָטן די שוועל פונעם „שאָלעם־אַלייכעם־קרײַז" איז ער געוואָרן אַן אַנדער מענטש.

דער פאַרמעגלעכער אוילעם פונעם שטעטל אינאיינעם מיט די קלייקוידעש האָבן אָנגע־הויבן קאָסע קוקן אָפּן „שאָלעם־אַלייכעם־קרײַז". ער איז זיי געווען ווי א ביין אין האַלדז, און זיי האָבן ווי ווײַט מעגלעך געזוכט צו קאָמפּראָמעטירן דעם קרײַז אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג און אָפּילע פון דער מאַכט. אָפּט האָבן אַהער „פאַרבלאָנדזשעט" באַלעבעסלדיקע „פאַרשווינדלעך", פאַרדעכטיק דורכשפּאַצירט הינטער די פענצטער פונעם לאָקאַל מיט אָנגע־שפּיצטע אויערן, געפּרוווט עפּעס אונטערהערן. יאָמקיפּער האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען

אין די קלויזן, אז די „שאָלעם־אַלייכעמניקעס" פּראָוועןְ בא זיך דאָרט א טיש. עטלעכע כּניא־קעס זײַנען געלאָפן אין „שאָלעם־אַלייכעם־קרײַז" מאַכן אַן אָנפאַל, זיי האָבן אָבער דאָרט געטראָפן א שלאָס אָף דער טיר.

צו די עפנטלעכע פּאָרטראַגן און לעקציעס, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין „שאָלעם־אַליי־כעם־קרײַז", זײַנען אויך אָפט געקומען פאַרשוינען מיטן ציל צו שטעלן „קלאָץ־קאַשעס", מאַכן א סומאַטאָכע. באַזונדערס דעמלט, ווען ס'איז אַרויסגעטראָטן הערשעלע. מע האָט געוווּסט, אַז ער איז אַנגעלייענט, גוט אונטערגעגאַרטלט. ער האָט געשעמט פּאַר א לײַדנשאַפטלעכן פילאָ־מיסט, און אייניקע פון די באַלעבאַטישע, אַזויגערופענע „סטאַטעטשנע" כּוורע, האָבן גע־וואָלט אים אַרײַנציִען אין אַן אידעאָלאָגישער דיסקוסיע, געוואָלט זיך פּאַרוועטן מיט אים.

איינמאָל, אין א זומערדיקן שאַבעס פאַרנאַכט, האָט דעם עפנטלעכן שמועס געפירט הער־שעלע. ער האָט באַרירט די פּראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם. דער אַנטיסעמיטיזם האָט דעמלט געבוּשעוועט איבערן גאַנצן לאַנד, און די דאָזיקע פּראַגע האָט אַלעמען אָנגערירט.

הערשעלע האָט גערעדט וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וואָס נוצט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם ווי א דיווערסיע, ווי א מיטל אָף אָפּצוטעמפּן די מויכעס פון די מאַסן, אָפּצוקילן דעם צאָרן פונעם פאָלק קעגן די שולדיקע אין דער פאָלקס־נויט. מיט לעבעדיקע בײַשפּילן און מיט היסטאָרישע דאַטעס האָט ער דערוויזן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט אַלעמאָל גע־קאָנט דינען אַלס באַראָמעטער פון דעם, ווי עס האַלט מיט דער אומצופרידנקײַט פון די מאַסן לעגאַבע דער הערשנדיקער סיסטעם. ער האָט גערעדט וועגן גאַנג פון דער געשיכטע, וואָס וועט סאָפּקאָלסאָף דערפירן צו דער אויסלייזונג פון דער וועלט, צום באַפרײַען די מענטשהײַט פון אַלערליי געזעלשאַפטלעכע כאַלאַסן.

דער אוילעם האָט געהערט מיט גרויס אינטערעס. דער לאָקאַל איז געווען איבערפולט, א סאַך מענטשן איז אויסגעקומען צו שטיין אין דרויסן אונטער די אָפענע פענצטער. שוין צום סאָף האָט עמעצער פון די פאַרזאַמלטע איבערגעריסן הערשעלען און אַליין גענומען ריידן:

— מיר האָבן דאָ געהערט וועגן „וועלט־אויסלייזונג". אוואָדע וואָלט דאָס געווען גוט, אָבער דאָס וועלן מיר נאָך זען. דערווײַל וואָס פאַר א וועלט־פּראָבלעמען קאָנען עקזיסטירן פאַר אונדז ייִדן, קאַלזמאַן מיר געפינען זיך אין גאָלעס? אונדזער אייציקע שטרעבונג דאַרף זײַן די נאַציאָנאַלע באַפרײַונג אונדזערע און אופלעבונג. מיר דאַרפן ניט און טאָרן ניט פאַר־געסן, אַז מיר זײַנען ייִדן!

אין לאָקאַל איז געוואָרן א גערודער. דער אוילעם האָט געקוקט אָף דעם, וואָס האָט גע־רעדט. הערשעלע האָט זיך ניט פאַרלוירן. ער האָט א שמייכל געטאָן, און, ווענדנדיק זיך צום אוילעם, איראָניש געזאָגט:

— איר הערט, מענטשן צו זײַן איז זיי ווייניק. ייִדן, זאָגט ער, דאַרף מען זײַן. ייִדן, וואָס פּילן אָף זיך דעם גאָלעס! ביידער־ייִנגלעך וואָס איר זענט! — האָט זיך איצטער שוין הערשעלע געווענדט צו זײַן אָפּאָנענט, — די אַלע זאַכן, וואָס איר זאָגט, ווייסן מיר ניט ערגער פון אײַך. מיר ווייסן עס נאָך פונעם דאַרדעקע מעלאַמעד. איר אָבער ווייסט ניט דאָס, וואָס איז שוין קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי, — מיט דער אויסלייזונג פון דער וועלט וועט בעמיילע אויסגעלייזט און באַפרײַט ווערן יעדעס פאָלק באַזונדער. ס'וועט זײַן א סאָף מיט אַלע אכזאָריעסן, מיט אומרעכט, מיט אונדזער גאַנצן גאָלעס און מיט אַלעמען, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן!

הערשעלע האָט פאַרענדיקט און זיך צוגעזעצט אָפן בענקל. זײַנע לעצטע ווערטער האָבן שטאַרק אויסגענומען, דער אוילעם האָט אַפּלאָדירט, נאָר ער אַליין איז געווען צעקאָכט, צע־רודערט, און שוין ניט צום ערשטן מאָל האָט ער איצט ווידער א טראַכט געטאָן: אַזויפיל טויבע, פאַראַקשנט טויבע פאַרן גוירל פון דער וועלט זײַנען נאָך פאַראַן!

סאָף קומט

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל

דאוויד פײַנשטיין

דער לאָצמאַן אפן קאַפּיטאַן־בריקל

ס׳איז איבעריק צו דערציילן, ווי סאָלאָמאָן דאווידאָוויטש האָט זיך דערפרייט, ווען ער האָט דערהערט, אז זײַן אייניק וויל יאַרשענען זײַן פּראָפעסיע און פארבינדן דאָס לעבן אויך מיטן יאַם. א קלייניקײַט, ליאָנקע וועט גיין מיטן זיידנס וועג, ער וועט ווערן א פלאָטלער! און דאָס איז אוואדע גוט — דער יאַם האָט ליב שטארקע און געוואגטע. עמעס, צוריק גערעדט, וועט דער זיידע האָבן ניט ווינציקער נאכעס, אויב דער אייניק זײַנער וועט אפילע ווערן א געאָלאָג, אן אינזשעניער, א דאָקטער.

און פארוואָס טאקע ניט?

ליאָנקע לעבט אין גאָר אן אנדער צײַט. ס׳איז ניט דעם זיידנס צײַטן, ווען יעדער טראָט איז אָנגעקומען מיט די גרעסטע שוועריקײַטן. כעוורע האָבן געטרוימט וועגן לערנען זיך, ווי וועגן א ווונדער־מײַסעלע. נאָכן בירגערקריג איז אלץ געוועזן צערוי:נירט, און די יוגנט האָט געמוזט ארבעטן, אופשטעלן, בויען. וואָס איז צו ברײַען, ליאָנקעס לעבן פליסט איצט אינגאנצן מיט אן אנדער פאָרוואטער. פאר אים זײַנען אָפן אלע וועגן אין דער ווונדערלעכער צוקונפט. זאָל ער נאָר אונטערוואקסן, וועט דער זיידע אים אומבאדינגט דערציילן, וואָס ער דארף טאָן, קעדיי צו זײַן אן עכטער בירגער פון זײַן לאנד. סאָלאָמאָן דאווידאָוויטש ווייסט אפילע, ווו עס וועט פאָרקומען אָט דער שמועס. ער וועט אָנטאָן דעם בלויען קיטעל מיטן שניי־ווײַסן קעלנערל, און וועט אין איינעם א טאָג ברענגען זײַן אייניק צום דענקמאָל פון די ערשטע כערסאָנער שיפבויער. און דאָרט, אפן ברעג פונעם דניעפּער, וועט ער ריידן מיט ליאָנקען, ריידן אָפן און איבערצײַגעוודיק. ער וועט אים דערציילן זייער א סאך וועגן זײַן צײַט, וועגן זײַנע כאוויירים און אויך, געוויינלעך, וועגן זיך.

מיט סאָלאָמאָן דאווידאָוויטש מײַטאָפּן, דעם כאָשעוון טוער פון יאַם־פלאָט פון פסטר, האָב איך זיך באקאנט באלד נאָך דער מילכאָמע. א הויכער, אקוראטער, מיט קלוגע אויסדריקלעכע אויגן, האָט ער געמאכט אן אײַנדרוק פון א געשטעלטן, זאכלעכן מענטשן. ער רעדט ניט אײַלנדיק, באטראכט. זײַן גאנג איז אויך ניט קיין לויפנדיקער, מע קען אפילע זאָגן, א פאָר־זיכטיקער גאנג, א גאנג, וואָס זוכט א זיכערן וועג. שפּעטער, ווען איך בין זיך מיט אים צו־נויפגעגאנגען נעענטער, האָב איך פארשטאנען, אז די כאראקטער־שטריכן זײַנען אין אים אײַנ־געוואָרצלט פון דער ווײַטער מילכאָמע־צײַט, ווען ער פלעגט ארויספירן שיפן פון די מינען־פאָרוואטערס — אן אויסערגעוויינלעך פאראנט־וואָרטלעכע ארבעט.

אין מעשעך פון לאנגע יאָרן האָט סאָלאָמאָן מײַטאָפּ פארנומען פארשיידענע פּאָסנס — געוועזן אן עלטערער יאַם־לאָצמאַן, אן עלטערער אינ־זשעניער־דיספּעטשער פון פלאָט.

אין איינעם פון די בענדער „די געשיכטע פון די שטעט און דערפער פון אוקראַי:נע״ געפינען מיר אין אָפּטייל וועגן דער אנטוויקלונג פון כערסאָנער געגנט אויך עטלעכע שורעס וועגן שלוימע מײַטאָפּן, וועגן דעם, אז אין 1921 איז ער באם יאַם־שטעטל כאָרלי געשטאנען בעראָש פון דער ערשטער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע. ער איז דעמלט אלט געוועזן קנאפּע זיבעצן. און נאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז פאר זײַנע פארדינסטן איז ער אין צוזאמענהאנג מיטן 150־יאָריקן יובילײַ פון דער הידראָגראפישער דינסט פון מיליטערישן יאַם־פלאָט באלוינט מיט א יויוול־גראמאָטע.

אנומלטן קלינג איך צו אים אָן:

— סאָלאָמאָן דאווידאָוויטש איז אין דער היים?

— ניין, ניטאָ, — האָט געענטפערט זײַן ווײַב, — ער איז אָף א לעקציע.

קלינג איך אָן נאָכאמאָל אין אָוונט.

— ניין, סאָלאָמאָן דאווידאָוויטש איז נאָך ניט געקומען. ער איז אָף א לעקציע.

וויל איך אים כאפּן אינדערפרי.

— ער איז שוין אוועקגעגאַנגען, — ענטפערט מיר די זעלבע שטים. — ס'איז בײַ אים, דוכט זיך, הײַנט אַ זיצונג אין קאָמיטעט פון די מילכאָמע־וועטעראַנען.

אָט האָסטו דיר אַ פענסיאָנער — וועסט אים אין דער היים ניט טרעפן. און דאָך האָב איך זיך מיט מײַטאָפן באַגעגנט. ער וווינט איצט אין אַ נײַנשטאָקיקן הויז. דער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט פאַרזענלעך אַכטונג געגעבן, מע זאָל סאָלאָמאָן דאַווידאָוויטשן אויסטיילן אַ באַקוועמע דרײַצימערדיקע דירע און אומבאַדינגט מיט פענצטער צו דער זון.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך וועל טרעפן סאָלאָמאָן דאַווידאָוויטשן אין אַ פּיזשאַמע בײַ עפּעס אַ שטוב־אַרבעט. ניט געטראָפן. ער איז געווען אין טראַדיציאָנעלן יאַם־קיטעל, פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּ. און זײַן פעסטן פאַרברוינטן האַלדז האָט באַשײַנט אַ פינקל־ווײַס קעלנערל. ניין, אין זײַן אויסזען האָט זיך גאָרניט געביטן, כאָטש ער איז שוין עטלעכע יאָר אויף פענסיע.

— שטעלט זיך פאָר, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, — מיר דאַכט זיך ניט איין מאָל, אַז איך בין איצט מער פאַרנומען, ווי פריִער.

און ער איז עפּשער גערעכט. מײַטאָפּ איז דער פאָרזיצער פונעם ראַט פון די וועטעראַנען פון בירגערקריג און פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, סעקרעטאַר פון ביוראָ פון דער סעקציע וועטעראַנען בײַ דער געגנטלעכער געזעלשאַפט „זנאַניע", אַ לעקטאָר פון געגנטקאָם פון קאָמיוג.

זײַנע לעקציעס „די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און דער בירגערקריג אויף כערסאָנשטשינע", „אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער קאָמיוג", מיט וועלכע ער טרעט אַרויס פאַר דער כערסאָנער יוגנט, הערט מען שטענדיק מיט גרויס אינטערעס.

צוליב וואָס האָט ער זיך אַזוי אָנגעלאָדן? נאָר וואָס קען ער אַנדערש טאָן, אַז ער איז אַזוי שוין צוגעוווינט פון דער יוגנט אָן?

דאָס איז געווען אין שטעטל כאָרלי, ווו ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין די שיפרעמאָנטוואַרשטאַטן, וועלכע האָבן ביז דער רעוואָליוציע געהערט דער מאַדאַם פאַלץ־פײַן, דער רײַכסטער דאַמע אויף דאָרעם־אוקראַיִנע. אירע אַשירעס האָבן זי ניט מילד געמאַכט, פאַרקערט, זי איז געוואָרן וואָס אַמאָל שלעכטער, גײַציקער. ווער־ווער, נאָר סעניע, ווי מע האָט אים אין דער יוגנט גערופן, האָט דאָס גוט געפילט אויף זיך. ער איז דאַן געווען אַ שילער בײַ אַ שלאָסער, אַ געהילף בײַ אַ קאָטעלשטשיק איז ער געוואָרן שפּעטער.

די וויכטיקסטע געשעענישן אין זײַן לעבן, האַלט מײַטאָפּ, איז געווען זײַן אַרײַנטרעטן לויטן לענינישן פּריזיוו אין פּאַרטיי, ווײַל ער האָט געוואָלט מיט די באָלשעוויקעס בויען דאָס נײַע לעבן.

צי האָט סעניע מײַטאָפּ געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט אים אין דער צוקונפט? אי יאָ, אי ניט. איינס אָבער האָט ער גוט געוווּסט: אַז די פליכטן פון אַ מאָביליזירטן קאָמוניסט וועט ער אויספילן מיט לײַב־און־לעבן אומעטום, אויף וועלכער אַרבעט מע זאָל אים ניט שטעלן. „זײַן אַ מוסטער פון פעסטקײַט און מעסירעסנעפעש" — אַזאַ איז געוואָרן זײַן וויכטיקסטער לעבנס־געזעץ.

אין ס. מײַטאָפּס מיליטערישן בילעט איז געווען אָנגעוויזן, אַז ער איז אַ שטורמאַן פון אַ טראַלשטשיק, און דאָס אָרט אויפן שוואַרצן יאַם, וווּהין ער איז מעכויעוו צו קומען אין פאַל פון אַ מילכאָמע. נאָר דאָך איז ער גלײַך פון אָנהייב אָן געשיקט געוואָרן אין דער הידראָגראַפישער דינסט. געאַרבעט האָט ער דעמלט אין יאַם־טעכניקום.

צו יענער צײַט האָט שוין סאָלאָמאָן דאַווידאָוויטש געהאַט אַ היפּשע דערפאַרונג. ער האָט דאָך געדינט אויף שיפן נאָך ביזן אָנקומען אין יאַם־טעכניקום. אויף דער לעגענדאַרער זעגל־שיף „טאָוואַרישטש" איז ער געשוווּמען אַלס געהילף פון דעם באַרימטן קאַפּיטאַן ערנעסט פריימאַן. ביז אַהער האָט ער אָנגעפירט מיט די פּראַקטישע לימודים פון די קורסאַנטן אויף די דאַמפערס „דעקאַבריסט" און „פּסקאָוו". מיטן דאַמפער „מינסק" איז ער אויסגעווען קימאַט גאַנץ איירָאָפּע, האָבנדיק דאָרט בײַ וועמען זיך צו לערנען. דער קאַפּיטאַן מאַרקוס דאָראָסינסקי, דער שטורמאַן פון דער ניזשניעדניעפּראָווער פלאָטיליע בײַסן בירגערקריג, איז געווען אַ פאַכמאַן מיט אַ הויכער קולטור. מײַטאָפּ אַליין איז שוין אויך געווען אַ שטורמאַן, אויף וועלכן מע האָט זיך געקענט פאַרלאָזן.

די מילכאָמע האָט געטראָפן מײַטאָפן אין סעוואַסטאָפּאָל.

דאָס האַרץ בײַ אַ לאָצמאַן איז קיינמאָל ניט רויִק. פונקט ווי אַ סאַפּיאָר אויף דער יאַבאָשע, האָט ער ניט קיין רעכט צו האָבן אַ טאָעס — אָן איבעריקער האַלבער גראַדוס, צי אַפילע ווייניקער — און אַלץ קאָן אויפגעריסן ווערן — די שיף, די מענטשן, דאָס געווער. מע דאַרף דאָ האָבן אָן אויג פון אַ סאַנײַפּער, זײַן אויסערסט וואַכזאַם, פאָרזיכטיק און איינצײַטיק אויסערגעוויינלעך דרייסט. דו פירסט דאָך די שיף דורך מינען־פאָרוואַטערן. דער קאַפּיטאַן וועט זיך ניט רירן פון אָרט, ביז אויפן קאַפּיטאַן־בריקל וועט ניט זײַן דער מיליטערישער לאָצמאַן — דער איינציקער מענטש, וואָס ווייסט דעם פאָרוואַטערס סוידעס.

זײַן ערשטער רייס אַלס מיליטערישער לאָצמאַן איז געווען פון סעוואַסטאָפּאָל ביז אָדעס. מע האָט געדאַרפט אַהין דורכפירן דעם דאַמפער „אַדזשיגאַל", קעדיי אים דאָרט איבערשטאַטן פאַר אַ טראַלשטשיק. „אַדזשיגאַל" האָט מען געדאַרפט קאָנוואָיִרן. די לאָצמאַנעס זײַנען געפאַלן פון די פיס, קיין צײַט אויף אָפּרו איז אַבסאָליוט ניט געווען. סאָלאָמאָן דאַווידאָוויטש האָט ניט באַוויזן קומען צו־זיך, ווי ער האָט

באקומען א באפעל פירן קיין כערסאָן דעם דאמפער „נאָוואָראָסיִיסק", אָף זײַן באָרט איז דעמלט געווען ניט ווינציקער פון טויזנט מענטשן. א טייל פון זיי האָט געדאַרפט דרינ־גענדיק אָנקומען אין מיליטער, ארויסזעצן די פּאסאזשירן אין דניעפּראָפּעטראָווסק, א גרופּע פלאָטלער האָבן געדאַרפט אראָפּשטײַגן אין אָטשאַקאָוו. אָף דער שיף זײַנען געווען אויך מישפּאָכעס פון מיליטערישע באַמטע.

די פײַנטלעכע אעראָפּלאַנען האָבן די גאנצע צײַט פארפאָלגט „נאָוואָראָסיִיסק" און האָבן אים באָמבאַרדירט. נאָר מיט וואָס קאָן זיך פּאַרטײַ־דיקן דער עקיפּאַזש פון א האנדלס־שיף, וועל־כע געפינט זיך אין רייס אָן באוואָפענונג? די גאנצע האָפענונג איז אָפן לאָצמאַן.

ווי נאָר מײַטאָפּ האָט דערזען, אַז פון די אעראָפּלאַנען האָבן זיך אָפּגעשיידט שווערע שווארצע באָמבעס, האָט ער גלײַך אָפּגעגעבן א באפעל:

— לינקס, אָפן באָרט! (ס'הייסט — נעענטער צום ברעג).

פיר באָמבעס האָבן זיך רווישיק א פליוך גע־טאָן פון יענער זײַט שיף. נאָר די לופט־פּיראַטן טרעטן ניט אָפּ. נאָכאַמאָל פיר באָמבעס... דרײַ אופרײַסן... פון דער מעכטיקער דעטאָנאַציע פּלאַצן אָף דער שיף די דאַמף־דורכפירער פון די קעסלען. ס'האָט זיך צעבראָכן דער קאָמ־פּאַס. ס'איז אומגעקומען דער רודערער. זײַן אָרט פארנעמט גלײַך דער קאַפּיטאַן באַגליי, וואָס פאָרט קיין כערסאָן אַלס פּאסאזשיר. א פלאָטלער פון אָטשאַקאָוו טוט זיך א וואָרף צום האַנט־קוילנוואַרפער, שיסט מיט קאַס אין הימל אָף די פאַשיסטן. איינער פון די שפּאַרבער טוט מאַכטלאָז א פּאַכע מיט די פליגל, טראָגט זיך ברענענדיק דורך איבער דער שיף און וואַל־געָרט זיך ארײַן אין שוימענדיקן יאַם.

אָף דער שיף האָט מען איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. נאָר רויִק האָט קיינער ניט געקאָנט זײַן. אַלע האָבן מיט שרעק געקוקט אָפן ספּאַרדעק, ווו ס'איז, אָן אײַנגעגראָבענע אין די מאַטראַצן, געלעגן די פּערטע, די ניט אופגעריסענע באָמ־בע. ערשט אין אָטשאַקאָוו האָט זיך אײַנגעגעבן אויסלאָדן די באָמבע און זי ארײַנוואַרפן אין יאַם ארײַן. די מעכאַניקער האָבן פאַריכט די דאַמף־רערן, און די שיף האָט פאָרגעזעצט איר וועג. דער לאָצמאַן האָט זיכער דורכגעפירט „נאָוואָראָסיִיסק" אין כערסאָנער האַפן.

דעם 14 אויגוסט 1941 האָט די סאָווינפאָרמ־ביוראָ דערציילט דער וועלט וועגן דעם אומ־געהערטן שלאַכט, וואָס א האנדלס־שיף האָט געפירט מיט פאַשיסטישע לופט־פּיראַטן. נאָר מײַטאָפּ האָט וועגן דעם איבערגעלייענט ערשט נאָך דער מילכאָמע אין בוך „די טויערן פון אוקראַיִנע".

געקומען קיין כערסאָן, האָט ער, א טויט־מידער, זיך אראָפּגעלאָזט מיטן טראָפּ אָפן פּירס און זיך ניט געקאָנט צווינגען אופהייבן ארוף מיט דער גאַס פון די קאַמונאַרן. די דלאָניעס האָבן געברענט מיט פײַער. דעם גאנצן וועג

פון אָדעס ביז כערסאָן האָט ער אין געדאַנק גע־האַלטן מיט די הענט דעם רודער און אויסגע־פילט זײַנע אייגענע באַפעלן.

די שטאָט איז געלעגן, ווי אין ווונדן. דאָס האַרץ, איז צעריסן געוואָרן, ווען ער האָט גע־זען די פאַרבאַנדאַזשעוועטע פּענצטער, די צע־גראָבענע גאַסן. ראַנגלענדיק זיך מיטן סוינע, האָט די שטאָט פאַרשטעלט מיטן אייגענעם לײַב די מענטשן, וועלכע מע האָט געדאַרפט עוואַ־קוירן אין הינטערלאַנד.

סאָלאָמאָן דאַווידאָוויטש האָט מיט גרויס אָג־מעסנפּעש פאַרלאָזט כערסאָן. פיל איז געווען בא אים פאַרבונדן מיט אָט דער שטאָט. נאָך אין שטעטל כאָרלי האָט זיך אים זייער געגלוסט לערנען. נאָר דער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם האָט אַלץ געטײַנעט: „אַרבעטן דאַרף מען, סע־ניאַ, אַרבעטן!". און פּלוצעם האָט דער זעלבער סעקרעטאַר אים ארויסגערופן, אוועקגעזעצט און געפרעגט מיט א גוטמוטיקן שמייכל:

— נו, סעניע, האָסט געכאַפּט די גאָלדענע פּאַווע? — און ניט וואַרטנדיק אָף קיין ענטפער, האָט ער אים געגעבן עפּעס א פּאַפּירל מיט א שטאַמפּ, גענומען בא דער האַנט און האַרציק געזאָגט:

— הייסט עס, סעניע, אַז דײַן גאָלדענע פּאַווע וואַרט אָף דיר אין כערסאָן. זע זשע, לאָז זי ניט דורך. אויך וולאַדימיר איליטש האָט געזאָגט „לערנען זיך", איז לערן זיך, סעניע, זײַ א יאַט!

אָט אַזוי איז מײַטאָפּ אין 1928 אָנגעקומען אין יאַם־טעכניקום. מע האָט אים גלײַך אויס־געוויילט פאַר א סעקרעטאַר פון קאָמיוגישן קע־מערל. די יאָרן פליִען, ווי זעגל־שיפן בייס א שטאַרקן ווינט. אָפן לעצטן קורס ווערט מײַטאָפּ דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל. נעכטן א קורסאַנט און הײַנט — דער שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר. פינף יאָר זײַנען אוועק אָף אָט דער אַרבעט. אַלס אָנדענק פון יענער צײַט האָט זיך בא אים פאַרהיט א גראַמאָטע „דעם אויסגעצייכנטן לערער־שלאָגלער". די גראַמאָטע האָבן די קורסאַנטן אויסגעפורעמט פון א געאָ־גראַפישער קאַרטע. אָף דער אַנדערער זײַט, פון אויבן, האָבן כעוורע אָנגעמאָלט מיט אקוואַרעל א רודער, אָן אַנקערקייט און געוויינלעך, א זעגל־שיפל.

מײַטאָפּ דערמאָנט זיך אין א מיידל אין ווײַסן. זי שטייט אָפן פּירס און מאַכט מיט דער האַנט צו א שיינעם שלאַנקן שטורמאַן אָף א ווײַסן דאַמפער, וואָס וועט אָט־אָט אוועקגיין אין זײַן ערשטער שווימונג אַרום אייראָפּע. דאָס איז זײַן ווײַב מאַשענקע. זיי האָבן זיך נאָרוואָס פאַר־שריבן, און עס גלוסט זיך יינגלש־כוואַטיש זיך א וואָרף טאָן צו איר און א שטאַרקן קוש טאָן. א שאָד, מע טאָר ניט: א שטורמאַן אָף א שיף איז די ערשטע פּערזאָן.

יאָ, מיט גרויס אָגמעסנפּעש האָט אין גלײַנ־דיקן אויגוסט סאָלאָמאָן דאַווידאָוויטש פאַרלאָזט כערסאָן. פון ניקאָלײַעווער שאָסיי האָבן זיך שוין דערטראָגן צום פּירס אופרײַסן פון סנאַ־

ריאַדן. די דײַטשן האָבן זיך געריסן צו דער שטאָט אפן דניעפּער.

אין דעקאבער האָט מען מײַטאָפן דרינגענדיק אָפּגערופן פון סעוואסטאָפּאָל קיין נאָוואָראָסײַסק. דרײַ טעג ערעוו נײַיאָר 1942 איז ער געקומען אפן קרייסער „קראסני קאווקאז”, וואָס האָט זיך געדארפט באַטייליקן אין דעם קערטש־פעאָדאָסיער שלאכט. מײַטאָפ האָט ערעוו דער שלאכט נאָכאמאָל זיך באקאנט מיטן מארשרוט, דורכגעקוקט די קארטעס מיט די מינען־פעלדער. באזונדערס האָבן אים געערגערט דעם סוינעס מאגניט־מינעס... מיט א דעסאנט אפן באָרט האָט „קראסני קאווקאז” גענומען א קורס פון נאָוואָראָסײַסק קיין פעאָדאָסיע.

די אופגאבע איז געווען א קלאָרע און א דײַטלעכע: אינײנעם מיט אנדערע שיפן אומבאמערקט צוגיין צום האפן, עפענען א דורכוויסיקן פײַער. אף אים, אף דער אײַזנבאן־סטאנציע און אף אנדערע אָביעקטן. דער לאָצמאן מיטן קאָמאנדיר פון דער שיף גושטשין האָבן באהאנדלט די מינדסטע פּראָטים פונעם מארשרוט. זיי האָבן באשטימט זיך האלטן נעענטער צום ברעג, קעדיי זיך אײַנהיטן פון די מאגניט־מינעס. דער שטורמאן האָט באפוילן אראָפלאָזן אין דער טיף דעם עכאָלאָט, וואָס האָט אויסגעהערט דאָס אונטערוואסער־קיניגרײַך.

דער פלאן איז געווען א ריכטיקער. „קראסני קאווקאז” האָט דערפאָלגרײַך דורכגעמאכט דעם געפערלעכן וועג און האָט שוין אונטערן סוינעס פײַער אָנגעהויבן צושטיין צום ברעג, קעדיי ארויסזעצן א דעסאנט. אין גאנג פון דער שלאכט האָט א פײַנטלעכער סנאריאד דורכגעלעכערט דעם ארטילערישן טורעם און אין אים האָט זיך אָנגעהויבן א סרייפע, ס׳האָט אופגעפלאקערט דער פולווער.

פון יענער שוידערלעכער נאכט זײַנען אוועק אזויפיל יאָרן, נאָר סאָלאָמאָן דאווידאָוויטש געדענקט אלע פּראָטים. זיבן סנאריאדן און פינף מינעס האָבן זיך אײַנגעשטאָכן אינעם לײַב פון דעם קרייסער. פאר אָט דעם דעסאנט איז דער עלטערער מיליטערישער לאָצמאן אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט א סאָלדאטישן מעדאל „פאר געוואגטקײַט”. דאָס איז געווען זײַן ערשטע, נאָר ניט די איינציקע, באלוינונג. ער האָט אויך אָן אָרדען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע ערשטע שטופע (פאר די שלאכטן הינטער אָדעס).

וועגן דעם אָרדען פון דער רויטער פאָן פארן קערטשער דעסאנט דארף מען דערציילן גענויער.

אין די ערשטע אָקטיאבער־טעג פון 1943 האָט דער קאפיטאן־לייטענאנט, עלטערער לאָצמאן און סעקרעטאר פון דער פארטיי־אָרגאניזאציע ס. ד. מײַטאָפ מיט זײַנע כאווײרים אוועקגעפירט א קאראוואן מאָטאָריזירטע שיפלעך צום אויסגאנג־פונקט פון די דעסאנטישע שלאכטן. דער פונקט האָט זיך געפונען אין טוזלע — הינטער קערטש, וואָס איז נאָרוואָס באפרײַט געוואָרן פונעם סוינע. טוזלע — דאָס איז ניט קיין גרויסער ערד־פאס, וואָס שנײַדט איבער דעם דורכגוס. אף יעדער מאָטאָשיפל — א וזוואָד סאָלדאטן, יאטן פײַערדיקע! און דורכפירן האָט מען געדארפט צען אזוינע שיפלעך, ס׳הייסט צען וזוואָדן — א טייל פון דער 83־טער בריגאדע מאָטאָריזירטער אינפאנטעריע.

די נאוויגאציע־אומגעבונג איז געווען ניט אינגאנצן קיין קלאָרע. אין גאנג האָט מען געדארפט אויספאָרשן קימאָט יעדן מעטער וועג און איינצײַטיק אים פארצייכענען אף דער קארטע. א טייל פון דעם מארשרוט איז געגאנגען לענגאויס די ברעגן, וועלכע זײַנען געווען פארנומען דורכן סוינע. איין ברעג איז געווען ארומגעגרויזט מיט מאגניט־מינעס, דעם צווייטן האָט מען אומופהערלעך באָמבארדירט.

אפדערנאכט האָט מען דעם קאראוואן ניט געײַלט אוועקגעפירט צום ציל. און כאָטש אי דער קאפיטאן, אי דער לאָצמאן, אי די מאטראָסן־דעזשורנע האָבן ניט אראָפגעלאָזט קיין אויג פון ביידע ברעגן, האָט זיך דאָך ניט אײַנגעגעבן אויסצומײַדן די פײַנטלעכע נעצן. פונדעסטוועגן, האָט מען זיך בעשאָלעם פון זיי אויסגעפּלאָנטערט אָן פארלוסטן, דערפאָלגרײַך בײַגעקומען צענדליקער מײַלן און דערגרייכט דעם סאמע געפערלעכן טייל פון דעם רייס. איצט האָט זיך דער קאראוואן באוועגט דורכן טוזלער ערדפאס, ווו ס׳איז נאָך געזעסן דער סוינע.

פריִער איז מײַטאָפן מיט זײַנע כאווײרים דאָ גוט באקאנט געווען יעדער מעטער ברעג, יעדער קוואדראט יאם, יעדער פונקט פון אָט דעם ראיאָן. נאָר דער יאם־פלוס און די מילכאָמע האָבן זיך געטאָן זייערס, ס׳האָבן זיך געביטן די טיפן, דער אויסזען פונעם ברעג און פון דעם ערדפאס. אפן וועג פלעגן אומדערווארט ארויסשטײַגן פון וואסער שפיצן פון פײַנטלעכע קאטערס, בארזשעס, בארקאסן. נאָר אויך אָט דער געפערלעכער אָפּשניט איז בײַגעקומען געוואָרן. די מאָטאָ־שיפן זײַנען צוגעגאנגען צום אָנגעמערקטן אָרט.

אין דער אנדערער נאכט זײַנען זיי ארויסגעגאנגען אין יאם אף א שלאכט. געפירט די מאָטאָ־שיפן האָט, ווי פריִער, מײַטאָפ און קלימענקאָ. דער באפעל איז געווען קורץ און פינקטלעך: ארויסזעצן א דעסאנט אפן ערד־פאס טוזלא. עס דארף געזאָגט ווערן, אז אף די מאָטאָ־שיפן זײַנען ניטאָ קיין קאָמפאסן און מע האָט זיי געדארפט פירן לויטן פאָליארן שטערן. אי מײַטאָפ, אי קלימענקאָ האָבן זיך ניט פארלוירן און געבראכט דעם קאראוואן צום אָנגעמערקטן פונקט. די דײַטשן האָבן אנטפלעקט דעם דעסאנט, ווען ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן די אויסלאָדונג. א רויטע ראקעטע האָט צעריסן די שווארצע נאכט, נאָך איר — א ווײַסע און ווידער א רויטע. איינצײַטיק האָט זיך אָנגעהויבן די באשיסונג.

די פאשיסטישע סנאריאדן זײַנען געפלויגן איבער די קעפ פון די פלאָטלער און קיין שאָדן ניט אָנגעטאָן, דערפאר אָבער איז דאָס פײַער פון די קוילנווארפערס געווען פילבאר. דער

פּײַנלעכער פּראָזשעקטאָר, וואָס איז געווען אײַנגעשטעלט אף די רוינען פון דעם פיש־זאַוואָד, האָט אײַלנדיק באַטאַפּט דעם ברעג און דעם יאַם. אָט זײַנען צו אים אין די שטראַלן אַרײַנגעפאַלן סאָוועטישע מאָטאָ־שיפלעך. אָפּשאַצנדיק די לאַגע, האָט מײַטאָפּ, גיך בײַטנדיק דעם קורס, אָפּגעפירט די מאָטאָ־באָטן אין שאָטן פון א פאַרטרונקענער שיף. אײַנגיכן האָבן אונדזערע דעסאַנטלער זיך פאַרפעסטיקט אפן ערדפאַס. די מאָטאָ־שיפן זײַנען בעשאָלעם אוועק נאָך נײַע דעסאַנטניקעס.

אין אָוונט האָט דער קאַראַוואַן זיך אומגעקערט צוריק מיט הילף. צום ברעג איז מען צוגעשווומען אומבאַמערקט, נאָר דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א געהענעם. די פאַשיסטן האָבן מיט אַן אינטענסיוון פײַער געפרוווט צעשמעטערן דעם נײַעם דעסאַנט.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען צום שיפל פאַרוווּנדעטע דעסאַנטלער. מײַטאָפּ, שטייענדיק אין וואַסער, האָט געהאָלפן דעם קאַפּיטאַן. און דאָ האָט א קויל אים געטראָפן אין דער לינקער האַנט. איבערגעבונדן די וווּנד, האָט מײַטאָפּ פאַרגעזעצט אופנעמען די פאַרוווּנדעטע.

די דעסאַנטניקעס האָבן אָפּגעריייניקט פון די פאַשיסטן הינטער קערטש א שטיק סאָוועטישע ערד, פאַרכאַפּט טראָפייען און געפאַנגענע.

נאָך אין די יונגע יאָרן האָט זיך מײַטאָפּ פאַרליבט אין יאַם. ער איז געוואָרן זײַן לעבן. דעם יאַם האָט ער אָפּגעגעבן זײַנע בעסטע יאָרן. אין יאַם האָט ער פאַרגאָסן בלוט. נאָר ווען עס זאָל אים אויסקומען דורכגיין זײַן לעבנסוועג אָפּסנײַ, וואָלט ער אים, זאָגט ער, ווידער אָנגעהויבן פונעם יאַם.

באַ זײַנע יאָרן, הײַנט, וואָלט מען זיך געקאָנט באַנוגענען מיט א שפּאַציר אין פאַרק, און קיינער וואָלט קיין טײַנעס ניט געהאַט. נאָר ניט אַזאַ איז מײַטאָפּ. כאָטש אפן אַכטן צענדליק איז שוין ניט אַזוי גרינג זיך אַרופכאַפּן אפן קאַפּיטאַן־בריקל, לאָזט ער זיך אויך הײַנט פון דאָרט ניט אַראָפּ: שטענדיק צווישן מענטשן, שטענדיק אפן הויפּט־פאַרוואַטער פון יאַם און פון לעבן.

כראָניק

נײַע מוזיק צו „טרעבלינקער שטיינער"

דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר וולאַדימיר בערינסקי (מאָסקווע) האָט אָנגעשריבן א סימפאָניש ווערק אפן טעקסט פון אַרן ווערגעליסעס באַקאַנטער באַלאַדע „טרעבלינקער שטיינער". די מוזיק איז אויסגעהערט געוואָרן אינעם הויז פון די מאָסקווער קאָמפּאָזיטאָרן און האָט באַקומען א הויכע אָפּשאַצונג.

ווי באַוווּסט, האָט די ערשטע מוזיקאַלישע אויספאָרמירונג פון דער באַלאַדע געשאַפן מיט צען יאָר צוריק דער פאַרשטאָרבענער ייִדישער קאָמפאָזיטאָר שמועל סענדעריי.

אפן בלויען עקראַן

איינע פון די לעצטע טעלעוויזיע־פּראָגראַמען „שמועסן אף צווישנפעלקערלעכע טעמעס", וועלכע עס פירט דער פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר פון דער צײַטונג „פּראַוודאַ" יורי זשוקאָוו, איז געווען געווידמעט דער לאַגע אפן נאָענטן מיזרעך.

יורי זשוקאָוו האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג ציטירט אויסצוגן פון ג. באָנדאַרעווסקיס אַרטיקל „דער עמעס וועגן די באַציִונגען צווישן די ציִעניסטן און נאַציסטן", וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין נום. 9 „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1977. בײַס דער אַאודיציע איז אפן עקראַן דעמאָנסטרירט געוואָרן די הילע פון דעם זשורנאַלנומער און די ציטירטע ערטער פון דעם אַרטיקל.

נײַס פון אויסלאַנד

א נײַע אויסגאַבע פונעם פּראָגער ייִדישן מעלוכע־מוזיי

אין פּראָג איז דערשינען דער ערשטער באַנד „יודאיִקאַ באָהעמיאַ" פון דעם ייִדישן מעלוכע־מוזיי. די אויסגאַבע הייבט זיך אָן מיט א ברייטער אינפאָרמאַציע פון וו. סאַדעק וועגן דעם אַלטן ייִדישן בעסוילעם אין פּראָג, ווו עס זײַנען שוין רעסטאַווריִרט געוואָרן די מאַצייוועס פון אַוויגדאָר קאַראַ פון יאָר 1439, פון האַראַוו לעווי און זײַן פרוי (1609 — 1610), פון שימען שאַפּיראָ (1676), דאָוויד אָפּענהיים (1736) און אַנדערע פּערזענלעכקײַטן.

אין דעם זעלבן באַנד זײַנען פאַרעפנטלעכט עסייען וועגן פּעטער בערו, דעם פּראָגער פילאָסאָף פון דער רענעסאַנס־צײַט, א מיטיילונג וועגן א רײַך־אילוסטרירטער אַגאָדע פונעם 13 יה., היסטאָרישע קסאַוויאַדן פון דער רעוואָליוציע פון 1848 און א ריי ביבליִאָגראַפישע נאָטיצן.

א ווערטפולע קאָלעקציע פון ייִדישע ביכער

דער ייִדישער הויפּט־ראַט אין שווייצאַריע האָט אַרויסגעגעבן א ביבליִאָגראַפיע וועגן דער ייִדישער ביבליִאָטעק אין וורצלאַוו. עס האַנדלט זיך וועגן די באַרימטע ווערק, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אָט דער שלעזישער שטאָט ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע און האָבן זיך צופעליק פאַרהיט בײַס די קריגס־אָפּעראַציעס אין פּוילן.

איצט געפינען זיך די ביכער, אַלס טייל פון דער אַמאָליקער וורצלאַווער ייִדישער ביבליִאָטעק, אין רעשוס פון דער פעדעראַציע פון די ייִדן אין שווייצאַריע.

צווישן דער ווערטפולער קאָלעקציע געפינען זיך העברעיִשע ביכער פון XVII און XVIII יאָרהונדערטן.

■

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

אַן אוניקאַלע אויסגאַבע

צוויי הונדערט בענדער פון דער „ביבליאָטעק פון אלוועלטלעכער ליטעראַטור"

א ביסל פאָרגעשיכטע.

...דו האלטסט אין די הענט צוויי ביכער פון גרויסן פאָרמאט, וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט אף גראָב פּאַפּיר, און ניט ווילנדיק כאַפּט דיך אָן א געפיל פון אופרעגונג. „קאַטאלאָג פונעם פאַרלאַג „אלוועלטלעכע ליטעראַטור" באַם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג, פּעטראָגראַד, 1919" — אזוי הייסט עס אף זייערע שאַרבלעטער. אין קאַטאלאָג אף רוסיש און פראַנצויזיש איז געווען פאַרעפנטלעכט א צונויפגעשטעלטער לויט מאַקסים גאָרקיס איניציאַטיוו פּלאַן אַרויסצוגעבן די אָנגעזעענע ווערק פון קינסטלערישער ליטעראַטור אפן מיזרעך, אין מײַרעוואייראָפּע און אמעריקע.

מע דאַרף נאָר א טראַכט טאָן — ווען, אין וואָסער צײַט איז דערשינען דער דאָזיקער מערקווירדיקער דאָקומענט, און עס ווערט קלאָר — מיר האָבן ניט מוירע אויסצונוצן קלינגענדיקע ווערטער — זײַן אלוועלטלעך־היסטאָרישע באַדײַטונג. אין רוסלאַנד האָט זיך צעפלאַקערט דער בירגערקריג. אלץ נעענטער האָט זיך אָנגערוקט די דראָענדיקע סאַקאָנע פון הונגער. א סאַך יישווים זײַנען כאָרעוו געוואָרן. און אין די דאָזיקע אומרויִקע טעג טרעט צו גאָרקי און זײַנע קאָלעגן, מיט דער שטיצע פון וו. אי. לעניִנען, דעם הויפּט פון דער יונגער סאָוועטנמאַכט, צו א ברייטער פּאָפּוליאַריזאַציע פון די שעדעווּרען פון מאָלערישן וואָרט־קונסט פון אלע צײַטן און פעלקער.

אין דער האקדאָמע צום קאַטאלאָג האָט גאָרקי געשריבן מיט באַגרינדעטן שטאָלץ, אז „דער קאָוועד צו פאַרווירקלעכן אזא אונטערנעמונג געהערט די שעפערישע קויכעס פון דער רוסישער רעוואָליוציע, דער רעוואָליוציע, וועלכע אירע סאָנים האַלטן אלס א „בונט פון באַרבאַרן". שאַפנדיק אזא פאַראַנטוואָרטלעך און גראַנדיעז קולטור־ווערק שוין אין ערשטן יאָר פון זײַן טעטיקײַט אין אויסערסט שווערע באַדינגונגען, האָט דאָס רוסישע פאָלק די רעכט צו זאָגן, אז ער שטעלט זיך אליין א דענקמאָל, וואָס איז אים ווירדיק".

גאָרקיס פאָרוואָרט האָט א קלונג געטאָן איבער דער גאַנצער וועלט ווי א באַגײַסטערטער הימן דעם מענטשלעכן גײַסט, ווי א ליבגעזאַנג דעם בוך. „דער בוך איז עפּשער דער קאָמפּליצירטסטער און גרעסטער וווּנדער צווישן אלע וווּנדער, וועלכע ס'האָט געשאַפן די מענטשהײַט אפן וועג צו גליק און מעכטיקער צוקונפט". „די ליטעראַטור, — האָט ער געשריבן, — קאָן מען באַצייכענען אלס דאָס אלצזעענדיקע וועלט־אויג, דאָס אויג, וועמענס בליק דרינגט אַרײַן אין די טיפסטע באַהעלטענישן פון מענטשלעכן לעבעדיקן גײַסט: „דער בוך — א פּאָשעטע און אזא געוויינלעכע זאַך — איז אין טאָך איינער פון די גרעסטע און סוידעספולע וווּנדער אין דער וועלט". „סאָפקאָלסאָף, ריידן שטענדיק אלע מענטשן אף אלע לעשוינעס וועגן איינעם און דעם זעלבן, וועגן זיך און וועגן אייגענעם גוירל", — האָט גאָרקי אונטערגעשטראָכן. די דאָזיקע אומצאָליקע ענלעכקײַטן און ענדלאָזע פאַרשיידנקײַטן גיט אונדז מיט ווידערשטאַנדלאָז־איבערצײַגנדיקער בוילעטקײַט נעמלעך די קינסטלערישע ליטעראַטור — דער צאַפּלדיקער שפּיגל פון זײַן..."

דער פּלאַן פונעם פאַרלאַג „אלוועלטלעכע ליטעראַטור" האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עכטרעוואָליוציאָנערן פאַרנעם. מע האָט פאָרויסגעזען אַרויסצוגעבן צוויי סעריעס: א גרונטלעכע און א פּאָפּולערע. צווישן עטלעכע הונדערט ביכער האָבן איינגענעם מיט די אָנגעזעענסטע מאָנומענטאַלע ווערק פון דער וואָרט־קונסט געזאָלט אַרויסגעגעבן ווערן די אוראַלטע סעמיטישע ליטעראַטורן, בעסויכעם — די ערשטע רוסישע וויסנשאַפטלעכע און אלגעמיין־צוגענגלעכע איבערזעצונג פון ביבל. די רעדקאָלעגיע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַן, כוץ גאָרקין, אָנגעזעענע רוסישע געלערנטע — אקאַדעמיקער וו. מ. אלעקסאַנדראָוו, אי. יו. קראַטשקאָווסקי,

נ. יא. מאַר, דער דיכטער א. א. בלאָק, דער שרײַבער ק. אי. טשוקאָווסקי, דער איבערזעצער מ. ל. לאָזינסקי, א. אַ., האָט געהאַט בעדייע ארויסגעבן די ספאָרים פון טאַנאַך אין פולן באַשטאַנד, אײַנגעשלאָסן די אַפּאָקריפן און די וויכטיקסטע פסעוודאָעפּיגראַפישע ווערק (דער בוך כאַנאָך, דער יויוול־בוך אאַ.). מע האָט פּלאַנירט ארויסגעבן אין רוסיש אויך די ווערק פון דער אלט ראַבאָנישער ליטעראַטור (די טאַלמודישע אַגאָדע: היסטאָרישע לעגענדעס, דערציילונגען וועגן לעבן פון געלערנטע, מעשאָלים און מוסער־פּריידיקנדיקע מײַסעס פון ביידע טאַלמודן — באַווילישן און יערושאַלאַיִמער), די ווערק פון מיטלאַלטער־דיכטונג (די הויפּט־ווערק פון די פאָרשטייער פון דער ייִדישער וועלטלעכער און רעליגיִעזער פּאָעזיע אין די XI — XIV יאָרהונדערטער — שלוימע גאַביראָל, מוישע איבן־עזרא, יעהודע האַלייווי אאַ.), ווי אויך אויסגעוויילטע ווערק, וועלכע כאַראַקטעריזירן די ייִדישע רעליגיִעזע פילאָזאָפיע און עטיק (דעם ראַמבאַמס „מורה נבוכים" אאַ.)

אין דער דערמאָנטער האַקדאָמע צום „קאַטאַלאָג פונעם פאַרלאַג „אַלוועלטלעכע ליטעראַטור" איז דאָ איין באַמערקונג: „ווי גיך ס'וועט געלינגען צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע ריזיקע פּראָגראַם אינגאַנצן, איז שווער צו זאָגן, ווײַל די מעניִעס אין איר פאַרווירקלעכונג זײַנען פיל; נאָר דער פאַקט פון אוועקשטעלן זי און דער אָנהייב פון איר דורכפירונג זײַנען שוין א גרויסער שריט פאָרויס".

דאָס איז בעעמעס געווען אזוי. דער קאָלאָסאַלער פּלאַן האָט אין יענע יאָרן ניט געקאָנט רעאַליזירט ווערן אין דער פולער מאָס. נאָכן בירגערקריג איז דעם סאָוועטישן פאָלק אויסגעקומען קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקײַט און די קויכעס אָף דער לייזונג פון מער דרינגענדיקע אופגאַבעס. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מילכאָמע, וועלכע האָט געבראַכט אזויפיל צאָרעס און זאָרגן. נאָר האַגאַם בלויז אין א געוויסער מאָס, בלויז טיילווײַז, איז געלונגען זײַנערצײַט פאַרווירקלעכן די אויסגאַבע־פּלענער פון די מיזרעך־ליטעראַטורן, מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער, דער ליטעראַטור פון סלאַווישע לענדער, איז דאָך שווער איבערצושאַצן די באַדײַטונג פון די אויסגאַבעס פון דער „אַלוועלטלעכער ליטעראַטור" אין דער קולטורעלער רעוואָליוציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין פּססר אונטער דער אָנפירונג פון דער לענינישער פּאַרטיי.

מיר דאַרפן דערמאָנען, אז גראָד אין יענער צײַט, ווען גאָרקי און זײַנע כאַווײרים זײַנען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, איז קיין רוסלאַנד געקומען דער באַוווּסטער ענגלישער שרײַבער הערבערט אועלס. דער באַרימטער אין דער גאַנצער וועלט פאַנטאַסט איז אין דער העכסטער מאָס נישטוימעם געוואָרן פון דעם, וואָס ער האָט דערזען אין סאָוועטישן רוסלאַנד. „אין אָט דעם אומבאַגרײַפלעכן רוסלאַנד, — האָט ער געשריבן, — אין אָט דעם קריגפירנדיקן, קאַלטן, הונגעריקן, לײַדנדיקן פון ענדלאָזע נויטן, ווערט דורכגעפירט א ליטעראַרישע אונטערנעמונג, וועלכע איז אומעגלעך זיך פאָרצושטעלן איצט אין רײַכן ענגלאַנד און אין דער רײַכער אַמעריקע... די גײַסטיקע שפּײַז פון די ענגלישע און אַמעריקאַנישע מאַסן ווערט אַלץ מער אָרעם און מינדערווערטיק, און דאָס באַאומרויִקט קלאַל ניט יענע, פון וועמען ס'הענגט אָפּ. די באָלשעוויסטישע רעגירונג יעדנפאַלס, שטייט אָף א גרויסער הייך. אין אויסגייענדיקן פון הונגער רוסלאַנד פאַרנעמען זיך הונדערטער מענטשן מיט איבערזעצונגען; די איבערגעזעצטע ביכער דרוקן זיך און וועלן זײַן בעיעכוילעס צו געבן דעם נײַעם רוסלאַנד אזא באַקאַנטשאַפט מיט דער וועלט־ליטעראַטור, וועלכע איז ניט צוטריטלעך פאַר קיין שום אַנדער פאָלק".

אין 1967, ווען ס'איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 50־יאָריקער יובילײַ פון דער גרויסער אָקטיאַבערישער סאָציִאַליסטישער רעוואָליוציע — דאָס איז אויך אָף זײַן אויפן באַדײַטונגספול, — איז ארויס פון דרוק דער ערשטער באַנד פון דער נײַער אויסגאַבע, וועלכע האָט ווי איבערגענומען די עסטאַפעטע פון גאָרקיס „אַלוועלטלעכער ליטעראַטור". ס'האָט זיך אָנגעהויבן, — נאַטירלעך, אָף א נײַעם העכערן וויסנשאַפטלעך־טעאָרעטישן און מאַטעריעלן ניוואָ, אין א סאַך גרעסערע מאַסשטאַבן, — די אויסגאַבע פון דער „ביבליִאָטעק פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור".

וואָס וועט איר זאָגן וועגן אָן אויסגאַבע, אין וועלכער עס זײַנען פאַרעפנטלעכט 25.800 ווערק פון 3.235 אווטאָרן, וואָס שטעלן פאָר מער ווי 80 ליטעראַטורן אין דער וועלט? וועגן אָן אויסגאַבע, וואָס איז ארויס אין אָן אַלגעמיינעם טיראַזש פון 60.294.000 עקזעמפּליאַרן? די דאָזיקע ציפערן כאַראַקטעריזירן די מאַסשטאַבן פון דער „ביבליִאָטעק פון אַלוועלטלעכער ליטעראַטור". עמעס, זיי זײַנען אײַנדרוקספול?

וואָס איז שײַעך די אילוסטראַציעס (יעדער באַנד איז מיט זיי רײַך באַזאָרגט), שטעלן זיי פאָר צוזאַמען קאַרעוו 3000 גראַפירטע בויגן. „פאַר עקספּאָנירן די דאָזיקע גראַפיק, — האָט געשריבן די צײַטונג „פּראַוודאַ", — וואָלט זיך געפאָדערט א לאָקאַל, וואָס זײַן פלאַץ זאָל זײַן געגליכן צום מאָסקווער מאַניעזש". ווי באַוווּסט, איז אין מאַניעזש אײַנגעאָרדנט דער צענטראַלער אויסשטעלונגס־זאַל פון ראַטנפאַרבאַנד.

פונקט צען יאָר האָבן זיך געפאָדערט צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אויסגאַבע, וואָס איר פּלאַן איז געווען פאַרטראַכט אינעם אינסטיטוט פאַר וועלט־ליטעראַטור אָף גאָרקיס נאָמען פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. דער לעצטער, 200־ער באַנד פון דער „ביבליִאָטעק" איז דערשינען אין סאָף פונעם פאַרגאַנגענעם יויוול־יאָר — אין 60־טן יאָר פון אָקטיאַבער. דער סאָוועטישער לייענער האָט באַקומען אָן עמעסע אויצרעס־זאַמלונג פון מענטשלעכן

קינסטלערישן געניי — די בעסטע ווערק פון דער פֿאַטערלענדישער און אויסלענדישער ליטעראַרישער קלאַסיק, אָנהייבנדיק פון אלטערטום און ביז אונדזער צײַט.

די קוואַליטעט פון דער „ביבליאָטעק" איז געווען גאַראַנטירט אַדאַנק דעם אַקטיוון אָנטייל פון אוטאָרן און צוזאַמענשטעלער, וועלכע זײַנען באַשטאַנען פון די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע שרײַבער און ליטעראַטור־קענער, מיטאַרבעטער פון די אַקאַדעמישע אינסטיטוטן פאַר וועלט־ליטעראַטור, אָריענטאַליסטיק, סלאַוויסטיק, באַלקאַניסטיק, עטנאָגראַפיע אאַ. יעדער באַנד איז באַגלייט מיט אַן אַרײַנפיר־אַרטיקל און באַמערקונגען. לויט די כעזשבוינעס, וואָס ס'האָט געמאַכט אַלעקסאַנדער פּוזיקאָוו, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור", וועלכע האָט פאַרווירקלעכט די אויסגאַבע פון דער „ביבליאָטעק", באַשטייט דער אַלגעמיינער פאַרנעם פון אַלע אַרײַנפיר־אַרטיקלען 270 דרוקבויגן און די באַמערקונגען — 450 בויגן. מיט אַנדערע ווערטער — פּאַראַלעל מיט דער אויסגאַבע פון וויסנשאַפטלעך־דורכגעקוקטע טעקסטן און דער רעדאַקציע פון איבערזעצונגען איז אין טאָך אָנגעשריבן אַ פּילבענדיקע געשיכטע פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. אַגאַוו דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אויסגאַבע איז אויסגעדריקט אויך אין דעם, וואָס די סאָוועטישע געלערנטע האָבן אײַנגעלאַדן זייערע אויסלענדישע קאָלעגן — בולגאַרישע, אונגאַרישע, רומענישע, ענגלישע, פראַנצויזישע ספּעציאַליסטן — אָנשרײַבן אַ ריי אַרטיקלען. די אַרבעט איבער דער „ביבליאָטעק" האָט מיטגעווירקט דער ווײַטערדיקער פאַרשטאַרקונג און אַנטוויקלונג פון דער שעפערישער צוזאַמענאַרבעט צווישן ליטעראַטן פון פאַרשיידענע לענדער.

די „ביבליאָטעק" באַשטייט פון דרײַ סעריעס. אין דער ערשטער (זי שליסט אײַן 64 בענדער) זײַנען פאָרגעשטעלט די ליטעראַטורן פון אוראַלטן מיזרעך, אַלטערטום, מיטלאַלטער, רענעסאַנס־עפּאָכע, XVII און XVIII יאָרהונדערטער. די צווייטע סעריע (63 בענדער) איז געווידמעט דעם „גאָלדענעם יאָרהונדערט" אין דער ליטעראַטור־געשיכטע — דעם XIX יאָרהונדערט. און צום סאָף — 73 בענדער פון דער דריטער סעריע זײַנען אָפּגעגעבן אונדזער יאָרהונדערט — דעם XX־סטן, וועלכער איז אַזוי רײַך אין קינסטלערישע זוכענישן, אַנטדעקונגען פון נאָוואַטאָרישע פאָרמען אין דער אָפּשפּיגלונג פון דער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט אין איר רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג.

ס'איז פּאַשעט אוממעגלעך מער־ווייניקער אויספירלעך צו דערציילן אין אַ זשורנאַל־אַרטיקל וועגן יעדערן פון די 200 בענדער אָדער כאָטש וועגן אייניקע פון זיי. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן בלויז אויף צוויי פאַליאַנטן, וואָס זייער אינהאַלט וועט, דאַכט זיך, אַרויסרופן אַ באַזונדערן אינטערעס בײַ די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". איינער פון זיי — דער באַנד „פּאָעזיע און פּראָזע פון אוראַלטן מיזרעך" — איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1973 אונטער דער רעדאַקציע פון יאָסיף בראַגינסקי. דער דאָזיקער בוך אַנטהאַלט די ווערק פון אַלט־עגיפּטישער, שומערישער, באַווילישער, כעטישער, אַלט־כינעזישער, אַלט־אינדישער, אַלט־איראַנישער און אַלט־העברעיִשער ליטעראַטורן. די לעצטע איז פאָרגעשטעלט מיט קאַפּיטלען פון די ספרים „בראשית", „יונה", „רות", „איוב", „קוהלת־לעס". דאָ איז אָפּגעדרוקט אויך „שיר השירים" — אַלע אין נײַע, אויסגעצייכנטע איבערזעצונגען פון סאַלאָמאָן אַפּט, יאָסיף בראַגינסקי, סערגיי אווערינצעוו, איוואַן דיאַקאָנאָוו, וועלכער טרעט אַרויס אײַנצײַטיק אַלס דער אוטאָר פון אַן אינהאַלטסרײַכן אַרטיקל וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור.

„קעדיי צו פאַרשטיין וואָסער־ס'איז ליטעראַטור, פאָדערט זיך די באַקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע פונעם פאָלק, — שרײַבט אי. דיאַקאָנאָוו. — איבער די ספּעציפישע באַדינגונגען, אַדאַנק וועלכע ס'האָבן זיך אָפּגעהיט די מאָנומענטאַלע ווערק פון דער אַלט־העברעיִשער ליטעראַטור, איז אַזאַ פאָדערונג אין געגעבענעם פאַל באַזונדערס נייטיק". און ווײַטער לייגט אויס דער געלערנטער די געשיכטע פונעם פאָלק, דערציילט וועגן דעם גײַסטיקן לעבן פון די אוראַלטע ייִדן, וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק אָפּגעשפּיגלט און אויסגעדריקט אין דער זשאַנרען־רײַכקײַט פון זייער ליטעראַטור.

יאָסיף בראַגינסקי, פון זײַן זײַט, שטרײַכט אונטער אינעם אַרטיקל „בײַ די אורקוועלן פון קינסטלערישן וואָרט" (מיט אים הייבט זיך אָן דער באַנד), אַז ווי אַנדערע מיזרעך־ליטעראַטורן, „האָט אויך די אַלט־העברעיִשע ליטעראַטור איבערגענומען בעירושע אַ סאַך פון דער אַלט־עגיפּטישער, שומעריש־אַקאַדישער, אוגאַריטישער און אַלט־איראַנישער ליטעראַטורן און אָנשויוּנגען. אָבער אויך דאָ האָבן מיר צו טאָן ניט מיט קיין נאָכמאַכונגען און עקלעקטישער צונויפמישונג פון אָפּט פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן, נאָר מיט אַ ליטעראַרישן סינטעז פון די ליטעראַטורן אין נאָענטן מיזרעך. גראָד דאָס און ניט עפּעס אַן „אַטאַבעכאַרטאָנישקײַט" האָט פאַרבאַדינגט די הויכע ליטעראַרישע קינסטלערישע מײַלעס פון אַזאַ מאָנומענט, ווי דער טאַנאַך". באַרירנדיק די פראַגע וועגן דער סטרוקטור פון טאַנאַך, ווײַזט אָן דער פאָרשער אויף די דײַטלעך אויסגעדריקטע אין טאַנאַך הומאַניסטישע און ניט־הומאַניסטישע (אָמאָל אַנטיהומאַניסטישע) טענדענצן.

דער באַנד „פּאָעזיע און פּראָזע פון אוראַלטן מיזרעך" איז דער ערשטער באַנד פון דער „ביבליאָטעק". דער הונדערט־זיבן־און־נײַנציקסטער באַנד איז אָפּגעגעבן דער ייִדישער ליטעראַטור פון דער נײַער צײַט, דער שאַפונג פון שאָלעם־אַליינעמען. דער דאָזיקער באַנד איז אַרויס אין אַ 300־טויזנטיקן טיראַזש אין דער גרייס פון 40 דרוקבויגן און שליסט אײַן, כוץ „טעוויע דעם מילכיקן", נאָך דרײַסיק בעס־

טע דערציילונגען, בעסוכעם „מאָטל פּייסי דעם כאזנס”. דער באנד איז באגלייט מיט אויסגע־צייכנטע אילוסטראציעס פונעם קינסטלער ט. קאפלאן.

דער אויטאָר פונעם ארייַנפיר־אַרטיקל, דער רוסיש־סאָוועטישער שרייַבער וויקטאָר פינק (אים געהערן די באוווּסטע ביכער „ייִדן אףֿ ערד”, „דער אויסלענדישער לעגיאָן”, „מאָלדא־וואנישע ראפּסאָדיע”, „דאָס עלנטע פראנקרייַך” אא.), כאראקטעריזירנדיק די שאפונג פונעם גרויסן שרייַבער, שטרייַכט ער אונטער, אז אין פאררעוואָליוציאָנערן רוסלאנד האָט דאָס ייִדי־שע פאָלק געענטפערט יענע, וואָס האָבן אים גערוידעפט און געפּייַניקט, „מיטן ריינעם, לעבנסלוסטיקן און פריילעכן טאלאנט פון זייַן באליבטן זון”. אנאליזירנדיק אלזייַטיק די פּראָ־זע פונעם גאָניאלן הומאָריסט, פארענדיקט וו. פינק:

„ער איז געשטאָרבן אין דער פרעמד אין יאָר 1916. נאָר, אייגנטלעך, געשטאָרבן איז נאָר שאָלעם ראבינאָוויטש, אן עלטערער ייִד, וואָס איז אלט געווען 57 יאָר און האָט געליטן פון טובערקוליאָז; און אָט אים האָט מען געבראכט צו קווּרע. אָבער דער שרייַבער שאָלעם־אליי־כעם לעבט, איז געזונט און שטארק, לעבט ארומגערינגלט מיט זייַנע אומצאָליקע העלדן און לייענער אין דער גאָרער וועלט, ייִדן און ניט־ייִדן, וועלכע זייַנען אים דאנקבאר דערפאר, וואָס ער האָט זייַן ערלעך און פריילעך הארץ געווידמעט דעם גוטן אין לעבן, דער האָפענונג און דער מענטשלעכער ברודערשאפט”.

דאָס פארענדיקן די אויסגאבע „ביבליאָטעק פון אלוועלטלעכער ליטעראטור” דארף מען מיט רעכט אָפּשאצן אלס א באדייַטונגספולן, גלענצנ־דיקן ניצאָכן פון דער סאָוועטישער סאָציאליס־טישער קולטור. די דאָזיקע וויכטיקסטע געשעע־ניש אין לעבן פונעם פילנאציאָנאלן סאָוועטישן פאָלק האָט בעעמעס א צווישנפעלקערלעכע באדייַטונג.

דער לאורעאט פון לענין־פּרעמיע, העלד פון סאָציאליסטישער מי סערגיי מיכאלקאָוו, אָפּ־רופנדיק זיך אפן דערשינענעם לעצטן באנד פון דער „ביבליאָטעק” מיטן ארטיקל „אן ענ־ציקלאָפּעדיע פון קינסטלערישן געדאנק” (זי איז אָפּגעדרוקט אין דער צייַטונג „איזוועסטיא”), האָט געשריבן, אז „די בוכפארלעגערישע פּראקטיק אין דער וועלט האָט נישט געוווּסט אזא אויסגאבע. ניט נאָר ניט געוווּסט, נאָר אפי־לע ניט געשטעלט פאר זיך אזא גראנדיעזע אויפגאבע”. דער גליקלעכער אבאָנענט פון דער „ביבליאָטעק”, אראָפּנעמענדיק פון דער ביכער־פּאָליציע דעם נייטיקן באנד, וועט געניסן טיי־נעג פון דער אומשטעלבלעכער מוזיק פון פּושק־קינס שורעס, וועט שפּאנען מיט די העלדן פון „מילכאָמע און שאָלעם” איבער די וועגן פון פּאַטערלענדישן קריג אין 1812, וועט זיך פארר־טיפן אין דאָסטאָיעווסקיס וועלט פון ראיוינעס און גייַסטיקע ליידן, וועט דורכמאכן א באגייַס־

טערנדיקע רייַזע מיט האָמערס אָדיסיי, וועט נאָכאמאָל אנציקט ווערן פון רוסטאוועליס און שעקספּירס דיכטונג, וועט, אוואדע, צורופן דעם זון אָדער די טאָכטער צום אופגעעפנטן באנד פון ד. דעפאָ אָדער דזש. סוויפט, טש. דיקענס אָדער מארק טווען, וועט נאָכאמאָל איבערלעבן די געשעענישן פון אונדזער יאָרהונדערט, אָנ־בויגנדיק זיך איבער די בלעטער פון מ. גאָרקי און מ. שאָלאָכאָוו, א. פאדייעוו און וו. מאיא־קאָווסקי. אָט דאָ, פון יענער זייַט שויב פון א ביכער־שאפע, איז ווי פארגליווערט געוואָרן א צונויפגעפּרעסטע צייַט, וואָס נעמט ארום יאָר־הונדערטער, דאָ ווערט אין צוויי הונדערט בענ־דער אָפּגעהיט א וועלט פון טראגעדיעס און פריידן, אנטוישונגען און היספּייַלעס, א וועלט פון איידלסטע באוועגונגען, פון געפילן און געדאנקען, וואָס האָבן גערעגט ניט איין דאָר פון אונדזערע פאָרגייער און רעגן הייַנט־צו־טאָג אונדזערע מיטצייַטלער...”

„ווי דער אייביקער בוים פון לעבן” — אזוי האָט באטיטלט זייַן באגייַסטערן אָפּרוף אףֿ דער „ביבליאָטעק” דער קירגיזישער שרייַבער, לאור־רעאט פון לענין־פּרעמיע טשינגיז אייַטמאטאָוו. „די בעסטע אינטעלעקטואלן אין אייראָפּע און רוסלאנד, — שרייַבט ער אין דער צייַטונג „פּראוודא”, — האָבן שוין לאנג זיך ארומגעע־טראָגן מיט דער גראנדיעזער אידיי צו פארסא־כאקלען, צונויפנעמען אין איין איינהייַטלעכער אינטעגרירטער סיסטעם די רייַכטימער פון דער וועלט־ליטעראטור. אלץ, וואָס איז דורכגעגאנ־גען דעם שטרענגן מישפּעט פון די אורייניק־לעך, האָט אויסגעהאלטן דעם צייַט־עקזאמען — אָנהייבנדיק פון דעם אלערערשטן מאגישן עפּאָס, וואָס האָט זיך פארהיט אין קוילשריפט־לעכע צייכנס, אףֿ די שומערישע ליימיקע טאָ־פעלן, ביז די הייַנטצייַטיקע רעאליסטישע ראָ־מאנען־עפּאָפּייען, ביז די נייַסטע פאָרמען פון פּערז־בוי; אלע וויכטיקסטע ווערק אין אלע זשאנרען, נאציאָנאלע קולטורן און לעשוינעס — סומירן, קעדיי אופצושטעלן דאָס בילד פון היס־טאָרישער שטרעקן־ווייַטקייַט, איינהייַטלעכקייַט און פילארטיקייַט פון אלוועלטלעכן פּאָעטישן באוווּסטזייַן און דורך דעם דערהויבן דעם גייַסט פון דעם מענטשן־שעפער, דורכשפּירנדיק דעם וועג פון זייַנע אידייִיש־עסטעטישע דערגריי־כונגען פון איין ציוויליזאציע צו דער אנדערער, פון איין עפּאָכע צו דער אנדערער.

די דאָזיקע איידלמוטיקע אידיי איז אָבער געבליבן בלויז אן אידיי. קעדיי זי צו רעאלי־זירן, זייַנען געווען נייטיק אנטשפּרעכנדיקע סאָציאלע און קולטורעלע קויכעס.

זיי האָט ארויסגעבראכט די אָקטיאבער־רע־וואָליוציע”.

און נאָך אףֿ איין וויכטיקן אספּעקט פון דער דאָזיקער פריידיקער קולטור־דערשייַנונג ווענדן זייער אויפמערקזאמקייַט אלע, ווער עס רעדט אָדער שרייַבט וועגן דער „ביבליאָטעק פון אל־וועלטלעכער ליטעראטור”. די דאָזיקע אויסגאבע איז נאָך איין בוילעטער און איבערצייַגנדיקער

באווײַז פון דער אופּריכטיקער פרידלעכקייט פונעם פאַרבאנד פון סאָוועטישע סאָציִאליסטישע רעפּובליקן, פון דעם אינטערנאציִאָנאלן גײַסט פון אונדזער וועלט־אַנשויונג; א בײַשפּיל פון פּראקטישן אויספילן די אָפּמאכן, וואָס זײַנען דערגרייכט געוואָרן אין העלסינקי אָף דער באראטונג איבער געפארלאָזיקייט און מיטארבעט אין אייראָפּע, די באשטימונגען פונעם שלוס־אקט וועגן פארברייטערן און אנטוויקלען דעם קולטורעלן אויסטויש צווישן פעלקער.

„ווי דער בוים פון לעבן, — האָט געשריבן דער זעלבער טשינגיז אײַטמאטאָוו, — איז אויך דער בוים פון דער וועלט־ליטעראטור אייביק. הײַנט בליט ער אין אונדזער סאָד”. און דאָס איז ניט פּאָשעט א פּאָעטישע מעטאפאָר. דער מעכטיקער פרוכטבארער בוים פון וויסן גיט זײַנע יונגע שפּראָצונגען. פרייט אונדז דען ניט דער פאקט, וואָס אין ראטנפארבאנד דערשײַנט שוין דאָס דריטע יאָר די יונגע שוועסטער פון דער „ביבליִאָטעק פון אלוועלטלעכער ליטעראטור” — די „ביבליִאָטעק פון וועלט־ליטעראטור פאר קינדער” אין 50 בענדער? מער ווי 400 טויזנט אבאָנענטן האָבן שוין באקומען די ערשטע 5 בענדער פון דער דאָזיקער אויסגאבע, וואָס טראָגט צו די קינדער דורך דער שאפונג פון די בעסטע שרײַבער די אידייען פון הומאניזם, גוטסקײַט, ליבע צו אלעם לעבנדיקן.

דער יונגער דאָר, די צוקונפט פון אונדזער פאָטערלאנד, ווערט דערצויגן אין מאָראלישער ריינקײַט, אין גײַסט פון מוט און איידלקײַט, אכטונג צו דער קולטור, מינהאָגים און זיטן, צו דער געשיכטע פון אלע פעלקער, גרויסע און קליינע.

אורען גוראלניק

כראָניק

זיך אומגעקערט פון א גאסטראָל־רײַזע

דער מאָסקווער ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פונעם פארדינסטפולן קונסט־טוער יאָסיף ריקלין האָט זיך אומגעקערט אין דער הויפּטשטאָט פון א גרויסער גאסטראָל־רײַזע איבער א ריי שטעט פון סיביר און אוראל.

אין קראסנאָיארסק, נאָוואָסיבירסק, טשעליאבינסק, אָמסק, טאָמסק האָט דער אנסאמבל באוויזן דרײַ פאָרשטעלונגען פון זײַן רעפּערטואר, צווישן זיי די דראמאטיש־מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציע לויט שאָלעם־אליינכעמס „דער פארקישעפטער שנײַדער” און די נײַע שטעלונג פון מוישע גערשענזאָנס פּיעסע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער”. ביידע פאָרשטעלונגען האָבן שטארק אויסגענומען בא די סיבירער צושויער.

צוויי נײַע קאָנצערט־פּראָגראמען

דער ווילנער ייִדישער פאָלקסטעאטער האָט לעצטנס צוגעגרייט צוויי נײַע פילזשאנערדיקע קאָנצערט־פּראָגראמען.

די פּראָגראמען זײַנען באשטאנען פון געזאנג, טענץ, דראמאטישע סצענעס און קינסטלערישע פאָרלעזונגען. די ווילנער צושויער האָבן געהאט דעם פארגעניגן זיי צו זען אין דעם ערשטמײַיִקן יאָמטעוו און אָף דער פײַערונג לעקאָוועד דעם טאָג פון ניצאָכן. אין די קאָנצערטן האָבן אָנטיילגענומען העכער פופציק שוישפּילער.

ווי עס טיילט מיט דער פאָרזיצער פונעם קינסטלערישן ראט פון די זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון יאנקעוו וויניצקי, האָט די דראמאטישע גרופּע פונעם ייִדישן פאָלקסטעאטער אָנגעהויבן רעפּעטירן מאָזי קאָבריאנסקיס פּיעסע „וועלוועלע גאוורײַעלס”. אין דעם נײַעם ספּעקטאקל וועלן צום ערשטן מאָל פאָרגעשטעלט ווערן נײַצוגעקומענע יונגע ליבהאָבער פון דער דראמאטישער קונסט.

צום 70־טן געבורטסטאָג פון מוישע גרינבלאט

צום באדויערן האָבן מיר שפּעט באקומען די ידיִעה וועגן דער יובילײ־דאטע פונעם באקאנטן געזעלשאפטלעכן טוער מוישע גרינבלאט, איינעם פון די אָנפירער פון דער פּראָגרעסיווער באוועגונג אין ארגענטינע, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן 55 יאָר פון זײַן לעבן.

אָנגעהויבן די רעוואָלוציִאָנערע טעטיקײַט אין זײַן געבורט־שטעטל קאמענעץ־ליטאָווסק, האָט מ. גרינבלאט דאָרט צום ערשטן מאָל פארזוכט דעם טאם פון פּאָליטישער טפיסע.

נאָך דער באפרײַונג פון טפיסע קומט ער צו פאָרן קיין ארגענטינע און שליסט זיך גלײַך אָן אין די דעמאָקראטישע און פּראָגרעסיווע באוועגונגען פון לאטײַן־אמעריקע. ער באטייליקט זיך אין דער גרינדונג און אין דער ארבעט פון פיל פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס אין בוענאָס־אײַרעס, באזונדערס ווירקזאם איז זײַן טעטיקײַט אין אָרגאניזירן דעם פארלאגוועזן, די „איקוף”־שולן, ביבליִאָטעקן און קולטור־צענטערס פאר די האָרעפּאשנע מאסן.

מוישע גרינבלאט צייכנט זיך אויס ניט בלויז מיט זײַן פילזײַטיקער געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט און אכרײַעספולער איבערגעגעבנקײַט צו דער זאך, וואָס ער טוט, נאָר אויך מיט זײַן גרויסער ארבעטזאמקײַט און מוסטערהאפטער דיסציפּלינירטקײַט.

די רעדאקציע און רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד” באגריסן הארציק מוישע גרינבלאטן מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים, אונדזער לאנגיאָריקן פרײַנט און כאווער, געזונט, גליק און אריכאס־יאָמים.

■ ■ ■

הערש רעמעניק

נעכטן און היינט

פֿאַרמעל איז בער האַלפּערן אַ פּאַעם כאַדאַשעס אין דער ליטעראַטור. „מײַן ייִכעס" איז דאָך זײַן ערשטער בוך. אָבער פּאַקטיש און אין טאָך איז דאָס אַ ווערק פֿון אַ פֿיל דערפֿאַרענעם שרײַבער, וועלכער איז טאַקע, עמעס, לויט דער פּראָפֿעסיע אַ בויער און אינזשעניער, אָבער לויטן באַרוף איז ער אַ שרײַבער, אַן עכטער קינסטלער פֿון וואָרט.

ביכער, זאָגט מען, האָבן זייער גורל, און שרײַבער — אוואַדע. עס זײַנען פֿאַראַנען שרײַבער, וועלכע ווערן אָנערקענט ערשט נאָך צענדליקער יאָרן האָרעוואַניע און נאָך דעם, ווי זיי האָבן שוין געשאַפֿן און אַרויסגעגעבן צענדליקער ביכער. און עס זײַנען פֿאַראַנען שרײַבער פֿון איין בוך, זיי באַקומען אָנערקענונג מיט זייער איינציקן בוך און בלײַבן אויף לאַנג אין דער ליטעראַטור. איין בוך איז אַמאָל וואָגיקער און וויכטיקער, ווי צענדליקער אַנדערע.

אַז מע לייענט האַלפּערנס אַ נאָוועלע, דערפֿילט מען גלײַך דעם גאַנג פֿון אַ מײַסטער. אינעם שילדערן דאָס לעבן, די סאָציאַלע דערשײַנונגען פֿון דער עפּאָכע, די קאָנטראַסטן און די קאַליזיעס פֿון דער געזעלשאַפֿט, אין דער כאַראַקטעריסטיק, אין דער פּסיכאָלאָגיע און אין די איבערלעבונגען פֿון מענטשן, אין זייערע פּאָרטרעטן, אין זייער האַנדלונג און אין זייער לאָשן — אין אַלץ פֿילט זיך די זיכערקייט פֿון אַ שרײַבער, וואָס האָט וואָס צו זאָגן און ווייסט וויאַזוי צו זאָגן.

לויטן אינהאַלט פֿון זײַן שאַפֿן איז האַלפּערן דער קינסטלער פֿון היינטצײַטיקייט אין ברייטן מאַסשטאַב. ער מאָלט ווילנע און מאָסקווע, און דעם צאָפֿן פֿון אונדזער לאַנד, און דעם ווײַטן מיזרעך, און האַמבורג, און פּאַריזש, און אַמעריקע, און דאָס קליינע פֿאַרוואָרפֿענע שטעטעלע אין ליטע...

אָבער די דערציילונג וועגן היינט איז בײַ אים ענג פֿאַרבונדן מיטן אַמאָל, מיט די פֿריִערדיקע עפּאָכעס. ער מאָלט דאָס היינטיקע לעבן אין אָרגאַנישער פֿאַרבינדונג מיטן נעכטן. דערפֿאַר וועט איר אין זײַנע נאָוועלן טרעפֿן ווי גלײַך באַרעכטיקטע פּערסאָנאַזשן יונג און אַלט, עלטערן און קינדער, באָבעס, זיידעס און אייניקלעך. און גאַרניט צופֿעליק הייבט זיך אָן דער בוך „מײַן ייִכעס" מיט צוויי נאָוועלן אונטער כאַראַקטעריסטישע קעפּלעך „די כאַסענע" און „די לעוויע". דער פּראַצעס פֿונעם לעבן, די באַוועגונג און די אַנטוויקלונג קומט פֿאָר ווי אויפֿקום און אונטערגאַנג, ווי אומופֿהערלעכער שטענדיקער אומבײַט פֿון אַלטן און נײַעם. אין האַלפּערנס שאַפֿונג איז דער היינט געשילדערט אין היסטאָרישן אַספּעקט. היסטאָריזם איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ גרויסן טייל פֿון זײַנע נאָוועלן. היסטאָריזם איז אָרגאַניש געבונדן מיט זײַן סטיל.

דאָס היסטאָריש־פֿאַרגאַנגענע אַלס באַשטאַנדטייל פֿונעם ווירקלעך־היינטצײַטיקן, דאָס לעבן אַלס אומפֿאַרמײַדלעכע באַוועגונג צו ניט לעבן און דער טויט אַלס אָרגאַנישער קאָמפּאָנענט פֿונעם לעבן — אָט די קאָנצעפּטואַליסטישע פֿילאָסאָפֿישע באַטראַכטונג באַקומט אַ באַזונדער בולטע אַנטפּלעקונג אין דער אינטערעסאַנטער נאָוועלע „די בלעטער פֿאַלן פֿון דיביימער" — וועגן דעם באַוווסטן העברעיִשן דיכטער אויפֿקלערער אַווראָם־בער (אָדם הכהן — אַדאַם־האַקאָיען) לעבענזאָן (1794 — 1878). וועגן דער דאָזיקער נאָוועלע וועל איך נאָך רעדן ווײַטער. דאָ ווילט זיך נאָר ברענגען אַן אויסצוג, וואָס באַשטעטיקט דאָס געזאָגטע וועגן דער לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע:

„אָט אַזוי האָבן געקעמפֿט אין אים לעבן און טויט. די ליידן פֿון לעבן האָבן אים אונטערגעזאָגט די ליבע־לידער פֿון שלוימען, די ליידן פֿון טויט האָבן אַרײַנגעלייגט אין זײַן מויל די אָפּגאַנג־לידער פֿון קויהעלעס. אַווראָם־בער קלערט: מע דאַרף אָפּלעבן אַזאַ לאַנג לעבן, ווי ער, קעדיי צו פֿאַרשטיין, אַז לעבן און טויט זײַנען ניט קיין קעגנזעצלעכע באַגריפֿן, נאָר צונויפֿגעפֿלאָכטענע, ענג צוזאַמענגעבונדענע. די בלעטער, וואָס פֿאַלן איצטער פֿון די קליאָנען, ווייסן, אַז דורך זייער שטאַרבן גיבן זיי אָרט פֿאַר נײַע, וואָס וועלן שפּעטער אויפֿקומען. יעדער שטאַרבן איז אַ מיתת נשיקה[1].

אַנדערע האַלטן, אַז ווען מע איז יונג, באַנעמט מען אָפֿן פֿולקומסטן אויפֿן דאָס לעבן. דאָס איז ניט ריכטיק. ערשט איצטער, ווען ער איז אַריבערגעשטיגן די אַכציקער, פֿילט אַווראָם־בער, אַז ער האָט זיך אויפֿגעהויבן אויף אַזאַ הייך, פֿון וועלכער ער פֿאַרשטייט בעסער, טי־

---

[1] מיסאַס נעשיקע (העבר.) — טויט דורך אַ קוש.

פּער אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַט דער
צווײ־אײניקײַט: לעבן — טויט".

קעדײַ צו פֿאַרשטײן די מאַסשטאַבן און דעם
פּאַרנעם פֿונעם היסטאָרישן און ליטעראַטור־
היסטאָרישן מאָמענט אין האַלפּערנס שאַפֿן, וועט
גענוג זײַן צו אָפּמערקן אַט די טעמעס אין אַ
ריי זײַנע נאָוועלן. אין דער נאָוועלע „אַ דרײַ־
ערל אַף שאַבעס" ווערט אַרויסגעפֿירט דער באַ־
וווסטער נאָוועליסט פֿון דער נײַער ײדישער
ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט אײַזיק־
מײער דיק (1814 — 1893). האַלפּערן ווײַזט אים
אַלס קאָרעקטאָר אינעם פֿאַרלאַג פֿון דער אַל־
מאָנע ראָם. אַלע באַצײַען זיך צו אים מיט דער־
רעכערעץ, מע שעצט אים פֿאַר זײַן באַהאַונט־
קײַט אין די קלײנע אויסיעלעך און דעריקער
פֿאַר זײַנע מײַסעלעך אַף פּראָסט ײדיש, און
„אַמכאָ לעקט די פֿינגער פֿון זײַנע ספּורים".
אײַזיק־מײער דיק — דער באַליבטער קינסטלער
פֿון די פֿאָלקסמאַסן ווערט געשילדערט אין אַ
דראַמאַטישער סיטואַציע: ער ווייסט ניט, צי
וועט די אַלמאָנע ראָם, די אײגנטימערן פֿונעם
פֿאַרלאַג, אים געבן אַ דרײַערל אַף שאַבעס...

אין דער נאָוועלע „צווײ מאָל צווײ איז נישט
בלויז פֿיר" ווערט דערצײלט וועגן דעם ײדישן
געלערנטן אויפֿקלערער פֿונעם 19־טן יאָרהונ־
דערט, דעם מאַטעמאַטיקער כאַים־זעליק סלאָ־
נימסקי (1810 — 1904), וועלכער איז באַלױנט
געוואָרן מיט דער דעמידאָוו־פּרעמיע פֿון דער
רוסישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע אין פּעטער־
בורג פֿאַר דערפֿינדן די רעכן־מאַשין. סלאָנים־
סקי איז אויך געווען דער גרינדער און רע־
דאַקטאָר פֿון דער צײַטונג „הצפֿירה" אין
וואַרשע.

אין דער פּרײַער שוין דערמאָנטער נאָוועלע „די
בלעטער פֿאַלן פֿון די ביימער" ווערט דערצײלט
וועגן דעם פּאָטער, דעם דיכטער אַווראָם־בער
לעבענזאָן, און וועגן זײַן פּריצײַטיק פֿאַרשטאָר־
בענעם זון, דעם הויך טאַלאַנטירטן דיכטער
מיכאָ־יוסעף לעבענזאָן (1828 — 1852). די שיל־
דערונג ווערט דערהויבן ביז דער הויך פֿון אַ
דויערנדיקער טראַגעדיע. ס'איז די טראַגעדיע
פֿון אַ פּאָטער, וועלכער האָט באַגראָבן זײַן
24־יאָריקן זון, און אַלײן איז ער, דער אומגליק־
לעכער פּאָטער, דער אַלטער דיכטער, געבליבן
לעבן. צוליב וואָס? דאָס איז אַ טיף טראַגישע
קאָליזיע. און אַט זיצט ער, דער באַוווסטער
דיכטער אָדם הכהן לעבענזאָן באַם קײווער פֿון
זײַן זון: „ער זעצט זיך אַפֿן נידעריקן בענקל,
וואָס איז אַרײַנגעגראָבן מיט די פֿיסלעך אין
דער ערד לעבן קײווער, און זײַנע ליפּן הײבן
אָן זיך צו באַוועגן. דאָס כאַזערט ער די פּערזן
פֿון זײַן זונס שירים.

ער קען זײ אַלע אַף אויסווייניק. ער קען
זײ בעסער, ווי זײַנע אײגענע. צום שלוס פֿון
לעבן גיט ער זיך אָפּ אַ קלאָרן דין־וחשבון.
ער איז געווען ניט מער, ווי אַ פּײטאָן, אַ
פֿערזן־צוזאַמענשטעלער, אַ טרוקענער ליטווי־
שער קאָפּ, וואָס קען געבן אַ שאַרפֿזיניקן פּײ־
רעש אַף אַ האַרבן פּאַסעק, וואָס קען אויסהאַ־
מערן אַ פּאָר געגראַמטע שורעס לויט אַלע קלאָ־
לים פֿון דיקדוק און ניקוד. דער עמעסער פּונק
פֿון פּאָעזיע האָט געגליט אין מיכאָ־יוסעפֿן, אין
זײַן אומגליקלעכן זון".

ס'איז אַ סאַפֿעק, צי איז איצט באַרעכטיקט
אַזאַ שאַרפֿע נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פֿון אַווראָם־
בער לעבענזאָנס דיכטונג. ער איז טאַקע געווען
אַ טיפּישער פֿאַרשטײער פֿון דער קלאַסיציסטי־
שער מעליצע־דיכטונג אין דער העברעישער
ליטעראַטור. ער איז אָבער אין אַ באַשטימטן
זין געווען אָן אָנהײבער, וועלכן מע קאָן מויכל
זײַן אַ סאַך... אָבער די מענטשלעכע טראַגישע
קאָליזיע, די איבערלעבונגען פֿונעם פּאָטער זײַ־
נען געגעבן עמאָציאָנעל רירנדיק.

גאַנץ אינטערעסאַנט איז די כאַראַקטעריסטיק
פֿון מיכאָ־יוסעף לעבענזאָן, ווען מע האָט
שוין אין צאַרטן עלטער פֿון קוים צוואַנציק
יאָר גערופֿן נעים זמירות (דער זיסער זינגער),
דער, וואָס האָט מיט זײַן פּאָעטישער נעשאָמע
געוועקט האָפֿענונגען, אַז ס'איז אויפֿגעקומען אַ
צווייטער יעהודע האַלייווי. צי וואָלט ער געווען
אַ צווייטער יעהודע האַלייווי — איז ניט באַ־
וווסט, אָבער אַז ער איז געווען דער טאַלאַנט־
פֿולסטער פּאָעט פֿון דער האַסקאָלע־עפּאָכע —
דאָס איז, דאַכט זיך, אַן אומבאַשטרײַטבאַרער
ליטעראַטור־היסטאָרישער פֿאַקט.

אין דער זעלבער נאָוועלע „די בלעטער פֿאַלן
פֿון די ביימער" ווערט אויך דערצײלט וועגן
דעם שרײַבער שמועל־יוסעף פֿון (1819—1891),
דעם מעכאַבער פֿון אַ גאַנצער ריי היסטאָרישע
און פֿילאָלאָגישע ווערק, פֿון אַ ביאָגראַפֿישן
לעקסיקאָן און פֿון אַ רוסישער גראַמאַטיק פֿאַר
ײדן. ער ווערט כאַראַקטעריזירט ווי אַ רעאַק־
ציאָנערער שרײַבער, וועלכער איז אויפֿגעבראַכט
פֿון צאַרן, ווען לעבענזאָן דערצײלט אים, אַז
באַ אים איז געווען דער יונגער מאָריס ווינ־
טשעווסקי (בענצײַען נאָוואַכאָוויטש, 1856—1932)
און האָט אים געבראַכט אַ ליד אַף פּראָסט
ײדיש וועגן קלאַסנקאַמף:

צו דעם קאַמף וועט מען באַדאַרפֿן
יענעם טאָג פֿון היץ און דראַנג,
כוץ דער ביקס, דעם שווערד דעם שאַרפֿן,
אַ באַגײַסטערטן געזאַנג.

אַזױאַרום איז די נאָוועלע „די בלעטער פֿאַלן
פֿון די ביימער" אַ מין עטיוד וועגן דער געשיכ־
טע פֿון דער נײַער ײדישער ליטעראַטור אין
19־טן יאָרהונדערט. דאָס איז אײ אַ נאָוועלע לויט
איר קינסטלערישער עמאָציאָנעלער אויפֿוויר־
קונגס־קראַפֿט, אײ אַ ליטעראַטור־היסטאָרישער
עטיוד לויטן אינהאַלט און מאַטעריאַל.

די העכסטע שטופֿע פֿון היסטאָריזם דער־
גרייכט האַלפּערן אין דער נאָוועלע „אין
ײדישן קוואַרטאַל פֿון אַמסטערדאַם". דאָ איז
קינסטלעריש און היסטאָריש־וויסנשאַפֿטלעך
פֿאַרקערפּערט די עפּאָכע פֿון 17־טן יאָרהונ־
דערט, דער אויפֿבלי פֿון דער אײראָפּעישער
קולטור, וואָס איז באַוווסט ווי די העכסטע שטו־
פֿע רענעסאַנס. דאָ ווײַזט זיך אַרויס דעם אַוור־

טאָרס נאטירלעכע אָרגאנישע פרײַהײַט סײַ אין דער ליטעראריש־קינסטלערישער, סײַ אין דער וויסנשאפטלעך־היסטאָרישער שילדערונג. אָט איז א בײַשפּיל, וואָס אילוסטרירט בוילעט דעם היסטאָריזם פונעם ווערק:

„די אײַנוווינער פונעם ייִדן־קווארטאל זײַנען געווען שפאנישע ייִדן, ארויסגעטריבענע פון שפאניע סאָף פופצנטן יאָרהונדערט, אָדער אנטלאָפענע פון דאָרטן שפּעטער און אָנגעקומענע אהער, קעדיי אראָפּצוווארפן פון זיך די שענדלעכע מאראנען־הויט און אומקערן זיך צו זייער פאָלק און גלויבן. זיי האָבן געבראכט מיט זיך ניט נאָר זייער טוירע און ייִכעס, נאָר אויך זייערע רײַכטימער, זייער האנדל מיט לעוואנטע און דאָרעם־אמעריקע. דאָס זײַנען געווען שטאָלצע מענטשן. און עפשער ניט אזוי שטאָלצע, ווי גײַוועדיקע. פון די שפאנישע סעניאָרן און אדללײַט האָבן זיי איבערגענומען די נייגונג צו לוקסוס, דעם אויסערלעכן גלאנץ און די רײַכע מיזרעך־קליידער פון סאמעט, זײַד און אטלאס.

די סינאגאָגע, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעבויט אין אמסטערדאם, איז לאכלוטן ניט ענלעך געווען אָף א שול ערגעץ־ווו אין א קעהילע פון מיזרעך־אייראָפּע. דאָס איז געווען א טעמפּל, וועלכער איז ווי צוויי טראָפּנס וואסער ענלעך געווען אָף א קאטוילישן קאטעדראל אין א גרענאדע, א טאָלעדאָ, א ליסאבאָן. מיט איין וואָרט— א ייִדישער קאטעדראל. די הויכע בימע אינמיטן טעמפּל איז געווען געבויט פון בעסטן פּאליסאנדרע־האָלץ פון בראזיליע, און אז אין די גרויסע יאָמטעויווים פלעגט מען דאָרט אָנצינדן זעקס הונדערט דרײַצן ליכט (לויט די טאריאג מיצוועס!) און דער ייִנגלשער כאָר אונטער דער לייטונג פון א רעגענט פלעגט זינגען די טפילעס, איז עס געווען אן אײַנדרוקספולער ספּעקטאקל, וואָס איז ניט אָפּגעשטאנען פון א גאָטעסדינסט אין א רײַכער קאטוילישער קאטעדראל".

„אין ייִדישן קווארטאל פון אמסטערדאם" איז אָבער א קינסטלעריש היסטאָריש ווערק ניט בלויז לויטן סטיל, לויטן קאָלאָריט, לויט די העלע בוילעטע פארבן, וועלכע שטעלן אוף דעם גאנצן אראָמאט, די אטמאָספער פון יענער צײַט, פון יענער שוין דערווײַטערטער פון אונדז עפּאָכע. נאָך מער ווערן מיר ארײַנגעצויגן אינעם ווירבל פון די היסטאָרישע געשעענישן אדאנק דער שילדערונג פון די פּאָרטרעטן און געשטאלטן. און מע דארף אָפּגעבן רעכט דעם אווטאָר. ער נעמט ניט קיין צופעליקע פּאָליטישע אָדער מעלוכע־טוער, אריסטאָקראטן, פארשיידענערליי קייסאָרים, הערצאָגן, פירשטן און גראפן, אָדער גווירים און באנקירן, וועלכע האָבן דעמלט געהערשט און קאָמאנדעוועט אין לעבן, און קיינער ווייסט שוין מער ניט, ווו זייער געביין איז אהינגעקומען, און זייער נאָמען ווערט שוין ניט דערמאָנט. ניט קיין קארדינאלן און אינקוויזיטאָרן זײַנען די העלדן פון האלפערנס ווערק, נאָר די עמעסע העלדן פון דער געשיכטע — דער גענויאלער פילאָסאָף און דענקער באָרעך שפינאָזע און דער גענויאלער קינסטלער רעמבראנדט.

בא האלפערנען, ווי עס איז שוין געזאָגט, איז דער נעכטן ענג פארבונדן מיטן הײַנט. היסטאָריזם איז פארבונדן מיט הײַנטצײַטיקײַט און, פארקערט, די הײַנטצײַטיקײַט איז היסטאָריש. דאָס איז, אייגנטלעך, כאראקטעריסטיש פאר יעדן עכטן קינסטלער. היסטאָריזם אין קינסטלערישער שאפונג באטײַט ניט אנטלויפן פונעם לעבן אין די ווײַטע אוילעמעס פון אמאָל, קעדיי זיך ראטעווען פונעם הײַנטיקן לעבן און פון די הארבע ווידערשפּרוכן פון דער ארומיקער ווירקלעכקײַט. היסטאָריזם אין קינסטלערישער שאפונג באטײַט זוכן דערלייזונגען און דערקלערונגען צו די שטורעמדיקע הײַנטצײַטיקע געשעענישן אויך אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענטשהײַט. היסטאָריזם באטײַט קוקן אָף דעם גאנצן פּראָצעס פון דער געשיכטע מיט הײַנטיקע אויגן. דאָס באטײַט ניט, פארשטייט זיך, אידענטיפיצירן געשיכטע מיט הײַנטצײַטיקײַט און פארשווײַגן די קאָנקרעטע היסטאָרישע אונטערשיידן פון אמאָל און הײַנט, צונויפמישן און צונויפפּלאָנטערן דאָס פארגאנגענע מיטן איצטיקן און אזויארום פארטונקלען די גאנצע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו פון אמאָל און הײַנט און מאָרגן.

בער האלפערן אָריִענטירט זיך פרײַ אין דער היסטאָרישער עפּאָכע, וועלכע ער שילדערט סײַ אלס קינסטלער, סײַ אלס היסטאָריקער. ער מאָלט די גרויסע שעפער רעמבראנדט און שפינאָזע אלס מיטצײַטלער פון איינער און דער זעלבער עפּאָכע, ווען דער פּראָגרעסיווער מענטשלעכער געדאנק, „אן אופגעוועקטער פון רענעסאנס, האָט זיך מעכטיק א צאפּל געטאָן" אין די לײַדנשאפטלעכע באשטרעבונגען אראָפּצוווארפן פון זיך, באפרײַען זיך פון דוירעסדיקער טויזנטיאָריקער מיטלאלטערלעכער פארשקלאָפונג פון מענטשלעכן וויסן און מענטשלעכן געדאנק. ניט שפינאָזע, ניט רעמבראנדט זײַנען ניט געווען קיין פּאָליטישע רעוואָליוציאָנערן. זיי זײַנען געווען רעוואָליוציאָנערן פון גײַסט. אָבער די הערשנדיקע קלאסן און זייערע הערשנדיקע גײַסטיקע פירער האָבן אין שפינאָזעס און אין רעמבראנדטס אידייִשער און קינסטלערישער שאפונג דערפילט און דערשפּירט די געפאר, וואָס עס דראָעט זייער עקזיסטענץ פון דעם מאָלער רעמבראנדט מיט זײַנע קינסטלערישע ווערק און מיט זײַן קינסטלערישן באוווסטזײַן און פון דעם דענקער שפינאָזע מיט זײַנע פילאָסאָפישע באטראכטונגען. „און דער גוירל האָט געוואָלט, — שרײַבט האלפערן, — אז איין און דער זעלבער טאָג — דער 27־טער אין 1656 — זאָל ווערן אנטשיידנדיק פאר איינעם און פאר דעם צווייטן".

האלפערן באשרײַבט דעם כיירעם פון שפינאָזען, וועלכן די ייִדישע קעהילע פון אמסטערדאם האָט אײַנגעאָרדנט איבער דעם גרויסן דענקער:

„יענעם טאָג האָבן אין דער אמסטערדאמער

סינאַגאָגע געברענט שוואַרצע ליכט, און שוואַרצע ווערטער זײַנען געפאַלן אַף דעם באַשולדיקטן, בערך שפּינאָזען. „פאַרשאָלטן זאָל ער זײַן אין אַלע שאָען פון טאָג און פאַרשאָלטן זאָל ער זײַן אין אַלע שאָען פון נאַכט... פאַרשאָלטן זאָל ער זיין, ווען ער שטייט אויף... פאַרשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער לייגט זיך אָפּצורוען... פאַרשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער גייט אַרויס, און פאַרשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער קערט זיך אום...”

אַזוי איז געווען בײַ די ייִדן. און אַזוי איז אויך געווען בײַ די קריסטן. „אין זעלבן טאָג, עפּשער אַ פּאָר הונדערט שפּאַן פון דאָרטן, האָט דאָס מערקאַנטילע געלטגיריקע בירגערטום, וואָס האָט זיך אָקאָרשט דערקליבן צו מאַכט, זיך אָפּגערעכנט מיט איינעם פון אירע גרעסטע זין, מיט רעמבראַנדטן, זיי האָבן אים צוערשט פאַרפּלאָנטערט אין כויוועס, אויסגעזויגן דעם מאַרך אים פון די ביינער, באַשווינדלט, פאַרקויפנדיק זײַנע בילדער אין גאַנץ אייראָפּע און ווערנדיק רײַך פון אים, און דאַן אים דערקלערט פאַר באַנקראָט. דאָ, אַף דעם אאוקציאָן, אין דעם הויז אַף יודענברעעט, זײַנען ניט געפאַלן שוואַרצע ווערטער, דאָ זײַנען געפאַלן גולדענס און עס האָבן געקלונגען דוקאַטן — דאָס נײַע געוועער פון דעם נײַעם הערשנדיקן קלאַס. מע האָט בײַ רעמבראַנדטן צוגענומען זײַן הויז, אָפּגעשריבן זײַנע אַלע זאַכן און אַרויסגעוואָרפן אים אַף דער גאַס”.

די דראַמע פון די צוויי געוינים פון דער עפּאָכע איז געגעבן אין קורצע שטריכן עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל דערשיטערנדיק און אין דער זעלבער צײַט היסטאָריש ריכטיק. דער אויטאָר אַנערקענט ניט אין דער שילדערונג קיין פּאַטעטיק, און ער איז אוואַדע ניט סענטימענטאַל. ער איז דורכויס אָביעקטיוו און וואָרהאַפטיק, רעאַליסטיש אין שפּאָרעוודיק אין געמעל אין דער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג, אין די בילדער און אין דער כאַראַקטעריסטיק פון מענטשן.

בער האַלפּערן איז אינגאַנצן הײַנטצײַטיק אינעם אופשטעלן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַציִונגען אין די קאָנקרעטע היסטאָרישע פאַרהעלטענישן פון יענער צײַט. דערציילנדיק וועגן די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן פון דער געזעלשאַפט, שטעלט ער ניט אַרויס קיין נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע רײַבונגען און קאָנפליקטן, נאָר, פאַרקערט, ער זוכט און געפינט מאָמענטן פון געמיינזאַמען צוזאַמענלעבן פון פעלקער. רעמבראַנדט האָט זײַנע היסטאָרישע און מיטאָלאָגישע בילדער פון אוראַלט געשאַפן ניט בלויז פון ביבלישע קוואַלן, נאָר אויך און דעריקער פון די רעאַלע מענטשן, רעאַלע ייִדן מיט זייערע סעמיטישע שטריכן און פּאָרטרעטן, וועלכע ער האָט אַלע טאָג באַגעגנט און געזען אין ייִדישן קוואַרטאַל פון אַמסטערדאַם. ער האָט ליב געהאַט צו באַאָבאַכטן אָט די פּאָשעטע מענטשן, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט. דאָס זײַנען געווען פּראָסטע ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, וועלכע דער קינסטלער האָט געקענט „סײַ אין זייער וואָכעדיקן האַנדל־וואַנדל, סײַ שאַבעס אָדער יאָמטעוו, ווען זיי זײַנען געגאַנגען — די מענער אין לאַנגע געפּאַלדעוועטע, אויסגענייטע מיט גאָלד־ און זילבער־פעדעם קאַמזוילן, די פרויען אין אַטלאַסענע און זײַדענע קליידער און באַהאַנגען מיט צירונגען און איידל־שטיינער — אין זייער סינאַגאָגע. ער האָט האָלט געהאַט אַרײַנצוטרעטן מיט זיי אין שמועסן, פאַרפירן מיט זיי וויקוחים, קעדיי אַרויסצורופן די שפּיל פון לײַדנשאַפטן אַף זייערע ביבלישע פּנעמער, און געמאָלט זיי, געמאָלט און געמאָלט”.

„דאָ, אין דעם ייִדן־קוואַרטאַל, איז רעמבראַנדט געווען קימאַט דער איינציקער ניט־ייִד. אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ קרעפּטיקער פּויערישער פיגור, מיט אַ ברייט פּאָנעם, אַ דורכגעאַקערטס פון לײַדנשאַפטס־קאָרבן, איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן אוילעם, אײַנזאַפּנדיק אין זיך מיט זײַנע טיפזיצנדיקע שלינגענדיקע אויגן אַלץ אַרום. דאָ זײַנען פאַר אים ירושאָלאַיִם און אַמסטערדאַם געווען ניט צעטיילט, ניט אין צײַט און ניט אין רוים. די פּאַטריאַרכאַלע ביבלישע פיגורן מיט זייערע לאַנגע בערד און סעמיטישע געזיכט־שטריכן זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין רעמבראַנדטס לײַוונטן, אין די פּערסאָנאַזשן פון זײַנע ביבלישע בילדער”.

די קונסט איז נאַציאָנאַל, אָבער אויך אינטערנאַציאָנאַל און אַלמענטשלעך. און אַזוי איז אויך די וויסנשאַפט. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אין זינען די עכטע, די עמעסע קונסט און וויסנשאַפט, וועלכע גרענעצן ניט אָפּ מענטשן און פעלקער איינע פון די אַנדערע, נאָר פאַרבינדן און פאַראייניקן זיי צווישן זיך. בער האַלפּערן אַנטפּלעקט און פאַרקערפּערט קינסטלעריש אָט די אינטערנאַציאָנאַלע אַלמענטשלעכע שטריכן פון דער קונסט און דער וויסנשאַפט אין זײַן מערקווירדיקער נאָוועלע „אין ייִדישן קוואַרטאַל פון אַמסטערדאַם”.

און נאָך איין וויכטיקער מאָמענט אין אָט דער נאָוועלע, נאָך אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקײַט — שאַבסיי צווי. און דאָ איז וויכטיק ניט שאַבסיי צווי גופע, נאָר די האָפענונגען אַף אויסלייזונג, וואָס די פאָלקס־מאַסן האָבן פאַרבונדן מיט דער פאַלש־מעשיכישער באַוועגונג, וועלכע האָט געזאָלט ברענגען דעם פאָלק די געגאַרטע גאולע. האַלפּערן באַווײַזט שאַבסיי צווי, וויאַזוי ער איז אויפגענומען געוואָרן בײַ די פאָלקס־מאַסן. אין האַלפּערנס שאַפונג פאַרנעמען ביכלאַל די פאָלקסמאַסן אַ באַדײַטנדיק אָרט אין די היסטאָרישע שילדערונגען און אויך און אוואַדע אינעם שילדערן די הײַנטצײַטיקע ווירקלעכקײַט. פאָלקסטימלעכקײַט איז אַ וויכטיקסטער שטריך פון האַלפּערנס קינסטלערישן סטיל.

אָט די פאָלקסטימלעכקײַט פון קינסטלערישן שאַפן איז באַזונדערס בולעט אין בער האַלפּערנס נאָוועלן וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט. אין מײַנע „נאָטיצן וועגן דער הײַנטצײַטיקער נאָוועלע” („סאָוועטיש היימלאַנד”, נומ. 3 פון 1978) האָב איך שוין באַמערקט די פאַרבינדונג פון

האלפערנס סטיל מיט דער טראדיציע פון איטשע־מייער ווײַסנבערג. איצט, האָבנדיק שוין פאר זיך זײַן בוך „מײַן ייִכעס", קאָן איך צוגעבן, אז די דאָזיקע פארבינדונג האלפערנס מיט דער טראדיציע האָט א שײַכעס ניט בלויז צו ווײַסנבערגן, נאָר אויך און עפשער אפילע דעריקער צו שאָלעם אשס ליטערארישער טראדיציע.

שאָלעם אש איז, ווי באוווסט, נאָך די קלאסיקער, דער באשעפער פונעם נאציאָנאל־ראָמאנטישן און נאציאָנאל־היסטאָרישן סטיל, פון איין זײַט, און פון דער צווייטער זײַט איז ער דער באשעפער פונעם גראָבלעך־פאָלקסטימלעכן און פלעבעיִשן גאנג פון די „דרײַ פייען" — פישער, פליישער, פורמאנעס, די יונגען פונעם „קוילער־געסל". שאָלעם אש איז געווען דער ערשטער גרויסער קינסטלער, וועלכער איז נאָך די גרונטלייגער — מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם און פערעץ געקומען מיט אן אויסגעשפראָכן פאָלקסטימלעכן סטיל; ער האָט גלענצנדיק פארקערפערט די ניט אנטוויקלטע און ווייניק אנטוויקלטע האמויִנישע אינסטינקטן און געשמאקן פון די האָרעפאשנע פאָלקס־מאסן. שאָלעם אש איז, באזונדערס אפן ערשטן עטאפ פון זײַן שאפן, וואָס איז געווען פארבונדן מיט דער שטורמישער עפאָכע פון דער ערשטער רעוואָליוציע אין רוסלאנד, געווען אין א באשטימטן טייל פון זײַן שאפן דער אויסדריקער און דער קינסטלערישער וואָרטזאָגער פונעם געמיט־צושטאנד פון די ניט־דיפערענצירטע האמויִנישע פאָלקס־מאסן, פון זייערע גראָבע אמעראצישע אינסטינקטן און לײַדנשאפטן.

ער איז אָבער, ווי אלע בורזשואזע שרײַבער, באזונדערס אין דער עפאָכע פון רעוואָליוציע, געווען טיף ווידערשפרעכיק אין זײַן שאפן, און באנאנד מיט דער פאָעמע וועגן דער „כעוורע דרײַ פייען", מיט דער קלאסישער דערציילונג וועגן די יונגען פונעם „קוילער־געסל" שאפט ער זײַן באוווסטע אפאָלאָגיע פון דעם ייִדישן בורזשואזן שטייגער, פונעם פאטריארכאלן ייִדישן גוויר יעכעזקל גאָמבינער („דאָס שטעטל") און די באגײַסטערטע בורזשואזע אידיליע „שלוימע נאָגיד".

שאָלעם אש האָט ווייניק געווירקט אף דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. דאָס דערקלערט זיך הויפטזעכלעך מיט זײַנע אנטיסאָוועטישע ארויסטרעטונגען, מיט זײַנע קינסטלערישע ווערק, אין וועלכע ער גיט א פאלשע פארקערפערונג פון דער רעוואָליוציע (די טרילאָגיע „פארן מאבל": „פעטערבורג", „ווארשע", „מאָסקווע") און אין זײַנע בורזשואז־נאציאָנאליסטישע היסטאָרישע ווערק וועגן דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק אין מיטלאלטער און אלטערטום: „קידעש־האשעם" (1920), „די קישעפמאכערן פון קאסטיליען" (1921), „דער טילימזאָגער" (1937), „דער מאן פון נויצערעס" (1943) און אנדערע. זײַנע ווערק זײַנען איבער זייער פרעמדן צו אונדז אידייִשן אינהאלט ניט ארויסגעגעבן געוואָרן און זײַנען אומבאוווסט דעם סאָוועטישן שרײַבער און דעם סאָוועטישן לייענער. אין דער ראפישער און אין דער ווולגאר־סאָציאָלאָגישער קריטיק איז אש כאראקטעריזירט געוואָרן ווי א „נאציאָנאל־פאשיסטישער" שרײַבער. עס איז דעריבער פארשטענדלעך, אז עס האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן וועגן אשס ווירקונג אף דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור.

בער האלפערן איז אזויארום דער ערשטער און עפשער דער איינציקער ייִדישער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער שרײַבער, וואָס אין זײַן שאפן קאָן מען פעסטשטעלן א באשטימטע פארבינדונג מיט דער אש־טראדיציע, אף וויפל מע קאָן ריידן וועגן אזא טראדיציע. און עס האנדלט זיך דאָ ניט וועגן דער אש־טראדיציע ביכלאל, נאָר וועגן דער פראָגרעסיווער טראדיציע, וועלכע קאָן קריטיש געיארשנט ווערן דורך דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. ווײַל ווי איך האָב שוין געשריבן, איז אש געווען ווידערשפרעכיק. אין די זעלבע יאָרן, ווען ער האָט געשאפן זײַנע נאציאָנאליסטיש־ראָמאנטישע ווערק וועגן דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פונעם ייִדישן פאָלק, האָט ער אויך געשאפן די באוווסטע ווערק וועגן דער הײַנטצײַטיקער לאגע פונעם ארבעטס־מאן אין דער קאפיטאליסטישער אמעריקע, וועגן דער אונטערדריקונג און דער אויסזיכטלאָזער לאגע פונעם האָרעפאשניק אין דער קאפיטאליסטישער וועלט: „אָנקל מאָזעס" (1917), „מאָטקע גאנעוו" (1917).

דאָס פראָגרעסיווע אין אשס שאפן איז דאָס פאָלקסטימלעכע, וואָס אנטפלעקט זיך אמבולעטסטן אין זײַנע בעסערע ווערק וועגן דעם פאָלקס־מענטשן. און דאָ קאָן מען אויך באמערקן געוויסע פעדעם, וועלכע פארבינדן בער האלפערנען מיט שאָלעם אשס ליטערארישער טראדיציע. אין דער נאָוועלע „מײַן ייִכעס" לייענען מיר:

„אין יענעם שטעטל אפן הויכן ברעג ניעמאן האָבן געלעבט א סאך פליטניקעס. דאָס זײַנען געווען רויע קרעפטיקע ייִדן, מיט פענעמער, אויסגעקארבטע פון זון און ווינט, מיט גראָבע שטימען, וואָס האָבן געקלונגען פון איין ברעג טײַך ביזן צווייטן, ניט זעלטן מיט ווערטעלעך, פון וועלכע די „איידעלע" ייִדן פלעגן אראָפלאָזן די אויגן. מע האָט זיי גערופן „קאצאפן". אין דעם וואָרט איז געלעגן סײַ אָפשײַ צו זייער פיזישן קויעך, סײַ אָפשפאָט פון זייער גײַסטיקן מעהוס".

„שפעט אין הארבסט פלעגן זיי זיך באווײַזן אין שטעטל. מיט פענעמער, אָפגעסמאליעטע פון זון און ווינט, אין הויכע שטיוואלעס, זײַנען זיי געגאנגען מיט א שווערן טראָט, און די גאס האָט געקלונגען מיט זייערע הויכע הייזעריקע קוילעס. די סונדוקלעך האָבן זיך געוויגט אף די פלייצעס, און אין די קעשענעס האָבן שטאָלץ געקלונגען די פארהאָרעוועטע קארבאָוואנצעס".

„ווינטער־צײַט פלעגן די פליטניקעס זיצן אין שענק, שפילן אין קאָרטן, זינגען הולטײַסקע לידער, אף אן אסיפע אין בעסמעדרעש פלעגן זיי

צו דער גרויסער שרעק פון „באַלעבאַטים״ זיך
יאַוועט אין איין קאָמפּאַניע און אַרײַנטראָגן אַהין
דעם „בונטאַרסקן דוך״. אַזוי פּלעגן זיי אויס־
לאָדן זייער ענערגיע. אַמאָל האָט זיך עס געענ־
דיקט מיט אַראָפּזעצן דעם גאַבע, מיט פֿאַרשע־
מען עפּעס אַ באַלעבאַטישע באָרד, וואָס האַלט
די „קאָראָבקע״, נאָר אָפטער — מיט גאָרנישט.
די באַלעבאַטים האָבן זיי געלאָזט זיך אויס־
שרײַען און ווײַטער געהאַלטן די לייצעס אין
געניטע הענט״.

אַז מע לייענט אָט די שורעס בײַ בער האַל־
פּערנען, דערמאָנט מען זיך אין דער כוואַרע
דרײַ פּייען פֿונעם קוילער־געסל, וועלכע האָבן,
ווי עס דערציילט שאָלעם אַש, „זיך ניט שטאַרק
געכאַוועט מיט די מעיוכאָסים פֿון אַנדערע געס־
לעך. זיי פּלעגן זיי רופֿן „אויסגעווייקטע ייִדן״.
פּלעגט זיך עפּעס מאַכן אַן אַליאַרעם אין געסל,
„האָבן זיך געפֿונען כוואַרעלײַט, — די דישלען
האָט מען פֿון די וועגן (וואָגנס — ה. ר.) אַרויס־
גענומען, פּרענטעס אײַזן האָט מען פֿון די לאָדנס
אַראָפּגעריסן, ביימער, וואָס וואַקסן פֿאַר די
טירן, האָט מען פֿון דער ערד אַרויסגעריסן און
מיט דעם אין גאַס ווײַזן: „ווער איך בין!״
„נאָר, אַז עס האָט זיך געמאַכט, ווען מע האָט
געדאַרפֿט עפּעס צום הימל, ווי אַ קוויטל
שרײַבן פֿאַר אַ קראַנק קינד צום רעבן אָדער אַ
קאַפּיטל טילים זאָגן (צו דעם קיין גרויסע בע־
ריעס זײַנען זיי שוין ניט געווען), האָבן זיי
געמוזט אָנקומען צום בעסמעדרעש־געסל״.

היסטאָריזם און פֿאָלקסטימלעכקײַט — דאָס
זײַנען די גרונט־שטריכן פֿון בער האַלפּערנס
סטיל ניט בלויז אין די נאָוועלן, ווו ער מאָלט
די פֿאַרגאַנגענהײַט, נאָר אויך אין די, ווו ער
דערציילט וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט. די פּאַ־
בולע, די טעמע, די געשעענישן, די געשטאַלטן
אין דער מערהײַט הײַנטצײַטיקע נאָוועלן אין
בוך „מײַן ייִכעס״ האָבן אַ היסטאָרישן און
פֿאָלקסטימלעכן אידייִשן און קינסטלערישן
אינהאַלט. און טאָך האָבן מיר צו טאָן מיט צוויי
גרונט־טעמעס: די געשעענישן, וואָס זײַנען
פֿאַרבונדן מיט דער הערשאַפֿט פֿון דער פֿאַ־
שיסטישער דיקטאַטור אין ליטע ביז דער מיל־
כאָמע, מיט די שווערע יאָרן פֿון דער היטלעריי־
שער אָקופּאַציע און מיט דעם פּראָצעס פֿון אויפֿ־
שטעלן דאָס לעבן אין לאַנד נאָך דער מילכאָמע.
האַלפּערן קאָנצענטרירט די אויפֿמערקזאַמקײַט
מערער אויפֿן היסטאָרישן מאָמענט, איידער אויפֿן
שטייגערישן. דערציילנדיק וועגן דעם גוירל פֿון
מענטשן, האָט ער מער אין זינען דעם היסטאָ־
רישן גוירל פֿונעם פֿאָלק און פֿונעם לאַנד. דאָס
איז באַזונדערס צו זען אין אַזעלכע נאָוועלן, ווי
„די רײַזע קיין האַמבורג״, „דער מאַן אין גרוי־
ען״, „אָ, דידקאָ״ און אַנדערע. אין דער נאָוועלע
„די רײַזע קיין האַמבורג״ איז באַזונדערס בולט
אונטערגעשטראָכן דער היסטאָרישער מאָ־
מענט פֿון די געשעענישן אין די יאָרן פֿון דער
צווייטער וועלט־מילכאָמע און די גרוילן, וואָס
די דײַטשישע פֿאַשיסטישע מענוואָלים האָבן
געבראַכט דער באַפֿעלקערונג. מיר האָבן שוין
ניט וויייניק געלייענט קינסטלערישע, דאָקומענ־
טאַלע, מעמואַריסטישע, פּובליציסטישע ווערק
וועגן אָט די שוידערלעכע געשעענישן. אָבער
אַזעלכע נאָוועלן, ווי „די רײַזע קיין האַמבורג״,
דערשיטערן אונדז ווידער.

אין אַ רײ נאָוועלן ווערט געשילדערט דער
נײַער שטייגער, די פּסיכאָלאָגיע פֿון דער יוגנט,
וואָס לערנט און בויט, די אונטערשיידן און
קעגנזעצלעכע פֿאַרגלײַכן פֿונעם לעבן בײַ אונדז
אין לאַנד און אין אויסלאַנד („דער מאַן אין
גרויען״, „דער ייִשוּווניק״, „אַנקע און די באָ־
בע״, „זאַלמענס טעג און נעכט״, „די קאָמיוגיי־
סטקע״, „שקיִע״ און נאָך אַנדערע). און אויך
דאָ, אין די נאָוועלן וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט,
טרעפֿן מיר בײַ בער האַלפּערנען דעם גוטן פֿאַר־
שטאַנד פֿון אינטערנאַציאָנאַלן ברידערלעכן
פֿעלקער־צוזאַמענלעבן אויף נײַע יעסוידעס פֿון
שעפֿערישער צוזאַמענאַרבעט. און טאָך איז דאָס
ניט בלויז קינסטלערישע בילדער פֿון סאָציאַלן
שטייגער און סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, נאָר אויך
אין אַ באַשטימטן זין די געשיכטע פֿון פֿעל־
קער — פֿון ייִדן און ליטווינער — פֿאַר דעם
לעצטן האַלבן יאָרהונדערט פֿון שטורעמדיקע
היסטאָרישע געשעענישן.

בער האַלפּערנס בוך — דאָס איז עפּישע דער־
ציילערישע שילדערונג וועגן נעכטן און הײַנט.
דער גאַנצער בוך, וואָס באַשטייט פֿון 34 נאָ־
וועלן, בילדעט אַ קינסטלערישע איינהײַט פֿון
אידייִש־פֿילאָסאָפֿישן אינהאַלט, פֿון שעפֿערישן
קינסטלערישן סטיל און פֿון ליטעראַריש־קינ־
סטלערישער שפּראַך.

האַלפּערנס שפּראַך פֿאַרדינט אַ ספּעציעלע
אויספֿאָרשונג. אין זײַן ליטעראַרישן סטיל זײַ־
נען אַקומולירט אָנזאַמלונגען פֿון אייראָפּעיִשע,
סלאַווישע און העברעיִשע שפּראַכן, ווערטער
און אויסדרוקן פֿון פֿאָלקלאָר און אָנזאַמלונגען
פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, פֿון דעם
קלאַסישן, נאָכקלאַסישן פּעריאָד איִרן און פֿון
דער נײַסטער, פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער
ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין אויס־
לאַנד. אָט די אַלע שפּראַך־טענדענצן און
שטרעמונגען קרייצן זיך איבער אין זײַן סטיל,
בילדנדיק אַן איינהײַטלעכע שעפֿערישע דער־
שײַנונג פֿון רײַכער און רײַפֿער שפּראַך־קול־
טור. איך וועל דאָ ברענגען בלויז עטלעכע
בײַשפּילן פֿון העברעיִזמען אין בוך „מײַן
ייִכעס״.

העברעיִשע ווערטער און אויסדרוקן ווערן
געבראַכט אין האַלפּערנס נאָוועלעס ניט ווי אַ
צוואַנגס־אַסאָרטימענט, ניט ווי באַרימערײַ,
קעדיי צו באַווײַזן, אַז דער אַווטאָר איז אַ מייוון
אין די קליינע אויסיעלעך. העברעיִזמען זײַנען
אַן אָרגאַנישער און נאַטירלעכער באַשטאַנד־טייל
פֿונעם גאַנצן ווערק, און דאָס איז דורכויס כאַ־
ראַקטעריסטיש פֿאַר דעם אידייִשן און פֿילאָ־
סאָפֿישן אינהאַלט זײַנעם, פֿאַר דער געשילדער־
טער סאָציאַלער סוויווע, פֿאַר דער צײַט, ווען
עס קומען פֿאָר די געשילדערטע געשעענישן,
פֿאַר דעם אַרט דענקען און ריידן פֿון די פּער־

סאָנאזשן און פאַר דער גאַנצער קולטור פונעם אויטאָר.

אַז דער אויטאָר זאָגט „דפוס האָאלמאָנאָ וועהאָאכים ראָם", איז דאָס פאַרבונדן מיט א היסטאָרישן פאַקט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור אין 19־טן יאָרהונדערט. אַנדערש זאָגן קאָן מען ניט. און עס איז נאַטירלעך, ווען ער דערציילט אין דער נאָוועלע „א דרײַערל אף שאבעס" וועגן דער ארבעט פון די זעצערס אין דער טיפּאָגראַפיע פון דער אלמאָנע ראָם, אַז „אין די בלויע טמימעסדיקע אויגן דווייקעס, יעדער נײַער פּאָסעק, וואָס ער זעצט אויס, איז פאַר אים א מאַטן־טוירע". דאָ זײַנען צום אָרט די העברעיִשע ווערטער און אויסדרוקן „דווייקעס" און „מאַטן־טוירע", האַגאַם פאַרן הײַנטצײַטיקן לייענער דאַרפן זיי אופגעקלערט ווערן. נאַטירלעך און אָרגאַניש זײַנען אויך די אויסדרוקן און די ווערטער, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אײַזיק־מײַער דיק: „דער קאָרעקטאָר איז ניט נאָר דער באַהאַוונטסטער פון זיי אין טוירע און אין דיקדעק, נאָר אויך דער געבילדעטסטער אין דוואָרים כיצוינים", און ווײַטער: „ער געהערט צו בייס־הילעל און ניט צו בייס־שאַמײַ".

מיר באַגעגענען אין האַלפּערנס נאָוועלן די ווערטער און אויסדרוקן: „א שווײַגנדיקער האַדראַס־פּאָנעמדיקער ייִד", „גײַוועדיקע סימכע", „בײַשער בעכיין", „קייפּל קיפּלאַיִם", „פּאַרנעס גאָדל", „אין איין קעהערעף־איִן", „צורעס־אַס", „די שאַרפע גרויע אויגן זײַנען בוידעק אָס נאָך אָס, נעקודע נאָך נעקודע", „אילויִם שאָקלען זיך און זײַנען מאַסיג סיסרײַ־טוירע", „לעאָן גרין איז א מײַדים", „אמוד האָאייש" און נאָך פיל אַנדערע. אין דער גרעסטער מערהײַט זייערער זײַנען אָט די אויסדרוקן און ווערטער נייטיק און צום אָרט. זיי באַרײַכערן דעם קאָלאָריט און די אַטמאָספער פון דער שילדערונג, פילן אָן דאָס געמאָלטע בילד מיט פאַרבן, מיט פאַרשיידנאַרטיקײַט און פילאַרטיקײַט פון קאָלירן, מיט אַלערליי פסיכאָלאָגישע שאַטירונגען.

פונדעסטוועגן, דאַכט מיר, זײַנען פאַראַן אויך איבערפלייצונגען פון העברעיִשע טעקסטן אין אייניקע נאָוועלן. איך האָב דאָ אינזינען אין דער ערשטער ריי די נאָוועלע „וואָס זאָגט קויהעלעס", וואָס איז ביכלאַל קאָנסטרויִרט ניט גענוג קאָנסעקווענט, און די העברעיִשע טעקסטן זעען אויס ווי צוגעטשעפּעטע און פרעמדע.

ביכלאַל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די נאָוועלן פון האַלפּערנס „מײַן ייִכעס" זײַנען ניט פון איינעם און דעם זעלבן ניוואָ. באַנאַנד מיט עכט קינסטלערישע זײַנען פאַראַן ווייניקער געלונגענע נאָוועלן (לעמאָשל, „דער מאַן אין גרויען", „וואָס זאָגט קויהעלעס"). אָבער ניט דאָס איז וויכטיק און אַנטשיידנדיק פאַר אָט דעם בוך. מע קאָן זיכער זאָגן, אַז מיט בער האַלפּערנס בוך „מײַן ייִכעס" האָט די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור באַקומען אַן עכט וויכטיקן בוך קינסטלערישע פּראָזע.

אווראָם רובינשטיין

יאַנקעוו ליבערט

וועגן אווראָם גאָלדפאַדענען, דעם פּאָטער פונעם ייִדישן טעאַטער, האָט מען א סאַך געשריבן. אונדזערע מיטצײַטלער ווייסן גוט גאָלדפאַדענס מער פּאָפּולערע פּיעסן: „די קישעפמאַכערן", „שולאַמיס", „באַר־קאָכבא", „צוויי קונילעמלעך" און אנד., אָבער די אַקטיאָרן פון גאָלדפאַדענס „כיידער" געדענקט שוין ניט אונדזער דאָר. מענטשן פונעם עלטערן און מיטעלן דאָר דערמאָנען זיך אין פיל אַקטיאָרן פון דער צווייטער פּאָרמאַציע פונעם ייִדישן טעאַטער, בעראָש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען דער באַוווּסטער רעפּאָרמאַטאָר פון דער ייִדישער טעאַטראַלער קונסט יאַנקעוו גאָרדין. אין סאַמע אָנהייב פון 20־טן יאָרהונדערט ווערט ער דער הערשער פון דער ייִדישער בינע. אַדאַנק זײַן נײַער דראַמאַטורגישער שאַפונג, זײַנע גלענצנדע סצענישע אײַנפאַלן, זײַן אָפענעם דראַנג צו שפּאַנען אין איין ריי מיט די בעסטע שעפער פון דער אַלוועלטלעכער קלאַסישער דראַמאַטורגיע, ווערט געשאַפן א וויכטיקער פּעריאָד אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער. אַף גאָרדינס רעפּערטואַר, אָדער, ווי מע פלעגט זאָגן, אַף זײַנע „ליטעראַרישע פּיעסן" האָבן זיך דערצויגן באַדײַטנדיקע ייִדישע שוישפּילער. איינער פון זיי, וואָס האָט דערלעבט צום סאָוועטישן פּעריאָד און צענדליקער יאָרן געשאַפן אין ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון אוקראַיִנע אַפן נאָמען פון שאָלעם־אַלייכעם, — איז געווען יאַנקעוו ליבערט.

י. ליבערט איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין 1874 בא אָרעמע עלטערן. דער פּאָטער, לויטן פאַך א סטאָליער, איז געווען אויך א טרעגער, שטענדיק געזוכט פּאַרנאָסע. דער קומענדיקער אַקטיאָר איז צו צען יאָר אָפּגעגעבן געוואָרן אַף אַרבעט אין א ייִדישער דרוקערײַ. איינצײַטיק איז ער געווען א מעשוירער בא א כאַזן.

העכער זעכציק יאָר האָט י. ליבערט געטרײַ געדינט דער ייִדישער טעאַטראַלער קונסט. זײַן טעטיקײַט שפּיגלט אָפּ די לעבעדיקע געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער. ער איז געווען איינער פון די געציילטע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם וועג פון גאָלדפאַדענס בינע ביזן סאָוועטישן טעאַטער.

נאָך ייִנגלווײַז איז ליבערטן באַשערט געווען זיך באַגעגענען מיט גאָלדפאַדענען און אָנקומען אין זײַן טרופּע, וואָס האָט גאַסטראָלירט אין וואַרשע. די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען א באַשליסנדיקע פאַר דער אַנטוויקלונג פון ליבערטס טאַלאַנט. ער ווערט זייער פאַרכאַפּט פונעם טעאַטער און קאָפּירט הינטער די קוליסן און אין שטוב פיל אַקטיאָרן. גאָלדפאַדען באַמערקט עס און גיט אים שפּילן צוגעפּאַסטע צו זײַן עלטער ראָלן. ליבערט באַטייליקט זיך אין „קנאַבן־כאָר" (געזונגען, לעמאָשל, „הייסע באַבקעלעך" אין דער פּיעסע „די קישעפמאַכערן"), נעמט אָן אָנטייל אין די מאַסן־סצענעס פון פיל פאָרשטעלונגען, וועלכע גאָלדפאַדען אַליין האָט שטענדיק אויפגעפירט אַלס רעזשיסער. נאָך א ייִנגל פון דרײַצן־פערצן יאָר, האָט ליבערט אַף שטענדיק פאַרגעדענקט דעם „גרונט־געזעץ" פון גאָלדפאַדענס שול — די גרייטקײַט שטענדיק זיך מאַקריוו זײַן פאַר דער בינע.

ווען ס'איז אַרויס דער געזעץ וועגן פאַרווערן שפּילן אין ייִדיש (1887), האָט גאָלדפאַדען עמיגרירט קיין אַמעריקע. א שטיק צײַט איז ליבערט געווען פאַרנומען אַלס אַרבעטער אין א פּוילישער דרוקערײַ און האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט אָנווענדן די טעאַטער־ענערגיע, וועלכע האָט אין אים געברויזט. נאָר אויך דאָ האָט ליבערטן אָפּגעגליקט. אים איז געקומען צו הילף דער באַלעבאָס פון דער דרוקערײַ, אַן אַקטיאָר פון פּוילישע טעאַטערן, וועלכער האָט געגעבן אים א מעגלעכקײַט אָפּט באַזוכן ספּעקטאַקלען און באַקאַנט אים מיט טעאַטראַלער טעכניק און אויסשטאַטונג, וועלכע די ייִדישע בינע האָט נאָך דאַן ניט פאַרמאָגט. דאָס האָט ליבערטן שטאַרק מיטגעהאָלפן אין זײַנע ווײַטערדיקע לעבנס־פּלענער, וואָס זײַנען געווען פאַרבונדן מיט שפּילן אין ייִדישן טעאַטער.

אין 1888 אָרגאַניזירט ליבערט א ייִדישן דראַמאַטישן ליבהאָבער־קרײַז, ווו עס האָבן אָנגעהויבן שפּילן די יונגע אָנפאַנגער: עסטער־ראָכל קאַמינסקע, אווראָם־ייִצכאָק קאַמינסקי, בערמאַן,

טיטלמאַן, טרילינג און אַנד. אָט דער קרײַז האָט קימאַט אַף אַן אומלעגאַלן אופן פֿאַרגעזעצט דאָס פֿאַרבאָטענע ייִדישע טעאַטער־שפּילן און זיך אָנגעשטויסן אַף גרויסע שטערונגען מיצאַד דער צאַרישער פּאָליציי. ליבערט איז געווען דאָס האַרץ און די נעשאָמע פון דעם קרײַז, ווו מע האָט אַמערסטנס געשפּילט גאָלדפאַדענס פּיעסן.

אין א יאָר ארום איז צו דעם קרײַז צוגעשטאַנען דער באַוווסטער אין יענער צײַט רעזשיסער און אַקטיאָר יוליס אָסקאַר. מיט ליבערטס הילף האָט ער געשאַפן פון דעם קרײַז א מין אייגנאַרטיקן ייִדישן טעאַטער.

אַדאַנק דער באַמיִונג פון דער רוסישער טעאַטער־טוערן אַלגינסקאַיאַ, באַקומט ליבערט אין 1892 א דערלויבעניש צו שפּילן אין וואַרשע אַף „ייִדיש־דײַטש“ צוזאַמען מיט דער רוסישער טרופּע. אין א יאָר אַרום ווערט די דערלויבעניש אַנולירט.

אין אָט דער צײַט קומט צו פאָרן קיין וואַרשע אווראָם פישזאָן, א באַהאַוונטער אין קריגן דערלויבענישן אַף צו שפּילן טעאַטער. און כאָטש ער איז מער באַוווסט אַלס עקספּלואַטאַטאָר־אונטערנעמער, איידער אַלס קינסטלער, באַשטייט אָבער זײַן פאַרדינסט אין דעם, וואָס ער האָט אין יענער פינצטערער צײַט צונויפגעשטעלט טרופּעס און געשפּילט אין פיל שטעט און שטעטלעך. אין וואַרשע האָט פישזאָן אַנגאַזשירט צו זיך אין דער טרופּע י. ליבערטן און נאָך אייניקע אַקטיאָרן פון זײַן קרײַז. עלף יאָר האָט ליבערט געוואַנדערט מיט פישזאָנס טרופּע איבער די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד, אוקראַיִנע, אַריבערטראָגנדיק נעגישעס און צאָרעס פון דער צאַרישער מאַכט, נויט און הונגער. ליבערט ווערט איינער פון די באַליבטסטע שוישפּילער. ער פאַרקערפּערט אין זײַן מײַסטערשאַפט די בעסטע טראַדיציעס פון דער אַקטיאָרישער רעאַליסטישער שול. אַזאַ שעפערישע טעטיקײַט האָט באַגעגנט היפּשע שטערונגען אין די באַדינגונגען פון דער טרופּע פון אווראָם פישזאָן, וועלכער איז געווען אי דער אַקטיאָר, אי דער רעזשיסער, אי דער אַנטרעפּרעניאָר, אי דער דירעקטאָר. ליבערט האָט מיט זײַן שפּילן טעאַטער געמיינט ניט נאָר אַמוזירן דעם עולעם, נאָר באַווײַזן אים א שטיק ווירקלעך לעבן און עפּעס אים לערנען. ער פלעגט עס שטענדיק דערגרייכן אַף אַן איבערצײַגעוודיקן אופן.

ליבערטס טעמפּעראַמענט, זײַן אופבראַוזנדיקע דראַמאַטישקײַט האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַזעלכע זײַנע געשטאַלטן, ווי פּאַטער פּאַולוס אין שאַרקאַנסקיס „קאָלנידרע“, איזמאַיִל אין לאַטיינערס „כורבן ירושאָלאַיִם“, יעקל באַלעגאָלע אין ריכטערס „הערצעלע מעיוכעס“, פּאַפּוס אין „באַר־קאָכבאַ“ און פיל אַנדערע. דער זעלבער יאַנקעוו ליבערט, וועלכער איז געווען פול מיט טעמפּעראַמענט און וווּנדערבאַר „געריסן קייטן“ אין די האַרצרײַסנדיקע דראַמעס, פלעגט גאָר אַנדערש שפּילן אין גאָרדינס, ליבינס, פּינסקיס און זודערמאַנס פּיעסן. דאָ פלעגט ער פאַרבײַטן דאָס שטורעמדיקע מיט א צאַרטער שטילקײַט, מיט איידלקײַט און אינטימקײַט.

אין באַשטאַנד פון א. פישזאָנס טרופּע האָט י. ליבערט געוואַנדערט ביזן 1905, נאָכדעם קערט ער זיך אום קיין וואַרשע, ווו ער אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט עסטער־ראָכל קאַמינסקע און מיט אַנדערע טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן פון יענער צײַט די ליטעראַריש־קינסטלערישע טרופּע. אין זײַנע שמועסן מיט פרײַנט פלעגט ער אָפּט באַטאָנען, אַז דער גרויסער רעוואָליוציאָנערער מאַסן־אופבראַוז אין 1905 האָט געהאַט אַף זײַן שאַפונג אַן אַנטשיידנדע ווירקונג און אים געגעבן נײַע סטימולן פאַר קינסטלערישן וווּקס. אין אָט די יאָרן איז ווידעראַמאָל האַלבדערלויבט געוואָרן שפּילן ייִדיש־טעאַטער אין צאַרישן פוילן. ליבערט האָט זיך דעמלט געפונען אונטערן פּרוכטבאַרן קינסטלערישן אײַנפלוס פון עסטער־ראָכל קאַמינסקע און איז געוואָרן דער שטענדיקער באַגלייטער אַף אַלע אירע וועגן. דאָס זײַנען געווען די בעסטע יאָרן אין זײַן שעפערישן אופשטײַג. דאָס צוזאַמענשפּילן פון די צוויי קינסטלער האָט געשאַפן א וווּנדערלעכע האַרמאָניע. ס'איז געווען א „דועט פון צוויי גרויסע שטערן“ פון דער ייִדישער בינע. פון אים האָט געשטראַלט מיט א באַזונדער כיין, געאָטעמט מיט א האַרציקער וואַרעמקײַט, וועלכע דער צושויער האָט אופגענומען מיט באַגײַסטערונג. ליבערט איז געווען איינער פון די ווייניקע אַקטיאָרן פון יענער צײַט, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז שפּילן טעאַטער איז ניט נאָר א פאַך, נאָר קונסט.

אין 1905 האָט ליבערט דער ערשטער אופגעפירט אַף דער ייִדישער בינע מ. גאָרקיס פּיעסע „אַפן דעק“, אין וועלכער ער האָט גלענצנד געשפּילט סאַטינען. וועגן דער אופירונג פון גאָרקיס פּיעסע האָט דאַן פיל געשריבן די ייִדישע און אַלגעמיינע פּרעסע. א הויכע אָפּשאַצונג האָט געגעבן דעם ספּעקטאַקל י.־ל. פּערעץ.

איינער פון די באַוווסטע קריטיקער פון יענע יאָרן — נויעך פּרילוצקי — האָט אין זײַן בוך „ייִדיש טעאַטער“ געשריבן: „...א גרויס געשעעניש אין לעבן פונעם ייִדישן טעאַטער אין וואַרשע איז געווען די אופפירונג פון מאַקסים גאָרקיס שטיק. „נאַ דניע“ איז ניט גרינג צו שפּילן. איך האָב געזען די פּיעסע אַף די ברעטער פון א פּראָווינציעלער רוסישער סצענע, אויך אַף דער פּוילישער בינע, און ערגעץ האָט זי נישט אויסגענומען אַזוי ווי אין ייִדישן טעאַטער... אין וואַרשע האָבן זיך דאַן אופגעקליבן די בעסטע קרעפטן פון דער ייִדישער בינע, און די פאָרשטעלונגען פלעגן אַדורכגיין ווי א קאָנצערט. ליבערט — אַלס סאַטין, טיטעלמאַן — אַלס אַקטיאָר־אַלקאָהאָליק, ראָכל קאַמינסקע — אַלס וואַסיליסאַ, דראַנאָוו — אַלס קאָוואַל, פרוי סעדראַצקע — אַלס גאַסנפרוי, א. קאַמינסקי — אַלס לוקאַ, — אַלע זײַנען זיי געווען אין די ראָלן,

ווי בא זיך אין דער היים, אייניקע פּאָשעט פּראַכטפולל!..״

מיר האלטן פאר נייטיק ברענגען נאָך אייניקע אויסצוגן פון רעצענזיעס אין דער פּרעסע וועגן ליבערטס שפּיל אין פאַרשיידענע ספּעקטאַקלען:

„...ווען יאנקעוו ליבערט, וואָס איז געוווינט געווען צו שטורעמען און ברויזן אַף דער סצענע, רײַסנדיק קייטן אין „באר־קאָכבא״, אָדער דעקלאַמירנדיק דונערנדיקע מאָנאָלאָגן אין „כינקע־פינקע״, ווען דער זעלביקער ליבערט טרעט ארויס אלס דזשארסקי אין פּשיבישעווסקיס „צוליב גליק״ און שפּילט ווייך, צאַרט, געלאַסן, אויסגעהאַלטן, באַשאַפנדיק אַף דער סצענע א סטיליזירטן סימבאָל, מוז איך שטוינען פאר זײַן מערקווירדיקער אינטויִציע, ווײַל — זאָגט מיר, — ווו האָט ליבערט געקאָנט זען אין לעבן אַזאַ דזשארסקי?..״ („לעבן און וויסנשאַפט״, נומ. 1, 1909).

„ה. ליבערט איז, ווי שטענדיק, זייער גוט אין דער ראָל פון שאלמען („מירעלע עפראָס״), כאָטש די ראָל גיט אים ניט די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זײַן גוואלדיקן טעמפּעראַמענט („אונדזער לעבן״, 1909).

„א טיפּישע, ווי פון פעלדז אויסגעהאַקטע, פיזיש־רײַכע און גײַסטיק־אָרעמע פיגור האָט געשאַפן י. ליבערט אלס אייביש. („דאָרט, 7 יאנוואר, 1910).

אין 1908 האָט ליבערט צוזאמען מיט עסטער־ראָכל קאַמינסקע גאַסטראָלירט אין פּעטערבורג. די ייִדישע און אלגעמיינע פּרעסע האָבן געגעבן א הויכע אָפּשאַצונג אלע פאָרשטעלונגען פון דער ייִדישער ליטערארישער טרופּע און באַזונדער אויסגעטיילט דעם הויכן ניוואָ פון טעאַטראַלער מײַסטערשאַפט פון ע.־ר. קאַמינסקע און י. ליבערט. בײַם מע האָט מיט גרויס פּאַראַד אָפּגעמערקט דעם 15־יאָריקן יובילײ פון עסטער־ראָכל קאַמינסקעס טעאַטראַלער טעטיקײַט, האָט מען אַף דער פײַערונג אויך אָפּגעשאַצט פיל אַקטיאָרן פון דער טרופּע און די בעסטע פון זײ — י. ליבערטן און ה. ווייסמאַנען באַשאָנקען מיט זילבערנע קראַנצן. אין א יאָר ארום האָט די טרופּע ווידער גאַסטראָלירט מיט גרויס דערפאָלג אין פּעטערבורג און אין פיל אנדערע שטעט פון רוסלאַנד. אין 1911 זײַנען פאָרגעזעצט געוואָרן גאַסטראָלן איבער די שטעט פון וואָלגע, סיביר און אנדערע טײלן פון מיזרעך־רוסלאַנד. אין 1914 גאַסטראָלירט ליבערט אין פּאַריזש, און נאָך דער אויסלענדישער רײַזע וואַנדערט ער ווידער איבער די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד.

י. ליבערט איז, פּונקט ווי ע.־ר. קאַמינסקע, געווען דאָס האַרץ און די נשמה פון דער באַוווּסטער „ליטעראַרישער״ און שפּעטער „פאַראײניקטער״ טרופּע אין וואַרשע. די דאָזיקע טרופּעס האָבן אַרײַנגעשריבן דאָס שענסטע בלעטל אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

פון די ערשטע טעג פון דער סאָוועטנמאַכט האָט זיך אָנגעהויבן א לעבהאַפטע אַרבעט אין קלובן און אין נײַ־אָרגאַניזירטע ייִדישע טעאַטערן. יאַנקעוו ליבערט פאָרט ארום איבער אוקראַיִנע. ער איז אײנער פון די גרינדער (אין 1918) פונעם ערשטן ייִדישן מעלוכע־טעאַטער אין קיִעוו „אונדזער ווינקל״. אין 1920, ווען דער טעאַטער איז געפאָרן אַף גאַסטראָלן קיין אָדעס, זײַנען אַף דער סטאַנציע קאַזאַטין אָנגעפאַלן אַפן צוג די ווײַספּאָליאַקן און מערדעריש אויסגעהאַרגעט דעם מענער־באַשטאַנד פון דער טרופּע. ליבערט איז געווען שווער פאַרוווּנדעט און אַלפּי־נעס געבליבן לעבן. ווען זײַנע ווונדן האָבן זיך פאַרהיילט, האָט ער א קורצע צײַט געאַרבעט אלס אָנפירער פון א דראַמאַטישן קרײַז אין בערדיטשעוו. שפּעטער אַרבעט ער אין וויניצע, ביז ער קומט אָן אינעם אָדעסער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, ווו ער איז טעטיק אלס אַקטיאָר און רעזשיסער.

די לעצטע זעכצן יאָר איז ליבערט געווען טעטיק אין ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון אוסער אַף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען. ער פלעגט מיט גרויס דערפאָלג און מײַסטערשאַפט אויפטרעטן סײַ אין די בעסטע דראַמאַטורגישע ווערק פונעם אַמאָליקן רעפּערטואַר, סײַ אין די פּיעסן פון די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגן. אין ליבערטס פּערזאָן האָבן מיר געזען א לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דער רײַכער שעפערישער אַקטיאָרישער דערפאַרונג. דער צושויער האָט אויך געשאַצט יאַנקעוו ליבערטס אַקטיאָרישע קונסט. אין די לעצטע יאָרן פון זײַן טעאַטראַלער טעטיקײַט האָט ער געשפּילט די ראָלן פון דע סילוואַ אין „אוריִעל אַקאָסטאַ״, דעם צאַדיק אין די „רעקרוטן״, פּעטראָ אין „זיאַמקע קאָפּאַטש״, דעם שאַדכן אין פּערעצעס „שוועסטער״, זײַוול אין „מישפּאָכע אָוואַדיס״ און א רײ אַנדערע.

פאַר די 60 יאָר, וואָס ליבערט האָט געשפּילט אַף דער ייִדישער בינע, האָט ער געשאַפן 600 סצעניִשע געשטאַלטן. ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן איז ער געווען א שעפערישער מענטש, וועלכער האָט מיט זײַן גאַנצן וועזן טרײַ געדינט דער ייִדישער טעאַטראַלער קונסט און שטאָלץ געטראָגן דעם נאָמען פון א סאָוועטישן ייִדישן אַקטיאָר.

בריוו פון יידישע שרייבער

פון ז. וועענדראָפּס עפּיסטאָלאַרישער ירושה

צו ג. קעניג[1]

4 יאַנוואַר 1957

ליבער כאַווער קעניג!

אײַער בריוול פונעם 20־טן דעקאַבער איז מיר אָנגעקומען ערשט הײַנט, דעם 14־טן יאַנוואַר. דאָס איז אין דער עפּאָכע פון ראַקעט־אַעראָפּלאַנען...

איך שיק אײַך א באַגריסונג[2] **און א קליינע זאַך פאַר אײַער יובילײ־נומער. איך האָב איבערגעגעבן אײַער באַקאָשע מײַנע כאַווירים־שרײַבער. מינאַסטאַם וועט זיך עמעצער פון זיי אָפּרופן.**

איר ווייסט שוין, וואַרשײַנלעך, אַז מיר האָבן דאָ געהאַט אין הויז פון די מאָסקווער שרײַבער א גרויסן און זייער אימפּאָזאַנטן אָוונט לעקאָוועד ש. האַלקינס 60־טן געבורטסטאָג. פּילצאָליקע רעדנער — באַוווּסטע רוסישע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער האָבן אים זייער וואַרעם באַגריסט. זײַן שאַפונג האָט באַקומען אַן אויסערגעווײנלעך הויכע, האַרציקע און וואַרעמע אָפּשאַצונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 60־יאָריקן יובילײ איז האַלקין באַלוינט געוואָרן פון דער סאָוועט־רעגירונג מיט דעם אָרדען „רויטע אַרבעטס־פאָן".

אײַער צײַטונג באַקום איך מער־ווייניקער רעגלמעסיק, כאָטש מיט א היפּשער פאַרשפּעטיקונג. נאָר ווי זאָגט עפּעס דאָס רוסישע פאָלקסווערטל: בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל ניט...

זײַט מיר געגריסט, איר און די איבעריקע כאַווירים פון דער רעדאַקציע. עס ווינטשט אײַך אַלעמען א יאָר פון געזונט און פּרוכטבאַרער אַרבעט

— אײַער

ז. וועענדראָף.

צו דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד"

30 יוני 1961

כאָשעווע רעדאַקציע!

אָף אײַער פראַגע: וואָס וועל איך שרײַבן אָדער פאַרענדיקן אין 1962 יאָר, קאָן איך אײַך, ליידער, קיין גענויעם ענטפער ניט געבן, ווײַל מענטשן פון מײַן עלטער און פון מײַן געזונט־צושטאַנד דאַרפן האָבן גענוג סייכל ניט צו מאַכן קיין פּלענער אָף איבעראיאָר. איך קאָן אײַך בלויז זאָגן, וואָס איך האָב פאַרטיק הײַנט־צו־טאָג: 1) מײַן „פּאָוועסט" (די לעצטע טייל איבערגעאַרבעט) „מיסטער קייפּוויץ איז אַנטוישט" (3 דרוקבויגן) און א „פּאָוועסט" „אָף פרעמדער ערד", פונעם לעבן פון יִדישע אַרבעטער־אימיגראַנטן אין ענגלאַנד (2 און א האַלב דרוקבויגן). נאָך מײַן מיינונג, ווי א ספּעציִאַליסט „פּאָ אינאָסטראַנים דעלאַם", זײַנען עס גאָר נישקאָשעדיקע זאַכן. טאָמער וועט די רעדאַקציע האָבן אַן אַנדער מיינונג, וועט עס אויך ניט זײַן קיין סיבע פאַר באַרויגעז...

אָף וועלכע טעמעס איך וועל שרײַבן פאַר דער „טריבונע"[3]**, קאָן איך פאָרויס ניט זאָגן. אַזעלכע זאַכן ווערן, לויט מײַן מיינונג, געשריבן אונטערן אימפּולס פונעם מאָמענט, ווען עס ווערט צײַטיק א פּראָבלעם אָדער א געדאַנק, וואָס קאָן האָבן אַן אַלגעמיינעם אינטערעס. אין קאָפּ באַמבלען זיך פאַרשיידענע ראַיוינעס, און כיישעק צו שרײַבן פעלט ניט, נאָר קויכעס...**

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, צי וועט דער זשורנאַל געבן קולטור־כראָניק פון יִדישן קולטור־לעבן בא אונדז און אין אויסלאַנד.

מיט כאַווערישן גרוס און אַכטונג —

ז. וועענדראָף

צו א. מאַרעווסקין[4]

אווגוסט 1961

כאַשעוווער און טײַערער פרײַנט אבראם ווע־
ניאַמינאָוויטש!

איך האָב א ביסל פאַרשפעטיקט מיט מײַן ענטפער אף אײַער בריוו, ווײַל מיר ווינען דעם גאַנצן זומער אף דאַטשע א מײַל 40 הינטער מאָסקווע, און די בריוו, וואָס זײַנען אדרעסירט אף מײַן שטאָטישן אדרעס, קומען מיר אָן מיט א פאַרשפעטיקונג, ווען ליובע פאָרט אין שטאָט — אומגעפער איין מאָל אין צוויי וואָכן.

די פראַגע וועגן דער ייִדישער אָרטאָגראַפיע באַאומרויִקט מיך אזוי גוט, ווי אײַך. כאָטש עס זײַנען שוין פאַרבײַ עטלעכע צענדליק יאָר, זינט די „רעפאָרמע" איז געמאַכט געוואָרן, קאָן איך זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוווינען צו דעם נײַעם אויסלייג פון די העברעיִשע ווערטער. נאָר איידער איך גיי איבער צום עצעם ענין, וויל איך באַמערקן, אז איר מאַכט א טאָעס, ווען איר מיינט, אז די רעפאָרם איז דורכגעפירט געוואָרן עמעצן אף צולאָכעס. ס'איז ניט געווען קיין שום „אין דער מאַמען אַרײַן", ווי איר שרײַבט, נאָר קעדיי צו פאַרגרינגערן די אַנאַלפאַבעטישע אָדער האַלב־אַנאַלפאַבעטישע מאַסן דעם צוטריט צו דער ייִדישער קולטור און ליִטעראַטור. דער זעלביקער מאָטיוו האָט אויך אַרויסגערופן די רעפאָרמע פון דער רוסישער אָרטאָגראַפיע. נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, איז אײַער פאָרשלאָג וועגן „רעפאָרמירן" דעם אויסלייג פון געוויסע העברעיִשע ווערטער און זאַצן זאַכלעך און צו דער צײַט. אָבער, טײַערער פרײַנט מאַרעווסקי, איר ווייסט דאָך, אז אַזעלכע פראַגן ווערן בא אונדז ניט געלייזט דורך א יאָכיד אָדער יעכידים. די רעפאָרמע איז באַשײַטע דורכגעפירט געוואָרן דורך א קאָמפעטענטער קאָמיסיע פון לינגוויסטן און פעדאַגאָגן און איז באַשטעטיקט געוואָרן פון די העכערע געהעריקע אינסטאַנצן, און נאָר אַזעלכע אַדעקוואַטע קערפערשאַפטן זײַנען קאָמפעטענט איבערצוקוקן די פראַגע — א זאַך, וואָס איז הײַנט־צו־טאָג פונקט אַזוי מעגלעך, ווי, לאָמיר זאָגן, צוריק אײַנפירן דעם „יאַט" און דעם „טווערדי זנאַק" אין דער רוסישער שפראַך. מאַכן אַזאַ פאָרשלאָג — מיינט מאַכן זיך צום נאַר. און ווער האָט עס כיישעק פאַרעכנט צו ווערן ווי א טיפעש אף דער עלטער?

איך ווינטש אײַך לאַנגע יאָרן, פיל געזונט און שעפערישע אַרבעט.

— אײַער

ז. ווענדראָף.

צו ג. מאַרגאָליס[5]

6 מאַרץ 1962

מײַן טײַערער אַלטער פרײַנט און כאַווער גורטער, לאַנג לעבן זאָלסטו און געזונט זײַן! דײַן בריוועלע האָט מיר קיין גרויס נאַכעס ניט פאַרשאַפט: וואָס כאַפסטו בא מיר אויס מײַן פראַ־



פעסיע — קרענקען?! מיילע, מיר האָט, ווי סע רעדט זיך, גאָט אַליין געהייסן אונטערהינקען אף ביידע פיס: פאָרט ווײַט שוין אין דעם וועג צו די נײַנציק, אונדז ביידן ביז הונדערט און צוואַנציק! אָבער וואָס פאַר א רעכט האָסטו, א ייִדענע אין בלײַענדיקן עלטער, צו וואַלגערן זיך כאַדאָשים־לאַנג אין שפיטאָל? נאָר, אז ס'האָט זיך שוין אזוי געמאַכט, האַלט שוין אויס דעם ניסויען ביזן סאָף. אויב אָן אָפעראַציע איז אומפאַרמײַדלעך, זאָל עס געמאַכט ווערן. שרעקן זיך איז ניטאָ פאַר וואָס. מיך האָט מען אָפערירט אף מײַן אכציקסטן יאָר, און, ווי דו ווייסט, איז ניט נאָר לעב איך נאָך און ניט נאָר האָט מען געפײַערט מײַן 85־טן יובילײ, נאָר איך בין נאָך אַלץ דער „וועטעראַן" (אָדער וועטערינאַר) פון דער ייִדישער ליטעראַטור, איך שרײַב און פאַרטראַכט נאָך גרויסע איניאָנים. דער עיקער — רויִקײַט און א ווילן צו לעבן. דאָס איז דער בעסטער מיטל געזונט צו ווערן נאָך דער אָפעראַציע. „העלפט אונדז געזונט מאַכן אײַך", — האָבן קעסיידער געפאָדערט פון מיר די דאָקטוירים נאָך מײַן אָפעראַציע. די הילף, האָבן זיי געזאָגט, באַשטייט אינעם שטאַרקן ווילן פון דעם כוילע געזונט צו ווערן און לעבן. און דאָס, ווי איך קען דיך, פעלט דיר ניט. טאָ זײַ זשע געזונט און לאָמיר אײַנגיכן זיך זען און באַנײַען אונדזערע כאַווערישע, האַרציקע שמועסן.

פרעגסט וועגן מײַן געזונט. דאַרף איך דיר ראָטן, דו זאָלסט בא א מענטשן פון מײַן יוגנט קיינמאָל ניט פרעגן וועגן געזונט. מע לעבט, מע גייט, כאָטש פאַוואָלינקע, אף די אייגענע פיס,

דער קאָפּ ארבעט, די הענט דינען צום שרײַבן, איז א סימען, אז מע איז אַלרײַט.

זײַ הארציק געגריסט פון דײַן אלטן פרײַנט, וואָס ווינטשט דיך צו זען געזונט און וואָס גיכער.

דײַן —

ז. וועגדראָף.

צו י. לעווינען[6]

16 מארט 1962

מײַן טײַערער יאנקעוו בען עפראַים!

מע קאָן ניט זאָגן, אז דײַנע בריוולעך זײַנען צו פריילעך. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דו ביסט ניט געוווינט צו קרענקען. ווען דו וואָלסט געקרענקט אזויפיל און אזוי אָפּט, ווי איך, וואָלסטו ניט געמאכט פאר דער צײַט אליין אַף זיך העספּעדים. איך שטארב אויך אלע נאכט לעכאַלאפּאָכעס א האלב צענדליק מאָל, פונדעסטוועגן קלײַב איך זיך נאָך דערווײַל ניט צו פארלאָזן אונדזער זינדיק וועלטל. דו האָסט ערשט איצט אופגעהערט צו קאָנען גיין, און פאר מיר איז שוין לאנג דערקלײַבן זיך צופוס ביז ניקאָלײַ וואסיליעוויטש גאָגאָלן[7] — א העלדנטאַט. טו איך זיך אָן א קויעך און באגיי ווי־ניט־איז דעם העלדנטאַט, כאָטש איך בין ניט שטארק זיכער, אז צוריק וועל איך קומען צופוס... קאָפּ־שווינדל איז א געוויינלעכער איניען אין אונדזערע יונגע יאָרן. קאָפּ־שווינדל פון דערפאָלג איז שעדלעך, אָבער קאָפּשווינדל פון סקלעראָז איז א מאַלכעס האַשאָרעס. דער איקער — ניט פארלירן דעם מוט.

וועגן דעם, וואָס וועט זײַן נאָך אונדז, איז אויך ניט קעדײַ צו זאָרגן: די, וואָס בלײַבן נאָך אונדז, גיבן זיך שוין ווי־ניט־איז אן אייצע. אויב קיינער קאָן קיינעם ניט פארזאָרגן פון יענער וועלט, איז לעמײַ פארביטערן זיך דעם לעצטן צענדליק יאָר מיט זאכן, וואָס מיר קאָנען ניט ענדערן? האקלאל, דערזשיס, בראט! — ווי עס זאָגט דער נאָווי, ליג עטלעכע טעג רויִק, און וועסט ווידער זײַן אָלרײַט, לויט דײַן יונגער עלטער. און טאקע ווי דו זאָגסט: ניע אוגאָוואָרי סיעבע רעביאָנקא וו' זשיוואָטיע.* וועסט נאָך ניט איין מאָל שלעפּן בא מיר פּעק צײַטונגען, אבי געזונט!

זײַ געזונט (לויט אונדזערע יונגע יאָרן) און מאך זיך ניט וויסנדיק פון קאָפּ־שווינדל און קעדוימע אזעלכע קלייניקײַטן. אהין פארשפּעטיקט מען קיינמאָל ניט. ווי פלעגט זאָגן מײַן פעטער, — איך בין טשיקאַווע צו זען, מיט וואָס וועט זיך עס ענדיקן.

איך וואַרט אַף דײַן נאָענטסטן וויזיט אין א וואָך ארום, ניט שפּעטער!

דײַן —

ז. וועגדראָף.

* רעד זיך ניט אײַן קיין קינד אין בויך (רוס.).

צו ג. קעניגן

7 אפּרעל 1962

טײַערער כאווער ג. קעניג!

אנערעך מיט א יאָר צוריק האָב איך אײַך געשריבן וועגן מײַנעם א נאָענטן לאנגיאָריקן כאווער, וועלכער האָט פארפאסט א סעריע אווטאָביאָגראַפישע נאָוועלן פון א גאָר הייפשן ליטעראַרישן ווערט. זיי זײַנען געשריבן אין אן אויסגעצייכנטן ייִדיש, וועלכן עס מעגן מעקאַנע זײַן ניט ווייניק פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטן. איך, פאר די לעצטע 60 יאָר מיט א שמיצל, אויך א שטיקל שרײַבער, האָב זיי געלייענט מיט אינטערעס און מיט עמעסן פארגעניגן, אזוי, אז איך בין זיכער, אז די לייענער וועלן עס אויך אופנעמען מיט פארגעניגן. איר האָט מיר דאַן אַף דעם דאָזיקן בריוו מײַנעם ניט געענטפערט. נאָר איך בין בעטעווע ניט קיין באלגײַווע און שרײַב אײַך נאָכאמאָל. איך ראט אײַך אָנשרײַבן אים און, פארופנדיק זיך אַף מיר, בעטן אים צושיקן אײַך עטלעכע נאָוועלן פאר דער „נײַער פרעסע". איך גאראנטיר אײַך, אז דער לייענער וועט האנאָע האָבן פון זיי. אלקאָל־פּאָנעם שטייען זיי אַף דער הייך פון דער בעלעטריסטיק, וואָס ווערט געדרוקט אין אײַער צײַטונג.

דער אווטאָר, יאנקעוו לעווין (זײַן נאָמען האָט איר געוויס געזען אין דער רעשימע פון די שרײַבער אין „סאָוועטיש היימלאנד"), איז אין די יונגע יאָרן און אין די אלטע יאָרן א פּראָפעסיאָנעלער זשורנאליסט, געווען רעדאקטאָר פון אן אָפּטייל אין דער צײַטונג „איינִיקײַט". אינצווישן האָט ער פארנומען וויכטיקע פּאָסטנס אין סאָוועטישע אינדוסטריִעלע אוןווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגען. ער האָט וואָס צו דערציילן און קאָן דערציילן זייער אינטערעסאנט.

מײַן אייצע איז, איר זאָלט אים אָנשרײַבן א בריוול און בעטן צושיקן אײַך עטלעכע זאכן אַף פּראָבע. און העיויס דער שרײַבער איז א יונגערמאנטשיק מיט גאנצע צוויי יאָר ייִנגער פון מיר און קיין גרויסער גוואר איז ער אויך ניט (אן ערעך פון מײַן קאטעגאָריע גיבוירים), לייגט עס ניט אָפּ און שרײַבט אים באלד אָן.

איך נוץ אויס די געלעגנהײַט צו באדאנקען אײַך פאר דעם אויסשניט פון מײַן לאנג־פארגעסענער דערציילונג און פאר אײַער ווארעם בריוועלע.

מיט אכטונג און פרײַנטשאפט

אײַער —

ז. וועגדראָף.

צו ה. אלעקסאנדראָוון[8]

30 יאנוואר 1967

יעדידע רעב הילעל!

ריישיס, א הארציקן דאנק אײַך פאר אײַער ווארעמער באגריסונג און פאר די גוטע ווונטשן צו מײַן 90־טן געבוירנטאָג. ווען עס וואָלט מעקוייעם געוואָרן כאָטש א צענטכיילעק פון די

גוטע וווּנטשן, וואָס איך האָב באַקומען מיקאָל טפוצעס יִיסראָעל, וואָלט איך געוווּנען געזונט, ווי אויג מעלעך האַבאָשן, רײַך ווי קורעך, קלוג, ווי שלוימע האַמעלעך צי, לעכאָלאָפּאָכעס, ווי לאָוואָן... נאָר דאָס איז דאָך שוין דער גורל פון א יובילאַר, אַז ער מוז, נעבעך, אַראָפּשלינגען אַזעלכע פּאַרציעס יובילײַ־סאַכאַרין, וועלכע ס׳איז שווער צו פאַרדײַען. נאָר, מײַלע, בעסער סאַכאַרין, איידער שפּילקעס באַשאָטן מיט פעפער.

יעדעס מאָל, ווען איך האָב זיך מיט אײַך באַגעגנט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, פלעג איך זאָגן: איך האָב אַמאָל געהאַט אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געהייסן הילעל אַלעקסאַנדראָוו. נאָר, אַז דאָס איז דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק“ פון יעקאַפּאַ, איז מיר אַפילע גאָרניט אײַנגעפאַלן. איך האָב אײַך געדענקט ווי אַ בעריע צו דיקטירן פאַר עטלעכע מאַשיניסטקעס גלײַכצײַטיק, נאָר אַז דאָס איז דער היסטאָריקער, וואָס האַלט נאָך דערצו אַן אויג אָף אונדזער בידנער ליטעראַטור, איז מיר אַפילע ניט אײַנגעפאַלן. איצט וועל איך זיך אָנהייבן באַרימען, אַז איך קען דעם היסטאָריקער הילעל אַלעקסאַנדראָוו אַ קײַמעלאָך פון פּופּציק און מער יאָר. און אויב מע וועט מיר ניט גלייבן, האָב איך אַ דאָקומענט — אײַער בריוו. ווער רעדט, ווען איך וואָלט איצט דערצו נאָך געהאַט די דעמלטיקע קויכעס, וואָלט מיר גוט געווען, ווי די וועלט.

נאָר זינדיקן טאָר מען ניט, — פלעגט זאָגן מײַן מאַמע, אַלעוואַשאָלעם, — אַבי מע לעבט און דער אייבערשטער עטאָזש אָף די אַקסלען איז אין אָרדענונג, איז אַ דאַנק דעם בוירעי־אוילאָם.

איך דאַנק אײַך נאָכאַמאָל פאַר אײַערע בראָכעס און זאָג אײַך צו, אַז ווען איר וועט ווערן אַ בען שישים, וועל איך זיך מאַטריען זײַן און אָפּצאָלן אײַך דעם כויוו מיט פּראָצענט.

דערווײַל זײַט מיר געזונט און שעפעריש, ווי עס ווינטשט אײַך פונעם פולן האַרצן

אײַער —
ז. וואַנדראַף.

צו א. גאַנטאַרן

12 מאַרט 1968

טײַערער כאַווער און פרײַנט א. גאַנטאַר!

איך האָב באַ אַן ענלעכער געלעגנהײַט באַמערקט, אַז בעסער וואָלטן מענטשן יעדן טאָג פון אַ גאַנץ יאָר געשענקט אייגער דעם צווייטן כאָטש האַמעאָפּאַטישע דאָזעס פרײַנטשאַפט און גוטע וווּנטשן, איידער איינמאָל אין 60, 70 און דערנאָך יעדע פינף יאָר אונטערטראָגן איין מאָל אַזאַ פּאַרציע שוואָכים און בראָכעס, וואָס אַ נאָרמאַלן מענטשן מיט אַ נאָרמאַלן גײַסטיקן מאָגן איז שווער צו פאַרדײַען. נאָר, אָזוי, אָבי הייבנדיק פון ציצעראָנס צײַטן פּראַוועט מען יובילייען, וועל איך ניט זײַן קליגער פון דער גאַנצער וועלט און קומען זיך באַטייליקן אין אײַער יובילײַ, ביפּראַט, ווען איר זאָגט, אָן, אַז דער טיש איז געגרייט מיט ליטערן ווײַן...

האָב איך זיך געקליבן קומען און אַ גלאַנץ טאָן מיט מײַן גוט־באַוווּסטן אָראַטאָרישן טאַלאַנט, וואָס יעדער שטאַמלער איז אים מעקאַנע. דרײַ צענדליק יאָר צוריק האָבן מיר ביידע, אַקסל צו אַקסל, געקעמפּט אינעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע, דעם בלוטיקן מעטורעף היטלער, יִמאַך שמוי! איר האָט, ווי אַ גוטער סנײַפּער, געהאַגלט אָף אים מיט פײַערדיקע לידער, און איך — מיט שווערע פּראָזאַישע סנאַריאַדן. און מיט דער הילף פון אונדזער העלדישער סאָוועטישער אַרמיי האָבן מיר אים מיט זײַן אייגענער בלוטיקער האַנט אַזוי באַגראָבן, אַז מע ווייסט אַדהאָיעם ניט ווו זײַן טרייפענער געבײן פוילט.

איר שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר אַן אָוואַציע מע וואָלט אונדז ביידן געמאַכט?.. האָב איך אָבער אַזאַ שלימאַזלדיק מאַזל, אַז פּונקט ערעוו אײַער יובילײַ און מײַן טרעזוּמף אַלס אָראַטאָר דאַרף זיך אונטערוקן אייגער פון מײַנע זיבן און זיבעציק מאַכלעס האַזיקנו און אַ שעפּטשע טאָן מיר אין אויער: „סידי דאָמאַ אי ניע ריפּײַסיאַ!..*, אויב ניט, קאָנסטו, כאָלילע, פאַרשפּילן דײַן אייגענעם 100־יאָריקן יובילײַ... נו, זאָגט, אַדעראַבע, ווער איז עס אַ באַלן צו באַצאָלן אַזאַ הויכע פרײַז פאַר דעם פאַרגעניגן פערזענלעך צו באַגריסן אַפילע דעם בעסטן פרײַנט?

איז נעמט צו, טײַערער כאַווער און לאַנגיאָריקער פרײַנט גאַנטאַר, מײַנע וווּנטשן, איר זאָלט מיך דעריאָגן און איבעריאָגן אין יאָרן, איר זאָלט אײַערע צווייטע 60 יאָר אויסלעבן אין גוטן געזונט און אין פולן בלי פון אײַער געבענטשטן טאַלאַנט, אין שאָלעם אָף דער וועלט און אין שאָלעם אין דער מישפּאָכע פון ייִדישע שרײַבער!

אײַער אַלטער, אופריכטיקער פרײַנט און פען־כאַווער

ז. וואַנדראַף

---

* זיץ אין דער היים און שטופּ זיך ניט (רוס.).

באמערקונגען און קאָמענטאַרן

ז. װענדראָף האָט איבערגעלאָזט א גרויסע עפּיס־טאָליארישע ירושע. א טייל פון זײַנע בריװ האָט אונדזער זשורנאַל פּאַרעפנטלעכט אין נום. 1 פון 1972.

איצט דרוקן מיר נאָך א טייל פון זײַנע בריװ, װעלכע ס׳האָט אונדז איבערגעגעבן ז. װענדראָפס טאָכטער ליובע װענדראָװסקע.

[1] ג. ק ע נ י ג (1906 — 1971) — באַװוּסטער ייִדי־שער זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער, אין מעשעך פון פיל יאָרן געװען רעדאַקטאָר פון דער פּאַריזשער ייִדישער פּראָגרעסיװער צײַטונג „נײַע פּרעסע".

[2] „נ ײַ ע פּ ר ע ס ע" האָט דעמלט אָפּגעמערקט איר 24־טן יובילײ. אין זײַן באַגריסונג דער צײַטונג האָט ז. װענדראָף געשריבן:

„דער „נײַער פּרעסע" — דער צײַטונג, װאָס שטייט שוין 24 יאָר אויף דער װאַך פון קולטור און פּראָגרעס, װאָס פירט אן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן נאַציאָ־נאַליזם, שאָװיניזם, קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, קעגן אַלע פינצטערע קויכעס — אינװאָלװירנגסטע און אויסערלעכע; דער צײַטונג, װאָס קעמפט פאַר איינ־קײַט אין די אייגענע רייען און פאַר פרײַנטשאַפט צװישן פעלקער; דער צײַטונג, װאָס פירט א מוטיקן קאַמף פאַר אכדעס און פאַר שאָלעם אויף דער װעלט, — מײַן װאַרעמע באַגריסונג און האַרציקסטן װוּנטש פון װײַטערדיקער דערפאָלגרײַכער אַרבעט.

יעדערער, װעמען עס זײַנען טײַער די אידעאַלן, פאַר װעלכע די „נײַע פּרעסע", די מוטיקע פאָלקס־צײַטונג פירט א מעסירעסנעפּעשדיקן קאַמף, איז מע־כויעו צו טאָן אַלץ, װאָס איז אין זײַנע קויכעס און איבער די קויכעס, צו געבן דער „נײַער פּרעסע" די מעגלעכקײַט װײַטער רעגלמעסיק צו פירן איר נאָ־בעלע, װיכטיקע און איצט באַזונדערס נייטיקע אַר־בעט".

[3] געמיינט די רובריק „טריבונע פון שרײַבער", װאָס עס האָט אײַנגעפירט דער זשורנאַל „סאָװעטיש היימלאַנד" אין סאַמע אָנהייב פון זײַן דערשײַנען. ז. װענדראָף האָט פּאַרעפנטלעכט זײַן אַרויסטרעטונג פאַר אָט דער רובריק אונטערן קעפּל „אונדזער אויי־צער" אין נום. 1 פונעם זשורנאַל פאַרן 1961.

[4] א ו ר א ם . מ א ר ע װ ס ק י (1886 — 1964) — אַקטיאָר, שרײַבער. אין די מילכאָמע־יאָרן געלעבט אין סאָװעטנפּאַרבאַנד, דערנאָך זיך אומגעקערט קיין װאַרשע.

[5] ג ו ט ע מ א ר ג א ל י ס איז געװען אן אַלטע באַלשעװיטשקע, ליבהאָבערן פון ייִדישער ליטעראַ־טור.

[6] י א נ ק ל ל ע װ י ן (1878 — 1962) — זשורנאַ־ליסט, איבערזעצער.

[7] געמיינט דעם גאָגאָל־בולװאַר אין מאָסקװע, װוּ עס שטייט דער דענקמאָל דעם גרויסן רוסישן שרײַ־בער.

[8] ה י ל ע ל א ל ע ק ס א נ ד ר א װ (1890—1972) — באַװוּסטער ייִדישער היסטאָריקער, ליטעראַטור־פאָר־שער.

■

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַעס

עס זינגט נינע בראַדסקאַיאַ

דער לאַורעאַט פונעם צװישנפעלקערלעכן קאָנ־קורס פון אויספילער פון עסטראַדע־לידער נינע בראַ־דסקאַיאַ איז דאָס צװייטע מאָל געקומען אויף גאַסט־ראָלן קיין ביראָבידזשאַן.

בײַס איר לעצטן באַזוך האָט די אַרטיסטקע דער־פרייט די צושױער מיט פאָלקס־לידער און מיט נײַע לידער פון סאָװעטישע קאָמפּאָזיטאָרס, צװישן זיי — ע. קאַלמאַנאָװסקיס „איין שנייעלע איז נאָך ניט קיין שניי", אי. קיטײַעװס „א דאַנק אײַך, סאָלדאַטן", ב. ריטשקאָװס „דער לעצטער טראָלייבוס", די ייִדישע פאָלקסלידער „שפּיל, באַלאַלײַקע" און אַנד.

אינעם קאָנצערט האָט אויך אָנטיילגענומען דער זינגער יורי מאַריעװ.

געפירט האָט די פּראָגראַם יעפים גערץ.

אַבלוטשיער סוװענירן

העכער טויזנט פאַרשיידנאַרטיקע אָריגינעלע סוװע־נירן פון האָלץ האָט אויסגעאַרבעט און אָפּגעשיקט אין דער האַנדלס־נעץ דער קאָלעקטיװ פון דער אַב־לוטשיער ספּעציאַליזירטער װאַלד־װירטשאַפט. די דאָ־זיקע פּראָדוקציע האָט א שעם בײַ די אײַנװוינער פון כאַבאַראָװסקער קאַנט, װי אויך בײַ די טוריסטן.

הײַאָר װעט די אונטערנעמונג אַרויסלאָזן 6.000 אַזעלכע סוװענירן.

א גאָרטן אונטער גלאָז

אויפן קאָמבינאַט „כינגאַנצין" פאַרענדיקט זיך בויען אן אָראַנזשערײַע אויף א שעטעך פון 500 קוואַדראַטע מעטער. דאָס װעט שוין זײַן דער צװייטער גאָרטן אונטער גלאָז. די ערשטע אָראַנזשערײַע, פון װעלכער מע נעמט אַראָפּ הונדערטער קילאָגראַמען אוגערקעס, פּאָמידאָרן, גרינע ציבעלעס, איז אויסגעבויט געװאָרן מיט צען יאָר צוריק.

מיטן אָפּגעבן אין עקספּלואַטאַציע די צװייטע אָראַנזשערײַע װעט מען אין דער פולער מאָס באַ־פרידיקן מיט פריש גרינס די קינדער־אַנשטאַלטן, גאָרטנאָרקיכן און דעם פּראָפילאַקטאָרי.

געסט פון מאָסקװע

דער עסטראַדע־אַנסאַמבל „װעסנאַ" פון דער פּאַריי־ניקונג „מאָסקאָנצערט" איז ברייט באַװוּסט בײַ אונדז אין לאַנד. ער איז מיט דערפאָלג אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין טשעכאָסלאָװאַקײַ, פּוילן, אונגאַרן, אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

בײַס זײַן גאַסטראָל־רײַזע איבערן װײַטן מיזרעך איז דער אַנסאַמבל אַרויסגעטראָטן מיט דרײַ קאָנ־צערטן אינעם ביראָבידזשאַנער שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ. װאַרעם האָבן די צושױער באַגעגנט די פּאַר־דינסטפולע אַרטיסטקע פון דער טאַטערישער אַססר אירינע ברזשעװסקאַיאַ, װעלכע האָט גלענצנדיק אויס־געפילט די לידער „דאָס לעבן — א װעג" (קאָמפּאָזי־טאָר ב. טערענטיעװ), „א װענדונג צו די מאַנצבלען" (קאָמפּאָזיטאָר װ. סעריאָזשניקאָװ), „דערציילן מײַסע־לעך די טעכטער" (קאָמפּאָזיטאָר ס. טאָמין), די „ליד װעגן האָפענונג" (קאָמפּאָזיטאָר אי. שװאַרץ).

די פּראָגראַם האָט געפירט די אַרטיסטקע נאַטאַ־ליע סאַגאַל. זי האָט אויסגעפילט די באַלאַדע „יאַטן פון רוסלאַנד", װי אויך סאַטירישע פעליעטאָנען.

גריגאָרי ראַשאַל
פאָלקס־אַרטיסט פון פססר

סערגיי אייזענשטיינס צייכענונגען

אין יאַנוואַר ד. י. איז ברייט אָפּגעמערקט געוואָרן דער 80־טער געבורטסטאָג פונעם קלאַסיקער פון דער סאָוועטישער קינאָ־קונסט, דעם שעפער פון אַזעלכע וועלט־באַרימטע קינאָ־פילמען, ווי „דער שטרײַק", „די פּאַנצערשיף פּאָטיאָמקין", „אָקטיאַבער" (ווו עס איז צום ערשטן מאָל באַוויזן געוואָרן אויפן קינאָ־עקראַן דאָס לענין־געשטאַלט), „אַלט און נײַ" (וועגן דער איבערגעשטאַלטונג פונעם רוסישן דאָרף), „אַלעקסאַנדער נעווסקי", „איוואַן דער גרויזאַמער" און אַנד. — סערגיי אייזענשטיין.

א גרויסע שעפערישע פרײַנטשאַפט האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן די צוויי קינאָ־מײַסטערס ס. אייזענשטיין און ג. ראַשאַל. זיי האָבן אַ לאַנגע צײַט געאַרבעט צוזאַמען אינעם אַלפאַרבאַנדישן מעלוכע־אינסטיטוט פון קינעמאַטאָגראַפיע, ווו זיי זײַנען געווען די גרונטלייגער פון דער סיסטעם פון קינסטלערישער בילדונג און געגרייט יונגע שעפערישע קאַדרען.

ס. אייזענשטיין האָט זײַן גאַנץ לעבן זיך ניט צעשיידט מיטן בלײַער און בלאָקנאָט, מאָלנדיק אַלץ, וואָס ער האָט געזען, געפילט און וועגן וואָס ער האָט געטראַכט. דעם גרעסטן טייל פון די צייכענונגען, וועלכע ער האָט געמאָלט אַף די זיצונגען פונעם קונסט־ראַט פון דעם דערמאָנטן אינסטיטוט, האָט ער געשענקט ג. ראַשאַלן, בא וועמען עס האָט זיך, אַזויאַרום, אָנגעזאַמלט אַן אָריגינעלע קאָלעקציע פון א גרויסן קינסטלערישן ווערט. וועגן זײַן צוזאַמענאַרבעט מיט ס. אייזענשטיינען און וועגן דער קאָלעקציע פון אייזענשטיינס צייכענונגען דערציילט ג. ראַשאַל אויספירלעך אינעם ווײַטער געבראַכטן אַרטיקל.

מיט ס. אייזענשטיינען בין איך געווען באַפרײַנדעט א לענגערע צײַט. מיר האָבן זיך באַקאַנט נאָך אין די 20־ער יאָרן אין די העכסטע מעלוכישע רעזשיסערישע וואַרשטאַטן (ГВИРМ), מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט מייערכאָלד.

אייזענשטיין האָט שוין בייס אונדזער ערשטער באַגעגעניש אַרויסגערופן בא מיר א גוואַלדיקן אינטערעס. ער איז געווען באַשאָנקען מיט א מאָדנעם כיין. א געדיכטע גריווע האָר און א פלינקע, שלאַנקע פיגור האָבן אים צוגעגעבן אַן אויסזען סײַ פון א שטיפער, סײַ פון א כאָכעם. ער איז געווען אומדערבאַרעמדיק אין זײַנע שאַרפזיניקע באַמערקונגען און פילבאַר אין די הייסע כאָווערישע געפילן.

מייערכאָלד פלעגט אים צומאָל אָנטרויען פירן די לימודים. מיט אומגעהייערן אינטערעס האָבן מיר געהערט זײַנע אַרויסזאָגונגען וועגן דער באַוועגונג פונעם מענטשנס קערפּער אינעם רוים, וועגן דער אַנטפּלעקונג פונעם מענטשנס עמאָציעס אינעם קאַליידאָסקאָפּ פון די מיזאַנסצענעס, וועלכע בײַטן זיך אַלע ווײַלע. אייזענשטיין האָט ליב געהאַט ריידן וועגן אַן אַטראַקציאָן, וואָס האָט פאַרוואַנדלט דאָס געוויינלעכע אין אומגעוויינלעכס, די אילױזיעס אין רעאַליטעט, די רעאַליטעט אין אילױזיעס.

אייזענשטיינס אַרויסטרעטונגען זײַנען שטענדיק באַשטאַנען פון ווונדערלעכע, אָפטער פאַר אַלץ אומגעריכטע אַסאָציאַציעס. זיי פלעגן פאַרייניקן, ווי עס האָט געדוכט, באַגריפן, וועלכע לאָזן זיך ניט פאַרייניקן. זײַן גוואַלדיקע ערודיציע האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט שוין אין די סטודענטישע יאָרן צו פאַנאַנדערוקן די ראַמען פון מייערכאָלדס טעאָרעטישע האַנאָכעס, דערגאַנצן זיי אַף זײַן אויפן, באַרײַכערן מיט בײַשפּילן פון אַלע וויסנשאַפט־געביטן.

אייזענשטיין האָט פאַרמאָגט אין זיך געוויסע אייגנשאַפטן פון א יונגמאַן פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. אָבער אויך דער אונטערשייד איז געווען א גאַנץ בוילעטער. אויב דער מענטש פונעם קלאַסישן רענעסאַנס האָט געזוכט געשטאַלטן, וועלכע דריקן אויס די האַרמאָניע פון רוכניעס און גאַשמיעס בא די גריכישע געטער, אין דער רוימישער קונסט — קעדיי באַשטעטיקן דאָס פּרעכטיק שיינע אינעם לעבן פון די מענטשן פון זייער צײַט, איז אייזענשטיינס רענאַסאַנס געווען אַן אַנדערער. דער ווונדער פונעם הײַנטיקן טאָג — די רעוואָליוציע — איז געווען קאָלאָסאַל, די פרייד פון עמפינדן אים האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. דעריבער איז דער זין פונעם סאָוועטישן רענעסאַנס באַשטאַנען ניט אין א טכיאַס־האַמייסים פונעם פאַר־

גאנגענעם, נאָר אין זוכן נײַע פרינציפן. דאָס איז געווען דער גײַסט־רענעסאנס פון יענע, וועלכע האָבן צעבראָכן די סאָציִאַלע קייטן און געריסן זיך צו דער צוקונפט. פאר אייזענשטיינען איז געווען קלאָר, אז אונדזער רענעסאנס ווערט באשטימט דורך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. דער קינסטלער דארף זיך אופהייבן ביז איר ניוואָ. און אייזענשטיין איז געווען אן עמעסער זון פונעם אָקטיאבער, די רעוואָליוציע איז געווען זײַן סטיכיי, זי האָט אים געפירט צו די פאָלקס־מאסן, צום שאפן א נײַע, א סאָציִאליסטיש באנײַטע מענטשלעכע קולטור.

צוזאמען מיט אייזענשטיינען בין איך געווען א מיטגליד פון דער אזויגערופענער פאָרשונגס־גרופע בא די רעזשיסערישע ווארשטאטן. אָנפירער פון אָט דער גרופע איז געווען מייערכאָלד. מיר האָבן געארבעט איבער אייניקע גרונטלאגן פון מייערכאָלדס סיסטעם, געזוכט פאָרמען, וויאַזוי צו פארשרײַבן זשעסטן און מיזאנסצענעס. און שוין אין יענער צײַט האָב איך באמערקט איין שטריך אין אייזענשטיינס כאראקטער: שטודירנדיק די וויסנשאפטלעכע יעסוידעס פון א געוויסער דערשײַנונג, פלעגט ער זיי שטענדיק פארבינדן מיט זייער קינסטלערישער אנטפלעקונג. ארײַנדרינגענדיק אין דער אבסטראקטער וועלט פון פילאָסאָפישע געזעצן און קאטעגאָריעס, האָט ער געזען אין זיי די קאָנקרעטע אנטפלעקונגען פון דער גאשמיִעסדיקער רעאליטעט, וואָס לאָזט זיך אָנטאפן מיט די הענט. זײַן געדאנק איז געווען ניט „איבער" און ניט „אויסער" דער אקטיווער וועלט, ער האָט געזוכט א פארקערפערונג אין דעם, וואָס זעט זיך איצט, אין דעם, וואָס איז אקטיוו, הײַנטצײַטיק, פארבונדן מיטן הײַנטיקן טאָג. זײַן געדאנק האָט מיטגעריסן די געפילן, און די געפילן האָבן באפליגלט דעם געדאנק. אָט די דיִאלעקטישע אייגנארטיקײַט פון אייזענשטיינס דענקען האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט אָרגאניש צו פארייניקן די פילאָסאָפישע פאראלגעמיינערונג מיטן לעבעדיקן כוש פארן שטייגער און פאר דער זאכלעכקײַט פון דער וועלט. אָט דערמיט איז צו דערקלערן אייזענשטיינס וווּנדערלעכע פעדאגאָגישע פעיִקײַטן. מע האָט געקאָנט מיט פארגאפונג נאָכפאָרשן נאָכן שווּנג פון זײַן פאנטאזיע, נאָך די קאָמפליצירטע גענג פון זײַנע אסאָציִאציעס.

אייזענשטיין אלס קינסטלער האָט אין מעשעך פון זײַן לעבן אנטפלעקט אלץ נײַע און נײַע זוימען פון שעפערישער באגאבונג. אין טאָך אָבער, דוכט מיר, זײַנען די קינסטלערישע מעגלעכקײַטן זײַנע שוין געווען פארפראָיעקטירט אין די יונגע יאָרן. פונקט ווי אין א קערנדל איז ביז די מינדסטע פראָטים פאנאנדערגעארבעט דאָס אויסזען פונעם קינפטיקן געוויקס, אזוי איז אין אייזענשטיינס קונסט אלץ געווען קעגנזײַטיק פארבונדן. די מיזאנסצענעס פון „אלעקסאנדער נעווסקי", די געניִאלע קאָמפאָזיציעס פון „איוואן דעם גרויזאמען" זײַנען ניט קיין קעגנזאץ צו דער „פאנצערשיף פאָטיאָמקין". מעקסיקע און אלטרוסלאנד, אמעריקע און דער מיזרעך — אלץ האָט זיך געלאָזט פילן פאָרויס אין זײַנע גראפיק־אָנהייבן, וועלכע זײַנען געמאכט געוואָרן אין די רעזשיסערישע ווארשטאטן.

איצט איז פארשטענדלעך, פארוואָס אייזענשטיין איז געקומען אין קינאָ. אלע זײַנע אינטערעסן האָט ער געפונען פאר מעגלעך צו באפרידיקן אין דער נײַער, וווּנדערלעכער קונסט. גראָד די קינאָ האָט אים געגעבן א מעגלעכקײַט צו פארענדיקן זײַנע קינסטלערישע זוכונגען מיט גראפיק־מעטאָדן, זײַנע טעאטראלע שטרעבונגען, זײַנע געדאנקען וועגן דעם אקטיאָר, וואָס „שפילט מיט וועלטן אין בילבאָקע"[1], שטילן זײַן פילאָסאָפישן דורשט צו מאכן די קונסט קלוגשאפטלעך און די קלוגשאפטלעכקײַט קינסטלעריש.

אין די רעזשיסערישע ווארשטאטן האָב איך אָבער ניט אינגאנצן פארשטאנען אייזענשטיינען און ניט פולשטענדיק סאָלידאריזירט זיך מיט אים. ווי זייער א סאך אנדערע, האָב איך דעמלט געזען אין אייזענשטיינען בלויז א מענטשן, וואָס לייקנט אין אלץ, מאכט אלץ צו נישט. אָפט פלעג איך אייניקע זײַנע אומגעוויינלעכע ארויסזאָגונגען ניט קאָנען אופנעמען, ווײַל זיי האָבן מיר אויסגעזען אלס אזעלכע, וועלכע ווידערשפרעכן, אין טאָך, דעם גאנצן גײַסט פון זײַן שאפונג. איך האָב דעמלט ניט געקאָנט באמערקן זײַן באשיידנקײַט, פילן זײַן יוגנטלעכע אופגערודערטקײַט, און אפילע זײַן צניִעס. דערנאָך איז שוין אלץ געוואָרן קלאָר. איך האָב אים ענדלעך פארשטאנען אף דורך און דורך.

עס האָט אזוי פאסירט, אז נאָך דעם, ווי אייזענשטיין איז אוועק פון פראָלעטקולט, האָט מען מיך אהין אײַנגעלאדן. אייזענשטיין האָט זיך באצויגן דערצו נעגאטיוו. ער האָט געהאלטן, אז די אָנפירונג פון פראָלעטקולט איז אין דעם פראט געווען ניט פרינציפיִעל. איך האָב אָנגעהויבן שטעלן אינעם פראָלעטקולט־טעאטער פיאָדער גלאדקאָווס „וואטאגא" („דער האמוין"), נאָר כ'האָב די ארבעט ניט באוויזן צו ענדיקן. עמעס, איך האָב זי שפעטער פאָרגעזעצט, אָבער שוין אין קינאָ...

מיט דער צײַט האָבן זיך אײַנגעשטעלט צווישן אונדז זייער גוטע באציִונגען, איך וואָלט אפילע געזאָגט — פרײַנטשאפט, וועלכע עס האָט איבערגעריסן בלויז אייזענשטיינס טויט. מיר האָבן צוזאמען געארבעט אין „מאָספילם". א סאך אלגעמיינע סימפאטיעס האָבן מיר פארמאָגט און אין פיל הינזיכטן אייגנע און די זעלבע אָנשויונגען. אונדז איז אויסגעקומען צו ארבעטן צוזאמען אף דער רעזשי־קאטעדרע אינעם אלפארבאנדישן מעלוכישן קינאָ־אינסטיטוט (ВГИК),

[1] בילבאָקע (פראנצויזיש) — א שפיל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א קײַלעכל, צוגעפעסטיקט צו א שטעקעלע. דאָס שטעקעלע ווארפט אונטער דאָס קײַלעכל אף ארויף און כאפט עס אויף אף זײַן שפיץ אָדער אין א קיילע.

10–282

איך, אלס אָנפירער פון דער קאטעדרע, האָב זיך באמיט ווי ווײַט מעגלעך העלפן אייזענשטיינען אינעם שאפן זײַן רעזשי־ווארשטאט. אין טאָך איז דער פּראקטישער אָנפירער פון דער קאטעדרע און איר הויפּט־פּעדאגאָג געווען טאקע ער, סערגיי אייזענשטיין, און איך האָב זיך געפילט אלס זײַן באהעלפער. אונדזער פרײַנטשאפט איז געוואָרן נאָך שטארקער.

גראָד פון אָט דער צײַט הייבט זיך טאקע אָן די געשיכטע מיט דער קאָלעקציע פון אייזענשטיינס צייכענונגען.

סערגיי אייזענשטיין האָט דאָס גאנצע לעבן זײַנס געצייכנט. ער האָט זיך ניט געקאָנט באגיין אָן א בלײַער אין האנט. געצייכנט האָט ער שטענדיק און אומעטום, אפילע אף זאכלעכע באראטונגען און זיצונגען. זײַנע צייכענונגען קאָן מען ניט מישן מיט קיינע אנדערע. זיי פארמאָגן אין זיך אן אייגענע, אן אייזענשטייניש ע גראפיק־אויסדריקלעכקײַט. אייזענשטיינס צייכענונגען שטעלן מיט זיך פאָר א פילארטיקע, מיט קיין זאך ניט באגרענעצטע וועלט. זײַנע צייכענונגען זײַנען דער טאָגבוך פון זײַן ארבעט. זיי פארמאָגן אין זיך פילאָסאָפישע באטראכטונגען, סאטירישע קלעפּ איבער יעטווידער באנאליטעט און מיִעסקײַט. אין זיי זײַנען באוויזן מענטשן און געשעענישן, וועלכע זײַנען שארף אָפּגעמערקט געוואָרן מיצאד אן אייגנארטיקן קינסטלער, וואָס מאָלט פּאָרטרעטן פון רעאלע, לעבעדיקע, ווי אויך דורך אים אויסגעטראכטע פּערסאָנאזשן, ער שאפט מיזאנסצענעס, פילאָסאָפישע פאראלגעמיינערונגען.

אייזענשטיין פלעגט צייכענען אויך אף די זיצונגען פון אונדזער קאטעדרע. איינמאָל האָט ער באמערקט, אז איך אינטערעסיר זיך מיט זײַנע צייכענונגען. פון דעמלט אָן האָט ער אָנגעהויבן אָפּגעבן זיי מיר. אָט אזוי איז געמאכט געוואָרן דער אָנהייב פון מײַן אוניקאלער קאָלעקציע, וועלכע ציילט עטלעכע הונדערט בויגנס.

די טעמאטיק פון די צייכענונגען איז געווען א פארשיידנארטיקע. אָפּט פלעגן די טעמעס געבוירן ווערן לויט צופעליקע אסאָציִאציעס, דערינערונגען, אָבער ניט זעלטן אויך אונטערן אײַנפלוס פון די פראגן, וועלכע פלעגן באהאנדלט און דיסקוטירט ווערן אף דער קאטעדרע. אף איין בויגן פון די צייכענונגען, וועלכע ער האָט געמאָלט אף א זיצונג פון דער קאטעדרע אין 1935, איז באוויזן א גאנצע סעריע פאנטאסטישע געמישן פון מענטשן און כײַעס אין דער מאניר פון א מעקסיקאנישן אָרנאמענט. אף דעם זעלבן בויגן לייענען מיר קורצע פארנאָטירונגען: „א) א גימנאזיסטישער ספּעקטאקל; ב) א טונקעלער סצענארי...” אייזענשטיינען איז אין יענעם טאָג, אפּאָנעם, געווען ניט אינטערעסאנט אף דער קאטעדרע.

אף אנדערע בויגנס פלעכטן זיך איבער די פארנאָטירונגען בײַס דער זיצונג פון דער קאטעדרע דעם 15 מארט 1935 מיט די צייכענונגען. אייניקע פון אָט די פארנאָטירונגען גיבן די מעגלעכקײַט צו פארשטיין אייזענשטיינס באציִונג צו די ארבעטן פון אייניקע סטודענטן פונעם קינאָ־אינסטיטוט. אף מײַנעם א בויגן האָט זיך פארהיט די אופשריפט: „פיר פילאָסאָפן אין א פינפטאָג”. מעגלעך, אז דאָס איז א פּראָגראם פאר די סטודענטן און עפשער איז דאָס אן איראָניע איבער פיר פון זיי, וועלכע פילאָסאָפירן. צי ניט זיי האָט ער געהאט אין זין באם מאָלן פיר האָזן מיט לאנגע אויערן?..

אף דעם זעלבן בויגן זײַנען פאראן עטלעכע קליינע צייכענונגען — אויסדריקלעכע און רוִיקע. אָט איז א באלערינע אין אן אָנצוג, וואָס ווערט גענוצט אין קלאסישן באלעט, דערנעבן — א „נאָווי” פון די מאָדערניסטן, אָט איז א פּרעכטיקע צייכענונג פון עטלעכע שטריכן: א פאנטאסטיש מיידל. און אָן שום איבערגאנג — היטלערס פּראָפיל — א טעמפּער און קרענקלעך־געשוואָלענער, קוקט ערגעץ אין א זײַט.

אף א צווייטן בויגן, וועלכן אייזענשטיין האָט געצייכנט אינעם זעלבן טאָג און אף דער זעלבער זיצונג פון דער קאטעדרע, לייענען מיר: „אָנגעזייפט א מאָרדע”, „10 שאָ אין טאָג — גוט”, „סינכראָניזאציע”, „פארוואָס דענקמער”, „אן אומגליק מיטן סוזשעט”, „צוקלײַבן אן אקטיאָר... פונוואנען?”, „א קורס פון פאָטאָטעכניק”, „דער אקראָפּאָל איז בא מיר”, „שאפונג”, „3 מאָל פאָטאָגראפירן איינס און דאָס זעלבע”, „מער אטעליע און פאָטאָגראפיע”.

אף די בויגנס פון דער קאָלעקציע טרעפן זיך אָפּט עסקיזן פון פּאָרטרעטן. אייזענשטיינס פּאָרטרעטן־צייכענונגען פּרעטענדירן ניט אף דאָקומענטאלער פּינקטלעכקײַט. דער איקער אין זיי איז דער כאראקטער און די פאראלגעמיינערונג. אזוי, לעמאָשל, איז דער פּאגאניני־פּאָרטרעט געשאפן פון זיך שיטנדיקע ליניעס, וואָס עס דערמאָנט די נאָטן־שריפט. אסקעטיש זײַנען די ליניעס פון דער גאנדי־צייכענונג.

אייזענשטיין האָט ליב געהאט מאָלן געשטאלטן פון פאָלקלאָר. א הויכגעשטעלטער שעד און זײַן געהאָרכזאמער דינער, ענלעך אף א ריזיקן באָק מיט אן עק. אף דעם זעלבן בויגן — א שעד א טעלער־לעקער, די מאָרדע דערמאָנט אין א קירבעס, און א פּויער א גיבער.

פון דער סעריע אילוסטראציעס צו גאָגאָלן ברענג איך דאָ פאר די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד” די צייכענונג „די נאָז”. אינטערעסאנט, ווי אייזענשטיין טראקטירט די דאָזיקע נאָז. ער און די נאָז, דעם טשינאָווניקס דרײַשפּיציק היטל און דאָס אויג, וואָס זעט אלץ.

זייער אויסדריקלעך איז די צייכענונג צו לעסקאָווס „דער געלינקטער” („ליעווּשא”). דאָס איז א פּאראָדיע. די קראפּט פונעם פערד, קיימאט ווי באם „קופּערנעם רײַטער”, קאָנטראסטירט שטארק מיט דער דעקאָראטיוו ער פּראכט פון דער קראנקער פיגור פונעם צארישן דינער.

פונעם לעסקאָוו־גראָטעסק — צום גראָטעסק פון די לעצטע טעג פון דער רוסלענדישער אימפּעריע. ניקאָלײַ II, אָנגעטאָן ווי א מיזרעכדיקער, קימאט מײַסעדיקער כאן, אין א טורבאן

אילוסטראציעס צום ארטיקל „סערגיי אייזענשטיינס צייכענונגען”

א לאקאָנישע פּאָרטרעט־צייכענונג. פּאגאניני

עסקיזן צו דער רעקלאמע „„וואלקיריע”
(טעווטאָנישע מאסקעס, דער טײַוול אא.)

זשאנא ד׳ארק



פון דער סעריִע איליוסטראציעס צו גאָגאָלס דערציילונג „די נאָז”

אָנשטאָט א קרוין. אלעקסאנדרא די אימפּעראַטאָרשע — אן אויסגעטריקנטע היסטערישע זקיינע, א דיַטשקע, די טאליע צונויפגעצויגן אין א קנופּ. איינער פון די באדינער פון די מיניסטאָרן און הויף־לײַט — באוואקסן מיט א ראספּוטין־באָרד, באהאנגען מיט אָרדענס, באפליגלט מיט א צווייקעפּיקן אָדלער, מיט ריזיקע לאפּעס, וועלכע שארן אלץ צו זיך.

גאָר אן אנדער כאראקטער, לאכלוטן ניט קיין איראָנישן, פון א ראָמאנטישער וויזיע, פארמאָגן די צייכענונגען, וועלכע זײַנען געווידמעט טעאָדאָר אמאדיי האָפמאנען. מיר זעען פאר זיך „א געהיימען אומבאקאנטן” אין א ריזיקן צילינדער, מיט אים קאָן געשען אלץ, וואָס עס טרוימט אויס די האָפמאנ׳אדע.

צומאָל באקומט אייזענשטיינס פאנטאזיע א



דער צעפליקטער פעגאַס

אַ אינדישער דערוויש



עסקיז פון אַ פּלאַקאַט צום פילם
„דיעלאָ אַרטאַמאָנאָוויך״

אַ הומאָריסטישע צייכענונג צו אַ נײַעם וואַריאַנט
פונעם פילם „די כאַזערציכטלערן און דער פּאַסטעך״

בורלעסקישן כאַראַקטער, און דעמלט באַווײַזט זיך אַ סעריע צייכענונגען, וועלכע ווערן געלייזט אַף אַ פרייִלעכן און פרײַען אויפן, איינע פון זיי — „דער כאָלעם פון אַ קאָמפּאָזיטאָרשע״.

אין 1940 איז ס. אייזענשטיין באַופטראָגט געוואָרן צו שטעלן אין גרויסן טעאַטער וואַגנערס „וואַלקיריִע״. עס איבעראַשט דאָס אויסזען פון איינעם פון די בויגנס, וואָס באַלאַנגט צו יענער צײַט: די צייכענונגען שטויסן זיך אָן איינע אַף דער צווייטער. שטופּן זיך אין דער ענגשאַפט. עס פילט זיך דעם אווטאָרס אומרו. אין די צייכענונגען איז אָפּגעשפּיגלט סײַ די היסטאָרישע ווידערשפּרעכלעכקײַט פון די וואַגנער־געשטאַלטן, סײַ דאָס געהיימע שפּירן דעם אָנקום פון דער מילכאָמע.

אַף קיין איינער פון אייזענשטיינס פריִערדיקע

צייכענונגען האָט מען נאָך ניט געזען אזא כאַאָס. דאָ טרעפט איר אויך די ענגלישע טעמע — א מין היפערבאַליזירטן פּיקניק און אן ענגלישע לעדי, אין זיי פּילט זיך עפּעס פונעם אלטן אקוראטן רעספּעקטאבעלן ענגלאנד. אונטן זעט מען א מאַנגאַליש פּאַנעם, אסירישע צורעס און א וווּנדערלעכע פּרעכטיקע צייכענונג פון זייער א שיין מיידל באנאנד מיט א מאסקע פון א מאַלפּע. מיך האָט געכידעשט, פּאַרוואָס פאַרנעמט דאָס צענטראַלע אָרט אַף דעם בויגן א קרוג, א געוויינלעכער קרוג אַף צו וואַשן זיך, צי ווערט ניט דערמיט אויסגעדריקט די געהיימע שטרעבונג צו אָפּוואַשן און אָפּמעקן אלץ, וואָס איז ניט נייטיק, אלץ, וואָס איז איבעריק, אלדאָס בייז?

אפן וויַטערדיקן בויגן זיַנען געגעבן עסקיזן צו „וואַלקירי׳ע״: טעווטאַנישע שלעמען פון פּרויען־געטנס, איינער מיט א קרומען האָרן, א גאָט אָדער א שעד, ער איז גרייט צו דורכשטעכן די גאַנצע וועלט, א רעדנער מיט א גלאַט צינגל, איבער אים א פּאַנעם אין טונקעלע ברילן, א פּארצעף פון א פאשיסט, מיט א שמאָלן שטערן פון א מערדער.

און אָט... די מילכאָמע. מיר האָבן זי אלע געפילט פאָרויס, דאָך איז זי געקומען שרעקלעך אומגעריכט. אַף איינעם פון די בויגנס איז געצייכנט „א בלאַס פערד״, ווי ס. אייזענשטיין האָט עס אָנגערופן. די דאָזיקע צייכענונג איז געמאכט געוואָרן אין איינעם פון די ערשטע מילכאָמע־טעג, אַף א זיצונג פונעם קינסטלערישן ראַט פון „מאָספילם״.

קימאַט האַרט ערעוו דער מילכאָמע איז סערגיי אייזענשטיין געוואָרן דער קינסטלערישער אָנפירער פון „מאָספילם״. פאר מיר און פאר א סאך קינאָ־טוער איז ער געווען אן אידעאַל פון א קינסטלערישן אָנפירער. קיין קאַבינעט, אין געוויינלעכן זין פון וואָרט, האָט ער ניט געהאַט, און ער האָט קיינמאָל מיט גאַרנישט ניט באַטאָנט זיַן אָנפירנדיקע לאגע. ער איז געווען אן אויסערסט אופמערקזאַמער און האַרציקער פריַנט ניט בלויז מיט דער פירנדיקער רעזשיסור. נאָך מער זאָרג האָט ער אַרויסגעוויזן צו דער יוגנט. מיר דוכט, אז יעדער איינער, וואָס פלעגט טרעפן זיך מיט אים אַף דער אַרבעט, איז מיט דעם אליין אויסגעוואַקסן אַף א שטאַפּל העכער. ער פלעגט צומאָל שאַרף אַרײַנזאָגן, אָבער זיַן איראָניע איז געווען אן אָפּפרישנדיקע, אפילע אין דעם פאַל, ווען ער האָט אָן ראַכמאָנעס קריטיקירט געשמאַקלאָזיקייט. אלס קינסטלערישער אָנפירער איז ער געווען א מוסטער פון טאַקטישער האַלטונג, באַליידיקן זיך אַף אים האָט מען ניט געקאָנט. ער איז געווען אן אָנטיילנעמער אין דער אַרבעט, געראַדט בלויז צו דער זאַך, קיינמאָל ניט געמישט זיך אין קלייניקייטן.

די קינעמאטאָגראַפישע איניאָנים האָבן זיך געלאָזט פילן אויך אין זיַנע צייכענונגען. צווישן זיי זיַנען געווען עסקיזן צו זיַנע פילמען — אשטייגער די זייער אינטערעסאַנטע צייכענונגען צו די געשטאַלטן פון די „הינט־ריטערס״, „טאַטערישע קריגסלײַט״ און פון א רוסישן שלאַכטמאַן מיטן „פּאַנעם פון א הייליקן״. זיי אלע זיַנען געמאָלט אַף איין בויגן. און די זייער כאַראַקטעריסטישע צייכענונג. א דרייסטע אין איר קינסטלערישער עקספּרעסיע, געווידמעט די שווערוקיײַטן אינעם שאַפן ק. יודינס פילם „דאָס האַרץ פון פיר״. דאָ גייען אויך קאָמישע צייכענונגען וועגן די פילמען פון אייזענשטיינס כאַווירים. אין מײַן קאָלעקציע האָבן זיך פאַרהיט עטלעכע צייכענונגען זיַנע צו אי. פּיריעווס פילם „די כאַזיירימציכטלערן און דער פאַסטעך״. איינע פון זיי באַוויַזט „די ליבנסווירדיקע גוטהאַרציקע כאַזערטע״, געקליידט דורכויס אין קריַז־שפּיצן, — א מין עסטעטיזירטער וואַריאַנט פון דער טעמע. די דאָזיקע צייכענונגען זיַנען לאַבסאָלוטן ניט קיין בייזע — גיכער זיַנען דאָס פריַינטלעכע שפּאַסן, אַף וויפל פּיריעווס קינאָ־לענטע, ווי איך ווייס, איז אייזענשטיינען געפעלן געוואָרן. זייער א ווילע איז די שפּאַסיקע צייכענונג צום נײַעם וואַריאַנט פונעם פילם, וואָס הייסט שוין ניט „די כאַזיירימציכטלערן און דער פאַסטעך״, נאָר „די פאַסטושקע און דער כאַזיירימציכטלער״ — אזא נאָמען האָט אייזענשטיין געהאַלטן פאַר מער עלעגאַנט.

אייזענשטיין האָט זיך פאַרנומען אויך מיט מיַינע קינאָ־סוזשעטן. ווי עס איז קלאָר געוואָרן, איז ער געווען גוט באַקאַנט מיט מײַנע פילמען, ווי אויך מיט די פילמען פון ווערא פּאַוולאָוונא סטראַיעוואַ, מיט וועמען איך האָב לאַנגע יאָרן געאַרבעט צוזאַמען. ער האָט אַרויסגעזאָגט א הויכע מיינונג וועגן אונדזער געמיינזאַמער קינאָ־לענטע „די פּעטערבורגער נאַכט״, אויך סטראַיעוואַס פילם „דער דאָר פון זיגער״ האָט ער גוט אופגענומען.

עס זיַנען מיר זייער טײַער אייזענשטיינס צוויי עסקיזן צום פילם „די הערן סקאָטינינס״, וועלכע ער האָט געמאָלט אַף אויסוויייניק, לויטן זיקאָרן. פּראָסטאַקאָוואַ, די שטרענגע באַלעבאָסטע, איז עפּשער ניט אינגאַנצן ענלעך אַף מײַן פּראָסטאַקאָוואַ (אַרטיסטקע וו. מאַסאַליטינאָוואַ), אָבער די נאַטירלעכע כײַישע שטריכן אירע האָט אייזענשטיין איבערגעגעבן פּרעכטיק, פונקט ווי די אויסדריקלעכקײַט פון אירע פאַרקעמטע האָר און די מעכטיקײַט פון איר גוף. ווי מיר דוכט, איז זייער אינטערעסאַנט דער עסקיז פונעם טרישקא־פּאָרטרעט. דער הויפּטהעלד אין אונדזער בילד איז דאָך געווען גראָד דער שנײַדער טרישקא — א דיכטער א לײַבייגנטימערישער אינטעליגענט, א טרויעריקער און א צערטלעכער, שפּעטער א פּוגאַטשאָוועץ. איין אויג איז בא אים געווען פאַרשטעלט מיט די האָר — עס דוכט זיך, אז ניט אלץ זעט ער, אָבער אלץ פילט ער.

אייגנאַרטיקע אסאָציאַציעס האָט אַרויסגערופן בא אייזענשטיינען אויך דער סוזשעט פונעם פילם „די פּעטערבורגער נאַכט״. דעם באַלקאָן מיטן אָרקעסטער, די הויכע פענצטער פונעם

זאל אין דער ערשטער סצענע האָט ער אומ־
געריכט אופגענומען אין א גאָטישן ראַקורס. אינעם מאָמענט פון אן ערדציטערניש איז קלוימערשט כאַרעוו געוואָרן די געוויינלעכע וועלט. עס האָט זיך געדוכט, אז בלויז די ליבע, די ליבע צווישן יעפּימען און נאַסטענקען, וועט ניט אריינגעצויגן ווערן אין טהאָם פונעם אל־געמיינעם אומקום; די מוזיק און די ליבע וועלן בלײַבן, זיי וועלן פאַרייניקן דורערס. ניט אומ־זיסט האָט אייזענשטיין אַנגעמאָלט אונטן מיטן בלײַער עפּעס א מיטלאַלטערלעכע ליבע־סצענע, גענומען, ווײַזט אויס, פון „פאוסט".

ס. אייזענשטיין האָט מיר גוט און כאַווריש געהאָלפן אין דער ארבעט איבערן פילם „דאָס געשעפט פון די ארטאַמאַנאָווס". דעם פילם האָבן מיר פאַרענדיקט אין די טעג, ווען דער סוינע האָט באָמבירט מאָסקווע. ביז איצט היט איך אייזענשטיינס צעטעלעך, אין וועלכע ער האָט זיך ארויסגעזאָגט וועגן די מאַטעריאַלן פונעם פילם. אין מײַן קאָלעקציע האָבן זיך פאַרהיט עטלעכע צייכענונגען מיט וואַריאַנטן פון די סצענעס אינעם שענק — דער עפּיזאָד, ווי די סאָכרים האָבן ארויסגעפּירט דעם ראַיאַל צוזאַמען מיט פּאָולא מענאַטא. אײַנגעשפּאַנט זיך, ווי פערד, האָבן די שיקערע סאָכרים גע־שלעפּט די מויד פונעם קאַפּעשאַנטאַן. אייזענ־שטיין האָט דאָס בילד גערופן „ארטאַמאַנאָוו־רעוויו".

אייזענשטיין האָט אויך געמאַכט דעם עסקיז פונעם פלאַקאַט צום פילם „דאָס געשעפט פון די ארטאַמאַנאָווס". דער עסקיז איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. ער איז עטוואָס גראָטעסקיש, באַטאָנט שאַרף די דרײַ דורערס. אייזענשטיין האָט אינטערעסאַנט צעשטעלט די שריפטן פו־נעם פלאַקאַט. מיר דוכט, אז אזא לאַכלוטן ניט קיין פראָנטאַלע גראַפיק־לייזונג פונעם קינאָ־פלאַקאַט האָט געשאַפן נײַע טענדענצן אין דער אנטוויקלונג פון דער פלאַקאַט־מײַסטערשאַפט.

אין די מילכאָמע־יאָרן איז אונדזער פרײַנט־שאַפט שטאַרקער געוואָרן. אין אלמאַ־אַטא האָבן מיר געלעבט אין איין הויז. דער געבורטסטאָג פון מײַן טאָכטער מאַריאַנע ראַשאַל (דעמלט א סטודענטקע פונעם אלפאַרבאַנדישן מעלוכישן קינאָ־אינסטיטוט) און אייזענשטיינס געבורטס־טאָג זײַנען אויסגעפאַלן אין איין טאָג. אָט דעם טאָג פלעגט מען געוויינלעך אָפּמערקן בא אונדז. צווישן דער יוגנט האָט אייזענשטיין זיך געפילט היימיש, ער פלעגט אליין ווערן ייִנגער.

אין יענע טעג האָט ס. אייזענשטיין א סאַך געאַרבעט: געלייענט סצענאַרן, איבערגעקוקט די מאַטעריאַלן פון קינאָ־לענטעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער ארבעט, געגרייט דעם פילם „איוואַן דער גרויזאַמער". אין זײַנע צייכענונגען פון אָט דער צײַט קאָן מען צומאָל געפינען פאַרנאָטירונגען פון געדאַנקען, פאַרבונ־דענע מיט די פראַגן, וועלכע זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן אָף די זיצונגען פונעם קינסטלע־רישן ראָט. פון די אַפאָריסטישע נאָטיצן זעט מען, אז אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן האָט ער געטראַכט וועגן שאָלעם־פּראָבלעמען. נאָך לאַנג ביז פּיקאַסאָן שאַפט ער זײַן שאָלעם־טויב, פאַרייניקט מיט א מענטשן־קאָפּ. א סאַך מאָל ווענדט ער זיך צום געשטאַלט פון זשאַנאַ ד'אַרק.

אלמאַ־אַטא איז דעמלט שוין געווען א וווּנ־דערלעכע שטאָט. אין יענער טראַגישער צײַט פלעגן אהין קומען געלערנטע מיט וועלט־נעמען, רעזשיסערן, קינסטלער, ארטיסטן. מיר אלע האָבן אָפּסנײַ אנטדעקט פאַר זיך דאָס טאַלאַנטפולע קאַזאַכישע פאָלק, וואָס שאַפט אַן אייגנאַרטיקע, ליכטיקע און הײַנטצײַטיקע קול־טור, נאָר האָט ניט פאַרגעסן די עפּישע לידער, די פאַרצײַטיקע מינהאָגים און ריטואַלן, די פאָלקס־מאַלבושים. א סאַך מײַסטערס פון דער סאָוועטישער קאַזאַכישער קונסט — סערקע קאָזשאַמקולאָוו, קאַליבעק קואַנישפּײַעוו, יעלעו־בײַ אומרוזאַקאָוו, שאַקען אײַמאַנאָוו — זײַנען געווען פרעכטיקע פערזענלעכקײַטן. זיי האָבן אינטערעסירט אייזענשטיינען אלס אויסער־געוויינלעכע טאַלאַנטן, קינסטלער פון דער מיזרעך־שול, וועלכע איז אים נאָענט. אָט פאַרוואָס עס פילט זיך אין די צייכענונגען פונעם אלמאַ־אַטא־פעריאָד באַזונדערס שטאַרק די מיזרעך־ווירקונג. א סאַך בויגנס פון דער קאָלעקציע „קאַזאַכסטאַן" אנטהאַלטן א פאַנטאַ־סטישן ריז מיט פליגלען, מיט לאַפּעס פון א גאַנדז, מיט א קאָפּ פון א פערד, מיט הערנער פון א מעכטיקן הירש. אָט אזוי האָט אייזענ־שטיין פאַרגעשטעלט זיך דעם אוראַלטן קאַזאַכ־סטאַן.

איך האָב זייער ליב אייזענשטיינס צייכענונג „מילכאָמע־טרויער" — וועגן דעם ווייטעק פון א קאַזאַכישער פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן אפן פראָנט איר געליבטן.

איינמאָל בין איך מיט אייזענשטיינען געווען בא דזשאַמבולן. צענדליקער צייכענונגען זײַנען געשאַפן געוואָרן בייס אָט דער רײַזע. אָף די בויגנס האָבן זיך באַוויזן מיזרעך־אָרנאַמענטן. קאַזאַכסטאַן איז איבערגעפלאָכטן מיט מעקסי־קע. א באַזונדערס שטאַרקן אײַנדרוק האָט געמאַכט איין בויגן, ווו די שווערדן האַקן קעפּ.

אינטערעסאַנט זײַנען אייזענשטיינס צייכע־נונגען, וועלכע באַלאַנגען צו דער צײַט, ווען אין דער צענטראַלער פאַרייניקטער קינאָ־סטו־דיע פון אלמאַ־אַטא האָט דער רעזשיסער ג. ראַ־פּאָפּאָרט געשטעלט א פילם אָף דער טעמע פון קירגיזישן עפּאָס. דאָ זעט איר א לאַמאַ, וואָס איז ענלעך אָף א יאַם־כאַזערל, א געזאַנדטן פון איראַן — א כיטרען דיפּלאָמאַט, א כינעזישן מי־ליטערמאַן, א מאָנגאָלישן פּריסטער.

אייזענשטיין האָט מיט פלײַס געאַרבעט אויך איבערן פילם „נאַוואָי". בא „נאַוואָי" איז דער מיזרעך אַן עקזאָטישער, א מיזרעך פון ליבע, א מיזרעך פון יעפּאַסטויאַרס. דער סאָף פונעם בויגן צייכענונגען פירט ווי אונטער א סאַכאַקל פון דער לירישער טעמע, — דאָס איז „דער

גײַסט פון געדאנקען", ווי אייזענשטיין האָט אים אָנגערופן.

די נאוואָי־טעמע ווערט פאָרגעזעצט אפן ווײַטערדיקן בויגן. באזונדערס אינטערעסאנט איז דער עקזאָטישער טייל — דער פארקויף פון א מיידל אין הארעם און דער סויכער, וואָס לייגט פאָר זײַן „סכוירע" — פערסישע מיידלעך.

זייער גוט זײַנען די צוויי שפיזן — איינע באם טענצער און די צווייטע באם מוזיקאנט, וואָס שפילט אף זיך אליין.

עטלעכע צייכענונגען פארקערפערן אייזענשטיינס געדאנקען אף מיטאָלאָגישע אזיאַטישע טעמעס: א לעגענדארע כײַע שטייט אפן אלטאר; גאנעשא, אָט דער קלוגער העלפאנד, אייזענשטיינס באליבטער העלד...

אין אלמא־אטא זײַנען געווען ניט ווייניק פּאָליאקן. אין מײַן קאָלעקציע זײַנען פאראן אייזענשטיינס „פוילישע בויגנס". ווי שטענדיק, זײַנען די אויגן פונעם קינסטלער ווײַטזיכטיק און זײַן בלײַער איז טרעפלעך. פענעמער... פענעמער... פענעמער...

און לעסאָף, „איוואן דער גרויזאמער". די צייכענונגען פון יענער צײַט צוזאמען מיט דער טראַקטירונג פון דער ווײַטער עפּאָכע זאָגן איידעס וועגן די זוכענישן פון איוואן דעם גרויזאמענס געשטאלט. עס איז כאראקטעריסטיש, וואָס אין די דאָזיקע צייכענונגען געפינען מיר א גאנצע ריי פיגורן, געשטאלטן, מיזאנסצענעס, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט אונדזער הײַנט.

א שטארקן אינטערעס רופן ארויס אייזענשטיינס צייכענונגען אף דער טעמע סטעפאן ראזין. איך ווייס, אז די דאָזיקע טעמע האָט אים קיינמאָל ניט געלאָזט צורו. אף דעם בויגן מיט צייכענונגען וועגן סטעפאן ראזין, איז פאראן אייזענשטיינס אן אינטערעסאנטער אופשריפט: „דאָס רעכט פונעם רעזשיסער באשטייט עפשער בלויז אין דעם, וואָס איז אומעגלעך". די טיפּאַזשן פון אָט דעם בויגן (א „מוזשיק א ראזינעץ", „א באאמטער א ריכטער", „א פרוי, וואָס קוקט, ווי מע פירט אויס דעם טויט־אורטייל") באווײַזן, לויט מײַן מיינונג, דעם אָריגינעלן צוגאנג צום לייזן די טעמע.

מײַן קאָלעקציע איז דערגאנצט געוואָרן אויך נאָך דער מילכאָמע. אייזענשטיין פלעגט, ווי פריִער, שענקען מיר זײַנע צייכענונגען. ספּעציעל פאר מיר האָט ער געמאָלט א גאנצע סעריע מיטן נאָמען „דער ראַיאל און דאָס לעבן". אין די דאָזיקע צייכענונגען זײַנען פאראן סײַ הומאָר, סײַ אומורו פון דער צײַט, זיי זײַנען פול מיט ראיוינעס וועגן דעם לעבן. אָפט ווערט דאָס אלץ טראנספאָרמירט אין דער מוזיקטעמע.

אייזענשטיין באווײַזט אין א גלענצנדיק געלייזטער קאָמפּאָזיציע די מעכטיקע קראפט פונעם זשאָנגליאָר, וואָס שפילט לײַכט אף דרײַ ראַיאלן.

אף א צווייטן בויגן איז דער ראַיאל באוויזן אלס א ווונדערלעך געשטאלט פון די קינדעריאָרן. זײַנע פיסלעך זײַנען אוועקגעשטעלט אף גליטשערס, דער ווינט האָט פארוואָרפן דעם שארף אפן האלדז פונעם רײַטער, און דער שארף זעט אויס ווי א פליגל פון א פויגל.

דער ראַיאל ווי א סימבאָל פון נויעכס טייווע. אין נויעכס טייווע איז אלץ געווען, אויך אפן ראַיאל איז אלץ פאראן — פרויען באם שײַטער, א בעהיימע און עמעצער — אָדער ער שלאָפט, אָדער ער איז טויט — אן אומבאוועגלעכער, וואָס איז שוין ווײַט פון אלץ אין דער וועלט. אף איינעם פון די צייכענונגען מאָלט אייזענשטיין א ראַיאל אלס א סימבאָליש געשטאלט פון מוזיק. א מענטש אין א פראק, קערעוועט דעם רודער פון עפּעס אן אומפארשטענדלעכן מעכאניזם און יעדעס פיסל פון די טאָפּעלע ראַיאלן (זיי זײַנען געוואָרן ענלעך אף א קאָנטראבאס) שפּײַט, ווי א באטאריי, מיט פײַערפלאמען.

צום סאָף פון אָט דער סעריע איז געגעבן א קאריקאטור אף מיר. גראָד דעמלט האָט אייזענשטיין געשריבן: „ראָשאל איז געווען אינגאנצן צעעפנט, און די סטרונעס אין אים האָבן געציטערט". ער האָט, ווײַזט אויס, איראָניזירט פון מײַן פילבארקײַט, פון מײַן דראנג צו מוזיק.

אף א ספּעציעלן בויגן איז אויך געגעבן א קאריקאטור אף מיר און אף מײַן שטעקן מיט א זילבערן קעפּל פון א שלאנג. אָט צו וואָס עס האָט דערפירט מײַן שלענגל — איך בין געוואָרן סווענגאל (דער העלד פון דער פיעסע „טרילבי" פון א. דיומא דעם זון).

סערגיי אייזענשטיינס צייכענונגען און זײַן גראפיק דארפן ווערן אן אָביעקט פון א ספּעציעלער פאָרשונג. א טיפערן שטודיום פאָדערן אויך די מאטעריאלן פון דער דאָזיקער קאָלעקציע... יעדער בויגן איז א מין מיקראָ־זאמלונג, וואָס אנטהאלט צומאָל א צענדליק און מער צייכענונגען. מיט דער הילף פון די הײַנטיקע וויסנשאפטלעך־טעכנישע מעטאָדן קאָן מען אופשטעלן דעם סיידער, ווי די צייכענונגען האָבן זיך באוויזן אפן בויגן, און דאָס וועט דערלויבן צו דערנעענטערן זיך צום שטודירן די פּראָבלעם פון דער פּסיכאָלאָגישער שאפונג פונעם גרויסן קינאָ־מײַסטער.

עליע פאלקאוויטש

וועגן דער מעגילע „רות" און אנדערע טאנאכישע ספאָרים

„רות" איז איינער פון די טאנאכישע (ביבלייִשע) ספאָרים, וועגן וועלכע עס רעדט יויסעף בראַגינסקי אין זײַן אַרטיקל „דאָס אָרט, וואָס די העברעיִשע ליטעראַטור פאַרנעמט אין דער וועלט־ליטעראַטור" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1977, נומער 7, זז. 146—148). אינעם אַרטיקל זאָגט דער מעכאַבער: „די צײַט, וועגן וועלכער עס ווערט דערציילט אינעם בוך „רות", באַלאַנגט צום ערעוו פון דער אויסבילדונג פון קיניגרײַכן. דאָס איז געווען אַן עפּאָכע, „ווען מיט אַלע איניאָנים פונעם שייוועט האָבן אָנגעפירט זײַנע פירער — די שויפטים (ריכטער). אין בוך „רות" — זאָגט ווײַטער דער מעכאַבער, — זײַנען די „מעסוירעס פון טיפן אַלטערטום" איבערגעגעבן אַזוי, ווי עס האָט זיי פאַרשטאַנען דער דערציילער, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צײַט".

אויב אָפּערירן מיט קאָנקרעטע היסטאָרישע דאַטעס, הייסט עס, אַז „רות" איז פאַרפאַסט אין עלפטן יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער ערע — „ערעוו קיניגרײַכן": דער ערשטער מיילעך בא ייִדן — שאָול האָט געקיניגט לערעך אין די יאָרן 1025—1013 פאַר דער איצטיקער ערע. איך מיין אָבער, אַז דער מעכאַבער האָט דאָ א טאָעס. גיכער איז גערעכט דער היסטאָריקער היינריך גרעץ (1817 — 1891), ווי אויך א ריי אַנדערע, וואָס פאַרבינדן דעם אופקום פון „רות" מיט דער צײַט פון עזראָ און נעכעמיע — אין V יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער ערע.

נאָר לאָמיר ניט יויצע זײַן מיט פאַרופן זיך אָף אווטאָריטעטן און בעסער זיך סוימעך זײַן אָף דער מעגילע גופע. וואָס דערציילט זי אונדז?

אין דער צײַט פון די שאָפטים האָט בייס א הונגער אין לאַנד איינער אַן עלימעלעך מיט זײַן ווײַב נאָימי און צוויי זין זיך געלאָזט פון בייסלעכעם, וואָס אין יעהודאָ, קיין מויאָוו (דאָס לאַנד מויאָוו איז געווען ניט ווײַט פון יעהודאָ, מיזרעכדיקער פונעם יאַם־האַמעלאַך — פונעם געזאַלצענעם, אָדער טויטן, יאַם). דאָרט איז עלימעלעך געשטאָרבן, און זײַנע זין האָבן כאַסענע געהאַט מיט מויאָווישע פרויען. אין א צען יאָר אַרום זײַנען די זין אויך געשטאָרבן, און נאָימי האָט באַשלאָסן זיך אומקערן קיין יעהודאָ. אירע שניר האָבן געהאַט בעדייע צו גיין מיט איר, אָבער זי האָט זיי אָפּגערעדט דערפון: זאָלן זיי בעסער בלײַבן בא זיך אין לאַנד, ווו זיי קאָנען נאָך כאַסענע האָבן און לעבן רויִק. איין שנור האָט זי טאַקע געפאָלגט, אָבער די צווייטע — רוס האָט געטײַנעט:

— בעט מיך ניט, איך זאָל דיך פאַרלאָזן. וווּהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין; ווו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן. דײַן פאָלק איז אויך מײַנס, דײַן גאָט איז אויך מײַנער!

זיי זײַנען אָנגעקומען אין בייסלעכעם, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שניט פון גערשטן. רוס איז אַוועק קלײַבן זאַנגען און האָט זיך אָנגעטראָפן אָף א פעלד פון עלימעלעכס א קאָרעוו. בויאַז האָט זי פרײַנטלעך אופגענומען, האָט אָנגעזאָגט זײַנע אַרבעטער, זיי זאָלן זי לאָזן קלײַבן זאַנגען און זיך אָנטרינקען, ווען זי וועט וועלן. ער האָט זי געלויבט פאַר איר גוטער באַציִונג צו דער שוויגער און פאַר איר באַהעפטן זיך מיט אַן אומבאַקאַנט פאָלק. ער האָט זי אײַנגעלאַדן צו עסן פונעם ברויט, צו טונקען אינעם עסיק, האָט איר דערלויבט צו נעמען מיט זיך א סאַך גערשטן און קומען אָפטער.

נאָימי איז געוועזן זייער צופרידן פון איר שנור און האָט איר געזאָגט:

— טאָכטער מײַנע, בויאַז, אונדזער קאָרעוו, וועט די נאַכט זײַן אין שײַער. וואַש זיך אויס, שמיר זיך אָן, טו אָן דײַנע קליידער און גיי אין שײַער. ווען ער וועט זיך לייגן שלאָפֿן, לייג זיך בײַ אים צופֿוסנס.

רוס האָט אַלץ אַזוי געטאָן. אינמיטן נאַכט האָט זיך בויאַז אופגעכאַפּט א דערשראָקענער און האָט געפרעגט: — ווער ביסטו?

— איך בין רוס, דײַן דינסט. פאַרשפרייט דײַנע פליגלען אף מיר, וואָרעם דו ביסט א קאָרעוו!

בויאַז האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זי נעמען, אויב עס וועט זיך ניט געפינען קיין נעענטערער קאָרעוו פון איר, וואָס איז מעכויעוו צו טאָן מיט איר א שידעך. דער נעענטערער קאָרעוו האָט זיך טאַקע געהאַט אָפּגעזאָגט, און בויאַז איז בעהעסקעם מיט די דעמלטיקע געזעצן געוואָרן דער אייגנטימער פון עלימעלעכס נאַכלע און האָט באַקומען דאָס רעכט און דעם כויוו צו נעמען די אַלמאָנע רוס פאַר א ווײַב. רוס האָט מיט דער צײַט געבאָרן א זון, פון וועלכן עס האָט דערנאָך געשטאַמט יִשײַ — דאַווידס פאָטער.

אָט איז בעקיצער דער אינהאַלט פון „רות“. ווי איר זעט, איז אינעם אָנהייב פון דער דערציילונג אָנגעגעבן טאַקע די צײַט, אַף וועלכער עס פאַרופט זיך דער כאַוועור בראַגינסקי. ער באַשטעטיקט די צײַט אויך מיט א באַמערקונג, אַז אין קריסטלעכן קאַנאָן (פון דער ביבל. — ע. פ.) זײַנען די ביכער „שופטים“ און „רות“ געבראַכט איינס נאָכן אַנדערן — פריִער „שופטים“, דערנאָך „רות“. צו דער דאָזיקער באַמערקונג קאָן מען נאָך צוגעבן, אַז אין דער איבערזעצונג פון דער ביבל אַף גריכיש — (אין דער „סעפּטואַגינטע“ — די איבערזעצונג פון די 70), וואָס יִדן האָבן געמאַכט אין II יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער ערע אין דער עגיפּטישער אַלעקסאַנדריִע, — אויך דאָרטן איז „רות“ געגעבן גלײַך נאָך „שופטים“ („די סעפּטואַגינטע“ איז געווען א געוויסער מוסטער פאַר דער מערהײַט קריסטלעכע ביבלישע קאַנאָנען), בײַ דעם דאָזיקן סיידער האָט זיך אויך געהאַלטן דער היסטאָריקער יויסעף פלאַוויוס (געבאָרן אין 37 אָדער אין 38 יאָר פון דער איצטיקער ערע, געשטאָרבן אָפּאַנעם אָנהייב II יאָרהונדערט). אין זײַן „יִדישער אַרכעאָלאָגיע“ גייט נאָך די דערציילונגען וועגן שימשן־האַגיבער פונעם סייפער „שופטים“ גלײַך די געשיכטע וועגן רוס. און דאָך, ניט געקוקט אַף די אַלע רײַעס, וואָס באַשטעטיקן, דאַכט זיך, בראַגינסקיס מיינונג, דאַרף מען זי אָפּפרעגן.

מיקוירעך דעם סייפער „שופטים“

דער סייפער „שופטים“ איז דער גרונטקוואַל, פון וועלכן מיר ווערן עפּעס געוואָר וועגן דער שאָפּטים־עפּאָכע, וועלכע האָט זיך געצויגן בײַ א צוויי הונדערט יאָר. אָבער אויך דער דאָזיקער סייפער איז אַנטשטאַנען ניט „ערעוו די קיניגרײַכן“, נאָר א סאַך שפּעטער. דאָס איז צו זען פונעם סייפער גופא. פיר מאָל ווערט דאָרט בײַ פאַרשיידענע געלעגנהײַטן איבערגעכאַזערט די פאָרמול: „אין יענע טעג איז אין יִיסראָעל קיין מיילעך ניט געווען“ (קאַפּיטלען יז, יח, יט, כא). דערפון איז קלאָר, אַז דער סייפער איז פאַרפאַסט געוואָרן ערשט דעמלט, ווען אין יִיסראָעל איז שוין געווען א מיילעך, און ניט סטאַם א מיילעך, נאָר אַזאַ, וואָס האָט בײַ זיך פאַרפירט א כראָניסט און א שרײַבער, ווי דאָס האָט געטאָן אין זײַנע לעצטע יאָרן דער מיילעך דאַוויד (ער האָט געקיניגט לעערעך אין די יאָרן 1013—973)[1] און באַזונדערס — זײַן זון שלוימע, וואָס האָט געקיניגט נאָך דאַווידן און האָט שוין געהאַט בײַ זיך א כראָניסט און צוויי שרײַבער („שמועל ב'“, כ; 26; „מעלאָכים א'“, ד; 3).

די כראָניסטן און שרײַבער האָבן געהאַט צו טאָן מיט די לויפנדיקע קיניגלעכע געשעפטן, זיי האָבן זיך שוין אָבער געהאַט אויך פאַרנומען מיט פאַרצייכענען מײַסעס, לידער און אַנדערע שאַפונגען, וואָס זײַנען געווען פאַרשפרייט אין די מײַלער פון די אָדער יענע יִדישע שוואָטים. די שאַפונגען זײַנען טיילמאָל געווען אָריגינעלע — האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם שטייגער, די געדאַנקען און טרוימען פון די שוואָטים; טיילמאָל זײַנען זיי דירעקט אָדער אומדירעקט באַווירקט געווען פון ווערק, וואָס זײַנען פאַרפאַסט געוואָרן בײַ די אַרומיקע פעלקער. אַזוי זײַנען אַנטשטאַנען געשריבענע מאַטעריאַלן, וואָס א סאַך פון זיי זײַנען מיט דער צײַט געלייגט געוואָרן אין גרונט פון די ביבלישע ספאָרים, ווי אויך אין אייניקע פריִערדיקע, וואָס זײַנען צו אונדז ניט דערגאַנגען, די כראָניסטן און שרײַבער זײַנען ניט געווען קיין היסטאָריקער; האָבן אין זייערע נאָטיצן ניט אָפּגעטיילט ווירקלעכע געשעענישן פון אויסגעטראַכטע; האָבן אָפט געמישט וואָרהײַט און דיכטונג. פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנרען זײַנען דעריבער אין א ריי ביבלישע ספאָרים פאַרגעשטעלט איינע לעבן די אַנדערע. אַזוי, לעמאָשל, האָט איר אינעם סייפער „שופטים“ פאַרשיידענע מײַסעס וועגן דעם, וויִאַזוי די אָדער יענע שוואָטים אָדער אפילע מישפּאָכעס האָבן פאַרנומען כאַלאָקים ערד אין קנאַאַן (פּאַלעסטינע), וויִאַזוי און מיט וועלכע פעלקער זיי איז אויסגעקומען צו פירן מילכאָמעס. דאָרט האָט איר אויך זייער א פײַנע פּאָעמע „דווירעס געזאַנג“, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן לעערעך אין 1150 יאָר און דערציילט וועגן א מילכאָמע, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט א גרעסערע צאָל יִדישע שוואָטים. א ריי קאַפּיטלען זײַנען געווידמעט די אופטוען פון דעם לעגענדאַרן שימשן־האַגיבער, וועלכער האָט זיך איינער אַליין געהאַט געראַנגלט מיט

---

[1] דאָ און ווײַטער גייט קימאַט קעסיידער א רייד וועגן געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען פאַר דער איצטיקער ערע.

די פּלישתּים. די פּלישתּים האָבן אין XII יאָר־
הונדערט זיך געהאַט באַזעצט אין קנאַאַן אַפּן
דאָרעם־מיזרעכדיקן ברעג פונעם מיטללענדישן
יאַם. זיי זײַנען אַ לאַנגע צײַט געווען שטאַרקער
פון די ייִדן: בעסער באַוואָפנט, דערפון האָט
זיך באַ די ייִדן גענומען דער טרוים וועגן אַ גיי־
בער, וואָס זאָל זיך ראַנגלען מיט די פּלישתּים[1].
צוגלײַך מיט די און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַר־
נעמען אין „שופטים“ אַ היפּש אָרט אויך מיי־
טיילונגען וועגן געצנדינערײַ באַ די דעמלטיקע
ייִדן, וועלכע ווערט, ווי ביכלאַל אין די ביבלי־
שע ספאָרים, שטאַרק פאַרורטיילט מיצאַד די
שפּעטערדיקע צונויפשטעלער און רעדאַקטאָרן.

די צונויפשטעלער און רעדאַקטאָרן פון די
ביבלישע ווערק זײַנען געווען אַזוי פאַרטאָאָן אין
דורכדרינגען די ביבל מיט דער אידיי פונעם
שפּעטערדיקן מאָנאָטעיִזם קעגן געצנדינערײַ און
פּילגעטערײַ, אַז זיי האָבן אָפט ניט רעאַגירט
אַף פאַקטישע פעלערן, וואָס זײַנען אין דער
ביבל פאַראַן. לעמאָשל: איינער פון די „שופ־
טים“־העלדן ייִפטאָך (יפתח) גיט דעם גאָט קעי־
מאָש אַן פאַרן גאָט פון די בניי־אַמוין („שופ־
טים“, יאַ: 24). אינדערעמעסן אָבער, ווי דאָס
איז גוט באַוווּסט פון אַנדערע ביבלישע ערטער,
איז קעמאָש דער גאָט פון מויאָוו.

די צונויפשטעלער און רעדאַקטאָרן פון די
ביבלישע ספאָרים האָבן ניט באַמערקט די סטיר־
רעס, וואָס זײַנען פאַראַן צווישן די מאַטעריאַלן
פון די אָדער יענע ספאָרים און אָפט אַפילע פון
איינעם און דעם זעלבן סייפער, ווי זיי האָבן
אין אַ ריי פאַלן אויך ניט באַמערקט די
איבערכאַזערונגען פון איינעם און דעם זעלבן
מאַטעריאַל אין די ספאָרים. לעמאָשל: דאָס
וואָס עס ווערט דערציילט אין „שופטים“ (אַ:
12־15) וועגן קאַלעוון און זײַן טאָכטער, ווערט
קימאַט מיט די זעלבע ווערטער געזאָגט אויך
אין „יעהוישוא“ (טו: 16־19).

אַגעוו, אַלפּי מעסורע איז „יעהוישוא“ פריִער
פון „שופטים“, און בעהעסקעם מיט דער דאָזי־
קער מעסורע און געוווינהײַטן וואָלט מען גע־
דאַרפט מאַכן פאַרקערט: דאָס געזאָגטע אין
„יעהוישוא“ וועגן קאַלעוון... ווערט... געבראַכט
אויך אין „שופטים“. אָבער דער גאַנצער מאַ־
טעריאַל פונעם סייפער, „יעהוישוא“, וואָס דער־
ציילט, וויאַזוי די שוואָטים האָבן שוין געהאַט
פאַרנומען זייערע כאַלאָקים ערד, בײַקומענדיק
31 מעלאָכים (קאַפּ. יב), — איז ניט מער ווי אַ
פאַנטאַזיע, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן שפּע־
טער פונעם סייפער „שופטים“. דאָס איז צו זען
אַפילע פון דער אָרטאָגראַפיע אין דעם איבער־
געכאַזערטן פראַגמענט. אין „יעהוישוא“ ווערן
דאָרט איינינקע וואָקאַלן אָפּטער באַצייכנט, איי־
דער אין „שופטים“. לעמאָשל: די ווערטער פון
„שופטים“: „לשאל, עלית, תחתית“ זײַנען אין
„יעהוישוא“ אויסגעלייגט אַזוי: „לשאול, עליות,
תחתיות“.)

האַקלאַל, וויל מען באַשטימען די צײַט, ווען
אַ ביבלישער סייפער איז אַנטשטאַנען אָדער
ווען זײַן מעכאַבער אָדער מעכאַברים האָבן גע־
לעבט, טאָר מען זיך ניט רעכענען בלויז מיט
די אָדער יענע איינצלנע רײַעס אָדער צופעלי־
קע סימאָנים פונעם ווערק. מע מוז נעמען אין
אַכט אַלע זײַנע אייגנשאַפטן, אויב ניט — קאָן
מען כאַלילע מאַכן ערנסטע טאָעסן.

איצט לאָמיר איבערגיין צו דער מעגילע „רות“.

שוין דער לעצטער זאַץ אירער גיט צו וויסן,
אַז דער דערציילער האָט געלעבט ניט אין דער
צײַט פון די שאָפטים, וואָרעם ער האָט שוין
געוווּסט פון דאָווידן (מיטן נאָמען דאָוויד
ווערט אין דער ביבל אָנגערופן בלויז דאָוויד־
האַמעלעך). און ווען אַפילע דער לעצטער זאַץ
וואָלט אין דער מעגילע ניט געווען, וואָלטן מיר
אויך פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מעגילע האָט ניט
געקאָנט זײַן אין דער צײַט פון די שאָפטים.

די באַציִונגען צווישן ייִסראָעל און מויאָוו

די ייִדן און מויאָווים האָבן זיך אָפט געקריגט,
מילכאָמע געהאַלטן איינע מיט די אַנדערע און
האָבן אונטערגעדריקט איינע די אַנדערע. דער
סייפער „שופטים“ (ג: 12־14) דערציילט, אַז
דער קיניג פון מויאָוו האָט געהאַט צעשלאָגן
ייִסראָעל, און די בניי־ייִסראָעל זײַנען אים גע־
ווען אונטערטעניק אַכצן יאָר. אַ ביסל ווײַטער
ווערט דאָרט געזאָגט, אַז די בניי־ייִסראָעל פאַר־
נעם באַרג עפראַיִם האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און
אויסגעהארגעט באַ צען טויזנט מויאָווים.

די סינע צו די מויאָווים איז באַזונדערס שאַרף
אויסגעדריקט אינעם כומעש „דוואָרים“. אינעם
יעסאָד פונעם דאָזיקן כומעש ליגט אַ סייפער,
וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צײַט,
ווען עס האָט אין יעהודאָ געקיניגט דער מיי־
לעך יוישיִאָהו (640—609), וועגן וועלכן עס
ווערט דערציילט אינעם סייפער „מעלאָכים ב“
(קאַפּיטלען כב—כג), ווען מע האָט לויט יוישי־
יאָהוס פאַראָרדענונג זיך געהאַט פאַרנומען מיט
פאַריכטן דעם בייס־האַמיקדאָש אין ירושאָ־
לאַיִם, האָט דער דעמלטיקער קויהען־גאָדל גע־
מאָלדן, אַז ער האָט אין „יאַהוועס הויז“ געפו־
נען (און עפשער האָט ער פאַרפאַסט? — ע. פּ.)
אַ „ספר התורה“ (סייפער האַטוירע). יוישיִאָהו
האָט אַף דעם סמאַך אין יאָר 623 אָדער 622
דורכגעפירט אַ וויכטיקע רעליגיִעזע רעפאָרמע.
מיט דער צײַט האָט מען צום „ספר התורה“
צוגעגעבן נאָך מאַטעריאַלן, און עס האָט זיך
באַקומען דער כומעש „דוואָרים“. אָט אינעם
דאָזיקן כומעש איז פאַראַן אַ קלאָרע און דײַט־
לעכע דירעקטיוו ווי זיך צו באַציִען צו די מויאָ־
ווים:

[1] דאָס לאַנד, ווו די פּלישתּים האָבן געוווינט,
הייסט אין דער ביבל פלשת (פּלעשעט, פּלעשעס).
דערפון נעמט זיך דער נאָמען פּאַלעסטינע.

...אַן אמוינִי (פון די בנֵיי־אמוין. — ע. פּ.) און מויאָווי זאָל ניט אריַין אין יאהוועס קאָהאָל (אין דער געמיינדע, וואָס האלט פונעם גאָט יאַהווע. — ע. פּ.) אפילע א צענטער דאָר זאָל ניט אריַין אין יאהוועס קאָהאָל ביז אייביק, מאכמעס זיי האָבן איַיך ניט אופגענומען מיט ברויט און וואסער, ווען איר זיַיט געגאנגען פון מיצראַיִם, און מאכמעס זיי האָבן קעגן דיר[1] געדונגען בילאָמען... צו שילטן דיך. אָבער יאהווע דיַין גאָט האָט בילאָמען ניט געוואָלט הערן, און יאהווע דיַין גאָט האָט זיַין קלאָלע פארוואנדלט אין א בראָכע, וואָרעם יאהווע דיַין גאָט האָט דיך ליב. ניט ווינטש זיי קיין שאָלעם און קיין גוטס אלע דיַינע טעג אַף אייביק („דוואָרים", כג, 4־7).

דער לייענער וועט זיך אוואדע כידעשן: לויט דער מעסוירע, זיַינען ייִדן געגאנגען פון מיצראַיִם אין XIII יאָרהונדערט. שוין זשע האָבן דאָס זייערע קינדסקינדער אין VII יאָרהונדערט נאָך אלץ געהאלטן אין זיקאָרן א פארדראָס אַף די מויאָווים, אלעמיַי זיי האָבן ניט באגעגנט זייערע אורעלטערן מיט ברויט און וואסער? און פארוואָס, אייגנטלעך, האָבן דאָס די מויאָווים געדארפט פריַינטלעך באגעגענען די וואנדערנדיקע ייִדן, וואָס זיַינען ראק אָנגעפאלן אַף די אָרטיקע פעלקער? דאָס איז ערשטנס, צווייטנס, ווי דער כומעש דערציילט, קומט מויאָוו ארויס פון לויטן, אווראָמס א פלימעניק („בעריישיס", יב:5), זיַינען דאָך די ייִדן און די מויאָווים גאָר נאָענטע קרויווים, אויך זייערע לעשוינעס זיַינען קרויווישע. פארוואָס זשע האָט מען זיך דאָס ראק געקריגט און אָפט זיך געשלאָגן איינע מיט די אנדערע?

פארשטייט זיך, אז מילכאָמעס קומען פאָר צוליב פארשיידענע טיַימים. אָפט — קעדיי צו באפריַיען זיך פון א פרעמדער מאכט אָדער קעדיי צו העלפן עמעצן אין א באפריַיערישער מילכאָמע. אָבער גאָר א סאך מילכאָמעס, דערין אויך „אידייִשע", זיַינען פאָרגעקומען און קומען אדהיַיעם פאָר אויס מאטעריעלע אינטערעסן — אין ברייטסטן זין פון די דאָזיקע ווערטער. און אזוי איז עס מערסטנס געווען אויך בא די אמאָליקע ייִדן און מויאָווים.

דאָס העברעיִשע וואָרט „מלחמה" (מילכאָמאָ, אין ייִדיש מילכאָמע) איז פונעם וואָרצל „לחם" (לאָכוים, לאָכאם, לעכעם), וואָס באטיַיט: 1) שפּיַיז, עסן; ברויט; 2) שטריַיטן, מילכאָמע האלטן.

האקלאל, אויך אין דער ציַיט פון די מעלאָכים זיַינען די באציִונגען צווישן די ייִדן און מויאָווים געווען זייער ניט קיין גוטע. ניט בעסער זיַינען זיי געווען אויך שפּעטער, ווען די מעלוכע יעהודאָ איז כאָרעוו געוואָרן אין די יאָרן 597—586 (די מעלוכע ייִסראָעל איז אומגעבראכט געוואָרן פריִער — אין יאָר 722). דערפון איז קלאָר, אז אין אלע ציַיטן האָט בא די ייִדן ניט געקאָנט פארפאסט ווערן אזא ווערק, ווי די מעגילע „רות", וואָס שילדערט אזוי מילד, אזוי ווייך, אזוי אידיליש די פארהעלטענישן צווישן ייִדן און א מויאָווישער פרוי. מע מוז פאָרט מאסקים זיַין מיט די, וואָס האלטן, אז „רות" איז אופגעקומען אין די יאָרן, ווען עזראָ און נעכעמיע זיַינען טעטיק געווען (458—432).

עזראָס קאמף קעגן געמישטע שידוכים און „רות"

עזראָ האָט צוערשט געלעבט אין באָוול, ווו עס האָט זיך געפונען א גרויסע געמיינדע ייִדן. א טייל האָט געשטאמט פון געוועזענע ייִסראָעלאיַינוווינער, וואָס אין יאָר 772, ווען זייער לאנד האָט פארנומען דער אשורישער (אסירישער) קיניג סארגאָן II, זיַינען זיי פארטריבן געוואָרן אין א ריי אשורישע געגנטן, וועלכע עס האָט שפּעטער באהערשט דער קיניג פון באָוול. אן אנדער טייל איז ארויסגעקומען פון די יעהודאָאיַינוווינער, וואָס זיַינען אהער פארשיקט געוואָרן אין די יאָרן 597 און 586, בייס זייער לאנד האָט אלץ מער און מער באצוווּנגען דער באָוולשער קיניג. די דאָזיקע צוויי גרופּעס ייִדן, וואָס זייערע עלטערן אין ייִסראָעל און אין יעהודאָ האָבן בעדערעך־קלאל געלעבט ביז גאָר אומפריַינטלעך, האָבן זיך דאָ, אין גאָלעס, טיילוויַיז דערנעענטערט איינע מיט די אנדערע. עס האָבן זיי מעקארעוו געמאכט דער געמיינזאמער גוירל, אלגעמיינע רעליגיִעז־שטייגערישע מינהאָגים, קולטורעלע באדערפענישן. נאטירלעך, אז א סאך פון זיי האָבן געלעבט מיטן טרוים זיך אומצוקערן אהין, פונוואנען מע איז פארוואָגלט געוואָרן. ווען באָוול איז אין יאָר 539 באזיגט געוואָרן דורכן פערסישן קיניג קוירעש (אין רוסיש הייסט ער קיר), האָבן די באָוולשע ייִדן באקומען א דערלויבעניש זיך אומקערן אהיים (קוירעש האָט זיך געקליבן מילכאָמע האלטן מיט מיצראַיִם. ער האָט געהאלטן, אז די ייִדן וועלן פאר אים זיַין א פּאסיקער סאטעליט). א היפּשע גרופּע האָט זיך טאקע אומגעקערט קיין יעהודאָ, אָבער א סאך ייִדן זיַינען פארבליבן אין באָוול, פונוואנען זיי האָבן זיך מיט דער ציַיט פארשפּרייט אין א ריי לענדער.

די דערנעענטערונג, וועגן וועלכער ס'איז ערשט גערעדט געוואָרן, האָט געהאט א געוויסע פּולע אַף דער אנטוויקלונג פונעם ליטעראטור־וועזן בא די באָוולשע ייִדן, פון די באזונדערע אנאלן, וואָס זיַינען געווען בא די ייִדן פון ייִסראָעל און בא די ייִדן פון יעהודאָ, האָט מען גענומען מאכן קאָמפּיליאציעס. אזוי איז אנטשטאנען דער „ספר מלכי־ישראל ויהודה" (סייפער מאלכיי־ייִסראָעל וויִיעהודאָ), וועלכער

[1] דאָ איז אן אומגעריכטער איבערגאנג פון מערצאָל צו איינצאָל. אזעלכע און אנדערע גראמאטישע גריַיזן, ווי אויך אָרטאָגראפישע, טרעפט מען אין דער ביבל גאנץ אָפט.

איז צו אונדז ניט דערגאַנגען[1]. אַפֿן סמאַך פֿון די דאָזיקע אַנאַלן זײַנען אויך פֿאַרפֿאַסט געוואָרן די שוין פֿריִער ציטירטע ביבלישע ספֿאָרים „מעלאָכים א׳״ און „מעלאָכים ב׳״. ווי עס שײַנט, האָט די דאָזיקע ספֿאָרים קאָמפּילירט אַן אַנהענגער פֿון יעהודאָ. ער האָט זיך באַמיט צו זאָגן וואָס מער גוטס אַף דער דאָוויד־דינאַסטיע, ביפֿראַט אַף שלוימע־האַמעלעך, און וואָס מער שלעכטס אַף די מעלאָכים פֿון ייִסראָעל.

מיט ליטעראַטור האָט זיך געהאַט פֿאַרנומען אויך עזראָ. אין דער ביבל הייסט ער אָפֿט עזראָ דער סױפֿער. עזראָ האָט געשטאַמט פֿון קויהאַנים, וואָס אין זייערע הענט האָבן זיך געוויינלעך געפֿונען די געזעצגעבונגען[2]. ער האָט שטודירט די דעמלטיקע ליטעראַטור בײַ ייִדן און האָט געשטרעבט צו פֿאַרשפּרייטן זי אין איבערגעשריבענע מעגילעס, וואָס ער אַליין האָט זיי אָפּאָנעם געשריבן.

אין יאָר 458 האָט עזראָ באַקומען אַ דערלויבעניש פֿונעם דעמלטיקן פּערסישן קיניג צו לאָזן זיך קיין יערושאָלאַיִם. דערבײַ האָט מען אים געגעבן דאָס רעכט צו נעמען מיט זיך, וועמען ער וויל, ווי אויך דאָס רעכט אײַנצופֿירן אין יערושאָלאַיִם געזעצן, באַשטימען דאַיאָנים און מישפּעטן פֿאַרברעכער. עזראָ און זײַנע מיטגייער (מער פֿון אָנדערהאַלבן טויזנט) זײַנען נאָך אַ וועג פֿון פֿיר כאַדאָשים אָנגעקומען קיין יערושאָלאַיִם. דאָ איז עזראָ געוואָר געוואָרן, אַז אַ סאַך ייִדן האָבן געטאָן שידוכים מיט די אַרומיקע פֿעלקער. דאָס האָט אים זייער אױפֿגעבראַכט, ער האָט צעריסן אַף זיך די קליידער, געריסן אַף זיך די האָר און האָט זיך שטאַרק צעוויינט. אַרום אים האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ גרויסער אוילעם — מענער, ווײַבער און קינדער, וואָס האָבן זיך אויך באַגאָסן מיט טרערן. איינער פֿונעם אוילעם האָט פֿאָרגעלייגט, מע זאָל זיך צעשיידן מיט די פֿון דער פֿרעמד גענומענע ווײַבער און מיט זייערע קינדער. עזראָ האָט געהייסן געבן אַ שוווּע, אַז זיי וועלן דאָס טאָן, און זיי האָבן געשוואָרן. נאָך אייניקע שמועסן און פֿאַרזאַמלונגען האָט מען אָנגעהויבן צו פֿאַרשרײַבן די אַלע, וואָס האָבן געהאַט ווײַבער פֿון די פֿרעמדע פֿעלקער. עס האָט זיך באַקומען אַ היפּש צעטל, וואָס ווערט געבראַכט צום סאָף פֿונעם סייפֿער „עזראָ״. וואָס איז ווײַטער געשען, גיט צו וויסן דער סייפֿער „נעכעמיאָ״ („נחמיה״), יג: 1־2: „אין יענעם (?) טאָג האָט מען געלייענט פֿאַרן פֿאָלק אין מוישעס סייפֿער (?) און מע האָט דאָרט געפֿונען געשריבן, אַז אַן אַמוינִי און מויאָווי זאָל ניט אַרײַן אין גאָטס קאָהאָל ביז אייביק...

און ווען זיי האָבן דערהערט די טוירע, האָבן זיי אַלע פֿרעמדע אָפּגעטיילט פֿון ייִסראָעל.

איר שטעלט זיך פֿאָר, וויפֿל יעסורים עס האָבן פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער אָפּעראַציע געמוזט האָבן הונדערטער און עפּשער טויזנטער מישפּאָכעס! וויפֿל לעבעדיקע אַלמאָנעס און יעסוימים עס זײַנען דאָס געוואָרן! מע דאַרף קלערן, אַז ניט ווייניק מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופֿילן דעם באַשלוס וועגן צעשיידן זיך מיט די אייגענע ווײַבער און קינדער. עס זײַנען געוויס געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געפּרוּווט באַקעמפֿן דעם דאָזיקן באַשלוס. וועהאָרײַע — די מעגילע „רות״. דער מעכאַבער שילדערט זייער פֿײַנע, האַרציקע באַציִונגען צווישן דער ייִדישער נאָעמי מיט איר מויאָווישער שנור רוס, וואָס איז פֿרײַ פֿון יעטווידן שאָוויניזם („דײַן פֿאָלק איז אויך מײַנס, דײַן גאָט איז אויך מײַנער״). עס זײַנען ניט באַלעסטיקט מיט אים אויך אַלע אַנדערע אָנטיילנעמער פֿון דער נאָוועלע. די גאַנצע מעגילע איז דורכגעדרונגען מיט אַ וואַרעמען, גינציקן, ליכטיקן טאָן. צום סאָף — אַ ביז גאָר וויכטיקער אַקאָרד: פֿון דער מויאָווישער פֿרוי איז דאָס אַרויסגעקומען אַזאַ מענטש, ווי דאָוויד.

אָט אַזוי, מיט ריין קינסטלערישע מיטלען, פֿרעגט דער מעכאַבער פֿון „רות״ לאַכלוטן אָפּ די גרונטמאָטיוון פֿון עזראָס נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק.

„רות״ איז אַ שײַנדל פֿון און פֿאַר דער אַלט־העברעיִשער און אַלמענטשלעכער ליטעראַטור. און אַוואַדע האָט מען גוט געטאָן, וואָס מע האָט זי אײַנגעשלאָסן אין דער 200־בענדיקער „ביבליאָטעק פֿון דער וועלט־ליטעראַטור״. גוט איז אויך, וואָס אין דער דאָזיקער „ביבליאָטעק״ האָט מען אַרײַנגענומען אַזאַ דימענט, ווי די נאָוועלע יוינאָ, ווו דער געדאַנק וועגן מענטשלעכער ברודערשאַפֿט און מענטשלעכער ווירדע איז אויסגעדריקט נאָך בוילעטער, נאָך דרייסטער, נאָך איידעלער, ווי אין „רות״.

די נעוויִים און דער כומעש

דער כאַווער בראַגינסקי זאָגט, אַז „אין דער עצעם סטרוקטור פֿון דער ביבל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער פּרינציפּ פֿון טראַדיציאָנאַליזם, וועלכער באַשטייט דערין, וואָס יעדע ווײַטערדיקע ליטעראַרישע סטאַדיע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מין „קאָמענטאַר״ צו דער פֿאָריקער. די ביבל באַשטייט, ווי באַוווּסט, פֿון דרײַ טיילן: „טוירע״, „נעוויִים״ און „קסווּוים״. די נעוויִים, — זאָגט ווײַטער דער כאַווער בראַגינסקי, — באַטראַכטן דעם כומעש אַלס דעם קוואַל און דער באַרעכטיקונג פֿון אַלע געשעענישן און פּריידיקונגען, וועלכע זײַנען געבראַכט אינעם בוך „נעוויִים״.

---

[1] אין דער ביבל ווערן אָנגערופֿן און אַפֿילע ציטירט נאָך ביכער, וואָס זײַנען צו אונדז ניט דערגאַנגען. לעמאָשל: „ספר הישר״ (סייפֿער האַיאָשאָר — דער סייפֿער פֿונעם גערעכטיקן), „ספר מלחמות יהוה״ (סייפֿער מילכאַמויס יאַהווע — יעהויוואָ — דער סייפֿער פֿון יאַהוועס מילכאָמעס).

[2] עזראָ איז געווען אַ שפּראָצלינג פֿונעם קויהען־גאָדל, וואָס האָט געפֿונען (אָדער עפּשער פֿאַרפֿאַסט?) דעם „ספר התורה״, וועגן וועלכן ס׳איז אויבן געווען דערציילט.

אינעם בוך „נעווייִם"? אין דער ביבל איז דען פאַראַן אַזאַ בוך: נאָר לאָמיר אָנעמען, אַז דאָס איז אַ צופעליקער גרײַז, אַז דער אויטאָר מיינט דאָ דעם גאַנצן אָפּטייל „נעווייִם", אָבער ווי קאָן מען וועגן דעם דאָזיקן אָפּטייל ריידן ווי עפּעס איין גאַנצע זאַך, דער אָפּטייל באַשטייט דאָך פון אַ גרויסער צאָל ביכער, וואָס אייניקע פון זיי האָבן אַ ביז גאָר קנאַפּע שײַכעס צו נעווייִם. און אַפילו די ריין נעווייִשע ספאָרים איז דאָך אויך ניט שײַעך צו באַטראַכטן ווי איין ווערק, ווי איין דערשײַנונג. די דאָזיקע ספאָרים גע־הערן צו מענטשן, וואָס זייער טעטיקײַט האָט זיך געצויגן אַ דרײַ הונדערט יאָר — פון 760 לעערעך, ווען דער נאָווי אָמוס האָט אָנגע־הויבן צו פּריידיקן, ביז לעערעך 475, ווען עס האָט זיך באַוויזן דער נאָווי מאלאכי. דאָס זײַ־נען דאָך געווען יאָרן פון גרויסע דראַמאַטישע געשעענישן: ס'איז אונטערגעגאַנגען די מעלוכע יִיסראָעל (722); ס'איז אומגעבראַכט געוואָרן די מעלוכע יעהודאָ (597—586); גרויסע גרופּעס יידן פון ביידע מעלוכעס זײַנען פאַרשיקט גע־וואָרן אין גאָלעס; דערנאָך האָבן זיך געוויסע טיילן אומגעקערט פון גאָלעס (אין די יאָרן 538 און 458) און האָבן גענומען בויען אַ נײַ לעבן אין דער אַלטער היים. די בויונג האָט זיך געהאַט אָנגעטראָפן אַף אַ רײַ שטערונגען, און ס'איז ניט לײַכט אָנגעקומען זיי צו באַזײַטיקן.

פאַרשטייט זיך, אַז בא די נעווייִם, וואָס זיי אַלע האָבן, אַלס קלאַל, געזאָרגט און געוויי־טיקט פאַרן גורל פונעם פאָלק און לאַנד, זײַנען געווען היפּש אַלגעמיינע טענדענצן, זיי האָבן גערופן צו יושער און אָרנטלעכקײַט, צו גוטסקײַט און באַרעמהאַרציקײַט, צו אַכדעס און באַשיידנקײַט. זיי האָבן אַגיטירט פאַר איין גאָט, פאַרן גאָט יאַהווע, קעגן געצנדינערײַ און פּיל־געטערײַ. זיי זײַנען אָבער געווען רעאַלע פּאָ־ליטיקער, פּראַקטישע מענטשן, וואָס האָבן גע־לעבט אין פאַרשיידענע צײַטן און האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונגען אָפּגעשפּיגלט פאַרשיי־דענע סיטואַציעס און גערופן צו פאַרשיידענע מײַסים. און ניט נאָר צו פאַרשיידענע — אָפּטמאָל אויך צו קעגנזעצלעכע. לעמאָשל: די נעווייִם פון VIII יאָרהונדערט (אָמוס, הוישיאַ, יעשײַע I[1], מיכאָ) האָבן זיך נעגאַטיוו באַצויגן צו קאָרבאָנעס, אָבער מאלאכי האָט קאָרבאָנעס באַוויליקט. יעשײַע I (לעערעך 740—701) האָט געטרוימט וועגן אַ צײַט, ווען פעלקער וועלן פון זייערע שווערדן מאַכן אַקער־אײַזנס און פון די שפּיזן — סערפּן („יעשײַע", ב. 4). מיטן דאָזיקן געדאַנק האָט זיך אויך אומגע־טראָגן מיכאָ (לעערעך 723—700). און דער נאָווי יויעל (לעערעך 490—475) האָט גע־פּאָדערט גראָד דעם הייפּעך: מע זאָל פון די אַקער־אײַזנס מאַכן שווערדן און פון די סערפּן — שפּיזן („יויעל", ד: 10). יעשײַע I האָט ראַק געשטראָפט, אַלעמײַ מע נעמט באַם געמיינעם מענטשן צו דאָס שטיבל, דאָס שטיקל ערד, אַלעמײַ מע באַוואָלט דעם יאָסעם און די אַל־מאָנע. ער האָט זיך שטאַרק געבייזערט אַף די, וואָס שלעכטס הייסט בא זיי גוט און גוט — שלעכטס; וואָס זײַנען העלדן צו טרינקען ווײַן און בעריעס צו שיקערן; וואָס פאַר כאַבאַר באַ־רעכטיקן זיי דעם שולדיקן און קערן זיך אָפּ פונעם גערעכטיקן... און יעשײַע II, וואָס האָט געפּריידיקט אין די יאָרן 545—518, האָט שוין ניט געשטראָפט, נאָר געטרייסט, זײַן ערשטע רעדע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „טרייסט, טרייסט מײַן פאָלק. רעדט פרײַנטלעך (האַרציק) מיט יערושאָלאַיִם"... („יעשײַע", מ: 1—2).

פאַרשיידן איז אויך געווען דער אַדרעסאַט פון די רעדעס. אייניקע נעווייִם האָבן גע־טײַנעט צום אייגענעם פאָלק, צומאָל אַפילו צו אַ קליינער מעסיבע, און אַנדערע האָבן זיך פאַרמאָסטן אויך אָף די שכיינישע פעלקער און לענדער און אָפּט אַפילו אַף די געהויבענע, גרויסע מעלוכעס — אַף מיצרײַם, אַשור, באָוול.

אַנדערש איז אויך געווען דער אויפן פון אויסדריקן די געדאַנקען בא די אָדער יענע נעווייִם. אייניקע האָבן אָפּעריִרט מיט פאַנטאַ־סטישע בילדער און אַפילו מיט גרויסער סימ־באָליק, לעמאָשל, — יירמיִע (אין די יאָרן 628—586), און באַזונדערס יעכעזקל (592—570); אַנדערע אָבער זײַנען אָנגעקומען צו רעאַלי־סטישערע מיטלען — צו פּאַשעטע פאַרגלײַכן. צו באַקאַנטע עפּיטעטן און צוגענגלעכע מעטאַפאָ־רעס. אייניקע האָבן אָפּט גענוצט פּאַראַלעליזמען (טאָפּל־אויסדרוקן) באַם בויען די זאַצן. אַנדערע האָבן דאָס אויסגעמיטן. בא אייניקע זײַנען די זאַצן אָפּט ריטמיזירט, בא אַנדערע — ניט.

פון די אַלע בײַשפּילן איז קלאָר, אַז ס'איז ניטאָ קיין גרונט צו ריידן וועגן די נעווייִם ווי וועגן איין גוס.

דער כאַווער בראַגינסקי מיינט, אַז „די נע־ווייִם באַזירן זיך אָפן כומעש (טוירע), זיי פאָ־דערן, מע זאָל שטרענג אָפּהיטן אַלץ, וואָס אין כומעש שטייט"...

דעם דאָזיקן געדאַנק ווילט זיך באַזונדערס אָפּפרעגן. אין אייניקע נעווייִשע ספאָרים וועט איר ניט טרעפן דאָס וואָרט „תורה" (טוירע). און אויב דער אָדער יענער נאָווי ניצט דאָס וואָרט „תורה", מיינט ער דערמיט אַן אָנווייז, אַ געזעץ, און עס האָט קיין שום שײַכעס ניט צום כומעש.

די סטירעס אין כומעש

דאָס וואָרט „כומעש" באַטײַט סײַ אַן איינ־צלנעם סייפער פון די ערשטע פינף ביבלישע ספאָרים, סײַ אַלע פינף כומאָשים, וואָס גייען אין אַזאַ סיידער: „בערײשיס, שמויס, וואַיִקראָ, באַמידבאָר, דוואָרים". די דאָזיקע ספאָרים זײַנען אופגעקומען אין פאַרשיידענע צײַטן, אַנטהאַלטן אַ פאַרשיידענעם מאַטעריאַל, און מע קאָן זיי אויך ניט באַטראַכטן ווי איין גוס.

[1] אינעם סייפער „יעשײַע" זײַנען די ערשטע 39 קאַפּיטלען דעם דאָזיקנס יעשײַע, פון קאַפּיטל 40 (?) גייען רעדעס, וואָס געהערן צו אַן אַנדער נאָווי, וועלכן מע רופט אין דער ביבל־וויסנשאַפט יעשײַע II.

וועגן דעם סייפער „דוואָרים" איז אויבן שוין עפּעס געזאָגט געוואָרן. ער איז איבערהויפּט אינטערעסאַנט מיט זײַנע געזעצן און דירעקטיוון. זיי זײַנען דאָ א סאַך מער, איידער אינעם כומעש „שמויס", וואָס אַנטהאַלט עטלעכע רעשימעס ציווילע, קרימינעלע און רעליגיעז־מאָראַלישע געזעצן. און די, וואָס כאַזערן זיך דאָ איבער, שיידן זיך אָפּט אויך אונטער פון די, וואָס אין „שמויס".

לאָמיר פאַרגלײַכן אייניקע פון די „צען געבאָטן" אין די צוויי כומאָשים:

אין „שמויס", כ:

געדענק דעם טאָג שאבעס אום צו הייליקן אים. זעקס טעג זאָלסטו ארבעטן און אָפּטאָן אלע מעלאָכעס, אָבער דעם זיבעטן טאָג — שאבעס פאַר דײַן גאָט יאהווע — זאָלסטו קיין מעלאָכע ניט טאָן, ניט דו, ניט דײַן זון, ניט דײַן טאָכטער, ניט דײַן קנעכט און דינסט, ניט דײַן פי און ניט דער גער [פּראָזעליט], וואָס איז אין דײַנע טויערן.

וואָרעם פאַר זעקס טעג האָט יאהווע געמאכט דעם הימל און די ערד און דעם יאם און אלץ, וואָס אין זיי, און האָט גערוט דעם זיבעטן טאָג. דעריבער האָט יאהווע געבענטשט דעם טאָג שאבעס און האָט אים געהייליקט (8־11).

גיב אָפּ קאָוועד דײַן פאָטער און דײַן מוטער, קעדיי דו זאָלסט לאנג לעבן אינעם לאנד, וואָס יאהווע דײַן גאָט גיט דיר (12).

זאָלסט ניט גלוסטן דעם פרײַנטס [יענעמס] הויז.

זאָלסט ניט גלוסטן דעם פרײַנטס ווײַב, זײַן קנעכט, זײַן דינסט, זײַן אָקס, זײַן אייזל און גאָרנישט פון זײַנס (17).

אין „דוואָרים", ה:

היט דעם טאָג שאבעס אום צו הייליקן אים, ווי עס האָט דיר געהייסן יאהווע דײַן גאָט. זעקס טעג זאָלסטו ארבעטן און אָפּטאָן אלע מעלאָכעס, אָבער דעם זיבעטן טאָג — שאבעס פאַר דײַן גאָט יאהווע — זאָלסטו קיין מעלאָכע ניט טאָן, ניט דו, ניט דײַן זון, ניט דײַן טאָכטער, ניט דײַן קנעכט און דינסט, ניט דײַן אָקס, ניט דײַן אייזל, ניט דײַן גאנץ פי און ניט דער גער, וואָס איז אין דײַנע טויערן, קעדיי עס זאָלן רוען דײַן קנעכט און דײַן דינסט אזוי ווי דו.

און דו זאָלסט געדענקען, אז ביסט געווען א קנעכט אינעם לאנד מיצראַיִם און יאהווע דײַן גאָט האָט דיך פון דאָרט ארויסגעפירט מיט א מעכטיקער האנט און מיט אן אויסגעשטרעקטן אָרעם. דעריבער האָט יאהווע דײַן גאָט דיר געהייסן צו מאכן (היטן) דעם טאָג שאבעס (12־15).

גיב אָפּ קאָוועד דײַן פאָטער און דײַן מוטער, ווי עס האָט דיר געהייסן יאהווע דײַן גאָט, קעדיי דו זאָלסט לאנג לעבן און עס זאָל דיר זײַן גוט אף דער ערד, וואָס יאהווע דײַן גאָט גיט דיר (16).

זאָלסט ניט גלוסטן דעם פרײַנטס [יענעמס] ווײַב.

זאָלסט ניט באגערן דעם פרײַנטס הויז, זײַן פעלד, זײַן קנעכט, זײַן דינסט, זײַן אָקס, זײַן אייזל און גאָרנישט פון זײַנס (19).

ווי איר זעט, זײַנען אייניקע פון די „צען געבאָטן", וואָס לויטן כומעש, האָט מען זיי באַקומען אפן בארג סינײַ פון גאָט אליין, בא זייער א דראמאטישער סצענע (עס האָט געבליצט און געדונערט, דער בארג סינײַ איז געווען פול מיט רויך, ווײַל יאהווע איז אַף אים אראָפּ מיט פײַער... פרומע ייִדן און קריסטן גלייבן אדהײַנטיקן טאָג אין דער קינדערשער מײַסע) — אפילע די דאָזיקע „הייליקע" געבאָטן זײַנען אין „שמויס" און אין „דוואָרים" פארשיידן אויסגעלייגט:

1) אין „שמויס" הייסט מען געדענקען דעם טאָג שאבעס, ווײַל אין דעם טאָג האָט יאהווע גערוט נאָך זײַנע זעקס ארבעטסטעג; אין „דוואָרים" הייסט מען היטן דעם טאָג שאבעס, קעדיי מע זאָל געדענקען, אז מע איז געווען א קנעכט אין מיצראַיִם.

2) דאָס געבאָט וועגן אכטן די עלטערן איז אין „דוואָרים" פולער, איידער אין „שמויס";

3) פארשיידן איז אין די צוויי קוועלן פאָרמולירט אויך דאָס געבאָט וועגן ניט האָבן קיין כיישעק צו יענעמס ווײַב און צו זײַן גוטס. אין „דוואָרים" איז די פאָרמולירונג לאָגישער און סטיליסטיש רײַכער, איידער אין „שמויס".

כוץ דעם איז אין „דוואָרים" די גרופּע „יאהווע דײַן גאָט" אָפטער, איידער אין דעם כומעש „שמויס".

אפן סמאך פון די דאָזיקע אונטערשיידן האלטן ביבל־קריטיקער, אז די געבאָטן אין „שמויס" זײַנען פארשריבן פריִער, איידער די דוואָרימדיקע. עס איז אויך א סוואָרע, אז ביידע טעקסטן האָבן געהאט פאַר זיך א פריִערדיקן מוסטער, ווו קיין מאָטיווירונגען זײַנען ביכלאל ניט געווען, און אלע געבאָטן זײַנען געווען קורץ, ווי די געבאָטן „זאָלסט ניט הארגענען; ניט נויעפן; ניט גאַנווענען; ניט איידעס־זאָגן פאלש".

און ניט נאָר אין פארשיידענע כומאָשים, אָפּט האָט איר אין איינעם און דעם זעלבן כומעש פארשיידענע און אפילע קעגנזעצלעכע אײַנשטעלונגען מיקויעך איינער און דער זעלבער דערשײַנונג. לעמאָשל: אין „דוואָרים", ה: 9, איז געזאָגט אזוי: „...איך, יאהווע דײַן גאָט, בין אן אייפעריקער גאָט, וואָס באשטראָפט קינדער פאַר די עלטערנס א פארברעכן ביזן דריטן און פערטן דאָר"... (דאָס זעלבע איז געזאָגט אויך אין „שמויס") און אין „דוואָרים", כד: 16, איז שוין גאָר אן אנדער פאַראָרדענונג: „עלטערן זאָלן ניט באשטראָפט ווערן מיט טויט פאַר די קינדער, און קינדער — פאַר עלטערן, יעדערער זאָל פאַר זײַן זינד באשטראָפט ווערן".

אגעוו, מיטן זעלבן געדאנק האָט זיך אומגעטראָגן אויך דער נאָווי ייִרמיע, וועלכער האָט געלעבט אין דער צײַט, ווען מע האָט אנטפּלעקט דעם „ספר התורה", וואָס ליגט אינעם יעסאָד פונעם כומעש „דוואָרים". עס קומען אָן טעג, שטייט אין „ייִרמיע", לא: 26—29, ווען מע וועט שוין ניט זאָגן: „די עלטערן האָבן געגעסן זויערע ווײַנטרויבן, און בא די קינדער זײַנען הײַליק געוואָרן די ציין". נאָר יעדערער וועט שטארבן פאַר זײַנע אייגענע זינד. ווער ס'וועט עסן זויערע ווײַנטרויבן, בא דעם וועלן הײַליק ווערן

די ציין״ (זעט אויך אין דעם סייפער „יעכעזקל״, יח: 2—4).

אז איינער און דער זעלבער כומעש זאָל אנטהאלטן פארשיידענע אָדער קעגנזעצלעכע פאָרמולירונגען וועגן איינעם און דעם זעלבן אָביעקט, קאָן מען זען אויך אינעם סייפער „שמויס״. צוגלײַך מיטן אויבן געבראכטן געבאָט וועגן שאבעס האָט איר אינעם דאָזיקן כומעש, לא: 15, אויך אזא באפעל: „זעקס טעג זאָל מען ארבעטן, אָבער דער זיבעטער טאָג איז שאבעס — א טאָג פון רו, יאהוּוען געהייליקט. ווער עס ארבעט אום שאבעס — יענעם זאָל מען טייטן״. דאָ, הייסט עס, גייט שוין א רייד ניט וועגן א געבאָט, וואָס מע דארף געדענקען, נאָר וועגן א באפעל, וואָס מע מוז אויספילן. אויב ניט, איז טויט־שטראָף.

אָדער נעמט אזא בײַשפּיל, אין „דוואָרים״, טז: 1—17, גייט א רייד וועגן דרײַ יערלעכע יאָמטויווים: פּייסעך, שוווּעס און סוקעס. אין דעם כומעש „וואַיִקרא״, וואָס איז פארפאסט געוואָרן שפּעטער פון „דוואָרים״, האנדלט זיך שוין וועגן זעקס יאָמטויווים (כוץ שאבעס): פּייסעך, מאַצע־יאָמטעוו, שוווּעס, דער ערשטער טאָג פונעם זיבעטן כוידעש, יאָמקיפּער, סוקעס (כ׳ג, 1—44). וועגן פּראווען די דאָזיקע זעקס יאָמטויווים איז געזאָגט אויך אין דעם שפּעטערדיקן כומעש „באמידבאָר״, (כח — כט). דערבײַ איז דאָרט זייער גענוי אָנגעוויזן, וויפל און וועלכע קאָרבאָנעס מע דארף ברענגען יעדן טאָג פון די יאָמטויווים, ווי אויך אום שאבעס (!!) און ראָש־כוידעש.

אגעוו, אין „דוואָרים״ איז פּייסעך פאראייניקט מיטן מאצע־יאָמטעוו. אין „שמויס״, יב. איז פּייסעך אָנגעגעבן ווי א באזונדערער יאָמטעוו. דאָרט איז אויך אָנגעוויזן, ווי מע דארף מאכן דעם דאָזיקן יאָמטעוו. פונעם אָנגעוויזענעם ריטואל איז קענטיק, אז ער איז אופגעקומען בא די אוראלטע ייִדן, ווען זיי זײַנען נאָך געווען וואנדערער און האָבן זיך פארנומען מיט פּיצוכט. דער מאצע־יאָמטעוו איז אנטשטאנען בא די ייִדן, ווען זיי האָבן זיך שוין געהאט באזעצט אין קנאאן און האָבן זיך פארנומען מיט לאנדווירטשאפט. אין פארלויף פון יאָרן האָבן זיך בא די אוראלטע ייִדן געביטן אויך די קאלענדארן און די נעמען און דער סיידער פון די כאדאָשים. אין „דוואָרים״ הייסט מען פּראווען פּייסעך זיבן טעג אין דעם „פרילינג־כוידעש״, „און סוקעס זאָלסטו מאכן זיבן טעג, ווען דו האָסט צונויפגעקליבן פונעם שײַער און פונעם קעלטער״ (טז: 13). דערבײַ זײַנען די טעג ניט אָנגעוויזן. דערפאר איז דאָרט זייער באטאָנט דאָס אָרט: מע דארף ברענגען קאָרבאָנעס און יאָמטעווען נאָר אין דעם אָרט, „וואָס יאהוּוע דײַן גאָט וועט אויסקלײַבן״, דאָס הייסט, פארשטייט זיך, אין יערושאָלאַיִם (דערמאָנט זיך, וואָס אויבן איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם סייפער „דוואָרים״). אין „וואַיִקראָ״, אין „באמידבאָר״ און אין „שמויס״ איז פּייסעך דעם פערצנטן טאָג אינעם ערשטן כוידעש, און דער מאצע־יאָמטעוו איז זיבן טעג פונעם פופצנטן אינעם ערשטן כוידעש.

אין די כומאָשים זײַנען אזעלכע און אנדערע סטירעס פאראן אָן א שיר, וואָרעם דעם כומעש־מאטעריאל האָבן מענטשן געהאט געקליבן, פארפאסט און פארשריבן אין באזונדערע מעגילעס בעמעשעך פון עטלעכע הונדערט יאָר. מיט דער צײַט האָט מען די אָדער יענע מעגילעס פאראייניקט אין גרעסערע, צו וועלכע מע האָט דערנאָך צוגעגעבן נײַע מאטעריאלן. דאָס אלץ האָט מען שפּעטער רעדאגירט, מאָנטירט, באטאָנענדיק, ווו ס׳איז נאָר מעגלעך געווען, די „מעכטיקע האנט״ פון דעם „גאָט יאהוּוע״, און מע האָט אזויארום געשאפן די כומאָשים. מאכמעס די אלע אָפּעראציעס האָבן מיר אין זיי ניט נאָר סטירעס און איבערכאזערונגען, נאָר אויך אנאכראָניזמען און אנדערע פאקטישע טאָעסן, ווי אויך א מאסע גראמאטישע און אָרטאָגראפישע פעלערן.

אָט נעמט, לעמאָשל, אזא פאקט: אין „דוואָרים״, טז: 3, הייסט מען עסן מאצע זיבן טעג. אזוי איז אויך געזאָגט אין „שמויס״, אין „וואַיִקראָ״ און אין „באמידבאָר״. אָבער אין „דוואָרים״, טז: 8, הייסט מען עסן מאצע ניט זיבן טעג, נאָר זעקס. מע דארף קלערן, אז דאָס איז א צופעליקער גרײַז, וואָס עס האָט געמאכט דער איבערשרײַבער פונעם דאָזיקן טעקסט. מע דארף אויך קלערן, אז ניט ווייניק מענטשן האָבן באמערקט דעם טאָעס, אָבער פאריכטן האָט מען ניט געוואגט, וואָרעם אין דעם זעלבן כומעש „דוואָרים״, יג: 1, איז געזאָגט געוואָרן: „אלץ, וואָס איך הייס אײַך, זאָלט איר זען אויסצופילן; ניט גיב צו און ניט נעם אראָפּ״ (אין אייניקע איבערזעצונגען איז דאָס דאָזיקע געבאָט געגעבן ניט אין יג: 1, נאָר אין יב, 32).

ראנגלענישן פאר ייִכעס און קאָוועד

אין „באמידבאָר״, יג, ווערט דערציילט: מוישע האָט אָפּגעקליבן צוועלף אָנגעזעענע מענטשן צו איינעם פון די צוועלף שוואָטים און געשיקט זיי אויסצוקוקן דאָס לאנד קנאאן. די צוועלף אויסשפּירער האָבן אין פערציק טעג ארום זיך אומגעקערט (די צאָל 40 איז אין דער ביבל זייער אָנגענומען) און האָבן געמאָלדן: דאָס לאנד איז א פײַנס, דאָרט רינט מילך און האָניק, אָט זײַנען די דאָרטיקע פּיירעס, אָבער דאָס פאָלק, וואָס זיצט דאָרטן, איז זייער שטארק, די שטעט זײַנען פארפעסטיקט, אלע געגנטן זײַנען באזעצט, בײַצוקומען אזא פאָלק איז ניט שײַעך. בלויז איין אויסשפּירער — קאָלעוו, דער פאָרשטייער פונעם שייוועט יעהודאָ, האָט דאָס פאָלק בארויִקט און געזאָגט: מיר וועלן גיין און וועלן דאָס לאנד אײַנעמען, מיר וועלן בײַקומען! (יג: 30). אין דעם ווײַטערדיקן קאפּיטל ווערט געבראכט יאהוועס טײַנעס צו מוישען: ווי לאנג וועט מען דאָס מיך לעסטערן

און ניט גלייבן מיר...; מוישע בעט יאהוען, ער זאָל מויכל זײַן; יאהוע זאָגט, אז ער איז מויכל, אָבער די לעסטערער וועלן דאָס לאנד ניט זען; בלויז מײַן קנעכט קאַלעוו... וועל איך ברענגען אינעם לאנד, ווו ער איז געווען, און זײַנע קינ־דער וועלן דאָס אײַנעמען (יד: 11—24). אָבער אין די ערשטע צען פסוקים פונעם זעלבן יד ווערט דערציילט: און דאָס פאָלק האָט געוויינט און זיך געבייזערט אױף מוישען און ארענען, וואָס יאהוע וויל פירן אין א לאנד, ווו מע וועט אומקומען; שוין גלײַכער זיך אומקערן קיין מיצראַיִם. מוישע און ארן זײַנען געפאלן מיט די פּנעמער אראָפּ פאַר דער איידע בניי־ייִס־ראָעל. און יעהוישוא בין־נון און קאַלעוו בען־יעפונע, וואָס זײַנען געווען צווישן די אויס־שפּירער, האָבן צעריסן זייערע קליידער און האָבן געזאָגט, אז אין לאנד רינט מילך און האָניק, און יאהוע איז מיט אונדז, און מע דארף ניט מוירע האָבן. האָט די גאנצע איידע געזאָגט: „פארוואַרפן זיי מיט שטיינער!" נאָר גאָטס קאָוועד (הערלעכקײַט) האָט זיך באַוויזן אינעם „באַשטימטן געצעלט" צו אלע בניי־ייִס־ראָעל (יד: 1—10). און יאהוע האָט גערעדט צו מוישען און צו ארענען: ביז ווען וועט דאָס די שלעכטע איידע אלץ ברוגעז זײַן אױף מיר... אין מידבאַר וועלן פאלן אײַערע קערפּערס... איר וועט ניט ארײַן אין לאנד... סײַדן נאָר קאַלעוו בען־יעפונע און יעהוישוא בין־נון... (יד: 26—30).

מיר האָבן איבערגעריסן די דערציילונג, ווײַל פאַר אונדזער צוועק איז דאָס געבראַכטע אויך גענוג. אָט האָט איר א מוסטער פון צוויי דער־ציילונגען, וואָס מיר האָבן ארויסגעשריבן בע־קיצער פונעם כומעש „באַמידבאַר" ניט אין דעם סיידער, ווי זיי גייען דאָרט, נאָר איבער־געשטעלט בעהעסקעם מיט דער לאָגיק פון זייערע סוזשעטן. די ערשטע דערציילונג איז פונעם קאַפּיטל יג און פונעם קאַפּיטל יד: 11—24; די צווייטע איז פונעם קאַפּיטל יד: 1—10 און 26—30. די ערשטע דערציילונג, וואָס לויבט קאַלעוון, איז מיסטאמע געווען אין א מעגילע, וואָס איז פארפאַסט געוואָרן אין יעהו־דאַ. די צווייטע דערציילונג, אין וועלכער מע לויבט צוויי אויסשפּירער — דעם פאַרשטייער פונעם שייוועט עפראַיִם און דעם פאַרשטייער פון יעהודאַ, איז מיסטאמע גענומען פון א מע־גילע, וואָס מע האָט פארפאַסט אין ייִסראָעל, ווו דער פירנדיקער קויעך פון דער מעלוכע איז געווען דער שייוועט עפראַיִם. דער צונויפשטע־לער פונעם כומעש „באַמידבאַר" האָט די צוויי מעגילעס אויסגעמישט, און עס האָט זיך באַקו־מען אן אומנייטיקע איבערכאַזערונג און א בוי־לעטע סטירע.

אזעלכע אויסמישונגען טרעפט מען אין די כומאָשים און אויך אין אנדערע ביבלישע ספאָרים גאנץ אָפט. ייִסראָעל און יעהודאַ האָבן פארשיידן אויסגעטײַטשט פאקטן פון זייער אַמאָל, וואָרעם זיי האָבן זיך איינע מיט די אנדערע געראַנגלט ניט נאָר מיט מיליטערישע מיטלען, נאָר אויך מיט דערציילערישן שטאָף, אין וועלכע מע האָט זיך געלויבט און דעם קעגנער דערנידעריקט. אזוי איז דאָס, לעמאָשל, אינעם ציקל דערציילונגען וועגן יויסעפן אינעם כומעש „בערײשיס", קאַפּיטלען לז־נ. דאָרט איז באַשריבן יויסעפס קלוגשאַפט, זײַן פײַנע אופירונג, זײַן באַגאַבטקײַט און בריעשאַפט. דערבײַ איז אינעם ציקל אײַנגעשלאָסן א נאָ־וועלע, וואָס גיט צו וויסן וועגן יעהודאָס אופי־רונג מיט זײַן שנור, וועלכע ער האָט ניט דערקענט (זי איז געווען פארמאַסקירט), ער האָט זי אופגענומען פאַר א זוינע און האָט מיט איר פארבראַכט, און זי האָט אים געבאָרן א צווי־לינג. די נאָוועלע האָט קיין שום שײַכעס ניט צו די דערציילונגען וועגן יויסעפן. דער מע־כאַבער האָט זי אָבער אײַנגעשלאָסן גראָד אהער, קעדיי ווײַזן יעהודאָס ניט קיין שיינע אופירונג אפן פאָן פון יויסעפס הערלעכקײַט. יויסעף איז, לויטן כומעש, דער אורפאָטער פון די בניי־עפראַיִם, און יעהודאַ איז דער אור־פאָטער פון די בניי־יעהודאַ. און ס'איז פאַר־שטענדלעך, אז די גאנצע יויסעף־געשיכטע, וואָס עס האָט פארפאַסט זייער א באַגאַבטער בעלעטריסט, איז אופגעקומען אין ייִסראָעל, ווו דער פירנדיקער קויעך איז געווען, כאַזערן מיר איבער, דער שייוועט עפראַיִם.

צום אויבן געבראַכטן מאַטעריאַל איז קעדײַ צוגעבן א זאַץ פון טאַלמוד: „די טוירע איז מעגי־לעסווײַז געגעבן", עמעס, אין טאַלמוד איז פאַ־ראַן אויך א פרומער זאַץ — א קעגנזעצלעכער: „מוישע האָט די טוירע באַקומען פון דעם באַרג סינײַ". אָבער ווי די כומאָשים גופע באַווײַזן, איז ריכטיק דער ערשטער טאַלמודישער זאַץ און ניט דער צווייטער.

די אלע רײַעס, וואָס זײַנען דאָ געבראַכט אין א היפּשער צאָל, גיבן א זיכערן גרונט אױף אָפּ־צופרעגן די אויבן ציטירטע מיינונג, אז „די נעוויִיִם באַזירן זיך אפן כומעש („טוירע")". א גרויסער טייל נעוויִיִם האָט א סאַך פון די כו־מעש־מאַטעריאַלן ניט געזען און ניט געקאָנט זען, ווײַל א היפּשער כומעש־מאַטעריאַל האָט זיך באַוויזן שוין נאָכן טויט פון דעם גרעסטן טייל נעוויִיִם. ס'איז אויך קלאָר, אז מע דארף לאַכלוטן אָפּווענדן די מיינונג, אז די נעוויִיִם „פאָדערן, מע זאָל שטרענג אָפּהיטן אלץ, וואָס אין כומעש שטייט". די נעוויִיִם האָבן דאָס ניט געקאָנט פאָדערן, און באַם בעסטן ווילן קאָן מען אזא פאָדערונג ניט אויספילן: אי מאַכמעס די אומצאָליקע סטירעס אין די כומאָשים, אי מאַכמעס די נאַיווע האַסאָגעס, קלעריקאַלע באַ־גריפן און אנטיהומאַניסטישע דירעקטיוון, וואָס זײַנען אין זיי אָפּט פאַראַן.

אגעוו, די ביבלישע סטירעס, פעלערן, פאַראַ־לעלע סוזשעטן זײַנען פאַר דער וויסנשאַפטלע־כער ביבל־קריטיק, ווי אויך פאַר דער געשיכ־טע, א ביז גאָר ווערטפולער מאַטעריאַל. פאַר־גלײַכנדיק פארשיידענע פאָרמולירונגען פון די געזעצן, דירעקטיוון און אנדערע מאַטעריאַלן אין דעם אָדער אין יענעם כומעש, קאָן מען ווי־

עס־איז נאָכשפּירן זייער אנטוויקלונג און מע־מיילע די עוואָליוציע פונעם לעבן און שטייגער פון די אוראלטע ייִדן. פארגלײַכנדיק דעם מאַטעריאל פון די כומאָשים מיט די געזעצן פונעם באַוולשן מיילעך כאמוראפּי (1792—1750) און מיט די געזעצן פון אנדערע קאָדעקסן פונעם אלטערטום (מיטל־אשורישע, כעטישע אאַ.), ווי אויך מיט אנדערע מאטעריאלן פונעם אוראלטן מיזרעך[1], קאָן מען אויך בעסער באמערקן די נײַע הומאניסטישע מאָטיוון, וואָס זײַנען פאראַן אין א ריי פראַגמענטן און אפילע אין איינצלנע פּסוקים פון די כומאָשים.

מיקויעך דעם „טילים"

דער כאווער בראגינסקי האלט, אז די „קסווים" (דער לעצטער טייל פונעם טאנאך) „אפּעלירן שטענדיק, קאָן מען זאָגן, צו די צוויי ערשטע טיילן, באזונדערס צום כומעש, נאָר אויך צו די „נעוויִים". אזעלכע ביכער, ווי „טילים", „קויהעלעס", „מישליי", „שיר האשירים", זײַנען פארבונדן מיט פערזענלעכקײַטן, וועלכע זײַנען די גרונטהעלדן אין נעוויִים, מיט דאָוויד־האמעלעך און שלוימע־האמעלעך".

דאָ ווילט זיך אלץ אָפּפרעגן. ערשטנס, אפּעלירן די קסווים זעלטן צום כומעש און צו די „נעוויִים".

צווייטנס, זײַנען דאָוויד־האמעלעך און שלוימע־האמעלעך די גרונט־העלדן בלויז אין אייניקע ביבלישע ספאָרים, אָבער ניט אין „נעוויִישע". מע דאַרף ניט גיין אין די וועגן פון די אמאָליקע קאנאָניזירער פונעם טאנאך, וואָס האָבן פארעכנט פאר „נעוויִישע" די ספאָרים „יעהוישוא", „שויפטים", „שמועל" און „מעלאָכים".

דריטנס, איז אין אונדזערע צײַטן מאָדנע צו הערן א מיינונג, אז די ביכער „טילים", „קויהעלעס", „מישליי" און „שיר־האשירים" זײַנען פארבונדן מיט די פערזענלעכקײַטן דאָוויד־האמעלעך און שלוימע־האמעלעך. די דאָזיקע מיינונג האָט אפילע לאנגע טראדיציעס, אָבער זי האָט ניט קיין ערנסטן יעסאָד.

דער סייפער „טילים" איז צונויפגעשטעלט פון פינף ביכער, וואָס זײַנען פארפאסט געוואָרן בעמעשעך פון הונדערטער יאָרן. א סאך קאַפּיטלען אין „טילים" הייבן זיך טאקע אָן מיט די ווערטער „מיזמויר לעדאָוויד" (מיזמויר לעדאָוויד — א געזאנג צו, אָדער פאר, דאָווידן). צום סאָף פונעם קאַפּיטל עב (72)[2] איז געמאָלדן: „עס האָבן זיך געענדיקט דאָווידס טפילעס, ייִשײַס זון". אָבער אויך אין א סאך ווײַטערדיקע קאַפּיטלען זײַנען פאראַן די ווערטער „מזמור לדוד", פון וועלכע מע האָט אין די איבערזע־

[1] זעט: Хрестоматия по истории Древнего Востока под ред. академика В. В. Струве и Д. Г. Редера. М., 1963.

[2] אין דער רוסישער סינאָדאלער ביבל איז דאָס צום סאָף פונעם קאַפּיטל 71.

צונגען געמאַכט: „דאָווידס (א) געזאנג"[1]. אייניקע קאפּיטלען זײַנען אויסערלעך צוגעטשעפּעט צו געוויסע מאָמענטן פון דאָווידס לעבן. לעמאָשל: דאָס קאפּיטל נא (51), ווען דער נאָווי נאָסן איז געקומען צו דאָווידן נאָך דעם דאָזיקנס זײַן בא באסשעווען; קאפּיטל נז (57), ווען דאָוויד איז פון שאָולן אנטלאָפן אין א הייל; סג (63), ווען דאָוויד איז געווען אינעם מידבאָר פון יעהודאָ. אָבער די אלע אָנווײַזן האָבן גאָר־גאָר א ווײַטע שײַכעס צום טאָך פון די קאפּיטלען. אין נא רעדט זיך ניט וועגן באסשעווען, וואָס דאָוויד האָט זי זייער מיִעס אָפּגענומען בא זײַן קאָמאנדיר אוריאָ, און ניט וועגן דעם דאָזיקן אוריאָ, מיט וועלכן דאָוויד איז זיך פארברעכעריש באגאנגען, נאָר עס גייט א טפילע צו גאָט, ער זאָל מויכל זײַן די זינד... זאָל זיך גוט באגיין מיט ציִען און זאָל אופשטעלן די מויערן פון יערושאלאָיִם. דערפון איז, דאכט זיך, גאנץ קלאָר, אז די דאָזיקע טפילע האָט געקאָנט אופקומען ניט אין דאָווידס צײַטן, נאָר אין די יאָרן פון גאָלעס.

דאָס זעלבע דאַרף מען זאָגן אויך וועגן דעם קאפּיטל סט (69), ווו די טפילע ענדיקט זיך מיט א געבעט, אז גאָט זאָל אופשטעלן די שטעט פון יעהודאָ, און מע וועט זיך אין זיי באזעצן.

דאָס קאפּיטל יח (18) ווײַזט אָן, אז דאָס האָט דאָוויד געזאָגט (?) אינעם טאָג, ווען יאהווע האָט אים געראטעוועט פון אלע זײַנע פײַנט און פון שאָולס האנט. אָבער דאָס דאָזיקע ווערק איז שוין געווען אין דעם סייפער „שמועל ב", כב. אין „טילים" האָט מען אייניקע ווערטער געענדערט. אין עטלעכע ערטער אויסגעבעסערט דעם סטיל, פאריכט אייניקע גראמאטישע גרײַזן. פארשטייט זיך, אז דאָס אלץ האָט געמאַכט ניט דאָוויד, נאָר דער צונויפשטעלער פונעם ערשטן סייפער אין „טילים" אָדער דער מאָנטירער פונעם גאנצן סייפער.

די מערהײַט טפילעס און געזאנגען זײַנען דורכגעדרונגען מיט אן עלעגישן טאָן פון נעבעכדיקע, צעבראָכענע לײַט. די שטימונג בא די אוראלטע ייִדן איז אין א סאך צײַטן געווען א שווערע, א הילפלאָזע, און דיכטער האָבן דאָס אויסגעדריקט אין קליינינקע לירישע ווערק. אייניקע טפילעס און געזאנגען רימען און לויבן גאָט. אין א טייל פון זיי פילט זיך דעם דיכטערס עקסטאז, וואָס איז ארויסגערופן פון די גרויסע און מעכטיקע קויכעס פון דער נאטור, וועלכע דער אוראלטער דיכטער קרוינט מיט גאָטס נאָמען.

דאָס אלץ האָט מען אין פארשיידענע צײַטן צונויפגענומען, ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, אין פינף ביכער, אין וועלכע עס זײַנען אָפט ארײַן איבערכאזערונגען (זעט, לעמאָשל, דאָס קאפּיטל יד (14) אינעם ערשטן סייפער און נג אינעם צווייטן). דערנאָך האָט מען פון די פינף מאָנטירט דעם סייפער „טילים".

[1] אין דער סינאָדאלער ביבל האָט מען די ווערטער „פּסאלאָם דאווידא" (דאָווידס געזאנג) צוגעשטעלט אפילע צו די ערשטע צוויי קאַפּיטלען פון „טילים".

דער קלאָגעדיקער טאָן פון אומבאַהאָלפענע, מאַרעשכוירעדיקע מענטשן, וואָס איז ליריש, האַרציק אויסגעדריקט אין דער מערהײַט טפי־ לעס, ווי אויך די לויבגעזאַנגען פאַרן „שעפער פון דער וועלט" — זײַנען געווען און זײַנען נאָך אויך איצט א „טרופע", מיט וועלכער די קלײַ־ קוידעש פרוּוון שטילן די געמיטער פון די לײַדנדיקע מאַסן. א באַדײַטנדיקער טייל טפי־ לעס און געזאַנגען פונעם „טילים" איז אײַנגע־ שלאָסן אינעם דאַווענען פון די אוראַלטע צײַטן אָן, ווי אויך אינעם שפעטערדיקן קריסטלעכן ריטואַל. פרומע ייִדן כאַזערן די דאָזיקע טפילעס און געזאַנגען איבער טאָג־אײַן, טאָג־אויס, דע־ ריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס די טראַדיציע פאַרבינדט דעם „טילים" מיט דאַווידס נאָמען. אָבער פון אַלע אויבן געבראַכטע רײַעס איז צו זען, אַז די טראַדיציע איז אָן א היסטאָרישן גרונט.

דער סייפער „מישליי" און אַנדערע

דער סייפער „מישליי" באַשטייט פון 915 אַפאָריזמען, וואָס רימען כאָכמע און וויסן, גוטס־ קײַט און אָרנטלעכקײַט, באַשיידנקײַט און פרומקײַט; זיי וואָרענען פון טרינקען צופיל, פון זײַן אויסגעלאַסן, פון גייען אין שלעכטע וועגן. א טייל אַפאָריזמען פריידיקט אויך אָר־ בעטזאַמקײַט און נאָך אַנדערע גוטע מידעס. די מעשאָלים זײַנען געשריבן זייער געפרעסט, אין א דידאַקטיש־דערציִערישן טאָן; זיי קומען אָפט אָן צו א באַקאַנטן פאַרגלײַך; אָפט ווערט אויך אָנגעווענדט א פּאַראַלעלע סטרוקטור אָדער אַן אַנטיטעזע. לעמאָשל:

ווער עס קלײַבט אום זומער — דער איז קלוג; ווער עס שלאָפט בייסן שניט — דער איז א שאַנד (ז: 5).

גיי צו דער מורעשקע, פוילִיאַק, זע איר פּי־ רעכץ און לערן זיך (ו: 6).

א שיינע פרוי אָן א געשמאַק איז ווי א גאָלד־ רינג אין נאָז פון א כאַזער (א: 22).

דערצִי א יונג לויט זײַן דערעך נאָך, וועט ער אויך אויף דער עלטער פון אים ניט אָפּטרעטן (כב: 6).

אין אָנהייב „מישליי" איז אין א ריי קאַפּיט־ לען אָנגעוויזן, צו וועמען מע ווענדט זיך: זון מײַנער, מײַן טוירע זאָלסטו ניט פאַרגעסן, און מײַנע געבאָטן זאָל היטן דײַן האַרץ (ג: 1); היט, מײַן זון, די געבאָטן פון דײַן טאַטן און פאַרלאָז ניט די טוירע פון דײַן מאַמען (ו: 20).

ווער איז דער מעכאַבער פון „מישליי"? אין אָנהייב סייפער ווערט געזאָגט: „די מעשאָלים פון דאַווידס זון שלוימע, דעם מיילעך פון ייִס־ ראָעל". דאָס צענטע קאַפּיטל הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „שלוימעס מעשאָלים" און אין אָנ־ הייב פונעם קאַפּיטל כה איז אָנגעוויזן: „אויך די זײַנען שלוימעס מעשאָלים. וואָס עס האָבן אָפּגעשריבן די מענטשן פון כיזקיִיאַ, דעם מײַ־ לעך פון יעהודאַ" (לעערעך אין די יאָרן 726 (724?) — 696)[1]. פונוואַנען מע האָט אָפּגע־ שריבן — איז ניט אָנגעוויזן. אין „מעלאָכים א" איז וועגן שלוימען געזאָגט, אַז ער איז געווען קליגער פון אַלע מענטשן; ער האָט אָנגערעדט דרײַ טויזנט מעשאָלים, און זײַנע שירים זײַנען געווען טויזנט מיט פינף (ה: 11־12), אָבער קיין איין מאָשל און קיין איין שיר ווערט ניט גע־ בראַכט. ווי עס איז צו זען פון אייניקע ביבלי־ שע קוועלן, האָבן די אוראַלטע ייִדן ליב געהאַט מעשאָלים. אין „שמועל א" ווערט ציטירט דער מאָשל „איז דען שאָול אויך צווישן די נעוויִים?" אויבן איז שוין געווען דער מאָשל, וואָס עס ברענגען ייִרמיע און יעכעזקל וועגן „זויערע ווײַנטרויבן און הײַליקע ציין" (זעט אויך אין „יעכעזקל", יב: 22—23). אויך אין אַנדערע ער־ טער פון דער ביבל רעדט זיך וועגן מעשאָלים. אָבער אין די דערציילונגען וועגן שלוימען זײַ־ נען קיין מעשאָלים ניטאָ. דער סייפער „מעלאָ־ כים א" רעכנט געגנוי אויס שלוימעס קיניגלעכן אַפּאַראַט; ער ווײַזט אויך אָן, וואָס און וויפל מע פלעגט בא שלוימען אופעסן פאַר א טאָג. באַזונדערס געגנוי זײַנען אין דעם סייפער בא־ שריבן די בויונגען, מיט וועלכע שלוימע איז געווען פאַרנומען. עס ווערן אויך געבראַכט זײַנע (?) טפילעס צו יאַהווען און יאַהוועס (?) רייד צו אים. אָבער קיין מעשאָלים זײַנען ניטאָ.

אויך דער אינהאַלט פונעם סייפער „מישליי", וואָס דאָס הויפּט־אָרט פאַרנעמען אין אים גע־ דאַנקען וועגן קלוגשאַפט און גערעכטיקײַט, וועגן מוסער, לײַטישקײַט און פרומקײַט, ווי אויך די גאַנצע סטרוקטור פונעם סייפער, זײַן טאָן, זײַן נוסעך, די אָפטע איבערכאַזערונגען פון ענלעכע פאָרמולירונגען, די ווענדונגען צום זון — דאָס אַלץ פרעגט לאַכלוטן אָפּ די טראַדי־ ציאָנעלע מיינונג, אַז שלוימע איז דער מעכאַ־ בער פון די מעשאָלים.

און ווען מיר וועלן זיך נאָך דערמאָנען, וואָס מע דערציילט וועגן שלוימען און זײַן אויפירונג אין „מעלאָכים א", אַז ער איז זיך זייער ניט פײַן באַגאַנגען מיט זײַן עלטערן ברודער אַדוי־ ניִיאָהו און מיטן טאַטנס הויפּט־קאָמאַנדיר יויאָוו; אַז ער האָט ליב געהאַט פרויען פון די אַרומיקע פרעמדע פעלקער און האָט זיך פאַר־ גונען צו האָבן זיבן הונדערט ווײַבער און דרײַ הונדערט קעפּסווײַבער. און האָט פאַר זייערע געטער אפילע געמאַכט מיזבייכעס — דאָס אַלץ האָט ער עפשער געטאָן אויס מעלוכישע קאַ־ וואָנעס: קעדיי צו דערנעענטערן צו זיך געוויסע שיכטן פון די אַרומיקע פעלקער, אָבער מאַכן שלוימען פאַר א מעכאַבער פון מעשאָלים, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען מיט מוסער און פרומקײַט און בעטן ניט פאַרלאָזן די טוירע פון דער מאַ־ מען (!) — דאָס איז לעגאַמרע אויסגעשלאָסן.

אַגעוו, אינעם סייפער „מעלאָכים א" איז היפּש איבערגעטריבן אויך שלוימעס קלוגשאַפט. ער

[1] אייניקע ווײַזן אָן די יאָרן 697—728; נאָך אַנ־ דערע גיבן אָן די יאָרן 689 — 714.

איז געוויס געווען א מענטש מיט איניציאַטיוו, מיט פאַרשטאַנד, מיט מעלוכישע פעיִקייטן. אָבער אין אייניקע הינזיכטן איז ער געווען צו קורצזיכטיק. ער האָט זיך זייער ווייניק גערעכנט מיטן פאָלק, וואָס האָט געדאַרפט אויסהאַלטן א גרויסן קיניגלעכן הויף, מיט האַרעמען, מיט א סאַך אָנגעשטעלטע. ניט ווייניק האָט דעם פאָלק געקאָסט דאָס בויען דעם בייס־האַמיקדאָש מיט א סאַך איבעריקע באַפּוצונגען, דאָס מאַכן דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ, די מויערן פון יערושאָלאַיִם און אַלע אַנדערע ביניאָנים. און ס'איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס קעגן שלוימען האָט מען געפּרוּווט נאָך פאַר זיין לעבן „אופהייבן א האַנט" און נאָך זיין טויט האָט זיך די מעלוכע צעשפּאָלטן (לערעך אין יאָר 933).

נאָך ווייניקער איז דאָ א גרונט צו האַלטן דעם מיילעך שלוימע פאַרן מעכאַבער פון די ספאָרים „שיר־האַשירים" און „קויהעלעס". פאַר א מענטשן, וואָס איז באַקאַנט מיט דער העברעיִשער שפּראַך פון די ביבלישע ווערק ביכלאַל און האָט א לינגוויסטישן כוש, איז ניט שווער צו דערזען די פילצאָליקע שפּראַכלעכע ניִיסן, וואָס זיינען פאַראַן אין „שיר־האַשירים" און אין „קויהעלעס", און ס'איז דעריבער גרינג מאַסקים צו זיין מיט די, וואָס האַלטן, אַז די דאָזיקע צוויי אַנטיקן פון דער אַלטהעברעיִשער ליטעראַטור זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין הונדערטער יאָרן אַרום נאָך דעם קיניג שלוימע.

אַגעוו, אויף שלוימעס נאָמען גייען אויך די ביכער „שלוימעס כאָכמע" און „שלוימעס געזאַנגען". „שלוימעס כאָכמע" איז איינגעשלאָסן אין דער „סעפּטואַגינטע" און אָפּט אויך אין די קריסטלעכע ביבלען אַלס אַן אומקאַנאָניש ווערק. „שלוימעס געזאַנגען" האָט מען אין דער „סעפּטואַגינטע" ניט אַריינגענומען. מע רעכנט, אַז דער אָריגינאַל איז געווען אין העברעיִש. די ווערסיע, וואָס האָט זיך אופגעהיט, איז אין גריכיש. אינעם יידישן קאַנאָן (טאַנאַך) זיינען די צוויי ווערק ניט פאַראַן.

האַקלאַל, ניט אַלץ, וואָס גייט אויף שלוימעס נאָמען, איז זיינס.

וועגן „יאַנקעווס געראַנגל מיט גאָט"

דער כאַווער בראַגינסקי מיינט, אַז די פאָרמול „באַשאַפן דעם מענטשן אין גאָטס געשטאַלט און אין גאָטס אויסזען", „שטעלט, אַזוי אַרום, אַוועק דעם מענטשן אין איין ריי מיט גאָט. קינסטלעריש ווערט דער מענטש געוויזן אַלס א קעמפער קעגן גאָט, אָנגעהויבן פון יאַנקעווס געראַנגל מיט גאָט און געענדיקט מיט דער באַשרייבונג וועגן איִעוון".

דעם כאַווער בראַגינסקיס קאַוואָנע קאָן מען פאַרשטיין, אָבער זיין אויסטייטשן די פאָרמול און זיין איליוסטראַציע איז ניט שייַעך אָנצונעמען. מאַכן יאַנקעוון פאַר א גאָטקעמפער איז גאָר א מאָדנער אופטו.

יאַנקעוו איז געווען ביז גאָר ווייט פון א גאָטקעמפער און האָט, פאַרקערט, זייער געהאַלטן פון גאָט — דאָס דרינגט פון די צוויי ווערסיעס אין „בערייִשיס" (לב: 25—31 און לה: 9—15) אַרויס פולשטענדיק. אַנדערע דערציילונגען אינעם כומעש „בערייִשיס" באַשטעטיקן דאָס נאָך מער.

אַוואַדע זיינען צווישן די אוראַלטע יידן געווען דענקענדיקע מענטשן, וואָס האָבן געזען, אַז די נאַטור האָט זיך אירע געזעצן, לויט וועלכע די וועלט פירט זיך, אַוואַדע זיינען אויך דעמלט געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך איבערצייגט, אַז אַלע שמועסן וועגן גאָטס „מעכטיקער האַנט" זיינען גאָרנישט ווערט, וואָרעם אַלע „זיינע צוזאָגן", אַז דאָס לאַנד וועט זיין זייערס, זיינען ניט מער ווי רייד. די מעלוכע יִסראָעל איז שוין לאַנג אויס, די מעלוכע יעהודאָ איז צווישן פייערן, און ווער ווייסט, וואָס עס וועט זיין מיטן לאַנד און מיט דער באַפעלקערונג. אַוואַדע זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך גאַנץ קריטיש באַצויגן צום געדאַנק וועגן גאָט. דאָס איז צו זען פון נאָווי צפאַניעס רייד, וואָס האָט אין גאָטס נאָמען געזאָגט: „...איך וועל מיט פאַקעלן דורכלויכטן יערושאָלאַיִם און וועל באַשטראָפן די לייט, וואָס... טראַכטן אין האַרצן, אַז יאַהווע טוט ניט גוט און ניט שלעכט („צפאַניע", א: 12). דאָס איז צו זען אויך פונעם „טילים", וואָס פאַלט אָן אויף די „אויסוואורפן", וועלכע זאָגן אין האַרצן, אַז „קיין גאָט איז ניטאָ" (יד און נג), א רייע איז אויך איִעוו מיט זיינע טייַנעס. א רייע איז אויך דער טאַנע[1] דער אַפּיקוירעס, וואָס פיגורירט אין דער טאַלמודישער ליטעראַטור אונטער א פאַרשטעלטן נאָמען אחר (אַכייר — אַן אַנדערער). אַוואַדע זיינען אין אוראַלט־שוין געווען גאָטקעמפער. אָבער יאַנקעוון, דעם ביבלישן פערסאָנאַזש, וואָס די מעכאַברים פונעם כומעש „בערייִשיס" באַמיִען זיך פאַרצושטעלן ווי זייער א פרומען מאַן, — אים דאַרף מען אָהער ניט שלעפּן.

וועגן נאָך אייניקע אומפּינקטלעכקייטן

ס'איז ניט ריכטיק די באַהויפּטונג, אַז „אינעם קריסטלעכן קאַנאָן איז דאָס בוך „רות" געגעבן באַנאַנד מיטן בוך וועגן ליבע — „שיר השירים". דאָ האָט דעם אויטאָר פאַרפירט דער זיקאָרן. אינעם קריסטלעכן קאַנאָן פון דער ביבל איז „רות" געגעבן טאַקע נאָך „שופטים", אָבער „שיר־האַשירים" איז דאָרטן נאָך „קויהעלעס" און פאַר „יעשייע".

ניט ריכטיק איז אויך די מיטיילונג וועגן דעם ערשטן באַנד פון דער 200־בענדיקער „ביבליאָטעק פון דער וועלט־ליטעראַטור". דער דאָזיקער באַנד איז דערשינען אין 1967 און איז געווידמעט האָמערס „איליאַדע" און „אָדיסייע".

ס'איז ניט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די וועלט־ליטעראַטור ווערט אינעם קריטיקירטן אַרטיקל

[1] טאַנע (אין מערצאָל — טאַנאָיִם) — אַזוי הייסן די שעפער פון „מישנע" — פונעם גרונטיקסטן טעקסט פונעם טאַלמוד.

אידענטיפיצירט מיט דער 200־בענדיקער ביבליאָטעק. די דאָזיקע „ביבליאָטעק" איז זייער א פייַנער און פריידיקער אופּטו, אָבער זי איז דאָך ניט מער, ווי א קליין טייַכעלע אין פאַרגלייַך מיטן גרויסן אָקעאַן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

א כידעש איז אויך דאָס קעפּל פונעם קריטיקירטן אַרטיקל. הייסן הייסט עס „דאָס אָרט, וואָס די העברעיִשע ליטעראַטור פאַרנעמט אין דער וועלט־ליטעראַטור", און ריידן רעדט זיך אין דעם אַרטיקל נאָר וועגן דער ביבל. די ביבל פאַרנעמט זייער א גרויס און בעקאָוועדיק אָרט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, אָבער די ביבל איז בלויז א טייל פון דעם העברעיִשן שאַפן. און וועגן איר, אַגעוו, רעדט דאָס אַרטיקל אוויק מיט א גאַנץ הייזעריקער שטימע.

צולעצט, נאָך א פּראַט. ס'איז ניט קעדיי צו שרייַבן „יוינע" און „רוט". אויב „יוינע" — דאַרף זייַן „רוס"; אויב „רוט" — דאַרף זייַן „יאָנא". מע דאַרף ניט מישן די אשקענאַזישע און ספּאַרדישע אויסשפּראַכן, גלייַכער איז צו האַלטן זיך בא די אשקענאַזישע פאָרמעס: „יוינע", „רוס".

זאָל דער לייענער ניט האָבן קיין פאַריבל, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי צעשפּרייט וועגן ניט קיין גרויס אַרטיקל. פון שמועסן און בריוו איז באַוווּסט, אַז א סאַך מענטשן ווילן האָבן א גענויע פאַרשטעלונג וועגן דער ביבל. ווייַטער זייַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן עפּעס געהערט וועגן דער ביבל אָדער אַפילע אַרייַנגעקוקט אין איר, עס וואָלט אָבער קעדיי געווען, זיי זאָלן א לופּטער טאָן זייערע יעדיִעס וועגן דעם זייער קאָמפּליצירטן און אינטערעסאַנטן ווערק. מאַכמעס דעם איז אויסגעקומען ניט באַפרידיקן זיך בלויז מיט אופדעקן די אומפּינקטלעכקייַט פונעם קריטיקירטן אַרטיקל, נאָר זאָגן אויך עפּעס פּאָזיטיווס וועגן די פאַקטן און פּראָבלעמען, וואָס דאָס אַרטיקל האָט באַרירט. דערפון שטאַמען די אָפּטע און צומאָל גאַנץ היפּשע אָפּווייַכונגען, וואָס זייַנען פאַראַן אין דער איצטיקער אַרבעט. עס ווילט זיך האָפן, אַז דער לייענער וועט פאַרשטיין די נייטיקייַט פון די אָפּווייַכונגען און וועט זיי באַוויליקן.

מייער זיוו (ניסן פּופּס)

אין עלטער פון 86 יאָר איז אין ווילנע געשטאָרבן דער וועטעראַן פון דער יידישער סאָוועטישער זשורנאַליסטיק מייער זיוו (ניסן פּופּס).

ניסן פּופּס איז געבוירן אין א קליין ליטוויש שטעטעלע אין א מישפּאָכע פון א וואַלד־אָנגעשטעלטן. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז ער געווען א שוואַרצאַרבעטער אין ריגע און ווילנע. דער ווילנער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע האָט דעם 25־יאָריקן ניסן פּופּס אויסגעוויילט אַלס פּאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג. ער איז אויך געוואָרן א מיטגליד פונעם צענטראַל־ראַט פון די ווילנער פּראָפעסיאָנעלע פאַרייַנען.

זייַן זשורנאַליסטישע טעטיקייַט האָט ניסן פּופּס אָנגעהויבן אויך אין ווילנע. נאָך אין 1915 האָט ער אינעם אייַנמאָליקן ווילנער ליטעראַרישן זאַמלבוך פאַרעפנטלעכט א פאַרצייכענונג וועגן די בעזשענצעס פון די מייַרעוודיקע גרענעצגעביטן.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע ווילט מען אים אויס אַלס דעפּוטאַט פונעם ראַט ווילנער אַרבעטער־סאָוועט, און דער פּרעזידיום באַשטימט אים אַלס צווייטן סעקרעטאַר פונעם סאָוועט (ערשטער סעקרעטאַר איז געווען דער באַוווּסטער יוליוס שימעלעוויטש).

אין 1920 יאָר פאָרט ניסן פּופּס אַריבער קיין קאָוונע. דאָ איז ער רעדאַקטאָר און ליטעראַרישער מיטאַרבעטער פון דער וואָכן־צייַטונג „נייַע צייַט". אייַנצייַטיק באַטייליקט ער זיך אַקטיוו אין דער פּראָפאַרייַנישער באַוועגונג. אין אַווגוסט 1921 טרעט ער אַרייַן אין דער ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אייַנגיכן ווערט ער אַרעסטירט. נאָכן אַרויסגיין אַף דער פרייַ בייַט ער, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, זייַן נאָמען אַף מייער זיוו און קלייַבט זיך אַריבער קיין דייַטשלאַנד. אין בערלין אַרבעט ער אַלס אָנגעשטעלטער אינעם פיליאַל פון דער אָרגאַניזאַציע „מעזשדונאַראָדנאיאַ קניגאַ".

אין 1923 פאָרט זיוו אַריבער קיין מאָסקווע. דאָ אַרבעט ער אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן אין רעדאַקציע פון דער צייַטונג „דער עמעס", שרייַבט אַרטיקלען, איבערזיכטן, פעליעטאָנען, אייַנצייַטיק לערנט ער זיך און פאַרענדיקט אין 1926 דעם אַרבעטער־פאַקולטעט אַף פּלעכאַנאָווס נאָמען.

בעשאַס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט מייער זיוו געדינט אין דער סאָוועטישער אַרמיי. פונעם 1945 יאָר ביזן 1948 אַרבעט ער אין רעדאַקציע פון דער צייַטונג „אייניקייַט". אין די יאָרן 1967 — 1976 פאַרעפנטלעכט ער א ריי דערציילונגען און אַרטיקלען אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

מייער זיוו איז געווען א מענטש פון הויכע מאָראַלישע פּרינציפּן, אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסט, א גלענצנדיקער פּראָפּאַגאַנדיסט, וועלכער האָט געהאַט א גוטן שעם אין די פאַלקסמאַסן.

ערע זייַן אָנדענק!

די פּאָטשט פון

סאָוועטיש היימלאַנד
1978

אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן

גרויס איז דער שטראָם פון בריוו אין אונדזער רעדאַקציע. פאַרשיידענע מענטשן שיקן אונדז זייערע מיינונגען וועגן די אָדער יענע מאַטעריאַלן, וועלכע דער זשורנאַל פאַרעפנטלעכט, זאָגן אַרויס קאָלערליי באַמערקונגען, טראָגן אַרײַן פאָרשלאָגן, ווענדן זיך מיט באַקאָשעס. די פּאָטשט ברענגט ווערק פון לייענער, זיכרוינעס, פּאָטאָ־מאַטעריאַלן. לייענענדיק די בריוו, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווער עס זײַנען זייערע מעכאַבערים.

אָט זײַנען עטלעכע זײַטלעך, געשריבן מיט קאַליגראַפישע אויסיעס. עס האָט זיי צוגעשיקט וועלי ליובטשאַנסקע פון אָדעס. און גלײַך פון די ערשטע שורעס ווערט קלאָר, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַן אינטערעסאַנטן מענטשן, מיט אַ פרײַנט פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

וו. ליובטשאַנסקע טיילט אונדז מיט: „איך וויל אײַך זאָגן וועגן מײַן פרייד: הײַנט האָב איך באַקומען אַ פּאָטשט־קאַרטל פון אַ יונגן אינזשעניער — ל. נ. גוריעווסקי. ער וווינט אין אַרמעניע. ער האָט זעלבשטענדיק באַהערשט די ייִדישע שפּראַך. וועגן דעם דערציילט ער מיר אין זײַן פּאָטשט־קאַרטל, געשריבן אויף ייִדיש. איצט איז ער שוין געוואָרן אַ לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אָט אַזוי: געזאָגט און געטאָן! וועלי סאָלאָמאָנאָוונע האָט אַבאָנירט אויפן זשורנאַל אַכט אַזעלכע לייענער.

איר לעבנס־דערפאַרונג איז, ווי עס ווײַזט אויס, אַ באַלערעוודיקע, און זי וויל, אַז וועגן דעם, וואָס זי ווייסט, זאָלן וויסן אויך אַנדערע. אָט נעמט זי זיך דערציילן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועגן איר באַקאַנטע — אַנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. איינער פון זיי, לעמאַשל, וואָס איז אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע געווען אַ רויט־גוואַרדייער, האָט דרײַסיק יאָר אָפּגעדינט אין דער אַרמיי, געווען אַ קאָמיסאַר, באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן, הײַנט־צו־טאָג איז ער אַ פאָלקאָווניק אין דעמיסיע.

וועגן דעם לייטענאַנט יורי פאַרבמאַן דערציילט וועלי ליובטשאַנסקע אין איינעם פון די בריוו, וועלכע מיר בלעטערן איצט. פאַרבמאַן איז פאַר דער מילכאָמע געווען אַן אינזשעניער, אַ בויער. ווען עס זײַנען אויף אונדזער היימלאַנד אָנגעפאַלן די פאַשיסטן, איז ער, אַ צוויי־און־צוואַנציקיאָריקער, פרײַוויליק אַוועק אין דער אַרמיי. פון אָדעס האָט מען אים אַוועקגעשיקט אויף זעקסכאָדאָשימדיקע מיליטערישע קורסן.

דער קאָמאַנדיר פון אַ וווזוואָד יורי פאַרבמאַן איז אומגעקומען מיט אַ העלדישן טויט הינטער רזשעוו דעם 10 פעברואַל 1942. בײַ אַ שלאַכט בײַ דעם דאָרף אָזערוטינאָ האָט ער זיך אַ ריס געטאָן אַנטקעגן דעם פאָדערשטן פאַשיסטישן טאַנק מיט אַ בינטל גראַנאַטעס. די טאַנקען־אַטאַקע האָט זיך פאַרכלינעט.

יורי פאַרבמאַנען האָט מען געבראַכט צו קווורע מיט מיליטערישער ערע אינעם ברודער־קייווער לעבן דעם דאָרף מאַלאָגינאָ. דעם 9 מײַ 1975 איז וועלי ליובטשאַנסקע געווען אין דעם דאָזיקן דאָרף אויף אַ מיטינג, געווידמעט דעם דרײַסיקסטן יאָרטאָג פון אונדזער זיג איבער די פאַשיסטן, לויט אַן אײַנלאַדונג פון די רזשעווער מילכאָמע־וועטעראַנען און פון די מאַלאָגינער פּיאָנערן. וועלי ליובטשאַנסקע האָט דאָרט געשמועסט מיט די שילער פון דער אָרטיקער שול, דערציילט זיי וועגן יורי פאַרבמאַנען, וואָס פאַר אַ האַרציקע לידער ער האָט געשריבן, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע פייזאַזשן ער האָט געמאָלט — מעגלעך, אַז ער וואָלט געוואָרן אַ דיכטער צי אַ קינסטלער...

אין דער מאַלאָגינער שול איז פאַראַן אַ מוזיי פון קריגס־רום. וועלי ליובטשאַנסקע האָט איבערגעגעבן דעם שול־מוזיי יורי פאַרבמאַנס אַ פּאָטאָ, זײַן אינזשעניער־דיפּלאָם און עטלעכע בריוו זײַנע צו די עלטערן.

אָט אַזוי, בלעטערנדיק די בריוו פון אונדזערער אַ לייענערן, האָבן מיר זיך באַקאַנט ניט נאָר מיט איר אייגענעם גורל, נאָר אויך מיטן גורל פון אַנדערע ווירדיקע פּאַטריאָטן פון אונדזער היימלאַנד.

ר. זאַקס פון דער שטאָט שאוליי (ליטע) איז אויך אַן אַקטיווע לייענערן און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". ביז איצט האָבן מיר וועגן איר ווײַ־

דער לייטענאנט יורי פאַרבמאַן. יאַנוואַר 1942

באַם קייוועך, פונעם לייטענאַנט פאַרבמאַן. די צווייטע פון רעכטס — וו. ליובטשאַנסקע

ניק געוווּסט. אין א בריוו שרײַבט זי אונדז, אַז אַדאַנק דער רוסישער און ענגלישער רעזומע, וואָס דער זשורנאַל דרוקט איצט אין יעדן נו־מער, איז געשטיגן דער אינטערעס צו אים. זי אַליין האָט אין שאוליַי אַבאָנירט אַ ריי נײַע לייענער. וועגן זיך דערציילט זי:

אין די צוואַנציקער יאָרן איז זי אין ליטע געווען אַ לערערן אין אַ פּראָגרעסיווער ייִדי־שער פֿאָלקס־שול, ווו עס האָבן מערסטנטייל זיך געלערנט אַרבעטער־קינדער, קינפטיקע רע־וואָליוציאָנערן. איר מאַן מוישע זאַקס, אויך אַ לערער, איז געווען פּאַרזיצער פון דער אָרטי־קער קולטור־ליגע און אויך פאַרוואַלטער פון דער אַרבעטער־ביבליאָטעק.

איין מאָל איז קיין שאוליַי געקומען צוגאַסט דאַוויד בערגעלסאָן. דאָס פּאָרפֿאָלק זאַקס האָט אײַנגעאָרדנט אַן אָוונט, אויף וועלכן דער באַ־וווּסטער שרײַבער האָט געלייענט זײַנע אַ נאָ־וועלע. אין אַ צײַט אַרום האָבן די זאַקס זיך באַגעגנט אויך מיט שאָלעם אַשן... ביידע גע־וועזענע לערער זײַנע זיי הייסע ליבהאָבער פון ליטעראַטור, און אַזעלכע זײַנען זיי פאַרבליבן ביז הײַנטיקן טאָג. „איך וויל אײַך זאָגן, — שרײַבט ר. זאַקס, — אַז פאַר אונדז באַטײַט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" זייער אַ סך. יעדן כוידעש וואַרטן מיר אויף אים מיט אומגע־דולד. ער ווערט פון מאָל צו מאָל אינטערע־סאַנטער".

אין 1941, ווען די פאַשיסטן האָבן אָנגעפֿאַלן אויף ליטע, עוואַקויִרט זיך די מישפּאָכע זאַקס אין קיראָווער געגנט. פון דאָרט איז אַוועק אין אַר־מיי דער עלטערער זון. ווען מע האָט אָפּן זאַ־וואָד געזאַמלט געלט אויף אויסבויען אַ טאַנק, האָט דאָס פּאָרפֿאָלק זאַקס אָפּגעגעבן דאָס איינ־ציקע ווערטפולע פאַרמעגן, וואָס איז בײַ זיי פאַרבליבן — דאָס קעדושע־פינגערל. איצט אַר־בעט מוישע זאַקס אַלס בוכהאַלטער אויף אַ זאַ־וואָד. דער זון איז אַ פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון פֿילאָסאָפֿישע וויסנשאַפטן, די טאָכטער — אַ דאָ־צענט־פֿילאָלאָג אין ווילנער אוניווערסיטעט.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן זעכציקסטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די רע־דאַקציע באַקומען אַ גרויסע צאָל באַגריסונגען, בריוו, נאָטיצן, זיכרוינעס.

אַדאָלף־כאַיִם מילנער (אָרסק, אָרענ־בורגער געגנט) האָט איבערגעגעבן דער רע־דאַקציע זעלטענע אַלטע פאָטאָגראַפֿיעס, מיט אַ באַשרײַבונג, ווי־אַזוי זיי האָבן בײַ אים זיך פאַר־היט. אָנהייבנדיק פונעם 1917 ביזן 1919, האָט אַ.־כ. מילנער געוווינט אין אָריאָל, ווו ער האָט געאַרבעט אין אַ דרוקערײַ. פרילינג 1918 טרעט ער אַרײַן אין דער רקפּ(ב), נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער ייִדישער סעק־ציע באַם אָריאָלער גובקאָם פון דער פאַרטיי. אין יענע יאָרן זײַנען אין אָריאָל געווען אַ סך אַרבעטער פון די מײַרעוו־קאַנטן, די אַזויגערו־פענע „בעזשענצעס", און צווישן זיי פיל ייִדי־שע. אין דער פאַרשטאָט איז געשטאַנען אַ טפּי־סע, וועלכע מע האָט אין די פעוורואַל־טעג פון 1917 רעוויזירט, באַפרײַט די כאַוויירים, וואָס האָבן דאָרט געשמאַכט צו צען־פופצן יאָר. אַדאָלף־כאַיִם מילנער געדענקט ביז איצט, ווי גליקלעך ער איז געווען, אַרויסטראָגנדיק פון די קאַזעמאַטן אויף די הענט פאַרמוטשעטע רע־וואָליוציאָנערן.

די ייִדישע סעקציע באַם גובקאָם און שטאָטקאָם פון דער רקפּ(ב). אופא, 1919. א. מילנער — דער דריטער פון לינקס אין דער צווייטער ריי

די ייִדישע סעקציע באַם אָריאָלער געגנטקאָם פון פּאַרטיי האָט געפירט אין דער שטאָט א גרויסע מאַסן־פּאָליטישע און מיליטערישע אַרבעט. איר קאָמוניסטישער קאַמפּס־אָטריאַד האָט גענומען אן אַקטיוון אָנטייל אין דער נאַציאָנאַליזירונג פונעם האַנדל און פון דער אינדוסטריע.

פרילינג 1919 איז א.־כ. מילנער צוזאַמען מיט א גרופּע אַרבעטער פון דער ייִדסעקציע אַוועק אפן מיזרעך־פראָנט. ווען די פינפטע אַרמיי פונעם מיזרעך־פראָנט האָט זומער 1919 זיך דיסלאָצירט אין דער שטאָט אופא, איז א.־כ. מילנערן אויסגעקומען א שטיק צײַט זיך באַטייליקן אין דער טעטיקײַט פון דער ייִדישער סעקציע באַ דעם דאָרטיקן גובקאָם און שטאָטקאָם פון דער רקפּ(ב). טאַקע אין אופא האָט ער אָרגאַניזירט דאָס ערשטע קאָמיוגישע קעמערל.

זומער 1920 קעמפט א.־כ. מילנער אפן מײַרעוו־פראָנט, דערגייט מיט זײַן מיליטער־טייל ביז דער ווײַסל, פאַלט אַרײַן אין געפענקעניש צו די פּילסודטשיקעס, נאָר עס גייט זיך אים אײַן אַרויסצורײַסן זיך פון דאָרטן און זיך אומקערן אין סאָוועטן־רוסלאַנד. פיל יאָרן אַרבעט ער אין דער דרוקערײַ פון דער צײַטונג „דער עמעס". איצט איז ער שוין א פּענסיאָנער, אָבער אַדהײַעם פאַרנעמט ער זיך מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

און אָט איז א קורץ בריוול — פון ל. ר. ר א ב י נ אָ ו י ט ש (קראַסנאָדאַר). זי שרײַבט: „איבערלייענענדיק אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" די פאַרצייכענונג וועגן מ. מ. וואָלאָדאַרסקין „די גרויסע אַסטראָפּאָליער מישפּאָכע", האָב איך זיך דערמאָנט, אַז באַ מיר איז פאַראַן זײַנע א פאָטאָגראַפיע. ווי קומט זי צו מיר? בעיערושע. זי איז געלעגן אינעם פאַמיליען־אַלבאָם פון מײַן מאַן: די ראַבינאָוויטשעס זײַנען געווען ליובאַרער טוישווים, און עמעצער פון זיי איז, זעט אויס, געווען באַפרײַנדעט מיט די וואָלאָדאַרסקיס".

קאָלערליי אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין אויסלאַנד וואָזגען זיך מיט דער אַזויגערופענער פראַגע צו „פּאַרטיידיקן" די מענטשנרעכט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ציוניסטן און אַנדערע פאַרביסענע סאָנים אונדזערע ליאַרעמען פאַראַקשנט אַרום דער צוגעטראַכטער דורך זיי „ייִדן־פראַגע אין רוסלאַנד". נאָר, ווי עס שרײַבט וו ל א ד י מ י ר ל ו מ ע ר פון כערסאָן, „זאָלן זיי מיר ניט זײַן קיין פעטערס, און זאָלן זיי אונדז ניט נייען קיין שיך! מירן זיך יאַקאָס באַגיין אָן אַזעלכע אונטערפירערס". יאָ, די סאָוועטישע ייִדן זײַנען שטאָלצע און ווירדיקע מענטשן, גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער אין דער איינהײַטלעכער פרײַער פילנאַציאָנאַלער פעלקער־מישפּאָכע. דאָס איז צו זען פונעם גוירל פון אונדזער כערסאָנער קאָרעספּאָנדענט, וועלכן מיר ציטירן אויך ווײַטער.

„ניט לאַנג צוריק בין איך אַלט געוואָרן פופציק יאָר. צו מײַן געבורטסטאָג האָבן די דירעקציע און דער זאַווקאָם פון אונדזער פילטויזנטקעפּיקן קאָלעקטיוו קאָמבײַנבויער מיך באַלוינט מיט אן ערן־גראַמאָטע און מיט א ווערטפולער מאַטאָנע. איך אַרבעט אף מײַן זאַוואָד שוין צוואַנציק יאָר, געווען א שלאָסער, געוואָרן אן אינזשעניער. דאָ באַשעפטיקט זיך אויך מײַן טאָכטער אַניע, וועלכע האָט, ניט איבערײַסנדיק די אַרבעט אף דער אונטערנעמונג, פאַרענדיקט דעם טעכנאָלאָגישן אינסטי־

מ. וואָלאָדארסקי אין דער יוגנט

טוט. אניע איז א מיטארבעטער אין אונדזער אויסרעכענונג־צענטער. פונדאנען, פון אונדזער זאוואָדע, איז אין 1970 אוועק אין דער סאָוועטישער ארמיי מײַן זון מיכאיל, איצט שוין א קאדראָוועער אָפיצער.

פאראיאָרן, דעם 24 אפרעל, וואָלטן מיר אָפּגעמערקט א קײַלעכדיקע דאטע — דרײַסיק יאָר פון זינט איך און מײַן דאָניע האָבן כאַסענע געהאַט. אָבער דעם 20 אפרעל, מאכמעס אן אומגעריכטער אטאקע פון מײַן קראנקהײַט, בין איך געווען געצוווּנגען זיך לייגן אין שפּיטאָל אף אן אָפּעראַציע. מיך האָט קיינער ניט געפרעגט, צי איך האָב געגנוג געלט, צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט איך געהער. מע האָט מיר בלויז געמאָלדן, אז קעדיי כ׳זאָל קאָנען לעבן און זיך מיִען, מוז איך אײַנגיין אף אן אָפּעראציע, קיין אנדער ברייִרע איז ניטאָ.

מע האָט מיר אויסגעטיילט א בעטל אין שפּיטאָל. בוכשטעבלעך אין א האלבער שאָ ארום האָבן מיך שוין אויסגעהערט און אויסגעפאָרשט צוערשט דער טעראַפּעווט יאקאָוו ראָמאנאָוויטש, דערנאָך דער כירורג וולאדימיר רודיאק. ווי־אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען די אָפּעראַציע, ווייס איך ניט — כ׳בין געווען אונטערן נארקאָז. נאָר ווען איך בין געקומען צו־זיך, האָט מען מיר דערציילט, אז ארום מײַן אָפּעראַציע־טיש זײַנען געשטאנען די אָנגעזעענע אוראָלאָגן פ. פיקסמאַן, וו. רודיאק, דער אנעסטעזיאָלאָג ב. לעסיק און אנדערע גענײטע מעדיקער. זיי האָבן געטאָן אלץ, די אָפּעראַציע זאָל דורכגיין בעשאָלעם, נאָר אויך דערנאָך איז געגאנגען א געראנגל פאר מײַן לעבן.

מײַנע כאווײרים פונעם קאָמבײַנבוי־קאָמבינאט פלעגן אָפט קומען צו מיר אין שפּיטאָל. כ׳האָב זיך קיין איין רעגע ניט געפילט איינזאַם.

איז דען א כידעש, וואָס איך ווער אופגעבראכט, ווען כ׳לייען אין די צײַטונגען, אז אין אמעריקע, אין יִסראָעל און אין אנדערע קאַפּיטאליסטישע לענדער באוויינט מען אונדזער „פינצטערן גוירל״.

צום באדויערן, כאַפּן זיך פון מאָל צו מאָל ארײַן אין דער ציִוניסטישער נעץ אייניקע אונדזערע לאנדסלײַט. אָט איז פון לוואָוו אין 1974 ארויסגעפאָרן קיין יִסראָעל מײַן שוועסטערקינד כאַיִם כאַמוטעצקי מיט דער פרוי רײַע און מיט זייער זון אליק. וועט איר, מיסטאמע, פרעגן, וויאַזוי האָט עס פּאסירט?

גלײַך נאָך דער מילכאָמע איז כאַיִמס שוועסטער מאניע, וועלכע האָט כאַסענע געהאַט מיט א פוילישן ייִדן, אינאיינעם מיט איר מאַן ארויסגעפאָרן קיין פוילן און פון דאָרטן, אין עטלעכע יאָר ארום, האָט זי זיך איבערגעצויגן קיין יִסראָעל און זיך באזעצט אין יערושאָלאַיִם. פון דעמלט אָן האָט זי מאַמעש ניט געלאָזט צורו דעם ברודער, געשלעפּט אים צו זיך. בריוו, פעקלעך, באנדעראָלן — אלץ איז אָנגעווענדט געוואָרן, קעדיי צו פארנארן כאַיִמען קיין יִסראָעל.

אין לוואָוו האָט כאַיִם גוט געלעבט. כ׳בין בא אים געווען צוגאסט אין 1970. אליין אן אינוואַליד פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, האָט ער געארבעט אלס שעף פון א צעך אף אן אונטערנעמונג. בא אים איז געווען א דרײַצימערדיקע דירע, אויסגעשטאַט מיט מאָדערנע מעבל, די מעלוכע האָט אים אויסגעטיילט אומזיסט אן אויטאָמאָביל פאר אינוואַלידן. יעדן יאָר פלעגט מען אים שיקן אָן געצאָלטס זיך היילן אין די בעסטע קוראָרטן — קיסלאָוואָדסק, פּיאַטיגאָרסק, סאָטשי, יאַלטע. און אָט האָט ער זיך געלאָזט פארפירן פון די ציִוניסטן...

אונדזער שוועסטערקינד גרישע טשערניאַווסקי, וואָס וווינט אין קיִעוו, האָט באקומען פון אים א בריוו. לעבן צוזאַמען מיט דער שוועסטער האָט מען אים ניט דערלויבט. מע האָט אים אויסגעטיילט א וווין־אָרט אף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, ערגעץ אין מידבער. קיין באשטענדיקע ארבעט האָט ער ניט. זײַן זון אליק דינט בא א באלעבאָס, אינגיכן שטייט אים פאָר צו ווערן א סאָלדאט פון דער יִסראָעלארמיי, וועלכע קאָן ניט ארויסקריכן פון דער מילכאָמע מיט די שכיינים־אראַבער״.

עס שרײַבט אונדז א וו ר א ם ל ע מ ב ע ר ג ע ר פון קראמאטאָרסק, דאָנעצקער געגנט. „פאראן אין דער פוילישער שטאָט לאָדזש א פאָרשטאָט מיטן נאָמען באלעט. אין די פארמילכאָמעדיקע יאָרן פלעגט א באָכער ווערן אָדער א האנט־

וועבער, אָדער א שנײַדער, אָדער א לומפּן־פּראָלעטאריער. אָט די פּאָרשטאָט איז געווען באַרימט קוידעמקאָל מיט איר אָרעמקײַט. אף די באלעטער גאסן האָט מיט גראָז און מיט ביימער אפילע ניט געשמעקט. ווינטער — שטיי אין דער ריי בא דעם הילצערנעם בײַדל, ווארט אף קוילן, וועלכע מע האָט פארקויפט אף קילאָגראמען. ערעוו שאבעס — שפּאן צום פאבריקאנט אין מיטל־שטאָט, ווו ער האלט זײַן געשעפט, טראָג צו אים די סכוירע, וואָס דו האָסט אויסגעארבעט אפן וועב־שטול פאר דער וואָך, ווארט אין געהאקטע ווונדן, ביז דער נאָגיד וועט דיר עפּעס באצאָלן...

פון אָט דעם טכום בין איך אין איינעם א נאָיאבער־טאָג פון 1939 געלאָפן קיין ראטנפאַרבאנד.

קוים א לעבעדיקער איבערגעפּויזעט איבער דער דעמארקאציע־ליניע. און, ווי נאָך א סאך יונגע ייִדישע באָכערים און מיידלעך, ארײַנגעפאלן אין דער גרענעץ־וואך פון די עסעסלײַט, אין א הויף, ארומגערינגלט מיט קוילנווארפער און הינט. די פאשיסטן האָבן בא אונדז צוגענומען אלץ, וואָס עס האָט נאָר געהאט א ווערט: זייגערלעך, רינגעלעך, געלט — די לעצטע גראָשנס. מע האָט אונדז געשלאָגן, אויסגעטאָן נאקעט — קלוימערשט געזוכט פארבאהאלטענע ווערטפולע זאכן...

ענדלעך, האָבן מיר זיך דערקליבן אף דער סאָוועטישער זײַט!

גוטע סאָוועטישע מענטשן האָבן מיך ארומגערינגלט מיט היימישער ווארעמקײַט, מיט מיטגעפיל. א יאָר האָב איך געארבעט אין אן אוראַלער קוילן־שאכטע. א הארציקע פרוי, ראָזע ליפקינא, האָט מיט מיר און מיט אזעלכע, ווי איך, פרײַוויליק געלערנט די רוסישע שפּראך. אן איידעלער רוסישער אינטעליגענט, דער הויפּט־מארקשיידער פון דער שאכטע וויקטאָר איוואנאָוויטש בעזמאַטערניק, האָט מיך באַקאנט מיטן אלעפבייס פון געאָדעזיע.

אוורהם לעמבערגער

דער נעכטיקער באַלעטער האלב־ארבעטס־לאָזער האנט־וועבער איז געוואָרן א שאַכטיאָר, באקומען א סאָוועטישן פאספּאָרט.

בייס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָב איך געדינט אין אן ארבעטס־באטאליאָן, געווען פארנומען אף דער בויונג פון געווער־זאַוואָדן. דאָס האָט מיר געהאָלפן צו ווערן נאָכן קריג א בויער. מע שיקט מיך קיין דאָנבאס אופשטעלן די כאָרעווע זאוואָדן. העכער דרײַסיק יאָר — אין קראמאטאָרסק. איצט בין איך דער הויפּט־טעכנאָלאָג פון א בוי־טרעסט. מײַנע קינדער האָבן באקומען הויכבילדונג, זיי קוקן מיט אָפּטימיזם אין דער צוקונפט.

מײַן גוירל איז טיפּיש פאר פיל טויזנטער מענטשן אין סאָוועטנפארבאנד. אונדזער מעלוכע איז אן עמעסע היים פאר אלע אירע בירגער, בעסויכעם פאר אזעלכע, ווי איך, פאר די, איבער וועלכע עס האָט אמאָל צעשפּרייט זײַנע שווארצע פליגל דער פאשיסטישער מאלעכהאַמאָוועס".

מיר האָבן איבערגעבלעטערט בלויז איין בינטל בריוו פון דער גרויסער צאָל, וואָס מיר באקומען, און זײַנען ביז גאָר צופרידן. ווײַל יעדער קאָרעספּאָנדענט איז קוידעמקאָל א לייענער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". האָבן אזעלכע געטרײַע, פארינטערעסירטע לייענער איז א גליק.

לעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

מיט רוסישע יידן אין ניו־יאָרק

פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

איבערדרוקנדיק די דאָזיקע נאָטיץ פון א ציִוניסטישער צײַטונג, האָפן מיר, אַז אונדזער לייענער וועט באַקומען די מעגלעכקייט צו דערפילן די עמעסע אַטמאָספער, אין וועלכער עס פאַלן אַרײַן געוועזענע סאָוועטישע יידן, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע. צוליב אָט דעם צוועק פאַרהיטן מיר גענצלעך, אויסער קליינע קירצונגען אין טעקסט, דעם סטיל פונעם אווטאָר.

שאַבעס באַנאַכט אין ברייטאָן־ביטש, באַם יאַם, איז מער לעבעדיק ווי אין גאַנץ ברוקלין. אהערצו שטראָמען הונדערטער פרויען און מענער—יידישע — כאַפּן לופט.

ווען ניט די רוסישע יידן, וואָלט עפּשער דאָס שטיקל וועג פונעם שפּאַציר אויף געוועזן האַלב־ליידיק. ווײַטער־צו, ביז קוני־איילענד, וואָגן שוין ניט געוויינלעך פיל יידן צו שפּאַצירן אַפן הילצערנעם טראָטואַר. און איצט, ווען די רוסישע יונגע פאַמיליעס וווינען אין די געסלעך, טוען שוין פיל שוואַרצע פון ווײַטערע געגנטן און פון ניט ווײַטע גאַסן אין קוני־איילענד און ברייטאָן־ביטש א ביסעלע איבערקלערן, צי זיי מעגן זיך פאַרטשעפּען מיט געזונטע יונגע מענטשן. אויך די הונדערטער פאַרטאָריקאַנער, וואָס וווינען נאָענט, ציטערן צו פאַרטרײַבן די אַלטע יידישע פרויען און מענער פון דער געגנט, ווײַל זיי זעען, אַז די יונגע רוסן זײַנען ניט קיין מאַפּל־קינדער...

מ׳קען זאָגן, אַז די רוסישע יידן, ביז 3.000 אין צאָל, האָבן געראַטעוועט, פּרטי געמאַכט ברייטאָן־ביטש פאַר יידן; ווײַל אין אַנדערע נאָענטע געגנטן איז שוין כּישעכדיק.

גייט טאַקע אָן דאָס יידישע געזאַנג אַפן הילצערנעם טראָטואַר באַם יאַם. פיל אַמאַטאָרקעס און אַמאַטאָרן געפינען דאָ אַף די עלטערע יאָרן זייער טיקן. מע זינגט „יאַמע־יאַמע" און „דאָס שטעטעלע בעלץ" און טאַקע אויך רוסישע לידער, וואָס פיל אַלטע טוישווים, וועלכע זײַנען שוין 50 און מער יאָרן פון רוסלאַנד, האָבן ניט פאַרגעסן.

צווישן די ייִנגערע רוסישע יידן און זייערע ווײַבלעך זײַנען ניטאָ אַזויפיל אַמאַטאָרן־זינגער און זינגערנס. די בעעמעס קוואַליפיצירטע זינגער ווערן פאַרבעטן אַרויסצוטרעטן בא יידישע אונטערנעמונגען, און זיי האָבן שוין א נאָמען אין אַמעריקע אַלס כאַזאָנים. די רוסישע יידן אין ברייטאָן גרופּירן זיך צווישן זיך, און נאָר מיט זיך. זיי מישן זיך קימאַט ניט מיט אַנדערע יידן. זיי באַציִען זיך מיט א בײַסעלע כשאַד צו די אַמעריקאַנער יידן.

א מערהייט פון די רוסישע מאַנצבלען זײַנען טעכניקער. ווינציק פון זיי קענען הײַנט קריגן אַרבעט בא זייערע פאַכן און פּראָפעסיעס, וועלכע זיי האָבן באַקומען אין רוסלאַנד. א טייל לעבן פון שטיצע, וואָס זיי קריגן נאָך פון יידישע אָרגאַניזאַציעס, און א טייל אַרבעט שוין בא פאַרשיידענע פיזישע אַרבעטן. מע נוצט זיי אַפילע גאַנץ גוט אויס — אָן יוניאָן־באַשיצונג.

די, וואָס זײַנען שוין אַרונטער פון דער ליסטע און באַקומען ניט מער קיין הילף און אויסהאַלטונג פון יידישע אָרגאַניזאַציעס, מוזן אָנקומען, ווי אַלע אָרעמע מענטשן אין ניו־יאָרק, אַף „וועלפעיר"־שטאָט צדאָקע. זאָגן, אַז די רוסישע מענטשן פון דער קאָלעקטיווער סיסטעם האָבן ליב צו לעבן אַף שטאָטישער צדאָקע, וואָלט געווען ניט ריכטיק. טייל פּרובירן אַפילע אַרבעטן „פאַר זיך" און אויסלערנען דעם גאַנג פון פּריוואַט־שטופּערײַ און קאָנקורענץ. זייערע קינדער לערנען ענגליש און מע האָפט, אַז זיי וועלן זיך אײַנגלידערן אין אַמעריקאַנער לעבן, טראָץ דעם, וואָס די אַמעריקאַנער קולטור פאַרמאָגט פיל, זייער פיל שווערע זײַטן.

אָבער ניט אַלע אַמעריקאַנער יידן, דאָ געבוירענע, און אַפילע די, וואָס זײַנען געקומען מיט 50 יאָר צוריק, טוען פאַרגינען די רוסישע יידן. טייל אויסגעלינקטע, וואָס גלייבן, אַז דאָרט האָבן די יידן אַלע רעכט, און דאָרט בויט זיך סאָציאַליזם, ווילן ניט, מע זאָל פון דאָרט אוועקפאָרן. דאָס צעשטערט זייער גלויבן אין רוסלאַנד. די אויסגעלינקטע יידן, געוועזענע האָרעפּאַשניקעס אין ברייטאָן־ביטש, קענען דאָס ניט פאַרטראָגן, האָגאַם אין האַרצן ווייסן זיי, אַז די

רוסישע יונגע ייִדן מיט זייערע פאַמיליעס האָבן אַרײַנגעבראַכט יוגנט, פרישקייט און לעבן אין דער מוישעוו־זקיינים־געגנט, וואָס די שוואַרצע און פּאָר־טאָריקאַנער האָפן זי צו פאַרכאַפּן.

אָט זיצט לעבן מיר אַן אַמעריקאַנער־געבוירענע ייִדישע פרוי. זי זאָגט: „מײַן טאַטע האָט שווער און ביטער געמוזט אַרבעטן, און ער האָט ניט באַקומען קיין טשעקס פון דער מעלוכע... זיי מיינען, אַז מע גיט דאָ טשעקס, דעריבער פאַרלאָזן זיי רוסלאַנד".

עס זעצט זיך צו אַן אַלטער ייִד, אַ ניט־ראַזירטער, און נעמט רעדן ענגליש מיט אַ קיסינדזשער־אַקצענט. ער דערציילט, אַז זײַן פאַמיליע איז אומגעקומען אין אוישוויץ, און ער ווייסט, פאַרוואָס דאָס איז פאַרגע־קומען: „ווײַל איך האָב געהאַט 18 צימערן און ניט געפונען קיין פּלאַץ באַ מיר פאַר אַן אוירעך אַף שאַבעס: דעריבער האָט מיך גאָט געשטראָפט!"

דער ווינער ייִד ברענגט פּסוקים פון דער טוירע אַלס באַווײַז. אָבער פאַרוואָס אָרעמע, פרומע ייִדן אין פּוילן, אָן 18 צימערן פאַר דער מילכאָמע, פאַרוואָס זײַנען זיי אומגעקומען מיט זייערע פאַמיליעס אין אוישוויץ, אַף דעם קען ער ניט ענטפערן. איך זאָג אים, אַז אַפילע דער ליובאַוויטשער און האַראַוו סאָ־לאָווייטשיק וועלן דאָס ניט קענען פאַרענטפערן.

א. מ. אַרזשיצער
(„אונדזער וואָרט", פּאַריז)

אָפּקלאַנגען

ניט מער ווי „צענדליקער טויזנטער"?

די פּאַריזשער צײַטונג „פיגאַראָ" האָט געבראַכט אַף דער ערשטער זײַט אַ פאָטאָ, אַף וועלכער מע זעט ווי קאַרטער פאַרנייגט זיך פאַרן מאָנומענט אין וואַרשע לעקאָוועד די געטאָ־קעמפער און מאַרטירער.

אונטערן בילד — אַ צושריפט, ווו עס ווערט גע־זאָגט, אַז קאַרטער האָט אָפּגעגעבן קאָוועד „די צענד־ליקער טויזנטער ייִדן, וואָס זײַנען אומגעקומען".

צענדליקער טויזנטער ייִדן? די „פיגאַראָ" ווייסט קלוימערשט ניט, אַז דער געטאָ־מאָנומענט פאַרייביקט דעם אָנדענק ניט בלויז פון די קעמפער פון געטאָ, נאָר פון אַלע מאַרטירער? ער ווייסט ביכלאַל ניט, אַז אַ ספּעציעלער באַרעליעף פונעם מאָנומענט איז געווידמעט דער דעפּאָרטאַציע פון מיליאָנען ייִדן אין די מאָרד־לאַגערן...

אין דער צושריפט אונטערן זעלבן בילד ווערט אויך געזאָגט, אַז קאַרטער האָט, פאַרנייגנדיק זיך פאַרן מאָנומענט, „אונטערגעשטראָכן אַזויאַרום די צוגעבונדנקייט פון אַמעריקע צו דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און צום אָפּהיטן די מענטשן־רעכט אין מיזרעך־אייראָפּע".

וואָס האָט דער געטאָ־דענקמאָל צו טאָן מיט „מענטשן־רעכט אין מיזרעך־אייראָפּע"? מיר וואָלטן פאַרשטאַנען, ווען קאַרטער זאָל „אַזויאַרום" וועלן אונטערשטרײַכן זײַן צוגעבונדנקייט צו דער פאַרטיי־דיקונג פון דער דעמאָקראַטיע און פרײַהייט קעגן דער נאַציסטישער באַרבאַרײַ". אָבער ליידער לאָזט ער די יאָרשים פון היטלערן פרײַ העצן אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן, און עס אַרט אים אויך ניט זייער ווי־דערדערוואַכונג אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד.

איז צו וואָס ריידן באַ דער געלעגנהייט וועגן די „מענטשן־רעכט אין מיזרעך־אייראָפּע". צי דאַרף עס פאַרדעקן די אומדערלאָזבאַרע טאָלעראַנץ לעגאַבע דעם נעאָ־נאַציזם, וואָס איז דאָך אין פולער סטירע מיט „רעספּעקטירן די מענטשן־רעכט".

אַלץ אין נאָמען פון „קאַמף פאַר מענטשן־רעכט"...

געשען איז עס אין ניו־יאָרק, און דערציילן וועגן דעם דערציילט די אַמעריקאַנער צײַטונג „דזשויש וואָרלד".

בעקיצער: אין אַ דאָרטיקער מיטלשול איז געגרינ־דעט געוואָרן אַן אַנטיסעמיטישע יוגנט־גרופּע מיטן פּײַנעם נאָמען „הײַל היטלער־קלוב". די גרופּע ציילט 50 שילער, און זייער באַשעפטיקונג איז: שמירן האַקנקרייצן אַף די טאָוולען, טישן און שול־מאַטע־ריאַלן; זינגען אַנטיסעמיטישע שפּאָט־לידער; באַפאַלן און שלאָגן ייִדישע יוגנטלעכע.

לויט ווי עס גיט איבער די דערמאָנטע צײַטונג, איז די גרינדונג פון דער גרופּע און איר פּראָגראַם ניט קיין פאַרבײַגייענדיקער קאַפּריז אָדער אַ שטי־פערײַ פון יוגנטלעכע. ניין. דאָס האַנדלט זיך אין אַ פעסט־אָרגאַניזירטער גרופּע: די אָנגעהעריקע צו איר האָבן געדרוקטע מיטגלידער־קאַרטלעך מיטן בילד פון היטלערן און מיט דעם לאָזונג: „ייִד, פּייגער!" און זיי טוען זייערע מײַסים טאָגטעגלעך.

זיי פאַרנעמען זיך אויך מיט וואַרפן שמוץ און העצן קעגן די אינדיאַנער און נעגער, אָבער זייער „ספּעציאַליזאַציע" איז — כוליגאַנישער ייִדן־האַס.

עפּעס האָבן מיר ניט געהערט, אַז מע זאָל אין ניו־יאָרק האָבן אָנגענומען וועלכע־ניט־איז שריט קעגן אָט דעם נאַציש־אַנטיסעמיטישן כוליגאַניזם.

צי קומט אויך דאָס פאַר אין נאָמען פון „קאַמף פאַר מענטשן־רעכט"?..

צוהילף פּינאָטשעטן

די אַרגענטינער צײַטונג „טיעמפּאָ" האָט לעצטנס איבערגעגעבן, אז ייִסראָעל פאַרנעמט דאָס צווייטע אָרט נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן אין באַזאָרגן דאָס פּאַשיסטישע טשילי מיט געווער, באַזונדערס מיט ראַקעטעס קעגן טאַנקען און אוויִאָנען, ווי אויך אין טרענירן מיליטערישע ספּעציאַליסטן פאַר דעם פּינאָטשעט־רעזשים.

די ייִסראָעל־רעגירונג האָט זיך שוין געהאַט דיסקרעדיטירט איבער ענגע באַציִונגען מיט די ראַסיסטישע הערשער פון דאָרעם־אַפריקע.

קיין קאָוועד דערפון וועט ניט צוקומען

די ייִסראָעל־פּרעסע גיט איבער, אז אין פעסטיוואַל פון געזאַנג, וואָס דאַרף אינגיכן פאָרקומען אין טשילי, וועט זיך באַטייליקן די ייִסראָעל־זינגערין איליִנאַ אַביטל, וועלכע וועט דאָרט זינגען דאָס ליד „לאַהוד" („ליב האָבן"). 25 אַנדערע לידער זײַנען צוגעשיקט געוואָרן פון ייִסראָעל צום פעסטיוואַל, אָבער דאָס ערשט דערמאָנטע ליד וועט דאַרפן רעפּרעזענטירן די ייִדישע מעדינע.

א צווייטע זינגערין, נאַוואַ ברוכין, וואָס האָט זיך שוין באַטייליקט אין אַן ענלעכן פעסטיוואַל פאַראַיאָרן, איז אײַנגעלאַדן דאָס מאָל אין זשורי.

מיר האָבן לעצטנס דערציילט וועגן געווער־ליפערונגען פון ייִסראָעל פאַר דער פּאַשיסטישער פּינאָטשעט־קליקע. איצט איז צום געווער צוגעקומען אויך הילף אויפן קולטור־געביט — אויב, יעדנפאַלס, מע קאָן ריידן וועגן „קולטור" אונטער דער בלוטיקער הערשאַפט פון די פּאַשיסטישע טאַליאַנים.

איבעריק צו זאָגן, אז קיין קאָוועד וועט ניט צוקומען פון דעם פאַר ייִסראָעל.

אַן „אויסטערלישער קאָנגרעס"

„אַן אַנטוישנדיקע דערפענונג", „א נידעריקער ניוואָ", „שטורעמס", „וויקוכים און דעמיסיע־דראָונגען", „א מילכאָמע אַרום בענקלעך", „געשלעגן אין זאַל" — אָט דאָס זײַנען אייניקע פון די קעפּלעך, וואָס מיר געפינען אין די באַריכטן וועגן 29־טן ציִעניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען סאָף פעוורואַל אין ירושאָלאַיִם. אויפן קאָנגרעס איז אויסגעוויילט געוואָרן די נײַע אָנפירונג און דער נײַער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע.

עס וועט אונדז נאָך זיכער אויסקומען צו ריידן וועגן דעם דאָזיקן קאָנגרעס, אָף וועלכן עס האָט געהאַט די אויבערהאַנט דער „ליקוד" און ווו עס האָט — לויט די דערמאָנטע באַריכטן — געהערשט אַנטמוטיקונג, פאַרגליווערטע רוטין, אַנטוישונג. אָבער שוין די עטלעכע אויבנגעבראַכטע באַצייכענונגען גיבן א באַגריף וועגן דעם, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער דאָזיקער קאָנגרעס, וועלכער האָט, אַגעוו, פּרעטענדירט צו ריידן „אין נאָמען פון דער איבערוועגנדיקער מערהײַט ייִדן".

אַן „אויסטערלישער קאָנגרעס". נאָר צי איז ער אין טאָך טאַקע געווען, אַן אַנדערער איידער די פּריִערדיקע ציִעניסטישע קאָנגרעסן?

דאַיאַנס „נײַע" פאָרמול

יעדערער קען מוישע דאַיאַנס „באַרימטע" פאָרמול פון פאַר דער יאָמקיפּער־מילכאָמע, אז „ס'איז בעסער שאַרם על שייך אָן שאָלעם, איידער שאָלעם אָן שאַרם על שייך".

אין פאַרגאַנגענעם כוידעש — בייס זײַן באַזוך אין בריסעל — איז דאַיאַן אַרויס מיט א נײַער פאָרמול.

„ס'איז בעסער, — האָט ער דאָס מאָל דערקלערט, — זיך קעגנשטעלן א פּאַלעסטינער מעדינע מיט דער ריזיקע פון א מילכאָמע איצט, איידער מאַסקים זײַן מיט א פּאַלעסטינער מעדינע און ריזיקירן, עס זאָל אויסברעכן א מילכאָמע אין 10 יאָר אַרום".

דאַיאַן בויט, אַלזאָ, ווידער אָף מילכאָמע, און ער וויל זי בעסער איצט, איידער אין צען יאָר אַרום.

צי איז אָבער דען די מילכאָמע טאַקע פאַטאַל? צי איז ניט מעגלעך, פאַרקערט, צו דערגרייכן שנעל א שאָלעם, אויב ייִסראָעל וועט צוריקגעבן די אָקופּירטע טעריטאָריעס און וועט אָנערקענען די רעכט פון די פּאַלעסטינער אָף אַן אייגענער מעדינע, באַנאַנד מיט מעדינאַס ייִסראָעל?

דאַיאַן אַליין האָט ניט איין מאָל גענוג קלאָר געזאָגט, אז יאָ, דאָס איז מעגלעך. נאָר וואָס דען? ער וויל בעסער די אָקופּירטע טעריטאָריעס אָן שאָלעם, איידער דעם שאָלעם אָן אָקופּירטע טעריטאָריעס.

צו וואָס אזא פּאָליטיק פירט, האָט שוין, דאַכט זיך, באַוויזן גענוג די יאָמקיפּער־מילכאָמע. די צאָרע איז, וואָס דער הײַנטיקער אויסערן־מיניסטער איז דער זעלבער, וואָס איז פאַר יענער מילכאָמע געווען זינט יאָרן פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער...

(„נײַע פּרעסע", פּאַריזש)

פאַרשיידנס

אַלץ וועגן ביכער

די אַלפאַרבאַנדישע ביכער־פּאַלאַטע איז אַ וויסנשאַפטלעכער צענטער פון דער סאָוועטישער מעלוכישער ביבליאָגראַפיע און סטאַטיסטיק פון געדרוקטע ווערק. זי פירט אַ דיסקאָנט פון אַלץ, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין לאַנד, און באַקומט פון אַלע פאַרלאַגן אומבאַדינגטע קאָנטראָל־עקזעמפּלאַרן פון יעדער אויסגאַבע.

די ביכער־פּאַלאַטע גיט אַרויס קאַטאַלאָגן לויט דעם אַרט אויסגאַבעס: „ביכער־קאַטאַלאָג" — וועגן ביכער און בראָשורן, „פּעריאָדישע אויסגאַבעס" — וועגן צײַטונגען, זשורנאַלן, ביולעטענען, וויסנשאַפטלעכע פאַרנאָטירונגען, „געדרוקטע ווערק פון מאַלערײַ־קונסט" — וועגן קינסטלערישע אַלבאָמען, רעפּראָדוקציעס, פּלאַקאַטן, אַנשוילעכע מאַטעריאַלן. ס'ווערן אַרויסגעגעבן אויך קאַטאַלאָגן „קאַרטאָגראַפישע", „נאָטן־כראָניק" און „רעצענזיעס".

„איזוועסטיאַ"

דער סאַמע לאַנגער ראָמאַן

דעם סאַמע לאַנגן ראָמאַן האָט זײַנערצײַט געהאַט אָנגעשריבן דער יאַפּאַנישער ראָמאַניסט קיאָקו־טע־באַקין. וועגן דער גרייס פון זײַן ליטעראַרישער אַרבעט קאָן מען באַקומען אַ פאָרשטעלונג, אויב נעמען אין אַכט, אַז דער אויטאָר האָט אים געשריבן אין משך פון 40 יאָר — פונעם 1852 ביזן 1892 — און יעדער פון די 106 בענדער האַלט דורכשניטלעך 1000 זײַטן.

„ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ"

דער אויסגעפאַרבטער פאַריזש

די פאַריזשער מאַכט־אָרגאַנען האָבן באַשטימט פאַרבעסערן דעם אויסערלעכן אויסזען פון די אַמערסטן פאַרנאַכלעסיקטע ראַיאָנען פון דער שטאָט אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופן. מע האָט אויסגעשטעלט אַרום די זאַוואָדן און אַלטע געבײַדעס הויכע הילצערנע פּאַרקאַנס און פאַרגעלייגט די פאַריזשער אײַנוווינער באַמאָלן זיי. יעדן שטאָט־אײַנוווינער, וועלכער האָט

מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס זײַנען אַלט 20 טויזנט יאָר

די אַרכעאָלאָגן האָבן ניט איין מאָל געפונען אורטימלעכע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: קלינגענדיקע שטיינער, ליטאָפאָנען, עפּעס ענלעכס אַף פּלייטעס. נאָר דאָס זײַנען געווען איינצלנע געפינסן. און דאָ ניט לאַנג צוריק האָט דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע ס. נ. ביביקאָוו אַנטדעקט צווישן די מאַמאָנט־ביינער, וואָס מ'האָט אויסגעגראָבן אינעם אוקראַאינישן דאָרף מעזין, אַ גאַנצן אַנסאַמבל פון זעקס אינסטרומענטן, מיט וועלכע די אוראַלטע מענטשן האָבן זיך באַנוצט מיט 20 טויזנט יאָר צוריק.

דער געלערנטער דערציילט:

— די אוראַלטע קינסטלער האָבן געמאָלט אַף די ווענט פון די היילן טאַנצנדיקע מענטשן. האָט דאָך געדאַרפט זײַן אויך מוזיק, וועלכע האָט באַגלייט די דאָזיקע טענץ! איך האָב גוט באַטראַכט איינעם פון די אויסגעפאַרבטע ביינער: זײַן אויבערפלאַך איז געווען אויסגעריבן, ווי מע וואָלט איבער איר געהאַלטן אין איין קלאַפּן. די עקספּערטיזע האָט באַשטעטיקט: יאָ, אַזוי איז עס טאַקע. אָן אַנדער אינסטרומענט איז געמאַכט פונעם מאַמאַנטס שלאָסביין. דער אוראַלטער מײַסטער האָט דורכגעבויערט אין אָט דעם ביין אַ כאַלאַל, קעדיי עס זאָל זיך באַקומען אַ גוטער רעזאָנאַנס: אויב קלאַפּן מיט אַ העמערל לענגאויס דעם כאַלאַל, בײַט זיך די טאָנאַלקײַט פון די קלאַנגען, ווי אַף אַ קסילאָפאָן. אין אַלגעמיין, זײַנען דער שלאָסביין, שאַרבן און די קינבאַקן — די רעזאָנאַטאָר־גרופּע פון די אינסטרומענטן, און די לאָפּעטקע מיטן קרייצביין, די קלאַפּ־שטעקלעך און די בראַסלעט־קאַסטאַניעטן — די־רעזאָנאַטאָר־גרופּע. מיר זײַנען געקומען צום אויספיר, אַז דאָס הויז, ווו מע האָט געפונען די דאָזיקע אינסטרומענטן, איז געווען אַ געבײַדע פאַר דורכפירן ריטועלע פײַערונגען.

„נעדיעליאַ"

„אָן קאַפּדרייעניש"

אין 1916 האָט אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע זיך באַוויזן אַ סענסאַציע־רעקלאַמע, וועלכע האָט צו וויסן געגעבן דער שרײַבערישער וועלט וועגן דער „אויסגעצייכנטער" דערפינדונג פונעם סטודענט פון האַרוואַרדער אוניווערסיטעט בלאַנשאַר: ער האָט קאָנסטרויִרט אַ מאַשינקע אַף צו „פאַרגרינגערן דעם פּראָצעס פונעם ליטעראַרישן שאַפן".

„אויב איר, — איז געזאָגט געוואָרן אין דער רעקלאַמע, — פאַרשוועריקט זיך מיטן אויסקלײַבן אַ סוזשעט פאַר אַ נײַעם ראָמאַן, דערציילונג, דראַמע אאַוו., ווענדט זיך דאַן צו דער הילף פון אונדזער מאַשין, און

אויסגעדריקט א ווילן אָנטיילצונעמען אין דעם דאָזיקן מאָסמיטל, גיט מען ארויס אינעם אָרטיקן מוניציפּאַליטעט פאַרב, פּענדזלען און א טייל פּאַרקן. שוין איצט האָבן זיך אין אייניקע קוואַרטאַלן פון פּאַריזש באַוויזן אייגנאַרטיקע „בילדער־גאַלערייען", ווו מע קאָן טרעפן די סאַמע פאַרשיידענע „ריכטונגען" פון דער מאָלערײַ־קונסט.

די טשעמפּיאָנקע באַ דער שרײַבמאַשינקע

ווען אינעם מיניסטעריום פון דער שווערער אינדוסטריע פון דער אונגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק איז פאַראַן א באַזונדערס דרינגענדע אַרבעט אַף א שרײַבמאַשינקע, ווענדט מען זיך צו ערזשעבעט וואַרגאַ, דער עלפמאָליקער טשעמפּיאָנקע פון לאַנד אַף מאַשינשרײַבערײַ. פאַראיאָרן האָט זי געבראַכט פון ראָטערדאַם דעם ערן־טיטל פון וועלט־טשעמפּיאָנקע. אַף אַן עלעקטרישער מאַשינקע האָט די זיגערן געמאַכט פאַר א האַלבער שאָ 20 טויזנט קלעפּ, דערלאָזנדיק — אין אַן אומבאַקאַנטן טעקסט — סאַכאַקל בלויז 11 גרײַזן.

„איזוועסטיאַ"

מיט היינעס פּאָעזיע

אינעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס פאַר זײַנע רעכט דאַרף א וויכטיק אָרט געהערן דער פּאָעזיע, — אַזאַ איז די מיינונג פונעם יונגן מײַרעוו־דײַטשישן שוישפּילער לוטץ גערנער, וועלכער טרעט אַרויס מיט פאָרלעזונגען פון העניריך היינעס דיכטונג.

באַ אים איז א גרויסע אַאודיטאָריע: שולן, אוניווערסיטעטן, אַרבעטער־ און יוגנט־קלובן, פאַרזאַמלונגען, אַפילע אין די קירכעס — אומעמוט און שטענדיק איז דער רעציטאַטאָר אין וועג.

גערנער איז אויך א לײַדנשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פון ה. היינעס לידער־זאַמלונגען. ער האָט שוין פאַרקויפט 13 טויזנט ביכער, 1500 פּלאַטן פון היינעס לידער, העכער 700 רעפּראָדוקציעס־אַלבאָמען מיט אויסצוגן פון היינעס פּאָעזיע.

היינעס לידער, וואָס גערנער לייענט, גיבן איבער א גאַנץ היסטאָריש־פּאָליטיש בילד, וואָס איז אומדירעקט פאַרבונדן מיט דער הײַנטיקער ווירקלעכקײַט. דער אַנטידעמאָקראַטיזם פון דער בורזשואַזיע, איר צוויִעס, פאַראַכטונג צו די אָרעמע לײַט — דאָס אַלץ איז אַקטועל אויך הײַנט. און היינעס קעמפערישע פּאָעזיע ווערט אויפגענומען אין די מאַסן־אַאודיטאָריעס, באַזונדערס אין די אַרבעטער־קלובן, מיט באַגײַסטערונג.

„זאַ רובעזשאָם"

דער נייטיקער סוזשעט וועט געפונען ווערן אין 5 מינוט אַרום אָן שום אָנשטרענגונג פון די געהירן אין זיקאָרן".

ס'איז געגעבן געוואָרן א באַשרײַבונג פון דער „דענק־מאַשינקע". זי שטעלט מיט זיך פאָר א קאַרטאָנקעסטל 7,5 סמ. די לענג, 15 — די ברייט און 5 — די הייך. דער גאַנצער מעכאַניזם באַשטייט פון 6 פּאַפּיר־סטענגעס, אָנגעצויגענע אַף קלעצלעך, וועלכע ליגן אַף די ווענטלעך פונעם קעסטל און פאַרענדיקן זיך פון דרויסן מיט הייבערס. אַף יעדער סטענגע איז פאַראַן א ריי ווערטער. מע גיט א דריי דעם הייבער פון דער ערשטער סטענגע, און עפּעס א וואָרט שטעלט זיך אָפּ אַפן שמאָלן ווירעלע, וואָס געפינט זיך איבער דער סטענגע. אויב א דריי טאָן דעם הייבער פון דער פאָלגנדיקער סטענגע, שטעלן זיך אויס א ריי ווערטער, וואָס זײַנען מיט גאָרניט פאַרבונדן צווישן זיך, אָבער זיי פירן אַרויף אַף דעם אָדער אַנדערן געדאַנק. אַזויאַרום קאָן מען אַף זייער סמאַך אַנטוויקלען א בילד, טאַט אַאַוו.

„דעם הער בלאַנשאַרס דערפינדונג, — האָט גאַנץ ערנסט געשריבן איינע פון די צײַטונגען, — פאַרמאָגט די מײַלע, וואָס זי פאַרגרינגערט אָפּזוכן נײַע סוזשעטן און טעמעס. צוזאַמען דערמיט גיט זי ניט איין טעמע, נאָר א גאַנצע ריי, פון וועלכע דער אַווטאָר קאָן אויסקלײַבן בלויז די, וואָס וועט אים געפעלן ווערן..."

„ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ"

קליין, נאָר שיין

אינעם קאַטאַלאָג „מיניִאַטיור־ביכער אין פסר"', וואָס איז דערשינען פאַראיאָרן, ווערט דערמאָנט א סעריע דינינקע ביכעלעך, צו 16 זײַטעלעך, קלענער פון א קעשענע־קאַלענדאַר, וועלכע איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין 1908 אין וואָלאָגדע. אין דער סעריע זײַנען אַרײַן: „קאַרל מאַרקס. קורצע ביִאָגראַפיע", פרידריך ענגעלסעס ביִאָגראַפיע; א. ראַדישטשעוו, ק. רילייעוו, פּ. פּעסטעל, פּ. קאַכאָווסקי, נ. דאָבראָליובאָוו, ד. פּיסאַרעוו, א. גערצען, פּ. קראָפּאָטקין, מ. גאָרקי, ג. פּלעכאַנאָוו, פּ. לאַפאַרג...

אינעם קאַטאַלאָג זײַנען פאַראַן א סאַך טשיקאַווע זאַכן.

דער קאַטאַלאָג גופא איז אויך אַן אוניקאַלער — אַזעלכע אויסגאַבעס זײַנען באַ אונדז נאָך ניט געווען: ביידע בענדער זײַנען אַרויסגעגעבן אין א מיניאַטיור־פאָרמאַט, עטוואָס גרעסער פון א פּעקעלע שוועבעלעך. מע קאָן זיך דערוויסן, לעמאָשל, אַז דאָס ערשטע מיניִאַטור־ביכעלע (זעקס אַף זעקס מיט א האַלבן סאַנטימענטער) איז אין פּעטערבורג אַרויסגעגעבן געוואָרן קימאַט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, און איצט ציילט אָן דער „פאָנד" פון די פאָטערלענדישע מיקראָביכער באַ 500 נעמען, וואָס העכער א האַלב פון זיי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר די סאָוועטישע יאָרן.

„איזוועסטיאַ"

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

טשערניאַווסקי, שלוימע (1974—1909)

— דיכטער. געבוירן אין קאָוועל, אוקראַיִנע. די עלטערן זײַנען אומגעקומען אין פּאָגראָם, און ער איז דערצויגן געוואָרן אין א קינדערהיים. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1933. אין די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט לידער־ציקלען אין „סאָוועטיש היימלאַנד". אין 1975 איז אינעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" (מאָסקווע) דערשינען זײַן לידער־זאַמלונג „לויט מאָסקווער צײַט" אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש.

ווערק: „פלאַמיקע יוגנט", לידער, קיִעוו—כאַרקאָוו, 1935; „ליריק", קיִעוו, 1940.

טשערניאַק, ליובע (1970—1902)

— דיכטערן, ליטעראַטור־קריטיקער. דעביוטירט אין זשורנאַל „די רויטע וועלט". געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרטיקלען וועגן הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע שרײַבער.

ווערק: „בא די ביראָבידזשאַנער שרײַבער", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 1, 1961; „דער שרײַבער און זײַנע העלדן", דאָרט, נומער 1, 1963; „מיט אָפענער ברוסט אין אַטאַקע" (צום 75־טן געבורטסטאָג פון שמועל ראָסין), דאָרט, נום. 8, 1965; „א מאַטראָס, א דיכטער, א העלד פון די שלאַכטן פאַר מאָסקווע" (וועגן י. זעלדינען), דאָרטן, נום. 12, 1966; „דער וועג פון א דיכטערן" (צום 60־טן געבורטסטאָג פון ל. וואַסערמאַן), דאָרט, נום. 12, 1967; „אָן אָדע דער פרייד", ליד, דאָרטן, נום. 11, 1975.

ביבליאָגראַפיע: ע. קאָרמאַן, „ייִדישע דיכטערנס", אַנטאָלאָגיע, טשיקאַגאָ, 1928; א. ד. מיראַל, צײַטונג „אייניקײַט", מאָסקווע, 31 דעקאַבער 1946.

טשערניס, יאַשע (1977—1909)

— פּראָזאַיִקער. געבוירן אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק אין אַן אַרבעטער־פאַמיליע. געאַרבעט אַלס בעקער אין א לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמונע. אין 1930 געלערנט אין אַרבפאַק פונעם אָדעסער פּעדינסטיטוט. אין 1932 אַריבערגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, געאַרבעט אין די קאָמיוגישע, פּאַרטיייִשע און אָרגאַנען פון פאָלקסבילדונג, שפּעטער — אין מיליטער־קאָמיסאַריִאַט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. נאָך דער מילכאָמע האָט י. טשערניס געלעבט און געאַרבעט אין כמעלניצקי (פּראָסקוראָוו), כאָטין, מאָסקווע. די לעצטע יאָרן געאַרבעט אין רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און האָט פאַרעפנטלעכט א ריי פאַרצייכענונגען און א גרעסערע דערציילונג „דער וועג קיין קוקאָן".

ווערק: אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד": רעצענזיעס „וועגן ש. כאַלאָדענקאָס בוך „דאָס וואָרט", נום. 4, 1975; „פריידיקע מאָטיוון" (וועגן כ. טאַבאַטשניקאָווס בוך „באַרשעווער מאָטיוון"), נום. 10, 1975; פאַרצייכענונגען און זיכרוינעס: „א רײַזע מיט גאָדינערן און האַלקינען", נום. 4, 1974; „די ערשטע באַגעגעניש", „סאָלדאַטן פונעם לענינישן באַטאַליאָן", נום. 8, 1977; „אין קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט"," נום. 1, 1978; די דערציילונג „דער וועג קיין קוקאָן", נום. 2—3, 1976.

טאַמאַרקין, כאַיִם (1894)

— זשורנאַליסט. געבוירן אין שטעטל קאָראָסטישעוו, זשיטאָמירער געגנט, אין אַן אַרבעטער־פאַמיליע. צו 16 יאָר אוועקגעפאָרן פון דער היים, זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע אַרבעטן אין די שטעט קאַליש, אָדעס, וואַרשע, קיִעוו. אין 1919 זיך געלערנט אין דער קיִעווער דראַמאַטישער סטודיע „קולטור־ליגע". פון אַפּרעל 1920 ביז יון 1921 געדינט אין דער רויטער אַרמיי, געווען אַפן פוילישן און קרימער פראָנטן. נאָכן בירגערקריג געווען אַן אַקטיאָר אין טעאַטער „אָנהייב", גלײַכצײַטיק איבערזעצט און באַאַרבעט פאַרן טעאַטער אייניאַקטערס, וואָדעווילן, אינסצענירט פּיעסן פאַר קינדער.

אין 1922 אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, אָנגעקומען אין דער טעאַטראַלער שאָלעם־אַלייכעם־סטודיע, שפּעטער — אין דער טעאַטער־סטודיע „פרײַקונסט".

אין די יאָרן 1931—1932 געאַרבעט אַלס קאָרעקטאָר אין פאַרלאַג „עמעס", שפּעטער אין טעאַטראַלן קאָנצערט־אָפּטייל פונעם צענטראַלן הויז פון דער רויטער אַרמיי. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. וווינט אין מאָסקווע.

ווערק: „אַז מע דערמאָנט זיך", זש. „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 7 פון 1973; „דאָוויד האָפּשטיין אַזאַ, ווי איך געדענק אים", דאָרט, נום. 10 פון 1973; „זייער מישפּאָכע־שטאַם" (וועגן דאָוויד האָפּשטיין, זײַן ברודער וועלי, זײַן שוועסטער שיפרע), דאָרט, נום. 1 פון 1976; „וואַרשעווער יאָרן", דאָרט, נום. 6, 7, 9 פון 1976; „קעדיי צו וואַרטן" (הומאָרעסקע), דאָרט, נום. 8 פון 1976.

■ ■ ■

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

מאָדוסן[1]

(פּאַקטישע און ניט קיין פּאַקטישע טוונגען)

די ציַיטפֿאָרמעס קעגנוואַרט, פֿאַרגאַנגענהײַט און צוקונפֿט („סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 1, 1977) וויַיזן טוּונגען, וואָס קומען פֿאָר[2], זיַינען פֿאָרגעקומען אָדער וועלן פֿאָרקומען. אַזעלכע טוּונגען געהערן[3] צום פּאַקטישן מאָדוס (אינדיקאַטיוו)[4], אויב אַפֿילו[5] זיי זיַינען מיטן פּאַרטיקל „ניט".

ניט קיין פּאַקטישע מאָדוסן[6] זיַינען אין יידיש פֿאָלגנדיקע[7]: באַדינג־מאָדוס[8], באַדויער־מאָדוס[9], באַפֿעל־מאָדוס[10], געמישטער מאָדוס[11].

I. באַדינג־מאָדוס באַטיַיט א טוּונג, וואָס וואָלט פֿאָרגעקומען בא א געוויסן טנאַי (באַדינג)[12] אָדער בא א געוויסער האַשאָרע[13], אָבער פּאַקטיש קומט זי ניט פֿאָר. די סטרוקטור פֿונעם דאָזיקן מאָדוס איז פּערזאָניקער הילפֿווערב „וואָלט"+אינפֿיניטיוו אָדער פּאַרטיציפּ. לעמאָשל:

1. ווען א כאַזער וואָלט האָבן הערנער[14], וואָלט די וועלט קיין קיִעם ניט געהאַט[15].
2. ווען טילים[16] וואָלט זיַין א רעפֿוע[17], וואָלט מען עס פֿאַרקויפֿט אין אַפּטייק[18].
3. בא דער מויד מאַריִע (מיריאַם)[19] איז געווען נאָר איין זון[20], און וויפֿל איז איבער אים פֿאַרגאָסן געוואָרן בלוט[21]. וואָס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט נאָך געהאַט (געבאָרן) א פּאָר?[22] די גאַנצע ערד וואָלט אָן מענטשן געבליבן [23] (וואָלטער, 1694—1778)[24].

ווען ס'וואָלט געווען אזא מין קאַנט[25],
ווו קיינער ווערט ניט עלטער[26],
ווו ס'לויכט דער הימל נאָכאַנאַנד[27]
א יונגער, א צעהעלטער,[28]

איך וואָלט געוויס[29] — צי פרי, צי שפּעט[30]
צו אָט דעם וווּנדער טרעפֿן[31]
און וואָלט דעם שוימער איַינגערעדט[32]:
— דעם טויער עפֿן...[33]

אוורהאָם גאָנטאַר

II. באַדויער־מאָדוס באַטיַיט באַדויערונג אָדער כאַראָטע. די סטרוקטור פֿונעם דאָזיקן מאָדוס איז הילפֿוואָרט „נעכיַי" אָדער „כיַי"+פּערזאָניקער הילפֿווערב „וואָלט"+פּאַרטיציפּ אָדער אינפֿיניטיוו. לעמאָשל: נעכיַי וואָלט זי מיך געכאַפּט אליין, אָן איידעס[34], וואָלט איך מיך געקאָנט אָפּבעטן בא איר[35] (שאָלעם־אַלייכעם).

אַנמערקונג. אַנשטאָט[36] „כיַי וואָלט" זאָגט מען אין א ריי ערטער[37] „כאָלט". לעמאָשל: כאָלט איך בעסער ניט געגאַנגען אהין. כאָלט איך אים בעסער ניט גענומען מיט זיך.

Перевод: 1) наклонения; 2) действия, которые происходят; 3) принадлежат, относятся; 4) изъявительное наклонение; 5) если даже; 6) ирреальные наклонения; 7) следующие; 8) сослагательное (условное) наклонение; 9) выражающее сожаление или раскаяние; 10) повелительное; 11) «смешанное» наклонение; 12) которое произошло бы при известном условии; 13) при известном предположении; 14) если свинья имела бы рога; 15) мир (свет) не существовал бы; 16) псалтырь — библейская книга молитв, песнопений; 17) лекарство; 18) продавали бы в аптеке; 19) у девы Марии; 20) один сын; 21) а сколько из-за него пролилось крови; 22) если бы родила двоих? 23) вся земля обезлюдела бы; 24) Вольтер; 25) такой край; 26) где никто не стареет; 27) светит небо сплошь (подряд); 28) яркое; 29) наверняка; 30) рано или поздно; 31) к этому диву попал бы; 32) и сторожа уговорил бы; 33) открой ворота; 34) хоть бы она одна поймала меня, без свидетелей; 35) я бы мог отпроситься у нее; 36) вместо; 37) в ряде мест.

III. באַפֿעל־מאָדוס (אימפּעראַטיוו). דאָס איז דער פֿאַרשפּרייטסטער מאָדוס[1]. ער באַטיַיט א באַפֿעל, א באַקאָשע[2] אָדער א פֿאַרלאַנג[3] וועגן א טוּונג, וואָס עס דאַרף געוויינלעך[4] טאָן א צווייטע פּערזאָן[5] אין איינצאָל אָדער אין מערצאָל. די סטרוקטור פֿונעם דאָזיקן מאָדוס איז ענלעך[6] צו דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל פֿון קעגנוואַרט (זיץ, פֿאַרשריַיב, קוק זיך איַין, רו זיך אָפּ) אָדער צו דער צווייטער מערצאָל (זיצט, פֿאַרשריַיבט, קוקט זיך איַין, רוט זיך אָפּ). ניט ענלעך זיַינען בלויז[7] די ווערטער „בין" — „זיַי": איך בין דאָ — זיַי אויך דאָ.

1. האָסטו — האַלט! ווייסטו — זאָג!; קאָנסטו — טו![8].
2. ווילסט ניט — הער ניט[9]; אָבער דעם אַנדערן שטער ניט![10]
3. גרייט דיר אָן אין דער יוגנט[11], וועסטו האָבן אױף דער עלטער[12].
4. ווילסט האָבן א פּאָנעם בא לײַטן[13], האָב פֿריִער בא זיך אליין[14].
5. לייג ניט אָפּ אױף מאָרגן[15], וואָס דו קאָנסט הײַנט באַזאָרגן[16].

אַנמערקונג. באַם באַפֿעל־מאָדוס פֿון א ווערב מיט א צוגאָב קאָן דער צוגאָב אָפּטמאָל זיַין אָן דעם גרונטווערב. לעמאָשל: אַרויס! אַוועק! אין מערצאָל וועט אזא צוגאָב קומען מיט דער פֿלעקסיע „־ט". לעמאָשל: אַוועקט, אַוועקט, פֿאַלשע געדאַנקען![17] (שאָלעם־אַלייכעם).

Перевод: 1) самое распространенное наклонение; 2) повеление; просьбу; 3) желание; 4) обычно; 5) второе лицо; 6) похож(а); 7) лишь, только; 8) имеешь — держи; знаешь — скажи; можешь — делай; 9) не хочешь — не слушай; 10) но другому не мешай; 11) приготовь себе в молодости; 12) в старости; 13) у людей (у других); 14) имей раньше у себя самого; 15) не откладывай на завтра; 16) что ты можешь сегодня обеспечить; 17) прочь, прочь, фальшивые мысли!

באַפֿעל־מאָדוס איז אָפֿט געווענדט[1] ניט דאַפֿקע[2] צו א קאָנקרעטער (צווייטער) פּערזאָן, נאָר צו יעדן איינעם[3], ווי אין פֿאָלגנדיקן פֿראַגמענט פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס יינגל":

אַנו, טרעפֿט[4], ווו איז דער גאַניידן[5]? איר וועט ניט טרעפֿן. ווייסט איר, פֿאַרוואָס[6], ווײַל בא איטלעכן[7] איז ער אױף אַן אַנדער אָרט[8]. לעמאָשל, די מאַמע זאָגט, אז דער גאַניידן איז דאָרטן[9], ווו מיַין

טאטע, פייסי דער כאזן, געפינט זיך[10]... פרעגט זשע אָבער מײַנע כאווײרים[11] וועלן זיי אײַך דערציילן מײַסעס[12], אז דער גאנײדן געפינט זיך ערגעץ אַף א בארג[13]... ייִנגלעך לויפן דאָרט ארום פראנק־און־פרײַ[14]. לערנען לערנט מען ניט[15]. נאָר מע באָדט זיך גאנצע טעג[16]... זײַט איר שוין פארטיק?[17] קומט צו גיין א ייִד אן אײַנבינדער[18] און טוט זיך א זאָג[19], אז דער עמעסער[20] גאנײדן איז גאָר פרײַטיק אין באָד[21]... הײַנט גייט דערגייט אן עק![22]

זעט אויך אין פערעץ מארקישעס פראגמענט[23].

עפנט טירן, קומט אין דרויסן[24],
רײַסט[25] די פענצטער, ברעכט זיי אויס[26].
נעמט ארײַן דעם גאסט דעם גרויסן[27],
קומט אנטקעגן אים ארויס![28]
ס'איז הײַנט יאָמטעוו אין די גערטנער[29],
אַף די גאסן — אומעטום[30].

ס'איז הײַנט ליכטיק[31], זעט נאָר, הערט נאָר[31],
ווי עס טאנצן ווינטן אום[32].
הערט נאָר, ווי די צווײַגן טרעשטשען[33]
און דער טײַך ווי שרײַט און ברומט[34].
הערט נאָר פײַפן[35], הערט נאָר סווישטשען[36] —
קומט אין דרויסן, גיכער[37] קומט!

באפעל־מאָדוס קאָן זײַן געווענדט אויך צום ריידער גופע[38] און זײַן אין איינצאָל. לעמאָשל: די וועלט ארום און ארום[39] איז מעכײַע[40], גרויס, אָפן[41], כאָטש הייב זיך אוף און פלי[42], כאָטש צי זיך אויס און שווים[43] (שאָלעם־אַלייכעם).

א באפעל וועגן א טוונג איז אָפט שײַעך[44] צו א דריטער פערזאָן אָדער זאך[45]. דעמלט איז די סטרוקטור פונעם באפעל־מאָדוס — פערזאָניקער הילפווערב „לאָז, לאָזן+אינפיניטיוו". לעמאָשל: לאָז ער לייענען[46], לאָז מען אופהערן טומלען[47], לאָזן זיי גיין[48].

אָנמערקונג. „לאָזן" איז פאראן אויך א זעלבשטענדיקער ווערב. לעמאָשל: איך האָב אים געלאָזט[49] אין שטוב. דער דאָזיקער ווערב קאָן זײַן אויך אין באפעל־מאָדוס: לאָז דאָס קינד אין שטוב[50].

Перевод: 1) часто обращен(о); 2) не только; 3) к любому; 4) ну-ка, отгадайте; 5) где рай?; 6) вы знаете, почему?; 7) у (для) каждого; 8) в другом месте; 9) там; 10) где кантор Пейся находится; 11) но спросите моих товарищей; 12) расскажут сказки; 13) где-то на горе; 14) совершенно свободно; 15) не учатся; 16) купаются целые дни; 17) думаете — это все (закончено); 18) переплетчик; 19) заявляет (сказанул); 20) настоящий (истинный); 21) в пятницу в бане; 22) вот и добейтесь толку; 23) отрывок Переца Маркиша; 24) откройте двери, идемте на улицу (снаружи); 25) рвите; 26) выбивайте; 27) большого гостя; 28) идемте ему навстречу; 29) праздник в парках; 30) всюду; 31) светло; 31) смотрите-ка, слушайте-ка; 32) как кружатся (танцуют) ветры; 33) как ветви трещат; 34) как орет и рычит река; 35) и 36) свистки; 37) быстрее; 38) к самому говорящему; 39) мир кругом; 40) замечателен (оживляет); 41) открыт; 42) хоть поднимись и лети; 43) растянись и плыви; 44) относится; 45) предмету; 46) пусть читает; 47) пусть перестанут шуметь; 48) пусть идут; 49) оставил; 50) оставь дома.

ווען די טוונג וויל טאָן דער ריידער גופע אָדער אײנעם מיט נאָך עמעצן, איז די סטרוקטור פונעם באפעל־מאָדוס אָפט „לאָמיך" (איינצאָל) אָדער „לאָמיר" (מערצאָל)+אינפיניטיוו. לעמאָשל: לאָמיך זיך נעמען דערצו[1], לאָמיר אָנהייבן די ארבעט[2]. אמאָל קומט „לאָמיך" (לאָז מיך) אָדער „לאָמיר" אָן דעם אינפיניטיוו. לעמאָשל: מאמע! לאָמיך אהיים, מאמע! (פערעץ).

קוקט זיך צו צו די ווערב־פאָרמעס אינעם ווײַטערדיקן פראגמענט פון שאָלעם־אַלייכעמס „שיר־האַשירים" און אין שיקע דריזס ליד „גוטמאָרגן".

און אָט זײַנען מיר באם בריקל[3].

דאָס טײַכל לויפט[4], די זשאבעס קוואקען[5], און די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך[6], און בוזי ציטערט[7].

— אײַ, ביסטו, בוזי, א... וואָס האָסטו מוירע, נארעלע?[8] האלט זיך אָן אָן מיר[9], אָדער גיב, לאָמיך דיך ארומנעמען[10], איך דיך, און דו מיך[11]. זעסטו?[12] אָט אזוי, אָט אזוי[13].

איך וווין[14] אין מאָסקווע,
דו — אין פאריז[15],
דיך רופט מען שארל[16],
מיך — שיקע דריז.

לאָמיר זשע לייטערס[17]
בא שכײנים אנטלײַען[18]
און איינער דעם צווייטן
גוטמאָרגן זיך שרײַען[19].

Перевод: 1) давай возьмусь за это; 2) начнемте работу; 3) вот мы у мостика; 4) речка течет (дословно: бежит); 5) лягушки квакают; 6) а доски шатаются, качаются; 7) а Бузя дрожит; 8) чего ты боишься, глупенькая? 9) (при)держись за меня; 10) или дай я тебя обниму; 11) я тебя, а ты меня; 12) ты видишь? 13) вот так: 14) живу; 15) ты в Париже; 16) тебя зовут Шарль; 17) давайте мы лестницы; 18) у соседей возьмем (займем); 19) и друг друга добрым утром поприветствуем (дословно: один другому будем кричать: доброе утро).

IV. געמישטער מאָדוס. **דער געמישטער מאָדוס באטײַט: א באדינג, א באפעל, א פארלאנג וועגן א טוונג, אָפטמאָל אויך א כידעש[1], א האשאָרע אָדער אן אומזיכערקײַט[2] אין דער טוונג פון דער מיטיילונג[3] און נאָך אנדערע. די סטרוקטור פונעם דאָזיקן מאָדוס איז הילפווערב „זאָל"+אינפיניטיוו. לעמאָשל: וואָס א גראָבער בויך קאָסט[4], וואָלט איך געוואָלט האָבן; וואָס ער איז ווערט[5], זאָלן מײַנע סאָנים פארמאָגן[6].**

זעט אויך אין די ווײַטערדיקע פראגמענטן פון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פייסי דעם כאזנס ייִנגל":

1) איך זאָל זײַן א קייסער[7], וואָלט איך א גאנץ יאָר געגעסן קאווענע מיט ברויט[8]. 2) דער כאָסן, מײַן ברודער עליע, קוקט אַף מיר, איך זאָל זיצן ווי א מענטש, איך זאָל עסן מיט א גאָפל[9] און זאָל ניט כאפן[10], און זאָל אכטונג געבן אַף דער נאָז[11]. 3) זיי זאָגן, אז איך עס, מאך איך מיט די ליפן[12]. איך וואָלט וועלן זען יענעם מענטשן[13], וואָס זאָל עסן און ניט מאכן מיט די ליפן. 4) מײַן ברודער עליע הערט אויס די מײַסע מיט די עפל און ווערט בלאס[14]. אפאָנעם, פאר קאס[15]. די מאמע דערזעט, אז ער איז אויסער זיך[16]. זי האָט מוירע[17], ער זאָל מיך ניט שלאָגן. זי רוימט אים אײַן א סאָד[18], ער זאָל מיך ניט שלאָגן, וואָרעם איך בין א יאָסעם[19]. 5) אַך, ווען[20] די מאמע זאָל זײַן א גוטע מאמע, וואָלט זי מיך גע־

מאכט פאר א קלעזמער[21]. איך ווייס אָבער[22], אז זי וועט דאָס ניט וועלן[23]. ניט מאכמעס זי איז א שלעכטע[24], נאָר מאכמעס די וועלט וועט ניט דערלאָזן[25], אז פּייסי דעם כאזנס ייִנגל זאָל זײַן א קלעזמער און ניט קיין באלמעלאָכע[26].

אמאָל איז געווען...
אז אמאָל איז געווען, איז ניט וויכטיק נאָך[27],
וויכטיק איז, עס זאָל ווידער זײַן[28].
זוך אין אמאָליקן א ליכטיק אָרט[29],
ס'זאָל אויך אַף איצטיקן ווארפן שײַן...[30]

דאָוויד האָפשטיין

Перевод: 1) удивление; 2) неуверенность; 3) сообщение; 4) что толстое брюхо стоит; 5) какая ему цена; 6) пусть мои враги имеют; 7) будь я царем; 8) арбуз с хлебом; 9) вилка; 10) чтоб не торопился; 11) чтоб следил за носом; 12) «делаю» губами; 13) того человека; 14) бледнеет; 15) видимо (вероятно), от гнева; 16) вне себя; 17) боится; 18) просит его шепотом (дословно: шепчет ему секрет); 19) ибо я сирота; 20) если бы; 21) музыкант; 22) но я знаю; 23) она не захочет; 24) не потому, что она плохая (злая); 25) мир не допустит; 26) ремесленник; 27) еще неважно; 28) чтобы опять было; 29) ищи в былом светлое место; 30) чтобы и на теперешнее бросало свет.

אָפט קאָן איין מאָדוס קומען אָנשטאָט א צווייטן, האָבן דעם באטײַט פון א צווייטן. לעמאָשל, די פאָרמע „וואָלט"+פּארטיציפּ אָדער אינפיניטיוו קאָן צוליב העפלעכקײַט[1], צוליב אָפּשײַ[2] אָנגעווענדט ווערן אַף אויסצודריקן[3] א טוונג, וואָס מע מיינט זי אלס א פאקטישע[4]. אָנשטאָט „איך בעט אײַך אויסהערן מיך ביזן סאָף"[5] זאָגט מען: „איך וואָלט אײַך געוואָלט בעטן[6] אויסהערן מיך ביזן סאָף". און פאַרקערט[7]: קעדיי פאָרצושטעלן[8] א באדינגלעכע[9] טוונג אלס א מער לעבעדיקע[10], קאָן אָנשטאָט באדינג־מאָדוס קומען פאקטישער מאָדוס. לעמאָשל: ווען איך בין זיכער[11], אז די דײַטשישע ארמיי וועט זײַן נייטראַל, וועק איך אוף די קריגסגעפאנגענע[12] און גיי מיט דיר ארויס אין גאס (דאַנ׳על). אָנשטאָט באפעל־מאָדוס ווערן אָפט אָנגעווענדט אלע אנדערע מאָדוסן, ווײַל דאָס גיט די מעגלעכקײַט אויסצודריקן פארשיידענע ניואנסן פון א העפלעכן אָדער האכנאָעדיקן[13] פארלאנג אָדער באפעל.

אָנמערקונג. א פארלאנג אָדער א באפעל וועגן א טוונג קאָן מען אויסדריקן אויך דורך אן אינפיניטיוו. לעמאָשל: העכערן די פּראָדוקטיווקײַט. און אמאָל אפילע אינגאנצן[14] אָן א ווערב. לעמאָשל: שטארקער די פעלקער־פרײַנטשאפט![15]

קוקט זיך צו צו די ווערבפאָרמעס אינעם ווײַטערדיקן פראגמענט פון ייִצכאָק־לייבוש פּערעצעס „וועבער־ליבע"[16], געשריבן אין 1897 יאָר.

...מיר כאָלעמט זיך[17] א ריינע אופגעראַמטע שטוב[18]; צוויי בעטן הילצערנע[19], זאָל זײַן צו איינציקע קישן[20], נאָר ווײַסע, שניי־ווײַסע ציכן[21]. א ברויט אין ווײַסן הילצערנעם אלמער[22]; א האלב פונט פלייש צו מיטיק אַף א פּערזאָן[23], און וועט גאָט א קינד געבן[24], זאָל דערפאר אין דער מוטערס ברוסט זײַן מילך[25], פרישע מילך, ניט גאַל, ניט סאַם[26]. אָנטאָן וויל איך מיך אָרעם, נאָר ריין[27], זאָל זײַן געלאַטעט, נאָר נישט צעריסן![28] און וואָס נאָך וויל איך? אז מײַן ווײַב און מײַן קינדס מוטער זאָל זײַן די, וואָס איך ווייס[29], צו וועלכער ס'ציט מיך מיטן גאנצן לעבן, מיט דער גאנצער נעשאמע![30] אָט אזוי ווייניק וויל איך[31], נאָר דאָס ווייניקע קאָן אויך נישט געשען[32], ווײַל איך מוז אנדערע שפּײַזן און אליין הונגעריק זײַן[33]. איך בין קיינעם נישט מעקאַנע[34], דאָך פאַרדריסט מיך[35], פארוואָס בין איך נאָר א רינע[36], וואָס לאָזט דורך דאָס וואסער, און אליין טרינקט זי נישט[37].

Перевод: 1) учтивость; 2) почтение; 3) выразить; 4) которое мыслится как реальное; 5) прошу вас выслушать меня до конца; 6) я бы хотел вас просить; 7) наоборот; 8) чтобы представить; 9) условное; 10) более живо; 11) будь я уверен; 12) военнопленные; 13) покорный; 14) совершенно; 15) прочнее (крепче) дружбу народов; 16) «Любовь ткача»; 17) мне грезится; 18) чистый убранный дом; 19) деревянные кровати; 20) пусть по одной подушке; 21) но белые, белоснежные наволки; 22) хлеб в ... шкафу; 23) полфунта мяса к обеду на человека; 24) если бог ребенка даст; 25) чтобы для него в груди матери было молоко; 26) свежее, не желчь, не яд; 27) одеваться хочу бедно, но чисто; 28) пусть заплатано, но не порвано; 29) чтобы моей женой и матерью ребенка была та, которую знаю; 30) к которой меня влечет всею жизнью, всею душою; 31) так мало я желаю; 32) не может совершиться; 33) должен других кормить, а самому быть голодным; 34) никому не завидую; 35) но досадует; 36) почему я только водосточная труба; 37) которая пропускает воду, а сама не пьет.

דאָצענט ע. פאלקאָוויטש

tant and then worked in a ship-repair yard) will retire and rest. "I rather thought," said Feinstein, who had to spend a long time trying to find and arrange to meet Maitop, "I'd find him in pyjamas, maybe, pottering around the house. But no, he wore the regulation gold braided uniform jacket, all the buttons done up, with a snow-white collar around his strong sun-tanned neck. There was no change in his appearance, and he was busy giving lectures in Kakhovka, speaking at meetings for the younger generation."

The review section includes an article by U. Guralnik (Moscow), Doctor of Philology, about the 200 volume "World literature Library".

In "Yesterday and Today" G. Remenik of Moscow reviews *My Ancestry*, a new book by Ber Galperin, a Jewish writer from Vilnius. A set of short stories by the same author, some of which our readers will remember from earlier issues, was published under the Moscow Writer imprint in the Yiddish original. Our reviewer calls it the work of a mature artist "A construction engineer, by avocation a writer, Galperin is a master of the written word."

In the *Literary Anniversaries* section, the reader will find a poem by one of the founders of Soviet Jewish Literature, Isaak Harik and an article by Samuel Gordon (Moscow) on the 70th birthday of Nahum Levin, the talented and creative editor and reviewer who has done so much for Soviet Jewish literature.

A portrait of Ya. Liebert, a veteran Jewish actor, painted by A. Rubenstein and letters by the well-known writer Z. Vendrov (1878-1971) are followed by an article by People's Artist of the USSR Grigori Roshal (Moscow) about the drawings of Sergei Eizenstein the director who made "Battleship Potemkin", "October", "Alexander Nevsky" and "Ivan the Terrible". A talented and many-sided person, Eizenstein left many interesting drawings, both lyrical and satirical. The author tells about the history of the drawings that Eizenstein had presented to him.

Ilya Falkovitch, a Moscow philologist, brings a well-reasoned argument for discarding the old clerical interpretation of the Book of Ruth, and in reassessing it, shows us that it is one of the outstanding products of an ancient culture.

As always, the magazine offers pieces of news and literary chit-chat: Interesting Items", "Leafing Trough Newspapers and Magazines" and entries for a Yiddish Literary Lexicon and an aide for those who are learning Yiddish.

of them. But Ada Samoilovna Auerbach and Lily Yulievna Heere found out the terrible truth about their little daughters' fate–Rosa and Valya had been shot by the fascists.

„The Road Home", is an exciting story of international comradeship among the children of foreign revolutionaries–Czechs, Slovaks, Koreans, Chinese, Austrians, an Italian girl, Bulgarian, Romanian, and German girl, "the sons and daughters of those who fought on the Vienna barricades and in the International Brigade in Spain or in the underground in fascist countries"–for whom the Soviet Union had become a second home.

The fate of many of them is now known, but for others the search still goes on.

Another documentary novel begins in this issue, "A Little Place in a Big World" by Motl Polyansky from Chernovtsi (the second half will appear in the next issue). It is an interesting variation on a traditional theme in Jewish literature, the "little place", the "little people" with their "little troubles", and it is especially interesting because it provides documental information about the changes that Soviet power brings to a 'little place" in Bessarabia and the forming of new social relations, With psychological insight, Motl Polyansky gives a convincing account of a people reborn, of their new dignity and of the new intellectual horizons of a people whose world had always been narrow and limited.

The poetry section of the magazine presents Motl Talalayevsky's (Kiev) cycle of poems entitled *Rebirth.* We feature the poem opening the cycle which expresses the philosophic idea of continuity of generations and the wondrous "spring miracle"–eternal renewal of all that exists:

Rebirth

One generation must replace another–
So it has been and evermore shall be:
The steppe bursts into flower again each sprigtime,
The forest dons its wedding finery.

A man may count himself supremely happy
Who sees how life in spring is born again,
Who builds his house and makes his own music
Like the industrious birds at nesting time.

The People and the Times is a regular column about our contemporaries and their creative work. In this issue it is a piece by D. Feinstein from Kherson entitled "A Pilot on the Captain's Bridge". The author introduces us to Solomon Meitop, who has had an unusual career. He worked his way up in the navy from able seaman and pilot to senior engineer–controller of the Black Sea Fleet.

During the war, pilot Maitop took convoys through under fire from Sebastopol to Odessa, from the Crimea to Novorossiisk; was in the landing party in the attack on Kerch and took control of the bridge when all the senior officers were killed or wounded.

The Jubilee issue of "Hydrographs in the Great Patriotic War" told of the courage of Navy pilot Maitop and his comrades.

On August 14, 1941, Sovinformburo sent out a news-item about a quite unprecedented battle in which the merchant ship *Novorossiisk* led an attack on the fascist air pirates. Maitop, who played a very active part in this battle, did not even hear about that until he found the report after the war in the book *The Gates of the Ukraine.*

Pilot Maitop's valour in action was recognised by the award of many, orders and medals. One might have expected that now at last this old worker (he started life as an apprentice metal worker, was a boiler-maker's assis-

r-rubbish; but I'm alive, I'm wearing a white collar and a tie!" He laughed aloud, but with his hardly audible, hollow, terrible laughter.

Kizhner opened his medical bag and asked me for a spoonful of water and adding a few drops to it out of a bottle, gave it to Brener. Then almost as a reflex, he wiped the sweat from the man's forehead and gently touched his cheek. That was exactly what Kizhner must have done, I thought, when he went out to the wounded in the battlefield. Just like that it must have been, otherwise how could he have remained a medical assistant all his life?

Kizhner went on with the story.

"But that's not all. Listen. In the course of time Haiml, who was now Shmuel, came to himself, became a living man again—if you can say 'living' about a prisoner at Auschwitz. Meanwhile Mengel was carrying on with his experiments, and doing them so systematically and on such a scale that Shmuel's turn soon came round. Do you hear that? I can imagine how they brought Shmuel to this executioner and the executioner recognising his victim and screaming: 'The dead has come to life'—in German, of course,—and that is the moment when he should have had a stroke. But only in my dream.... Mengel never recognised anybody—he didn't even look at their faces. So they started it all over again; began to prepare Shmuel for the operation. They even started to put him to sleep, started on the injections and analyses. The experiment was about to begin.... But this time it was we who managed to save him." Kizhner interrupted his story and jerked forward so that he almost tore his shirt.

The rescued man sat there, moving his head and following Kizhner's lips to see that he didn't distort anything, didn't leave out some vital detail; and all the time Kizhner spoke he accompanied the story with that peculiar smile.

"But then one night Mengel disappeared. The Germans, as you know, took dozens of prisoners with them—such as were alive, leaving the dead and dying on the road. We freed Auschwitz. Somewhere in a field there lay an unconscious skeleton dressed in striped cloth with a striped hat lying beside it, and on its arm there was a number. Two of our soldiers took him in their arms and lifted him into a car. They spread a greatcoat under him....

"And he's alive! Look, you can see it for yourself!" Kizhner shouted, and again Brener laughed that hollow wheezy laugh.

"He lives in our town", said Kizhner, "works as a carpenter. He makes picture frames and builds sets for the theatre. He works under the theatre director in the workshop. He married in our town—look how well his wife looks after him, how well she dresses him, how devoted she is.... See what a man is capable of?"

I was no longer surprised at how vivacious, how almost gay Kizhner was as he remembered this horrifying story of many years ago. Kizhner has indeed found a rare man, a man with a unique history. And I no longer thought his dandified appearance surprising.

"It was her, my wife who dressed me up." He tried to make his lip movements distinct so that we could understand him more easily. "She said to me 'you're going to see a man who will write about you, aren't you?' And you will write? You will, of course. Because I am a symbol," he added softly but with significance.

Milliner Baruch Sheingauter (Moscow), is a war veteran and he made his debut in "Sovietish Heimland" with stories about life at the front. His latest, "Nelya", is a love story. It is about a very beautiful Russian girl working behind the enemy lines and a Jewish boy, and their great love. She is sent out on a mission to capture a nazi officer; a grenade explodes near-by and it is almost a miracle that she remains alive. Her face is disfigured for life. Yet their devotion to each other is unchanged.

The Russian journalist and writer Valentin Tomin is no novice to "Sovietish Heimland". His is an interesting medium, the documentary novel. "The Road Home" is a true story about the Carpathian Mountains and Tomin has subtitled it "The Story of One Search". It was specially written for "Sovietish Heimland".

In June 1941 a group of children, all children of political refugees, were sent through the M.O.P.R. of the USSR to the Novoyelnya Sanatorium in the Baranovichesky Region. War broke out and suddenly the children found themselves in fascist occupied territory. When the nazis were driven out a search began for the children, though little enough was found out about most

The Symbol

I had intended to call this story "Saved From the Hands of Mengel" but then I thought why should I put that filthy name Mengel in my title?[1]

The man was brought to me by an old acquaintance, Comrade Kizhner, who used to be a type-setter, but lately had worked as a medical assistant, a profession he had acquired in the war. He spent nearly the whole four war years bringing in the wounded from the battlefield, spent some time travelling with the field hospital train and had once lain wounded in the army hospital himself–that was where he finished his medical assistant training. He liked his peace-time occupation as type-setter, I know it well. But his wartime profession as a medic, he unashamedly loved. It was in this profession that he grew up as a man and he would never part with it in all his life.

Once Comrade Kizhner rang me up quite unexpectedly: "Can I drop round to your place for an hour or two and bring somebody with me, a very interesting man? A rare case, one in a hundred-thousand. It's really shaken me. Somebody has got to write it up."

"What kind of case?"

"The man was a prisoner at Auschwitz. He was a doctor himself. Mengel used him to experiment on. I want you to talk to this man, to look at him."

Then they were both sitting at my place, Kizhner with his medical bag close at hand. He clearly takes it with him everywhere.

Kizhner had aged. His face was puffy, his hair had receded at the temples. But surprisingly, his eyes were very much alive, even cheerful. Maybe, I decided, because he had found and brought to me such an unusual person, really one in a hundred-thousand.

The man was wearing a jacket in small checks, his shoes were burnished to a shine and his spotless white shirt set off to great advantage a dark red tie with light dots. I must confess that to find him so dandyfied left me a little confused; there was something a little sickening about it.

His eyes were wide open and very still like a deaf man's eyes when he listens to himself. His smile, too, looked strange, and seemed somehow detached from his face.

It was embarassing. As we talked to Kizhner the man looked at his lips and at mine in turn. Kizhner nodded to me, silently indicating that the man was deaf, that I must speak slowly, that he would understand me by the movement of my lips.

And words fell from his own lips with great difficulty–Kizhner explained that the experiments had been upon his throat. His vocal chords were cut and for some years he had not been able to speak at all. Now Kizhner had got used to his manner of talking and could understand the sounds, so it was he, really, who told me the story. The rescued man only moved his head. He smiled in approval at everything Kizhner said, as if it were all a peaceful and pleasant subject. Kizhner told me that the man was born in the Carpathian Mountains, in a little town not far from Uzhgorod. His father was a carpenter, a typical Jew with beard and sidewhiskers, his name was Solomon Brener. The son's name, when he lived in that little place, was Haiml, Haiml Brener. The Breners lived together, a big family. When war broke out they loaded up three carts and fled–the whole family. The Germans cought them as they were about to cross the mountains. Of the whole big family only he, Haiml, survived. Before he wound up in Auschwitz, he had escaped from the ghetto once and three times from the camps. He was sixteen or seventeen at the time.

At Auschwitz, when Mengel finished his experiments, he used to throw the corpses out of the window down into the yard where a special detail picked them up and drove them out to the ovens. Haiml, too, lay in this yard on a pile of dead bodies. But he was not quite dead, he was still breathing–just. At that point a prisoner in one of the barracks, one Shmuel Trachtenberg died, and the half-dead Brener was carried into the barrack and exchanged with him. Thus he began a new life, under a new name. The people in the barrack took the dirty bandage off his blood-covered throat and somehow got hold of a little bottle of iodine with which they painted the incisions on his neck. And poured a few small drops of soup down his throat. So a few drops of soup and a little iodine were the medicines that saved Haiml from death.

"And as you see, he's alive, he's here."

And as Kizhner spoke, the rescued man Haiml Brener–or Shmuel Trachtenberg–suddenly uttered a kind of wheezy sound resembling a whistle.

Again his face lit up with a smile as the sound he uttered died down. Then, little by little, he began to shape his lips into words, and, lip-reading as if we, too, were deaf, we managed to decipher what he meant.

"I was c-u-t, th-e-y k-illed me, s-t-abbed, b-urned, p-u-t to d-ea-th, th-r-ow-n out as

[1] May the name be wiped from the memory, as it says in the Bible.–*Tr.*

Prospects

a) Capital running into hundreds of millions, unaffected by economic crises, accumulating in undesirable hands is liable to become a base of support for the hostile organisations mentioned earlier in connection with the municipal elections in Nazareth.

b) The increasing number of Arabs employed in industry is likely to exacerbate the conflict between Jews and Arabs and to lead to dangerous incidents. The possibility of RAKAH gaining control of all the workers' councils must also be taken into consideration.

c) Greater Arab control of certain industries will increase the likelihood of strikes and reduce the possibility of co-operation which could lead to serious economic complications and remembering that this must affect the nation's economy—could do considerable political damage.

d) We can expect difficulties in increasing the Jewish labour force, especially in the North, where there is a drastic need to expand the Jewish population within all social strata of society.

Recommendations

a) In areas where the state of affairs is critical, it will be necessary to get factory managers to agree to stay within the limits layed down in the "Capital Investments Regulations"—not more than 30% Arab workers at any factory.

b) Tax collectors must take stringent measures to tighten up tax collection from Arabs.

c) Agreement should be reached with various central trading agencies in order to neutralize Arab agents and to create difficulties for them in their work—especially in the north—so that the Jewish population is not dependent on them, particularly at times when there is great tension and emergency measures have to be introduced.

d) The Government must find ways of reducing allowances to Arab families with many children or to make their direct dependence on the economic situation greater by some other means; or else they could transfer responsibility for such allowances from the State to either the Jewish Agency or the World Zionist Organisation, so that special funds could be reserved for the needs of Jewish families.

e) Finally, central Jewish offices must in all cases give Jews preference over Arabs, be it individuals or organised groups.

"Notes from the Front" by Yevsei Jatsovsky (Vilnius) is a historical narrative that takes us back to the drama of those heroic years when the Soviet people were fighting the fascist invaders. The author, an officer in the counterespionage department of the 16th Lithuanian Infantry Division, fought the enemy through to the victorious end.

Jatsovsky had been active in the revolutionary movement in bourgeois Lithuania; from 1936 to 1939 he acted as messenger for Antanas Snechkus, the General Secretary of Lithuania's Communist Party. The diary offers the readers a description of the frontline comrades in their fighting days, and we meet officers, political activists and writers.

Jatsovsky's "Notes from the Front" was published in Lithuanian not long ago, with a preface by Major-General Pranas Petronis, who commanded the artillery attached to the 16th Klaipeda Lithuanian Infantry Division. The excerpts in "Sovietish Heimland", translated by Ber Galperin of Vilnius are specially adapted for the Jewish reader by the author, with comments on the diary notes, in which the first entry is dated June 22, 1941.

Jatsovsky, who is now head of the juridical department of the Presidium of the Supreme Soviet (Lithuanian SSR) has published several books on the history of the Lithuanian revolutionary movement.

In the prose section authors of more than one generation are represented, and there are two stories by the distinguished Jewish novelist from Kishinev, Jehil Shreibman: "That Summer when I was only Fourty-Eight" and "The Symbol". Here is a translation of the second story.

Prospects

a) A rapid growth in the Arab population (from 150,000 in 1948 to 430,000 in 1975) is encouraging the Arab belief that time is on their side.

b) If RAKAH[1] (the Communist Party of Israel) manages to get majorities on various governing bodies such as local councils, for instance, this would create a legal basis for nationalist and political activity. While, as at present, RAKAH can only gain control of a very limited number of local councils because they are short on organisation and have too few active members, they will avoid a show of strength. But in our view, the large numbers of students from the Northern regions studying in Western Europe on RAKAH scholarships are a source from which these shortages may well be filled.

c) There is a serious danger that in the next ten years the Arabs may gain both demographical superiority and political control in Acra and Nazareth.

d) It is essential to realise that at a certain stage of this hostile political development there is likely to be a demand for a referendum in the North, where the Arab population is in the majority. And though the action will be dictated from abroad, it is still likely to gain support from the left within the Jewish population.

e) At a certain point we can also expect action from RAKAH, action aimed at provoking an explosion from uncontrolled elements among the Jews: this could create a situation that would bring out the problem of the Israeli Arabs at international forums and encourage more moderate Arabs in and outside the country to join the extremists.

f) Already now we can discern the reasons behind Arab activities in buying property in the Northern area. In upper Nazareth the situation is deteriorating and there are disturbing signs of a similar situation developing in the valley of Lazril.

Recommendations

a) To expand and strengthen Jewish settlements in all the areas with a high concentration of Arab population and to take every opportunity to weaken the existing Arab settlements.

The areas adjoining the North-East frontiers should receive special attention. Laws must be rigorously enforced that can prevent new Arab settlements from growing up in various parts of the country.

b) To establish a firm and stable Jewish leadership in Upper Nazareth and in Acra that is capable of opposing the coming critical events.

A policy of carrot and whip (within the framework of the law) should be applied to any Arab community or officials that show any sign of hating the Zionist State.

d) In order to prevent the nationalist movement from spreading, and to tear away RAKAH's Arab following and to re-educate all those who are sitting on the fence, a party similar to Mopai should be formed that preaches humanism and equality, the development of language and culture and social revolution; a party that will raise the banner of peace in the Middle East. Israeli organisations[2] must be prepared for secret penetration and to gain control of this party.

e) Close co-ordination between different ministers, Histadrut and the local administration. All decisions must be carried out to the letter.

f) All possible should be done to reach a national agreement among all the Zionist parties on the problem of the Israeli Arabs in order to avoid internal political conflict on this subject.

. . . .

. . . .

III. The Economy and the Labour Force

The gap between the need for and availability of labour in all industries–especially in building and garages–and in all areas where manual labour is required as well as the country's dependence on these workers has given the Arabs a sense of their own power, which enemies of the regime are quick to use.

In the Northern region with its large Arab population, factories which huge state investments helped to build (in the hope of increasing the area's Jewish population) normally employ between 25 and 50% Arab workers. A variety of economic and social insurances give Arabs time to think about their socio-national problems, and this is used by alien elements to stir up an atmosphere of discontent. Giving them besides, a sence of their own power, it encourages revolt.

[1] RAKAH is an abbreviation of "The New Communist List".
[2] By Israeli Organisations we mean the secret service and the secret police.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland"—("The Soviet Homeland")

No. 6, June, 1978

The issue opens with the now regular column *"Sovietish Heimland" Conference.* The last such conference of correspondents (in the March 1978 issue) was concerned with the new constitution of the USSR. This time the editors spoke to foreign journalists about the Palestinian Arabs, which, in view of the urgent need to settle the Middle-East conflict, is one of the most pressing problems of our time.

Two articles, "Zionism and the Arab Population of Israel" by Z. Velev, a Bulgarian journalist and "Discrimination Against the Palestinian People" by N. Nahraianan (India) both comment on the many indisputable facts that show up the aggressive colonialist policies of the Israeli ruling circles. At the request of many readers, the section includes a translation from the Hebrew of the "Koenig Documents", official secret recommendations to the Government of Israel which leaked out to the press.

Here is a slightly abridged version (the parts that we have cut do not pertain to the main subject).

The Koenig Plan

A top secret Israeli Government document first published in the newspaper "Al Gamishmar" 7. 8. 1976

I. Demography and Arab Nationalism

Israel's Arab population is increasing by 5.9% a year and the Jewish population by 1.5%.

This problem is particularly acute in the Northern region which has the highest concentration of Arab population. Approximately in the middle of 1975, there were 250,000 Arabs living in the region to 269,000 Jews. A more detailed study shows that in Western Gallilee 67% and in the Israilon Valley 48% of the population are Arabs. During 1974, the Jewish population of this area increased by 759 and the Arab population by 9,035.

At these growth rates, the population of the region might well be more than 51% Arab by 1978.

In this situation, both the Arab Nationalists and the present author regard it as likely that such an increase in the Arab population will be a great obstacle to the Israeli Forces in their control of this zone and may make military penetration possible from the North, a situation that encourages nationalist feelings among the Israeli Arabs.

гие из них знакомы читателям «Советиш геймланд» по журнальным публикациям) вышел на языке оригинала в московском издательстве «Советский писатель». По словам критика, перед нами книга зрелого мастера. «Инженер-строитель по профессии, он по призванию писатель, подлинный художник слова».

В рубрике «Памятные литературные даты» читатель найдет помимо малоизвестных стихотворений одного из основоположников еврейской советской поэзии Изи Харика, статью Самуила Гордона (Москва), о творческом пути Нохема Левина в связи с семидесятилетием со дня рождения этого талантливого литературного критика и редактора, много сделавшего для развития еврейской советской литературы.

Публикуется творческий портрет ветерана еврейского театра Я. Либерта, написанный А. Рубинштейном (Москва), подборка писем известного писателя З. Вендрова (1878—1971) и сообщение народного артиста СССР Григория Рошаля (Москва) о рисунках режиссера-постановщика фильмов «Броненосец Потемкин», «Октябрь», «Александр Невский», «Иван Грозный» Сергея Эйзенштейна. Являясь разносторонне одаренным человеком, С. Эйзенштейн оставил немало оригинальных рисунков — лирических, сатирических. Об истории некоторых из них, подаренных Эйзенштейном автору сообщения, рассказывается в публикации.

Филолог Илья Фалькович (Москва) в своем исследовании, посвященном «Сказанию о Руфи», аргументированно отбрасывает традиционные клерикальные толкования этого памятника, раскрывая его значение в ряду других выдающихся произведений древнейшей художественной культуры.

Как обычно, в журнале содержится разнообразный информационный материал. Рядом с хроникой культурной и литературной жизни — рубрики «Это интересно», «Листая журналы и газеты», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощь изучающим идиш», «Разное» и др.

М. Полянский повествует о процессе возрождения народа, о проявлениях чувства человеческого достоинства, расширении умственного кругозора людей, мир которых ранее был ограничен.

В поэтической рубрике журнала — стихотворный цикл Мотла Талалаевского (Киев) «Обновление». Ниже мы приведем первое стихотворение этого цикла. В нем образно выражена глубоко оптимистическая философская мысль о закономерности смены поколений и о счастьи быть свидетелем «весеннего чуда», бесконечного обновления всего сущего...

Обновление

Так водится с тех пор как мир живет:
За родом род сменяется извечно.
И каждую весну степь заново цветет,
И снова лес в наряде подвенечном.
И благо, кому выпало как честь
Быть очевидцем вешних обновлений,
Кто лишь начнет слагать и дом и песнь,
Как птицы гнезда вьющие без лени.

Перевел Л. Фрухтман

«Люди и время» — постоянный раздел журнала, посвященный нашему современнику, его созидательному труду. В этом номере «Советиш геймланд» напечатан очерк Д. Файнштейна (Херсон) «Лоцман на капитанском мостике». Автор знакомит нас с Соломоном Мейтопом. У этого человека редкая профессия. Он прошел на флоте путь от старшего моряка и лоцмана до старшего инженера — диспетчера Черноморского флота.

В годы войны под огнем врага лоцман Мейтоп проводил караваны судов из Севастополя в Одессу, из Крыма в Новороссийск, участвовал в десантных операциях при штурме Керчи, становился на капитанский мостик, когда старшие офицеры выбывали из строя. О мужестве и доблести военного лоцмана Мейтопа и его товарищей по оружию рассказано в юбилейном издании «Гидрографы в годы Отечественной войны».

14 августа 1941 года Совинформбюро сообщило о невиданном сражении, которое торговое судно «Новороссийск» вело против фашистских воздушных пиратов. Активный участник этого боя Соломон Мейтоп узнал об этом сообщении Совинформбюро только после войны из книги «Ворота Украины».

Ратные заслуги старшего лоцмана С. Д. Мейтопа отмечены боевыми орденами и медалями. Ветеран труда (а начал он учеником слесаря, затем был помощником котельщика, клепальщиком в судоремотных мастерских), он, казалось бы, должен был предаться отдыху. «Мне казалось, — пишет Д. Файнштейн, которому долгое время не удавалось встретиться с героем своего очерка: то он в Каховке читает лекцию, то выехал на встречу с молодежью, — мне казалось, что я найду Соломона Давидовича в пижаме за каким-нибудь домашним делом. Нет. Он был в традиционном морском кителе, застегнутом на все пуговицы, с золотыми галунами, и его крепкую загорелую шею обхватывал белоснежный воротничок. Ничего не изменилось в его облике...».

В разделе критики и библиографии напечатана статья доктора филологических наук У. Гуральника (Москва) об издании «Библиотеки всемирной литературы» в 200 томах.

Критик Г. Ременик (Москва) в статье «Вчера и сегодня» рецензирует новую книгу еврейского прозаика из Вильнюса Бера Гальперина «Моя родословная». Сборник коротких новелл этого автора (мно-

— Он живет в нашем городе, — сказал Кижнер, — работает столяром. Делает рамки для картин, для театральных декораций — работает в постановочном цеху театра. У нас в городе он и женился. Видишь, как жена заботится о нем, как одевает его, как преданна... Вот каков человек, а?..

Меня больше не удивляла ни оживленность Кижнера, ни даже веселость при такой страшной истории минувших лет. Как видно, не оттого, мне пришла мысль, что он такого редкого человека отыскал. А из-за того, что он, Кижнер, чувствовал себя как бы виновником всего, что происходило теперь в жизни этого человека и что он был с ним здесь.

И, конечно, не удивляли больше ни его начищенные до блеска ботинки, ни весь его подтянутый аккуратный вид с оттенком щегольства.

— Это она, моя, меня так вырядила... — отчетливо постарался он произнести отдельные слова одними губами, чтобы его лучше понять, — Ты ведь идешь, говорит она, чтобы о тебе написали...

Потом добавил мягко и чуть возвышенно:

— Ну, вы будете писать? ... Ведь я же — символ!..

Перевод Л. Фрухтмана

Рабочий-шапочник Борух Шейнгаутер (Москва), участник Отечественной войны, несколько лет тому назад дебютировал на страницах «Советиш геймланд» с фронтовыми рассказами. Новое произведение Шейнгаутера «Неля» — это история любви, выдержавшая суровые испытания. Красавица Неля, русская девушка, выполнявшая в тылу врага ответственные задания командования, и еврейский парень, ее возлюбленный, остались верны своему большому чувству, невзирая на то, что во время одной операции по захвату гитлеровского офицера, Неля была обезображена взрывом гранаты и только чудом осталась в живых...

Валентин Томин, русский журналист и писатель, не в первый раз выступает в «Советиш геймланд». Он успешно работает в увлекательном жанре литературной документалистики.

«Дорога к дому. Закарпатская быль» — документальная повесть, снабженная подзаголовком «История одного поиска». Написана она Валентином Томиным специально для «Советиш геймланд».

В июне 1941 года группа детей политэмигрантов была направлена через МОПР СССР в санаторий «Новоельня» Барановичской области. Разразилась война, и все эти дети оказались на оккупированной фашистами территории. После изгнания гитлеровцев начались поиски ребят. Лишь о судьбе немногих стало известно. Так, Ида Самойловна Авербах и Лилия Юльевна Гере узнали страшную правду о гибели их маленьких дочерей: Розу и Валю фашисты расстреляли.

«Дорога к дому» — волнующий рассказ об интернациональном нерушимом братстве людей. Среди детей зарубежных революционеров, для которых Советский Союз стал вторым отечеством, были чехи, словаки, китайцы, корейцы, австрийцы, были болгарин, румын, итальянка, немка — «сыновья и дочери тех, кто сражался на баррикадах Вены, в интербригадах Испании, в антифашистском подполье».

Многие судьбы уже известны. Поиск продолжается.

«Советиш геймланд» публикует еще одну документальную повесть. (Окончание в следующем номере). «Маленькое местечко в большом мире» Мотла Полянского (Черновцы) представляет интерес, во-первых, как своеобразное развитие давней, традиционной для классической еврейской литературы, темы «местечка», «маленьких людей с их маленькими заботами»; во-вторых, как документальное свидетельство о тех качественных переменах, которые происходили в жизни бессарабского местечка с приходом советской власти, о формировании новых общественных отношений. Психологически достоверно и убедительно

лицо отдельно, улыбка отдельно. Было как-то не по себе. Когда мы с Кижнером разговаривали, человек этот смотрел поочередно то на мои губы, то на его. Кижнер мне молча кивнул, что он не слышит. Надо говорить медленно. По нашим губам он все и поймет.

Слова, как пояснил Кижнер, он тоже роняет с губ тяжело, так что их едва понимаешь. Эксперименты проводились на его горле. Поэтому горловые связки его порваны. Несколько лет он совсем не мог говорить. Теперь Кижнер уже привык к его речи. Понимает каждый звук, который он издает. Историю его вкратце Кижнер мне и поведал.

«Спасенный» только покачивал головой. Все, что Кижнер мне рассказывал, он одобрительно подтверждал своей улыбкой, словно речь шла о чем-то мирном и добром. Кижнер рассказывал, что родом этот человек из Прикарпатья, из местечка недалеко от Ужгорода. Отец его был столяром, этаким евреем с бородой и пейсами, звали его Соломон Бренер. Сына же его в местечке звали Хаимл, Хаимл Бренер. Они, Бренеры, жили большой семьей. Когда грянула война, эвакуировались на трех подводах. Немцы захватили их в тот момент, когда они собирались пересечь горы. Из всей большой семьи в живых остался один только Хаимл. До того, как попасть в Освенцим, он бежал из гетто, потом было еще три побега из лагерей. Тогда ему было лет шестнадцать-семнадцать.

После того, как Менгеле в Освенциме заканчивал бывало свои эксперименты, трупы умерших людей выбрасывали через оконце во двор, откуда их особая команда увозила сжигать в крематорий. Хаимл тоже лежал в этом дворе средь груды мертвецов, но мертвецом он еще не был, он еще дышал. В то время в одном бараке умер один узник по имени Шмуэль Трахтнберг. Едва живого Бренера внесли в барак и положили на место Трахтнберга. Так он начал новую жизнь под другим именем. В бараке сняли с его окровавленного горла грязные бинты, где-то достали бутылочку иода и замазали порезы, постепенно стали вливать ему в горло суп. Еще немного супа и немного иода — это были единственные лекарства, которыми Хаима спасали от смерти.

— И как видите, вот он, живет! — «спасенный», Хаимл Бренер или Шмуэль Трахтнберг неожиданно издал какой-то кричаще-свистящий звук, похожий на хрипенье.

Лицо его снова озарилось странной глухой улыбкой. Хрипенье стихло. Он постепенно начал произносить слова, вылущивая их одними губами, чтобы мы — будто глухие — слышали их и понимали.

— Меня ре-за-ли, уби-вали, ко-ло-ли и жгли, ка-ра-ли смер-тью, вы-бра-сыва-ли как му-сор, а я живу и ношу на шее белый ворот-ничок с гал-стуком!.. — он громко рассмеялся своим мертвенно-тихим пугающим смехом.

Кижнер открыл фельдшерский ранец, попросил у меня ложку воды, накапал из бутылочки несколько капель, дал выпить Бренеру и, между делом, отер ему пот со лба и легко провел пальцами по щекам. Так наверняка привык Кижнер, подумал я, обхаживать раненых, когда выносил их с поля боя. Иначе и быть не могло. Иначе он и не мог бы всю жизнь оставаться фельдшером.

Кижнер продолжал свой рассказ:

— Но это еще не все. Можешь послушать! Хаимл, бывший теперь Шмуэлем, со временем пришел в себя, опять стал живым человеком, если вообще можно было таковым считать узника Освенцима. Менгеле между тем продолжал свои эксперименты. Так долго и с таким размахом, что наконец дошла очередь и до Шмуэля... Слышишь? Я представляю себе, как приносят Шмуэля к этому палачу, палач узнает свою жертву и начинает вопить не своим голосом: «мертвые оживают!..» По-немецки, естественно. Тут его и удар мог хватить. Но это только моя фантазия. Менгеле никого не узнавал. Никому в лицо не глядел. Шмуэля снова начали готовить к операции. Его даже немного усыпили, стали ему делать уколы, брать анализы, вот-вот должны были приступить... На сей раз мы уже его спасли! — Кижнер прервал рассказ, подавшись вперед, едва не рванул на себе гимнастерку.

«Спасенный» сидел и покачивал головой, все следил за губами Кижнера, не искажают ли они чего-нибудь нечаянно, не упускают ли из рассказа какую-нибудь деталь, и все сопровождал его речь своей неестественной улыбкой.

— А Менгеле, как ты знаешь, в одну прекрасную ночь исчез. Немцы, удирая, прихватили несколько десятков, оставшихся в живых, узников с собой, оставляя по дороге умирающих. Мы освободили Освенцим. Где-то в поле лежал потерявший сознание скелет в полосатой одежде, полосатая шапочка лежала в стороне, на руке был виден номер. Два наших бойца взяли его на руки, положили в машину, подстелили ему шинель...

— И он живет. Вот, сами видите! — Бренер вновь рассмеялся своим свистящим хрипом.

ла контрразведки в 16-й литовской стрелковой дивизии, сражался с врагом до победного конца.

В буржуазной Литве Евсей Яцовский принимал активное участие в революционном движении, являлся в 1936—1939 годах связным первого секретаря Компартии Литвы Антанаса Снечкуса. В дневнике запечатлены боевые будни героев-фронтовиков, рассказывается о встречах с военоначальниками, общественными деятелями, писателями.

Фронтовые заметки Яцовского были недавно изданы отдельной книгой на литовском языке с предисловием бывшего командующего артиллерией 16-й Клайпедской литовской стрелковой дивизии генерал-майора Пранаса Петрониса. Редакция «Советиш геймланд» предлагает своим читателям фрагменты из этой книги в переводе Бера Гальперина (Вильнюс). Специально для еврейского читателя автор местами дополнил, частично переработал или заново прокомментировал свои дневниковые записи, первая из которых помечена 22 июня 1941 года.

Ныне Е. Яцовский заведует юридическим отделом Президиума Верховного Совета Литовской ССР, его перу принадлежит ряд книг об истории революционного движения в Литве.

Художественная проза в этом выпуске журнала «Советиш геймланд» представлена произведениями нескольких авторов, принадлежащих к разным писательским поколениям. Печатаются два рассказа известного еврейского новеллиста Ихила Шрайбмана (Кишинев): «Тем летом, когда мне было всего лишь сорок восемь...» и «Человек-символ». Вот перевод второго рассказа:

Человек-символ

Эту вещь я сначала думал назвать «Спасенный от рук Менгеле», но потом решил: для чего мне ставить в заглавие это мерзкое имя Менгеле? Ведь говорим же мы: «Имах шмом везихром»[1].

Этого человека привел ко мне один мой старый знакомый, товарищ Кижнер. Кижнер был когда-то наборщиком, а в последние годы — медработником, фельдшером. Эту профессию он приобрел на войне. Почти все четыре фронтовых года выносил с поля боя раненых, некоторое время ездил с санитарным поездом, однажды и сам лежал в военном госпитале — там-то и прошел фельдшерские курсы. Мирную свою работу наборщика он, я знаю, когда-то очень любил, о военной же его профессии и сказать как-то неловко, любил. С ней он возмужал, вырос как человек. При этой профессии так и остался на всю жизнь.

Товарищ Кижнер неожиданно позвонил мне как-то:

— Хочу заглянуть к тебе на часок-другой с интересным человеком. Редкий случай. Один из сотен тысяч. Я буквально ошеломлен. Надо об этом обязательно написать.

— Что же за случай?

— Этот человек был узником Освенцима. Сам нацистский врач Менгеле проводил на нем свои эксперименты. Хочу, чтобы ты поговорил с этим человеком, поглядел на него.

Потом они вдвоем сидели у меня. Кижнер держал возле себя свой фельдшерский ранец. Он, как видно, повсюду ходит с этим ранцем. Кижнер выглядел постаревшим. Лицо его стало одутловатее, залысины на голове — больше. Но удивительно было, что глаза его светились оживлением, даже какой-то веселостью. Наверно оттого, решил я, что он отыскал и привел ко мне такого необычного человека. И вправду, одного из сотен тысяч.

На человеке этом был пиджак в мелкую клетку, ботинки начищены до блеска, на белой рубашке красовался темно-красный в светлый горошек галстук — признаюсь, что от такого щегольства я тоже пришел в некоторое замешательство. К удивлению моему примешивался даже какой-то привкус приторности.

Глаза его были широко открыты, казалось, чуть остановившиеся, как у глухого, когда он прислушивается к себе. Улыбка на его лице выглядела тоже «глухой» —

---

[1] Да сотрется имя их из памяти (др.-евр., Библ.). *Прим. переводчика.*

е) Использовать все средства для достижения всеми сионистскими партиями национального соглашения по вопросу об израильских арабах, чтобы избежать внутренних политических конфликтов на этой почве.

. . . .
. . . .

III. Экономика и использование рабочей силы

Существующая пропасть между потребностью и наличием рабочей силы во всех областях экономики, особенно в строительстве, гаражах и там, где требуется ручной труд, и зависимость страны от этих рабочих рук, вызвало у арабов ощущение силы, чем воспользовались элементы, враждебно относящиеся к режиму.

...В Северном районе, из-за большой концентрации арабского населения на фабриках, построенных с помощью огромных государственных вложений с целью увеличения еврейского населения в этом районе, обычно работают от 25 до 50% рабочих арабов. Различные виды экономического и социального страхования дают арабам время сконцентрировать внимание на социально-националистических проблемах, которые враждебные элементы используют для создания беспокойной обстановки, одновременно давая им возможность ощутить свою силу, которая побуждает их наклонность к мятежу.

Перспективы:

а) Аккумуляция капитала, представляющего сумму в сотни миллионов, который находится в нежелательных руках, и на который не действуют экономические потрясения, вероятно станет основой для поддержки враждебных организаций (вышеупомянутые выборы в муниципалитет Назарета);

б) По всей вероятности увеличение числа арабских рабочих, занятых в промышленности, обострит конфликт между евреями и арабами и ведет к опасным инцидентам. Кроме того, нельзя не учитывать возможность, что РАКАХ установит контроль над всеми рабочими советами;

в) Усиление арабского контроля над определенными отраслями экономики увеличивает вероятность забастовок и уменьшит возможность сотрудничества, что вносит серьезные осложнения в экономику и особенно нанесет политический ущерб с учетом того, что усиливает влияние на национальную экономику;

г) Мы можем ожидать, что возникнут трудности при пополнении еврейской рабочей силы, особенно на Севере, где ощущается острая потребность в увеличении еврейского населения всех общественных категорий.

Предложения:

а) В критических районах следует заключить договор с директорами предприятий, для удовлетворения требований, установленных «Законом о капитальных вложениях», так чтобы они ограничили общее количество рабочих арабов, занятых на этих предприятиях максимум до 30%;

б) Сборщики налогов должны принять немедленные и энергичные меры для усиления контроля над сбором налогов с арабов;

в) Нужно достичь соглашения с центральными торговыми агентствами всех типов с целью нейтрализации арабских агентов и создания трудностей в их работе, особенно на Севере, с тем, чтобы предотвратить зависимость еврейского населения от них, особенно в случаях усиления напряженности и введения чрезвычайных мер;

г) Правительство должно найти пути уменьшения ассигнований арабским многодетным семьям или путем их зависимости от экономических условий семьи или изъяв ответственность за их распределения из государственного обеспечения и передав его функции Еврейскому агентству или Всемирной сионистской организации, которая держала бы средства исключительно для нужд еврейских семей;

д) Наконец, центральные еврейские учреждения должны всегда отдавать предпочтение евреям перед арабами, независимо от того отдельные ли это личности или организованные группы людей.

«Фронтовые заметки» Евсея Яцовского (Вильнюс) историко-документальное повествование, возвращающее нас к полным драматизма героическим годам Великой Отечественной войны советского народа против германо-фашистских захватчиков. Их автор был офицером отде-

ность для проникновения вооруженных сил с Севера. Подобное положение стимулирует националистические чувства арабов Израиля.

. . . .

Перспективы:

а) Быстрый рост в государстве арабского населения (от 150.000 в 1948 г. до 430.000 в 1975 г.) создает у арабов мнение, что время работает на них.

б) Получение членами РАҚАХ[1] большинства в различных государственных органах, как, например, местные советы, создает легальную основу для националистической политической деятельности. В самом деле пока РАҚАХ в состоянии контролировать как сейчас определенное количество местных советов, он обдуманно воздерживается от утверждения своей власти из-за недостатка кадров и организаций. По нашему мнению, студенты из северных районов, которые, все в большем количестве едут учиться в Западную Европу на стипендии РАҚАХ, — вот источник пополнения этих кадров;

в) Существует серьезная опасность, что в течение ближайших 10 лет арабы установят контроль демографически и политически, в районах Аккры и Назарета;

г) Следует предусмотреть возможность проявления, на определенной стадии этой враждебной политической деятельности требования о проведении референдума на Севере страны, где арабское население составляет большинство. Эта акция будет продиктована из-за границы, но ее могут поддержать левые националисты из среды еврейского населения;

д) Мы можем также ожидать, что в определенный момент РАҚАХ или националисты прибегнут к действиям, направленным на то, чтобы вызвать взрыв со стороны неконтролируемых еврейских элементов, и таким образом создаст ситуацию, которая должна вынести проблему о положении арабов в Израиле на международные форумы, и которая побудит умеренные арабские элементы присоединиться к экстремистам внутри и вне государства;

е) Мы уже можем распознать смысл деятельности арабов, направленной на покупку недвижимой собственности в северных районах. Ужасная ситуация складывается в Верхнем Назарете и Аккре и тревожные признаки этой ситуации уже видны в долине Лазрил.

Предложения:

а) Расширить и усилить еврейские поселения во всех районах, где сконцентрировано арабское население, и использовать все возможности для ослабления численности уже существующих арабских поселений.

Специальное внимание следует уделить, в этом отношении, зонам, прилегающим к Северо-Восточным границам. Кроме того, необходимо строго проводить в жизнь законы, которые могли бы предотвратить образование новых арабских поселений в различных частях страны;

б) Аналогично обеспечить строгое и стабильное еврейское руководство в Верхнем Назарете и в Аккре, которое смогло бы противостоять ожидаемым критическим событиям;

в) Проводить политику кнута и пряника (в рамках закона) в отношении арабских официальных лиц и общины, которые выражают так или иначе, свою ненависть к сионистскому государству;

г) С тем, чтобы предотвратить распространение национального движения, и оторвать израильских арабов от РАҚАХ, перевоспитать тех, кто занимает выжидательную позицию, необходимо создать партию, родственную МАПАИ, которая будет проповедовать принципы равенства, гуманизма, развития культуры и языка, и социальной революции, которая поднимет знамя мира на Ближнем Востоке. В израильских организациях[2] должны подготовиться к тому, чтобы осуществлять скрытое проникновение и контроль над этой партией;

д) Установить полную и постоянную координацию между различными министерствами, Гистадрутом и местными властями, в частности на уровне практической деятельности и строго выполнять принятые решения;

---

[1] РАҚАХ — Қоммунистическая партия Израиля (сокращение от «Новый коммунистический список»).

[2] Под названием «израильские организации» имеются в виду секретная полиция и секретная служба.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская Родина») № 6, июнь, 1978

Номер открывают материалы ставшей уже постоянной рубрики «теоретическая конференция «Советиш геймланд». Последняя такая заочная конференция (в номере журнала за март текущего года) была посвящена вопросам новой Конституции Союза Советских социалистических республик. Теперь редакция предоставила слово зарубежным публицистам, освещающим в своих работах проблему палестинских арабов — одну из наиболее актуальных в настоящее время, когда назрела срочная необходимость урегулировать конфликт на Ближнем Востоке.

В статьях болгарского публициста З. Велева «Сионизм и арабское население Израиля», индийского литератора Н. Нарайанана «Дискриминационная политика против палестинцев» приводятся и комментируются множество неопровержимых фактов, разоблачающих агрессивную колонизаторскую политику правящих кругов Израиля. По просьбе читателей публикуется перевод с иврита идентичного текста расистского «документа Кенига», державшегося ранее израильским правительством в секрете, а ныне ставшим известным прессе. Следует учесть, что автор этого документа — государственный чиновник и высказанные рекомендации адресованы правительству Израиля.

Приводим основную часть «документа Кенига» (сокращения в тексте не касаются существа).

«План Кенига»

Секретный документ израильского правительства, опубликованный в газете «Ал гамишмар» 7.VIII.1976

I. Демографическая проблема и проявление арабского национализма

Прирост арабского населения в Израиле составляет в год 5,9%, а еврейского 1,5%.

Особенно остро проблема стоит в северном районе, где сконцентрирована большая часть арабского населения. Примерно в середине 1975 г., в этом районе проживало 250.000 арабов, в то время как евреев было 269.000 человек. Детальное изучение этих данных, показывает, что арабы составляют 67% общего населения в Западной Галилее и 48% в Израилонской долине. В течение 1974 г. еврейское население в этом районе увеличилось на 759 человек, а арабское на 9035.

При этом темпе прироста, арабы могли бы составлять к 1978 г. более 51% населения в этом районе.

Перед лицом такой ситуации, у арабских националистов, как и у автора данной работы, создалось впечатление, что такой прирост арабского населения в Галилее затруднит контроль израильских вооруженных сил за этой зоной, и создаст возмож-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал
На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Ноте Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, С. Фрай,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 31.III.1978 г. Подписано к печати 16.V.1978 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 282.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1978 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА
№ 6

1 9 7 8

■

В НОМЕРЕ:

Теоретическая конференция «Советиш геймланд». З. Велев. Сионизм и арабское население Израиля. Н. Нарайанан. Дискриминационная политика против палестинцев.

Рассказы И. Шрайбмана, Б. Шейнгаутера.

Стихи М. Талалаевского, П. Киричанского, В. Верника, М. Могилевича, И. Альбирта, И. Бухбиндера, Л. Геллера, А. Кацева, Б. Могильнера, Х. Гуревича, Х. Бейдера.

Очерки Е. Яцовского, В. Томина, Д. Файнштейна.

Воспоминания. М. Полянский. Маленькое местечко в большом мире.

Литературная критика. Вопросы искусства.

У. Гуральник. Уникальное издание. Г. Ременик. Сегодня и завтра. А. Рубинштейн. Творческий путь артиста. Г. Рошаль. Рисунки Сергея Эйзенштейна.

Почта «Советиш геймланд». Листая журналы и газеты. Хроника. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. Беседы о еврейском языке.

Резюме на русском и английском языках